STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06539

# OYF LANGE VEGN

Nahum Goldmann

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

נחום גאָלדמאַן

# אויף לאַנגע וועגן



נחום גאָלדמאַן

# אויף לאַנגע וועגן

עסייען און רעדעס

הספריה הציונית
על יד הנהלת ההסתדרות הציונית
ירושלים, תשכ״ח

נחום גאָלדמאַן

# אויף לאַנגע וועגן

אָפּקלייב — אהרן אַלפּערין

כל הזכויות שמורות לספריה הציונית

נדפס בדפוס „ארזי", תל־אביב
באמצעות הוצאת הספרים של הסוכנות היהודית לארץ־ישראל
Printed in Israel, 1968

# אינהאַלט

## [א] פאַר אַ נייער תקופה


נאַציאָנאַלער רענעסאַנס און אויפבוי פון ארץ־ישראל 9
דער נייער ייד אין ארץ־ישראל 15
די אַראַבישע פראַגע אין ארץ־ישראל 21
די יידישע נשמה 27
דער נייער אַנטיסעמיטיזם אין דער וועלט 34
ווי אַזוי באַקעמפן דעם אַנטיסעמיטיזם 44
צו וואָס אַ סך מדינות? 49
אויפלעבונג פון רעליגיע אין אייראָפּע 56
דער גייסט פון ענגלישן פּאַרלאַמענטאַריזם 62
מענטשן — ווען זיי רייזן 66


## [ב] אין טעג פון אַנטשיידונג


ציוניזם און ארץ־ישראל נאָכן חורבן פון אייראָפּעישן יידנטום 75
ארץ־ישראל — די לייזונג 88
די אייגנאַרטיקייט פון דער ארץ־ישראל אַרבעטערשאַפט 94


## [ג] דער גורל פון יידנטום


יידן אין אַ געענדערטער וועלטלאַגע 103
דאָס יידישע פאָלק אין 20סטן יאָרהונדערט 127
ישראל און די תפוצות 144
די לאַגע פון די יידן אין ראַטן־פאַרבאַנד און אונדזערע פאָדערונגען 152

## [ד] די צוקונפט פון דער ציוניסטישער באַוועגונג


אַ נייע ציוניסטישע אָפּענסיווע 175
ציוניזם אין אונדזער דור 194
אין אַ צייט פון קריזיס און געפאַר 204
רעקאָנסטרוקציע פון דער ציוניסטישער באַוועגונג 223
דער קריזיס אין דער ציוניסטישער וועלט אָרגאַניזאַציע 232
ציוניזם און דער מיטעלער מזרח 246
די מדינה און די צוקונפט פונעם ציוניזם 259


## [ה] יידן און דאָס דייטשע פּראָבלעם


די דייטשע רעטעניש 281
אָסוואַלד שפּענגלער — דער פילאָזאָף פון דייטשן אימפּעריאַליזם 286
די יידן אין קאַמף קעגן היטלעריזם 292
דייטשן און יידן 296


## [ו] פּערזענלעכקייטן


בן אביגדור, דער פּראַקטישער אידעאַליסט 313
דוד פרישמאַן 321
הערמאַן כהן און זיינע ״יידישע שריפטן״ 327
סטיפען וויז 333
חיים גרינבערג 352
משה שרת 359

[ א ]

# פאַר אַ נייער תקופה

# נאַציאָנאַלער רענעסאַנס און אויפבוי פון ארץ־ישראל

דער דרייצנטער ציוניסטישער קאָנגרעס איז ניט געווען קיין "שיינער" קאָנגרעס אין דעם געוויינלעכן טראַדיציאָנעלן זין פון דעם וואָרט. ער איז געווען אָרעם אין באַגייסטערנדיקע מאָמענטן, אין פּאַרכאַפּנדיקע סצענעס, אין אַזוי־גערופענע "היסטאָרישע" מאָמענטן. ער איז געווען ניכטער און פּראָזאַיש; שווער און כמעט לאַנגווייליק פאַר די, וועלכע האָבן ניט געקענט אַריינקוקן אין דעם, וואָס עס האָט זיך אָפּגעטאָן הינטער די קוליסן. ס'האָט אים געפעלט שטימונג, שוווּנג, באַגייסטערונג. ס'האָט שטענדיק אויף אים געדריקט אַ מין נערוועזע שפּאַנונג, עפּעס שווערס, באַאומרויִקדיקס. ער האָט זיך געצויגן לאַנג, אין אַ שווערן טעמפּאָ און האָט זיך קוים־קוים געענדיקט. מיט איין וואָרט: פאַר דעם גאַלעריע־באַזוכער, פאַר דעם דורכשניטלעכן דעלעגירטן, און אויך פאַר דער ברייטער עפנטלעכקייט, איז ער געווען ניט קיין שיינער קאָנגרעס. און פון דעסטוועגן איז ער געווען אַ גוטער קאָנגרעס, אַ נוצלעכער, אַ פּרוכט־באַרער, אַ באַדייטונגספולער קאָנגרעס, וואָס וועט האָבן שטאַרקע און געזונטע ווירקונגען אויף דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון ציוניזם.

ווען איך וואָלט געוואָלט קורץ דערקלערן די באַדייטונג פון דרייצנטן קאָנגרעס פאַר דער אַנטוויקלונג פון ציוניזם, וואָלט איך געזאָגט, אַז אַן עפּאָכע פון ציוניסטישער ירידה, פון אַ געוויסן אינערלעכן צוריקפאַל, האָט זיך מיט אים פאַרענדיקט, און אַ נייע עפּאָכע — פון דער ווידעראויפלעבונג פון ציוניזם, פון אַ רייניקונג, פון אַ נייער פאַר־שטאַרקונג פון זיינע יסודות, אַן עפּאָכע פון אַ נייעם ציוניסטישן רענע־סאַנס, האָט זיך מיט אים אָנגעהויבן. סאָקאָלאָוו האָט אָנגערופן דעם 13־טן ציוניסטישן קאָנגרעס ווי דעם בר־מצווה־קאָנגרעס. דאָס איז אַן אויסגעצייכנט וואָרט, וואָס סימבאָליזירט זייער גוט זיין באַדייטונג. דער ציוניזם איז געוואָרן אַ סך רייפער מיט דעם קאָנגרעס, אַ סך ערנסטער.

ער האָט זיך באַפרייט פון פיל שעדלעכע און פאַלשע אילוזיעס, פון אָפּנאַרנדיקע פיקציעס און האָט אָנגעהויבן צו ווערן ניכטער, קריטיש, זאַכלעך, ערנסט.

כדי דאָס צו פאַרשטיין, דאַרף מען באַגרייפן די לעצטע אַנטוויקלונגען פון דעם ציוניזם זינט דער באַלפור־דעקלאַראַציע. מיר האָבן זיך אַלע צוגעוווינט אין די לעצטע יאָרן צו זען אין דער באַלפור־דעקלאַראַציע דעם אָנהייב פון אַ גאַנץ נייער עפּאָכע אין דער אַנטוויקלונג פון דעם ציוניזם — דעם אָנהייב פון דער עפּאָכע פון דער אייגנטלעכער און אוממיטלבאַרער פאַרווירקלעכונג פון ציוניזם. מען געדענקט נאָך די שטימונג פון "שהחיינו", וואָס האָט דעמאָלט געהערשט אין דער ציוניסטישער וועלט; דעם גלויבן, אַז די גאולה איז שוין דאָ, אַז משיח איז געקומען; אַז די יידישע נאַציאָנאַלע היים אין ארץ־ישראל איז אייגנטלעך שוין גאַראַנטירט, און אַז איר שאַפונג איז בלויז אַ פראַגע פון אַ פּאָר יאָר. אויך דער פרי־ערדיקער, דער צוועלפטער ציוניסטישער קאָנגרעס איז געווען באַהערשט פון דער דאָזיקער שטימונג. ס'איז געווען אַ קאָנגרעס פון יובל און פרייד, פון ברכות און תפילות; אַ קאָנגרעס, וואָס איז געווען גרייט יעדן אויגנבליק צו אַ נייער באַגייסטערונג; אַ קאָנגרעס, וואָס האָט געהאַלטן אין איין מאַכן אָוואַציעס: פאַר ווייצמאַנען, פאַר סאָקאָלאָוון, פאַר באַלפורן. און אַפילו, ווען ס'האָט עמעצער דערמאָנט דעם נאָמען פון קעניג דזשאָרדזש, אָדער פון דעם פּרינץ אָוו וועלס, איז דער קאָנגרעס געווען באַגייסטערט.

ס'האָט געדויערט אַ פּאָר יאָר, ביז מיר האָבן זיך אַלע אַרומגעזען, אַז דאָס אַלץ איז געווען אַ גרויסע און אַ פאַלשע אילוזיע, און אַז די שטימונג פון "שהחיינו" און פון ביאת המשיח איז געווען אַ געפערלעכע זעלבסט־אָפּנאַרעריי. מיר האָבן געמוזט דורכמאַכן די לעצטע צוויי יאָר פון דער ווירקלעכקייט אין ארץ־ישראל, דעם לאַנגזאַמען און שווערן טעמפּאָ פון אונדזער אימיגראַציע, די אומגעהויערע שוועריקייטן פון אונדזער אויפבוי־אַרבעט; די אומפריינדלעכע, אויב ניט דירעקט־פיינט־לעכע פּאָליטיק פון די ענגלישע באַאַמטע אין ארץ־ישראל; דעם ווידער־שטאַנד פון די אַראַבער. מיר האָבן געמוזט דורכלעבן די דאָזיקע גאַנצע ריי פון אַנטוישונגען און איבעררעשונגען, כדי צו פאַרשטיין, אַז אונדזער גלויבן אין דער וווּנדער־ווירקונג פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע איז געווען אַ פּוסטע אילוזיע, אַ זעלבסט־אָפּנאַרעריי.

די באַלפור־דעקלאַראַציע איז געווען אַ גרויסער דיפּלאָמאַטישער און מאָראַלישער נצחון. אָבער די אָביעקטיווע זייט פון דעם אויפבוי פון ארץ־ישראל, די שוועריקייטן און די היסטאָרישע באַדינגונגען פון דער דאָזיקער אומגעהויערער אויפגאַבע — האָט דער דאָזיקער זיג פּרינציפּיעל ניט פאַרענדיקט. ריין־פּאַקטיש גענומען, איז די אויפבוי־אַרבעט פון ארץ־ישראל היינט ניט ווייניקער שווער ווי אין די צייטן פון פאַר דער באַלפור־דעקלאַראַציע, און די אַראַבער־פראַגע האָט זי אַפילו נאָך מער פאַר־שווערט. ס'איז געווען אונדזער טעות צו גלייבן, אַז אַ פאָלק קען באַקומען געשענקט זיין נאַציאָנאַלע היים; אַז ס'זענען מעגלעך ניסים, וואונדער אין דער געשיכטע.

טעאָדאָר הערצל האָט אין אָנהייב געמאַכט דעם זעלבן טעות, און ער האָט געמוזט איינזען דורך אַ לאַנגן און יסורימדיקן וועג פון אַנטוי־שונגען און דורכפאַלן, אַז מען קען ניט שאַפן אַ פאָטערלאַנד פלוצלונג און מיט אַ מאָל, נאָר אין אַ לאַנגזאַמער עוואָלוציע, אין אַן אָרגאַנישער, שטענ־דיק וואַקסנדיקער אָנשטרענגונג פון די פאָלקס־כוחות. און אַזוי האָט זיך אַרויסגעוויקלט דער ציוניזם, אַלס די גרויסע פאָלקס־באַוועגונג, וואָס וויל מאַכן ווידעראויפלעבן דאָס יידישע פאָלק און דורך דעם דערוועקן און מאָביליזירן די פאָלקס־כוחות, כדי אויפצובויען ארץ־ישראל. דערפאַר האָט דער ציוניזם אויסגעברייטערט זיין אַרבעט אויף אַלע טיילן פון דעם יידישן פאָלקס־לעבן. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דער אויפבוי פון ארץ־ישראל איז ניט עפּעס מעכאַניש, עפּעס אַ באַזונדערע אַרבעט פאַר זיך, נאָר דער העכסטער אויסדרוק פון דער נאַציאָנאַלער אויפלעבונג, און אַז נאָר אַ ווידער־אויפגעריכט און אַ ניי־באַלעבט יידיש פאָלק וועט קענען פאַרווירקלעכן די דאָזיקע אומגעהויערע אויפגאַבע — צו בויען אַ נייע היים, אין דעם אַלטן פאַרוויסטן היימלאַנד.

דורכן פאַרפירערישן רויש, וואָס איז געקומען נאָך דער באַלפור־דעקלאַ־ראַציע; דורך דער פאַלשער אילוזיע, וואָס דער דאָזיקער אומדערוואַרטער נצחון האָט אַרויסגערופן, זיינען מיר אַראָפּ פון דער דאָזיקער ליניע פון אַנטוויקלונג. מיר האָבן ווידער אָנגעהויבן צו גלייבן אין אַ פלוצלונג־דיקן נס, אין אַ באַלדיקער אויסלייזונג, אין דער באַפרייונג דורך אויסער־לעכע פרעמדע פאַקטאָרן. מיר האָבן געגלייבט, אַז דער היסטאָרישער גורל, אַז דער גאַנג פון דער וועלט־געשיכטע, אַז ענגלאַנד אַלס דער שליח פון דעם גורל, וועט אונדז געבן ארץ־ישראל. און די דאָזיקע שטימונג,

די דאָזיקע זעלבסט־אָפּנאַרעריי און גלויבן אין הילף פון דרויסן איז געפערלעך פאַר יעדן מענטשן און פאַר יעדן פאָלק. אָבער דאָפּלט געפערלעך איז אַזאַ שטימונג פאַר אַ פאָלק, ביי וועמען דער איינציקער קוואַל פון זיין קראַפט און פון זיין זעלבסט־דערהאַלטונג איז זיין גלויבן אין זיך אַליין, און פאַר אַ פאָלקס־באַוועגונג ווי די ציוניסטישע, וואָס איר איינציקע באַזע איז דער גלויבן אין די כוחות פון דעם פאָלק.

פאַר אונדז האָט אַזאַ אילוזיע געמוזט ווירקן לעבנסגעפערלעך. און אין אמתן איז דער גאַנצער קריזיס אין דעם ציוניזם אין די לעצטע יאָרן נאָר דער רעזולטאַט פון אָט דער אילוזיע. דער ציוניזם האָט אַלץ מער אויפגעהערט צו זיין די גרויסע אַרומנעמענדיקע יידישע רענעסאַנס־באַוועגונג. ער איז געוואָרן איינזייטיק פּאָליטיש, און באַזונדערס דיפּלאָ־מאַטיש, אָריענטירט. ער האָט אויפגעהערט זיך צו אינטערעסירן מיט די רעאַלע פּאָליטישע און קולטורעלע לעבנס־פּראָגן פון דעם יידישן פאָלקס־לעבן אין די פאַרשיידענע לענדער. ער האָט אָנגעהויבן צו פאַרנאַכלעסיקן די וויטערדיקע אַנטוויקלונג פון זיין טעאָריע, פון זיינע אידעאַלע און מאָראַלישע יסודות.

דאָס איבערטראָגן דעם צענטער פון דער באַוועגונג קיין לאָנדאָן האָט נאָך מער צעשטערט די פאַרבינדונג צווישן דער ציוניסטישער באַוועגונג און די יידישע פאָלקס־מאַסן. און קודם־כל איז אַלץ שוואַכער און שוואַכער געוואָרן דער גלויבן אין די שעפערישע אויפבויענדיקע כוחות פון יידישן פאָלק, און מען האָט אָנגעהויבן צו וואַרטן אויף רעטונג און דערלייזונג פון דרויסן.

אין אָנהייב האָט מען געגלייבט, אַז ענגלאַנד וועט פאַר אונדז בויען ארץ־ישראל. איצט גלייבט מען, אַז די רייכע יידן וועלן בויען אונדזער נאַציאָנאַלע היים. די גאַנצע פראַגע פון דער „איידזשענסי", ווי וויצמאַן האָט זי אַוועקגעשטעלט, האָט דאָך אירע מאָטיוון אין דער האָפענונג אויף אַזאַ הילף פון דרויסן, פון יענע קרייזן, וועלכע זיינען ביז איצט געווען גאַנץ ווייט פון דעם פּראָצעס פון דער נאַציאָנאַלער אויפלעבונג, און זיינען איצט אויך גאַנץ ווייט דערפון. און אַזוי איז געקומען דער געפערלעכער רעזולטאַט פון דער עפּאָכע פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע מיט אירע פאַלשע אילוזיעס און פיקטיווע האָפענונגען: דער אָפּקער פון ציוניזם פון דעם וועג פון אַ פאָלקס־אָרגאַניזאַציע, זיין אָפּקער פון דעם וועג פון אַן עוואָלוציאָנערן אָרגאַנישן אויפבוי פון ארץ־ישראל דורך די

ווידער־אויפגעלעבטע שעפערישע כוחות פון יידישן פאָלק. ס׳איז אַנט־שטאַנען די סכנה, אַז דער ציוניזם זאָל ווערן אַ ריין פּאָליטיש־אָרגאַניזאַ־טאָרישע אונטערנעמונג, וואָס באַטראַכט דעם אויפבוי פון ארץ־ישראל אַלס אַ באַזונדערע איינצל־אויפגאַבע, איזאָלירט פון דעם איבעריקן יידישן פאָלקס־לעבן; אַלס אַ מעכאַנישע אַרבעט, וואָס קאָן ווערן געמאַכט דורך פינאַנסיסטן, דיפּלאָמאַטן און עקספערטן, אָן דער לעבעדיקער און אָרגאַנישער פאַרבינדונג מיט דעם גאַנצן לעבן פון יידישן פאָלק.

אַזאַ אַנטוויקלונג וואָלט געווען דאָפּלט געפערלעך, זי וואָלט ניט נאָר רויִנירט דעם ציוניזם און אים אָפּגעטויט דורך דעם, וואָס זי וואָלט צעשטערט זיין צוזאַמענבונד מיט דעם יידישן פאָלק און וואָלט דערמיט פאַרשטאָפּט דעם טיפסטן קוואַל פון זיין קראַפט, נאָר זי וואָלט דערמיט אויך רויִנירט ארץ־ישראל. די באַדייטונג פון ארץ־ישראל איז קיין מאָל ניט געווען און וועט קיין מאָל ניט זיין אַ ריין־עקאָנאָמישע און פּאָליטישע. קיין מאָל וועט ארץ־ישראל ניט לייזן די עקאָנאָמישע יידן־פראַגע און אויפנעמען אין זיך דאָס גאַנצע יידישע פאָלק. די באַדייטונג פון ארץ־ישראל איז קודם־כל אַ מאָראַלישע, אַ נאַציאָנאַלע. דאָס נייע ארץ־ישראל דאַרף זיין דער סימבאָל און דער קוואַל פון ווידעראויפגעלעבטן יידישן פאָלק, דער סימבאָל פון אונדזער רענעסאַנס, און אין דער זעלבער צייט — דאָס שטאַרקסטע מיטל פאַר אונדזער רענעסאַנס; דורך דער אַרבעט פאַר ארץ־ישראל זאָל אונדזער פאָלק ווידער אויפלעבן.

דער דאָזיקער טיפער צוזאַמענבונד צווישן דעם פּראָצעס פון אונדזער נאַציאָנאַלן רענעסאַנס און דעם אויפבוי פון ארץ־ישראל, די דאָזיקע קעגנזייטיקע ווירקונג, איז די באַזע פון דער היסטאָרישער באַדייטונג פון דעם ציוניזם. ווען מען מאַכט דעם אויפבוי פון ארץ־ישראל אַן ענין נאָר פאַר פינאַנסיסטן און עקספערטן, צעשטערט מען דעם ווידעראויפלעבונג־ווערט פון ארץ־ישראל און מען צעשטערט די גאַנצע קראַפט פון אונדזער נאַציאָנאַלער רענעסאַנס־באַוועגונג.

די דאָזיקע געפאַר באַדראָט דעם ציוניזם זינט דער באַלפור־דעקלאַראַציע. שוין מיט צוויי יאָר צוריק איז די געפאַר געוואָרן אָפן און בולט דורך דעם פּרווו פון לואי ד. בראַנדייסן, אַ באַגייסטערטער פריינד פון ארץ־ישראל, וועלכער האָט אָבער ניט קיין פאַרשטענדעניש פאַר דעם פּראָצעס פון אונדזער נאַציאָנאַלער ווידעראויפלעבונג. ער האָט געוואָלט פירן דעם ציוניזם אויף זיין וועג, וואָס ער האָט באַצייכנט מיט דער פאָרמולע: ״ציון,

ניט ציוניזם". דעמאָלט האָט וויצמאַן און די מערהייט פון דער ציוניסטישער באַוועגונג ניט דערלאָזט צו דעם דאָזיקן אַטענטאַט אויף די טיפסטע יסודות פון ציוניזם. אין די לעצטע צוויי יאָר איז דער אַטענטאַט פון דאָס ניי געמאַכט געוואָרן, און דאָס מאָל ניט מער פון אַ זייטיקן קרייז, נאָר פון דעם קרייז, וואָס באַשטימט זינט פינף יאָר דעם גורל פון ציוניזם — פון וויצמאַנען און זיינע פריינד אַליין. דאָס גאַנצע פראָגראַם, מיט וועלכן וויצמאַן איז געקומען צו דעם קאָנגרעס, איז געווען דאָס ריינע בראַנדייס־פּראָגראַם. גלות־פּאָליטיק, קולטור־אַרבעט אינטערעסירט מיך ניט — האָט ער אויסדריקלעך דערקלערט. מיך אינטע־רעסירט נאָר דער אויפבוי פון ארץ־ישראל, און דעם דאָזיקן אויפבוי וועל איך דורכפירן מיט דער הילף פון די גרויסע יידישע פינאַנסיסטן, וועלכע וועלן געבן דאָס געלט, און דורך פרעמדע עקספּערטן, וועלכע וועלן געבן די דירעקטיוון. דאָס איז געווען זיין קלאָר פּראָגראַם. און ווען ער וואָלט געוואָרן באַשטעטיקט און פאַרווירקלעכט, וואָלט עס געווען דער סוף פון ציוניזם, אַלס גרויסע פאָלקס־באַוועגונג פון נאַציאָנאַלן רענעסאַנס.

דערפאַר איז דער דרייצנטער ציוניסטישער קאָנגרעס געווען אַזוי אַנט־שיידנדיק. ער האָט געדאַרפט באַווייזן, צי דער ציוניזם איז אַזוי שוואַך און דעגענערירט צו געבן זיין צושטימונג צו זיין ליקווידאַציע און צו ווערן אַ ריין פינאַנציעל־קאָלאָניזאַטאָרישע אונטערנעמונג, אָדער ער איז נאָך שטאַרק גענוג צו פאַרטיידיקן זיך קעגן אַזאַ פּראָצעס און צוריקקומען צו זיינע אַלטע יסודות — ווידער אויפצולעבן און ווערן פון דאָס ניי די גרויסע רענעסאַנס־באַוועגונג פון יידישן פאָלק, וואָס בויט ארץ־ישראל דורכן פאָלק, און באַלעבט דאָס פאָלק דורך ארץ־ישראל.

אַ גרויסער טייל פון דעם קאָנגרעס האָט איינגעזען די דאָזיקע סכנה. ס'איז אַפילו נאָך ניט געווען אַ מערהייט, אָבער ס'איז געווען אַ גענוג שטאַרקער טייל, כדי צו קאָנען אָפּשטויסן די געפאַר. און מיטן אָפּשטויסן די דאָזיקע געפאַר, האָט זיך אָנגעהויבן דער פּראָצעס פון אַ נייער אויפלעבונג פון ציוניזם: אַ באַפרייונג פון די אילוזיעס פון דער לעצטער עפּאָכע, אַ צוריקקער צו זיינע אורשפּרינגלעכע געזונטע און אידעאַלע יסודות. און דערפאַר באַטראַכט איך דעם דרייצנטן קאָנגרעס אַלס אַ באַדיי־טונגספולן, נוצלעכן, און פרוכטבאַרן אין דער אַנטוויקלונג פונעם ציוניזם.

1923

# דער נייער ייד אין ארץ־ישראל

די פראַגע, וואָס האָט מיך צום מיינסטן אינטערעסירט בעת מיין איצטיקן באַזוך, איז געווען די אַלגעמיינע מענטשלעכע זייט פון ארץ־ישראל־פּראָבלעם: די פראַגע, וועלכע ענדערונגען אין אַלגעמיין־מענטשלעכע באַציִונגען מען קען קאָנסטאַטירן ביי די יידן פון דעם נייעם יישוב, און צי זיי באַזיצן שוין די אייגנשאַפטן צו זיין די בויער און טרעגער פון אַ נייעם לאַנד. די פראַגע פון אויפבוי פון אַ יידיש ארץ־ישראל איז, לויט מיין מיינונג, אין דער ערשטער ריי, אַ מענטשלעך־פּסיכאָלאָגישע פראַגע, ניט קיין ספּעציעל־יידישע, ווי מיר באַטראַכטן עס געוויינלעך. אַז אַ יידיש לאַנד אין ארץ־ישראל וועט זיין אַ גליק פאַר יידן, צווייפלט היינט קיינער ניט, אָן אונטערשייד צי מען זעט אין דעם אַ דעפיניטיווע ליזונג פון דער יידן־פראַגע, אָדער ניט. און אַז עס וועלן זיך געפינען גענוג יידן, וועלכע וועלן פאַרן קיין ארץ־ישראל, איז אויך היינט מער ניט קיין פראַגע. דאָס אייגנטלעכע פּראָבלעם פון אַ יידיש ארץ־ישראל איז אַ מענטשלעך פּראָבלעם: צי וועלן מיר באַקומען דאָרט די אייגנשאַפטן, די פעִיקייטן, וואָס זיינען די באַדינגונגען פאַר דעם אויפבוי און פאַר דער פרידלעכער דעראָבערונג פון אַ לאַנד? וואָרעם עס איז קלאָר, אַז מיט די אייגנשאַפטן פון דעם גלות־ייד אַליין קען מען קיין אייגן לאַנד ניט בויען. און עס איז דערפאַר נייטיק אַן אינערלעכע פּסיכאָלאָגישע פאַרענדערונג און אומוואַנדלונג פון דעם יידן, וועלכער קומט זיך באַזעצן אין ארץ־ישראל.

די דאָזיקע פראַגע זעט מיר אויס צו זיין פיל וויכטיקער און אַנטשיידנדיקער, ווי אַלע איבעריקע — ווי דאָס פינאַנציעלע, עקאָנאָמישע און אַפילו פּאָליטישע פּראָבלעם. סוף־כל־סוף איז דער ווילן פון דעם מענטשן דאָך די שטאַרקסטע טרייבקראַפט פון דער געשיכטע. מיט דעם ריכטיקן ווילן און מיט די פאַסיקע פעִיקייטן האָט דער מענטש שטענדיק באַזיגט אַלע אָביעקטיווע שוועריקייטן. דער אויפבוי פון ארץ־ישראל אַלס יידיש

לאַנד שטייט און פאַלט מיט דער פראַגע פון דער פעאיקייט פון די יידן, וועלכע קומען אַהין אַרבעטן און בויען.

איך האָב די פראַגע זייער אויפמערקזאַם שטודירט אין ארץ־ישראל. זי האָט מיך מער אינטערעסירט, ווי אַלע אַנדערע פּראָבלעמען. און געקומען בין איך קיין ארץ־ישראל דווקא זייער סקעפּטיש בנוגע דער דאָזיקער פראַגע. מיר דוכט, אַז אונדז פעלן אין גלות די וויכטיקסטע פעאיקייטן צו בויען אַ לאַנד. ווייל בויען אַ לאַנד מיינט צו זיין פּראָדוקטיוו אין דער שטאַרקסטער און העכסטער מאָס; מיינט צו מאַכן וואָס מער פּראָדוקטיוו און שעפעריש די אייגענע אַרבעט; מיינט צו פאַרמיידן אַלץ, וואָס איז פאַרמיטלונג, צווישנאַרבעט, קאָמבינאַציע און ספעקולאַציע, און אַרבעטן אַזוי, אַז מען זאָל טאַקע מיט דער אַרבעט שאַפן נייע ווערטן. אין אַ הויך־אַנטוויקלטער קולטור, מיט איר אומגעהויער קאָמפּליצירטן אַפּאַראַט, איז פאַראַן פלאַץ פאַר אומפּראָדוקטיווער אַרבעט, וואָס שאַפט ניט קיין ווערטן, נאָר באַציִונגען; וואָס באַרייכערט ניט די וועלט מיט נייע שאַפונגען, נאָר פּראָדוצירט קאָמבינאַציעס צווישן די שוין געשאַפענע עלעמענטן. אָבער אין אָרעמע פּרימיטיווע לענדער, אין לענדער, וואָס ווערן ערשט געבויט, קען מען אַרבעטן נאָר פּראָדוקטיוו. פאַר פאַרמיטלער, קאָמבינאַציע־זוכער, איז דאָרט ניטאָ קיין אָרט. דערפאַר זיינען די ענגלענדער אַזעלכע וווּנדערבאַרע קאָלאָניזאַטאָרן. ווייל זיי זיינען דאָס פאָלק מיט דער גרעסטער פאַרשטענדעניש פאַר מעשים, פאַר פאַקטן, ווייל זיי זיינען די עקאָנאָמישסטע אַרבעטער, וועלכע גייען אויף דעם דירעקטסטן וועג צו זייער ציל.

מיר, יידן אין גלות, האָבן דווקא די דאָזיקע פעאיקייט צום ווינציקסטן. מיר גייען אויף טויזנט קרומע וועגן, אָבער זעען זעלטן דעם איינציקן קורצן, גראָדן וועג. אונדזער קונסט באַשטייט אין שאַפן נייע באַציִונגען, נייע קאָמבינאַציעס, נייע קאָמפּליקאַציעס. פּשוטע פאַקטן אָבער שאַפן מיר זעלטן. און דערפאַר איז נייטיק אַ ראַדיקאַלע פאַרענדערונג פון דעם יידישן גייסט, בכדי מיר זאָלן ווערן פעאיק אויפצובויען ארץ־ישראל.

קיין שום אָבסערוואַציע אויף מיין רייזע האָט מיך ניט טיפער באַגליקט — און איך קען זאָגן, מיך ניט שטאַרקער איבערציַיגט — ווי די, אַז מען קען שוין דערקענען אין ארץ־ישראל אַלע סימנים פון דעם אָנהייב פון אַזאַ פּסיכישער פאַרענדערונג. עס הערשט אין ארץ־ישראל אַ טענדענץ צו פּראָדוקטיווקייט, אַ הויכע אָפּשאַצונג פון דעם עלעמענטאַר־פּראָדוקטיוון

אַרבעטער און אַן אָפּוועגד פון דעם אומפּראָדוקטיוון טיפּ — אַן אָפּוועגד פון אַזאַ שטאַרקייט, וואָס איך האָב קיין מאָל ניט דערוואַרט. אין דער ריי פון דער עפנטלעכער אָפּשאַצונג און אָנערקענונג שטייט אויבן־אָן דער, וועלכער באַרייכערט דעם יישוב מיט נייע פּאָזיציעס, מיט נייע ווערטן. דער אַרבעטער, דער פּויער, דער בעל־מלאכה ווערט געשאַצט צום העכסטן, אַפילו פון יענע, וועלכע האָבן אַנדערע, ווייניקער פּראָדוק־טיווע באַשעפטיקונגען. און אַלע ווייסן און זיינען מודה, אַז זיי, די אַרבעטער, זיינען די אייגנטלעכע טרעגער פון דעם אויפבוי. פאַראַן נאַטירלעך, אַ סך אומפּראָדוקטיווע עלעמענטן, ווי די באַרימטע פאַרקויפער פון לעמאָנאַד אין תל־אביב און אַנדערע שטעט. אָבער אַלע ווייסן, אַז זיי זיינען איבעריק. זיי אַליין פילן זיך שלעכט. אין גלות וואָלט קיינער דאָס ניט געפילט. אַבי אַ באַשעפטיקונג איז מפרנס אַ מענטשן, איז זי שוין גוט. ניטאָ ביי אונדז אין גלות די אונטערשיידונג צווישן פּראָדוקטיווע און אומפּראָדוקטיווע באַשעפטיקונגען, ווי ביי אַנדערע פעלקער. אין ארץ־ישראל איז די דאָזיקע אונטערשיידונג פאַראַן. און איר פילט עס אויף טריט און שריט.

זי גייט אַפילו — אָביעקטיוו געזען — טייל מאָל צו ווייט. איר געפינט אין ארץ־ישראל אַ דייטלעכן ווידערווילן צו ריין־גייסטיקע אַרבעטן. דער שרייבער, דער רעדנער, דער דענקער ווערט ניט זייער געשאַצט אין לאַנד. דאָס איז געוויס אַן איבערטרייבונג. וואָרעם פּראָדוקטיוו און שעפעריש זיין באַשטייט, נאַטירלעך, ניט נאָר אין שאַפן קאָנקרעטע, פיזישע נייע ווערטן, נאָר אויך אַבסטראַקטע, גייסטיקע. אָבער פון דעסטוועגן איז די דאָזיקע איבערטרייבונג גאַנץ נוצלעך. זי איז אַפילו נייטיק אין אָנהייב. מען האָט אַ ביסל אַן אומצוטרוי צו גייסטיקע אַרבעטער, ווייל מען פילט, אַז מער ווי אַלע אַנדערע איז דער גייסטיקער אַרבעטער, און באַזונדערס דער יידישער אינטעלעקטועלער, געניגט צו אומפּראָ־דוקטיווער קראַפט־פאַרשווענדונג, צו אַ געוויסן פּאַראַזיטנטום, צו פּלפּול, פאַרדרייטקייט און קרומקייט. מען האָט מורא, אַז ער זאָל ניט ווערן דער הערשנדיקער עלעמענט אין לאַנד און באַלד אַריינטראָגן אַ גלות־יידישע אומפּראָדוקטיווקייט אין יישוב. דערפאַר איז מען אינערלעך סקעפּטיש קעגן אים און מען האָט אים ניט באַזונדערס ליב. דאָס איז אַ זייער געזונטער און דערפרייענדיקער סימן. מיר האָבן ניט וואָס מורא צו האָבן, אַז אַ יידיש ארץ־ישראל וועט זיין צו־ווייניק קולטורעל און

גייסטיק. מיר דאַרפן אַ סך מער מורא האָבן דערפאַר, אַז עס זאָל ניט ווערן צו־גייסטיק. און אַ סך וויכטיקער איז צו שאַפן פון אָנהייב אָן אַ שטימונג, אַן אַטמאָספער אין לאַנד, וואָס לייגט דאָס געוויכט אויף דער פיזישער פּראָדוקטיווער אַרבעט.

די גייסטיקע אַרבעטער אין ארץ־ישׂראל פילן דאָס אַליין און זיי באַמיִען זיך, אפשר אומבאַוווּסטזיניק, צו באַרעכטיקן זייער גייסטיקע און זייער אינטעלעקטועלע באַשעפטיקונג דורך פיזישער אַרבעט. איר געפינט שרייבער און דיכטער, וועלכע זיינען פויערים און אַרבעטער. און אפילו ביי די, וועלכע לעבן פון גייסטיקער אַרבעט, פילט איר די טענדענץ צו אַ דערגענצונג דורך פיזישער באַשעפטיקונג. לערער, וואָס אַרבעטן טעגלעך אין זייער גאָרטן; דיכטער, וואָס זיינען פויערים און אַרבעטער; אינטעלעקטועלע, וואָס האָבן אַ קליינע לאַנדווירטשאַפט — געפינט איר דאָרט אַ סך. יעדער פילט, אַז ער דאַרף מיטהעלפן ביי דער וויכטיקסטער, צענטראַלסטער, פּראָדוקטיווסטער אַרבעט — ביי דער אויסלייזונג פון דער ערד, ביי דער דעראָבערונג פון דעם לאַנד דורך אויפבוי.

די דאָזיקע טענדענץ צו פּראָדוקטיווקייט איז אַזוי שטאַרק, אַז מען הייבט שוין אָן צו דערקענען אירע וווּנדערלעכע ווירקונגען אויף די מענטשן. איך וועל דאָ אונטערשטרייכן בלויז די צוויי שטאַרקסטע און בולטסטע רעזולטאַטן פון דער דאָזיקער טענדענץ. קודם־כּל מאַכט זי איינפאַכער, גראָדער אין דענקען. זי מאַכט קורצזיכטיקער, אָבער גראָדער. מענטשן פון פּראָדוקטיווער אַרבעט דענקען ניט זייער ווייט. זיי אינטערע־סירט דאָס, וואָס זיי האָבן צו טאָן היינט און מאָרגן, ניט מער. מיט אַנדערע ווערטער, זיי האָבן ניט פאַר זיך אומענדלעכקייט פון דעם אינטעלעק־טועלן, פאַר וועמען יאָרן און יאָרהונדערטער שפּילן ניט קיין ראָלע. דער אינטעלעקטועלער זעט ניט פאַר זיך קיין גרענעץ, און ער קען דערפאַר פון אַלצדינג מאַכן אַ פּראָבלעם. פאַראַן אַ סך יידן אין ארץ־ישׂראל, וועלכע ווילן ניט וויסן פון קיין פּראָבלעמען. זיי וויסן, אַז היינט דאַרפן זיי דאָס טאָן, און מאָרגן — עפּעס אַנדערש, און גענוג. זיי האָבן ניט קיין צייט, קיין כּוח פאַר פּראָבלעמען אויף לאַנגע פּערספּעקטיוון. זיי לעבן אין גאַנצן אין אַ חיי־שעה, און זיי זיינען אַזוי אויסגעפילט מיט די אויפגאַבעס און דאגות פון היינט און מאָרגן, אַז זיי קענען זיך ניט ברעכן דעם קאָפּ וועגן דעם איבערמאָרגן.

דערפאַר טרעפט איר ניט אין ארץ־ישׂראל די טיפּישע גלות־יידישע

דיסקוסיעס און פּאַרטיי־פּאָלעמיקעס, וואָס רירן אָן צום גרעסטן טייל פּראָבלעמען און מעגלעכקייטן פון אַ ווייטער צוקונפט. דער גרעסטער טייל פון אונדזערע פּאַרטיי־פּראָגראַמען באַשטייט דאָך פון אַזעלכע פּלפּולים וועגן דער שפּעטערדיקער צוקונפט פון יידישן פאָלק. אין ארץ־ישראל האָט מען ניט פאַר דעם קיין פאַרשטענדעניש. מען דאַרף היינט באַאַרבעטן דאָס שטיקל ערד, מען דאַרף מאָרגן קויפן קי פאַר דעם קיבוץ — דאָס זיינען די פראַגן, וואָס אינטערעסירן דעם יישוב. דער גורל פונעם יידנטום אינטערעסירט קיינעם ניט און דאַרף קיינעם ניט אינטערעסירן, ווייל ער ווייסט, אַז די דערפילונג פון זיינע דרינגענדיקע אויפגאַבעס איז אַ סך וויכטיקער און פּראָדוקטיווער, ווי אַלע טעאָרעטישע "לייזונגען" פון די גרויסע "פּראָבלעמען".

דאָס איז די ערשטע וווּנדערבאַרע ווירקונג פון דער טענדענץ צו דער פּראָדוקטיווקייט אין ארץ־ישראל. איך האָב אָבסערווירט נאָך אַן אַנדערע, שענערע ווירקונג, וועלכע עס איז אפילו שווער צו כאַראַק־טעריזירן און באַצייכענען. איך מיין די אַנטוויקלונג פון אַ נייער אינערלעכער פשטות און נאַטירלעכקייט. גייסט, אינטעלעקט מאַכט אַ מענטשן אינדיסקרעט. דער אינטעלעקטועלער האָט ליב צו רעדן וועגן דעם, וואָס ער טוט, וואָס ער וויל טאָן, ווייל אַ העלפט פון זיין טאָן באַשטייט אין דעם רעדן וועגן דעם. די פּראָקלאַמירונג פון זיינע כוונות און פּלענער איז נייטיק פאַר זייער רעאַליזירונג. דער אמת־פּראָדוקטיווער מענטש איז שטיל, שווייגעוודיק, אַזוי לאַנג ווי ער שאַפט. קיין שום דערשיינונג אין גלות־יידנטום איז אפשר ניט אַזוי אומסימפּאַטיש, ווי דאָס אייביקע געשריי, ווי דאָס אייביקע רעדן, פּראָקלאַמירן, דיסקוטירן. אין ארץ־ישראל דערקענט מען שוין היינט די סימנים פון אַן ענדערונג אויך אין דער באַציִונג.

דווקא אין די גרופּעס, וווּ די טענדענץ צו פּראָדוקטיוויטעט איז צום שטאַרקסטן, אין די לאַנדווירטשאַפטלעכע יישובים, אין די קבוצות, קען מען בולט אָבסערווירן די דאָזיקע נייע אייגנשאַפט. קיין זאַך האָט דאָרט אויף מיר ניט געמאַכט קיין שטאַרקערן איינדרוק, ווי די שטילקייט, ווי די איינפאַכקייט פון די מענטשן. איר געפינט דאָרט אויף טריט און שריט אמתע העלדן און אַ העראָיִזם פון דעם זעלטנסטן מין. אָבער קיינער פון זיי רעדט ניט וועגן דעם און קיינער קען ניט פאַרטראָגן, אַז מען רעדט דערפון. אין גלות הערן מיר ניט אויף צו רעדן וועגן די חלוצים. אין

ארץ־ישראל רעדט מען ניט וועגן זיי. זיי באַטראַכטן זייער אַרבעט, זייערע קרבנות, זייער העלדישקייט פאַר עפּעס זעלבסטפאַרשטענדלעכס. זיי האָבן ליב די צניעות, די איינפאַכקייט. זיי ווערן נערוועז, ווען מען רימט זיי, און האָבן ליב, אַז מען קריטיקירט זיי. דאָס איז עפּעס נייס ביי אונדז, יידן. דאָס איז דער אָנהייב פון דער אַנטשטייונג פון אַ נייעם טיפּ איידעלע נאָבעלע מענטשן, פון אַ נייעם טיפּ גייסטיקע אַריסטאָקראַטן, וועלכע האָבן אונדז געפעלט ביז היינט.

מיר זיינען אין גלות געוואָרן אַ ביסל זעלבסטבאַרימעריש, אויסרופער פון אונדזערע אייגענע מעלות. מיר האָבן זיך געגייטיקט אין דעם, בכדי זיך צו דערהאַלטן אינערלעך און שאַפן יענעם שטאָלץ, וועלכן אַלע פעלקער האָבן געוואָלט אָפּטויטן אין אונדז, און וואָס איז אומבאַדינגט נייטיק פאַר דער עקזיסטענץ פון אַ פאָלק. אין ארץ־ישראל דאַרפן מיר ניט האָבן דעם דאָזיקן סוראָגאַט, אַזוי ווי מיר דאַרפן דאָרט ניט האָבן קיין טעאָריעס און אַבסטראַקטע פאָרמולעס, בכדי צו לעגיטימירן גייסטיק אונדזער עקזיסטענץ. אַזוי דאַרפן מיר אויך ניט האָבן אין ארץ־ישראל די דאָזיקע זעלבסטבאַרימעריי, בכדי זיך צו דערהאַלטן גייסטיק. מיר האָבן געפונען אין ארץ־ישראל דעם אמתן פונדאַמענט פון אונדזער עקזיסטענץ. די אייגענע שעפערישע אַרבעט, די עלעמענטאַרע פּראָדוקטיוויטעט. מיר באַרעכטיקן דאָרט אונדזער קיום מיט די פעלדער, וואָס מיר באַאַרבעטן, מיט די שטעט און קיבוצים, וואָס מיר בויען. און אַזוי געפינען מיר אין ארץ־ישראל דעם וועג צו אַן אמתן אַדל, צו אמתער פּראָמינענץ, און צו אמתן שטאָלץ, וואָס איז שטיל און פּשוטודיק, ווי אַלץ, וואָס איז נאַטירלעך און שעפעריש אין דער וועלט.

1924

# די אַראַבישע פראַגע אין ארץ־ישראל

די אַראַבישע פראַגע ווערט זייער זעלטן ריכטיק פאַרשטאַנען. געוויינלעך ווערט זי אונטערגעשאַצט, אָדער איבערגעשאַצט — און ביידע זיינען געפערלעך פאַר דער אויפפאַסונג און לייזונג פון דער פראַגע.

די יידן אין גלות זיינען גענייגט צו איבערשאַצן די באַדייטונג פון דער פראַגע. עס קלינגט פאַר די מערסטע, ווי עפּעס שרעקלעכס, ווילדס. עס שמעקט מיט מאָרד און טויט. מיט ווילדע בעדויִנער, וואָס לאָזן ניט גיין רויִק איבער דער גאַס; מיט שטענדיקע קאַמפן און מלחמות. אַזוי פיל יידן האָב איך געטראָפן די לעצטע יאָרן, וואָס זייער הויפּט־אַרגומענט קעגן ארץ־ישראל איז געווען די אַראַבישע פראַגע — יידן, וועלכע טענהן: צו וואָס זאָלן מיר פאָרן קיין ארץ־ישראל — אַז דאָרט זאָלן אונדז הרגענען די אַראַבער, וואָס זיינען ערגער, ווי די רוסישע שוואַרץ־מאָהניקעס? און אַפילו אונדזערע ציוניסטן אין גלות, וואָס זיינען שוין בעסער באַקאַנט מיט דעם פּראָבלעם, זעען אין אים אויך עפּעס אַ גרויסע וועלט־פּאָליטישע פראַגע, וואָס דאַרף ווערן געלייזט דורך דיפּלאָמאַטישע פאַרהאַנדלונגען, דורך קאָנפערענצן און אָפּמאַכן — מיט איין וואָרט: מיט אַלע שווערע מיטלען פון דער מאָדערנער דיפּלאָמאַטיע. דאָס אַלץ איז אַן איבערשאַצונג פון דער פראַגע.

די יידן אין ארץ־ישראל ווידער זיינען גענייגט צו אַן אונטערשאַצונג. וואָס מיר אַראַבער, ווער מיר אַראַבער — וועלן זיי אייך זאָגן — ווער זעט זיי, ווער פילט זיי? אַלע פאָר חדשים פאַרגלוסט זיך זיי צו באַגיין עפּעס ווילדס — אַן איבערפאַל, אַ שיסעריי, אַ שלעגעריי. נו, גיט מען זיי אַ פּאָר קלעפּ, און אַלץ ווערט ווידער רויִק. אַן אַראַבישע פראַגע עקזיסטירט גאָרניט. עס איז אַ בלאָף. גיט אונדז געלט, גיט אונדז מענטשן, און מיר וועלן בויען אַ יידיש ארץ־ישראל. און קיין אַראַבער וועט אונדז ניט שטערן.

די דאָזיקע אויפפאַסונג איז באַטירלעך אויך פאַלש, און זי איז נאָך

אַ סך געפערלעכער און שעדלעכער, ווי די גלות־יידישע איבערראַשונג פון דער אַראַבישער פראַגע. די דאָזיקע באַציִונג צו איר, וואָס וויל זי איגנאָרירן און גלייבט צו באַזייטיקן זי מיט דעם, וואָס זי שענקט איר ניט קיין אויפמערקזאַמקייט, איז דער אייגנטלעכער וואָרצל פון דער פראַגע. דאָס אַראַבישע פּראָבלעם איז אין אמתן אַ יידיש פּראָבלעם; עס איז די פראַגע וועגן אַ ריכטיקער באַציִונג פון די יידן אין ארץ־ישראל צו זייערע אַראַבישע שכנים. נאָר דורך אַ פאַלשער באַציִונג אין דער פאַרגאַנגענהייט האָט זיך די אַראַבישע פראַגע, אין איר היינטיקער פאָרעם, געקענט אַנטוויקלען. און נאָר דורך אַ ריכטיקער באַציִונג אין דער צוקונפט, וועט זי ווערן געלייזט.

אָביעקטיוו באַטראַכט, וואָלט היינט אַן אַראַבישע פראַגע נאָך ניט געדאַרפט עקזיסטירן אַלס אַ קאָנקרעטע פּאָליטישע פראַגע. אַבסטראַקט איז זי נאַטירלעך פאַראַן פון ערשטן טאָג אָן, ווען יידן האָבן אָנגעהויבן זיך באַזעצן אין ארץ־ישראל. ווייל יעדע אויפבוי־אַרבעט פון אַ פאָלק אין אַ לאַנד, אין וועלכן עס לעבט אַן אַנדער פאָלק, שאַפט די פראַגע: וואָס וועט זיין מיט אָט דעם אַנדערן פאָלק? אָבער דאָס איז דערווייל נאָר אַ טעאָרעטישע פראַגע, וואָס דאַרף נאָך קאָנקרעט, פּראַקטיש ניט האָבן קיין קאָנסעקווענצן, ווייל אין דער איצטיקער סטאַדיע האָט נאָך ארץ־ישראל גאַנץ גענוג פּלאַץ אי פאַר די אַראַבער, וואָס לעבן דאָרט, אי פאַר די יידן, וואָס קומען אַהין זיך באַזעצן. און נאָך אויף לאַנגע יאָרן וועט ארץ־ישראל האָבן אָרט פאַר ביידע פעלקער. די קאָנקרעטע אַראַבישע פראַגע וואָלט דעריבער ערשט באַדאַרפט ווערן אַקוט אין דעם מאָמענט, ווען דאָס לאַנד וואָלט געוועזן פול, און עס וואָלט אָנגעהויבן פעלן אָרט פאַר די נייע עלעמענטן. אין דעם היינטיקן צושטאַנד קען אַ שטאַרקע יידישע קאָלאָניזאַציע ווערן דורכגעפירט, ניט שעדיקנדיק די אינטערעסן פון דער אַראַבישער באַפעלקערונג. אין קעגנטייל, די יידישע אימיגראַציע ברענגט די אַראַבער אַ סך נוצן. די יידן אַנטוויקלען דאָס לאַנד, די אַראַבער לערנען פון זיי די נייע מעטאָדן פון לאַנד־ווירטשאַפטלעכער אַרבעט און — דער עיקר — די יידן באַנוצן אַראַבישע אַרבעטער. זיי קויפן ביי זיי, און אויף דעם אופן פליסט אַריין אַ סך יידיש געלט צו די אַראַבער.

מען האָט אויסגערעכנט, אַז אפשר אַ פינפטל אָדער אַ זעקסטל פון דעם געלט, וואָס די יידן ברענגען אַריין אין לאַנד, פליסט צו די אַראַבער.

עס איז דעריבער לייכט פאַרשטענדלעך, אַז אָביעקטיוו גענומען, איז ניטאָ קיין גרונט פאַר אַן ערנסטן קעגנזאַץ צווישן יידן און אַראַבער, און אַז דאָס, וואָס מען רופט־אָן די אַראַבישע פראַגע, האָט נאָך היינט ניט געדאַרפט עקזיסטירן אין איר אַקוטער שאַרפקייט.

אויב עס איז דאָך אַזוי, זיינען די סיבות ניט אָביעקטיוו־עקאָנאָמישע, אָדער פּאָליטישע, נאָר סוביעקטיוו־פּסיכאָלאָגישע. מיר שיינט, אַז די היינטיקע סיבות פון דער אַראַבישער פראַגע אין ארץ־ישראל זיינען פסיכאָלאָגישע. די יידן האָבן ניט געפונען די ריכטיקע באַציונג צו די אַראַבער. איך זאָג, די יידן האָבן ניט פאַרשטאַנען — און ניט די אַראַבער. ווייל די יידן זיינען די אינטעליגענטערע, אַנטוויקלטערע, האָבן זיי די פליכט צו זיין די קליגערע.

עס איז פון אָנהייב אָן געוועזן דער גרויסער פעלער פון די יידן אין ארץ־ישראל, וואָס זיי האָבן איגנאָרירט די אַראַבער. „אַ פאָלק אָן אַ לאַנד, און אַ לאַנד אָן אַ פאָלק" — די דאָזיקע באַרימטע פאָרמולע פון טעאָדאָר הערצל איז אומבאַוווסטזיניק געוואָרן אָקצעפּטירט פון אַלע יידן, וועלכע זיינען אַוועק קיין ארץ־ישראל. איי, די אַראַבער, וואָס זיינען דאָ אין לאַנד? — האָט מען זיי מבטל געוועזן מיט דער גאַנצער פעיִקייט פון ביטול, וואָס מיר יידן האָבן אין אונדזער באַציונג צו פאַקטן, וואָס געפעלן אונדז ניט אָדער שטערן אונדז.

און אַזוי האָבן מיר זיך קיין מאָל ניט געקימערט וועגן די אַראַבער. און אַנשטאָט צו פאַרשטיין, אַז דער אַראַבישער פעלאַך קען זיין אונדזער פריינד, און קען דאָס לייכט זיין, אויב מיר וואָלטן זיך אינטערעסירט מיט אים, האָבן מיר אים איגנאָרירט און האָבן אים איבערגעלאָזן צו די קריסטלעכע עפענדיס, וואָס האָבן אַן אינטערעס אים אויפצוהעצן קעגן אונדז. נעמט, צום ביישפּיל, דאָס כאַראַקטעריסטישע פון אַלץ: די אַראַבישע פרעסע אין ארץ־ישראל. עס עקזיסטירן דאָרט אַ צען אָדער צוועלף צייטונגען. אַלע זיינען זיי קעגן אונדז. אַלע פאַרשפרייטן זיי שטענדיק ליגנס און רכילות וועגן אונדז. און מיר האָבן ניט קיין מעג־לעכקייט אויפצוקלערן, ווייל מיר האָבן ניט קיין אייגענע אַראַבישע צייטונג, וואָס זאָל זיין לטובת אונדז, וואָס זאָל, ווייניקסטנס, זיין נייטראַל און אָביעקטיוו. אַלע צען אָדער צוועלף אַראַבישע צייטונגען געהערן צו די קריסטלעכע אַראַבער, און די ביינציק פּראָצענט מאַכמעדאַנישע אַראַבער האָבן ניט קיין איינציקע צייטונג.

פאַר וואָס, פרעג איך, האָבן מיר ניט קיין אַראַבישע צייטונגען? פאַר וואָס האָט ניט דער ועד לאומי, אַלס רעפּרעזענטאַנט פון ארץ־ישראל־יידנטום, קיין אַראַבישן אָרגאַן, אין וועלכן ער זאָל קענען דערקלערן די אַראַבער אונדזערע ווירקלעכע כוונות און פּלענער? פאַר וואָס העלפן מיר ניט אונדזערע פריינד צווישן די אַראַבער צו האָבן זייערע צייטונגען, אַזוי ווי די קאַטאָליקן, אונדזערע קריסטלעכע פיינד, שטיצן זייערע אַראַבישע העלפער?

דאָס אַלץ איז נאָר צו דערקלערן מיט דעם לייכטזיניקן ביטול, מיט דעם געפערלעכן אינדיפערענטיזם, מיט וועלכן מיר באַציִען זיך צו דער אַראַבישער פראַגע.

די יידן אין ארץ־ישראל לעבן אין גאַנצן פאַר זיך. זיי בויען זייערע קוואַרטאַלן, זייערע שטעט, זייערע קאָלאָניעס און האָבן ניט קיין באַציִונג צו זייערע אָריענטאַלישע שכנים, אַחוץ דעם, וואָס זיי באַשעפטיקן אַראַבישע אַרבעטער, אָדער קויפן ביי זיי לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטן. זיי לעבן ווי אין אַ געטאָ. און דאָס איז זייער פאַלש און שעדלעך. ארץ־ישראל וועט זיין אַ יידיש און אַן אַראַביש לאַנד, צום ווייניקסטן אין משך פון לאַנגע צענדליקער יאָרן. און אויב די יידן וועלן ניט פון אָנהייב אָן לייגן דעם פונדאַמענט פון אַ פריינדשאַפטלעכן צוזאַמענלעבן מיט די אַראַבער, וועלן זיי דערמעגלעכן אַ קעגנזאַץ, וואָס מוז פאַרניכטן דאָס גאַנצע לאַנד. איך רעד דאָ ניט פון פּאָליטיק. די אַראַבישע פראַגע איז גאָרניט אין דער ערשטער ליניע קיין פּאָליטישע פראַגע, וואָס קען ווערן געלייזט מיט פּאָליטישע מיטלען און מעטאָדן. אַלע פּרוּוון זי צו לייזן דורך פאַרהאַנדלונגען, וואָס זאָלן געפירט ווערן פון לאָנדאָן, דורך רעזאָלוציעס און פּאָליטישע פאָרמולעס, האָבן ניט געבראַכט קיין רעזולטאַט. ווייל זי איז ניט קיין פּאָליטישע פראַגע, נאָר אַ פראַגע פון דעם טאָגטעגלעכן צוזאַמענלעבן.

ס'איז גאָרניט אַזוי וויכטיק צו האָבן די סימפּאַטיעס פון קעניג כוסיין, אָדער פייסאַל, אָדער מוסאַ קאַזים פּאַשאַ. זיי זיינען פּאָליטיקער, וועלכן רעדן היינט אַזוי, און מאָרגן — אַנדערש. וויכטיק און אַנטשיידנדיק איז צו לעבן בשלום און אין פריינדשאַפט מיט דעם אַראַבער פון דער גאַס, מיט דעם פעלאַך אין דאָרף, מיט די אַכמעדס און מאַכמודס, וואָס דרייען זיך אַרום אויף די מאַרקפּלעצער און אין די גאַסן. און דאָס קען מען ניט דערגרייכן דורך גרויסע פּאָליטישע פּלענער און רעזאָלוציעס, נאָר

דורך אַ גוטער באַציִונג אין דעם טאָגטעגלעכן לעבן, דורך צוזאַמענאַרבעט, דורך פּאַרקער — מיט איין וואָרט, דורך אַ פאַרהעלטעניש, ווי צו שכנים, און צו גוטע שכנים. דאָס האָבן די יידן אין ארץ־ישראל ניט פאַרשטאַנען. זיי פילן זיך גוט און גליקלעך ביי זיך, און ווילן ניט האָבן צו טאָן מיט פרעמדע. דאָס איז פאַרשטענדלעך, אָבער קורצזיכטיק. דאָס איז געטאָ־שטימונג. אָבער דאָס איז ניט די האַלטונג פון פאָלק, וואָס האָט גרויסע צילן און פערספּעקטיוון. אַזוי קען מען לעבן אין שניפּישאָק און אין וואָלאָזשין, פון מיינעטוועגן — אַפילו אין ווייטשעפּל און אין ניו־יאָרק, אָבער ניט אין ארץ־ישראל, ווו מיר ווילן זיך פילן ניט נאָר היימיש און וואַרעם, נאָר אויפבויען אַן אייגן לאַנד און אַ נייע געזעלשאַפט. מיר האָבן אַ סך נייע אייגנשאַפטן און פעיִקייטן געלערנט אין ארץ־ישראל, אָבער די פעיִקייט פון אַ ריכטיקער באַציִונג צו דער ניט־יידישער באַפעלקערונג האָבן מיר נאָך ניט באַקומען. אַ ייד אין תל־אביב לעבט נאָר אין תל־אביב, און אַ ייד אין חדרה — נאָר אין חדרה. די פערספּעקטיוו פון דעם גאַנצן לאַנד און פון דער גרויסער צוקונפט, דאָס באַוווסטזיין צו זיין דער טרעגער פון אַ נייעם שטאַטס־פּאָליטישן יידנטום און אַזוי צו לעבן, איז נאָך שוואַך אַנטוויקלט. דאָ פילט זיך נאָך דאָס געטאָ, דאָס יידישע שטעטל, די טענדענץ זיך אָפּצושליסן מיט די אייגענע און צו איגנאָרירן די פרעמדע.

אַלע אָביעקטיווע אָבסערווירער פון דער לאַגע אין ארץ־ישראל פילן דאָס און זאָגן דאָס, און אפשר דייטלעכער ווי אַלע — הערבערט סעמיועל, וועמען קיין זאַך ליגט ניט אַזוי אויפן האַרצן, ווי די שאַפונג פון אַ גוטער באַציִונג צווישן יידן און אַראַבער. אין אַ לאַנגן געשפּרעך האָט ער פאַר מיר אַנטוויקלט זיינע געדאַנקען וועגן דער פראַגע. דאָס זיינען געוועזן די קליגסטע ווערטער, וועלכע איך האָב געהערט וועגן דעם אין ארץ־ישראל.

די לייזונג פון דער אַראַבישער פראַגע איז מעגלעך נאָר דורך דעם ארץ־ישראלדיקן יידנטום אַליין. אַזוי ווי די גרויסע ארץ־ישראל־פּאָליטיק קען ווערן געפירט נאָר דורך דעם גאַנצן יידישן פאָלק, פון דעם שטאַנדפּונקט פון דער אינטערנאַציאָנאַלער יידן־פראַגע, אַזוי קען די אַראַבישע פּאָליטיק ווערן געפירט נאָר דורך דעם יידנטום אין ארץ־ישראל אַליין. ס'איז פאַראַן אַ גרויסע וועלט־פּאָליטישע אַראַבישע פראַגע; דאָס פּראָבלעם פון אונדזער באַציִונג צו דעם גאַנצן אַראַבערטום, וואָס

הייבט זיך אָן אויפצוּוועקן און וואָס וועט נאָך שפּילן אַ גרויסע וועלט־פּאָליטישע ראָלע. די דאָזיקע פּראַגע איז אָבער היינט נאָך ניט אַקוט, און וועט ערשט ווערן אַקטועל, ווען אויף איין זייט וועלן זיין קלאָר די קאָנטורן פון דער פּאָליטישער צוקונפט פון אַראַבערטום, און פון דער אַנדערער זייט וועט דאָס יידישע ארץ־ישראל זיין אויף אַ שטאַרקן און פעסטן פונדאַמענט.

היינט איז די אַראַבישע פּראַגע אין ארץ־ישראל אַ ריין־טעריטאָריעלע פּראַגע, אַ פּראָבלעם פון לעבנס־באַציִונגען, פון דער פּסיכאָלאָגישער האַלטונג. די יידן אין ארץ־ישראל מוזן לערנען אַרויסצוטרעטן פון זייערע ווינקלען, זיך צו פילן ניט נאָר אַלס לאָקאַלע פּאַטריאָטן פון זייערע קליינע שטעטלעך און דערפער, נאָר אַלס די בירגער פון דעם גאַנצן לאַנד. און זיי מוזן געפינען די ריכטיקע באַציִונג צו די אַנדערע באַוווינער פון דעם לאַנד. זיי מוזן לערנען צו באַקומען די האַלטונג פון אמת שטאַרקע מענטשן, פון קאָלאָניזאַטאָרן פון בעסטן טיפּ — מוטיק און מענטשלעך צוגלייך; זיין דערציִער און חברים, פירער און פריינד צוזאַמען. דאָס וועט זיין דער בעסטער פונדאַמענט פאַר דער לייזונג פון דער אַראַבישער פּראַגע אין איר היינטיקער טעריטאָריעלער פאָרעם און גלייכצייטיק — דער בעסטער פאָרויס־באַדינג אויך פאַר דער לייזונג פון דער גרויסער וועלט־פּאָליטישער אַראַבישער פּראַגע, וואָס וועט זיין דאָס צענטראַלע פּאָליטישע פּראָבלעם פון קינפטיקן יידישן ארץ־ישראל.

1924

# די יידישע נשמה

ס'איז אַ מאָדנע זאַך מיט דער ליטעראַטור וועגן יידנטום. ניטאָ כמעט אַזאַ טעמע, וועגן וועלכער מען האָט געשריבן מער, ווי וועגן יידן און יידנטום. און ניטאָ ווידער אַ ליטעראַטור, וואָס איר סך־הכל, וואָס אירע רעזולטאַטן זיינען מאָגערער, אָרעמער, ווי די ליטעראַטור וועגן יידן און יידנטום. נעמט די גאַנצע אומגעהויערע ליטעראַטור, וואָס האָט זיך אָנגעזאַמלט אַרום דעם יידנטום, אַנאַליזירט זי אין אירע באַשטאַנד־טיילן, און איר וועט געפינען, אַז דער גרעסטער טייל איז פּאָלעמיק: אָנגריפן און באַליידיקונגען אויף איין זייט, פאַרטיידיקונג און אַפּאָלאָגעטיק אויף דער אַנדערער זייט. און ביידע האָבן, נאַטירלעך, אין וויסנשאַפטלעכן זין אַ קנאַפּן ווערט. ביידע זיינען טענדענציעז און ניט אָביעקטיוו. וואָס עס בלייבט איבער, איז איינצל־פאָרשונג אָדער גייסטפולע פלוידעריי. אָבער זוכט איר אַ מאָנומענטאַל ווערק, וואָס זאָל אַרומנעמען די גאַנצע פראַגע, וועט איר אַזוינס ניט געפינען.

אַזעלכע ביכער, ווי למשל מאָמזענס רוימישע געשיכטן פאַר די רוימער, אָדער ניטשעס "געבורט פון דער טראַגעדיע", אָדער ראָדענס "פסיכע", אָדער בורקהאַרדס "גריכישע קולטור־געשיכטע" פאַר די גריכן, זיינען וועגן יידנטום ניט פאַראַן. אַז מען וויל עפּעס אַ בוך פון דעם מין, בלייבט מען ביי גרעץ און ווידער ביי גרעץ. און גרעץ איז דאָך אַזוי פאַרעלטערט, אַזוי פול מיט חסרונות און פאַלשע היפּאָטעזן.

זוכט מען די סיבות פון דעם דאָזיקן אומגליקלעכן כאַראַקטער פון דער ליטעראַטור וועגן יידנטום, געפינט מען, אַז די הויפּט־סיבה ליגט אין דער דיסהאַרמאָניע און אין דער פאַרשיידנקייט פון אירע אויטאָרן. פאַראַן אייגנטלעך צוויי גאַנץ באַזונדערע און זייער פאַרשיידענע ליטעראַטורן וועגן יידנטום: די גוייִשע און די יידישע. די צעטיילונג פון די אויטאָרן איז דאָ ניט קיין אויסערלעכע, נאָר אַן אינערלעכע און פרינציפּיעלע. דאָס זיינען באמת פאַרשיידענע ליטעראַטורן. די גוייִשע

איז די וויסנשאַפטלעך ערנסטערע. דאָס מוזן מיר מודה זיין צו אונדזער חרפה. ס'לאָזט זיך ניט לייקענען, אַז די אמת־וויסנשאַפטלעכע פאָרשונג פון דער אַלטיידישער ליטעראַטור און פון דער אַלטיידישער היסטאָריע איז אַרויסגעגאַנגען פון די קריסטלעכע געלערנטע און געפינט זיך נאָך ביז היינט, אין אַ גרויסן טייל, אין זייערע הענט. און ריין וויסנשאַפטלעך באַטראַכט, האָבן זיי טאַקע געשאַפן וויכטיקע און כמעט מאָנומענטאַלע ווערק. אָבער זיי זיינען פאָרט ניט מער ווי ריין־וויסנשאַפטלעך. און אין ערגעץ ווייזט זיך ניט אַרויס דער כלל, אַז מיט ריין־וויסנשאַפטלעכע מעטאָדן קען מען ניט דערגיין די נשמה און דעם מהות פון אַ לעבעדיקן אָרגאַניזם און באַזונדערס ניט פון אַ פאָלק — אַזוי קלאָר און אַזוי בולט, ווי דווקא אין דער ליטעראַטור וועגן יידנטום. די גוייִשע ליטעראַטור איז געבליבן ריין־וויסנשאַפטלעך. עס פעלט די גוייִשע געלערנטע דער אינטויִטיווער בליק פאַר אונדזער אייגנאַרט, די פסיכישע פאַרשטענדעניש פאַר אונדזער נשמה. און דערפאַר זיינען זיי סטעריל, אומפרוכטבאַר, און זיי בלייבן שטיין נאָר ביי איינצלנע פאַקטן. זיי קענען דערקלערן אַלץ נאָר פון דרויסן, דורך אויסערלעכע סיבות און מאָמענטן. און דאָס איז, נאַטירלעך, נאָר די ערשטע און אויבערפלעכלעכסטע סטאַדיע פון אַ וויסנשאַפט, ווען זי האַלט ביי דער אויסערלעכער דערקלערונג. צו דעם אינערלעכן וועזן פון אונדזער געשיכטע און פון אונדזערע שאַפונגען קענען זיי ניט צוקומען, ווייל מיר זיינען צו פרעמד, צו קאָמפּליצירט, צו עקזאָטיש פאַר זיי. דאָרט, ווו זיי פרווון דאָס צו טאָן, פאַרגוואַלטיקן זיי אונדזער נשמה און טראָגן אַריין אין איר פרעמדע עלעמענטן, קודם־כל קריסטלעכע און ספּעציפיש מערב־אייראָפּעיִשע. און דערפאַר זיינען שוין די בעסטע און ערלעכסטע ביכער וועגן יידנטום פון דער גוייִשער ליטעראַטור יענע, וואָס זוכן ניט אַזוי ווייט אַריינצודרינגען, נאָר באַגנוגענען זיך מיטן בלייבן אין דעם פאָדערהויז פון אונדזער אַנטוויקלונג און דערקלערן ריין־אויסערלעכע ענינים. נאַטירלעך, זיינען זייערע רעזולטאַטן, אין אַ טיפערן זין, זייער מאָגער און שוואַך. זיי בלייבן סטעריל.

איך האָב ווידער די טעג געקענט קאָנסטאַטירן די ריכטיקייט פון דער דאָזיקער דערקלערונג און דערזען, ווי שווער עס איז פאַר אַ ניט־יידישן גייסט, ווי באמת אוממעגלעך עס איז פאַר אים צו פאַרשטיין די יידישע נשמה אין אירע לעצטע יסודות. איך האָב דורכשטודירט דאָס בוך פון

מאַקס וועבער וועגן דעם יידנטום. מאַקס וועבער איז געווען — קען מען זאָגן אָן איבערטרייבונג — ניט נאָר דער באַדייטנדיקסטער סאָציאָלאָג אין דייטשלאַנד, נאָר בכלל דער באַדייטנדיקסטער דייטשער וויסנשאַפטלעכער קאָפּ אין די לעצטע צוואַנציק יאָר. ער איז געווען אוני־ווערסאַל אין זיין וויסן און אַ גאון אין זיינע קאָמבינאַציעס און אין זיין קונסט צוריקצופירן סאָציאָלאָגישע דערשיינונגען צו זייערע לעצטע אינערלעכע סיבות. זיין ספּעציאַליטעט איז געווען די סאָציאָלאָגיע פון די רעליגיעס. די גרויסאַרטיקע דערקלערונג פון דעם אורשפּרונג און וועגן דער אַנטשטייונג פון מאָדערנעם קאַפּיטאַליזם און פון דעם פּוריטאַניזם, האָט ער געגעבן, ווען ער איז געווען נאָך אַ יונגער מענטש. אין זיינע לעצטע יאָרן — ער איז געשטאָרבן אין עלטער פון פערציק יאָר, מיט צוויי יאָר צוריק — האָט ער אָנגעהויבן צו אַנאַליזירן די פאַרשיידענע וועלט־רעליגיעס און אויפווייזן זייערע סאָציאָלאָגישע גרונט־עלעמענטן. ער איז געשטאָרבן אין מיטן פון דער דאָזיקער אומגעהויערער אַרבעט. מיט אַ קורצער צייט צוריק זיינען דערשינען אין דריי בענד די רעזולטאַטן פון זיינע פאָרשונגען. ער האָט באַאַרבעט דעם קאָנפוציאַניזם אין כינע, דעם הינדויִזם און בודיזם אין אינדיע, און אין דעם דריטן באַנד — דאָס יידנטום. דעם אַנאַליז פון יידנטום האָט ער ניט פאַרענדיקט. ער איז דערגאַנגען נאָר ביז דער תלמודישער צייט. פון דעסטוועגן האָט דער באַנד מער פון פיר הונדערט גרויסע זייטן.

ווען מען לייענט אים דורך, ווערט מען דערשטוינט פון דעם אומגע־הויערן וויסן פון דעם גרויסן געלערנטן. ער אַרבעט מיט אַלע הילפס־מיטלען פון דער מאָדערנער וויסנשאַפט, און זיין רייכע קענטעניש פון די אַנדערע רעליגיעס, גיט אים די מעגלעכקייט צו ציען פּאַראַלעלן, צו קאָנסטרויִרן פאַרבינדונגס־ליניעס, אַרויסצובריינגען פאַרוואַנדשאַפטן און באַלייכטן פאַרשיידענע אומקלאָרע דערשיינונגען.

האָט מען דאָך אוודאי געדאַרפט דערוואַרטן גרויסע און וויכטיקע רעזולטאַטן פון זיינע פאָרשונגען. און וואָס איז באמת אַרויסגעקומען? גאָר ווייניק, כמעט גאָרניט. ווען מען האָט דורכשטודירט דעם דיקן באַנד, האַלט מען ביים באַרימטן וואָרט פון געטע: "דאָ שטיי איך איצט, אָרעמער נאַר, און ווייס אַזוי פיל ווי פריִער". עס בלייבט גאָרניט איבער. פיל איינצלנע רעזולטאַטן זיינען דאָ, די און יענע קלייניקייט דערקלערט ער, אָבער עפּעס פונדאַמענטאַלס, אַנטשיידנדיקס, צענטראַלס — גיט

ער ניט. אַן אויסנאַם איז נאָר אַן איינציקער שטאַנדפּונקט, וואָס איז ווירקלעך מסוגל צו דערקלערן אַ סך עלעמענטן פון דער ייִדישער אַנטוויק־לונג. מאַקס וועבער באַצייכנט אונדז אַלס אַ פּאַריאַ־פאָלק, דאָס הייסט אַ פאָלק, וואָס איז געווען פאַרשטויסן, פאַרפאָלגט און פאַראַכט דורך די אַנדערע פעלקער. און ער מאַכט אַן אַנאַלאָגיע צווישן אונדזער שטעלונג אַלס פאַריאַ־פאָלק און די פאַריאַ־קאַסטעס אין אינדיע, יענע אָרעמע קלאַסן, וואָס גילטן אַלס ניט ריין און וואָס לעבן אונטערדריקט און פאַראַכט זינט יאָרטויזנטער. דער דאָזיקער שטאַנדפּונקט איז געוויס אינטערעסאַנט און מעטאָדיש נוצלעך. אָבער אַפילו דאָ ווייזט זיך אַרויס, ווי פרעמד עס בלייבט פאַר מאַקס וועבער אונדזער נשמה. ווייל ער פאַרגעסט אָדער ווייסט ניט, אַז איין גרויסער אונטערשייד איז דאָ פאַראַן צווישן אונדז און די פאַריאַ־קלאַסן אין אינדיע, אַ חילוק, וואָס ענדערט ראַדיקאַל די גאַנצע אַנאַלאָגיע. די פאַריאַ־קלאַסן אין אינדיע האָבן זיך טאַקע געפילט פאַרשטויסן און מינדערוועראַטיק. זיי האָבן טאַקע געגלייבט, אַז זיי דאַרפן זיין פאַראַכט פון די העכערע קלאַסן, ווייל זיי זיינען איבערצייגט, אַז די געטער האָבן געשאַפן די קלאַסן און האָבן זיי אַליין אַוועקגעשטעלט אויף די נידעריקע שטאַפּלען. מיר, ייִדן, האָבן אָבער קיין מאָל ניט מסכים געווען, אַז די פאַראַכטונג פון די גוי׳ים איז באַרעכטיקט, נאָר להיפך — מיר האָבן געהאַלטן, אַז מיר שטייען העכער און זיינען ווערטפולער פון זיי. מיר האָבן געזאָגט: ״אתה בחרתנו״ און האָבן אויף זיי אַראָפּגעקוקט, ווי אויף מאָראַליש ניט אַזוי הויך אַנטוויקלטע, ווי מיר זיינען. דאָס איז אַ געוואַלדיקער אונטערשייד, ווייל אַלע פּסיכאָלאָגישע קאָנסעקווענצן, וואָס מען קען ציִען פון דעם פאַריאַ־באַוווסטזיין פון די נידעריקע קלאַסן אין אינדיע, גילטן ניט פאַר אונדז.

און אַזוי איז עס אין אַלעמען. פיל פאַקטן און דערשיינונגען פון אַלטן ייִדנטום באַלייכט מאַקס וועבער מיט קלוגע און אַפילו גאוניִשע סאָציאָ־לאָגישע געדאַנקען און פאַראַלעלן. אָבער זייער אָנווענדונג איז תמיד פאַלש, ווייל דאָס ייִדנטום איז פרעמד פאַר אים און לאָזט זיך ניט באַהאַנדלען אין זיינע אַנאַלאָגיעס אַזוי גלאַט און מעכאַניש, ווי ער פּרוּווט דאָס צו טאָן. ער פילט דאָס טאַקע אַליין, און ער באַטאָנט אין פאַרשיידענע ערטער, אַז דער ספּעציעלער כאַראַקטער פון דער און יענער דערשיינונג לאָזט זיך ניט דערקלערן דורך אויסערלעכע, סאָציאָ־

לאָגישע סיבות, נאָר שטיצט זיך אויף דער היסטאָרישער אייגנאַרטיקייט פון דעם ייִדישן פאָלק. באַזונדערס זאָגט ער דאָס ביי דער וויכטיקסטער און אינטערעסאַנטסטער דערשיינונג פון דער אַלטייִדישער געשיכטע: ביי די נביאים.

אָבער וואָס הייסט דאָס: היסטאָרישע אייגנאַרטיקייט? דאָס איז דאָך נאָר אַ וואָרט, וואָס מ'באַנוצט, ווען מען האָט ניט קיין דערקלערונג. אין דער אמתן בלייבט טאָקע מאַקס וועבער שטיין ביי אַלע וויכטיקע פראַגן אָן אַן ענטפער. ווייל דאָס רייכסטע וויסן, די גלענצנדיקסטע פעיִקייטן און דער בעסטער וויסנשאַפטלעכער אַראַטאַר העלפן ניט, ווען עס פעלט דער עיקר: דער בליק פאַר דער נשמה פון אַ פאָלק, דער צוגאַנג צו זיין גייסט.

איך גלייב ניט, אַז ניט־ייִדישע געלערנטע וועלן געפינען דעם דאָזיקן צוגאַנג. באַגאַבטער, פיינזיניקער, מער פאַרשטענדענישפול פאַר פרעמדע אייגנאַרטיקייטן, ווי מאַקס וועבער איז געווען — קען קיינער ניט זיין. און אויך זיין פרווו איז ניט געלונגען. מיר זיינען צו פרעמד, צו קאָמפּליצירט, צו אייגנאַרטיק פאַר פרעמדע אויגן און גייסטער. ס'קומט נאָך צו דאָס, וואָס אַ סך מיטלען, וועלכע פירן צו דער נשמה פון אַ פרעמד פאָלק, פעלן ביי אונדז. נעמט, צום ביישפּיל, די גריכן. כמעט אַלע גרויסע היסטאָריקער, וואָס זיינען באמת אַריינגעדרונגען אין דער נשמה פון די גריכן, האָבן געפונען דעם וועג צו זיי דורך דער קונסט. אין אַ נאַציאָנאַלער קונסט דריקט אַ פאָלק אויס זיין גייסט פּלאַסטיש, דייטלעך. מיר האָבן ניט קיין נאַציאָנאַלע קונסט. צו אונדז פירן נאָר צוויי וועגן: די העברעיִשע ליטעראַטור און דאָס אַלטייִדישע טראַדיציאָנעלע לעבן. אויף ביידע וועגן קען אַ ניט־ייִדישער פאָרשער ניט גיין, און דערפאַר בלייבט אים דער עיקר פרעמד, און ער וועט קיין מאָל ניט פאַרשטיין דעם מהות, דעם צענטער פון אונדזער עקזיסטענץ.

דאָס קען היינט טאָן נאָר אַ ייִד. דאָס מאָנומענטאַלע ווערק וועגן ייִדנטום, וואָס אַלע דערוואַרטן און דאַרפן אים האָבן, וועט קענען שרייבן נאָר אַ ייִד. אָבער צו דעם איז נייטיק איין זאַך, וואָס פעלט אונדז ביז היינט: די דיסטאַנץ צו זיך אַליין. דאָס איז די הויפּט־סיבה, פאַר וואָס די ייִדישע ליטעראַטור וועגן דעם ייִדנטום האָט אַזאַ ווערק נאָך ניט געשאַפן ביז היינט. מיר זיינען ניט געוווינט זיך צו באַטראַכטן אָביעקטיוו. דאָס, וואָס עס פעלט די ניט־ייִדישע פאָרשער, די סוביעקטיווע

אַריינדרינגונג, האָבן מיר שוין צו פֿיל. יענע שטייען פֿון דרויסן. מיר שטייען צו פֿיל פֿון אינעווייניק. אונדז פֿעלט די אָביעקטיוויטעט. גרויסע גייסטיק־געשיכטלעכע פֿאָרשונגען און דערקענטענישן זיינען מעגלעך נאָר אין דער גאַנץ באַזונדערער פּאַראַדאָקסאַלער סיטואַציע, אין וועלכער מען שטייט אין אַ דיסטאַנץ צו זיך אַליין. ס'איז באמת ניט קיין וויסנשאַפֿט־לעכע נאָר אַ קינסטלערישע באַציִונג: זיין אין גאַנצן אַנגעפּילט פֿון אַ זאַך, און דאָך קענען זי באַטראַכטן פֿון אַ דיסטאַנץ און אָביעקטיוו. דערפֿאַר פֿעלט אונדז טאַקע אויך די אמת גרויסע נאַציאָנאַלע קונסט פֿון היינט. מיר זיינען צו סוביעקטיוו. די איינציקע ספּעציפֿישע ליטעראַטור, וואָס מיר האָבן געשאַפֿן, איז ליריק, די ליטעראַטור פֿון סאַמע סוביעקטיווסטן. דער ראָמאַן, די דראַמע — פֿעלן אונדז, ווייל דאָ איז דער באַדינג די אָביעקטיוויזירונג, די פֿעיִקייט פֿאַר דער דיסטאַנצירונג צו זיך אַליין.

כל־זמן מיר וועלן דאָס ניט האָבן, וועלן מיר אויך ניט קענען געבן זיך אַליין און דער וועלט אַ קלאַסישע פֿאָרשטעלונג פֿון אונדזער מהות און פֿון אונדזער אַנטוויקלונג. מיר ליידן ביז היינט פֿון דעם, וואָס מיר זיינען זיך אַליין נאָך ניט קלאָר געוואָרן. מיר האָבן ניט קיין פּלאַסטיש בילד פֿון זיך. דאָס קען מען ערשט באַקומען, ווען מען קוקט זיך אָן פֿון אַ דיסטאַנץ. ס'וועט זיין אַ מין דערלייזונג פֿאַר אונדז, ווען מיר וועלן ווערן פֿעיִק צו דעם, און ס'וועט אויך זיין אַ דערלייזונג פֿאַר דער וועלט, וואָס פֿאַרשטייט אונדז ניט און האָט ניט קיין בילד פֿון אונדז, און האָט דערפֿאַר פֿאַר אונדז מורא, ווי פֿאַר אַלץ, וואָס איז טונקל און ניט פֿאַרשטענדלעך.

דאָס איז עס טאַקע, וואָס פֿעלט אונדז, און אין וואָס מיר נייטיקן זיך מער, ווי אין אַלץ: די פֿעיִקייט צו זיין אָביעקטיוו און דיסטאַנצירט צו זיך אַליין, און זיך אַליין צו דערקענען. מיר האָבן דאָס ביז איצט ניט געקענט האָבן, ווייל אונדזער וועלט איז געווען צו ענג. מיר האָבן געלעבט נאָר אין יידנטום, און עס האָבן אונדז געפֿעלט די מעגלעכקייטן זיך צו פֿאַרגלייכן מיט אַנדערע: ס'האָט אונדז געפֿעלט דער הינטער־גרונט, די פּערספּעקטיוו, דער האָריזאָנט. דורך דער אַסימילאַציע האָבן מיר דאָס באַקומען. מיר זיינען אַריין אין דער אייראָפּעיִשער וועלט. מיר קענען אַוועקשטעלן אונדזער בילד ביי דער זייט פֿון די בילדער פֿון אַנדערע פֿעלקער און קענען דערקענען די קאָלירן און די ליניעס פֿון

אונדזער בילד. דאָס איז די גרויסע ברכה פון דער אַסימילאַציע. זי האָט אונדז געגעבן דיסטאַנץ און אָביעקטיווקייט צו זיך אַליין. און דערפאַר גלייב איך, אַז דער נייער יידישער דור, וואָס האָט אויפגענומען די אייראָפּעיִשע קולטור און איז דאָך ווידער באַוווסטזיניק יידיש און איז פאַרוואָרצלט אין דעם יידנטום, וועט אונדז ברענגען דעם גייסט, וואָס וועט אונדז געבן די קלאַסישע פאָרשטעלונג פון דעם יידישן מהות. די לעצטע דורות האָבן דאָס ניט געקענט טאָן, ווייל זיי זיינען געווען צו פיל אַסימילירט, ווייל דאָס יידנטום איז געווען פאַר זיי טויט, האָבן זיי אים באַהאַנדלט ווי אַ טויטן קערפּער, און דערפאַר זיינען זייערע באַטראַכטונגען געבליבן טרוקן, טויט, אָן נשמה.

ערשט דער, וואָס לעבט אין דעם יידנטום און פילט דאָס יידנטום ווי אַ לעבעדיקן אָרגאַניזם; דער, וואָס האָט אָבער גלייכצייטיק אַ דיסטאַנץ אין זיינע באַטראַכטונגען וועגן יידנטום און קען עס אַוועקשטעלן אין דער אַלגעמיינער קולטור־אַנטוויקלונג — ערשט דער וועט האָבן די באַדינ־גונגען צו געבן אונדז און דער וועלט אַ ווירקלעך טריי און פלאַסטיש בילד פון דעם יידישן מהות. מיר וואַרטן אַלע אויף דעם קינסטלער־היסטאָ־ריקער, וואָס וועט אונדז געבן אַזאַ בילד. מאַקס וועבערס בוך האָט מיר ווידער אַ מאָל באַוויזן, ווי נייטיק מיר דאַרפן האָבן אַזאַ בילד, און ווי שטאַרק מיר וואַרטן אויף דעם.

1924

# דער נייער אַנטיסעמיטיזם אין דער וועלט

## א

דער ערשטער וועלט־קריג, וואָס האָט באַגראָבן אַ סך באַוועגונגען און פּאַרטייען, וועלכע האָבן פריִער געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע, האָט פאַרשיידענע אַנדערע — ניי באַלעבט. און צו יענע באַוועגונגען, וואָס האָבן דורכגעמאַכט אין דער מלחמה אַ תחיית המתים, געהערט דער אַנטי־סעמיטיזם. מ׳קען אַפילו ניט זאָגן, אַז דער אַנטיסעמיטיזם איז פאַרן קריג געווען טויט. ער האָט געלעבט און האָט זיך זייער אָפט באַוויזן אין דער עפנטלעכקייט אין אייראָפּע. אָבער פון דעסטוועגן איז זיין ווירקונג געוואָרן אַלץ שוואַכער און שוואַכער, און זיין איינפלוס איז כסדר קלענער געוואָרן. אין מיטל־ און מערב־אייראָפּע האָט ער קוים געוואַגט אויפצוטרעטן אַלס אַ פּאָליטישע באַוועגונג און האָט זיך באַגנוגנט מיט געזעלשאַפטלעכע און קולטורעלע פאָדערונגען, און אין מזרח־אייראָפּע, ווו ער האָט נאָך געשפּילט אַ פּאָליטישע און עקאָנאָמישע ראָלע, איז ער דאָך געווען בלויז אַן אינסטרומענט אין דער האַנט פון די רעאַק־ציאָנערע רעגירונגען; דאָס פאָלק אַליין איז געשטאַנען אין גרונט גאַנץ ווייט פון אים. און די פריִערדיקע פּאָגראָמען זיינען דאָך געווען מער די אַרבעט פון באַצאָלטע פאַרברעכער, ווי אַ סימפּטאָם אָדער אַן אויסברוך פון אַ ווירקלעכער פאָלקס־ליידנשאַפט. אויך האָט דער גייסטיקער וויסנשאַפט־לעכער אַנטיסעמיטיזם, וואָס האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויף דער ראַסן־טעאָריע, שוין גאָר ניט געהאַט מער קיין אָנזען. אַלע ערנסטע געלערנטע האָבן פון אים געלאַכט, און דער ליאַרעם, וואָס ער האָט געמאַכט אַ מאָל, איז שוין געווען פאַרשטומט. מיט איין וואָרט, דער אַנטיסעמיטיזם האָט געהאַלטן אין איין שוואַכער ווערן. ער האָט געהערט צו די אָפּשטאַרבנ־דיקע באַוועגונגען.

איז געקומען דער וועלטקריג און האָט אים באַשערט אַ תחיית המתים. אין די לעצטע יאָרן איז דער אַנטיסעמיטיזם אין גאַנץ אייראָפּע ווידער

געוואָרן אַ פֿאָלקס־באַוועגונג, וואָס באַהערשט אין אַלע מדינות גרויסע טיילן פֿון די פֿעלקער און שפּילט כמעט אומעטום די ראָלע פֿון אַ וויכטיקן פּאָליטישן פֿאַקטאָר. ווער ס'האָט איצט די געלעגנהייט אַרומצופֿאָרן איבער אייראָפּע, באַזונדערס דורך מיטל־אייראָפּעיִשע און מזרח־אייראָפּעיִשע מדינות, און צו אָבסערווירן דאָרט דאָס אינערלעכע פּאָליטישע און קולטורעלע לעבן, ווייס, אַז אומעטום בליט אַ נייבאַלעבטער, אַ שטאַרקער אַנטיסעמיטיזם, מיט צענדליקער טויזנטער באַגייסטערטע אָנהענגער, מיט קלוגע דעמאַגאָגישע פֿירער, מיט אַ גלענצנדיקער אָרגאַניזאַציע און אַ ווילדן אינערלעכן אימפּעט. און וואָס ס'איז דער עיקר: דער אַנטיסעמיטיזם האַלט אומעטום אין וואַקסן און זיך פֿאַרשטאַרקן. וואָס מיר זעען איצט פֿון אים, איז נאָר אַן אָנהייב. ער ווערט אַלץ שטאַרקער.

מיר, יידן, מוזן דערפֿאַר אָנהייבן זיך צו באַשעפֿטיקן גאַנץ ערנסט מיט אים. ס'וואָלט געווען אַ נאַרישער טעות צו גלייבן, אַז דער נייער אַנטיסעמיטיזם איז נאָר אַ קורצער עפּיזאָד, אַז ער איז נאָר אַ סימפּטאָם פֿון די אויפֿגערעגטע פּאָליטישע צייטן, וואָס מיר לעבן איצט דורך, און וועט פֿאַרשווינדן מיט זיי. אַפֿילו ווען ער וואָלט געווען נאָר דאָס, וואָלט ער אויך געווען וויכטיק און ערנסט גענוג. וואָרעם די דאָזיקע אומרויִקע און ווילדע צייטן זיינען נאָך אויך ניט פֿאַריבער. דער ביישפּיל פֿון רוסלאַנד, ווו אַלע האָבן געלאַכט פֿון דער רעוואָלוציע און האָבן געגלייבט, אַז אין אַ פּאָר חדשים אַרום וועט דער באָלשעוויזם זיין טויט אויף אייביק, דאַרף זיין אַ לערע פֿאַר מענטשן, וואָס זיינען שטענדיק גענייגט צו גלייבן, אַז אָט־אָט וועט דער שטורעם פֿאַריבער, און ווידער וועט זיין רויִק, ווי ס'איז אַ מאָל געווען. דאָס איז אַ גאַנץ פֿאַרשטענדלעכע טענדענץ, אָבער זי איז זייער געפֿערלעך, ווייל זי לאָזט ניט צו דעם קלאָרן באַוווסטזיין וועגן דער געפֿערלעכקייט פֿון דער סיטואַציע און מאַכט אוממעגלעך אַ ריכטיקע און אָרגאַניזירטע פֿאַרטיידיקונג. די דאָזיקע טענדענץ איז באַזונדערס געפֿערלעך פֿאַר אונדז, יידן, ווייל מיר האָבן סיי ווי סיי ניט קיין אמתע וואָפֿן און ווירקונגספֿולע מאַכט־מיטלען אין דעם קאַמף פֿאַר אונדזער עקזיסטענץ. אונדזער איינציקע פֿאַרטיידיקונג איז אַ ריין־פּסיכישע, דאָס הייסט די ריכטיקע באַציִונג צו דעם קאַמף אַנטקעגן אונדז. ס'קען דערפֿאַר ווערן פֿאַר אונדז קאַטאַסטראָפֿאַל, אויב מיר זאָלן ניט איינזען באַצייטנס די באַדייטונג פֿון דעם איצטיקן נייעם אַנטיסעמיטיזם. מיר דאַרפֿן פֿאַרשטיין, אַז מיט אים הייבט זיך אָן אַ נייער

קאַפּיטל אין דעם אייביקן קאַמף קעגן אונדז, און אַז דער דאָזיקער קאַפּיטל וועט זיין לאַנג און זייער דראַמאַטיש.

דעם באַנייטן און ווידעראויפגעלעבטן אַנטיסעמיטיזם, ווי מיר זעען אים היינט, קען מען פאַרשטיין נאָר אין דעם צוזאַמענהאַנג מיט דער גאַנצער איצטיקער עפּאָכע פון דער אייראָפּעאישער געשיכטע. מיר לעבן איבער היינט אַ גרויסע רעוואָלוציאָנערע צייט, וואָס וועט אַנטשיידן וועגן דער צוקונפט פון דער אייראָפּעאישער קולטור און פון די אייראָפּעאישע פעלקער. אַלע וויכטיקע פראַגן פון דעם אייראָפּעאישן פעלקער־לעבן ווערן איצט פון דאָס ניי אַרויפגעשטעלט אויפן סדר־היום פון דער געשיכטע; זיי ווערן אַלע ניי רעווידירט און געפּרוווט, און זיי וועלן אַלע באַקומען נייע לייזונגען. דעריבער דאַרף מען זיך ניט וווּנדערן וואָס אויך די יידן־פראַגע, וועלכע דריקט און באַאומרויקט שוין אַזוי לאַנג די אייראָפּעאישע פעלקער, ווערט איצט פון דאָס ניי אַרויפגעשטעלט אויפן סדר־היום פון דער געשיכטע. דאָס וואָס מיר לעבן איצט איבער ביי דעם באַנייטן אַנטיסעמיטיזם, איז נאָר דער גרעסטער און ערשטער אויסדרוק פון דעם דאָזיקן פּראָצעס פון אַ נייער רעוויזיע פון דער יידן־פראַגע. דערפאַר איז דער איצטיקער נייער קאַפּיטל פון דער אַנטיסעמיטישער באַוועגונג פאַר אונדז וויכטיקער, ווי אַלע פריערדיקע.

אונדזער גאַנצע פּאָליטישע פּאָזיציע שטייט איצט אין קאָן. דער אַנטיסעמיטיזם פון פאַר דעם קריג איז געווען מאַסקירט, קאָסטיומירט. ער איז געווען העפלעך. ער איז אַרומגעגאַנגען אין הענטשקעס. ער האָט אונדז געשטאָכן און שיקאַנירט. דער איצטיקער אַנטיסעמיטיזם איז אָפן, ברוטאַל. ער וויל צעשטערן די יסודות פון אונדזער עקזיסטענץ אין אייראָפּע. מיר מוזן אים דערפאַר ריכטיק פאַרשטיין, ריכטיק אָפּשאַצן, כדי צו האָבן די מעגלעכקייט צו אָרגאַניזירן די ריכטיקע פאַרטיידיקונג אַנטקעגן אים. אויב מיר וועלן דאָס ניט טאָן, וועלן מיר דערלעבן אין אַ גרויסן מאַסשטאַב דאָס, וואָס מיר זעען אין אַ קליינעם פאַרנעם איצט אין אונגאַרן, ווו דער אַנטיסעמיטיזם האָט געפונען די יידן ניט צוגעגרייט, ווו ער האָט זיי איבערראַשט. און די קאָנסעקווענץ איז דאָרט געווען אַ ברוטאַלע פאַרניכטונג פון אַ גרויסן טייל פון אונגאַרישן יידנטום דורך מאָרד און אַלע סאָרטן ברוטאַליטעטן אויף איין זייט, און אַ פרייוויליקער זעלבסטמאָרד פון דעם אַנדערן טייל, דורך מאַסן־שמד און אַ שרעקלעכער אָפּפאַל פון יידנטום — אויף דער אַנדערער זייט.

דער ערשטער און וויכטיקסטער תנאי פאַר אַ ריכטיקן פאַרשטיין פון דעם איצטיקן נייעם אַנטיסעמיטיזם, וואָס אונטערשיידט זיך אין זיינע וויכטיקסטע אייגנשאַפטן פון דעם פריִערדיקן אַלטן אַנטיסעמיטיזם, איז די דערקענטעניש, אַז ער איז אַן אַלגעמיין אייראָפּעיִשער, מען קען אַפילו זאָגן אַן אַלגעמיין וועלט־געשיכטלעכע דערשיינונג, ווייל אַמעריקע ווערט דאָך, ווי באַקאַנט, אויך פון אים באַרירט. דאָס איז דער גרויסער פּרינצי־פּיעלער אונטערשייד פון דעם אַלטן אַנטיסעמיטיזם. יענער איז געווען שטענדיק לאָקאַל, אָדער טעריטאָריעל. אָט איז ער דאָ אויפגעטראָטן אַלס אַ שטאַרקע לעבעדיקע באַוועגונג, אָט דאָרטן. קיין מאָל האָט ער ניט אַרומגענומען אַלע פעלקער און לענדער. דער איצטיקער אַנטיסע־מיטיזם טוט דאָס יאָ. פון פּעטראָגראַד ביז דעטראָיט, פון בוקאַרעשט ביז לאָנדאָן טרעט ער אויף אין אַלע לענדער גלייכצייטיק, און כמעט אומעטום מיט די זעלבע פאָדערונגען און מיט די זעלבע מעטאָדן. פאַרשיידן אין די איינצלנע לענדער איז נאָר די ברוטאַליטעט פון זיינע קאַמפּס־מיטלען, די גרויזאַמקייט פון זיין טאַקטיק. די צילן, דער פּראָגראַם, די אַרגומענטאַציע, זיינען אומעטום די זעלבע. דאָס מאַכט אים אַזוי געפערלעך, ווייל זיין פראָנט איז ברייט, גרויס. פריִער, ווען ערגעץ ווו איז פאָרגעקומען אַן אויסברוך פון דער אַנטיסעמיטישער ליידנשאַפט, אַ ווילדער אָנגריף אַנטקעגן אונדז, האָבן מיר געהאַט די מעגלעכקייט צו קאָנצענטרירן אַלע קרעפטן אויף דעם דאָזיקן איינציקן פונקט און זיך דאָרט צו פאַרטיידיקן. היינט גרייפט מען אונדז אָן אומעטום, מיר מוזן זיך פאַרטיידיקן כמעט אין אַלע לענדער, ווו מיר וווינען, און דווקא דאָס מאַכט די פאַרטיידיקונג זייער שווער.

אין דער דאָזיקער גלייכצייטיקייט פון דעם אָנגריף אַנטקעגן אונדז, אין דעם דאָזיקן אינטערטעריטאָריעלן כאַראַקטער פון דעם נייעם אַנטי־סעמיטיזם, ווייזט זיך אָבער אַרויס אַמדייטלעכסטן זיין וועלט־געשיכטלעכע באַדייטונג, און עס ווערט קלאָר, אַז מען דאַרף אים אויפנעמען נאָר ווי אַ טייל פון דעם היינטיקן וועלט־היסטאָרישן קאַמף, אַז ער איז אַן אויסדרוק פון דער היינטיקער רעוואָלוציאָנערער עפּאָכע, וואָס איר ציל איז די רעוויזיע פון אַלע וויכטיקע פראַגן פון אונדזער לעבן. דער גרויסער טעות פון יענע יידישע פאַרטייען, וואָס האָבן געמיינט, אַז מיט דער בירגערלעכער גלייכבאַרעכטיקונג איז די יידן־פראַגע געלייזט אויף שטענדיק. ווייזט זיך היינט אַרויס אין זיין גאַנצער קורצזיכטיקייט.

כל זמן די אייראָפּעיִשע פעלקער האָבן געלעבט רויִק, איז די דאָזיקע "לייזונג" געווען אַ פּראָוויזאָרישע באַזע פאַר אונדזער פּאָזיציע. אָבער ווי נאָר זיי נעמען זיך צו אַ נייער איינאָרדענונג פון זייער לעבן — און דאָס איז דער זין און די אויפגאַבע פון אונדזער צייט — איז די יידן־פראַגע די ערשטע פון אַלע, וואָס זיי שטעלן אַרויף אויפן סדר־היום און פאָדערן אַ רעוויזיע. און דערפאַר זאָג איך: דער נייער אַנטיסעמי־טיזם איז פאַר אונדז פיל געפערלעכער, ווי דער אַלטער. יענער האָט אונדז בלויז געוואָלט געבן קלעפּ — אַ קלאַפּ דאָ און קלאַפּ דאָרט. דער נייער אַנטיסעמיטיזם וויל אָבער צעשטערן די יסודות פון אונדזער עקזיס־טענץ. ער איז פיל סיסטעמאַטישער, באַוווסטזיניקער, אָרגאַניזירטער, ווי יענער. ער האָט אַ גרעסערן וועלט־געשיכטלעכן פּראָגראַם, און דערפאַר מוז אונדזער באַציִונג צו אים אויך זיין ערנסטער, ווי זי איז געווען פריִער, און אונדזער פאַרטיידיקונג מוז זיין באַוווסטזיניקער, אָרגאַני־זירטער, סיסטעמאַטישער.

אין אמתן האָבן מיר דאָך ביז איצט ניט געוווסט פון אַ סיסטעמאַ־טישער פאַרטיידיקונג קעגן אַנטיסעמיטיזם. יעדער איינצלנער ייִד, און יעטוועדע איינצלנע יידישע גרופּע אין אַ שטאָט, אָדער אין אַ לאַנד, האָט זיך אַליין פאַרטיידיקט, און די אַנדערע יידן האָבן געהאָלפן. אָבער אַן איינהייטלעכע, קאָנסעקווענטע, באַוווסטזיניקע כלל־פאַרטיידיקונג פון דעם גאַנצן יידישן פאָלק איז ניט געווען. אַזוי ווי ס'האָט אונדז אַלץ געפעלט אַ געמיינזאַמע, איינהייטלעכע פאָלקס־פּאָליטיק, אַזוי האָט זי אונדז אויך געפעלט אינעם קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם. דאָס האָט מען נאָך געקענט פאַרטראָגן אַזוי לאַנג, ווי דער אַנטיסעמיטיזם האָט אָנגע־גריפן נאָר די יידן פון איין שטאָט, אָדער לאַנד. אָבער איצט, ווען דער אַנטיסעמיטיזם פאַרמעסט זיך קעגן גאַנצן יידישן פאָלק, איז אַזאַ ניט־אָרגאַניזירטע יידישע פאַרטיידיקונג מער ניט מעגלעך. איצט קען אונדז ראַטעווען נאָר אַ געשלאָסענע, איינהייטלעכע פאַרטיידיקונג, אַן איינהייט־לעכע פאָלקס־פּאָליטיק. דער איינהייטלעכער כאַראַקטער פון דער יידן־פראַגע איז דורך דעם זעלבן כאַראַקטער פון דעם נייעם אַנטיסעמיטיזם אין אַלע לענדער ניי באַוויזן. און די ראַדיקאַלסטע אַסימילאַטאָרן קענען דאָס היינט מער ניט אָפּלייקענען. דערפאַר מוז אויך אונדזער פּאָליטיק זיין די זעלבע אין אַלע לענדער.

ס'איז פאַראַן איין איינהייטלעכע יידן־פראַגע אין דער וועלט, איין

איינהייטלעכער אַנטיסעמיטיזם אין דער וועלט, און ס׳מוז דערפאַר אויך געשאַפן ווערן איין איינהייטלעכע יידישע פּאַרטיידיקונג, איין איינהייט־לעכע יידישע פאָלקס־פּאָליטיק. דאָ און נאָר דאָ ליגט אונדזער איינציקע רעטונג.

## ב

ווי איך האָב געמאַכט דעם אויספיר, אַז דעם היינטיקן נייעם אַנטיסעמיטיזם קען מען ריכטיק פאַרשטיין, נאָר ווען מען באַטראַכט אַ טייל פון אונדזער היינטיקער רעוואָלוציאָנערער עפּאָכע, ווי איינעם פון די סימפּטאָמען פון דעם גרויסן אַנטשיידנדיקן קאַמף פון אונדזער קולטור. אין יעדער רעוואָלוציאָנערער עפּאָכע קעמפן צוויי כוחות: די פאַרטיידיקער פון דעם אַלטן קעגן די פאַרטיידיקער פון דעם נייעם; די רעאַקציאָנערן קעגן די פּראָגרעסיסטן. דער צענטראַלער זין פון דעם היינטיקן נייעם אַנטיסעמיטיזם איז דער, וואָס ער איז דער שטאַרקסטער אויסדרוק און דער ווירקונגספולער וואָפן פון די רעאַקציאָנערן. דאָס איז די גרויסע איינהייטלעכע סיבה, וואָס דערקלערט אַלע אַנדערע סיבות פון דער ווידעראויפלעבונג פון אַנטיסעמיטיזם.

ווי מען זאָל ניט אַנאַליזירן די מאָטיוון פון נייעם אַנטיסעמיטיזם, אין וואָס פאַר אַ לאַנד און אין וואָס פאַר אַ באַפעלקערונג־קלאַס, וועט מען אומעטום סוף־כל־סוף געפינען די דאָזיקע לעצטע סיבה. די לאַגע פון יידן אין גלות איז כאַראַקטעריזירט דורך דעם, וואָס מיר זיינען פאַרקניפּט מיט דעם אינטערעס פון דעם פּראָגרעס. איך זאָג דאָס ניט אין דעם זין פון אַ לויב, ווייל ס׳איז זייער צווייפלהאַפט, צי אַזאַ איינזייטיקע שטעלונג פון אַ פאָלק איז, סאָציאָלאָגיש באַטראַכט, גוט און געזונט. אָבער דער פאַקט איז אַזעלכער, און ער געפינט זיין דערקלערונג אין אונדזער כאַראַקטער פון אַן אונטערדריקטער און פאַרפאָלגטער מינדערהייט. דער אונטערדריקטער איז שטענדיק אַ רעוואָלוציאָנער, אַ פּראָגרעסיסטלעכער. זיין אינטערעס איז דער אינטערעס פון דעם פּראָגרעס, וואָרעם נאָר אַ פאַר־ענדערונג פון די פאַרהעלטענישן און לעבנס־פאָרמען קען אים ברענגען דערלייזונג און באַפרייונג. דערפאַר איז די רעאַקציע שטענדיק געווען אונדזער פיינד. און איצט, ווען דער קאַמף צווישן פּראָגרעס און רעאַקציע איז געוואָרן אַזוי פאַרביטערט, ווייל ס׳איז די שעה פון אַ גרויסער וועלט־געשיכטלעכער אַנטשיידונג, איז די שנאה צו אונדז און דער קאַמף אַנטקעגן אונדז אויך געוואָרן אַזוי ווילד און ליידנשאַפטלעך.

אין דריי פראָנטן קעמפט היינט דער פאָרשריט קעגן דער רעאַקציע; דריי גרויסע קאַטעגאָריעס פון פראַגן דאַרפן ווערן אַנטשידן אין דעם דאָזיקן קאַמף. זיי זיינען: די נאַציאָנאַלע פראַגע, די סאָציאַלע פראַגע און די אַלגעמיין־קולטורעלע פראַגע. אין די דאָזיקע דריי פראַגן שטייט אונדזער צייט פאַר גרויסע אַנטשיידונגען. זיי זיינען אויך צוגלייך די דריי הויפּט־סיבות פון דעם נייעם אַנטיסעמיטיזם.

לאָמיר באַטראַכטן צו ערשט די נאַציאָנאַלע פראַגע. דער נאַציאָנאַליזם, וואָס איז אין דעם ניינצנטן יאָרהונדערט געווען איינער פון די וויכטיקסטע פאַקטאָרן פון דעם פאָרשריט און פון דער פרייהייט, איז היינט, אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, איינער פון די שטאַרקסטע עלעמענטן פון דער רעאַקציע. ווי ביי אַלע היסטאָרישע אידעען, האָט די אַנטוויקלונג פון נאַציאָנאַליזם געפירט צו איבערטרייבונגען, צו אַן איינזייטיקייט, און מיט דעם — צו אַ געפערלעכער פאַרווילדערונג. דער נאַציאָנאַליזם איז געווען אין אָנהייב אַ גייסטיקער פּאָסטולאַט, אַן אויסדרוק פון דער בענקעניש פון די פעלקער נאָך פרייהייט און אייגענער אַנטוויקלונג. אין דעם איצטיקן יאָרהונדערט אָבער איז ער געוואָרן ריין־פּאָליטיש, אימפּעריאַליסטיש און שאָוויניסטיש, און אַזוי אַרום — איינער פון די רעאַקציאָנערסטע פאַקטאָרן אין אונדזער לעבן. ער האָט גורם געווען דעם וועלטקריג און ער לאָזט היינט די פעלקער ניט קומען צו רו. ער איז איצט גרייט אויף דעם שפרונג חרוב צו מאַכן די וועלט.

דער נאַציאָנאַל־שאָוויניסטישער געדאַנק איז אומעטום דער וויכטיקסטער קוואַל פון אַנטיסעמיטיזם. נאַציאָנאַליסטיש און אַנטיסעמיטיש איז אומעטום אידענטיש. און ס'איז קיין וווּנדער ניט, ווייל דער ענגער, פינצטערער, ברוטאַלער נאַציאָנאַליזם פאַרשטייט ניט, ווי אַזוי אַן אַנדערע מינאָריטעט מיט אַן אייגענעם נאַציאָנאַלן כאַראַקטער זאָל קענען לעבן אין זיין מדינה און איר ברענגען נוצן. אַזוי ווי ער באַקעמפט אַלע אַנדערע נאַציעס דרויסן פון דעם אייגענעם לאַנד, באַקעמפט ער נאַטירלעך אויך די פרעמדע נאַציעס אין זיין לאַנד אַליין. און אַזוי ווי מיר, יידן, זיינען די פרעמדע נאַציע פאַר עקסעלאַנס, איז ער אומעטום אונדזער פיינד. דערפאַר איז פאַרשטענדלעך, אַז וואָס שטאַרקער עס איז דער נאַציאָנאַליזם, וואָס ווילדער און ליידנשאַפטלעכער ער איז אין אַ לאַנד, אַלץ שטאַרקער און ווילדער איז דאָרט דער אַנטיסעמיטיזם. און אַזוי ווי דער נאַציאָנאַליזם איז, ווי באַקאַנט, צום שטאַרקסטן שטענדיק אין נייע מדינות,

אָדער אין באַזיגטע לענדער, זעען מיר טאַקע ווי אין די דאָזיקע ביידע קאַטעגאָריעס פון לענדער איז דער אַנטיסעמיטיזם היינט דער לײדנשאַפט־לעכסטער. אַזוי איז די לאַגע אין דײטשלאַנד, עסטרייך, אונגאַרן אויף איין זייט, און אין פוילן, ליטע, לעטלאַנד און עסטלאַנד אויף דער אַנדערער זייט.

די צווייטע גרויסע פראַגע פון אונדזער צייט איז די סאָציאַלע. אויך אין דער פראַגע ברענט אַ לײדנשאַפטלעכער קאַמף צווישן דער רעאַקציע און פּאָרשריטלעכע פּאַרטייען. און אויך דאָ זעען מיר, אַז די סאָציאַל־רעאַקציאָנערע פּאַרטייען זיינען ראַדיקאַל אַנטיסעמיטיש. סאָציאַל־רעאַק־ציאָנער זיינען היינט אָבער צוויי געזעלשאַפטלעכע גרופּעס: אַ טייל פון דעם גרויס־קאַפּיטאַליזם אויף איין זייט און די גאַנצע קליין־בורזשואַזיע, דער אַזוי־גערופענער קליינער מיטלשטאַנד, אויף דער אַנדערער זייט. איך זאָג מיט כוונה אַ טייל פון דעם גרויס־קאַפּיטאַליזם, וואָרעם אין פּרינציפּ דאַרף דער גרויס־קאַפּיטאַל ניט זיין רעאַקציאָנער. אין אמתן איז אין אונדזער קאַפּיטאַליסטישער עפּאָכע דער קאַפּיטאַל אַ פּאָרשריט־לעכער עלעמענט. און ס'איז געווען איינער פון די טיפסטע געדאַנקען פון קאַרל מאַרקס, ווען ער האָט אויפגעוויזן, אַז דווקא דער העכסט־אַנטוויקלטער גרויס־קאַפּיטאַל וועט באַווירקן דעם איבערגאַנג צו דער נייער סאָציאַליסטישער ווירטשאַפטס־פאָרעם. רעאַקציאָנער איז דער קאַפּיטאַל נאָר דאָרט, ווו ער ווערט זאַט, ווו ער באַגנוגנט זיך מיט דעם דערגרייכטן און פאַרגעסט זיין היסטאָרישע פונקציע.

אומבאַדינגט רעאַקציאָנער איז, אייגנטלעך, די קליין־בורזשואַזיע — די האַנטווערקער, די קליינע קרעמער, די פאַרטרעטער פון די רעשטן פון די אַלטע ווירטשאַפטס־פאָרמען, וועלכע דער קאַפּיטאַליזם צעשטערט אַלץ מער און מער. די דאָזיקע געזעלשאַפטלעכע גרופּעס מוזן זיין רעאַקציאָנער, ווייל זיי לעבן דאָך נאָר פון די אַלטע רעאַקציאָנערע עקאָנאָמישע אינסטיטוציעס און פאָרמען. דערפאַר זיינען די דאָזיקע קלאַסן די געבוירענע פאַרטרעטער און אָנהענגער פון דער רעאַקציע, און דער ווירקלעכער סאָציאַלער קאַמף היינט גייט מער קעגן זיי, ווי קעגן די קאַפּיטאַליסטן. דער גרויס־אינדוסטריעלער פאַרשטענדיקט זיך מיט דעם אַרבעטער פיל גיכער, ווי דער קליינער בורזשוי, ווייל סיי דער אַרבעטער און סיי דער גרויס־אינדוסטריעלער זיינען פאַרטרעטער פון דער נייער פאַרגעשריטענער אָרגאַניזירט־סיסטעמאַטישער ווירטשאַפטס־

פאַרעם. דער קליינער ברוזשוי אָבער לעבט פון דער אַלטער פאָרעם, און דערפאַר וועט מען אויך אומעטום קאָנסטאַטירן, אַז ער איז דער טיפּישער אָנהענגער פון אַנטיסעמיטיזם.

אין אַלע לענדער זיינען נייַנציק פּראָצענט פון די אָנהענגער פון דער אַנטיסעמיטישער באַוועגונג די קליינע קרעמער, די האַנטווערקער, די קליינע באַלעבאַטים, וואָס דער ייִד, דער געבוירענער פאַרקעמפער פון דער נייער ווירטשאַפטס־פאָרעם, פאַרדרענגט זיי און מאַכט זיי דאָס לעבן שווער. דער קאַמף צווישן די דאָזיקע פאַרטיידיקער פון די אַלטע פאָרמען און די פאַרקעמפער פון די נייע, שטייט היינט פאַר דער אַנטשיידונג. די מלחמה, וואָס האָט אַזוי שטאַרק רויִנירט די קליינבירגער און אַזוי שטאַרק באַרייכערט די גרויסע קאַפּיטאַליסטן, האָט געבראַכט דעם אָנהייב פון דער גסיסה פון די ווירטשאַפטלעך־רעאַקציאָנערע גרופּעס. ס׳איז קיין וווּנדער ניט, וואָס זיי פאַרטיידיקן זיך מיט אַ ווילדן אימפּעט און שטייען היינט אין דער פראָנט־ליניע פון דער אַנטיסעמיטישער באַוועגונג. די גאַנצע אַרגומענטאַציע, וואָס מען הערט היינט אומעטום, אַז דער ייִד האָט צום מערסטן פּראָפיטירט פון דער מלחמה, אַז ער איז דער, וואָס איז צום מערסטן רייך געוואָרן פון דעם קריג, — איז דאָך נאָר אַן אויסדרוק פון דעם דאָזיקן סאָציאָלאָגישן פאַקט, וועלכער פירט די פאַרטרעטער פון די עקאָנאָמיש און סאָציאַל־רעאַקציאָנערע ווירטשאַפטס־פאָרמען אין דעם לאַגער פון דעם אַנטיסעמיטיזם.

און פּונקט די זעלבע סיטואַציע זעט מען אויך אין דער ספערע פון די גייסטיק־קולטורעלע פראַגן. אַ חוץ דער נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער פראַגע וועט אונדזער עפּאָכע אויך דאַרפן אַנטשיידן וועגן אַ גאַנצן קאָמפּלעקס פון גייסטיק־קולטורעלע פּראָבלעמען. מיליטאַריזם אָדער פּאַציפיזם, אימפּעריאַליזם אָדער פעלקערבונד, מאָנאַרכיזם אָדער רעפּובּ־ליקאַניזם, אויטאָקראַטיע אָדער דעמאָקראַטיע, טראַדיציע אָדער פרייהייט, און אַ סך אַנדערע ענלעכע פּראָבלעמען דאַרפן ווערן געלייזט פון אונדזער צייט. אין די אַלע פראַגן שטייען מיר, ייִדן, מערסטנס אויף דער זייט פון די נייע פאָרשריטלעכע אידעען. מיר זיינען זייער אָפט די פירער פון די נייע באַוועגונגען, און דערפאַר די בעסטע אָביעקטן פאַר די אָנגריפן פון די פאַרטיידיקער פון די אַלטע, רעאַקציאָנערע געדאַנקען. די רעאַקציע ווערט באַהערשט פון אַ זיכערן אינסטינקט, ווען זי זוכט אונדז צו פאַרניכטן. זי ווייסט, אַז מיט אונדז וואָלט זי פאַרניכטעט איינעם

פון די ליידנשאַפטלעכסטע פּאָרקעמפּער פון פּראָגרעס. און אַזוי ווי צווישן אַלע אַנדערע גרופּעס, וואָס קעמפן פאַר דעם פּאָרשריט, זיינען מיר די שוואַכסטע, די וואָס מ׳קען צום לייכטסטן פאַרוואונדן, גרייפט־אָן די רעאַקציע נאַטירלעך אונדז די ערשטע. די נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע רעאַקציאָנערן באַטראַכטן אויך פאַר זייער רעכט אונדז צו באַקעמפן. מיר זיינען זייערע נאַטירלעכע פיינד. מיר מוזן דאָס פאַרשטיין און אָנערקענען. ווייל נאָר דעמאָלט וועלן מיר פאַרשטיין, אַז דער קאַמף קעגן אונדז איז ניט קיין צופאַל, נאָר אַ היסטאָרישע נויטווענדיקייט, וואָס לאָזט זיך ניט ענדערן. און ערשט ווען מיר וועלן פאַרשטיין דעם קאַמף קעגן אונדז ווי אַ היסטאָרישע דערשיינונג, וועלן מיר קענען געפינען צו אים די ריכטיקע באַציונג, וואָס זאָל אונדז מאַכן פעיִק פאַר אַ ווירקונגס־פולער פאַרטיידיקונג.

1923

# ווי אַזוי באַקעמפן דעם אַנטיסעמיטיזם

ערשט, ווען מען פאַרשטייט, אַז דער הייַנטיקער אַנטיסעמיטיזם איז אַ באַגלייט־דערשיינונג, אַ סימפּטאָם פון דעם איצטיקן געשיכטלעכן קריזיס קען מען געפינען די ריכטיקע שטעלונג, וואָס מיר יידן דאַרפן האָבן לגבי אים. אַזאַ ריכטיקע שטעלונג איז דער ערשטער תנאי פאַר אַ ווירקלעכער פאַרטיידיקונג, פאַר דער פירונג פון אַ סיסטעמאַטישן קאַמף קעגן דעם אַנטיסעמיטיזם.

דאָס ערשטע און וויכטיקסטע, וואָס מיר דאַרפן לערנען, איז דאָס באַוווסטזיין פון זיין היסטאָרישן זין. עס איז אונדזערער אַן אַלטער פעלער, וואָס מיר זייַנען תמיד גענייגט צו באַטראַכטן דעם אַנטיסעמיטיזם ווי עפּעס צופעליקס, ווי אַ צייטווייליקע צרה, וואָס האָט אייגנטלעך ניט קיין אינערלעכן זין. דער דאָזיקער אופן איז די קאָנסעקווענץ פון אַ טיפער גלות־יידישער כאַראַקטער־אייגנשאַפט.

מיר, יידן, פלעגן אויף צרות רעאַגירן מיט אַ מין ביטול: ״איך ווייס, אויך מיר אַ זאַך!״ דאָס דערמאָנט די מעשה מיט יענעם יידן, וואָס האָט אַ מאָל באַקומען פעטש אויפן מאַרק אין סלאָבאָדקע. צומאָרגנס טרעפט אים אַ באַקאַנטער. ״משה — זאָגט ער — איך האָב געהערט, אַז דו האָסט נעכטן געקריגן פעטש אין מיטן מאַרק אין סלאָבאָדקע?״ — „אויך מיר אַ שטאָט, סלאָבאָדקע!״ — ענטפערט דער געפּאַטשטער.

אָט די געוווינהייט אונדזערע, דערקלערט זיך מיט אונדזער גורל. דער ביטול איז דאָס נאַטירלעכע פאַרטיידיקונגס־מיטל פון אַ מענטש, אָדער פון אַ פאָלק, וואָס איז גייסטיק מער אַנטוויקלט פון זייַנע פייַנד, אָבער פיזיש — שוואַכער. מיט אָט דעם ביטול העלפט ער בייַצוקומען זייַנע צרות און זיך נוקם זיין אין זייַנע אונטערדריקער. ער נעגירט זיי גייסטיק: מער קען ער דאָך ניט טאָן, ווייל פאַקטיש, קאָנקרעט, קען ער זיי ניט באַזיגן.

די דאָזיקע פאַרטיידיקונג איז גאַנץ נאַטירלעך, אָבער זי איז געפערלעך.

זי פירט צו אונטערשאַצן דעם פיינד און זי מאַכט אוממעגלעך אַ סיסטע־מאַטישן קאַמף קעגן אים.

כדי צו פירן אַן ענערגישן און אַן אָרגאַניזירטן פאַרטיידיקונגס־קאַמף דאַרף מען קודם־כל פאַרשטיין די באַדייטונג פון דעם קעגנער; מען מוז אים אָנערקענען אַלס קעגנער און אַלס אַ היסטאָרישע דערשיינונג. ערשט דעמאָלט קען מען אָנהייבן אים באַקעמפן. מיר האָבן דאָס קיין מאָל ניט געטאָן אין אונדזער באַציִונג צו דעם אַנטיסעמיטיזם. מיר האָבן שטענדיק געקלאָגט צוליב אים, אָבער מיר האָבן אים ניט גענומען ערנסט, אין שטרענגען זין פון דעם וואָרט. מיר האָבן אין אים געזען עפּעס אַן אַנשיקעניש, אַ מגיפה־רעה, עפּעס זינלאָז און אומשכלדיקס.

מיר מוזן אָנהייבן פאַרשטיין, אַז דער אַנטיסעמיטיזם האָט אַן אינערלעכן זין ווי אַ היסטאָרישע דערשיינונג, אַז ער איז אַ סימפּטאָם פון דעם היינטיקן קריזיס — איינער פון די טיילן פון דעם היינטיקן קאַמף אין דער וועלט.

ווען מיר וועלן צוגיין צו דעם דאָזיקן אויספיר, וועלן מיר אויך פּטור ווערן פון אַ צווייטן פעלער, וואָס מיר באַגייען שטענדיק — צו באַטראַכטן דעם אַנטיסעמיטיזם ריין־לאָקאַל, אָדער טעריטאָריעל. די ייִדן פון יעדן לאַנד האָבן די נטיה צו זען אין דעם אַנטיסעמיטיזם אַ ריין־טעריטאָריעלע דערשיינונג; און זיי פאַרשטייען ניט, אַז ער איז אַ גרויסער אינטערנאַ־ציאָנאַלער פענאָמען, וואָס טראָגט אומעטום דעם זעלבן כאַראַקטער. ער איז פאַרשיידן אין זיינע מעטאָדן און פאָרמען, אָבער ניט אין זיינע צילן און פּרינציפּן.

נאָך קיין מאָל האָט דער אינטערנאַציאָנאַלער כאַראַקטער פון אַנטיסע־מיטיזם זיך ניט אַרויסגעוויזן אַזוי שטאַרק און בולט, ווי היינט. אַז דער אַנטיסעמיטיזם אין דייטשלאַנד שטייט אין אַ גאַנץ ענגער און אינטימער פאַרבינדונג מיט דעם אַנטיסעמיטיזם אין עסטרייך און אונגאַרן, איז שוין לאַנג באַקאַנט. עס איז כמעט פאַראַן איין אָרגאַניזאַציע, וואָס פירט־אָן די אַנטיסעמיטישע באַוועגונג אין די דאָזיקע לענדער. היינט ווייסן מיר אָבער אָבער אויך, אַז צווישן דעם מיטל־אייראָפּעיִשן אַנטיסעמיטיזם און דעם אַמעריקאַנישן איז פאַראַן אַ שייכות. אַפילו צווישן די פראַנצויזישע און פּוילישע אַנטיסעמיטן, פון איין זייט, און די דייטש־אונגאַרישע פון דער אַנדערער זייט, איז פאַראַן אַ פאַרבינדונג. דער אינטערנאַציאָנאַלער גרונט־כאַראַקטער פון דער אַנטיסעמיטישער באַוועגונג איז אַזוי שאַרף,

אַז דאָס ווירקט ממש קאָמיש, וואָרעם דער דאָזיקער אינטערנאַציאָנאַליזם שטייט דאָך אייגנטלעך אין אַ סתירה צום שאָוויניסטישן כאַראַקטער פון די אַנטיסעמיטישע פּאַרטייען אין די פאַרשיידענע לענדער. אָבער די אינ־טערנאַציאָנאַלע פאַרבינדונג פון דער יידן־שנאה איז אַזוי שטאַרק, אַז זי איז גובר דעם טעריטאָריעלן נאַציאָנאַליזם און פאַרקניפּט די דאָזיקע שאָוויניסטן, וועלכע זיינען אייגנטלעך טויט־שונאים צווישן זיך. די שנאה צו יידן איז ביי זיי שטאַרקער, ווי די שנאה צו די נאַציאָנאַלע פיינד. און אַ דייטשער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסט זעצט זיך בעסער ביי איין טיש מיטן פראַנצויזישן "טראַדיציאָנעלן שונא", ווי מיט אַ דייטשן ייד.

און דערפאַר דאַרפן מיר פאַרשטיין, אַז דער קאַמף קעגן דעם אַנטיסע־מיטיזם מוז אויך ווערן געפירט אינטערנאַציאָנאַל. עס איז אַ קנאַפּע פאַרטיידיקונג אויב מען באַקעמפט אים בלויז טעריטאָריעל. וואָרעם ווען אַפילו עס געלינגט אים אָפּצושוואַכן אָדער אַפילו צו באַזייטיקן אויף אַ ווײַלע אין איין לאַנד, איז דאָס בלויז א צייטווייליקער דערפאָלג. ווייל ער בלייבט ווייטער שטאַרק אין אַנדערע לענדער און פון דאָרט דרינגט ער אויך באַלד ווידער אַריין אין דעם זעלבן לאַנד. דאָס איז אַ שלאַנג מיט הונדערט קעפּ, און מען נאַרט בלויז אָפּ זיך אַליין, ווען מען גלייבט, אַז זי איז טויט, ווען מען האַקט איר אָפּ איין קאָפּ. מען דאַרף זען צו דערהרגענען איר גוף. און דער גוף פון דעם אַנטיסעמיטיזם, פון וואַנען עס וואַקסן כסדר אַרויס די קעפּ אין די באַזונדערע לענדער, איז פאַר־שפּרייט איבער אַלע לענדער. מען דאַרף אים דערפאַר באַקעמפן אומעטום און אין דער זעלבער צייט, אָבער דאָס טוען מיר ניט, ווייל מיר האָבן מורא צו ווייזן דער וועלט, אַז מיר זיינען אַן אינטערנאַציאָנאַלע פאָלקס־געמיינשאַפט. און גראָד ווען מיר קעמפן קעגן דעם אַנטיסעמיטיזם, זוכן מיר צו באַטאָנען אונזער פּאַטריאָטיזם, און דערפאַר ווילן מיר ניט, אַז די יידן פון די אַנדערע לענדער זאָלן קעמפן צוזאַמען מיט אונדז. דאָס אַלץ איז נאַטירלעך, אָבער דאָס מיינט נאַרן זיך אַליין, וואָרעם די אַנטיסעמיטן וועלן מיר מיט דעם ניט איבערצייגן אין אונדזער פּאַטריאָ־טיזם, און די, וועלכע טראַכטן אָביעקטיוו, וועלן אונדז קיין מאָל ניט אָפּזאָגן דאָס רעכט זיך צו פאַרטיידיקן, ווי אַ געשלאָסענע גרופּע אין אַלע לענדער.

און דאָ קום איך צו דער הויפּטפראַגע פון אונדזער קאַמף קעגן דעם אַנטיסעמיטיזם, און צו דעם הויפּטפעלער, וואָס מיר האָבן ביז איצט

געמאַכט. ער באַשטייט אין דעם, וואָס מיר האָבן זיך נאָר פאַרטיידיקט און קיין מאָל ניט אָנגעגריפן דעם אַנטיסעמיטיזם. דאָס איז די קאָנסעקווענץ פון אונדזער פאַלשער גרונט־באַציִונג צום אַנטיסעמיטיזם, וועגן וואָס איך האָב שוין געשריבן פריער. מיר האָבן אים אייגנטלעך איגנאָרירט. מיר האָבן צוגעמאַכט די אויגן, כדי אים ניט צו זען. ווען עס איז אָבער געוואָרן אַזוי שלעכט, אַז מיר האָבן געמוזט מודה זיין, אַז דער אַנטיסעמיטיזם איז פאַראַן און לאָזט אונדז ניט לעבן, האָבן מיר זיך אַ ביסל פאַרטיידיקט, אַ ביסל זיך אַנטקעגנגעשטעלט די ווילדסטע אָנגריפן — און מיר זיינען ווידער אַוועק צו אונדזער פאָליטיק פון ניט וועלן וויסן.

קלאָר, אַז מיט אַזאַ האַלטונג קען מען דעם אַנטיסעמיטיזם ניט באַקעמפן. און עס איז קיין וווּנדער ניט, וואָס ער איז אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער געוואָרן אין די לעצטע יאָרן. פאַר דער מלחמה איז אונדזער האַלטונג נאָך געווען דערטרעגלעך. הייַנט איז זי אוממעגלעך און קען פירן צו אַ קאַטאַסטראָפע פאַר אונדז, וואָרעם דער אַנטיסעמיטיזם ווערט אַלץ ווילדער און אַגרעסיווער.

מיר מוזן דערפאַר ענדערן אונדזער באַציִונג צום אַנטיסעמיטיזם. מיר מוזן אָנהייבן נעמען ערנסט דעם אַנטיסעמיטיזם און אים באַקעמפן, ווי מען באַקעמפט אַ שטאַרקן און געפערלעכן שונא: דורך אַן אָפענעם אָנגריף. און היות ווי מיר ווייסן, אַז דער אַנטיסעמיטיזם איז הייַנט ניט קיין זעלבשטענדיקע באַוועגונג, נאָר אַ טייל פון אַ סימפּטאָם פון דער אַלגעמיינער גרויסער רעאַקציע אין דער וועלט, דאַרף אונדזער קאַמף קעגן אים אויך זיין אַזוי אָריענטירט: דאָס מוז זיין אַ קאַמף קעגן דער רעאַקציע.

באַקעמפן דעם אַנטיסעמיטיזם נאָר אַלס אַנטיסעמיטיזם וואָלט געווען פאַלש: די באַזע איז צו־ענג און מיר טרעפן דאַן ניט דעם אינערלעכן נערוו פון דער באַוועגונג. און מיר האָבן אויך ניט דערצו קיין פאַרבינדעטע. נאָר ווען מיר שטעלן זיך אויף דער ברייטער פּלאַטפאָרם פון דעם גרויסן וועלט־היסטאָרישן קאַמף צווישן דער רעאַקציע און דעם פּראָגרעס, האָבן מיר אַ שטאַרקע באַזע אונטער די פיס און האָבן ווי פאַרבינדעטע אַלע פּראָגרעסיוולעכע פאַרטייען און כוחות אין דער וועלט.

עס איז דעריבער אַ מין זעלבסטמאָרד, ווען מיר פאַרטיידיקן זיך אַזוי, ווי דאָס טוען אַ סך פיינע יידישע פּאָליטיקער אין די פאַרשיידענע לענדער מיט דעם, וואָס זיי וואָרפן אָפּ די טענה פון די אַנטיסעמיטן, אַז מיר זיינען די פּיאָנערן פון דעם נייעם, פון דעם פּראָגרעס. אונדזער רעטונג ליגט

נאָר אין דעם, וואָס מיר זיינען עס. נאָר ווי די פאַרקעמפער פון דעם פאַרשריט אין דער וועלט זיינען מיר שטאַרק, האָבן מיר הילף און שוץ. ווען מיר וואָלטן פאַרראַטן אָט די פּאָזיציע אונדזערע, וואָלטן מיר באַגאַנגען אַ פאַרברעכן און אַ נאַרישקייט: מיר וואָלטן געוואָרן איזאָלירט.

מיר מוזן אָפן און שטאָלץ אַרויסטרעטן אַלס די, וואָס מיר זיינען: פּיאָנערן פון דעם פאַרשריט, פון דעם נייעם. מיר דאַרפן אומעטום קעמפן קעגן דעם נאַציאָנאַלן שאָוויניזם, קעגן דעם מיליטאַריסטישן אימפּעריאַליזם, קעגן דער עקאָנאָמיש־רעאַקציאָנערער ווירטשאַפט־פאָרעם, קעגן אַלע אַלטע, אָפּגעשטאַנענע, רעגרעסיווע אידעען אין אונדזער צייט. דעמאָלט באַקומט דער קאַמף פון די אַנטיסעמיטן קעגן אונדז אַ טיפן זין, און אונדזער קאַמף קעגן זיי באַקומט אַ הויכע היסטאָרישע באַדייטונג. ער ווערט אַ טייל פון דעם אייביקן קאַמף פון די יונגע קרעפטן פונעם מאָרגן קעגן די פינצטערע כוחות פונעם נעכטן.

ווען מען ווייסט דאָס, פאַרשטייט מען, אַז אַ פאָלקאָמער זיג קען אונדז ניט באַשערט זיין אין דעם דאָזיקן קאַמף. די מענטשלעכע געשיכטע באַשטייט פון דעם דאָזיקן אייביקן קאַמף. שטענדיק וועלן אונדז באַקעמפן די כוחות פון דער רעאַקציע. אָבער ווען מען פאַרשטייט זייערע אָנגריפן פון אַזאַ שטאַנדפּונקט, וועט מען זיך ניט איבערשרעקן פון דעם, נאָר פאַרקערט — מען וועט זיין צופרידן. זאָלן זיי אונדז באַקעמפן: דאָס איז פאַר אונדז אַ כבוד און אויך אַ באַשטעטיקונג, אַז מיר דערפילן אונדזער הויכע היסטאָרישע אויפגאַבע.

קאַמף איז ניט קיין אומגליק, אויב מען פאַרשטייט נאָר דעם זין פון דעם קאַמף. מען ווערט דורך אים שטאַרקער און יינגער. אין אונדזער קאַמף קעגן דעם אַנטיסעמיטיזם דאַרפן מיר באַגרייפן דעם זין פונעם קאַמף און האָבן דעם מוט אים צו פירן אָפן און ענערגיש. דער אמתער קעמפער איז דאַנקבאַר זיינע קעגנער: ער פרייט זיך, וואָס זיי עקזיסטירן, וואָרעם זיי זיינען פאַר אים אַ קוואַל פון קראַפט און ענערגיע. מיר מוזן געפינען אַזאַ האַלטונג לגבי דעם אַנטיסעמיטיזם. דעמאָלט וועט דער אַנטיסעמיטיזם, וועלכער איז היינט פאַר אונדז אַ דראָענדיקע געפאַר, ווערן אַ קוואַל פון נייער קראַפט. מיר וועלן דורך אים ווערן שטאַרקער און שעפערישער.

1923

# צו וואָס אַ סך מדינות?

איך האָב אַ באַזונדערע ליבע צו אוטאָפּיעס. זיי זײַנען פאַר מיר די בראַווסטע, די פרייליכסטע, די באַוועגלעכסטע קינדער פון דעם דענקען. ווען דער מענטשלעכער גייסט בויט אַבסטראַקטע סיסטעמען און לייזט טעאָרעטישע פּראָבלעמען, איז דאָס נאַטירלעך אַ געוואַלדיקער און וווּנדערבאַרער בײַשפּיל, אָבער ווען ער כאַפּט זיך מיט זײַן רעוואָלוציאָנערן מוט צו דער ווירקלעכקייט און צו ווײַזן די אַבסורדיקייט פון דער איצטיקער רעאַליטעט, דעמאָלט איז דער גייסט כמעט נאָך אימפּאָזאַנטער, נאָך שענער, נאָך מער צו באַוווּנדערן. אוטאָפּיעס — דאָס זײַנען די פאַקלען, די לייכטנדיקע צייכנס פון דער פרייהייט פון דעם מענטשלעכן גייסט. אין זיי פאַרניכטעט דער גייסט די ווירקלעכקייט און פאַרפעלט דאָך ניט צו בויען אַ נײַע וועלט. אין זיי שפּרינגט דער גייסט אַריבער די יאָרהונדערטער און בלײַבט דאָך אין דער רעאַלער וועלט. אין זיי דאָקומענטירט דער גייסט זײַן רעכט צו באַהערשן די רעאַליטעט און צו באַשטימען איר פאָרעם.

אוטאָפּיעס! — וויפל מען לאַכט פון זיי! און אפילו אַז איינער לויבט זיי שוין, רעכנט ער זיי אַריין נאָר אין דער קאַטעגאָריע פון דער קונסט. „אַ שיינע פאַנטאַזיע" — שמייכלט דער קלוגער מענטש, דער מענטש פון דער ווירקלעכקייט, און פילט זיך אויף אַזוי פיל העכער. און ער פאַרשטייט ניט, דער דאָזיקער פּראַקטיקער, אַז עס זײַנען ניטאָ קיין שטאַרקערע פּאָליטישע כוחות, ווי די אוטאָפּיע. אַלץ, וואָס ווערט געשאַפן אין דער פּאָליטישער וועלט, ווערט געשאַפן דורך דער קראַפט פון דער אוטאָפּיע. מענטשן האַנדלען לויט זייערע אינטערעסן, זאָגט מען. דאָס איז אמת, אָבער זיי שאַפן לויט זייערע אוטאָפּיעס. ווען אַ מענטש עסט, ווען ער באַפרידיקט זײַנע תאוות, ווען ער יאָגט זיך נאָך געלט, איז ער דער שקלאַף פון זײַנע אינטערעסן. אָבער ווען ער איז שעפעריש, ווען ער שאַפט עפּעס נײַעס, דעמאָלט איז ער דער דינער פון אַן אוטאָפּיע, פון אַ וויזיע,

וואָס ער האָט געזען אין זיין פאַנטאַזיע, וואָס ער בענקט נאָך איר און וויל זי רעאַליזירן.

ווילט איר ביישפּילן? די אוטאָפּיע פון דעם קריסטלעכן געטלעכן שטאָט פון אויגוסטוס האָט באַהערשט די גאַנצע פּאָליטיק פון מיטל־עלטער און געשאַפן דאָס גרויסאַרטיקע, רעליגיעז־פּאָליטישע וועלט־סיסטעם פון דעם מיטל־עלטער. רוסאָס אוטאָפּיע פון גלייכהייט, פרייהייט, ברידערלעכקייט, האָט באַזעלט די פראַנצויזישע רעוואָלוציע און געהאָלפן שאַפן די מאָדערנע דעמאָקראַטיע. און וואָס ווירקט אין אונדזערע טעג ווי די לעצטע און שטאַרקסטע קראַפט אין דער געוואַלדיקער רוסישער רעוואָלוציע, אויב ניט די אוטאָפּיע פון דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפטס־אָרדענונג, וואָס די געניאַלע פאַנטאַזיע פון קאַרל מאַרקס האָט זי געשאַפן? אָבער מיר דאַרפן גאָרניט אַזוי ווייט גיין. וואָס איז די נשמה פון דער מעכטיקסטער יידישער פאָלקס־באַוועגונג אין אונדזער צייט, דער ציוניזם, אויב ניט הערצלס אוטאָפּיע: "דער יידנשטאַט"?

דערפאַר לאָמיר האָבן אָן אָפּן אויג פאַר אוטאָפּיעס. אַז איינער רעדט צו אונדז וועגן "פּראַקטישע" ענינים, איז קיין אומגליק ניט, ווען מען הערט זיך צו אים ניט צו. אַזוי פיל מענטשן רעדן וועגן פּראַקטישע זאַכן, אַז מען פאַרלירט גאָרניט, ווען מען הערט איינעם ניט. אָבער אַז איינער קומט און מאָלט־אויס אַ נייע אוטאָפּיע, לאָמיר אויפמאַכן די אויגן און גוט באַטראַכטן זיין בילד. אפשר איז די דאָזיקע אוטאָפּיע דער אָנהייב פון אַ נייערווירקלעכקייט, פון אַ נייער צוקונפט?

מיט אַ פּאָר חדשים צוריק איז דערשינען אַ קליין ביכעלע אין דער דייטשער שפּראַך. עס הייסט: "די נאַציאָנאַלע סאָציעטעט — אַ בייטראַג צו דער לייזונג פון דער יידן־פּראַגע" (דאָס ביכל איז דערשינען אין פאַרלאַג פון די "פרייע ציוניסטישע בלעטער", היידעלבערג). דער מחבר, סאַדינסקי, איז ביז איצט אין גאַנצן אומבאַקאַנט דער ברייטער יידישער עפנטלעכקייט. דאָס ביכל פאַרנעמט אין גאַנצן אַ פּאָר בויגן אין קליינעם פאָרמאַט. אָבער אין די דאָזיקע פּאָר בויגן איז איבערגעגעבן אַ גרויסע אוטאָפּיע. עס ווערט דאָרט געשילדערט אַ בילד פון אַ גאַנץ נייער פּאָליטישער ווירקלעכקייט. אַ נייער פּרינציפּ פאַר דער אָרגאַניזירונג פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט ווערט פּראָקלאַמירט, און מיט דעם ווערט געוויזן אַ נייער וועג צו דער לייזונג פון דער יידן־פּראַגע. און דאָס אַלץ — אין קנאַפּע פינף בויגן.

דער געדאַנק פון סאַדינסקין איז אַ גאַנץ פּשוטער, און דאָס איז טאַקע דאָס טיפּישע פאַר זיין אוטאָפּיע. אַלע גרויסע אוטאָפּיעס זיינען באַגריינדעט אויף אַ פּשוטן, קלאָרן, עלעמענטאַרן פּרינציפּ. גאָט־שטאַט, דעמאָקראַטישע רעפּובליק, סאָציאַליסטישע געמיינשאַפט, פריי אַנאַרכיש צוזאַמענלעבן פון מענטשן אין קליינע גרופּעס, קאָמוניזם און אייגנטום־געמיינשאַפט — אין דער דאָזיקער פּשוטער, עלעמענטאַרער פאָרעם זיינען אַלע באַדייטנדיקע אוטאָפּיעס קאָנצעפּטירט און פּראָקלאַמירט געוואָרן. דער פּרינציפּ פון סאַדינסקין הייסט: פאָלק אַנשטאָט שטאַט, נאַציע אַנשטאָט מדינה. די מענטשן, זאָגט ער, זיינען איצט אָרגאַניזירט אין מדינות. זיי אונטערשיידן זיך פּאָליטיש לויט זייער מלוכהשער צוגעהעריקייט. דער דאָזיקער איינטיילונג־פּרינציפּ איז אָבער פאַלש. די מענטשן זיינען אין דער ווירקלעכקייט פאַרבונדן דורך זייער נאַציאָנאַל געפיל. די ווירקלעך קולטורעלע גרופּע איז ניט די מדינה, נאָר דאָס פאָלק. די פעלקער שאַפן די קולטור, ניט די מדינות. פאַר וואָס זאָלן ניט פעלקער אויך זיין די פּאָליטישע אָרגאַניזאַציע־פאָרעם פון מענטשן? איז דאָס ניט אַ משונהדיקער צושטאַנד, ווען די גאַנצע פּאָליטישע מאַכט ליגט ביי די מדינות, וואָס זיינען צופעליק אַנטשטאַנען, און ניט ביי די פעלקער, וואָס זיינען די נאַטירלעכע גרופּעס? אַלע קאַמפן צווישן די שטאַטן קומען פון דער סיבה, וואָס די פעלקער זיינען אַפּט צעוואָרפן אין פיל מדינות און ווילן זיך פאַראייניקן. דערפאַר דאַרף מען מאַכן אַ סוף מיט דעם שטאַט־פּרינציפּ. די מענטשן דאַרפן זיך אָרגאַניזירן לויט זייער נאַציאָנאַלער צוגעהעריקייט; די פּאָליטישע מאַכט דאַרף ווערן איבערגעגעבן צו די פעלקער. די מדינות וועלן נאָר בלייבן ווירטשאַפטלעכע און טעכנישע אָרגאַניזאַציע־פאָרמען, וואָס זיינען נייטיק פאַר דער טעריטאָריעלער און געאָגראַפישער איינטיילונג פון די מענטשן.

און אַזוי זאָל געשאַפן ווערן אַ פאַרטיילונג פון דער מאַכט און פון די געזעלשאַפטלעכע פונקציעס: אַלץ, וואָס איז נוגע דער פּאָליציי, דעם פאַרקער, די ווירטשאַפט, זאָל אַריין אין דער קאָמפּעטענץ פון דער מדינה; אַלץ, וואָס איז שייך קולטור, שפּראַך, דערציִונג — זאָל געהערן צו דער קאָמפּעטענץ פון דער נאַציע. יעטוועדע נאַציע זאָל זיך אָרגאַניזירן אַלס "נאַציאָנאַלע סאָציעטעט" מיט רעגירונגס־אָרגאַנען, וואָס זאָלן האָבן באַשטייער־רעכט און אַלע רעכט, וואָס עס האָט היינט נאָר די מדינה. קעגן דעם שטאַטס־פּרינציפּ, וואָס איז אַ טעריטאָריעלער, ווערט דער פאָלק־

פרינציפּ זיין אינטערטעריטאָריעל, ווייל פעלקער לעבן אָפט אין פיל לענדער. יעטוועדע נאַציע זאָל האָבן פּאָליטישע מאַכט איבער אירע נאַציאָנאַלע גלידער אין אַלע לענדער, ווו זיי לעבן.

און דאָ קומט סאַדינסקי צו דער יידן־פראַגע. מיר, יידן, זיינען דאָס טיפּישע פאָלק אָן אַ מדינה. האָבן מיר טאַקע געמיינט, אַז כדי צו ווערן אַן אמת פאָלק, דאַרפן מיר האָבן אַ מדינה, און אַזוי איז אַנטשטאַנען דער ציוניזם. דאָס איז אָבער נאָר טיילוויַיז ריכטיק — טענהט סאַדינסקי, וועלכער איז אַליין אַ ציוניסט. אוודאי דאַרף יעטוועדע נאַציע האָבן איר אייגן לאַנד, ווו זי זאָל זיך קענען קאָנצענטרירן. אָבער וואָס טוט מען מיט די גלידער פון דער נאַציע, וואָס לעבן ניט אין דעם לאַנד? מיר, יידן, וועלן קיין מאָל ניט — זאָגט סאַדינסקי — לעבן אַלע אין ארץ־ישראל. שטענדיק וועט אַ גרויסער טייל בלייבן אין גלות. זאָל דער דאָזיקער טייל פּאָליטיש בכלל ניט געהערן צום יידישן פאָלק? דערפאַר דאַרפן מיר פאַרלאַנגען שטאַרקער ווי אַלע אַנדערע פעלקער די פּאָליטישע אָרגאַניזאַציע פון די מענטשן לויט זייער נאַציאָנאַליטעט. אַ יידנשטאַט אין ארץ־ישראל איז ניט גענוג צו לייזן די יידן־פראַגע. דאָס איז נאָר אַ לייזונג פאַר די יידן, וואָס וועלן לעבן אין ארץ־ישראל. מיר דאַרפן האָבן אַ חוץ דעם יידנשטאַט אויך די פּאָליטישע סוווערעניטעט און מאַכט פאַר דער יידישער נאַציע אין דער גאַנצער וועלט. דאָס יידישע פאָלק דאַרף באַקומען די פּאָליטישע מאַכט איבער אַלע יידן אין אַלע לענדער; עס דאַרף ווערן געשאַפן אַ יידישע רעגירונג, וועלכער עס זאָלן זיין אונטערגעוואָרפן אַלע יידן, אויך אין גלות.

ווי אַלע אוטאָפּיסטן באַגנוגנט זיך ניט סאַדינסקי מיט די פּרינציפּיעלע פאָרשלאָגן, נאָר ער פאַרפאַסט גלייך אַ יורידישן סטאַטוס פון דער נייער וועלט־אָרדענונג און פון דער נייער פּאָליטישער יידישער נאַציע — מיט קאַפּיטלען, מיט פּאַראַגראַפן און אונטער־פּאַראַגראַפן. און עס פעלט אַפילו ניט דער לעצטער פּאַראַגראַף, וואָס זאָגט: דער דאָזיקער אַקט איז געשלאָסן און אונטערגעשריבן געוואָרן אין דעם און דעם טאָג. בקיצור, עס איז פאַרטיק, אויסגעאַרבעט מיט אַלע יורידישע פאָרמאַליטעטן. עס פעלן נאָר די אונטערשריפטן פון די פאַרטרעטער פון די רעגירונגען און פון די פעלקער...

ווי מען זעט — אַן אמתע אוטאָפּיע, מיט אַלע סימנים. די פּראַקטישע פּאָליטיקער, וואָס וועלן לייענען די שריפט, וועלן אוודאי שמייכלען

און טראַכטן: וואָס פאַר אַ נאַיווע מענטשן עס זיינען נאָך פאַראַן אויף דער וועלט! מיר אָבער דוכט זיך, אַז די געדאַנקען פון דער דאָזיקער אוטאָפּיע וועלן נאָך אַ מאָל זיין וויכטיקערע פּאָליטישע פאַקטאָרן, ווי אַלע פּראַקטישע פראַגן פון אַט די פּראַקטישע פּאָליטיקער. ווייל אין דער וויכטיקסטער גרונט־פראַגע האַלט איך סאַדינסקיס געדאַנק פאַר ריכטיק, פאַר אומגעהויער וויכטיק און פרוכטבאַר. עס שיינט מיר ניט צו זיין מער קיין ספק, אַז דער וועלטקריג האָט באמת באַדייט דעם באַנקראָט פון דעם מאָדערנעם שטאַט. אין דער ווירקלעכקייט האָט ער שוין לאַנג באַנקראָטירט. מיט דער אַנטשטייונג פונעם מאָדערנעם נאַציאָנאַליזם איז דער שטאַט, ווי די וויכטיקסטע געזעלשאַפט־פאָרעם פון מאַכט, באַזיגט געוואָרן. דער שטאַט איז קיין מאָל ניט געווען קיין קולטור־שאַפערישע קראַפט. קולטור האָבן געשאַפן די רעליגיעס, די נאַציעס, די גרויסע יחידים — קיין מאָל ניט די מדינות. די מדינה איז שטענדיק געווען אַ טעכנישער און אַ ווירטשאַפטלעכער פאַקטאָר. כל־זמן די מענטשן זיינען געווען עקאָנאָמיש און קולטורעל באַגרענעצט אין קליינע טעריטאָריעס, זיינען טעריטאָריעלע שטאַטן געווען נייטיק און זיי האָבן געהאַט אַ זין. די היינטיקע מענטשהייט איז אָבער באמת אינטערטעריטאָריעל פאַרבונדן. די מאָדערנע ווירטשאַפט איז אינטערנאַציאָנאַל, די מאָדערנע קולטור — אויך, דער פאַרקער — אוודאי. צו וואָס דאַרף מען נאָך טעריטאָריעלע שטאַטן? צו וואָס דאַרף מען נאָך פּופּציקערליי פּאָליציייען אויף דער וועלט, און פופציקערליי מינים פון באַאַמטע, ווען עס וואָלט געווען גאַנץ גענוג איין וועלט־פּאָליציי און איין צענטער פאַר די טעכנישע פראַגן פון פאַרקער און ווירטשאַפט? די שטאַטן זיינען היינט די שטערענישן פאַר דער פאַרשטענדיקונג פון די פעלקער און פאַר דעם פאָרשריט פון דער קולטור. און דערפאַר איז די פאָדערונג צו מאַכן אַ סוף צו דעם שטאַט־פּרינציפּ און צו שטעלן אויף זיין אָרט דעם פאָלקס־פּרינציפּ — דער וויכטיקסטער און באַדייטנדיקסטער פּאָליטישער געדאַנק פון אונדזער יאָרהונדערט.

איך ווייס, אַז די דאָזיקע אידעע איז היינט נאָך אַן אוטאָפּיע, אָבער מאָרגן און איבערמאָרגן וועט זי אָנהייבן ווערן ווירקלעכקייט — מער ווי אַלע נאַרישע קליינלעכע רעצעפּטן פון די פּראַקטישע פּאָליטיקער, וואָס רויִנירן היינט די וועלט.

און דערפאַר האַלט איך סאַדינסקיס בוך, וואָס אין אים איז די דאָזיקע אוטאָפּיע אַזוי איבערצייגנדיק, פאַר אַ באַדייטנדיקער פּאָליטישער דער־

שיינונג. ער האָט נאָר איין חסרון, אונדזער אוטאָפּיסט — וואָס ער איז ניט גענוג אוטאָפּיסט... ער האָט, דוכט מיר, מורא צו מאַכן לחלוטין אַ סוף מיט דעם שטאַט און ער לאָזט אים איבער אַ פּאָר פונקציעס: די ריין־טעכנישע עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג. די דאָזיקע פונקציעס דאַרפן ניט ווערן אויסגעפילט דורך הונדערט מדינות. עס איז גאַנץ גענוג איינע. אַ טיילונג פון דער מאַכט צווישן פאָלק און שטאַט איז ניט נייטיק: מען דאַרף דעם שטאַט אין גאַנצן פאַרבייטן דורך דער נאַציע. קיין שום קאָמפּראָמיסן ניט. וואָס ראַדיקאַלער אַן אוטאָפּיע איז, אַלץ שטאַרקער איז איר ווירקונג, אַלץ גרעסער איז איר רעאַלע שעפערישע פּאָליטישע באַדייטונג.

און אַ גרויסע רעאַלע פּאָליטישע באַדייטונג האָט, לויט מיין מיינונג, אויך דער יידישער פּראָיעקט פון סאַדינסקין פאַר דער נאַציאָנאַל־פּאָלי־טישער אָרגאַניזירונג פון דעם יידישן פאָלק. היינט איז אויך דאָס אַן אוטאָפּיע. זיכער איז עס אַזוי. אָבער לאָמיר ניט פאַרגעסן, אַז מיט צוואַנציק יאָר צוריק איז הערצלס יידנשטאַט אויך געווען אַן אוטאָפּיע.

איך בין דורכויס מסכים מיט סאַדינסקיס מיינונג, אַז ארץ־ישראל אַליין וועט ניט לייזן די יידן־פראַגע. דאָס יידישע פאָלק אין גלות דאַרף אויך זיין פּאָליטיש אָרגאַניזירט און פאַרבונדן מיט די יידן אין ארץ־ישראל. דאָס איז נאָר מעגלעך דורך אַ פּאָליטישער אָרגאַניזירונג פון דעם יידישן פאָלק ניט אויף דער באַזע פון דער טעריטאָריע ארץ־ישראל, נאָר אויף דער באַזע פון זיין אינטערנאַציאָנאַלן פאָלקסטום. אומעטום ווו יידן לעבן, דאַרפן זיי פּאָליטיש זיין אונטערגעוואָרפן דער מאַכט פון דער יידישער נאַציע. דאָס איז דער אידעאַל פון אונדזער נאַציאָנאַל־פּאָליטישער צוקונפט.

איך בין איבערצייגט, אַז די צייט דערפאַר וועט קומען. זי איז נאָך ניטאָ, אָבער זי קומט. סאַדינסקיס בוך איז היינט אַן אוטאָפּיע, אָבער עס וועט אַ מאָל זיין אַ בוך פון גאַנץ זעלבסטפאַרשטענדלעכע און נאַטירלעכע געדאַנקען. און קלוגע פּראַקטיקער וועלן דעמאָלט אַזוי רעדן, פּונקט ווי זיי וואָלטן דאָס פון שטענדיק געפאָדערט.

היינט וועלן די פּראַקטיקער נאַטירלעך לאַכן, סיי פון סאַדינסקיס אַלגעמיינע געדאַנקען, סיי פון זיינע יידישע פאָדערונגען. איך האָף, אַז דאָס לאַכן וועט אויף אים ניט האָבן קיין ווירקונג. אַן אמתער אוטאָפּיסט, אַזוי ווי יעדער אמתער דיכטער, האָט אין זיך עפּעס פון אַ קינד. און נאָר אַ נאַריש קינד וויינט, ווען גרויסע לאַכן פון אים. אַ קלוג קינד

לאַכט פון די גרויסע און האַלט זיי פאַר נאַראָנים, וואָס פאַרשטייען אים ניט. און דאָס קינד איז גערעכט. די טיפקייט און די שיינקייט, די ריינקייט און די פּאָעזיע פון אַ קינדישער נשמה פאַרשטייט טאַקע ניט דער פּראָסטער דערוואַקסענער מענטש, און פאַרט געהערט די צוקונפט דעם קינד, ניט דעם דערוואַקסענעם. אַזוי דאַרף אויך זיין דער אוטאָפּיסט — ער דאַרף לאַכן פון דעם געלעכטער פון די קלוגע פּראַקטיקער; ער דאַרף וויסן, אַז זיי קענען ניט פאַרשטיין די שיינקייט און די טיפקייט און די ריינקייט פון זיינע אוטאָפּיעס. און וויסן דאַרף ער, אַז די צוקונפט געהער פאָרט צו אים.

1923

# אויפלעבונג פון רעליגיע אין אייראָפּע

געטע האָט אַ מאָל געזאָגט, אַז די מענטשלעכע געשיכטע לאָזט זיך איינטיילן אין צוויי מינים תקופות. עס זיינען דאָ גלייביקע, רעליגיעזע תקופות, און אומגלייביקע, אומרעליגיעזע תקופות. "די גלייביקע תקופות — זאָגט געטע — דאָס זיינען די גרויסע, די שעפערישע, די פּראָדוקטיווע צייטן פון דער געשיכטע. די ניט־גלייביקע — דאָס זיינען די קליינע, די אומשעפערישע, די אומפּראָדוקטיווע צייטן". לויט געטעס דעפיניציע, קומען מיר איצט אַריין אין אַ גרויסער תקופה פון דער אייראָפּעישער געשיכטע, ווייל אַלע סימנים ווייזן, אַז עס הייבט זיך אָן אַ רעליגיעזע, אַ גלייביקע עפּאָכע.

דאָס פאַרגאַנגענע ניינצנטע יאָרהונדערט איז געווען איינע פון די אומגלויביקסטע, אומרעליגיעזסטע צייטן פון דער געשיכטע. אַלע טענדענצן פון דער וויסנשאַפט, פון דער פילאָזאָפיע, פון דעם סאָציאַלן און פּאָליטישן לעבן, זיינען געווען געווענדעט קעגן דער רעליגיע. די נאַטור־וויסנשאַפט איז געווען מעכאַניסטיש, די פילאָזאָפיע — מאַטעריאַליסטיש, אָדער רעלאַטיוויסטיש. די קונסט איז געווען גאַנץ און גאָר פאַרוואָרצלט אין דער נאַטור, אין דערווירקלעכקייט, פריי פון מעטאַפיזיק און סימבאָלן. די גרויסע פּאָליטישע באַוועגונגען פון דעם יאָרהונדערט — די נאַציאָנאַלע פון איין זייט — און די סאָציאַליסטישע פון דער אַנדערער זייט — זיינען געווען אַנטירעליגיעז. עס האָט כמעט אויסגעזען, ווי עס וואָלט זיך אָנגעהויבן די גסיסה פון דער רעליגיע, אַז זי הערט־אויף צו זיין אַ צענטראַלער פאַקטאָר אין דער אַנטוויקלונג פון דער קולטור־מענטשהייט.

ווי עס ווייזט זיך אַרויס, איז דאָס געווען אַן אילוזיע, אַ פאַלשע מיינונג. ווער עס באַטראַכט די גייסטיקע אַנטוויקלונג אין אייראָפּע אין די לעצטע צען יאָר, וועט קאָנסטאַטירן, אַז אַ גרויסע רעליגיעזע כוואַליע שלאָגט איצט דורך דעם גייסטיקן לעבן. אומעטום דערקענט מען סימנים פון אַ נייער רעליגיעזער אַנטוויקלונג. די פילאָזאָפיע איז אַרויס פון דער

הערשאַפט פון דעם מעכאַניש־מאַטעריאַליסטישן פּרינציפּ און ווערט ווידער גאַנץ מעטאַפיזיש. די ליטעראַטור און קונסט האָבן פאַרלאָזן די טענדענצן פון נאַטוראַליזם און זיי זיינען ווידער עקסטאַטיש, פאַטעטיש. די טראַנסצענדענטאַלע וועלט, דאָס אַבסאָלוטע, דאָס אייביקע, איז ווידער געוואָרן דער צענטער פאַר די וויזיעס פון דיכטער און מאָלער. דער עקספרעסיאָניזם האָט אַ דייטלעכע רעליגיעזע טענדענץ. צום בולטסטן אָבער דערקענט מען די דאָזיקע נייע רעליגיעזע אַנטוויקלונג אין דעם לעבן פון די קירכעס און רעליגיעס. אין לעצטן יאָרהונדערט זיינען די קירכעס אינערלעך געווען ווי אָפּגעשטאָרבן, איצט הייבן זיי אָן צו בליִען. באַזונדערס האָט אין קאַטאָליציזם זיך אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען אַ נײַ־קאַטוילישע ריכטונג, וועלכע האָט געוווּנען באַדייטנדיקע דיכטער און פילאָזאָפן, וואָס האָבן שוין געשאַפן אַ גרויסע נייע פילאָזאָפיע. פיל פון די בעסטע גייסטער פון דעם יונגן דור אין דייטשלאַנד און אין פראַנקרייך געהערן צו דער דאָזיקער ריכטונג.

אָבער אויך דער פּראָטעסטאַנטיזם לעבט איבער אַן אינערלעכע פאַרייִנ־גערונג. אַ גרויסער טייל פון דער יוגנט־באַוועגונג, וועגן וועלכער איך האָב שוין אַ מאָל געשריבן, אַרבעט פאַר אַן אויפלעבונג פון דער פּראָטעס־טאַנטישער רעליגיע. די באַדייטנדיקסטע און אינטערעסאַנטסטע דערשיי־נונגען און ווערק פון דער פילאָזאָפישער ליטעראַטור פון די לעצטע יאָרן האָבן אַ רעליגיעזע אָריענטאַציע. די צייט, ווען די געבילדעטע וועלט האָט געלאַכט פון דער רעליגיע און האָט געזען אין איר אַ צייכן פון רעאַקציע און אָפּגעשטאַנענקייט, איז שוין לאַנג פאַרביי. די דיכטער, די קינסטלער, די פילאָזאָפן, און אַפילו די פּאָליטיקאַניסטן, באַציִען זיך מיט אַכטונג צו רעליגיע און רעליגיעזע דערשיינונגען.

ס׳איז קיין ספק ניט, אַז אַ שטאַרקער רעליגיעזער דראַנג הערשט היינט אין אייראָפּע. שאַרפערע סימנים דערפאַר, ווי די טענדענצן אין דער פילאָזאָפיע און ליטעראַטור, זיינען די אומגעוויינלעכע דערפאָלגן, וואָס עס האָבן היינט אַלע רעליגיעזע סעקטעס און ריכטונגען. בעמט, למשל, די ״קריסטשען סייענס״, וואָס איז אימפּאָרטירט פון אַמעריקע. אין אַלע גרויסע שטעט געפינט מען היינט גרויסע געמיינדעס פון דער דאָזיקער באַוועגונג, גרופּעס, וואָס פאַרזאַמלען זיך אַ פּאָר מאָל אין וואָך און האַלטן אָפּ זייערע תפילות. און ווער עס מיינט, אַז גאָר אומגעבילדעטע מענטשן פון דער מאַסע געהערן צו אָט די געמיינדעס, האָט אַ טעות,

זיי באַשטייען על פּי רוב פון די בעסטע קרייזן, פון דער רייכער בורזשואַזיע, און איר טרעפט אין זייערע געבעט־שעהען זייער פיל געבילדעטע מענטשן.

נאָך דראַסטישער איז דער אומגעהויערער דערפאַלג פון דער אַנטראָ־פּאָזאָפיע, וואָס איז, באַזונדערס אין די לעצטע יאָרן, געוואָרן איינע פון די שטאַרקסטע גייסטיקע טענדענצן אין דייטשלאַנד און אין די אַרומיקע לענדער. אירע אָנהענגער באַשטייען אין גרעסטן טייל פון מיטגלידער פון די אַקאַדעמישע און געבילדעטע קרייזן. דאָס זיינען אַלץ סימנים פון אַ שטאַרקער רעליגיעזער באַדערפעניש, פון אַ טיפער בענקעניש נאָך אַ גלויבן, נאָך אַ נייעם רעליגיעזן אינהאַלט.

אויך אין דעם גייסטיקן לעבן פון מערב־אייראָפּעיִשן יידנטום זיינען אין לעצטן יאָרהונדערט די צייטן געווען די אַנטירעליגיעזסטע, די פריי־זיניקסטע, פון אַלע. מערב־אייראָפּעיִשע יידן זיינען געשטאַנען אין שפּיץ פון אַלע אַנטירעליגיעזע, פון אַלע פרייגייסטיקע באַוועגונגען. איצט געפינט מען יידישע דענקער אין דער פאָדערשטער ריי פון דער ניירעליגיעזער פילאָזאָפיע. באַזונדערס אין דער ניי־קאַטוילישער באַוועגונג טרעפט מען אַ סך געשמדטע יונגע יידן. דער פירער פון דער באַוועגונג, דער פילאָזאָף מאַקס שעטער איז דער זון פון אַ יידישער מוטער. אָבער אויך אין די קרייזן פון די באַוווסטזיניקע יידן, און באַזונדערס פון די נאַציאָנאַלע יידן, ווייזט זיך אַרויס דער איינפלוס פון די ניירעליגיעזע טענדענצן. אַזאַ דערשיינונג ווי מאַרטין בובער און זיין סיסטעם פון אַ רעליגיעז־באַגרינדעטן נאַציאָנאַליזם איז צו פאַרשטיין נאָר אויף דער באַזע פון דער אַלגעמיינער רעליגיעזער שטרעמונג. און ווען מען לייענט די ביכער וועגן יידנטום, וואָס זיינען דערשינען אין די לעצטע יאָרן, געפינט מען, אַז זיי זיינען אַלע שטאַרק רעליגיעז אָריענטירט. אויך אין דער נאַציאָ־נאַלער יידישער יוגנט אין מערב־אייראָפּע הערשט אַ רעליגיעזע טענדענץ.

די סיבהס פון דער אַלגעמיינער רעליגיעזער באַוועגונג זיינען קלאָר און נאַטירלעך. די וויסנשאַפט און דער מאַטעריאַליזם האָבן געפירט די אייראָפּעיִשע מענטשהייט צו אַ טיפער אַנטוישונג. זיי האָבן צוגעזאָגט צו געבן אַ לייזונג פון די וועלט־רעטענישן, און זיי האָבן דאָס ניט געטאָן. זיי האָבן צעשטערט די אַלטע דאָגמעס און געוואָלט אויפשטעלן נייע, וואָס זיינען געווען נאָך לעכערלעכער, ווי די אַלטע. די מאַטעריעלע איבער־קולטור האָט געפירט צו אַן אינערלעכער פאַרמאַטערונג. סענסאַ־

ציעס, די יאָגעניש נאָך גענוס און פאַרגעניגן, האָבן געבראַכט צו אַן איבערזעטיקונג, צו אַ מין זעלישן איבל. די נשמה איז געוואָרן פוסט, אָרעם. איז דעריבער אַנטשטאַנען אַ בענקעניש נאָך נייע אינהאַלטן. דער מענטש קען ניט לעבן נאָר מיט ברויט אַליין — דער דאַזיקער אַלטער כלל האָט ווידער אַ מאָל באַוויזן זיין ריכטיקייט. דער מענטש וויל האָבן אַן אָנשפּאַר אין דער טראַנסצענדענטאַלער, אין דער ניט־ערדישער וועלט. ער וויל האָבן אַ שייכות צו דעם אַבסאָלוטן. ער וויל וויסן, אַז זיין לעבן האָט עפּעס אַן אַבסאָלוטן ווערט, אַן אייביקן זין. ער באַגרייפט טאַקע מיט זיין פאַרשטאַנד, אַז ער קען קיין מאָל ניט דערגרייכן דאָס אַבסאָלוטע, אָבער זיין נשמה איז ניט צופרידן מיט דער דאָזיקער לאָגישער דערקענטעניש. נאָר זייער שטאַרקע און מוטיקע מענטשן קענען אָפּלעבן זייער לעבן מיט דער דאָזיקער טראַגישער איבערצייגונג. דער געוויינלעכער מענטש וויל, אַז מען זאָל אים ווייזן, אַז זיין לאָגיק איז אַ פאַלשע. ער פאַרלאַנגט, אַז מען זאָל אים ווייזן אַנדערע וועגן צו דעם אייביקן און ער איז גרייט צו אַקצעפּטירן אַפילו די נאַרישסטע ענטפערס אויף זיינע פראַגן. אָט אַזוי זעען מיר, ווי קלוגע, גייסטרייכע, טיף־געבילדעטע מענטשן לאָזן זיך פאַנגען פון די באַנאַליטעטן פון דער "קריסטלעכער וויסנשאַפט", אָדער פון די צעטומלטע, צעדרייטע ספּעקולאַציעס פון דער אַנטראָפּאָזאָפיע. זיי ווילן פאַרגעסן זייער לאָגיק, זיי ווילן מער ניט דענקען קלאָר און קאָנסעקווענט. דער אייביקער גרונט־מאָטיוו פון אַלע רעליגיעזע איבערלעבונגען: "איך גלייב, ווייל דאָס איז אַבסורד" — פייערט אַ נייעם טריומף.

די פּוסטקייט, די אָרעמקייט פון דער אייראָפּעיִשער נשמה און איר בענקעניש נאָך אַ מעטאַפיזישער פאַרוואָרצלונג, נאָך אַבסאָלוטע אינ־האַלטן — דאָס איז איין טיפע סיבה. די צווייטע סיבה איז — די אינערלעכע אינסטינקטלאָזיקייט פון דעם היינטיקן אייראָפּעיִשן גייסט. ער ווייס צו פיל, ער האָט שטודירט און געפאָרשט אַלע אייראָפּעיִשע קולטורן, ער האָט דורכגעלאָזט אַלע סענסאַציעס, ער איז געגאַנגען אויף אַלע וועגן — און האָט פאַרלאָרן דעם אייגענעם וועג. ער איז געבליבן אָן אינסטינקטן פאַר זיין אייגענער אַרט. ער איז גרייט אַלץ צו אַקצעפּטירן: וואָס פרעמדער, אַלץ בעסער; ער ווערט אַ קרבן פון יעדן היפּנאָז, ווען דער היפּנאָטיזירער איז נאָר גענוג שטאַרק. אַ פאַנאַטיקער קען אים פאַרפירן. אַ ליידנשאַפטלעכער עקזאָטיקער קען אים אַלץ סוגעסטירן.

באַטראַכט אָקערשט די גרינדער פון די מאָדערנע סעקטעס: זיי זיינען אַלע מינדערוועריקע גייסטער, אָבער מענטשן מיט אַ שטאַרקן ווילן, פאַנאַטישע נאַטורן. און דערפאַר טאָקע טראָגט די ניירעליגיעזע באַוועגונג אין איראָפע דעם כאַראַקטער פון אַ מישונג פון אַלע מעגלעכע רעליגיעזע ריכטונגען. גרופירט אַרום אַ נייעם נביא, אין אייגענע גרויסע רעליגיעזע איבערלעבונגען — זיינען די ניירעליגיעזע שטרעמונגען זייער אָרעם. זיי האָבן ניט געשאַפן קיין איינציקן אָריגינעלן געדאַנק. זיי קלייבן צוזאַמען רעליגיעזע באַגריפן פון אַלע אַלטע רעליגיעס און מישן זיי אויס אין אַ נייעם סיסטעם. בודיזם, קאָנפוציאַניזם, טאַאיזם, פּאַרסיזם — פון דעם יידנטום און קריסטנטום — שוין אָפּגערעדט, דאָס אַלץ געפינט מען אין די נייע ריכטונגען.

און דערפאַר טאָקע גלייב איך ניט אין דעם זיג פון דער נייער רעליגיעזער טענדענץ אין איראָפע. זי נערט זיך בלויז פון בענקעניש, פון ניט דערפילטע באַדערפענישן, פון פוסטקייט. איר פעלט די אָריגינאַליטעט, די קראַפט, די פּראָדוקטיווקייט. גרויסע נייע רעליגיעס ווערן געשאַפן דורך אַן אינערלעכער איבערפולטקייט, דורך רייכקייט, דורך אַ נייער רעליגיעזער איבערלעבונג. אין אָנהייב פון אַלע רעליגיעס שטייט די אַנטפּלעקונג, דאָס הייסט אַ נייע איבערלעבונג פון זייער שעפער. די היינטיקע רעליגיעזע באַוועגונגען האָבן ניט קיין אייגענע אַנטפּלעקונג. זיי האָבן ביכער און בילדונג, און אַ דיאַלעקטישע פעיִקייט צו פאַראייניקן די רעליגיעזע עלעמענטן פון אַלע ציטן — אין אַ נייער מישונג. דאָס איז אינטערעסאַנט, דאָס רייצט, אָבער אַ נייע רעליגיע קען דורך דעם ניט אַנטשטיין. עס איז מער אַ זאַך פון די געבילדעטע, פון די איבער־ראַפינירטע, פון די איבערגעזעטיקטע קרייזן, ניט קיין לעבנס־פראַגע פאַר די גרויסע מאַסן.

די מאַסן זאָרגן וועגן לויך־ און טאַריף־פראַגן און וועגן שטרייק־רעכט. זיי זיינען רעליגיעז אינדיפערענט. גרויסע שטאַרקע רעליגיעזע באַוועגונגען אַנטשטייען אָבער נאָר אין די מאַסן און דורך די מאַסן. זיי דאַרפן באַגייסטערונג, אַ פעיִקייט צו ברענגען קרבנות, ליידנשאַפט, פאַנאַטיזם — אַלץ אייגנשאַפטן, וואָס נאָר די מאַסן פאַרמאָגן זיי. דער געבילדעטער קען געבן וויסן, גייסטיקייט, דיאַלעקטיק, אינטעלעקט. מיט דעם שאַפט מען פילאָזאָפיע, ליטעראַטור, אָבער ניט קיין רעליגיע.

מיר דוכט זיך דעריבער, אַז די נייע רעליגיעזע באַוועגונגען וועלן

בלייבן באַגרענעצט נאָר אויף די געבילדעטע קרייזן. זיי װעלן בלייבן ליטעראַטור און זיי װעלן ניט װערן לעבן, װירקלעכקייט. זיי װעלן ניט שאַפן קיין נייע געשיכטלעכע עפּאָכע. עס פעלט דער גרויסער רעליגיעזער שאַפער, עס פעלן די ברייטע מאַסן, װאָס נאָר זיי קענען זיין דער װירקונג־באָדן פאַר דעם רעליגיעזן זשעני. די נייע רעליגיעזע טענדענץ איז נאָר אַן איבערגאַנג און אַ דורכגאַנג. איר רעזולטאַט װעט זיין אַ נייע פילאָ־זאָפיע, אַ נייע קונסט, אַ באַרייכערונג פון דעם אייראָפּעיִשן גייסט אָבער די אייראָפּעיִשע װירקלעכקייט װעט זי ניט באַהערשן, די צוקונפט פון דער אייראָפּעיִשער געשיכטע װעט זי ניט באַשטימען. אירע פאַרטרע־טער, אירע אידעאָלאָגן, אירע אַנזאָגער, װילן מער, װיפל זיי קענען. זייער בענקעניש איז גרעסער פון זייער קראַפט. זיי זאָגן־צו מער, װיפל זיי קענען מקיים זיין, זיי זיינען פאַלשע נביאים. אַן אמתע רעליגיע אָבער קען געשאַפן װערן נאָר דורך אמתע נביאים.

1922

## דער גייסט פון ענגלישן פּאַרלאַמענטאַריזם

ווער עס אָבסערווירט די פּאָליטישע אַנטוויקלונג אין אייראָפּע אין די לעצטע יאָרן, באַזונדערס די אַנטוויקלונג פון די פּאָליטישע אידעען, ווייסט, אַז מיר געפינען זיך היינט אין אַ קריזיס פונעם פּאַרלאַמענטאַריזם. דער גלויבן אין דעם פּאַרלאַמענטאַרישן סיסטעם ווי די בעסטע, פּראָגרעסיווסטע פאָרעם פון אַ פאָלקס־רעגירונג, איז ביי פיל מענטשן געוואָרן שוואַך, און גרויסע טיילן פון פאַרשיידענע פעלקער האָבן אָנגעהויבן צו באַצווייפלען דעם ווערט פון פּאַרלאַמענטאַריזם בכלל. אין דייטשלאַנד, אין איטאַליע און אויך אין פראַנקרייך זיינען שוין דאָ אַפילו שטאַרקע פּאַרטייען, וואָס דעקלאַרירן זיך אַלס אָפענע קעגנער פונעם פּאַרלאַמענטאַריזם און פּראָקלאַמירן דעם קאַמף קעגן אים.

אָבער אויב איינער וויל פאַרשטיין און זען דעם הויכן זין פון פּאַרלאַמענטאַריזם, דעם גייסט, וואָס האָט אים געשאַפן און דערהאַלטן, און וואָס, נאָך אַלעמען, וועט ער אים נאָך לאַנג דערהאַלטן — זאָל ער באַזוכן דעם ענגלישן פּאַרלאַמענט. ענגלאַנד איז דאָס קלאַסישע לאַנד פונעם פּאַרלאַמענטאַריזם, און ס'איז אויך דאָס לאַנד, ווו דער פּאַרלאַמענטאַריזם איז שטאַרק און געזונט און איז געבליבן שעפעריש ביזן היינטיקן טאָג. אין ערגעץ אויך האָט דער פּאַרלאַמענט ניט אַזוי פיל געשאַפן, ווי אין ענגלאַנד. די גרויסקייט און די מאַכט פון ענגלאַנד, פון ענגלישן וועלט־רייך, איז דער פּראָדוקט פונעם ענגלישן פּאַרלאַמענט. און ווער עס באַטראַכט דעם ווונדערבאַרן וועסטמינסטער־פּאַלאַץ, ווייסט און פילט, אַז דאָ געפינט ער זיך טאַקע אין דעם צענטער פון דעם ענגלישן וועלטרייך.

איך בין געווען אין פאַרשיידענע פּאַרלאַמענטן. איך האָב געהערט די מאָנאָטאָנע, נודנע רעדעס אין דעם דייטשן רייכסטאַג; איך האָב באַוווּנדערט די עלעגאַנטע רעטאָריק אין דעם "פּאַלעי בורבאָן" אין פּאַריז; איך האָב זיך צוגעקוקט צו די אויפגערעגטע דיסקוסיעס אין עסטרייכישן פּאַרלאַמענט און איך האָב בייגעוווינט די אידיליע פון דער אַרבעט פון

דעם שווייצאַרישן נאַציאָנאַל־ראַט, אָבער קיינער פון זיי לאָזט זיך ניט פאַרגלייכן מיט דעם ענגלישן פּאַרלאַמענט. שוין ריין־אויסערלעך דערזעט איר דעם אונטערשייד. אַלע פּאַרלאַמענטן קאָנצענטרירן זיך אין זייער זיצונגזאַל, אַרום דער רעדנער־טריבונע. אין ענגלישן פּאַרלאַמענט איז ניטאָ קיין טריבונע; יעדער רעדט פון זיין פּלאַץ. דער וווּנדערבאַרער אינטימער זאַל פון דעם פּאַרלאַמענט גרופּירט זיך אַרום דעם גרויסן טיש, וואָס שיידט אָפּ די רעגירונג־פּאַרטיי פון דער אָפּאָזיציע, און וואָס איז פול אָנגעפּאַקט מיט געזעצביכער און מיט די פּראָיעקטן, וואָס ווערן דיס־קוטירט. איר דערקענט גלייך, אַז אין דעם דאָזיקן פּאַרלאַמענט ליגט דער שווערפּונקט ניט אויף דעם רעדן, נאָר אויף דעם אַרבעטן, אַז מען רעדט דאָ, בכדי צו באַווירקן. עס פעלט די טריבונע, און עס פעלט דאָס פּובליקום. הויך, אויבן, איז דאָ פאַרן פּובליקום אַ קליינע גאַלעריע, ווו נאָר גאַנץ ווייניק מענטשן קענען געפינען אַ פּלאַץ, און קיינער פון די דעפּוטאַטן זעט זיי גאָרניט ביים רעדן. דאָס איז טאַקע דאָס כאַראַקטער־ריסטישע. אין אַלע פּאַרלאַמענטן רעדט מען צום פּובליקום, סיי צו די צוהערער, וואָס זיצן אויף דער גאַלעריע, און סיי צו די צענער טויזנטער, וועלכע וועלן מאָרגן לייענען די רעדע. דער פּאַרלאַמענט איז נאָר אַ מיטל צו רעדן צום פאָלק. מען רעדט "צו דעם פענצטער אַרויס". די רעדע אַליין איז טאַקע די הויפּטזאַך, און ניט דאָס, וואָס מען באַווירקט מיט איר.

אין דעם ענגלישן פּאַרלאַמענט איז דאָס אוממעגלעך. אַז ס'פעלט די טריבונע און אַז ס'פעלט די גאַלעריע, קענט איר דאָך ניט, אַפילו ווען איר ווילט, האַלטן רעטאָרישע רעדעס. אַ פּראַזע ווירקט לעכערלעך, ווען ס'פעלט די גאַלעריע און אַ מאַסן־פּובליקום. דאָ, אין וועסטמינסטער, רעדט דער דעפּוטירטער פון זיין פּלאַץ און רעדט טאַקע נאָר צו זיינע חברים. ס'איז אַ גאַנץ אַנדערע פאָרעם פון רעדן: ניט קיין רעטאָריק, ניט קיין פּראַזעאָלאָגיע, ניט קיין פּאַטאָס, אָבער דערפאַר לאָגיק, אַרגומענטאַציע, איראָניע, סאַרקאַזם, פּאָלעמיק — אַלץ סימנים פון אַ רעדע, וואָס וויל איבערצייגן, וואָס וויל עפּעס באַווירקן, וואָס האָט אַ באַשטימטן זאַכלעכן ציל. דער רעדנער אין ענגלישן פּאַרלאַמענט ווערט אָפט איבערגעריסן פון זיינע קאָלעגן, און ער לאָזט זיך גערן איבעררייסן, כדי צו ענטפערן אויף אַ פראַגע, כדי זיך צו דערמאָנען אַן אַרגומענט, וואָס ער האָט געהאַט פאַרגעסן, ווייל ער וויל מיט זיין רעדע איבערצייגן און ווירקן.

פון דעם נעמט זיך אויך די אייגנטימלעכע אינטימקייט פונעם ענגלישן

פאַרלאַמענט. דאָ איז ניט פייערלעך, ווי כמעט אין אַלע אַנדערע פאַרלאַמענטן, נאָר אינטים — מער אַ קלוב, ווי אַ פאַרלאַמענט. מען זיצט באַקוועם, געמיטלעך. מען גייט און מען קומט, מען פירט פריוואַטע שמועסן. עס פילט זיך, אַז דאָס איז דער אַרבעטספּלאַץ פון אַ באַשטימטער צאָל מענטשן, וואָס אַרבעטן צוזאַמען און פילן זיך סאָלידאַריש. ס'איז זייער כאַראַקטעריסטיש, אַז הגם אין דעם פאַרלאַמענט־זאַל איז פאַראַן אָרט נאָר פאַר דריי הונדערט מענטשן, איז די צאָל פון די דעפּוטאַטן מער ווי זעקס הונדערט. און דאָך וויל מען דעם זאַל ניט פאַרגרעסערן, בכדי ער זאָל ניט פאַרלירן זיין אינטימען כאַראַקטער פון אַן אַרבעטספּלאַץ און ניט ווערן אַ פאַרזאַמלונג־זאַל.

די דאָזיקע פאָרעם פון פאַרלאַמענטאַרישער אַרבעט האָט איין ציל: דאָס געפיל פון סאָלידאַריטעט און פאַראַנטוואָרטלעכקייט ביי די איינצלנע דעפּוטאַטן. דער אייראָפּעיִשער פאַרלאַמענטאַריזם איז טאַקע בעיקר נאָר דערפאַר דעגענערירט, ווייל דאָס דאָזיקע געפיל פעלט די מערסטע פון די פאַרטייען. די פאַרטיי איז געוואָרן ווichטיקער ווי דאָס פאַטערלאַנד, ווי די מדינה. אין ענגלאַנד איז אַזאַ דעקאַדענץ פון פאַרלאַמענטאַריזם ניט צו פילן. די מינדערהייט אין פאַרלאַמענט באַטראַכט זיך פונקט אַזוי פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער פאַרלאַמענטאַרישער אַרבעט, ווי די מערהייט. די מינדערהייט אַרבעט־מיט זאַכלעך. זי טראַכט ניט תמיד נאָר וועגן די נייע, קומענדיקע וואַלן, אין וועלכע זי האָפט צו ווערן אַ מערהייט. די מינדערהייט פילט זיך פאַקטיש פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די געזעצן, אַפילו ווען זי שטימט קעגן דער רעגירונג־פאַרטיי. זי איז טאַקע שטענדיק די לאָיאַלע „אָפּאָזיציע פון זיין מאַיעסטעט". די סיבה דערפון איז, וואָס די אָפּאָזיציע קען אַ ליאַדע טאָג אַליין שאַפן די רעגירונג, און זי ווייס, אַז זי וועט אפשר אַליין מוזן דורכפירן די קאָנסעקווענצן פון דער איצטיקער פּאָליטיק. דערפאַר פירט זי קיין מאָל ניט קיין אָבסטרוקציע, נאָר זי אַרבעט־מיט. אין דער דאָזיקער כאַראַקטעריסטישער דערשיינונג ליגט דער סוד פון דער וווּנדערבאַרער קאָנטינויִטעט פון דער ענגלישער פּאָליטיק. זי ווייס ניט פון ראַדיקאַלע, פּלוצלונגדיקע פאַרענדערונגען, ווייל די אָפּאָזיציע פון היינט איז די רעגירונג פון מאָרגן. זי פילט זיך שוין היינט ווי אַ האַלבע רעגירונג און איז באַטייליקט אין דער באַשטימונג פון דער פּאָליטיק. דערפון נעמט זיך אויך די אומגעהויערע אָנשטענדיקייט און לאָיאַליטעט, מיט וועלכער עס פירט זיך דער פּאָליטישער קאַמף אין ענגלאַנד. ניטאָ

קיין מאָל קיין זיגער און באַזיגטע, נאָר אַלע פילן זיך ווי טרעגער פון דער מאַכט, פון דער רעגירונג און זיי באַטראַכטן זיך ווי גלייכע. ענדע־רונגען, וואָס אין אַנדערע לענדער ווירקן זיי ווי רעוואָלוציאָנערע געשעע־נישן, קומען פאָר אין ענגלאַנד מיט אַזאַ נאַטירלעכקייט און רויִקייט, אַז קיינער פילט גאָרניט זייער געוואַלדיקע באַדייטונג.

דאָ ליגט דער סוד פון ענגלאַנדס גרויסקייט, פון איר קאָנטינויִטעט, פון איר קאָנסעקוועניץ, פון דער גראַדער ליניע אין איר אַנטוויקלונג: אין דער דאָזיקער סאָלידאַריטעט פון איר פּאַרלאַמענט, אין דער דאָזיקער מענטשלעכער אַנשטענדיקייט פון אירע פּאָליטישע קאַמפן.

דערפאַר איז דער באַזוך אין ענגלישן פּאַרלאַמענט אַזוי גוט, אַזוי וויכטיק פאַר אַלע, וועלכע הייבן־אָן צו צווייפלען אין דעם ווערט פון פּאַרלאַמענ־טאַריזם. מען דערקענט אין וועסטמינסטער, אַז דער פּאַרלאַמענטאַריזם איז טאַקע אַ גרויסאַרטיקע, ווונדערבאַרע, שעפערישע רעגירונגס־פאָרעם, אָבער נאָר דעמאָלט ווען ער שטיצט זיך אויף דער אַנטוויקלונג פון נאַציאָנאַלער סאָלידאַריטעט און מענטשלעכער אַנשטענדיקייט.

מען דערקענט, אַז די אַנדערע פעלקער, ביי וועלכע דער פּאַרלאַמענ־טאַריזם איז קאָרומפּירט און דעגענערירט, זיינען אין זייער אַנטוויקלונג אַוועק ניט ווייטער, ווי זייער מין פון פּאַרלאַמענטאַריזם. זיי האָבן דעם פּאַרלאַמענטאַריזם ניט גובר געווען, נאָר פאַרקערט — זיי זיינען נאָך ניט רייף געוואָרן פאַר אים. עס פעלן זיי נאָך די וויכטיקסטע אייגנ־שאַפטן, בכדי ריכטיק דורכצופירן דעם פּאַרלאַמענטאַריזם; זיי מוזן נאָך אַ סך לערנען, בכדי צו האָבן אַ גוטן, שעפערישן פּאַרלאַמענטאַריזם. זיי האָבן פון ענגלאַנד געלערנט די פאָרעם פון פּאַרלאַמענט, זיי דאַרפן אָבער לערנען פון ענגלאַנד אויך דעם גייסט פון די מאָראַל פון פּאַרלאַמענ־טאַריזם, בכדי פון אים צו מאַכן די גרויסאַרטיקע שטאָלצע רעגירונגס־פאָרעם פון ענגלאַנד.

1924

# מענטשן — ווען זיי רייזן

ווער עס וויל שטודירן מענטשן, זאָל אַ סך אַרומפאָרן: אין ערגעץ קען מען ניט באַטראַכטן די מענטשן אַזוי גוט, אַזוי שאַרף, און אין ערגעץ קען מען זיי ניט דערקענען אַזוי קלאָר און אַזוי טיף ווי אונטערוועגס. דער מענטש אין דער היים איז שטענדיק מאַסקירט, שטענדיק זעליש קאָסטיומירט. ער האָט כסדר אויסרעכענונגען, ער דאַרף פאָלגן אַלגעמיינע סאָציאַלע און מאָראַלישע געזעצן, ער איז נאָר אַ טייל פון אַ סיסטעם און ער מוז האַנדלען לויט די באַפעלן און נאָרמעס פון דעם סאָציאַלן סיסטעם. דער מענטש אין דער היים איז אַ סאָציאַל וועזן, און אינטערעסאַנט נאָר פאַר אַ סאָציאַל־פסיכאָלאָגישער באַטראַכטונג. דער מענטש אָבער אונטערוועגס איז טאַקע ער אַליין. דאָרט, ווו ער טרעט אַרויס פון זיין מיליע, פון זיין סיסטעם, ווו ער פילט זיך פריי, אַנאָנים, איינער אַליין אין אַ ים פון פרעמדע מענטשן, ווו קיינער קען אים ניט — דאָרט באַווייזט ער זיך, אַזוי ווי ער איז, ניט מאַסקירט, אָן פאָזעס און אויסגעלערנטע מאַניערן.

דערפאַר איז פאַרן פסיכאָלאָג און פאַר יעדן, וואָס די פאָרשונג פון דער מענטשלעכער נשמה איז פאַר אים די אָנגענעמסטע און אינטערעסאַנטסטע באַשעפטיקונג — ניטאָ אַ בעסערער פלאַץ, ווי אין די וואַגאָנען פון די אייזנבאַנען, ווי די דעקס פון די גרויסע ים־שיפן, ווי די וואַרטזאַלן פון די סטאַנציעס. דאָרט צו זיצן און זען פאַרבייגיין טויזנטער מענטשן, פון אַלע פעלקער, פון אַלע ראַסן, פון אַלע קלאַסן, פון אַלע באַרופן, פון אַלע טעמפעראַמענטן — איז איינע פון די שענסטע און אינטערעסאַנטסטע באַשעפטיקונגען אין דער וועלט.

נאַטירלעך נאָר פאַר דעם, וואָס האָט אַן אויג פאַר דעם, וואָס פאַרשטייט צו דערקענען אַ מענטשן לויט זיין קליידונג, לויט זיין האַלטונג, לויט זיין פיזיאָגנאָמיע און לויט זיין געזיכט־אויסדרוק.

ווער עס האָט געגנוג לאַנג זיך באַשעפטיקט מיט אַזאַ שטודיע, וועט

איינזען, אַז מען קען די מענטשן איינטיילן אין באַשטימטע קאַטעגאָריעס לויט זייער האַלטונג אויף דער רייזע, לויט זייער באַנעמונג אונטערוועגס.

אין אַלגעמיין קען מען איינטיילן מענטשן אונטערוועגס אין דריי גרויסע קאַטעגאָריעס. אין דער ערשטער קאַטעגאָריע גייען אַריין יענע טיפּן, וואָס רייזן און זיין אונטערוועגס ענדערט כמעט גאָרניט אין זייער האַלטונג — זיי בלייבן אונטערוועגס די זעלבע ווי אין דער היים. די בעסטע רעפּרעזענטאַנטן פון דעם טיפּ זיינען די ענגלענדער. אַ ביסל פּאַראַדאָקסאַל אויסגעדריקט, קען מען זאָגן, אַז דער ענגלענדער רייזט איבערהויפּט ניט. ער באַוועגט זיך, ער פאַרענדערט זיין אָרט דורך דער אייזנבאַן, אָדער דורך דער שיף. אָבער רייזן — אין דעם פּסיכישן זין פון דעם וואָרט — רייזט ער ניט, ווייל ער בלייבט דער אייגענער. ער נעמט מיט זיין הויז, זיין מיליע אויף דער רייזע; ער בלייבט אינערלעך שטענדיק אין ענגלאַנד. ער איז ווי איינער, וואָס זיצט אין וואַגאָן און מיינט באמת, אַז ער זיצט אויף איין אָרט, און אַז די קעגנשטאַנדן, די ביימער און פעלדער און הייזער — זיי לויפן פאַרביי אים. דערפאַר פירט זיך אויף דער ענגלענדער אומעטום ווי אַ היימישער, מיט דער זעלבער זיכערקייט און רו, ווי אין דער היים. ער איז אומעטום אין דער היים, און דערפאַר אומעטום פרעמד. ער דרינגט ניט אַריין אין דער פּסיכאָלאָגיע פון די פרעמדע נאַציעס, ווייל ער לעבט ניט מיט זיי, ווייל ער בלייבט אַן ענגלענדער, וואָס קומט אין באַרירונג נאָר מיט ענגלענדער. די לעבנס־פאָרמען און מאַניערן פון זיין סאָציאַלן און קולטורעלן סיסטעם זיינען ביי דעם ענגלישן מענטשן אַזוי שטאַרק, אַז ער קען פון זיי זיך ניט באַפרייען אַפילו אונטערוועגס. זיי זיינען אויפגעצווונגען און אויסגעאַרבעט, אָבער שוין געוואָרן פאַר אים נאַטירלעך און זעלבסטפאַרשטענדלעך. ער איז, אַזוי געזען, דער קולטיווירטסטער מענטש אויף דער ערד — דער, ביי וועמען די קולטיווירטקייט איז שוין געוואָרן נאַטור און ער קען גאָרניט עקזיסטירן אָן איר.

די גאַנצע גרויסקייט פון דער ענגלישער קולטור, איר געשלאָסנקייט, איר האַרמאָניע, איר פעסטקייט, ווייזט זיך אַרויס אין דעם, פּונקט אַזוי ווי איר טיפסטער חסרון — איר ענגקייט, איר איינזייטיקייט, איר מאָנאָטאָניע. עס פעלט איר כאַאָס, ווילדקייט, עלעמענטאַרע ליידנשאַפט. זי איז גרויסאַרטיק, כל־זמן מען בלייבט אין איר אַטמאָספער; זי איז אָרעם, ווען מען טרעט אַרויס פון איר קרייז און מען באַטראַכט זי פון אַ ברייטערן

האַריזאָנט. אַז איר באַטראַכט דעם ענגלענדער אונטערוועגס, דערקענט איר די גאַנצע ענגלישע קולטור, און אייער באַציִונג צו דעם ענגלענדער, ווען איר טרעפט אים אויף דער רייזע, איז די באַציִונג וואָס אַ פרעמדער האָט בכלל צו ענגלאַנד. איר האָט פאַר אים אַ גרויסן דרך־ארץ פאַר זיין זיכערקייט, פאַר זיין שטאָלץ, אָבער ער בלייבט אייך אין טיפסטן ווען פרעמד, שטום, ווייט, דער קולטורוויר־טסטער און פאָרט ניט קיין אייראָפּעער; אַ מענטש פאַר זיך, אַן אינדזל פאַר זיך.

פונקט דער היפוך פון דער דאָזיקער ערשטער קאַטעגאָריע איז די צווייטע. זי נעמט אַריין יענע טיפּן, וואָס דאָס רייזן, דאָס זיין אונטער־וועגס, פאַרענדערט זיי שוין צו־שטאַרק — די, וועלכע האָבן עפּעס אַ מורא פאַר דער פרעמד, וואָס פילן זיך ניט זיכער, וואָס פאַרלירן דעם באָדן אונטער די פיס, ווען זיי געפינען זיך אין דער פרעמד, און זיי באַנוצן זיך דערפאַר מיט אַלע מיני מיטלען, כדי צו דערשיינען זיכער און פעסט. דאָס זיינען מענטשן, וועלכע האָבן ניט קיין קאָנסעקוועטע האַלטונג אונטערוועגס, וואָס שפּרינגען פון איין אויפפירונג צו דער צווייטער, וואָס באַוועגן זיך צווישן עקסטרעמען, ווייל זיי פילן זיך ניט זיכער און שוואַך. צום בולטסטן רעפרעזענטירט דעם דאָזיקן טיפּ דער דייטש.

אַ דייטש אונטערוועגס איז אַ גאַנץ אַנדערער מענטש, ווי אין דער היים. קיין אַנדערער מענטש איז ער ניט דערפאַר, ווייל ער ווערט פרייער, באַטירלעכער, נאָר פאַרקערט — ווייל ער מאַסקירט זיך נאָך מער, ווייל ער נעמט־אָן אַלע פּאָזעס און האַלטונגען, כדי צו פאַרדעקן זיין שוואַכ־קייט, זיין ניטזיכערקייט. אַן ענגלענדער, אַז איר טרעפט אים אונטער־וועגס, דערקענט איר באַלד פון וואָס פאַר אַ סאָציאַלן קלאַס ער איז, ווייל ער באַהאַלט זיך ניט. ער פילט זיך זיכער, אַזוי ווי ער איז, און ער וויל גאָרניט פאַרבאַרגן. אַ דייטש אונטערוועגס וויל שטענדיק שפּילן דעם אַריסטאָקראַט, דעם מיליאָנער; ער נעמט־אָן אַ שטאָלצע פּאָזע, ער באַנוצט זיך מיט מאַניערן פון פרעמדע, וואָס ער וויל זיי נאָכמאַכן. ער איז שרייענדיק, ער קאָמאַנדעוועט, ביז ער פאַרלירט פּלוצלונג די האַלטונג און ווערט דערשראָקן, באַשיידן און הייבט־אָן צו קריכן אין זיך, פאַרביי־גיין נעבן אייך און אייך חנפענען. און אַזוי ווערט ער לעכערלעך, אַ מין קאַריקאַטור, און ער ווערט אומעטום ערגער באַהאַנדלט, ווי אַלע אַנדערע. ער שטופּט זיך אומעטום, ער רייסט זיך דורך, ער וויל שטענדיק זיין דער ערשטער, און צום סוף קריגט ער דעם ערגסטן פּלאַץ. צו דעם קומט נאָך

צו דאָס, וואָס ער האָט אַ זייער שטאַרקן באַוווסטזיין, אַז ער רייזט, אַז ער איז אונטערוועגס, און ער וויל וואָס מער פּראָפּיטירן פון זיין פאָרן, וואָס מער זען, וואָס מער לערנען. דערפאַר לויפט ער אומעטום, ווערט פון אַלץ נתפּעל, איז שטענדיק אין עקסטאַז, שטענדיק פאַרקאָכט, צעטומלט, פאַריאָגט — און ער ווערט אַ קאָמישע פיגור.

דאָס אַלץ איז די קאָנסעקוועץ פון דער שוואַכער, ניט־געשלאָסענער לעבנס־פאָרעם פון דעם דייטש אין דער היים. ער איז צו ווייניק קולטיווירט, כדי צו באַהאַלטן זיין לעבנס־פאָרעם אונטערוועגס, און צו פיל קולטיווירט, כדי צו זיין נאַטירלעך, עלעמענטאַר. ער איז צעריסן, האַלב פראַגמענטאַריש.

דער דייטש איז רייכער פון דעם ענגלענדער. אָבער עס פעלט אים דער צענטער, די באַזע, די פאָרעם. ער נעמט אַ סך מער אויף, ווי דער ענגלענדער, אָבער ער פאַרדייט דאָס ניט, און איז דערפאַר שטענדיק ווי אַ מענטש מיט אַ פאַרדאָרבענעם מאָגן. ער ווייסט אַלץ, ער איז דער בעסטער לעקסיקאָן אויף דער רייזע, פון אים וועט איר זיך דערוויסן, וואָס פאַר אַ באַן איר דאַרפט נעמען, וועלכע עס זיינען די אינטערע־סאַנטסטע דענקמאָלן אין אַ שטאָט, און ווען זיי זיינען געבויט געוואָרן, ער רעדט מיט אייך אויף אַלע שפּראַכן — בקיצור, ער איז פול מיט וויסן, איינדרוקן און געדאַנקען. אָבער מיט אַלץ צוזאַמען איז ער ניט סימפּאַטיש, און דער איינדרוק, וואָס ער מאַכט אויף אייך, איז דער איינדרוק, וועלכן די דייטשע קולטור מאַכט אויף דעם פרעמדן. איר באַוווּנדערט אים פאַר זיין רייכקייט, פאַר זיין טיכטיקייט, פאַר זיין ענערגיע, אָבער איר האָט אים ניט ליב. ער שטויסט אייך אָפּ דורך זיין צעריסנקייט, דורך זיין האַלבקייט. ער איז אַ ביסל ברוטאַל און אַ ביסל לעכערלעך. ער איז, מיט איין וואָרט, טראַגי־קאָמיש.

ערשט, ווען מען רוקט אָפּ אָן אַ זייט די צוויי קאַטעגאָריעס, וועגן וועלכע איך האָב נאָר וואָס גערעדט, בלייבט איבער די דריטע קאַטעגאָריע פון די אמתע רייזנדע, פון די מענטשן, וואָס זיינען באמת אונטערוועגס און פאַרלירן זיך דאָרט ניט, נאָר בלייבן טאַקע, וואָס זיי זיינען, נאָר נאַטירלעכער, פרייער, אָפענער, ווי זיי זיינען אין דער היים.

אָט די זיינען די אָנגענעמע פריינד אונטערוועגס: מענטשן מיט אָפענע אויגן און אָן אָפּן האַרץ. איר ווערט גיך באַקענט מיט זיי, און דאָך קריכן זיי אייך ניט אַריין אין די געדערעם. איר געפינט ביי זיי לייכט אַ האַרציקן טאָן פון באַקאַנטשאַפט און פריילעכקייט. דאָס זיינען די

מענטשן, וואָס בליִען־אויף אונטערוועגס, וואָס קומען אַנטקעגן ווי מענטשן, באַפרייטע פון קאָנווענציעס און פּאָזעס און מיט וועלכע עס אַנטוויקלען זיך היימישע באַציִונגען. דאָס זיינען מענטשן, וואָס באַפריינדן זיך אַזוי קריגן זיך, ליבן זיך און שעלטן זיך — און בלייבן ביי דעם אַלעם נאָטיר־לעך און ליבנסווערדיק. און וויפל פאַרבאָרגענע לעבנס־קראַפט, וויפל אונ־טערדריקטע ליידנשאַפט לעבט זיך אויס ביי זיי אונטערוועגס!

פרויען, וואָס האָבן זייער גאַנץ לעבן פאַרבראַכט אין בענקעניש נאָך עפּעס אַ גרויסער איבערלעבונג, פילן, אַז זייער שעה איז געקומען, און זיי וואַרפן זיך אַריין אין אַוואַנטורעס. מענער, וועמענס לעבן איז פאַרביי אין אַרבעט, אין פליכט, אין מי, דערוויסן זיך פּלוצלונג, אַז עס זיינען פאַראַן נאָך אַנדערע זאַכן אין לעבן, אַ חוץ אַרבעטן און פאַרדינען, און זיי ווערן יונג און לייכטזיניק. דאָס לעבן ווערט רייכער, שטאַרקער, באַוועגלעכער, פולער, און אין וויניק טעג ווערט מער געלעבט, שטאַרקער געלעבט, ווי אין דער היים — אין משך פון יאָרן. מען הייבט־אָן צו לעבן רייכער, פרייער, שענער, ווייל מען איז אונטערוועגס. און מען ווייסט, אַז באַלד־באַלד ענדיקט זיך די רייזע, און באַלד־באַלד איז מען ווידער אין דער היים מיט אירע געזעצן, פליכטן און אויסרעכענונגען.

דאָס דאָזיקע באַוווסטזיין, אַז דאָס פאָרן ענדיקט זיך באַלד, איז אַנט־שיידנדיק פאַר דער אינערלעכער איבערלעבונג פון דעם זיין אונטערוועגס. מען מוז וויסן, אַז מען האָט אַ היים, אַז ערגעץ־ווו איז מען ביי זיך, בכדי צו קענען פילן און איבערלעבן די גאַנצע שיינקייט און רייכקייט פון דעם זיין אונטערוועגס. און מיט דעם בין איך שוין ביי יענער לעצטער קאַטעגאָריע פון "מענטשן אונטערוועגס", וועלכע גייען ניט אַריין אין קיין שום אַנדערע קאַטעגאָריעס — ביי יענע מענטשן, וואָס דער "אונטער־וועגס" איז אויך זייער "אין דער היים" — ביי אונדז ייִדן.

מיר, ייִדן, זיינען אַ באַזונדערער טיפּ פון "מענטשן אונטערוועגס", ווייל מיר זיינען די איינציקע, וואָס זיינען כסדר אונטערוועגס, אויב אפילו ניט שטענדיק פאַקטיש, נאָר פּסיכיש. דער ייִד אונטערוועגס — דאָס איז אַ קאַפּיטל פאַר זיך, אַ לאַנג און גרויס קאַפּיטל, דער וויכטיקסטער קאַפּיטל פון דער ייִדישער פּסיכאָלאָגיע איבערהויפּט. מיר האָבן אַלע סימנים פון דעם מענטשן אונטערוועגס, נאָר מיט דעם אונטערשייד, וואָס די סימנים זיינען געוואָרן ביי אונדז אַזוי סטאַביל און פאַרוואָרצלט, ווי ביי אַנדערע — זייערע אייגנשאַפטן פון אין דער היים, ווייל אונדזער

אונטערוועגס איז דאָך אונדזער היים. מיר האָבן די גאַנצע ניט־זיכערקייט און אינערלעכע שוואַכקייט פון מענטשן אונטערוועגס, וואָס האָבן ניט קיין זיכערע, פעסטע לעבנס־פאָרעם אין דער היים און זיי וואָלטן דערפאַר געקענט ווערן צוגערעכנט צו דער צווייטער קאַטע־גאָריע, ווען ווען ווען וועלכער איך האָב געשריבן אויבן, ווען עס וואָלט ביי אונדז ניט געווען די ספּעציפישקייט, וואָס מיר זיינען אַזוי לאַנג אונטער־וועגס און מיר האָבן זיך אַזוי צוגעפּאַסט צו דעם, אַז מיר זיינען געוואָרן ווירטואָזן פון דער ניט־זיכערקייט, מייסטערס פון דער קונסט גובר צו זיין אָט די זעלישע שוואַכקייט און צו קענען זיך דורכבאַלאַנסירן דורכן לעבן.

אָט אַזוי זיינען מיר געוואָרן די פעיקסטע זשאָנגלערן פון אַלע פעלקער, די בעסטע דראָטן־גייער, די באַגאַבטסטע באַלאַנס־קונצנמאַכער אויף דער ערד. מיר האָבן אויסגעלערנט די מיטלען פאַר יעדער סיטואַציע, מיר ווערן מער ניט דערשראָקן פון קיין שום איבערראַשונג, מיר זיינען שטאַרקער, ווי יעדער שלעכטער צופאַל. מיר זיינען אַזוי ווירטואָז, אַז אַ סך פון אונדז פילן גאָרניט מער זייער ניט־זיכערקייט, אַז אַ סך מאַכן אַ טעות צוליב אונדזער דרייסטקייט, און זיי האַלטן אונדז פאַר שטאַרקער און זיכערער, ווי אַנדערע. מיר אַליין לאָזן זיך אַפילו אויך אָפט אָפּנאַרן און פאַרגעסן אונדזער הילפלאָזיקייט, אונדזער לופט־פּאָזיציע, אונדזער ניט־פאַרוואָרצלקייט, אונדזער שטענדיק זיין אונטערוועגס — ביז עס קומט אַ שעה פון חשבון־הנפש, עפּעס אַן אויסערגעוויינלעכע סיטואַציע, און מיר דערקענען אונדזער צעריסנקייט, אונדזער טראַגישע און שרעקלעכע לאַגע.

מיר זיינען כסדר אונטערוועגס. אָבער פון דער שיינקייט און רייכקייט פון דעם זיין אונטערוועגס קריגן מיר ווייניקער ווי אַלע, כמעט גאָרניט. מיר געניסן ניט פון אונדזער וואַנדערונג, מיר גייען פאַרביי די טויזנטער שיינקייטן פון אונדזערע רייזעס, מיר בלייבן אומבאַרירט פון די ווונדער אַרום אונדז, ווייל מיר האָבן ניט די רו צו געניסן פון זיי, ווייל אונדז פעלט די פרייַלעכקייט, די זאָרגלאָזיקייט צו ווערן גליקלעך דורך זיי.

די דאָזיקע רו האָט נאָר דער, וועלכער ווייסט, אַז ער האָט אַ היים. ער קען זיין יונג, לייכטזיניק, אַוואַנטוריש, ווייל ער ווייסט, אַז ער האָט אַ פעסטן און זיכערן האָפן, וווהין ער קען תמיד צוריקקערן. שיין און באַגליקנדיק איז די פרייהייט, דאָס געפיל, אַז איך טו דאָס, וואָס איך וויל

און וואָס איך קען. אָבער טאָן דאָס, וואָס איך מוז טאָן, איז שטענדיק שווער און ביטער. צווינגט אַ מענטשן צו די וווּנדערבאַרסטע שיינקייטן, צו די גרעסטע גליקן — און איר מאַכט אים אומגליקלעך. ווער עס איז אונטערוועגס דורך זיין פרייען ווילן, ווער עס ווייס, אַז ער קען יעדע מינוט אויפהערן רייזן און צוריקפאָרן אַ היים, דער קען געניסן פון זיין אונטערוועגס, אָבער ווער עס מוז וואַנדערן, דער קען נאָרליידן דערפון.

ניטאָ קיין שענערע זאַך, ווי דאָס אונטערוועגס פאַר דעם, ווער עס קומט פון זיין היים און קערט זיך צוריק צו זיין היים. ניטאָ קיין שרעקלעכערע זאַך, ווי דאָס זיין אונטערוועגס פאַר דעם, ווער עס קומט פון דער פרעמד און ענדיקט אין דער פרעמד.

1922

[ב]

# אין טעג פון אַנטשיידונג

# ציוניזם און ארץ־ישׂראל נאָכן חורבן
# פון אייראָפּעיִשן ייִדנטום

אַלץ, וואָס איך וועל זאָגן — און מיט אַ טייל פון מיינע אויספירן קענען אייניקע מסכים זיין און אַנדערע ניט — וועט זיין אַ מין טראַכטן הויך וועגן געוויסע אַספּעקטן פון דער נאָך־מלחמה־לאַגע, צו וועלכער מיר דערנענטערן זיך. און עס זיינען פאַראַן באַשטימטע אַספּעקטן, אַ טייל פון זיי צופרידנשטעלנדיקע און אַ טייל ניט־צופרידנשטעלנדיקע, מיט וועלכע די ציוניסטישע באַוועגונג אין אַמעריקע, די פירנדיקע ציוניסטישע גרופּע אין דער וועלט, וועט האָבן צו טאָן און זיך דאַרפן רעכענען נאָך דער מלחמה. און הגם מען קען נאָך איצט ניט מאַכן קיין פּראַקטישע אָדער באַלדיקע אויספירן פון דער דאָזיקער דיסקוסיע, שטייען מיר אָבער פאַר געוויסע רעאַליטעטן פון אַ צוקונפטיקער וועלט.

איך וואָלט געוואָלט קודם־כל מאַכן עטלעכע באַמערקונגען וועגן די ייִדן אין דער נאָכמלחמהדיקער וועלט. ד״ר ווייצמאַן האָט נעכטן וועגן דעם גערעדט. אָבער איך האָב מורא, אַז קיינער פון אונדז איז ניט געוואָרן שאָקירט, ווען מיר האָבן געהערט, אַז 25% פון די ייִדן אין אייראָפּע קענען גיין פאַרלאָרן. איך האָב מורא — וואָס עמעצער פון אונדז זאָל ניט זאָגן — אַז דאָס אַנטשפּרעכט ניט דער ווירקלעכקייט פון דער לאַגע, ווייל קיינער פון אונדז האָט ניט וועגן דעם קיין רעאַלן באַגריף. די ייִדן, וועלכע לעבן היינט־צו־טאָג אונטער דעם טיראַנישן היטלער־רעזשים, זיינען אָפּגעשלאָסן, פאַרשפּאַרט און אָפּגעזונדערט פון דער וועלט. קיינער פון אונדז ווייס ניט, וואָס עס קומט פאָר ביי זיי, און די טראַגעדיע איז נאָך ניט פאַרענדיקט, ווען אַפילו די מלחמה זאָל ניט לאַנג דויערן.

ווער קען פאָרויסזאָגן, וואָס דער נאַצי־רעזשים, ווען ער וועט זיך געפינען אין דער לאַגע פון אַן אַרומגערינגלטן גזלן, וועט טאָן צו גאַנץ אייראָפּע און צו די ייִדן אין דעם לעצטן מאָמענט, פאַר זיין שענדלעכן צוזאַמענברוך? אָבער אַפילו ווי די לאַגע איז איצט, דערגייען צו אונדז

באַריכטן, וואָס רופן יעדעס מאָל אַרויס ביי אונדז אַ נייעם שוידער און אַ נייעם שאָק. פאַראַן ידיעות, אַז אין וואַרשעווער געטאָ ווערן אויס־געהרגעט 8,000 יידן אַ טאָג. אַ מאַן, וואָס איז געקומען פון רומעניע דעם לעצטן דעצעמבער, האָט איבערגעגעבן, אַז פון דעם מיליאָן יידן אין דעם פאַרמלחמהדיקן רומעניע, זיינען פאַרבליבן ווייניקער פון פיר הונדערט טויזנט. דאַרף מען ניט זיין קיין גרויסער מאַטעמאַטיקער אויסצורעכענען, וואָס עס קען זיין דער רעזולטאַט פון אַזאַ מוראדיקן פראָצעס, אויב ער זאָל אַזוי אָנגיין נאָך אַ יאָר, צוויי אָדער דריי.

צום גליק פאַר אונדז זיינען אַ סך מזרח־אייראָפּעיִשע יידן אַנטלאָפן קיין סאָוועט־רוסלאַנד. עס קען זיין, אַז דאָרט געפינען זיך איצט אַ האַל־בער מיליאָן אָדער אַ מיליאָן יידן. זיכער זיינען דאָרט אויך פאַראַן צענדליקער טויזנטער, אויב ניט הונדערט טויזנט באַלטישע אָדער רומע־נישע יידן, וועלכע זיינען אַהין אַנטלאָפן. אָבער פון דער אַנדערער זייט — צי ווייסן מיר דען ניט וועגן ערטער און שטעט, וואָס היטלער האָט פאַר־נומען אין סאָוועט־רוסלאַנד? ווען איר לייענט די נעמען פון אַזעלכע שטעט, ווי מינסק, פּינסק, קיעוו, אָדעס — כאַפּט אייך אַרום אַ נייער פּחד. זיי זיינען דאָך געווען צענטערס פון יידישן לעבן. די סאָוועט־רעגירונג האָט עוואַקויִרט אַ סך יידן, אַפילו מער יידן ווי ניט־יידן, און עס קומט איר דערפאַר אָנערקענונג. אָבער ביי דעם אַלעם ווייסן מיר, וואָס עס מיינט די עוואַקואַציע פון אַ ציווילער באַפעלקערונג פון מיליאָנען נפשות אין דעם מאָמענט פון אַן אַגרעסיע.

וויפל הונדערטער טויזנטער יידן זיינען ביז איצט אומגעקומען אונטערן נאַצי־רעזשים? איר לייענט בלויז עטלעכע פון די דערקלערונגען פון מאָלאָטאָוו, וואָס גיט אָן ציפערן, אַז אויף איין אָרט זיינען דערהרגעט געוואָרן דרייסיק טויזנט יידן, אויף אַ צווייטן אָרט — פערציק טויזנט — און דאָס בילד פון די אומגעקומענע יידן אין די אייראָפּעיִשע לענדער ווערט בולט און מוראדיק.

אָבער ווען מיר זאָגן דאָס אַלץ און ציִען די אויפמערקזאַמקייט פון די יידן אין דער מערב־אַטמאָספער און פון די יידישע יישובים אין דער גאָרער וועלט אויף די דאָזיקע טראַגישע פאַקטן, וועלכע זיינען פאַקטן — מיינט דאָס נאָך ניט, אַז מיר האַלטן אַז עס וועט ניט זיין מער קיין אייראָפּעיִש יידנטום. איך דאַרף זיך ניט פאַרטיידיקן אין דעם ענין. איך בין זיכער, אַז אַ טייל פון די יידן אין אייראָפּע וועלן אַרויס פון דער

דאָזיקער מלחמה מאָראַליש געשטאַרקט — און ד״ר ווייצמאַן האָט נעכטן וועגן דעם גערעדט. דאָס אייראָפּעיִשע יידנטום וועט ווידער ווערן אַ וויכ־טיקער און פירנדיקער פאַקטאָר אין דער גאַנצקייט פון יידישן לעבן. מיט אַלע ליידן, וועלכע זיי וועלן האָבן דורכגעמאַכט; מיט דעם גאַנצן שווידער, דורך וועלכן זיי וועלן האָבן דורכגעגאַנגען — וועלן אַ סך פון זיי אַרויסקומען ווי יידישע העלדן פון אַ טיפּ, וועלכן מיר האָבן ניט געהאַט פריִער. פון די געטאָס וועלן אַרויסקומען יידן־קדושים, און בייע גייסטיקע איינפלוסן און טענדענצן וועלן אַרויספליסן פון דער יידישער יוגנט, וואָס וועט באַווייזן איבערצולעבן די טראַגישע צייטן פון געטאָ.

אָבער מיר טאָרן ניט אָפּנאַרן זיך אַליין און אַנטלויפן פון די רע־זולטאַטן פון די דאָזיקע טראַגישע פאַקטן. מיין מיינונג איז, אַז אויב מיר זאָלן שטעלן אין אַ זייט די דריי און אַ האַלב ביז פיר מיליאָן יידן, וועלכע — ווי איך האָף — מיר האָבן נאָך אין סאָוויעט־רוסלאַנד, און מיר שטעלן זיי אָן אַ זייט דערפאַר, ווייל זיי זיינען פאַר זיך אַליין אַ פּראָבלעם, וועלכן איך וועל באַהאַנדלען — קענען בלייבן אין אייראָפּע נאָך דער דאָזיקער מלחמה דריי אָדער דריי און אַ האַלב מיליאָן יידן. און זיי וועלן אַרויסקומען פון דער דאָזיקער מלחמה אָרעם און פיזיש אָפּגעשוואַכט. און מיר ווייסן ניט וועגן די גייסטיקע טענדענצן, וואָס זיי וועלן אַנטוויקלען.

איך בין זיכער, ווי איך האָב שוין געזאָגט, אַז עס וועלן אַרויסקומען גרויסע פיגורן אין יידישן לעבן — ניט בלויז קיין איינצלנע. אָבער מיר זיינען מענטשן ווי אַלע מענטשן, און אַזעלכע קריטיש מוראַדיקע צייטן טיילן־אָפּ די שטאַרקע פון די שוואַכע. דער שטאַרקער ייד, וואָס האָט געלעבט אין וואַרשעווער געטאָ, אָדער איז געווען פאַרשפּאַרט אין קאָנ־צענטראַציע־לאַגער אין דאַכאַו, וועט אַרויסקומען אַ העלד און אַ הייליקער. אָבער שוואַכערע מענטשן קענען אַרויסקומען צעבראָכענע אין גייסט, און ביי אַ טייל פון זיי קען אַפילו אַנטשטיין דער ווילן צו אַנטלויפן און פאַרגעסן דאָס אַלץ, ווען עס וועט אויסשלאָגן די שעה פון באַפרייונג. מען דאַרף זיך אויך רעכענען מיט דער טענדענץ פון אַסימילאַציע ביי באַשטימטע טיילן יידן. איך זאָג דאָס דערפאַר, אַז קיינער פון אונדז זאָל ניט מיינען, אַז מיר וועלן פון דער דאָזיקער מלחמה אַרויסקומען אַלע פאַראייניקט אין אַ ציוניסטישער אָנשטרענגונג. עס איז ניט אַזוי פּשוט.

עס וועלן שטענדיק זיין יידן, און באַזונדערס נאָך דער איצטיקער

מלחמה, וואָס וועלן זוכן נאָר איין זאַך — אַנטלויפן פון דעם גאַנצן קאָשמאַר, פאַרגעסן וועגן דעם און זיך אָפּרייסן פון יידישן לעבן. אַזוי זעט עס אויס ביי יידן אין גלות. מיר זיינען קיין מאָל ניט פאַראייניקט אַרום איין אידעאַל. דער דאָזיקער פּרינציפּ, אַז אַ געוויסער טייל רייסט זיך אָפּ, אָבער דער אַנדערער טייל ווערט שטאַרקער און בעסער, וועט ווייטער אָנהאַלטן און זיך באַציִען אויך אויף דער לאַגע נאָך דער מלחמה. מיר דאַרפן זיך רעכענען מיט די דאָזיקע טענדענצן.

פאַר וואָס צי איך די אויפמערקזאַמקייט אויף דעם דאָזיקן טרויעריקן בילד? ווייל איך מיין, אַז מען דאַרף דערפון מאַכן די געהעריקע אויספירן.

דער ערשטער אויספיר איז — און איך האָב מורא, אַז אַ סך פון אייך וועלן ניט מסכים זיין מיט מיר — אַז מיר דאַרפן ניט מגזם זיין די צאָל יידן, וועלכע וועלן באַלד נאָך דער מלחמה זיך אַוועקלאָזן קיין ארץ־ישראל. איך גלייב ניט, אַז עס העלפט אונדז פּאָליטיש, ווען מיר רעדן וועגן פינף אָדער זעקס מיליאָן יידן, וואָס וועלן דאַרפן פאָרן קיין ישראל אין משך פון צען יאָר.

מיין פריינד דוד בן־גוריון קען מיך איבערצייגן — און עס איז ניט נייטיק אַז מען זאָל מיך איבערצייגן — אָבער איך האָב געהערט אויפמערקזאַם זיין לאָגישן, זיין קרישטאָל־קלאָרן אַנאַליז. איך בין געווען זייער צופרידן צו הערן, וואָס ער האָט געזאָגט, אָבער איך צווייפל אין דעם, צי אַ סך שטאַטסלייט אין דער וועלט וועלן מסכים זיין, אַז מיט אונדזער מאַגישן כוח, וואָס מיר האָבן אין ארץ־ישראל צו טראַנספאָרמירן דאָס לאַנד און צו פאַרשטאַרקן זיין אויפנאַם־פעיִקייט, וועלן מיר באמת קענען אַריבער־פירן קיין ארץ־ישראל פינף אָדער זעקס מיליאָן יידן אין משך פון צען יאָר. איך מיין ניט, אַז אַ סך פון זיי וועלן אונדז דאָס גלייבן, און איך האַלט ניט, אַז די דאָזיקע ציפערן זיינען פּראַקטישע. דאָס ברענגען צוויי מיליאָן, צוויי און אַ האַלב מיליאָן יידן קיין ארץ־ישראל אין משך פון צען יאָר איז אויך אַ טיטאַנישע אויפגאַבע, און איך וואָלט שוין געוואָלט דערוואַרטן דעם טאָג, ווען מיר וועלן קענען זאָגן, אַז מיר האָבן דאָס דורכגעפירט. איך צווייפל ניט אין דעם, אַז מיר וועלן דאָס דורכפירן, אָבער לאָמיר ניט אונטערשאַצן דעם פאַרנעם פון דער דאָזיקער אויפגאַבע.

און איך וואָלט געוואָלט מאַכן נאָך אַן אויספיר: נאָך דער דאָזיקער מלחמה וועלן מיר האָבן אין אייראָפּע אַן עיקר־אויפגאַבע — אויסצו־ברייטערן די ספערע פון יידישן לעבן, און דאָס מיינט אַריינצוברענגען

דאָס רוסישע יידנטום אין דער ראַם פון אַלגעמיינעם יידישן לעבן אין אייראָפּע.

לויט מיין מיינונג וועט דאָס זיין די וויכטיקסטע אינערלעכע יידישע אויפגאַבע אין דער נאָך־מלחמה־סיטואַציע. איך ווייס ניט וועגן קיין גרעסערן קלאַפּ, וואָס מיר האָבן באַקומען אין יידישן לעבן זינט דעם ערשטן וועלטקריג, ווי די סעפּאַראַציע פון די רוסישע יידן, דעם בעסטן טייל פון יידישן פאָלק אין דער וועלט. איך זאָג דאָס ניט דערפאַר, ווייל איך געהער אויך צו אים, נאָר ווייל דאָס זיינען די יידן, וואָס האָבן די פאַרגאַנגענע יאָרצענדליקער אַרויסגעגעבן די מערסטע אידעאַליסטישע כוחות פאַרן ציוניזם און פאַרן יידישן לעבן בכלל.

די איזאָלירונג פון רוסישן יידנטום; דער פאַקט, וואָס זיי זיינען אָפּ־געריסן געוואָרן פון אונדז קעגן זייער ווילן — איז געווען אַן אומגע־הויערער פאַרלוסט פאַר אונדז. און שוין יאָרן ווי איך טראַכט, אַז עס איז איינע פון אונדזערע עיקר־אויפגאַבן צו באַמיען זיך זיי צוריקצו־ברענגען.

דאָס האָט אויסגעזען צו זיין אוממעגלעך אַזוי לאַנג ווי סאָוועט־רוסלאַנד איז פאַרבליבן אין דער פּאָזיציע פון אַן איזאָלאַציאָניסטישער גרויסמאַכט, וועלכע האָט ניט געוואָלט האָבן קיין שום שייכות מיט דער דרויסנדיקער וועלט. די דאָזיקע לאַגע האַלט זיך ביים ענדערן. סאָוועט־רוסלאַנד, וועלכע איז היינט־צו־טאָג באַטייליקט אינעם קאַמף פון די פרייהייט־ליבנדיקע פעלקער און וועלכע וועט, אויב די דעמאָקראַטיעס וועלן זיגן, ווערן איינע פון די פירנדיקע גרויסמאַכטן אין דער וועלט — וועט ניט קענען זיך דערלויבן צו בלייבן ווייטער אין אַן איזאָלאַציאָניס־טישער פּאָזיציע. און אין דעם מאָמענט ווען רוסלאַנד וועט צוריק קומען אין דער משפחה פון די פעלקער פון דער וועלט, איז פאַראַן אַן אויסזיכט, אַז אויך דאָס רוסישע יידנטום זאָל קענען אַרויס פון דער סעפּאַראַציע. איך זאָג ניט, אַז עס איז פאַראַן אַזאַ גאַראַנטיע, איך זאָג ניט, אַז דאָס איז אַ לייכטער ענין. און די פון אונדז אין ארץ־ישראל, וועלכע האָבן געגלייבט, אַז מיטן מאָמענט ווען סאָוועט־רוסלאַנד איז אַריין אין קריג, איז שוין אַלץ געוואָרן גוט און ווויל, און אַז מיר וועלן קענען שיקן דעלעגאַציעס קיין סאָוועט־רוסלאַנד — זיינען ביטער אַנטוישט געוואָרן.

דאָס איז זייער אַ לאַנגער און זייער אַ לאַנגזאַמער פּראָצעס. און עס איז לחלוטין ניט פאַראַן קיין גאַראַנטיע, אַז עס וועט זיך אונדז איינגעבן

דאָס דורכצופירן: אָבער איך זאָג, אַז עס וועט זיין איינע פון די הויפּט־אויפגאַבן פון אייראָפּעיִשן יידנטום, אויסצוברייטערן די ספערע פון יידישן לעבן און אַריינצונעמען די דריי און אַ האַלב אָדער פיר מיליאָן סאָוועטיש־רוסישע יידן, פון וועלכע אַ סך זיינען שוין אַסימילירט, און וועמענס יוגנט מיר האָבן אין אַ גרויסער מאָס שוין פאַרלאָרן. אָבער, אויב דער סאָוועטישער רעזשים וועט אונדז דערלויבן אַנצוהאַלטן אַ קאָנטאַקט מיט די רוסישע יידן און איינשטעלן מיט זיי באַציִונגען, ווייס איך, אַז די יידישע כוחות אין סאָוועט־רוסלאַנד זיינען, ניט געקוקט אויף די צוואַנציק יאָר פון קאָמוניסטישע איינפלוסן, געבוג שטאַרק און טיף, אַז הונדערטער טויזנטער רוסישע יידן וועלן צוריקקומען און אַרבעטן צוזאַמען מיט אונדז פאַר אַ יידישער צוקונפט און פאַר אַ יידיש ארץ־ישראל.

איך וויל מאַכן נאָך אַ באַמערקונג. איינע פון די הויפּט־קאָנסעקווענצן פון דער אידעע, וואָס איך האָב דאָ אַרויסגעבראַכט, וועט זיין די נויטווענדיקייט נאָך דער מלחמה — נאָך דער מלחמה מער, ווי ווען־עס־איז — צו שטאַרקן די איינִיקייט צווישן די יידן אין דער גאַרער וועלט — אויך דערפאַר, ווייל דאָס אייראָפּעיִשע יידנטום וועט זיין קלענער אין צאָל און שוואַכער עקאָנאָמיש; און צוליב די אַלע גייסטיקע געפאַרן, אויף וועלכע איך האָב דאָ אָנגעוויזן, וועט זיין נייטיק אויפצוהאַלטן און צו שטאַרקן די קאָנטאַקטן צווישן די פאַרשיידענע יידישע יישובים אין דער וועלט. דער פּרינציפּ און די אידעע פון יידישער סאָלידאַריטעט וועלן ווערן מער וויכטיק ווי ווען־עס־איז פריִער.

די דאָזיקע אידעע וועגן יידישער קאָאָפּעראַציע און יידישער סאָלידאַריטעט האָט געפירט צו אַ סך מיספאַרשטענדענישן ביים אַמעריקאַנער יידנטום. און איך וואָלט געוואָלט אויסנוצן די דאָזיקע געלעגנהייט — טאַקע דערפאַר ווייל איך ווער דורך פיל מענטשן באַטראַכט פאַר דעם אידעאָלאָג פון אַזוי־גערופענעם גלות־נאַציאָנאַליזם — צו מאַכן קלאָר, אַז ניט דער ציוניזם און ניט קיין שום אַנדער באַוועגונג, וואָס איז פאַרבונדן מיטן ציוניזם, האָט ווען־עס־איז באַטראַכט דאָס יידישע פאָלק אין גלות פאַר איין פּאָליטישע נאַציע, אין דעם זין ווי דער דאָזיקער באַגריף ווערט דאָ באַנוצט — מיט וועלכער־עס־איז פּאָליטישער אויטאָריטעט.

איך האָב ניט בדעה אַריינצולאָזן זיך דאָ אין אַ דיסקוסיע וועגן דער דעפיניציע פון יידישן פאָלק. איך זע דאָ מיין אַלטן פריינד קורט בלומענ־

פעלד, און ער וויסט, אַז ער און איך האָבן אומנוצלעך אַוועקגעגעבן געגנוג יאָרן פון אונדזער לעבן, צו דערקלערן צווישן דייטשע ייִדן די דעפיניציע פון יידישן פאָלק. און די דייטשן זיינען גרויסע מייסטערס אין אַזעלכע ענינים. איך מיין, אַז עס איז ניט פאַראַן קיין שום דעפיניציע מחוץ פון דער העברעיִשער שפראַך, וואָס זאָל זיין אַזוי צוגעפּאַסט צו דער איינציקאַרטיקער סטרוקטור פון אָט דעם פאָלק, וואָס איז אַ יחיד במינו און וואָס רופט זיך "יידן". מיר זאָגן אין העברעיִש "עם", און "עם" קען ניט איבערגעזעצט ווערן אויף "פאָלק". מיר זאָגן "אומה", און דאָס מיינט ניט "נאַציע". קיין שום דעפיניציע — ראַסע רעליגיע, פאָלק, נאַציאָנאַליטעט — קען ניט באַצייכענען און דערקלערן די פאַרשיידענע אַספּעקטן פון דעם בונד, וואָס פאַראייניקט די יידן און וואָס איז די באַזע פון דער עקזיסטענץ פון די יידישע יישובים אין דער וועלט.

דער ציוניזם באַטראַכט זיכער ניט די יידן אין גלות אַלס אַ פּאָליטישע נאַציע מיט פּאָליטישער לאָיאַליטעט. אויב דאָס וואָלט געווען די אויפפאַסונג פון ציוניזם, וואָלט ניט געווען נייטיק ארץ־ישראל. דער גלות־נאַציאָנאַליזם אין אמתן זין פונעם וואָרט, איז די קאָנצעפּציע פון די בונדיסטן און פון אַנדערע יידישע גרופּעס, וואָס גלייבן אין דער מעגלעכקייט און אין דער נויטווענדיקייט פון שאַפן און אויפהאַלטן אַ סעפּאַראַטע יידישע פּאָליטישע נאַציע אין גלות, און וועלכע זיינען, צוליב דעם, זייער אָפט אונדזערע ביטערע קעגנער. פאַר אונדז, ציוניסטן, קען די יידישע פּאָליטישע נאַציע געשאַפן ווערן נאָר אין ארץ־ישראל, אין פּאָליטישער לאָיאַליטעט צו דער יידישער מדינה, אָדער קאָמאָנוועלט. וואָס עס וועט זיין אין ארץ־ישראל, וועט מיט זיך פאַרשטעלן דאָס אייגנטום פון די מיטגלידער און בירגער פון דער יידישער מדינה אָדער קאָמאָנוועלט. אָבער די קלאָרע פאַרמולירונג פון דעם דאָזיקן פּרינציפּ קען אונדז ניט אַוועקפירן פון דער אומבאַדינגטער נויטווענדיקייט צו באַקעמפן יעדן מין פון טענדענצן, וואָס צילן איבערצורייסן די פאַרבינדונג מיט אַנדערע יידן און צו צוברעכן די איינהייט פון יידישן פאָלק אין דער וועלט און פון זיין גורל.

די דאָזיקע איינהייט וועט זיין גרעסער, ווי ווען־עס־איז, אין דער נאָכמלחמהדיקער לאַגע פון וועלט־יידנטום, וואָס איך האָב דאָ געפּרוּווט צו שילדערן, דערפאַר, ווייל פון אַ ריין ציוניסטישן שטאַנדפּונקט, און איך וויל רעדן וועגן דעם זייער אויפריכטיק, וועט קיין שום, באמת שטאַרק

יידיש ארץ־ישראל ניט קענען עקזיסטירן אין אונדזער צייט און אין משך פון פיל קומענדיקע דורות — אָן אַ שטאַרקן און קאָנסטרוקטיוון יידישן הינטערלאַנד אין די לענדער פון גלות.

דאָס יידישע ארץ־ישראל, איזאָלירט פון אַ שטאַרק יידיש פאָלק אין דער וועלט, וועט בלייבן אַן איזאָלירט לאַנד אין אַן אַראַבישן אָקעאַן. דעריבער זאָג איך, אַז דער ציוניזם איז קיין מאָל ניט געווען גלייכגילטיק צו די פּראָבלעמען פון קיום פון גלות־יידנטום. און דאָס באַשולדיקן די ציוניסטן אין גלייכגילטיקייט צו דעם חורבן אָדער רויִן פון די גלות־יידן איז נאַריש און בייזוויליק.

נאָך איין באַמערקונג וועגן ציוניזם. איך האַלט ניט, אַז דער ציוניזם אין אַמעריקע — און איך וויל אויך וועגן דעם רעדן אויפריכטיק — קען זיין געבויט און זיך שטיצן אויסשליסלעך — אַפילו פון אַן אינער־לעך ציוניסטישן און יידישן שטאַנדפּונקט — אויף דער אידעע פון דער נויטווענדיקייט צו העלפן אייראָפּעיִשע יידן צו עמיגרירן קיין ארץ־ישראל. מיר פירן איצט דיסקוסיעס און פאַרהאַנדלונגען מיט ניט־ציוניסטן. איך וויל דאָ ניט אַריינגיין אויספירלעך אין דעם ענין, אָבער איך האָב אָפט געפרעגט זיך אַליין, נאָך אַזעלכע געשפרעכן: וואָס איז דער אמתער אונטערשייד צווישן אַ ניט־ציוניסט און אַ ציוניסט? אַ סך פון אונדזערע פאָרמולעס זיינען אָננעמלעך אויך פאַר זיי, אַפילו מיט דער אידעע פון אַ יידישער קאָמאָנוועלט אין ארץ־ישראל וועלן אַ סך פון זיי מסכים זיין. אין דער יידישער אַגענץ האָבן זיי איינגעשטימט אויף דער יידישער נאַציאָנאַלער היים, וואָס מיינט, אויף אַ געווויסן אופן, אַפילו מער, ווי אַ יידישע מדינה אין ארץ־ישראל. און איך בין אָפט געקומען צום אויספיר, אַז דער אמתער אונטערשייד באַשטייט אין אָט וואָס: אַ ניט־ציוניסט, וואָס ער זאָל ניט פאַרלאַנגען אין ארץ־ישראל, — און אָביעקטיוו קען ער פאָדערן דאָס זעלבע וואָס מיר — וויל עס האָבן פאַר אַנדערע יידן, וועלכע נייטיקן זיך אין דעם. אַ ציוניסט וויל עס האָבן פאַרן יידישן פאָלק, פון וועלכן ער איז אַ לעבעדיקער טייל.

און דעריבער זאָג איך, אַז דער ציוניזם אין אַמעריקע קען ניט זיין באַזירט אויסשליסלעך אויף דעם דאָזיקן אימיגראַציאָניסטישן צוגאַנג צום יידישן פּראָבלעם. זיכער קען זיך ניט אַנטוויקלען אַ יוגנט־באַוועגונג אויף דער דאָזיקער באַזע. אויב מיר ווילן באמת אויפלעבן צוריק דעם ציוניזם און שאַפן אַ יוגנט־באַוועגונג מיט שטאַרקע ציוניסטן — ניט בלויז אַן

אָרגאַניזאַציע מיט מיטגלידער, וואָס איז אויך וויכטיק — אויב מיר ווילן באמת האָבן דאָס, וואָס מיר רופן אַ ציוניסטישע באַוועגונג, מוז זי זיין געשטיצט אויף דער קאָנצעפּציע, אַז די אידעע פון ציוניזם באַציט זיך אויפן גאַנצן יידישן פאָלק. דאָס מיינט ניט, אַז יעדער ייד דאַרף פאָרן קיין ארץ־ישראל; דאָס מיינט ניט, אַז יעדער ייד וועט זיין אונטערגעוואָרפן דער לאָיאַליטעט צו ארץ־ישראל, דאָס מיינט, אַז יידן וועלן אויף וועלכן־עס־איז אופן זיין פאַרקניפּט גייסטיק, מאָראַליש, היסטאָריש, סענטימענטאַל מיט דעם, וואָס עס ווערט געשאַפן אין ארץ־ישראל, און וועלן דאָס באַטראַכטן ניט בלויז ווי אַ לייזונג פאַר די אינדיווידועלע פּראָבלעמען פון מיליאָנען ליידנדיקע יידן אין אייראָפּע, נאָר פאַר אַ לייזונג פון דעם פּראָבלעם פון יידישן פאָלק, פון דער יידישער היימלאָזיקייט.

און איצט — עטלעכע באַמערקונגען וועגן דער נאָכמלחמהדיקער וועלט. איך וויל זיך דאָ אָפּשטעלן אויף צוויי ענינים. איינער פון זיי איז וועגן דעם, וואָס איך באַצייכן ווי די נויטווענדיקייט פון אַ פּאָליטישער רע־אָריענטאַציע פון דער ציוניסטישער באַוועגונג אין אַ ברייטערן זין.

דער פּאָליטישער ציוניזם, אָדער די ציוניסטישע פּאָליטיק איז — אויף אַ זייער ריכטיקן אופן — געווען ביז צו דער איצטיקער מלחמה אָריענטירט בעיקר אויף גרויס־בריטאַניע. וואָס פאַר אַ פּאָליטישע פּאָזיציע מיר האָבן געהאַט אין דער וועלט, אָדער וואָס מיר האָבן זיך באַמיט צו אַנטוויקלען — אין פּאַריז, אין וואַשינגטאָן, אין זשענעווע, אין רוים, אין וואַרשע — זיינען דאָס אַלץ געווען באַזעס פאַרן שטיצן אונדזער פּאָליטישע הויפּט־פּאָזיציע. דער דאָמינירנדיקער פאַקטאָר איז געווען ענגלאַנד, און אויף אַ גאַנץ נאַטירלעכן אופן, ווייל גרויס־בריטאַניע איז די מאַנדאַט־מאַכט.

מיר האָבן זיך באַמיט צו אָרגאַניזירן אונדזערע ניט־יידישע פריינד אין דער וועלט, בכדי זיי זאָלן אונדז געבן זייער שטיצע און זיי זאָלן אויסנוצן זייער פּאָליטישן איינפלוס לטובת די פאַרהאַנדלונגען, וועלכע מיר האָבן געפירט מיט ענגלאַנד. די הויפּט־אָנשטרענגונגען אין אונדזער פּאָליטישער אַרבעט זיינען געווען געווענדעט לגבי ענגלאַנד. איך מיין, אַז דאָס וועט זיך דאַרפן ענדערן, ניט דערפאַר, ווייל איך געהער צו די וועלכע זאָגן אָפּט מיט אַזאַ לייכטקייט, און אָפּט אויך אויף אַ זייער באַדויערלעכן אופן, אַז די ענגלישע אימפּעריע האַלט ביים צעפאַלן זיך, ביים צוזאַמענברעכן. דאָס ענגלישע פאָלק איז אַ גרויס פאָלק, מיט אַ גרויסער פּאָליטישער גאונות. און אַפילו אין דער רעוואָלו־

ציאָנערער באַוועגונג אין איצטיקן קריג — און דאָס איז אַ וועלט־רעוואָ־לוציע — וועט די פּאָליטישע גענייאַליטעט פון ענגלישן פאָלק באַווייזן צו רעפאָרמירן און איבערבויען די ענגלישע אימפּעריע, ווי דאָס איז געוואָרן געטאָן צווישן די צוויי וועלט־מלחמות דורך שאַפן די בריטישע קאָמאָנוועלט פון מדינות אַנשטאָט דער בריטישער אימפּעריע פון דעם ערשטן וועלטקריג.

אָבער איין זאַך איז קלאָר, אַז עס שטייען־אויף נייע גרויסמאַכטן, וועלכע וועלן אין דער פראַגע פון נאָענטן מזרח און לגבי אונדזער פּאָזיציע אין דער וועלט זיין אַזוי אַנטשיידנדיק, ווי גרויס־בריטאַניע איז געווען אין משך פון די פאַרגאַנגענע צוואַנציק יאָר — קודם־כּל, די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע. איך דאַרף ניט אַ סך זיך אָפּשטעלן אויף דעם ענין. דאָס זעט איצט איין יעדער איינער פון אונדז, אָנהייבנדיק פון ד״ר חיים ווייצמאַן, וועלכער ווערט באַטראַכט דורך אַ סך פאַר דעם שאַפער פון דער פּאָליטיק, וואָס איז אָריענטירט אויף ענגלאַנד. ד״ר ווייצמאַן, ווען ער איז צום ערשטן מאָל, בעת דער מלחמה, געקומען קיין אַמעריקע, איז געווען דער ערשטער אונדז צו זאָגן, אַז וואַשינגטאָן פון היינט און פון מאָרגן וועט פאַר אונדז זיין אַזוי וויכטיק ווי לאָנדאָן, און וואַשינגטאָן וועט ניט זיין בלויז אַ פּאָזיציע, וואָס מיר וועלן דאַרפן געווינען אויף צו באַקומען די שטיצע פון די פאַראייניקטע שטאַטן בכדי צו ווירקן אויף ענגלאַנד. עס קען זיך שאַפן אַ לאַגע, אַז אַמעריקע, וואָס האָט זיך אָפּגעזונדערט פון וועלט־פאַראַנטוואָרטלעכקייט נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה — און דאָס איז געווען די סיבה און די אמתע צרה פאַר וואָס עס איז געקומען צום איצטיקן וועלטקריג — וועט דאַרפן נעמען אויף זיך די וועלט־פאַראַנטוואָרטלעכקייט אומעטום אויף אונדזער ערד, אין איינעם מיט גרויס־בריטאַניע. ס׳איז זייער מעגלעך, אַז אַמעריקע וועט דאַרפן נעמען אויף זיך די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר שאַפן די אָרדענונג אין דער נייער וועלט, אַריינרעכענענדיק דעם נאָענטן מזרח.

און איצט וואָלט איך ווידער אַ מאָל געוואָלט צייען אייער אויפמערק־זאַמקייט אויף דער גרויסער וויכטיקייט וואָס סאָוועט־רוסלאַנד וועט האָבן פאַר אונדז. דאָס האָט גאָרניט צו טאָן מיט אונדזער שטעלונג צום קאָמוניזם אין אונדזער אינערלעכן יידישן לעבן און מיט אונדזער באַציִונג צום קאָמוניזם ווי אַ סאָציאַל סיסטעם. סאָוועט־רוסלאַנד וועט נאָך דער מלחמה אויסוואַקסן צו איינער פון די גרויסמאַכטן פון דער וועלט און

וועט דאַרפן אַריינגיין אין דעם קאָנצערט פון די פעלקער פון דער וועלט. סאָוועט־רוסישע שטאַטסלייט גיבן צו, אַז זיי זיינען נעענטער צום מיטעלן מזרח ווי אַ טייל פון די גרויסמאַכטן, וועלכע איך האָב דאָ אויסגערעכנט. און סאָוועט־רוסלאַנד איז אַ מדינה מיט פיר מיליאָן יידן און קען האָבן אַן אינטערעס אין דעם יידישן פּראָבלעם אין דער וועלט.

איך זאָג ניט, אַז איצט איז עס שוין אַזוי, אָבער אין אַלע אונדזערע פּאָליטישע אויסרעכענונגען דאַרפן מיר נעמען אין באַטראַכט די דאָזיקע קומענדיקע ראָלע פון סאָוועט־רוסלאַנד. און מיר דאַרפן טאָן אַלץ — איך גיי איצט ניט אַריין אין פּרטים — כדי צו פאַרלייכטערן די דאָזיקע דער־נעענטערונג, דעם מאָדוס וויווענדי מיט סאָוועט־רוסלאַנד, ניט מוותר זייענדיק דערביי אויף קיין איינעם פון אונדזערע ציוניסטישע פּרינציפּן. מיר האָבן אויך ניט געדאַרפט מוותר זיין אויף אונדזערע פּרינציפּן, ווען מיר האָבן געהאַנדלט מיט ענגלאַנד. מיר דאַרפן זען, אַז סאָוועט־רוסלאַנד זאָל זיין פאַראינטערעסירט אין דעם, וואָס מיר טוען אין ארץ־ישראל, און וואָס איז אין אַ גרויסער מאָס אַ סאָציאַלער עקספּערימענט. מיר דאַרפן דאָס טאָן, נעמענדיק אין באַטראַכט די וויכטיקע ראָלע וואָס סאָוועט־רוסלאַנד קען שפּילן אין דער וועלט פון מאָרגן.

איך וועל זיך איצט ניט אָפּשטעלן אויף די פאַקטאָרן אין ווייטן מזרח. מיין צייט פון דער רעדע דערלויבט מיר ניט דאָס איצט צו טאָן. זיי זיינען ניט אַזוי וויכטיק, ווי די דריי הויפּט־פאַקטאָרן אין דער וועלט פון מאָרגן: די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע, ענגלאַנד און סאָוועט־רוסלאַנד.

און נאָך איין לעצטע באַמערקונג. איך וועל זיכער ניט אַריינלאָזן זיך אין נביאות וועגן דער קומענדיקער וועלט, אָבער יעדער איינער פון אונדז ווייס, אַז דער איצטיקער קריג איז מער ווי אַ מלחמה, ווו עס שטויסן זיך צונויף די אינטערעסן פון פעלקער — עס איז אַ וועלט־רעוואָלוציע. טאָמאַס מאַסאַריק, וועלכער איז וואָרשיינלעך געווען די גרעסטע קאָמבינאַציע פון אַ שריפטשטעלער און פּאָליטישן פירער אין דער לעצטער אייראָפּעאישער גענעראַציע, האָט זיין בוך מעמואַרן פון ערשטן וועלטקריג אַ נאָמען געגעבן: "וועלט־רעוואָלוציע". דאָס איז געווען דער אָנהייב, און די איצטיקע וועלט־מלחמה קען זיין דער סוף. לאָמיר האָפן, אַז עס וועט אַזוי זיין.

רעוואָלוציאָנערע ענדערונגען וועלן פאָרקומען אין דער וועלט, גרויסע באַוועגונגען וועלן אַנטשטיין נאָך דער מלחמה, און דער ציוניזם וועט

דאַרפֿן פֿאַרנעמען אַן אָרט צווישן די דאָזיקע באַוועגונגען. ציוניזם, ווי איך פֿאַרשטיי אים, — און איך רעד כמעט פּערזענלעך וועגן אַלע פּראַגן, וואָס איך האָב דאָ באַהאַנדלט — ציוניזם, ווי איך זע אים און ווי עס באַטראַכט אים די מערסטע טייל פֿון אונדז, ווי איך האָף — איז תּמיד געווען מער ווי אַ ריין־יידישע נאַציאָנאַליסטישע באַוועגונג. מיר באַטראַכטן דעם ציוניזם ווי אַ גרויסע מענטשלעכע באַוועגונג, ווי אַן אויסדרוק פֿון דער ביישטייערונג פֿון יידישן פֿאָלק צו גרויסע מענטשלעכע אידעאַלן. ווען מיר האָבן זיך אַנטקעגנגעשטעלט דער טעאָריע פֿון די רעפֿאָרם־ראַבינער וועגן דער יידישער מיסיע, ווען מיר האָבן חוזק געמאַכט פֿון איר, האָבן זי באַקעמפֿט, און ווען געוויסע פֿון אירע אויסדרוקן זענען אונדז שטאַרק נמאס געוואָרן — איז די גרונט־סיבה דערפֿון ניט געווען, ווייל מיר האָבן געוואָלט אַז דאָס יידישע פֿאָלק זאָל זיך צוריקציִען פֿון דעם שלאַכטפֿעלד פֿון דער מענטשהייט און זאָל זיך באַגרענעצן בלויז און אויסשליסלעך מיט יידישע ענינים. מיר האָבן דאַן געזאָגט: אַז אַלץ וואָס דאָס יידישע פֿאָלק קען ביישטייערן צו דער מענטשהייט, דאַרף גענומען ווערן ערנסט, ניט דורך האַלטן פּרעדיקס, ניט דורך ביכער, נאָר דורך באַמיִען זיך אויפֿצובויען אַ נייע ווירקלעכקייט און אַ ניי לעבן אין אייגן לאַנד. דאָס וועט זיין מער ווי אַ לייזונג פֿון דער יידן־פּראַגע — דאָס וועט זיין אונדזער ביישטייער צו דער פֿאַרווירקלעכונג פֿון די גרויסע אידעאַלן פֿון דער מענטשהייט.

אַלץ, וואָס עס איז געשאַפֿן געוואָרן אין ארץ־ישראל, דורך דעם נייעם טיפּ פֿון יידישע מענער און פֿרויען און פֿון די יידישע יוגנטלעכע, וואָס מיר האָבן דערצויגן — איז צו פֿאַרדאַנקען דער דאָזיקער אויסגעברייטערטער און טיפֿערער קאָנצעפּציע פֿון ציוניזם, וואָס איז איבערגעוואַקסן די גרענעצן פֿון אַ ריין־יידישער באַוועגונג.

אַ סך פֿון דעם איז פֿאַרפֿאַלן געגאַנגען אין די לעצטע יאָרן פֿון ציוניסטישן לעבן. מיר האָבן נאָכגעגעבן דעם נסיון פֿון אַ באַוועגונג, וואָס הייבט אָן צו ווערן רעאַליזירט. פֿאַר אַן אידעאַליסטישער, רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג איז די סטאַדיע פֿון פֿאַרווירקלעכונג די העכסטע פּראָבע און אָפֿט די העכסטע געפֿאַר, ווייל זי שטעלט זיך אַ מאָל צופֿרידן מיט אַ לייכטן מין פֿון רעאַליזירונג, מיט קליינע דערפֿאָלגן. זי ווערט אַ באַוועגונג, וואָס איז צופֿרידן מיט זיך אַליין.

אין די איצטיקע צייטן פֿון דער וועלט־רעוואָלוציע דאַרף דער ציוניזם

באַקומען צוריק זיין אַלטן רעוואָלוציאָנערן שוווּנג. דער ציוניזם מוז ווערן אַ רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג. ער מוז זיך אָראָפּנעמען אַ ביישפּיל פון דעם יונגן ארץ־ישראלדיקן ייד, וואָס בויט אַ בעסערע וועלט, אַ מוסטער־וועלט, ווי ער האָפט, און טוענדיק דאָס, לייזט ער אי זיין פּערזענלעכן פּראָבלעם אי דאָס נאַציאָנאַלע יידישע פּראָבלעם. עפּעס פון דעם דאָזיקן גייסט דאַרף באַאיינפלוסן דעם ציוניזם מחוץ ארץ־ישראל.

איך ווייס, אַז מיר וועלן קיין מאָל ניט קענען פאַרמאָגן דעם דאָזיקן גייסט, וואָס איז פאַראַן אין ארץ־ישראל. אויב מיר וואָלטן געקענט באַשאַפן דעם דאָזיקן גייסט ביי אונדז, וואָלט אפשר ארץ־ישראל ניט געווען אַזוי נייטיק. אָבער אין דעם ליגט די אמתע באַדייטונג פון דער פירנדיקער ראָלע פון ארץ־ישראל. עס איז די גייסטיקע פירערשאַפט פון ארץ־ישראל, וואָס דאַרף אַריינדרינגען אין אַלע טיילן פון דער ציוניסטישער באַוועגונג.

אין דער איצטיקער צייט, ווען די גרעסטע פּראָבלעמען פון דער מענטשהייט האָלטן ביים געלייזט ווערן אויף אַ באַשטימטער תקופה, וועט קיין שום פאָלק ניט קענען אויסהאַלטן דעם עקזאַמען פאַר דעם העכסטן געריכט פון דער וועלט־געשיכטע, אויב עס וועט פאַרלאַנגען זאַכן נאָר פאַר זיך אַליין, אויב עס וועט ניט אַריבערוואַקסן די אייגענע נאַציאָנאַליסטישע אַספּיראַציעס, אויב עס וועט זיך ניט באַטראַכטן פאַר אַ טייל פון דער פּראָגרעסיווער מענטשהייט, וועלכע וויל שאַפן אַ נייע און אַ בעסערע צוקונפט פאַר דער וועלט.

דער ציוניזם מוז פאַרנעמען זיין אָרט צווישן די דאָזיקע באַוועגונגען. איך האָב קיין מאָל ניט געהאַלטן, אַז דער ציוניזם קען זיין אַ רעאַקציאָנערע באַוועגונג, און זיכער בין איך איצט טיף איבערצייגט, אַז דער ציוניזם אַלס אַ באַוועגונג קען ניט בלייבן נייטראַל, ווי אַ טייל פון אונדז מיינען, אין קאַמף צווישן די כוחות פון נעכטן און פון מאָרגן.

און איך זאָג, אַז די דאָזיקע גייסטיקע אָריענטאַציע פון דער ציוניסטישער באַוועגונג איז נייטיק — ווי איך זע דאָס — אויך פאַרן אַמעריקאַנער ציוניזם, כדי עס זאָל אויפבליִען אַ שטאַרקע ציוניסטישע יוגנט־באַוועגונג אין די פאַראייניקטע שטאַטן. מיר מוזן ווידער פאַרוואַנדלען דעם ציוניזם אין אַ גרויסער מענטשלעכער באַוועגונג. מיר דאַרפן באַטראַכטן דעם ציוניזם ווי די גרויסע באַוועגונג פאַרן ווידערגעבורט פון יידישן פאָלק, און אויך פאַר די העכסטע אידעאַלן פון דער מענטשהייט.

אויף דער באַלטימאָר־קאָנפערענץ, ניו־יאָרק, 1942

# ארץ־ישראל — די לייזונג

איך וועל באַהאַנדלען דעם ענין פון ארץ־ישראל ניט פון אידעאָלאָגישן שטאַנדפונקט, נאָר פון פּראַקטישן אַספּעקט. די ראָלע, וואָס ארץ־ישראל קען שפּילן אין דער ווירקלעכקייט פון יידישן לעבן, זע איך אין צוויי היפּאָטעזעס: 1) ווי אַ לייזונג פון דעם פּראָבלעם פאַר הונדערטער טויזנטער, אַפילו מיליאָנען, געראַדפטע און אויסגעוואָרצלטע יידן, וועלכע נייטיקן זיך אין אַן איינוואַנדערונגס־לאַנד און אין אַ מקום־מקלט; 2) ווי אַ לייזונג פון דעם פּראָבלעם פאַר דעם כלל פון יידישן פאָלק, וואָס נייטיקט זיך אין אַ צענטער פאַר זיין היסטאָרישן המשך אָן די שעדלעכע דערשיינונגען פון אַסימילאַציע.

די געשעענישן פון די פאַרגאַנגענע פינף און צוואַנציק יאָר האָבן געבראַכט ראַדיקאַלע ענדערונגען אין ביידע פאַזעס פון דער פראַגע. מיט פינף און צוואַנציק יאָר צוריק, ווען די באַלפור־דעקלאַראַציע איז אַרויס־געגעבן געוואָרן, איז די נויט פון יידישער עמיגראַציע ניט געווען אַזוי גרויס ווי זי איז איצטער. מיטן אויסנאַם פון די יידן אין רוסלאַנד און אין ענגלאַנד איז איצט דאָס גאַנצע אייראָפּעיִשע יידנטום אויסגעוואָרצלט און געפינט זיך אויפן ראַנד פון אומקום. די, וועלכע וועלן איבערלעבן דעם חורבן, וועלן נאָכן סוף פון דער מלחמה זיך געפינען אין אַ פולשטענדיק הילפלאָזער לאַגע. אַן איינוואַנדערונגס־לאַנד וועט דאַרפן געפונען ווערן אפשר פאַר דער מערהייט פון די לעבן־געבליבענע.

דאָס מיינט ניט, אַז מיר זיינען פאַר דער עוואַקואַציע פון יידן פון אייראָפּע. די ציוניסטישע באַוועגונג און די יידישע אַגענץ זיינען קיין מאָל ניט געווען פאַר אַ געצוווּנגענער עוואַקואַציע פון אייראָפּעיִשן יידנ־טום. מיר האָבן שטענדיק אָפּגעוואָרפן די דאָזיקע רעוויזיאָניסטישע טעָ־אָריע. מיר האָבן תמיד געהאַלטן, אַז יעדער ייד האָט דאָס רעכט צו וווינען אויף דעם אָרט, וואָס ער האָט זיך אויסגעקליבן. מיר וועלן זיך ווייטער אַנטקעגנשטעלן אַ געצוווּנגענער עוואַקואַציע פון יידן קיין ארץ־ישראל.

אָבער אין דער זעלבער צייט וועלן די ציוניסטן זיך אַנטקעגנשטעלן דער טענדענץ פון צוואַנגס־רעפּאַטריאַציע, וואָס זעט אויס צו ווערן וואָס אַ מאָל מער די פּאָליטישע ליניע פון דער אָרגאַניזאַציע פון די פּאַראייניקטע פעלקער. עס וועלן זיין נאָכן וואָפנשטילשטאַנד אַ סך יידן, וועלכע וועלן וואַנדערן און אַרומשלעפּן זיך ערגעץ־ווו אין די סטעפּעס אויף די פעלדער פון מזרח־אייראָפּע און וועלכע וועלן — ווען מען וועט זיי פרעגן — אָפּזאָגן זיך צוריקצוקומען אין די לענדער פון וואַנען זיי שטאַמען. זיי וועלן זיך אָפּזאָגן צו ווערן געצוווּנגען איבערצולעבן נאָך אַ מאָל די קאָשמאַרן פון זייערע דערפאַרונגען און אפשר אויך ריזיקירן מיט אַן ענלעכן גורל פאַר זייערע קינדער און קינדס־קינדער. דעריבער דאַרפן די פאַרטרעטער פון יידישן פאָלק באַשטיין אויף דעם רעכט פון די יידן אין אייראָפּע פריי אויסצוקלייבן צווישן רעפּאַטריאַציע און עמיגראַציע. וואָס איז שייך אַן איינוואַנדערונגס־לאַנד, איז ארץ־ישראל גרייט אויפצונעמען און איינ־צואָרדענען אַלע, וועלכע וועלן קומען אַהין.

די צווייטע ראַדיקאַלע ענדערונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין די פאַר־גאַנגענע צוויי צענדליק יאָר, אָדער מער, און באַזונדערס בעת דער מלחמה, איז, ליידער, די גרויסע רעדוקציע פון דער צאָל פּאָטענציעלע יידישע עמיגראַנטן פון אייראָפּע. נאָך דער מלחמה וועט ניט זיין מער קיין פּראָבלעם פון אַכט אָדער צען מיליאָן יידן, וועלכע זוכן אַ מקום־מקלט. די אויסוואַנדערונג פון די דאָזיקע יידן וועט ניט קענען דורכגעפירט ווערן אויף דעם לאַנגזאַמען אופן פון פאַר דער מלחמה, נאָר אין אַ שטאַרק צוגעאיילטן טעמפּאָ און אין גרויסע מאַסן. עס איז ניט פאַראַן קיין שום אַנדער לאַנד, נאָר ארץ־ישראל, וואָס וועט קענען אויפנעמען אַזעלכע גרויסע מאַסן איינוואַנדערער, און אויף אַזאַ גיכן אופן.

דאָס איז, ווי איך וואָלט אָנגערופן, די אינדיווידועלע פּאָזע פון דער באַשטייערונג פון ארץ־ישראל פאַר דער לייזונג פון יידישן פּראָבלעם. אָבער ס׳איז אויך פאַראַן אַ קאָלעקטיווע פּאָזע פון דעם פּראָבלעם, וואָס האָט אויך דורכגעמאַכט ראַדיקאַלע ענדערונגען, און פאַר וועלכע אויך נאָר ארץ־ישראל קען געבן די געהעריקע לייזונג.

קיינער פון אונדז, אַריינגערעכנענדיק מיך אַליין, באַזיצט ניט גענוג וויזיע און פאַרשטעלונגס־קראַפט פאָרויסצוזען, וואָס דער חורבן פון די צענטערס פון יידישן לעבן אין אייראָפּע וועט באַדייטן, פון דעם קאָלעק־טיוון־נאַציאָנאַלן שטאַנדפּונקט, פאַר דעם יידישן פאָלק נאָך דער מלחמה.

די יידן, וועלכע זיינען אומגעבראַכט געוואָרן אין אייראָפּע, זיינען געווען ניט בלויז יחידים, וואָס זיינען געבוירן געוואָרן יידן; זיי זיינען געווען די, וועלכע האָבן געטראָגן אויף זיך די לאַסט און די זכיה פון אַ ירושה פון הונדערטער יאָרן פון יידישן לעבן, די, וועלכע האָבן גאַראַנטירט דעם המשך פון דער יידישער קולטור. אַזעלכע גרויסע שטעט, ווי וואַרשע, קראָקע, ווילנע, בריסק, זיינען געווען מער ווי ווינערטער פון אַ צאָל־רייכער יידישער באַפעלקערונג. דאָס זיינען געווען צענטערס פון רעליגיע, פון קולטור־לעבן, פון ליטעראַטור, פון סאָציאַלער טעטיקייט, וועלכע וועלן נאָך דעם ווי זיי זיינען איצט חרוב געוואָרן, ניט קענען מער ווידער אויפגעבויט ווערן אין אונדזער תקופה. אויך קענען ניט די דאָזיקע צענטערס איבערגעפלאַנצט ווערן אין אַמעריקע, ווייל די אַטמאָספער דאָ איז ניט אַזעלכע, אַז זי זאָל אינספּירירן אַזאַ רעליגיעזע און קולטור־אַנטוויקלונג ווי אַ מאָל אין די יידישע קהילות אין אייראָפּע.

דעריבער באַדראָט דער איצטיקער חורבן פון די גרויסע יידישע קהילות אין אייראָפּע דעם קיום פון אונדזער פאָלק ווי אַ פאָלק, אַ סך מער ווי אין וועלכער עס איז תקופה, זינט פיל יאָרהונדערטער אין אונדזער געשיכטע. און דערפאַר נייטיקן זיך איצט די יידן מער ווי ווען עס איז אין ארץ־ישראל ווו זיי זאָלן קענען ממשיך זיין, בויען זייער אייגענע קולטור און געבן זייער ביישטייערונג אַלס אַ פאָלק צו דער ציוויליזאַציע פון דער מענטשהייט.

אונדזערע דערגרייכונגען אין ארץ־ישראל אין משך פון די פאַרגאַנגענע פינף און צוואַנציק יאָר — לערנען אונדז צוויי וויכטיקע לעקציעס. איינע — אַז מיר קענען דורכפירן די אויפגאַבע אויפצובויען דאָס לאַנד. מיט פינף און צוואַנציק יאָר צוריק זיינען אונדזערע לאַנדווירטשאַפטלעכע ישובים נאָך געווען אין אַן עקספּערימענטאַלער פאַזע. קיינער האָט ניט געקענט פאָרויסזאָגן, צי דאָס וועט זיך אונדז איינגעבן און אין וואָס פאַרא מאָס. איצט קענען מיר זאָגן, אַז מיר האָבן אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען. אונדזער אַרבעט זאָגט עדות וועגן אונדזער פעיקייט ווידער אויפצובויען דאָס לאַנד.

די צווייטע לעקציע, וואָס מיר האָבן געלערנט פון אונדזער דערפאַרונג, איז, אַז קיין שום אַנדער פאָלק, און קיין שום פרעמדע אַדמיניסטראַציע קען ניט טאָן פאַר אונדז די אַרבעט. די דאָזיקע דערקלערונג מיינט ניט קיין קריטיק קעגן ענגלאַנד. גרויסע עוולות איז די ענגלישע רעגירונג באַגאַנגען קעגן אונדז, און פראָמינענטע פאָרשטייער פון בריטישן

פאָלק זיינען געווען די ערשטע צו אָנערקענען די עוולות. אָבער נעמענדיק אין באַטראַכט דאָס גאַנצע פּראָבלעם, דאַרפן מיר ניט אַריינגעטריבן ווערן אין אַ שטעלונג פון צאָרן און פאַרביטערונג קעגן בריטישן פאָלק. מיר יידן, זיינען אַ פאָלק מיט אַ לאַנגער געשיכטע און מיט אַ לאַנגן זכרון.

די בריטישע רעגירונג איז געווען די ערשטע צו אָנערקענען די נויטווענדיקייט פון יידישן פאָלק צו האָבן זיין אייגן היימלאַנד. דער דורכפאַל פון דער ארץ־ישראלדיקער אַדמיניסטראַציע דאַרף צוגעשריבן ווערן בעיקר צו דעם פאַקט, אַז זי איז געווען אַ קאָלאָניאַלע אַדמיניס־טראַציע, פרעמד צו די באַדערפענישן פון פאָלק, און ווי אַזעלכע האָט זי ניט געקענט האָבן די איבערגעגעבנקייט, די וויזיע, אָדער דעם אויס־דויער, וועלכע זיינען נייטיק פאַר ווידער אויפבויען אַ יידיש ארץ־ישראל. דאָס לאַנד קען ווידער אויפגעבויט ווערן נאָר דורך דעם פאָלק, פאַר וועמען דאָס איז אַ פראַגע פון לעבן און טויט.

שטיצנדיק זיך אויף די דאָזיקע צוויי יסודות, זאָג איך, אַז עס איז געקומען די צייט ווען דאָס יידישע פאָלק דאַרף האָבן דעם מוט צו קומען צו דער ציוויליזירטער וועלט און דערקלערן אָפן און אָן ביטערניש: „אַט זיינען אונדזערע דערגרייכונגען. דאָס איז עס, וואָס מיר האָבן אויפ־געטאָן אין ארץ־ישראל, און אַזעלכע איז אונדזער פּאָזיציע אין די אייראָ־פעישע לענדער. מיר מוזן ראַטעווען אונדזער פאָלק. מיר האָבן באַוויזן, אַז מיר און נאָר מיר, קענען דאָס טאָן. דעריבער פאָדערן מיר פון אייך צו אָנערקענען, אַז מיר דאַרפן ווערן די בעלי־בתים פון אונדזער גורל. אַז מיר זאָלן אַליין אָנהייבן פירן אונדזערע אונטערנעמונגען, דורך אַליין קאָנטראָלירן אונדזער איינוואַנדערונג און אונדזער לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעט אין ארץ־ישראל. און ווען מיר וועלן אַליין אָנפירן דעם דאָזיקן פּראָצעס און מיר וועלן ווערן אַ מערהייט אין לאַנד, וועלן מיר דאָרט צוריק אויפשטעלן די יידישע קאָמאָנוועלט".

איצט וועלן מיר אַנאַליזירן צוויי אַרגומענטן, וועלכע ווערן געוויינלעך אַרויסגערוקט קעגן די יידישע אַספּיראַציעס אין ארץ־ישראל. איינע איז די טענה אַז די יידישע קאָמאָנוועלט אין ארץ־ישראל וועט שטעלן אין געפאַר דעם סטאַטוס פון די יידן אין אַנדערע לענדער. דער דאָזיקער אַרגומענט שטיצט זיך אויף לחלוטין ניט פאַרשטיין די ציוניסטישע פּאָזיציע. דער ציוניזם פאָדערט ארץ־ישראל אַלס אַ יידישע קאָמאָנוועלט, אָבער ניט אַלס אַן אינטערנאַציאָנאַלע יידישע מדינה. דער ציוניזם איז

געשטיצט אויף אַ טעריטאָריעלער קאָנצעפּציע. די יידישע קאָמאַנוועלט אין ארץ־ישראל וועט באַשטיין פון די יידן און אַראַבער, וועלכע וועלן זיין איינוווינער פון ארץ־ישראל און ניט פון קיין שום אַנדערן לאַנד. אַלע אַנדערע יידן וועלן בלייבן לאָיאַלע בירגער פון זייערע רעספּעקטיווע ווױנערטער. דער גייסטיקער און עמאָציאָנעלער אינטערעס, וועלכן די גלות־יידן וועלן האָבן אין ארץ־ישראל, וועט אויף דעם מינדסטן אופן ניט פאַרקלענערן די לאָיאַליטעט פון די יידן צו זייערע רעספּעקטיווע לענדער. און עס איז ניט פאַראַן אין דעם קיין שום אוממעגלעכקייט. אַ סך פון די גרופּעס, וועלכע שטעלן צונויף דאָס אַמעריקאַנער פאָלק, ווי די טשעכן, אירלענדער, איטאַליענער, פראַנצויזן, רוסן און אַנדערע, האַלטן אַן גייס־טיקע און עמאָציאָנעלע פאַרבינדונגען מיט די לענדער פון זייער אָפּשטאַם. דאָס זעלבע איז ריכטיק בנוגע די מערסטע פעלקער אין דער וועלט.

דער צווייטער אַרגומענט קעגן דער גרינדונג פון אַ יידישן ארץ־ישראל איז די אַזוי־גערופענע אַראַבער־פראַגע. איך וויל אויפקלערן די קלאַסישע פּאָליטישע שטעלונג צו דער פראַגע מצד דער ציוניסטישער באַוועגונג און דער יידישער אַגענץ פאַר ארץ־ישראל. אין הסכם מיט דער דאָזיקער שטעלונג זיינען די יידן איבערצייגט, אַז זיי דאַרפן דערגרייכן אַ פאַר־שטענדיקונג ניט בלויז מיט זייערע אַראַבישע שכנים אין ארץ־ישראל, נאָר אויך מיט די שכנותדיקע אַראַבישע לענדער אין נאָענטן מזרח. אַ יידיש ארץ־ישראל וועט געבן אַ היסטאָרישן ביישטייער צו דער ווידעראויפלע־בונג פון גאַנצן נאָענטן מזרח. מיר האָבן דעריבער שטענדיק געטאָן אַלץ, וואָס מיר האָבן געקענט, כדי צו קומען צו אַ פאַרשטענדעניש מיט די אַראַבער. מיר האָבן זיך וועגן דעם באַמיט אין ארץ־ישראל, מיר האָבן אויך געמאַכט אָנשטרענגונגען דערפאַר אין געשפּרעכן מיט אַראַבישע פירער. ס׳איז אָבער פאַראַן איין גרענעץ: מיר וועלן קיין מאָל ניט מסכים זיין אויף אַ פאַרשטענדיקונג, וואָס וועט אָפּנעמען ביי די יידן די מעגלעכ־קייט צו ווערן אַ מערהייט אין ארץ־ישראל. אָן דער מעגלעכקייט פון אַ יידישער מערהייט אין לאַנד, איז ניט כדאי צו שליסן קיין פאַרשטענדי־קונג. עס איז ניט פאַראַן קיין שום סיבה צו שאַפן אַ ניי יידיש פּראָבלעם דורך אויפשטעלן אַ נייע יידישע מינדערהייט ערגעץ־ווו אין נאָענטן מזרח. אויב די אַראַבישע פירער וועלן, אונטערן איינפלוס פון בריטישן „אָפּיסמענט״, און פון דער פּראָפּאַגאַנדע פון די אַקס־מלוכות, פאַרבלייבן האַרטנעקיק און זיך אָפּזאָגן איינצוגיין אויף קאָנצעסיעס, דאַן וועלן די

פֿאַראייניקטע פֿעלקער דאַרפֿן טאָן לגבי ארץ־ישראל דאָס זעלבע, וואָס זיי האָבן געטאָן לגבי אַנדערע לענדער און טעריטאָריעס אין דער וועלט, ווו עס זיינען געווען שטרייט־פֿאָדערונגען — דהיינו, אַרויסטראָגן אַ באַשלוס, באַשטימען רעגולירונגען און איינשטעלן גערעכטיקייט, וואָס וועט פֿירן צו אַ בעסערער וועלט־אָרדענונג.

אויב עס איז פֿאַראַן אַ פֿאָלק, וואָס האָט אַ גערעכטע טענה צו די פֿאַראייניקטע פֿעלקער, איז עס דאָס יידישע פֿאָלק. אין די אַלע יאָרן פֿון פֿאַרפֿאָלגונגען און רציחות איבער יידן איז ניט געווען קיין איין־איינציק לאַנד, וואָס זאָל האָבן אויסגעשטרעקט די האַנט פֿאַר ממשותדיקער הילף צו ראַטעווען דאָס אייראָפּעיִשע יידנטום. קיין איין לאַנד האָט ניט געעפֿנט די טויערן אויף אַריינצולאָזן אַ גרויסע צאָל יידן. וואָס פֿאַר אַן אַנטשעדיקונג קענען מיר פֿאָדערן? עס איז פֿאַראַן נאָר איין ספּעציפֿיש־יידישע פֿאָדערונג: און דאָס איז אַ יידיש ארץ־ישראל. דאָס איז די איינציקע אַנטשעדיקונג, וואָס קען דורך דער דאָזיקער וועלט געגעבן ווערן דעם יידישן פֿאָלק.

רעזומירנדיק זאָג איך: וואָס מיר פֿאַרלאַנגען איז — אמתע בירגערלעכע גלייכבאַרעכטיקונג אומעטום, ווו מיר וווינען; גלייכבאַרעכטיקונג אַלס גרופּעס אומעטום, ווו מיר לעבן אַלס אַזעלכע און ווילן ווייטער אָנהאַלטן אונדזערע טראַדיציעס, ווי גרופּעס; און די הויפּט־גלייכבאַרעכטיקונג, אָן וועלכער אַלע אַנדערע גלייכבאַרעכטיקונגען האָבן ניט קיין גרויסע באַדייטונג, ווי עס האָט באַוויזן די דערפֿאַרונג אין די לעצטע צען יאָר — די גלייכבאַרעכטיקונג אַלס אַ פֿאָלק, וואָס האָט די פֿולע רעכט אויף אַן אייגן לאַנד. דאָס יידישע פֿאָלק האָט דאָס רעכט אויף אַזאַ לאַנד, ווו עס זאָל קענען לעבן זיין נאָרמאַל לעבן, ווי אַ גלייכבאַרעכטיקט פֿאָלק צווישן די אַנדערע פֿעלקער פֿון דער וועלט, אַ לאַנד ווו יידן וועלן אויפֿהערן צו זיין אַ פֿאָלק פֿון פּליטים, פֿון רחמנות האָבן אויף זיי, פֿון פּראָטעסט־מיטינגען, אַ פֿאָלק וואָס גייט אַרום פֿון איין רעגירונג צו דער אַנדערער מיט דער בקשה, אַז מ׳זאָל עס ראַטעווען. די יידן פֿאָדערן אַן אייגן לאַנד, ווו זיי זאָלן קענען פֿירן אַ בכבודיק לעבן, ניט בעסער, אָבער אויך ניט ערגער ווי אַנדערע פֿעלקער, געבנדיק זייער אייגענעםביישטייער צו דער מענטשלעכער ציוויליזאַציע און פֿאַרנעמענדיק אַ גלייכע פּאָזיציע צווישן די פֿעלקער אין אַ בעסערער וועלט.

אויף דער אַמעריקאַנער יידישער קאָנפֿערענץ, ניו־יאָרק, 1943

# די אייגנאַרטיקייט פון דער ארץ־ישראל־אַרבעטערשאַפט

וואָס פאַרבינדט מיך אייגנטלעך מיט דער הסתדרות? איך בין קיין מאָל דאָרט קיין מיטגליד ניט געווען און וועל עס אויך מסתמא ניט זיין. אויב אַפילו איך זאָל לעבן אין ישראל. איך בין פּאָליטיש ניט אַלע מאָל גע־שטאַנען אויף דער זעלבער באַזע און אויף דער זעלבער פּאָזיציע, וועלכע עס האָבן אָנגענומען פּראָמינענטע פירער פון דער הסתדרות: פאַראַן אַ סך פונקטן, פּראָבלעמען און מעטאָדן, וואָס איך וואָלט געקענט גאַנץ אויס־פירלעך קריטיקירן. אָבער שטאַרקער ווי די אַלע מיינונגס־פאַרשיידנקייטן אויף געוויסע געביטן, זיינען במשך פון אַלע יאָרן אויך געווען אַזעלכע פונקטן, וואָס האָבן מיך (און אַנדערע ציוניסטן, וואָס האָבן דעם ציוניזם אויפגעפאַסט אַזוי ווי איך) אַלע מאָל פּרינציפּיעל פאַרבונדן דערמיט, וואָס די הסתדרות רעפּרעזענטירט.

די הסתדרות איז אַן אייגנאַרטיקע דערשיינונג ניט נאָר אין יידישן לעבן, נאָר אין דער געשיכטע פון דער אַרבעטער־באַוועגונג און אין דער מאָדערנער געשיכטע בכלל. ווען די הסתדרות וואָלט נאָר געווען אַ טרייד־יוניאָן, ווי אַלע אַנדערע, וואָס דערפילן גאָר וויכטיקע אויפגאַבן; וואָס רעפּרעזענטירן בלויז נויטווענדיקע, שעפערישע, סאָציאַלע, פּאָליטישע און עקאָנאָמישע פאַקטאָרן אין דער וועלט ווי זי איז היינט אָרגאַניזירט — וואָלט איך מסתמא היינט ניט געזאָגט, וואָס איך זאָג. אָבער די הסתדרות האָט ניט בלויז אירע אייגנטלעכע פאָרמעלע אויפגאַבן — ווי פאַרטיידיקן די רעכט פון אַרבעטער אין ישראל, זיי צו אָרגאַניזירן און באַשיצן זייער עקאָנאָמישע פּאָזיציע. די הסתדרות האָט פון אָנהייב אָן רעפּרעזענטירט אַ סך מער, און נאָר דערפאַר האָט זי געוווּנען די שטעלונג אין ישראל, צו וועלכער ס׳איז ניטאָ קיין פּאַראַלעל אין דער וועלט. ניטאָ נאָך אַ לאַנד אין דער וועלט, ווו אַ טרייד־יוניאָן פאַרנעמט אַזאַ פּאָזיציע פון דעצידירנ־דיקער השפעה אין לאַנד אַזוי ווי די הסתדרות אין ישראל. איך זאָג דאָס

אָן וועלכער ס׳איז איבערטרייבונג: ניט נאָר היינט, נאָר אויף לאַנגע יאָרן שפּעטער וועט ניט מעגלעך זיין, למשל, אַז ס׳זאָל רעגירן אין ישראל אַ רעגירונג, אויב די הסתדרות, די ישראלדיקע אַרבעטערשאַפט וועט זיין קעגן איר.

די הסתדרות איז דער שטאַרקסטער עקאָנאָמישער און סאָציאַלער פאַקטאָר אין לאַנד. אַ סך קעגנער פון דער הסתדרות באַקלאָגן זיך דערויף און טענהן, אַז די הסתדרות האָט פאַרכאַפּט פּאָזיציעס. איך האָב מיט אַ יאָר צוריק — ווען דער "הסתדרות־קאַמפּיין" האָט געפייערט אַ יובילײ — געזאָגט, אַז די דאָזיקע אָנקלאָגע קעגן דער הסתדרות איז אַ נאַרישע. אין דער געשיכטע „פאַרכאַפּט" מען ניט! אויב מען האָט אַ פּאָזיציע, האָט מען פאַרדינט זי צו "פאַרכאַפּן". ווען די אַנדערע פאַק־טאָרן וואָלטן געווען אַזוי שטאַרק, ווי די הסתדרות, וואָלטן זיי פאַרכאַפּט די פּאָזיציעס. ס׳איז ניט קיין פראַגע פון וועלן פאַרכאַפּן, נאָר פון קענען איינגעמען פּאָזיציעס און מאַכן די נייטיקע אָנשטרענגונגען, כדי די פּאָ־זיציע אָנצוהאַלטן. די אייגנאַרטיקע פּאָזיציע, וואָס די הסתדרות פאַרנעמט אין ישראל קען מען ניט דערקלערן דערמיט, וואָס די הסתדרות איז בעסער אָרגאַניזירט ווי אַנדערע טרייד־יוניאָנס, אָדער אַז זי איז עקאָנאָמיש אָדער פינאַנציעל שטאַרקער ווי אַנדערע.

די הסתדרות רעפּרעזענטירט (ניט אַליין און ניט אויסשליסלעך, אָבער אין אַ גרעסערער מאָס ווי וועלכע ס׳איז אַנדערע אָרגאַניזאַציע אין ישראל) די אַלע אידעאַלן, וואָס זענען כאַראַקטעריסטיש פאַרן מאָדערנעם ציוניזם און פאַר דעם וואָס דער מאָדערנער ציוניזם וויל אויפבויען אין ארץ־ישראל דורך דעם אינסטרומענט פון אַ יידישער מדינה. זי רעפּרעזענטירט, מער ווי וועלכער ס׳איז אַנדערער כוח, דעם ווילן פון מאָדערנעם ציוניזם, ניט נאָר צו שאַפן אַ נייע מדינה, וואָס איז יידיש, נאָר אַ נייע געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג, וואָס איז ניט געבויט אויף אויסנוצונג און מאַכט, נאָר אויף קאָנסטרוקטיווער אַרבעט; אויף דער שעפערישער דערגרייכונג פון יעדן מיטגליד אין דער געזעלשאַפט. אויב עס איז אונדז געלונגען צו שאַפן אין ישראל אַ געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג, ווו דער אַרבעטנדיקער מענטש שטייט אין שפּיץ פון סאָציאַלן לעבן — איז דאָס אין אַ גרויסער מאָס, אויב ניט אין אַ דעצידירנדיקער, צו פאַרדאַנקען דעם פאַקט, וואָס די הסתדרות רעפּרעזענטירט אידעאָלאָגיש אַ סך מער ווי בלויז די פאַרטיידיקונג פון אַרבעטער־אינטערעסן.

ווען איינער זאָל מיך פרעגן: וואָס איז דאָס נייע, וואָס דער מאָדערנער ציוניזם האָט געבראַכט דעם יידישן פאָלק? וואָלט איך ניט געזאָגט, אַז דאָס איז דער געדאַנק פון ישראל. ער גופא איז אַזוי אַלט ווי די יידישע געשיכטע. ניט הערצל אָדער פינסקער און קיין שום מאָדערנער ציוניסט האָט "דערפונדן" ישראל, אָדער ארץ־ישראל. דאָס נייע, וואָס דער מאָדער־נער ציוניזם האָט אַריינגעטראָגן אין יידישן לעבן איז באַשטאַנען דערין וואָס ער האָט געזאָגט צו יידן: אייער גורל ליגט אין אייערע אייגענע הענט! פאַרלאָזט זיך ניט אויף קיין פריינד און האָט ניט קיין מורא פאַר שונאים; אויב איר וועט באַשליסן אַז אַזוי זאָל זיין אייער גורל און אויב איר ווילט דאָס — וועט איר דאָס קענען דורכפירן. דערפאַר האָט דער ציוניזם זיך קיין מאָל ניט צופרידנגעשטעלט מיטן בלויזן פרעדיקן אידעען. דער פרובירשטיין פון אַ ציוניסטישער פאַרטיי, פון אַ ציוניסטישן מענטש, פון אַ ציוניסטישער גרופּירונג איז קיין מאָל ניט געווען דאָס, וואָס זי וויל און זי זאָגט, נאָר דאָס וואָס זי טוט און רעאַליזירט. מיר האָבן געהאַט פאַרטייען, וואָס האָבן אין באַשטימטע מאָמענטן געפרעדיקט וווּנדערבאַרע זאַכן. אָבער מיר האָבן זיי אויסגעלאַכט, ווייל מיר האָבן געוווּסט, אַז דאָס איז פּוסטע מליצה; ווייל די צייט איז נאָך ניט געקומען דאָס דורכצופירן אין לעבן. האָבן מיר די מליצות אָפּגעוואָרפן און מיר האָבן געוואַרט. ציוניזם איז געקומען אין יידישן לעבן ניט כדי צו שאַפן נייע טעאָריעס, נאָר צו בויען אַ יידישעווירקלעכקייט. אויב דאָס איז ציוניזם — האָט קיין שום גרופּע, קיין שום אָרגאַניזירטער כוח אין ישראל אַזוי שטאַרק ניט רעאַליזירט דעם געדאַנק אין דער אמתער ווירקלעכקייט, אין טאָג־טעגלעכן לעבן, ווי די כוחות, וואָס זענען אָרגאַניזירט אין דער גרויסער ראַם פון דער הסתדרות.

טוענדיק דאָס, האָט די הסתדרות געבראַכט אַ סך פּאָליטישע הילף דער צוגרייטונג פון דער יידישער מדינה און איר אַנטוויקלונג זינט זי עקזיס־טירט. דאָס שאַפן אַ מדינה אין 50 יאָר איז איינע פון די שנעלסטע דער־גרייכונגען אין דער געשיכטע. ביי אַלע אונדזערע אָנשטרענגונגען וואָלט דאָס אונדז ניט געלונגען, אויב מיר וואָלטן ניט געהאַט במשך פון צענד־ליקער יאָרן די אַקטיווע הילף פון די פּראָגרעסיווע און קאָנסטרוקטיווע כוחות אין דער ניט־יידישער וועלט. איינער פון די שטאַרקסטע (אויב ניט דער שטאַרקסטער) פריינד פון ציוניזם איז געווען, כמעט אין אַלע דעמאָקראַטישע לענדער, די מאָדערנע אַרבעטער־באַוועגונג.

בלויז די, וואָס קענען די פּאָליטישע געשיכטע פון ציוניזם און האָבן אויף דעם פּראָנט געאַרבעט די לעצטע צענדליקער יאָרן, ווייסן די באַדייטונג פון דער פּאָליטישער הילף, וואָס מיר האָבן באַקומען פון גרויסע אַרבעטער־באַוועגונגען אין דער וועלט — באַזונדערס אין אַמע־ריקע. אָן דער הסתדרות וואָלט דאָס געווען אוממעגלעך. דער אינטערעס, די פאַרבונדקייט פון די גרויסע אַרבעטער־באַוועגונגען אין דער וועלט מיט ישראל (פריִער פּאַלעסטינע), איז געווען דורך דעם הסתדרות־אינסטרו־מענט. ניט זייענדיק קיין פּאָליטישער אינסטרומענט, האָט די הסתדרות אומדירעקט געטאָן מער פּאָליטישע אַרבעט אויף דעם געביט ווי אַ סך ריין־פּאָליטישע באַוועגונגען און פּאַרטייען אין ציוניזם.

מיר האָבן ערשט אין די לעצטע עטלעכע וואָכן ווידער דערזען, וואָס די שותפות, די נאַטירלעכע פאַרבונדנקייט צווישן דער אַרבעטער־באַ־וועגונג אין דעם לאַנד און אַנדערע לענדער — דורך דער הסתדרות — מיט מדינת ישראל, מיינט פאַר אונדזער לאַנד. אין דעם פּאָליטישן קריזיס פון די לעצטע וואָכן, האָבן מיר געהאַט אַ סך פריינד אין דער ניט־יידישער אַמעריקע, איןביידע פּאַרטייען — און צווישן זיי די וויכטיקסטע פּערזענ־לעכקייטן פון אַלע שיכטן. אָבער קיין שום גרופּע איז ניט אַזוי קאַטע־גאָריש, איינדייטיק, אָן צווייפל און אָן רעזערוואַציעס אַרויסגעטראָטן לטובת די באַרעכטיקטע פאָדערונגען פון מדינת ישראל, ווי די פאַראייניקטע אַרבעטער־באַוועגונג אין אַלע אירע שאַטירונגען. דערפאַר קומט איר אַ גרויסער יישר־כּוח, און עס קומט אַ גרויסער דאַנק דער הסתדרות און די פריינד פון דער הסתדרות מצד דער מדינה און פון אַלע ציוניסטן, ווייל אָן זיי וואָלט דער דאָזיקער רעזולטאַט ניט דערגרייכט געוואָרן.

דער קריזיס, וועלכן מיר האָבן דורכגעמאַכט אין די לעצטע חדשים אָדער אין דעם לעצטן יאָר, איז ניט קיין איזאָלירטער עפּיזאָד, וואָס ענדיקט זיך מיט וואָלן און הייבט זיך אָן מיט וואָלן. ער איז דער פּועל־יוצא פון אַ סך אומגעלייזטע פּראָבלעמען פון מדינת ישראל. עס וועלן נאָך דאַרפן אַריבערגיין אַ היפּשע פּאָר יאָר, איידער דאָס, וואָס מען רופט „דער היינטיקער קריזיס" וועט געלייזט ווערן. איך בין איבערצייגט, אַז סיי די מדינה און סיי אירע אַלע פריינד וועלן נאָך יאָרנלאַנג דאָרטן שטיין אין אַ שאַרפן, פּאָליטישן קאַמף, וואָס וועט אפשר זיין אַזוי האַרב און וויכטיק ווי דער קאַמף, וואָס האָט געפירט צו דער עטאַבלירונג פון דער מדינה. דערפאַר, גלייב איך, אַז די פּערמאַנענטע און סאָלידע הילף,

די שותפות, אין אַ געוויסער מאָס די כסדרדיקע סימפּאַטיע, וואָס מיר האָבן דערגרייכט דורך דער הסתדרות אין דער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמע־ריקע און אין אַנדערע לענדער, וועלן זיין אין די קומענדיקע יאָרן ניט וויניקער וויכטיק, אויב ניט וויכטיקער, ווי אין די יאָרן, וואָס האָבן גע־פירט צו דער שאַפונג פון דער מדינה און פון די ערשטע זעקס יאָר פון איר קאָנסאָלידירונג.

דערפאַר, גלייב איך, אַז די הסתדרות־באַוועגונג אין אַמעריקע האָט אַ היסטאָרישע באַדייטונג. גייסטיק, מאָראַליש, סאָציאַל און פּאָליטיש שטייגט זי ווייט איבער די ראַמען, וועלכע זי רעפּרעזענטירט אָרגאַ־ניזאַטאָריש. דאָס איז די סיבה פאַר וואָס אַזעלכע ציוניסטן ווי איך — הגם ניט פאַרבונדן אָרגאַניזאַציאָנעל מיט דער הסתדרות און מיטן הסתדרות־קאַמפּיין — האָבן אַ שטאַרקן אינטערעס אין דעם דערפאָלג, דעם וווּקס און אין דער גרויסער השפּעה פון דער באַוועגונג.

די גרויסע סכנה פאַר דער הסתדרות — ווי פאַר אַלע טיילן פון דער ציוניסטישער באַוועגונג — ליגט דערין, אַז זי זאָל ניט פאַרלירן איר אורשפּרינגלעכן מהות צוליב אירע גרויסע דערפאָלגן. דער ציוניזם צאָלט פאַר זיינע דערפאָלגן; ער איז געוואָרן וויניקער רעוואָלוציאָנער, אַ ביסל זאַט און זעלבסט־צופרידן; אַ ביסל צו־רעספּעקטאַבל. ער באַזירט זיך מער אויף די דערפאָלגן פון נעכטן, ווי אויף די אויפגאַבן פון מאָרגן. דאָס איז דער גורל פון אַלע גרויסע אידעאַליסטישע באַוועגונגען ווען זיי הייבן אָן צו ווערן אַ רעאַלער כוח. עס איז לייכטער צו דערהאַלטן די ריינקייט פון דעם אידעאַל ווען מען איז אַ קליינע מינדערהייט, ווי דאַן ווען מען ווערט די גרויסע מערהייט: ווען מען הייבט טאַקע אָן צו ווערן אַ רעאַלער פאַקטאָר און כוח. די דאָזיקע סכנה שטייט פאַר אַלע טיילן אין ציוניזם, סיי אין גלות, סיי אין ישראל. דער מאַן, וואָס איז אפשר דער גרעסטער רעפּרעזענטאַנט פון דער באַוועגונג, וואָס שטייט הינטער דער הסתדרות און וואָס האָט געהאַט דעם מוט צו פּראָקלאַמירן די יידישע מדינה, איר ערשטער פּרעמיער, וואָס איז איצט אָוועקגעגאַנגען פון דער רעגירונג, פאַרשטייט דאָס אפשר בעסער ווי איינער פון אונדז.

ער פּרוּווט איצט עפּעס אַזוינס, וואָס איז אַפילו אַ סך שווערער ווי דאָס פּראָקלאַמירן די יידישע מדינה: ער פּרוּווט צוריקצופירן דעם ישראל־דיקן בירגער צו דער גרויסער, אורשפּרינגלעך־אידעאַליסטישער פּאָזיציע אויף וועלכער חלוצים, מענטשן פון דער הסתדרות, קיבוצניקעס און אַנ־

דערע האָבן געבויט ישראל. קיינער זעט ניט די סכנה וועגן וועלכער איך רעד דאָ, אַזוי גוט ווי ער. און קיינער האָט ניט, ווי ער, אַזאַ גלויבן, אַז עס איז מעגלעך צוריקצוברענגען דעם ייד אין ישראל צו יענעם גרויסן אידעאַליזם, צו יענעם חלוצישן גייסט, אָן וועלכן מדינת ישראל וואָלט היינט ניט עקזיסטירט, טראָץ אַלע פּאָליטישע דערפאָלגן.

מיין ווונטש צו דער הסתדרות איז: הגם זי איז געוואָרן אַן אינסטי־טוציע מיט אומגעהויערע אינטערעסן, מיט אומגעהויערע פאַרמעגנס, מיט אומגעהויערע עקאָנאָמישע און סאָציאַלע מאַכט־פּאָזיציעס, זאָל זי קענען אָנהאַלטן די פּאָזיציעס און ניט צאָלן קיין צו־גרויסן פּרייז פאַר די פּאָזיציעס, וואָס זי האָט געשאַפן. איך ווינטש איר אויך, אַז מיט דעם גאַנצן כוח און מיט דער גאַנצער מאַכט־פּאָזיציע וואָס זי פאַרנעמט אין ישראל, זאָל זי קיין מאָל ניט פאַרגעסן דעם אָנהייב און דעם קוואַל, זאָל זי קיין מאָל ניט פאַרגעסן, אַז זי האָט אַלע מאָל געוואָלט זיין מער ווי אַ טרייד־יוניאָן, אַזוי ווי דער ציוניזם האָט אַלע מאָל געוואָלט זיין מער ווי אַ נאַציאָנאַלע באַוועגונג. זאָל זי מיט אַלע אירע גרויסע דער־פאָלגן (און איך האָף, אַז זי וועט ווייטער האָבן דערפאָלגן!), ניט פאַרלירן דעם גרויסן גייסט, מיט וועלכן זי האָט אָנגעהויבן. זאָל זי שטענדיק אָפּהיטן דעם גרויסן אידעאַל, וואָס האָט איר געגעבן די איינציקאַרטיקע גרויסע היסטאָרישע באַדייטונג אין דער פאַרגאַנגענהייט. איך האָף, אַז דאָס וועט איר געבן אַ גרויסע באַדייטונג אויך אין דער צוקונפט.

1924

[ג]

# דער גורל פון יידנטום

# יידן אין אַ געגנדערטער וועלטלאַגע

די יידישע לאַגע, אַזוי לאַנג ווי די מערהייט פון אונדזער פאָלק לעבט צעשפּרייט איבער דער גאַרער וועלט, איז שטענדיק געווען און וועט שטענדיק בלייבן אָפּהענגיק אין אַ גרויסער מאָס פון דער אַלגעמיינער וועלטלאַגע. יידישע אָרגאַניזאַציעס פאַרזעען צו אָפט דעם דאָזיקן פאַקט, און דער רעזולטאַט איז, אַז דאָס יידישע פאָלק ווי אַ פאָלק באַטייליקט זיך ניט אַקטיוו אין די באַמיִונגען צו לייזן פּראָבלעמען, פון וועלכע עס איז אָפּהענגיק דער גורל פון דער גאַנצער מענטשהייט.

עס איז איינע פון די אַקסיאָמעס פון דער יידישער געשיכטע, אַז אונדזער פאָלק געניסט פון גינסטיקע לעבנס־באַדינגונגען ביי אַ סטאַבילער וועלט־לאַגע, און האָט גרויסע שוועריקייטן ביים אָנהאַלטן זיין קיום אין אומרויִקע צייטן. פון דעם דאָזיקן שטאַנדפּונקט האָט זיך די לאַגע אין דער וועלט פאַרערגערט אין די פאַרגאַנגענע עטלעכע יאָר. אין אַ צייט, ווען ניט געקוקט אויף דעם, וואָס דאָס לעבן פון די פעלקער נעמט אָן כסדר אַ מאַסן־כאַראַקטער, און אפשר טאָקע איבער דעם, ווערט דער איינפלוס פון איינצלנע גרויסע פערזענלעכקייטן וואָס אַ מאָל שטאַרקער און ווערט אַפילו מער אַנטשיידנדיק ווי אין די פריִערדיקע עפּאָכעס פון דער מאָדערנער דעמאָקראַטיע. דערפאַר איז טראַגיש, וואָס דריי הויפּטפיגורן זיינען אַראָפּ פון דער פּאָליטישער אַרענע אין אַזאַ קורצער צייט. זייערע פּאָליטישע האַנד־לונגען און זייער איינפלוס זיינען געווען געווענדעט אין דער ריכטונג פון אָפּשוואַכן די שפּאַנונג אין דער וועלט און פאַרשטאַרקן די מעגלעכקייטן פאַר אַ סטאַבילן שלום. די דריי פערזענלעכקייטן זיינען: דער טראַגיש פאַרשטאָרבענער פּרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן, דזשאָן פ. קענעדי; דער פאַרשטאָרבענער גרויסער פּויפּסט יאָהאַן דער23סטער; און ניקיטאַ כרושטשאָוו, פון זיין אַראָפּגיין פון דער אַרענע — וואָס מען זאָל ניט טראַכטן וועגן זיין אינערלעכער פּאָליטיק און כאַראַקטער.

אין צוגאָב צו דער פאַרשווינדונג פון די דריי גרויסע וועלטפירער,

וועלכע זיינען אַלע געווען, אין אַלגעמיין, סטאַביליזירנדיקע עלעמענטן, זיינען אַנטשטאַנען קאָנפליקטן אין אַזיע און אין דעם קאַריבייאישן ראַיאָן, וואָס האָבן פאַרגרעסערט די שפּאַנונג אין דער וועלט און דערווייל איבערגעריסן די בהדרגהדיקע אַנטוויקלונג אויפן וועג צו אַ נייעם וועלט־סיסטעם פון אַ דויערנדיקן שלום. איינער פון די צום מיינסטן טראַגישע אַספּעקטן פון דער דאָזיקער אַנטוויקלונג איז די ירידה פונעם אויטאָריטעט פון דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע פעלקער, וואָס ווערט אַזוי אָפט באַדויערט דורך איר מוטיקן גענעראַל־סעקרעטאַר או־טאַנט. די אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע פעלקער ווערט אַלץ מער און מער עלימינירט ווי אַן אַנטשיידנדיקער פאַקטאָר אין לייזן קאָנפליקטן און פאַרלירט דורך דעם אין אַ גרויסער מאָס איר "רעזאָן ד'עטר" און איר היסטאָרישע באַדייטונג. דער שוואַכער אופן, אויף וועלכן די מיטגלידער־מלוכות פון דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע פעלקער, אָדער לכל־הפחות, די גרויסמאַכטן, באַהאַנדלען דאָס פּראָבלעם וועגן מענטשן־רעכט, וואָס האָט אַזאַ גרויסע באַדייטונג פאַרן יידישן פאָלק, איז אַ קלאָרע און טרויעריקע אָנווייזונג אויף דער דאָזיקער געפערלעכער טענדענץ, וואָס אויב זי וועט ניט ווערן אָפּגעשטעלט און געענדערט אין גאַנצן, קען זי בלויז פירן צו אַ קאַטאַסטראָפע.

די צווייטע וויכטיקסטע אַנטוויקלונג אין דער וועלטלאַגע איז דער וואַקסנדיקער תהום צווישן די רייכע און אָרעמע פעלקער; דער וואַקסנ־דיקער באַוווסטזיין פון די אָרעמע, אַז זיי געניסן ניט פון די רייכטימער פון דער וועלט, און זייער אומווילן — וואָס פאַרשטאַרקט זיך כסדר — מסכים צו זיין מיט דער דאָזיקער לאַגע. דער רעזולטאַט דערפון זיינען די סאָציאַלע אומרוען, די פּסיכאָלאָגישע אומצופרידנקייט, די פאַרבי־טערטקייט און דער כעס אין די הערצער פון הונדערטער מיליאָנען מענטשן אין אַזיע, אַפריקע און אין דרום־אַמעריקע. אויב די דאָזיקע געפערלעכע אַנטוויקלונג וועט ניט אָפּגעשטעלט ווערן און אין גאַנצן פאַרענדערט ווערן דורך אַ וויט־גייענדיקער ראַדיקאַלער אַקציע פון די רייכע פעלקער און דורך מאַכן אַן אָנהייב פון אַ נייער פאַרטיילונג פון די רייכטימער אויף דער וועלט, קען זי פירן צו אַ פאַרשטאַרקטער ניט־סטאַביליטעט און צו רעוואָלוציאָנערע געשעענישן. אַז פיל יידישע יישובים זיינען טיף פאַרמישט אין דער דאָזיקער געפערלעכער אַנטוויק־לונג — האָט זיך שוין אַרויסגעוויזן אין עטלעכע קאָנקרעטע פאַלן, ווי

די ירידה פון דעם פריִער בליִענדיקן קליינעם יידישן קיבוץ אין קובאַ. און דאָס איז געשען ניט איבער וועלכע עס איז אַנטי־יידישע טענדענצן פון דער קאַסטראָ־רעגירונג, וואָס קען מיט רעכט אָנווייזן אויף איר אויסגעצייכנטער שטעלונג צו דער יידישער מינדערהייט, נאָר ווי אַ רעזולטאַט בלויז פון דער סאָציאַלער איבערקערעניש אין דעם לאַנד, נעמענדיק אין באַטראַכט דעם פאַקט, אַז די יידן אין קובאַ, ווי אין די מערסטע אַנדערע לאַטיין־אַמעריקאַנער לענדער, געהערן צו דעם מיטעלן קלאַס, וואָס איז איצט אומפאַרמיידלעך באַדראָט דורך די רעוואָלוציאָנערע אויפטרייסלונגען.

אַ דריטע געפערלעכע טענדענץ, וואָס וואַקסט נאָך אַלץ, איז די ווידער־אויפלעבונג פון עקסטרעמען נאַציאָנאַליזם. די עוואָלוציע פון אייראָפּע אויפן וועג צו אַן אמתער פאַראייניקונג האָט געליטן אַ שטאַרקן קלאַפּ אין די לעצטע עטלעכע יאָר. די נייע געשאַפענע מלוכות אין אַזיע און אין אַפריקע ווערן אַלץ מער נאַציאָנאַליסטיש. די באַמיִונגען צו פאַראייניקן די פעלקער אין די לענדער פון אַמעריקאַנער קאָנטינענט זיינען אין איצטיקן מאָמענט ניט איבעריק דערפאָלגרייך. און אין דייטשלאַנד, ווי אין אַנדערע עלטערע לענדער, קען מען פילן אַ באַנייטן נאַציאָנאַליסטישן אויפברויז, וואָס קען ברענגען צו שרעקלעכע פאָלגן אין דער צוקונפט, אויב ער וועט ניט איינגעהאַלטן ווערן.

דאָס יידישע פאָלק איז מיט זיינע וויכטיקסטע לעבנס־אינטערעסן אַנגאַזשירט אין די אַלע אַנטוויקלונגען. אַ ניט־סטאַבילע וועלטלאַגע באַדראָט אַלע שוואַכע פעלקער, נאָך מער אַלע מינדערהייטן, און באַזונ־דערס — די קלאַסישע מינדערהייט, וואָס מיר יידן רעפּרעזענטירן. סאָציאַלע אומרוען און ניט־סטאַביליטעט באַדראָען דעם קיום פון די יידישע יישובים אין פיל טיילן פון דער וועלט. און וואָס שייך די נאַציאָנאַליסטישע אַנטוויקלונגען, באַדראָען זיי די רעכט פון יידישן פאָלק אויפצוהאַלטן זיין אידענטיטעט. מיר, יידן, די קלאַסישע מינדערהייט, קענען עקזיסטירן בלויז אין אַ וועלט־אַטמאָספער און אין אַ וועלטלאַגע, ווו עס ווערט, אַחוץ אונדזער גלייכבאַרעכטיקונג אַלס יחידים, פולשטענדיק אָנערקענט אונדזער רעכט צו זיין אַנדערש און אויפצוהאַלטן אונדזער ספּעציפישן כאַראַקטער ווי אַ מינדערהייט אויף אַלע געביטן, אין וועלכע דער יידישער קיום דריקט זיך אויס. און דאָס איז אַ סך מער ווי בלויז דער רעליגיעזער געביט. די נאַציאָנאַליסטישע טענדענץ, וואָס פאָדערט די אויסשליסלעכע

לאָיאַליטעט פון די בירגער צו דער מדינה און צו איר מערהייט, מוז דורך איר דעפיניציע און פּאַקטישער אויסווירקונג באַדראָען די עקזיסטענץ פון די נאַנקאָנפאָרמיסטישע מינדערהייטן, און קודם־כּל — פון יידיש לעבן.

מער ווי ווען עס איז האָבן מיר איצט ווי אַ פאָלק, דעם חוב אָפּצוגעבן זיך אַ רעכענונג וועגן די שטרעבונגען און טענדענצן אין דער וועלט, און ניט באַגרענעצן אונדזער אַקטיוויטעט בלויז אויף די ספּעציפישע יידישע פּראָבלעמען. מיר דאַרפן אָנהייבן טראַכטן, דיסקוטירן, און וואָס עס איז צום וויכטיקסטן — זיין אַקטיוו, ווי אַ פאָלק, אין די וועלט־פּראָבלעמען, וועלכע האָבן אַ ווירקונג אויף אונדזער קיום און אויף אונדזער צוקונפט. אויספירלעכער און גענויער מיין איך:

1) מיר דאַרפן אַקטיוו זיך באַטייליקן אין די באַוועגונגען פאַר אָפּהיטן דעם שלום און דערפירן צו אַ סיסטעם פון קאָעקזיסטענץ און קעגנזייטיקער פאַרשטענדעניש צווישן די צוויי וועלטבלאָקן, בכדי מלחמה און אַגרעסיע זאָלן ווערן אוממעגלעך אומעטום ווו זיי קענען זיך אַנטוויקלען.

2) מיר דאַרפן אָנטייל נעמען אין די קאָלעקטיווע באַמיִונגען צו פאַר־בעסערן די עקאָנאָמישע לאַגע פון די אָרעמע פעלקער און דערמוטיקן ווי ווייט מעגלעך אַלע באַמיִונגען צו העלפן די לענדער, וועלכע האַלטן זיך איצט אין אַנטוויקלען. דאָ קענען מיר זיך לערנען פון דער קלוגער פּאָליטיק פון ישראל, וועלכע האָט דורך אירע גרויסע און פּראָפּאָרציאָנעל־אומפאַרגלייכלעכע אָנשטרענגונגען צו העלפן לענדער, וואָס אַנטוויקלען זיך איצט, ניט בלויז פאַרגרעסערט איר אייגענעם מאָראַלישן אָנזען און פּרעסטיזש, נאָר אויך פאַרשטאַרקט די רעפּוטאַציע פון יידישן פאָלק, וואָס געפינט היינט צו טאָג זיין העכסטן קאָלעקטיוון אויסדרוק אין דער עקזיסטענץ און אין די דערגרייכונגען פון ישראל.

3) מיר דאַרפן, מער ווי מיר זיינען עס געווען ביז איצט, זיין די פּראָ־טאַגאָניסטן פון דער אידעע פון דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע פעלקער. מיר דאַרפן טאָן אַלץ, בכדי צו פאַרגרעסערן די מאָראַלישע און לעגאַלע אויטאָריטעט פון דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע פעלקער און צוזאַמען מיט אַנדערע מאַכן די גרעסטע אָנשטרענגונגען — אין די ראַמען פון די פאַרשיידענע פּראָבלעמען, מיט וועלכע די אָרגאַניזאַציע באַשעפטיקט זיך — צו שאַפן אַן אוניווערסאַלן פאַרפליכטנדיקן לעגאַלן סיסטעם צו באַשיצן די מענטשן־רעכט, סיי פאַר יחידים און סיי פאַר מינדערהייטן־גרופּעס. אין שייכות מיט דעם ווילן מיר אויסדריקן אונדזער

טיפע צופרידנקייט מיט דעם איינשטימיקן באַשלוס פון דער קאָנפערענץ, וואָס איז לעצטנס פאָרגעקומען אין יוגאָסלאַוויע אונטער דעם פּראָטעק־טאָראַט פון דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע פעלקער און פון דער יוגאָסלאַווישער רעגירונג. אויף דער קאָנפערענץ איז, מיט דעם הסכם פון די פאָרשטייער פון געוויסע מדינות, וועלכע האָבן ביז איצט פאַרנומען אַ קעגנערישע שטעלונג איינשטימיק אָנערקענט געוואָרן די רעכט פון רעליגיעזע, נאַציאָנאַלע און קולטורעלע מינדערהייטן אָנצוהאַלטן אַ קאָנ־טאַקט מיט די מיטגלידער פון די זעלבע מינדערהייטן אין אויסלאַנד. אויב די דאָזיקע רעזאָלוציעס וועלן דורכגעפירט ווערן אין לעבן דורך אַלע לענדער, וועלכע האָבן געשטימט פאַר זיי, קען דאָס ווערן אַ געשעעניש פון היסטאָרישער באַדייטונג, באַזונדערס פאַר אונדז, יידן.

אין אונדזער קאַמף פאַר מענטשן־רעכט דאַרפן מיר מער ווי יעדע אַנדערע מינדערהייט (ווייל קיין שום אַנדערע מינדערהייט איז אַזוי שטאַרק ניט צעשפּרייט און לעבט ניט אין אַזעלכע איינציקאַרטיקע דיאַס־פּאָרע־באַדינגונגען), באַשטיין אויף דעם רעכט אויפצוהאַלטן אונדזער ספּעציפישן כאַראַקטער אַלס אַ פאָלק, ניט בלויז מיט דעם, וואָס מיר וועלן האָבן די פולע רעכט און מעגלעכקייטן אָפּצוהיטן אונדזער אידענ־טיטעט אין די גרענעצן פון די לענדער, ווו מיר וווינען, נאָר אויך דורך אויפהאַלטן אונדזער כאַראַקטער אַלס אַן אינטערנאַציאָנאַל פאָלק, וואָס איז צעשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט און רעפּרעזענטירט דערביי איין יידיש פאָלק. גלייכצייטיק דאַרפן מיר באַשטיין אויף דעם רעכט פון אונדזער פאָלק צו זיין גייסטיק, עמאָציאָנעל און קולטורעל פאַרבונדן מיט ישראל און באַטייליקן זיך אין דער מאָראַלישער פאַראַנטוואָרט־לעכקייט פאַר איר זיכערקייט און צוקונפט.

די דאָזיקע רעכט ווערן ניט אָנערקענט און ווערן אונדז ניט געגעבן אין אַ סך טיילן פון דער וועלט. און מיר וועלן ניט קענען אין דער צוקונפט אָנהאַלטן אונדזער קיום אַלס פאָלק, סיידן די דאָזיקע רעכט וועלן רעס־פּעקטירט ווערן, ניט בלויז אין דער טעאָריע אָדער אויפן פּאַפּיר, נאָר אין דיווירקלעכע באַדינגונגען פון אונדזער קיום, אומעטום ווו מיר לעבן.

## נ ע אָ נ אַ צ י ש ע   א ו ן   אַ נ ט י ס ע מ י ט י ש ע   ט ע ט י ק י י ט

צווישן די פּראָבלעמען, מיט וועלכע מיר דאַרפן זיך איצט באַשעפטיקן, איז פאַראַן די שטאַרק באַאומרויִקנדיקע דערשיינונג פון די באַנייטע נאַצישע

און פאַשיסטישע טענדענצן און פון די אַנטיסעמיטישע אויסברוכן אין פאַרשיידענע טיילן פון דער וועלט, אַריינרעכענענדיק די אַלטע און פעסטע דעמאָקראַטיעס, וועגן וועלכע מען האָט געקענט מיינען, אַז אַזעלכע גיפטיקע מאָראַלישע קראַנקייטן וועלן זיך צו זיי ניט טשעפּען. באַזונדערס נאָך דער מפּלה פון נאַציזם. הגם דער נעאָנאַציזם שטעלט נאָך ניט פאַר מיט זיך קיין ערנסטע סכנה פאַר דעם יידישן קיום, מיטן אויסנאַם פון עטלעכע געציילטע יישובים, דאַרף אָבער אונדזער פאָלק, וואָס האָט אַזוי טייער באַצאָלט פאַר ניט אָנערקענען די באַדייטונג פון דער נאַצי־באַוועגונג אין אירע פרי׳ע טעג און פאַר ניט האָבן אָפּגעשאַצט ווי געהעריק אירע פּאָטענציעלע געפאַרן — ניט איבערחזרן דעם זעלבן טעות אין דער איצטיקער צייט און מיר דאַרפן באַקעמפן אַזעלכע נעאָנאַצישע און אַנטי־סעמיטישע טענדענצן, באַלד אין זייערע שוואַכע אָנהייבן.

נאָך אַן אַספּעקט אין דער דערשיינונג פון ווידעראויפגעלעבטן אַנטיסע־מיטיזם, וואָס מיר דאַרפן אונטערשטרייכן, איז דאָס פאַרשטאַרקטע אַנגאַ־זשירן זיך פון אַראַבישע גרופּעס — די אַראַבישע ליגע, אָדער אַראַבער, וואָס וווינען אין אַנדערע לענדער, באַזונדערס אין לאַטיין־אַמעריקע — אין די נעאָנאַצישע באַוועגונגען.

## אַראַביש־יידישע באַציונגען

דאָס פּראָבלעם פון די אַראַביש־יידישע באַציונגען באַקומט אַ גרויסע אַקטועלע באַדייטונג. אין אַלגעמיין איז די באַגעגעניש צווישן יידן און אַראַבער געווען איינע פון די פּאָזיטיווסטע און שעפערישסטע אין דער געשיכטע. אין אונדזערע באַציונגען מיט אַזוי פיל אַנדערע פעלקער און ציוויליזאַציעס אין משך פון אונדזער גלות־געשיכטע זיינען געווען אין אַלגעמיין גענומען, ווייניק אַזעלכע פּראָדוקטיווע פאַלן, ווי אונדזער באַציונג מיט די אַראַבישע פעלקער און מיט דער אַראַבישער ציווילי־זאַציע. ליידער האָט דער ניט־געלייזטער קאָנפליקט צווישן מדינת־ישראל און די אַראַבער דערפירט די דאָזיקע פּאָזיטיווע באַציונג — דערווייל — צו אַן איבעררייס. באַזונדערס האָט די אַראַבישע פירערשאַפט געמאַכט אין לעצטן יאָר אַ פּרווו אויסצוברייטערן דעם קאָנפליקט מיט ישראל און אים פאַרוואַנדלען אין אַ קאַמף קעגן יידישן פאָלק איבער דער גאַרער וועלט. עס וועט זיין אַ טראַגישע אַנטוויקלונג סיי פאַר יידן און סיי פאַר אַראַבער, אויב דער אַראַבישער סכסוך וועט, קעגן אונדזער ווילן, אויסגע־

ברייטערט ווערן אין אַן אַלגעמיינעם אַראַביש־יידישן קאָנפליקט. אַראַבישע און יידישע מינדערהייטן, באַזונדערס אין דרום־אַמעריקע, פלעגן לעבן פרידלעך צוזאַמען און האָבן אויף אַ סך געביטן אָנגעהאַלטן צווישן זיך גוטע און פריינדלעכע באַציִונגען. עס וואָלט געווען שטאַרק צום באַדויערן, ווען עס וואָלטן זיך אַנטוויקלט צווישן די אַראַבער און יידן סכסוכים ווי אַ רעזולטאַט פון דער סיסטעמאַטישער העצע פון דער אַראַבישער ליגע און פון אַ טייל פון די אַראַבישע מלוכות.

עס איז שוין לאַנג געקומען די צייט, אַז די אַראַבער זאָלן פּסיכאָלאָגיש אָננעמען דעם פאַקט פונעם קיום פון דער יידישער מדינה און אַז זיי זאָלן אָנערקענען, אַז עס ליגט ניט אין זייערע כוחות צו צעשטערן ישראל. און חוץ דעם וועלן די גרויסע מלוכות צו דעם ניט דערלאָזן. אָנצונעמען אַ היסטאָרישן פאַקט, אַפילו ווען מען איז קעגן אים, איז איינע פון די קריטעריעס פון שטאַטסמענערישן דענקען. ענגלאַנד האָט אַקצעפּטירט די ליקווידאַציע פון איר אימפּעריע מיט דער ספּעציפישער חכמה און מיט דער גרויסמוטיקייט, וואָס כאַראַקטעריזירט דאָס ענגלישע פאָלק. פראַנקרייך האָט מיט גרעסערע וואַקלענישן און דעריבער אויך מיט מער שוועריקייטן, ענדלעך אונטער דער פירערשאַפט פון דע־גאָל, מסכים געווען אויף דער אויפלייזונג פון איר אימפּעריע. אַ סך שווערע קאָנפליקטן אין דער וועלט זיינען אין דער נאָך־מלחמה־תקופה געלייזט געוואָרן דורך רויִקע און געדולדיקע פאַרהאַנדלונגען.

צי מיינען טאַקע באמת די אַראַבער, אַז ניט געקוקט אויף דער דעפיניטיווער קעגנערשאַפט פון די גרויסע מלוכות צו ריזיקירן מיט אַ נייער מלחמה און אויף זייער אַנטשלאָסנקייט ניט צו דערלויבן די קליינע מדינות דאָס צו טאָן, און אויך ניט געקוקט אויף דעם וואַקסנדיקן כוח פון ישראל און אויף דעם פאַקט, אַז די יידישע מדינה איז אָנערקענט דורך די פעלקער פון דער וועלט — וועלן זיי, די אַראַבער, אַליין קענען ענדערן דעם גאַנג פון דער געשיכטע און מאַכן אַ סוף פון מדינת־ישראל, וואָס איז געשאַפן געוואָרן דורך אַן אַנטשיידנדיקן באַשלוס פון דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע פעלקער? עס איז גוט צו וויסן, אַז איינער פון די פּאָפּולערסטע פירער פון דער אַראַבישער וועלט, פּרעזידענט בורגיבאַ, אַ ליבעראַלער מענטש מיט אַ טאָלעראַנטער באַציִונג צו די מינדערהייטן אין טוניס, האָט געהאַט דעם מוט אַרויסצוקומען עפנטלעך און וואָרענען די אַראַבער קעגן זייער אַנטשלאָסנקייט צו פּרוּוון צעשטערן מדינת ישראל,

און ער האָט גערופן די אַראַבער אָנצוהייבן פֿאַרהאַנדלונגען און שמועסן וועגן לייזן דעם קאָנפליקט צווישן ישראל און דער אַראַבישער וועלט.

פון דער טריבונע פון יידישן וועלט־קאָנגרעס אַפּעליר איך צו די אַראַבישע פעלקער און אַראַבישע מלוכות, אַז זיי זאָלן הערן די עצה פון אַן אַראַבישן פירער, וואָס האָט געוווּנען דעם קאַמף פאַר דער אומאָפּהענגיקייט פון זיין פאָלק, און אין וועמענס אַראַבישן פּאַטריאָטיזם מען קען ניט צווייפלען. זאָלן די אַראַבישע פעלקער און מלוכות הערן פּרעזידענט בורגיבאַס עצה אָפּצוזאָגן זיך פון דעם פּלאַן צו פאַרניכטן ישראל, און זאָלן זיי קודם־כל אויפגעבן זייער פּרווו אויסצוברייטערן דעם קאָנפליקט. עס וואָלט געווען אַ סך קליגער און מיושבדיקער ווען די אַראַבישע מינדערהייטן, וועלכע לעבן אין ניט־אַראַבישע לענדער, וואָלטן ניט בלויז אָנגעהאַלטן פריינדלעכע באַציִונגען מיט זייערע יידישע שכנים, נאָר אַז זיי זאָלן אויך באַטראַכטן פאַר זייער אויפגאַבע צו העלפן שאַפן אין איינעם מיט זייערע יידישע שכנים אַן אַטמאָספער, וואָס זאָל אין דער נאָענטער צוקונפט קענען פירן צו אָנערקענען מדינת ישראל דורך די אַראַבישע מלוכות און צו אַן אָנהייב פון אונטערהאַנדלונגען וועגן לייזן די שטרייט־פּראָבלעמען. די ישראל־אַראַבישע פראַגע איז קודם־כל אַ פּסי־כאָלאָגישע, ווייל די לייזונג פון די באמת רעאַלע און אָביעקטיווע פּראָב־לעמען — וועגן די גרענעצן, אַראַבישע פליטים א״א — איז ניט קיין צו שווערע, אויב מען האָט נאָר דעם גוטן ווילן. און טאַקע פאַר דעם דאַזיקן ענין קענען די אַראַבישע מינדערהייטן איבער דער גאָרער וועלט האָבן אַ גינסטיקן איינפלוס אויף זייערע היימלענדער, ניט דאַרפנדיק דערביי זיך אַריינמישן אין די סוּווערענע רעכט פון די אַראַבישע מלוכות, אָדער פון ישראל. סיי די יידן און סיי די אַראַבער דאַרפן — פון אַ היסטאָרישן שטאַנדפּונקט און אין הסכם מיט די טראַדיציאָנעל־פריינדלעכע באַציִונגען צווישן זיי — באַטראַכטן פאַר זייער חוב צו העלפן שאַפן אַן אַטמאָספער, אין וועלכער די אַראַבער זאָלן זיך אָפּזאָגן פון זייער פאַלשן און געפער־לעכן פאַרלאַנג צו פאַרניכטן ישראל און צוגרייטן דעם וועג פאַר אויפ־ריכטיקע פאַרהאַנדלונגען צווישן ישראל און די אַראַבישע מלוכות.

## דאָס סאָוועטישע יידנטום

דער יידישער וועלט־קאָנגרעס און אַנדערע יידישע אָרגאַניזאַציעס האָבן זיך באַשעפטיקט און באַשעפטיקן זיך ווייטער מיט דעם פּראָבלעם פון

סאָוועטישן יידנטום אַזוי גרינטלעך און אַזוי שטאַרק אין משך פון די פאַרגאַנגענע עטלעכע יאָר, אַז אַלץ וואָס מיר קענען איצט טאָן איז בלויז צו דערקלערן נאָך אַ מאָל אונדזער פּאָזיציע אין דער פראַגע.

הגם אַנטיסעמיטיזם עקזיסטירט אין משך פון יאָרהונדערטער, און כאָטש די סאָוועטישע רעגירונג און אַ ריי רעגירונגען פון די אויטאָנאָמע רעפּובליקן אין ראַטן־פאַרבאַנד פאַרנאַכלעסיקן זייער יורידישע און מאָראַלישע פליכט צו באַקעמפן אַלע אויסדרוקן פון אַנטיסעמיטיזם, איז נאָך אַלץ מיין מיינונג, אַז עס וואָלט געווען ניט יושרדיק און אַ פאַרקריפּלונג פון די פאַקטן צו זאָגן, אַז דער ראַטן־פאַרבאַנד איז אַן אַנטיסעמיטיש לאַנד. די סאָוועטישע יידן זיינען גלייכבאַרעכטיקט און זייער עקאָנאָמישער מצב איז אין אַלגעמיין ניט קיין ערגערער ווי פון די אַנדערע טיילן פון דער באַפעלקערונג. הגם די יידן ווערן טאַקע דיסקרימינירט אויף אַ טייל אַרבעט־געביטן, שפּילן זיי — פון דער אַנדערער זייט — אַ וויכטיקע ראָלע אין פיל פון די אַזוי גערופענע פּריווילעגירטע פּראָפעסיעס, באַזונדערס אין דער וויסנשאַפט און אין דער קונסט. עס איז איצט ניט פאַראַן קיין סכנה פאַר דער פיזישער עקזיסטענץ פון די מיליאָנען יידן אין סאָוועט־רוסלאַנד, אָבער עס איז דאָ אַן אמתע געפאַר איבער דער אָפענער דיסקרימינאַציע פאַר זייער המשך אַלס אַ יידישע מינדערהייט, אַלס אַ היסטאָרישע גרופּע, סיי רעליגיעז און סיי נאַציאָנאַל־קולטורעל. די דאָזיקע סכנה עקזיסטירט, ניט געקוקט אויף דעם פּאַראַדאָקסאַלן פאַקט, וואָס דער ראַטן־פאַרבאַנד איז — און מיר באַגריסן דאָס — די איינציקע מדינה אין דער וועלט, וווּ יידן זיינען אָפיציעל אָנערקענט אַלס אַ נאַציאָנאַלע מינדערהייט און יעדער יידישער בירגער טראָגט מיט זיך די דאָזיקע אָנערקענונג איינגעשריבן אין זיין פּאַספּאָרט.

איך וועל דאָ אויסרעכענען עטלעכע פון די קלאָרע און אָפענע פאַקטן פון דיסקרימינאַציע קעגן דער יידישער מינדערהייט אין סאָוועט־רוסלאַנד.

1) הגם רעליגיע ווערט אַטאַקירט דורך דער אַטעיִסטישער פּאָליטיק פון ראַטן־פאַרבאַנד — אַ פּאָליטיק, וואָס ווערט וואָס אַ מאָל מער אָפּגעוואָרפן דורך פיל טיילן פון דער קאָמוניסטישער וועלט־באַוועגונג — איז דער קאַמף קעגן דער יידישער אמונה היינט צו טאָג אין סאָוועט־רוסלאַנד אַ סך שאַרפער און ברענגט דער יידישער רעליגיע מער שאָדן און צעשטערונג, ווי דער קאַמף קעגן די קריסטלעכע און מוסולמענישע רעליגיעס.

2) אַלע אַנדערע רעליגיעזע גרופּעס האָבן זייערע אייגענע אָרגאַני־

זאַציעס, וועלכע קאָאָרדינירן זייערע אַקטיוויטעטן. אַלע נאַציאָנאַלע גרופּעס האָבן זייערע אויטאָנאָמע ראַיאָנען און אַ סך מעגלעכקייטן צו אַנטוויקלען זייער אייגענעם כאַראַקטער און קולטור. די יידן האָבן ניט קיין שום אַנדער אָרגאַניזאַציע אויסער זייערע קליינע בתי־כּנסת אין געוויסע שטעט, און פּאַקטיש ווערט זיי ניט געגעבן קיין איינע פון די מעגלעכקייטן, וואָס עס האָבן באַקומען אַלע אַנדערע נאַציאָנאַלע מינדערהייטן. דער מאָטיוו, וועלכן מיר הערן ציטנווייז פון די סאָוועטישע פאָרשטייער, אַז די יידן זיינען ניט קאָנצענטרירט טעריטאָריעל, איז ניט קיין דעצידירנ־דיקער, ווייל עס זיינען פאַראַן אַנדערע מינדערהייטן, ווי די דייטשן, וועלכע זיינען אין אַ גרויסער מאָס געווען ניט לאָיאַל צום ראַטן־פאַרבאַנד אין דער צייט פון צווייטן וועלטקריג און זיי האָבן קאָלאַבאָרירט מיט די נאַציס — און זינט אַדענאַוערס באַזוך אין סאָוועט־רוסלאַנד האָבן זיי צוריק באַקומען זייערע רעכט אויף זייערע אייגענע שולן, זייער אייגענער ליטעראַטור אאַז״וו.

3) אַנדערע רעליגיעזע מינדערהייטן האָבן דאָס רעכט צו שטעלן זיך אין פאַרבינדונג און אָנהאַלטן אַ קאָנטאַקט מיט זייערע גלויבנס־ברידער מחוץ דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. די יידישע מינדערהייט האָט ניט די דאָזיקע מעגלעכקייט און אַלע אונדזערע באַמיִונגען, אַז דער יידישער יישוב אין סאָוועט־רוסלאַנד, ווי דעזאָרגאַניזירט ער איז, זאָל זיין אַנוועזנדיק דורך זיינע שליחים און פאַרטרעטער אויף אינטערנאַציאָנאַלע יידישע קאָנ־פערענצן פון יידישן וועלט־קאָנגרעס, אָדער פון רעליגיעזע קערפּערשאַפטן, זיינען ביז איצט דורכגעפאַלן.

עס עקזיסטירט אויך דאָס פּראָבלעם וועגן דער פאַראייניקונג פון משפּ־חות, וואָס איז באַזונדערס וויכטיק פאַר דער יידישער מינדערהייט, ווייל זייער אַ סך יידישע פאַמיליעס אין סאָוועט־רוסלאַנד האָבן, צוליב די ספּעציפישע באַדינגונגען פון יידישן לעבן, נאָענטע קרובים אין אַנדערע לענדער, באַזונדערס אין מדינת־ישראל, און זיי האָבן ניט קיין מעגלעכ־קייט זיך צו פאַראייניקן מיט זיי, ווען זיי ווילן דאָס טאָן. דאָס דאָזיקע פּראָבלעם האָט אַ גרויסע היסטאָרישע באַדייטונג פאַר אונדזער פאָלק.

מיר האָבן פאַרלאָרן זעקס מיליאָן יידן דורך דער פיזישער פאַרניכטונג. און כאָטש קיינער וועט ניט פּרווון מאַכן אַ פאַרגלייך צווישן דער פּאָליטיק פון סאָוועט־רוסלאַנד בנוגע די יידן און די גרויזאַמע פאַרברעכערס פון די נאַציס — מיר דאַרפן קיין מאָל ניט פאַרגעסן, אַז דער ראַטן־פאַרבאַנד

האָט געראַטעוועט הונדערטער טויזנטער יידן, וועלכע זיינען אַנטלאָפֿן פֿון די נאַציס — דאַרפֿן אָבער די סאָוועטישע פֿירער פֿאַרשטיין, וואָס עס באַדייט פֿאַר אונדזער פֿאָלק, וואָס איז פֿאַרקלענערט געוואָרן אויף אַ דריטל, צו ווערן געשטעלט פֿאַר אַ געפֿאַר צו פֿאַרלירן הונדערטער טויזנטער יידן, ניט דורך פֿאַרניכטונג אָדער פֿאַרפֿאָלגונגען, נאָר ווי אַ רעזולטאַט פֿון אַרויפֿגעצוווּנגענער אַסימילאַציע, וועלכע איז — בכדי צו פֿאַרמולירן קלאָר — די גענויע פּאָליטיק פֿון ראַטן־פֿאַרבאַנד בנוגע די יידן.

איך האָב איצט מער האָפֿענונג ווי פֿריִער, אַז געוויסע ענדערונגען וועלן קומען. מעכטיקע פּראָגרעסיווע כוחות אין דער וועלט, וועמען קיינער קען ניט חושד זיין אַז זיי זיינען אַנטיסאָוועטיש, אינטערעסירן זיך וואָס אַ מאָל מער מיט דעם פּראָבלעם און שטיצן אונדזערע פֿאָדערונגען אויף פֿולער גלייכהייט פֿון דער יידישער מינדערהייט אַלס אַ קאָלעקטיוו. דער פּראָצעס פֿון דער ליבעראַליזאַציע פֿון סאָוועט־רוסלאַנד איז ניט איבערגעריסן געוואָרן נאָך דעם ווי כרושטשאָוו איז אַוועק, נאָר זיך פֿאַרגרעסערט אין אַן אַנגעזעענער מאָס. די פֿרידלעכע פּאָליטיק פֿון סאָוועט־רוסלאַנד ווערט איצט ניט באַצווייפֿלט און דעריבער איז דער ראַטן־פֿאַרבאַנד איצט אַלץ מער און מער סענסיטיוו פֿאַר דער עפֿנטלעכער מיינונג פֿון דער וועלט. עס זיינען שוין פֿאַראַן אָנווייזונגען אויף קליינע ענדערונגען אין דער סאָוועטישער פּאָליטיק בנוגע די יידן. דער פֿאַקט, אַז די סאָוועטישע דעלעגאַטן אין דער קאָמיסיע פֿאַר מענטשן־רעכט ביי דער אָרגאַניזאַציע פֿון די פֿאַראייניקטע פֿעלקער האָבן געשטיצט די רעכט פֿון מינדערהייטן־גרופּעס צו באַטייליקן זיך אין אינטערנאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס — איז אין דעם זין זייער וויכטיק און דאַרף באַגריסט ווערן.

דער הויפּטמאָטיוו פֿאַר מיין אָפּטימיזם איז דער פֿאַקט, אַז עס איז ניט פֿאַראַן קיין שום אָביעקטיווע סיבה פֿאַר דער דאָזיקער נעגאַטיווער פּאָליטיק אין דער באַציִונג צו יידן. די סאָוועטישע פּאָליטיק איז אויך אין אַ קלאָרער סתירה צו דער האַנדלונג פֿון אַנדערע קאָמוניסטישע מזרח־אייראָפּעיִשע מלוכות, ווי טשעכאָסלאָוואַקיע, אונגאַרן, פּוילן, רומעניע און יוגאָסלאַוויע, וועלכע האָבן ניט בלויז דערלויבט די יידן אויפֿצוהאַלטן זייער רעליגיעז און קולטורעל לעבן, נאָר זיי העלפֿן אויך אין אַ גרויסער מאָס צו פֿינאַנסירן די דאָזיקע טעטיקייטן. דאָס איז אַ קלאָרער באַווייז, אַז די סאָוועטישע פּאָליטיק לגבי די יידן איז ניט קיין רעזולטאַט פֿון דער קאָמוניסטישער דאָגמע, נאָר אַ ספּעציפֿיש רוסישע דערשיינונג. וואָס פֿאַר אַ געפֿאַר קען

דען דראָען דער אייניקייט און דער נאַציאָנאַלער קראַפט פון ראַטן־פאַרבאַנד, אויב עס וועט דערלויבט ווערן דער יידישער מינדערהייט אָפּצוהיטן איר אידענטיטעט, ווי זי האָט דאָס געקענט טאָן אין דעם ערשטן יאָרצענדליק פון קאָמוניסטישן רעזשים? פון דער אַנדערער זייט הייבן שוין אָן די סאָוועטישע פירער איינצוזען, אַז זייער פּאָליטיק לגבי די יידן אַנטאַגאָניזירט אויך מיליאָנען ניט־יידן און אַז זי איז ניט אין די אינטערעסן פון ראַטן־פאַרבאַנד.

איך אַפּעליר צום יידישן פאָלק און צו זיינע פיל פריינד איבער דער גאָרער וועלט ווייטער פאָרצוזעצן די עפנטלעכע פאָדערונגען וועגן גלייכע רעכט פאַר די יידן, ווי אַ רעליגיעזע און נאַציאָנאַלע מינדער־הייט און צו ווירקן אויף סאָוועט־רוסלאַנד, אַז זי זאָל ענדערן איר פּאָליטיק בנוגע די יידן. גלייכצייטיק וואָלט איך געוואָלט וואָרענען קעגן פאַרדרייען די פאַקטן און מאַכן איבערטרייבונגען. פאַר אַלעם דאַרפן מיר אויסמיידן צו ווערן אַריינגעשלעפּט אין דער פּאָלעמיק פון קאַלטן קריג, וועלכן מיר דאַרפן זיך אַנטקעגנשטעלן ווי יעדע אַנדערע מינדערהייט. מיר דאַרפן אויסמיידן צו שאַפן דעם איינדרוק, אַז דאָס יידישע פאָלק ווי אַזעלכעס איז אַנטיסאָוועטיש. אַזאַ אַנטוויקלונג וואָלט געווען אַ היסטאָרישע טראַ־געדיע פאַר אונדזער פאָלק. מיר קענען ניט אָננעמען אַ פּאָזיציע פון אויסקלייבן צווישן פאַרשיידענע סאָציאַלע סיסטעמען און פּאָליטישע רע־זשימען. מיר דאַרפן אַרויסשטעלן פאָדערונגען צו א ל ע רעזשימען וועגן דער פולער גלייכהייט פון יידישע יחידים אַלס בירגער און וועגן דעם רעכט אויפצוהאַלטן די קאָלעקטיווע יידישע אידענטיטעט. מיט געדולד און מיט אַ געפיל פון פאַראַנטוואָרטלעכקייט דאַרפן מיר האָפן, אַז עס איז ניט צו ווייט דער טאָג, ווען דער יידישער קיבוץ אין סאָוועט־רוסלאַנד וועט צוריק באַקומען דאָס רעכט צו זיין און בלייבן יידיש, אויף דעם אופן ווי ער פאַרלאַנגט; אַז ער וועט ווערן אַן אָרגאַניזירטע גרופּע; וועט אָנבינדן און איינשטעלן אַ קאָנטאַקט מיט יידישע וועלט־אָרגאַני־זאַציעס און מיט ישראל און וועט ווידער פאַרנעמען זיין פּאָזיציע אין דער יידישער וועלט, ווי איינער פון די שאַפערישסטע יישובים.

## די דייטש־יידישע באַציִונגען

וואָס שייך די דייטש־יידישע באַציִונגען וויל איך אָנווייזן אויף דעם, אַז עס זיינען פאַראַן צוויי אַספּעקטן צו דער פראַגע, וואָס האָט באַשעפ־

טיקט די יידישע וועלט אין די פאַרגאַנגענע עטלעכע חדשים. די אַקטועלע און באַלדיקע פּראָבלעמען, און די מער דעליקאַטע און שווערע פראַגע וועגן די דייטש־יידישע באַציִונגען נאָך דער היטלער־עפּאָכע, איצט און אין דער צוקונפט.

די באַלדיקע פּראָבלעמען זיינען, צום גליק, ניט קיין דרינגענדיקע. על־פּי־רוב זיינען זיי אויך געלייזט געוואָרן, ווען אַפילו ניט תמיד צו דער פולער צופרידנקייט פון דער יידישער עפנטלעכער מיינונג. די באַציִונגען צווישן מערב־דייטשלאַנד און ישראל זיינען רעגולירט געוואָרן דורך דעם מוטיקן און שטאַטסמענערישן באַשלוס פון קאַנצלער ערהאַרד צו געבן דער יידישער מדינה די פולע אָנערקענונג. געוויסע שוועריקייטן בנוגע דער דיפּלאָמאַטישער פּראָצעדור און פּערזענלעכקייטן זיינען אויך באַזייטיקט געוואָרן. אַ צווייטער ענין, וואָס האָט אַרויסגערופן אַ סך פּראָטעסטן און פאָדערונגען — די פראַגע וועגן פאַרלענגערן דעם טערמין פאַר משפטן נאַצי־פאַרברעכער — איז אויך געלייזט געוואָרן, אויב ניט אין גאַנצן צופרידנשטעלנדיק, דורך פאַרלענגערן דעם טערמין אויף נאָך פיר און אַ האַלב יאָר.

איך וואָלט געוואָלט זאָגן ביי דער געלעגנהייט, אַז אין די פאַרגאַנגענע עטלעכע יאָר האָט די מאַכט אין מערב־דייטשלאַנד דורכגעפירט אַ ברייטע און קאָמפּעטענטע אַרבעט אויסצוזוכן די נאַצי־פאַרברעכער און זיי שטעלן פאַרן געריכט. די דאָזיקע אויפגאַבע וועט נאָך אָנהאַלטן אַ ריי יאָרן און הונדערטער פּראָצעסן ווערן איצט צוגעגרייט.

עס איז ניט געווען באַקאַנט, אַז דער יידישער וועלט־קאָנגרעס איז אין משך פון פיל יאָרן געווען פאַקטיש די איינציקע יידישע אָרגאַניזאַציע מחוץ מדינת־ישראל, וואָס האָט עפעקטיוו געהאָלפן די דייטשע פּראָקוראָרן. אונדזער פאַרשטאָרבענער אומפאַרגעסלעכער פריינד נחמיה ראָבינזאָן, דער דירעקטאָר פונעם אינסטיטוט פון יידישע ענינים, האָט געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע אויף דעם געביט — צווישן אַנדערע דערגרייכונגען זיינע, וועלכע האָבן אים געמאַכט פאַר איינעם פון די שאַפערישסטע פיגורן אין דער געשיכטע פון אונדזער דור. עס איז פאַראַן אַ גרונט צו באַקלאָגן זיך אויף דעם כאַראַקטער פון אַ באַשטימטער צאָל אורטיילן פון די דייטשע געריכטן קעגן די נאַצי־פאַרברעכער, אָבער דער דייטשער רעגירונג קען מען דערפאַר ניט מאַכן פאַראַנטוואָרטלעך, נעמענדיק אין באַטראַכט די סעפּאַרירונג פון דער יוסטיץ־מאַכט פון דער רעגירונגס־

מאַכט אין דייטשלאַנד, ווי אין יעדער מאָדערנער דעמאָקראַטיע. מען קען בלויז האָפן, אַז געוויסע אַלטע אופנים פון טראַכטן מצד די ריכטער, וועלכע זיינען דערצויגן געוואָרן אין דער נאַצי־עפּאָכע, וועלן פאַרגעסן ווערן, און אַז די ריכטער, וועלכע האַלטן זיך ביי די דאָזיקע מעטאָדן, וועלן עלימינירט ווערן פון משפטן אין אַזעלכע פּראָצעסן.

דאָס ספּעציפישע פּראָבלעם, וואָס האָט אונדז באַשעפטיקט אין די פאַרגאַנגענע צוועלף יאָר און איז פאָרמעל באַהאַנדלט געוואָרן דורך דער קאָנפערענץ פאַר די מאַטעריעלע תביעות קעגן דייטשלאַנד — די פראַגע וועגן די שילומים־געלטער — איז איצט אויך אָפּגעשלאָסן געוואָרן. איך קען דאָ איצט ניט געבן אַן אויספירלעכע אָפּשאַצונג פון דער אומגעהויערער באַדייטונג פון דער דאָזיקער געזעצגעבונג — וואָס האָט ניט איר גלייכן און וואָס וועט קאָסטן דייטשלאַנד צווישן צען און עלף מיליאַרד דאָלאַר, ווען דער ענין וועט אין גאַנצן אָפּגעשלאָסן ווערן. די דאָזיקע געזעצגעבונג שטעלט מיט זיך פאָר, סיי פון לעגאַלן שטאַנדפּונקט און סיי אין דער דורכפירונג, אַן איינציקאַרטיקע דערשיינונג. דער יידישער וועלט־קאָנגרעס האָט די רעכט צו דערקלערן, אַז שוין אין די מלחמה־יאָרן און באַלד דערנאָך, האָט ער אויסגעאַרבעט די אידעאָלאָגישע און לעגאַלע באַזע פאַר די פאָדערונגען, וועלכע זיינען שפּעטער אַרויסגעשטעלט געוואָרן דורך ישראל און דורך דער קאָנפערענץ פאַר מאַטעריעלע תביעות צו דייטשלאַנד. דערמיט האָט דער יידישער וועלט־קאָנגרעס געטאָן אַ סך פאַרן יידישן לעבן אין דער נאָך־מלחמה־תקופה.

אין נאָמען פון דער קאָנפערענץ פאַר יידישע מאַטעריעלע תביעות האָב איך מיטגעטיילט דער מערב־דייטשער רעגירונג, אַז די קאָנפערענץ האָט ניט קיין שום ווייטערדיקע פאָדערונגען, ווי באַלד די לעצטע אויסבעסערונג צום געזעץ — וואָס וועט פאָדערן אַ נייע הוצאה פון דייטשלאַנד אויף אַ סך מער ווי אַ מיליאַרד דאָלאַר — וועט אָנגענומען ווערן, הגם עס וועלן נאָך פאַרבייגיין אַ סך יאָרן ביז די געזעצן וועלן פולשטענדיק דורכגעפירט ווערן. עס וועט זיין די פליכט פון די יידישע אָרגאַניזאַציעס צו שטיין אויף דער וואַך, אַז די געזעצן וועגן די שילומים־געלטער זאָלן דורכגעפירט ווערן יושרדיק, אין זייער בעסטן גייסט, שטיצנדיק זיך אויף דער מאָראַלישער פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון דייטשן פאָלק צו געבן לכל הפחות אַ מאַטעריעלע אַנטשיידיקונג פאַר די לעבן־געבליבענע פון די מוראדיקע פאַרברעכנס, וואָס זיינען באַגאַנגען געוואָרן קעגן יידן.

אַזוי אַרום זײַנען אין איצטיקן מאָמענט ניט פֿאַראַן קיין שאַרפֿע קאָנפֿליקטן און מיינונגס־פֿאַרשיידנקייטן צווישן מערבֿ־דײַטשלאַנד און דעם יידישן פֿאָלק. וואָס שייך מזרח־דײַטשלאַנד, איז נייטיק נאָך אַ מאָל צו באַקלאָגן זיך אויפֿן פֿאַקט, אַז די מזרח־דײַטשע פֿאָלקס־רעפּובליק האָט פֿולשטענדיק איגנאָרירט אונדזערע פֿאָדערונגען. נאָך מער דאַרף מען באַדויערן די עקסטרעם־שאַרפֿע אַנטי־ישראל־פּאָזיציע, וואָס עס האָט פֿאַרנומען מזרח־דײַטשלאַנד און איר פֿירער אולבריכט.

אָבער דער פֿאַקט, וואָס די אַקטועלע פּראָבלעמען צווישן מערבֿ־דײַטשלאַנד און יידישן פֿאָלק זײַנען געלייזט געוואָרן, שטעלט ניט פֿאַר מיט זיך — פֿון דער אַנדערער זײַט — דעם ענדגילטיקן ענטפֿער אויף דעם גרויסן, קאָמפּליצירטן און טראַגישן פּראָבלעם וועגן די דײַטש־יידישע באַציִונגען, פֿון היסטאָרישן שטאַנדפּונקט.

די לייזונג פֿון דעם דאָזיקן גרויסן היסטאָרישן פּראָבלעם, נאָך דעם אַלעם, וואָס עס איז געשען אין פֿאַרלויף פֿון דער נאַצי־עפּאָכע, וועט פֿאָדערן אַ געוויסע צײַט. דאָס קען ניט געטאָן ווערן דורך באַשלוסן און רעזאָלוציעס. דאָס איז אָפּהענגיק פֿון גרויסע פּסיכאָלאָגישע און מאָראַלישע פֿראַגן, וועלכע בלויז די צײַט קען לייזן. וועגן דעם דאַרפֿן זיך אָפּגעבן אַ רעכענונג סײַ דאָס יידישע פֿאָלק און סײַ דאָס דײַטשע פֿאָלק. עס זײַנען ניט פֿאַראַן קיין לײַכטע וועגן פֿאַר דער נאָרמאַליזירונג פֿון די דײַטש־יידישע באַציִונגען. די עקזיסטענץ פֿון דײַטשלאַנד קען ניט איגנאָרירט ווערן דורכן יידישן פֿאָלק. פֿון דער אַנדערער זײַט קענען מיר קיין מאָל ניט פֿאַרגעסן, וואָס עס איז געשען אין דער נאַצי־עפּאָכע. די איצטיקע דײַטשע גענעראַציע מוז אָנערקענען, אַז זי קען ניט דערוואַרטן אַ גיכע נאָרמאַליזירונג אין פֿולן זין פֿון דעם וואָרט, אַז עס איז נייטיק אַן ערנסטער פֿאַרלאַנג מצד דעם דײַטשן פֿאָלק צו ענדערן זײַן פּרצוף און צו שאַפֿן דעם אמתן אײַנדרוק אין דער יידישער און אַלוועלטלעכער עפֿנטלעכער מיינונג. אַז דאָס, וואָס איז פֿאָרגעקומען אין דער נאַצי־עפּאָכע, וועט קיין מאָל מער ניט קענען געשען. דאָס וועט זיך פֿאָדערן, איידער דער פּסיכאָלאָגישער פּראָצעס פֿון דער נאָרמאַליזירונג וועט קענען דורכגעפֿירט ווערן.

אין דער צווישנצײַט וועט דײַטשלאַנד דאַרפֿן אויסדריקן אין מעשים איר אַנטשלאָסנקייט אויסצורייסן מיט די וואָרצלען די רעשטלעך פֿון די אַלטע נאַצישע טענדענצן און אַלע פּרוּוון ווידער אויפֿצולעבן די נאַצי־

אידעאָלאָגיע. די דייטשן דאַרפן פאַרשטיין, אַז יעדער אַנטיסעמיטישער אינצידענט אין דייטשלאַנד טרעפט דעם יידישן פאָלק אַ סך טיפער ווי ענלעכע געשעענישן ערגעץ אַנדערש. די דייטשן מוזן אויך זיין מער סענסיטיוו אין זייערע שריט קעגן דער באַנייונג פון נאַציזם אין זייער לאַנד, ווי שוואַך די דאָזיקע דערשיינונג זאָל ניט זיין.

פון דער אַנדערער זייט דאַרף דאָס יידישע פאָלק אָפּשאַצן, וואָס מערב־דייטשלאַנד האָט זיך באַמיט צו טאָן אויפן געביט פון די שילומים־געלטער, און מען דאַרף ניט מאַכן פאַראַנטוואָרטלעך יעדן דייטש פון דער יונגער גענעראַציע פאַר דעם, וואָס עס האָבן געטאָן זייערע פאָטערס — הגם פון היסטאָרישן שטאַנדפונקט איז פאַראַן אַזאַ זאַך, ווי קאָלעקטיווע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון יעדער גענעראַציע פאַר גוטע און שלעכטע מעשים, פאַר אַקטן פון רום און פון שאַנדע — פאַר דער גאַנצער געשיכטע פון אייגענעם פאָלק.

בלויז אויף דער באַזע פון אַזעלכע האַנדלונגען און פון אַזאַ שטעלונג פון ביידע צדדים קען דער אומפאַרמיידלעכער און געווונטשענער פּראָצעס פון דער לאַנגזאַמער נאָרמאַליזירונג זיך אַנטוויקלען און וואַקסן.

## באַציִונגען צווישן יידן און קריסטן

דאָס פּראָבלעם פון די קריסטלעך־יידישע באַציִונגען איז געווען באַזונדערס אַקטועל אין די פאַרגאַנגענע עטלעכע יאָר, סיי אין דער פּראָטעסטאַנטישער און סיי אין דער קאַטוילישער וועלט, אַלס איינע פון די קאָנסעקווענצן פון דעם בעסטיאַלישן אַנטיסעמיטיזם אין דער נאַצי־עפּאָכע. אַ סך קריסטלעכע קירכעס אָנערקענען וואָס אַ מאָל מער פאַר זייער מאָראַלישן און רעליגיעזן חוב צו ווערן פאַקטאָרן אין קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם און אומטאָלעראַנץ. די פּראָטעסטאַנטן האָבן אויף זייער לעצטער קאָנפערענץ אין ניו־דעלהי אָנגענומען אַ קלאָרע און פּאָזיטיווע רעזאָלוציע, פאַרורטיילנדיק דעם אַנטיסעמיטיזם און פאַרפליכטנדיק אַלע פּראָטעסטאַנטישע און גריכיש־אָרטאָדאָקסישע קירכעס צו באַקעמפן דעם יידן־האַס. די רוימיש־קאַטוילישע קירך, וואָס באַוועגט זיך שווערער, האָט אונטער דער גרויסער, קלוגער און הומאַניטאַרער אינספּיראַציע פון פּויפּסט יאָהאַן דעם 23סטן אָנגענומען געוויסע שריט אין זייער עקומענישן ראַט. עס איז ניט די אויפגאַבע פון אַ יידישער קאָנפערענץ צו באַהאַנדלען אַלע פּרטים פון זייער דעקלאַראַציע און דעם אופן ווי אַזוי די מיטגלידער

פון עקומענישן ראַט דיסקוטירן וועגן דער פראַגע. דאָס יידישע פאָלק האָט קלאָר אויסגעדריקט זיין פאַרלאַנג, אַז דער עקומענישער ראַט זאָל אָננעמען אַ באַשלוס וועגן מאַכן אַ סוף צו דער באַשולדיקונג, אַז יידן בלייבן אויף אייביק פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער קרייצונג פון דעם גרינדער פון דער קריסטלעכער רעליגיע, און אַז ער זאָל פאַראורטיילן עפנטלעך און אויף אַן אומצווייזייטיקן אופן דעם איצטיקן אַנטיסעמיטיזם.

אונטער דער פירערשאַפט פון יידישן וועלט־קאָנגרעס און פון בני־ברית איז ביים אָנהייב פון אַ זיצונג פון עקומענישן ראַט איבער־געגעבן געוואָרן אַ מעמאָראַנדום צום פאָרזיצער פון קאָמיטעט פאַר קריסטלעכער אייניקייט, דעם אומדערמידלעכן און שטאַטסמענערישן קאַר־דינאַל בעאַ, וועמענס באַמיִונגען פאַרן באַשלוס דאַרפן ווערן אָפּגעשאַצט.

מיר ווייסן, אַז געוויסע כוחות אין די קאַטוילישע קרייזן זיינען קעגן אַזאַ דעקלאַראַציע און אַז די אַראַבישע מלוכות האָבן אָרגאַניזירט אַן אַקציע קעגן אַזאַ רעזאָלוציע צוליב זייער אַנטאַגאָניזם צו ישראל. עס וואָלט געווען מער ווי קאַטאַסטראָפאַל ווען די קאַטוילישע קירך וואָלט זיך אונטערגעגעבן אַזעלכע פאָליטישע דראָונגען און דעם עקשנותדיקן ווידערשטאַנד פון די אַלטמאָדישע רעאַקציאָנערע גרופּעס. אָבער דער באַשלוס ליגט נאַטירלעך אין די הענט פון דער קירכע אַליין. ווי באַלד מיר האָבן אַלס פאָלק געמאַכט קלאָר אונדזערע פאַרלאַנגען און האָפענונגען, דאַרפן מיר זיך אָפּהאַלטן פון אינטערווענירן אין די טאָגטעגלעכע אַנטוויק־לונגען אינעם עקומענישן ראַט. די רייזעס פון יידישע גרופּעס קיין רוים העלפן ניט און זיינען אויך ניט ווערדיק. די איבערגעטריבענע אייפערדיקע באַמיִונגען פון געוויסע יידישע גרופּעס טוען ניט קיין טובה דעם גורל פון דער דעקלאַראַציע און ברענגען זיכער ניט קיין נוצן דעם טייל פון יידישן פאָלק, וועלכן די דאָזיקע גרופּעס רעפּרעזענטירן. אַלס אַ פאָלק דאַרפן מיר זיין געדולדיק, און וואַרטן אויף דער ענדגילטיקער דעקלאַ־ראַציע. איך קען זיך ניט פאָרשטעלן, אַז דער טעקסט, וואָס איז באַשטעט־טיקט געוואָרן דורכן ראַט, וועט ווערן אָפּגעוואָרפן אָדער צוריקגעצויגן. עס איז קלאָר, אַז אויב נאָך דעם גאַנצן האָפענונגספולן אָנהייב, נאָך דעם באַשלוס פון דער איבערוויגנדיקער מערהייט און נאָך אַלע גוטע רעדעס פון די קאַרדינאַלן און בישאָפן, וועלכע האָבן געשטיצט די רעזאָלוציע, וועט די דעקלאַראַציע ניט אָנגענומען ווערן ענדגילטיק אין אַ באַפרידיקנ־קער פאָרעם, וועלן מיר עס ניט בלויז באַדויערן, נאָר — איך האָב מורא —

אַז די באַציִונגען צווישן דער קאַטוילישער קירך און דעם יידישן פאָלק וועלן שטאַרק פאַרערגערט ווערן. אויב, פון דער אַנדערער זייט, די דעקלאַ־ראַציע וועט אָנגענומען ווערן, וועט עס זיין אַ היסטאָרישע דערגרייכונג. עס וועט דויערן יאָרן און יאָרן דורכצופירן די דעקלאַראַציע אין לעבן און צו מאַכן אַ סוף מיט די אויסדרוקן פון קריסטלעכן אַנטיסעמיטיזם אין די לערנביכער און אין דעם קירכלעכן צערעמאָניאַל. אָבער דער פאַקט, אַז די מעכטיקע קאַטוילישע קירכע — טאַקע דערפאַר ווייל זי באַוועגט זיך אַזוי לאַנגזאַם ביים מאַכן ענדערונגען און ווייל זי האָט אַזאַ גרויסן איינפלוס אין אַ סך טיילן פון דער וועלט — וועט האָבן אָנגענומען אַזאַ שטעלונג קעגן אַנטיסעמיטיזם, וועט ווערן אַ היסטאָריש געשעעניש און דאָס יידישע פאָלק וועט עס ווי געהעריק אָפּשאַצן.

מיר האָבן אויך, צום סוף, דאָס רעכט צו זאָגן, אַז עס ליגט ניט ווייניקער אין די אינטערעסן פון דער קירך און פון איר פּאָזיציע אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט — אַפילו מער ווי פאַר אונדזער טובה — צו מאַכן דעם דאָזיקן שריט, אַז די יידיש־קאַטוילישע באַציִונגען, וועלכע האָבן אַ טראַגישע געשיכטע פון יאָרהונדערטער פון פּיינטלעכע אַקטן און פאַרפאָלגונגען, זאָלן זיך שטיצן אויף אַ נייער פּאָזיטיווער באַזע פון קעגנזייטיקע רעספּעקט, טאָלעראַנץ און פאַרשטענדעניש.

## דאָס אינערלעכע יידישע פּראָבלעם

ניט געקוקט אויף די באַנייטע אַנטיסעמיטישע אינצידענטן, איז דאָס אמתע פּראָבלעם פון יידישן המשך אין דער איצטיקער צייט אַן אינער־לעכס — די געפאַר פון צעשפּליטערטקייט און גלייכגילטיקייט, באַזונדערס איז דאָס שייך דעם יונגן דור.

דעריבער איז די פראַגע וועגן יידישער דערציִונג און קולטור איצט אַזוי שטאַרק אַנטשיידנדיק פאַר אויפהאַלטן דעם קיום פון יידישן פאָלק אין די תפוצות. אין דער הינזיכט מאַך איך נאָך אַ מאָל אויפמערקזאַם אויף דעם, אַז די אויפגאַבן פון דערציִונג און קולטור־אַרבעט דאַרף געגעבן ווערן פּריאָריטעט אין יידישן לעבן לגבי הילף און פילאַנטראָפּיע־טעטיקייט, וועלכע זיינען אין דער פאַרגאַנגענהייט געווען דאָס דרינגענ־דיקסטע פּראָבלעם. הגם עס איז אונדזער פליכט צו באַקעמפן אַנטיסע־מיטיזם אין אַלע זיינע דערשיינונגען, מוזן מיר אָבער קאָנצענטרירן אונדזערע הויפּט־אָנשטרענגונגען אויף דעם אינערלעכן פּראָבלעם.

אויף דעם געביט דאַרף מיט צופרידנקייט פאַרצייכנט ווערן די אַנטוויק־לונג אין דעם געדאַנקען־גאַנג און פּלענער פון אַ טייל יידישע יישובים, באַזונדערס אין די פאַראייניקטע שטאַטן, ווו אַפילו אַזעלכע אָרגאַניזאַציעס ווי די צדקה־פאָנדן, וועמענס הויפּט־אינטערעס אין דער פאַרגאַנגענהייט איז געווען צו פאַרנעמען זיך מיט פילאַנטראָפּיע, נעבן דער הילף פאַר ישראל — הייבן איצט אָן צו אָנערקענען די וויכטיקייט פון דער יידישער דערציִונג־ און קולטור־אַרבעט. אין פאַרגאַנגענעם מאָנאַט מאַי איז געשאַפן געוואָרן דער זכרון־פאָנד פאַר יידישער קולטור. דער צוועק פון דעם פאָנד איז צו שאַפן אַ צענטראַלן פאָרום און אינסטרומענט פאַר אַלוועלטלעכע טעטיקייטן אויפן געביט פון יידישע קולטור ווי אויך צו מאַכן די התחלה פאַר דער פונקציאָנירונג פון דעם וועלטראַט פאַר יידישער דערציִונג אין פאַרשיידענע טיילן פון דער וועלט.

איך דאַרף אויך זאָגן אַ וואָרט וועגן דעם גרויסן אינטערעס פון ישראל צו די קולטור־פּראָבלעמען אין די תפוצות. ניט געקוקט אויף אירע אייגענע גרויסע דאגות און אויף די געפאַרן, וועלכע באַדראָען די מדינה, גיבן זיך אָפּ די רעגירונג פון ישראל און די מערהייט פון אירע פּאַרטייען וואָס אַ מאָל מער אַ חשבון וועגן דעם, אַז זיי האָבן אויף זיך אַ הייליקן חוב לגבי די יידישע יישובים אין חוץ־לארץ. זיי באַגרייפן וואָס אַ מאָל מער, אַז די הויפּט־באַרעכטיקונג פאַר דעם קיום פון מדינת ישראל איז צו דינען ווי אַן אינסטרומענט פאַר דעם המשך פון יידישן פאָלק, און אַז איצט, ווען די יידישע מדינה איז סיי פּאָליטיש און סיי עקאָנאָמיש אויפ־געשטעלט, סאָליד, דאַרף זי נעמען אַ פירנדיקן אָנטייל אין אַלע טעטיקייטן פאַר דערציִונג־ און קולטור־אַרבעט אין די תפוצות. דער פּרעמיער־מיניס־טער פון ישראל, לוי אשכול, האָט ביי פיל געלעגנהייטן זיך אַרויסגעזאָגט אין דעם זין, און אין ישראל איז געשאַפן געוואָרן אַ ספּעציעלע קער־פּערשאַפט פאַר אויסברייטערן די אַרבעט, וואָס די ציוניסטישע וועלט־אָרגאַניזאַציע טוט אויף דעם געביט שוין זינט יאָרן. אָן אַ נאָענטער צוזאַמענאַרבעט מיט ישראל און אָן דער אינספּיראַציע מצד דער נייער העברעיִשער קולטור, וואָס ווערט געשאַפן אין ישראל, קען די דאָזיקע אַרבעט אין די תפוצות ניט געטאָן ווערן אויף אַן עפעקטיוון אופן.

עס איז געקומען די צייט ווען די תפוצות דאַרפן ניט בלויז טיילן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר ישראל, נאָר אויך, אַז די יידישע מדינה דאַרף, אין ניט קיין קלענער מאָס, נעמען אויף זיך די אחריות פאַר דער צוקונפט

פון יידישן פאָלק אין אַלע לענדער פון דער וועלט, סיי פון שטאַנדפּונקט פון דער צוקונפט פון מדינת ישראל און סיי צוליב דעם חוב, וואָס עס ליגט אויף מדינת־ישראל ווי אַ צענטער פון יידישן לעבן אין אונדזער דור און אין די קומענדיקע דורות.

די איזאָלאַציאָניסטישע טענדענצן ביי געוויסע יידישע קיבוצים ברענגען מיט זיך נאָך אַ געפאַר, באַזונדערס פון דעם שטאַנדפּונקט פון יידישן וועלט־קאָנגרעס, דהיינו, די סכנה פון איזאָלירטע און באַזונדערע טעטי־קייטן מצד אַ טייל פון יידישע אָרגאַניזאַציעס אויפן געביט פון אינטער־נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען, וווּ אַ געמיינזאַמע אַקציע איז דער עיקר־באַדינג פאַר דערפאָלג. די אידעע פון דער אייניקייט פון יידישן פאָלק איז קיין מאָל ניט געווען אַזוי גורלדיק און אַזוי אַנטשיידנדיק פאַרן יידישן לעבן און פאַרן יידישן המשך, ווי ביי די איצטיקע באַדינגונגען. און דער יידישער וועלט־קאָנגרעס, וועמענס הויפּט־אויפגאַבע איז צו רעפּרעזענ־טירן און פאַרווירקלעכן די אידעע פון דער אייניקייט פון יידישן פאָלק אין זיינע טעטיקייטן, איז קיין מאָל — אין די דרייסיק יאָר פון זיין עקזיסטענץ — ניט געווען אַזוי לעבנס־נייטיק ווי היינט.

די וואַקסנדיקע שפּע אין די יידישע ישובים און די פאַרגרעסערטע מיטלען פאַר געזעלשאַפטלעכער אַרבעט, מיט זייער גאַנצער גײַסטיקער ווירקונג, רופן אַרויס אַ טענדענץ צו פאַרשטאַרקן די לאָקאַלע טעטיקייטן און פאַרגרעסערן פאַר זיי די שטיצע. פאַראייניקן די באַזונדערע יידישע יישובים אין רעפּרעזענטאַטיווע קערפּערשאַפטן פאַר זייערע לאָקאַלע פראַגן, און פאַראייניקן אַלע אָרגאַניזירטע יידישע קיבוצים פאַר אַ געמיינזאַמער אַקציע וועגן די יידישע וועלט־פּראָבלעמען — ניט אַריינמישנדיק זיך, זעלבסטפאַרשטענדלעך, אין דער אויטאָנאָמיע פון די קיבוצים — איז איינע פון די דעצידירנדיקע אויפגאַבעס פונעם איצטיקן יידישן לעבן — דער געבאָט פאַר איינעם פון די גרעסטע יידישע יישובים, די פאַראייניקטע שטאַטן, וווּ דורך דער אָנגעהעריקייט פון אַמעריקאַנער יידישן קאָנגרעס און פון אַלע ציוניסטישע גרופּעס, האָט דער יידישער וועלט־קאָנגרעס דאָס רעכט צו רעדן לכל הפחות אין נאָמען פון אַ מיליאָן אַמעריקאַנער יידן, אָבער אויך דאָרט איז די מערהייט יידן נאָך אַלץ ניט פאַר־אייניקט אין איין רעפּרעזענטאַטיווער קערפּערשאַפט און אויך ניט אָנגע־שלאָסן אין קיין שום אינטערנאַציאָנאַלער יידישער קערפּערשאַפט.

אין דער הינזיכט דאַרפן באַגריסט ווערן די נייע אַנטוויקלונגען. די

פּרעזידענטן־קאָנפערענץ, וואָס איז געשאַפן געוואָרן מיט עטלעכע יאָר צוריק פאַר אַ געמיינזאַמער אַקציע אין די ענינים פון ישראל, האַלט איצט ביים ווערן אַ קאָנפערענץ, וואָס רעפּרעזענטירט אַלע וויכטיקע יידישע אָרגאַניזאַציעס אין די פּאַראייניקטע שטאַטן — מיט דעם איינעם אויסנאַם פון אַמעריקאַנער יידישן קאָמיטעט — וואָס באַשעפטיקט זיך מיט די פּראָבלעמען פון יידישן כלל. די פּרעזידענטן־קאָנפערענץ איז איצט גרייט איינצושליסן אין איר פּראָגראַם ניט בלויז די פּראָבלעמען פון ישראל, נאָר אויך אַנדערע אינטערנאַציאָנאַלע יידישע פראַגן. אין אַלגעמיין ווערט אָפּגעשוואַכט צווישן אַמעריקאַנער יידנטום די איזאָלאַציאָניסטישע טענדענץ, וואָס אַ סך פון אונדז האָבן אַזוי שטאַרק באַדויערט אין משך פון פיל יאָרן. עס ווערט שטאַרקער דער אינטערעס פאַר אינטערנאַציאָנאַלע יידישע ענינים און דער פאַרלאַנג מיטצואַרבעטן מיט אַנדערע יידישע קערפּערשאַפטן מחוץ אַמעריקע. דער יידישער וועלט־קאָנגרעס האָט געשאַפן אַ פאַרבינדונג מיט דער פּרעזידענטן־קאָנפערענץ, צושטעלנדיק איר די נייטיקע מאַטעריאַלן און אינפאָרמאַציע, און ער וועט זיין צופרידן צו פאַרגרעסערן און פאַרשטאַרקן די דאָזיקע קאָאָפּעראַציע, וואָס דאַרף זיין באַזירט אויף אַ פּערמאַנענטער פאַרשטענדיקונג. מיר האָבן צום ערשטן מאָל פאַרבעטן די פאַרשטייער פון דער פּרעזידענטן־קאָנפערענץ בייצוּוווינען די איצטיקע סעסיע און מיר זיינען צופרידן דערפון, וואָס זיי האָבן אָנגענומען די איינלאַדונג.

בעת די דאָזיקע טענדענץ דאַרף שטאַרק באַגריסט ווערן און זי קען באַקומען אַ וויכטיקע באַדייטונג, איז אָבער אויך נייטיק — פון דער אַנדערער זייט — צו וואָרענען קעגן דער נטיה אין אַמעריקאַנער יידנטום ניט צו באַטייליקן זיך אין געמיינזאַמע אַקציעס מיט אַנדערע יידישע קהילות — צי דורך דעם וועלט־קאָנגרעס, צי דורך דער וועלט־קאָנפערענץ פון די יידישע אָרגאַניזאַציעס — נאָר צו האַנדלען אויף דער אייגענער האַנט און אַליין צו באַשטימען זיך פאַר אַזוי גערופענע פּראָטעקטאָרן פון אַנדערע שוואַכערע יידישע יישובים. קעגן דער דאָזיקער טענדענץ דאַרף געשטעלט ווערן אַ ווידערשטאַנד. דער אַמעריקאַנער יידישער קאָמיטעט, וואָס טוט אַ וויכטיקע אַרבעט און וואָס האָט אין די יידישע הויפּט־פּראָבלעמען ניט קיין ממשותדיקע חילוקי־דעות מיט די אַנדערע יידישע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע זיינען טעטיק אויף דעם געביט, באַשטייט פון דעסטוועגן — איבער אידעאָלאָגישע טעמים, וועלכע האָבן איצט נישט קיין

שום באַדייטונג — אויף זיין ווילן צו האַנדלען אויף דער אייגענער האַנט און קאָאָפּערירט מיט אַנדערע יידישע אָרגאַניזאַציעס בלויז אין ספּעציפישע פראַגן. פאַקטיש איז די גאַנצע אַקטיוויטעט פון אַמעריקאַנער יידישן קאָמיטעט אַ סתירה צו זיין טעאָרעטישער באַזע. דער אַמעריקאַנער יידישער קאָמיטעט באַשעפטיקט זיך מיט יידישע פּראָבלעמען אין פאַר־שיידענע טיילן פון דער וועלט, ניט אָפּהיטנדיק אַפילו דעם גרונט־פּרינציפּ פון יידישן וועלט־קאָנגרעס — ניט אַריינצומישן זיך אין די יידישע ענינים פון אַנדערע לענדער, סיידן אויף דער ביטע פון די רעפּרעזענטאַטיווע קערפּערשאַפטן פון די באַטרעפנדיקע יישובים. אַן אויסנאַם זיינען אין דער אַרבעט פון יידישן וועלט־קאָנגרעס אַזעלכע פאַלן, ווי דאָס איז געווען אין נאַצי־דייטשלאַנד, ווו עס האָט ניט עקזיסטירט קיין שום רעפּרעזענ־טאַטיווע יידישע קערפּערשאַפט.

ענלעכע טענדענצן זיינען פאַראַן אויך ביי אַנדערע אָרגאַניזאַציעס, און אויב זיי וועלן ווייטער אַזוי אָנהאַלטן, וועט עס פאַרשטאַרקן דעם כאַאָס אין יידישן לעבן, דערפירן דאָס אַמעריקאַנער יידנטום צו אַ קאָנפליקט מיט אַנדערע יידישע יישובים און שאַפן אומגעוווּנטשענע פּאָליטישע פּראָבלעמען אין פיל ניט־אַמעריקאַנער לענדער, מאַכנדיק זייער שווער די ממשותדיקע אַרבעט לטובת הכלל. עס איז געקומען די צייט, אַז דער אַמעריקאַנער יידישער קאָמיטעט — וועלכער האָט אויף זיין חשבון וויכטיקע דערגרייכונגען פאַרן וווּיל פון יידישן פאָלק — זאָל רעווידירן זיין אידעאָלאָגיע, וואָס האָט ניט קיין זין אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. דער אַמעריקאַנער יידישער קאָמיטעט קען מער ניט האַנדלען, ווי ער וואָלט געהאַט אַ מאַנדאַט פון יידישן פאָלק — וועלכן ער אַנערקענט ניט — צו טאָן דאָס, וואָס ער טוט. דער אַמעריקאַנער יידישער קאָמיטעט דאַרף אַנערקענען דע־פאַקטאָ און ניט בלויז דע־יורע, די עקזיסטענץ פון איין גאַנץ יידיש פאָלק און דאַרף צוזאַמענאַרבעטן מיט אַנדערע יידישע אָרגאַניזאַציעס, סיי אין די פאַראייניקטע שטאַטן און סיי אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרענע, אין די געמיינזאַמע יידישע ענינים.

די וועלט־קאָנפערענץ פון די יידישע אָרגאַניזאַציעס, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר אַ צוגאָב צום יידישן וועלט־קאָנגרעס און נעמט אַרום אַ ריי יידישע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע זיינען לײַדער נאָך ניט רעפּרעזענטירט אין יידישן וועלט־קאָנגרעס — האָט נאָך אַ צייט פון ריין־קאָנסולטאַטיווער פּראָצעדור אָפּגעשאַפן דעם פּרינציפּ פון איינשטימיקייט, און דאָס קען

עפענען דעם וועג פאַר געמיינזאַמע טעטיקייטן. איך באַגריס אויך די עפעקטיווע קאָאָפּעראַציע צווישן דעם יידישן וועלט־קאָנגרעס און דעם אינטערנאַציאָנאַלן ראַט פון בני־ברית, באַזונדערס בנוגע די פּראָבלעמען פון די באַציִונגען צווישן יידן און קריסטן. איך האָף, אַז די דאָזיקע קאָאָפּעראַציע וועט פאַרשטאַרקט ווערן אין דער צוקונפט.

אַ ספּעציעלע באַדייטונג דאַרף צוגעגעבן ווערן דער צוזאַמענאַרבעט מיט דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע. ביים לעצטן ציוניסטישן קאָנגרעס איז אָנגענומען געוואָרן אַ רעזאָלוציע, וואָס שאַפט די מעגלעכקייט פאַר אַן ענגער קאָאָפּעראַציע אויף דער באַזע פון דער טאָגטעגלעכער אַרבעט. אַלע מיטגלידער פון דער ציוניסטישער וועלט־באַוועגונג באַגרייפן איצט, אַז די אידעע, וואָס איז פון צייט צו צייט פּראָפּאַגירט געוואָרן — וועגן אַ פאַראייניקונג פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע און דעם יידישן וועלט־קאָנגרעס, איז היינט צו טאָג ניט אַקטועל. פאַראַן אַ ריי פּראָבלעמען, וואָס דער יידישער וועלט־קאָנגרעס וואָלט זיי ניט געקענט באַהאַנדלען, ווען ער וואָלט געווען אידענטיפיצירט מיט דער ציוניסטישער וועלט־באַוועגונג, און די גאַנצע טעריטאָריעלע באַזע פון וועלט־קאָנגרעס וואָלט געווען אין געפאַר דורך אַזאַ אידענטיפיקאַציע. אָבער עס מוז אַלץ שטאַרקער ווערן די פאַרבינדונג צווישן די צוויי גרויסע יידישע וועלט־אָרגאַניזאַציעס.

די אַלע אַנטוויקלונגען, און אויך די פאַרגרעסערטע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון יידישן וועלט־קאָנגרעס, פאָדערן אַ גרינטלעכע באַטראַכטונג פון דער פּראָצעדור פון דער אַרבעט פון קאָנגרעס. מיט זיין כאַראַקטער אַליין, אַלס דער פאַרשטייער פון יידישן פאָלק אין זיין צעשפּרייטקייט, איז דער יידישער וועלט־קאָנגרעס איינע פון די קאָמפּליצירטסטע אָרגאַניזאַציעס, באַזונדערס דערפאַר, ווייל ער שטיצט זיך אויף דער פרייוויליקער קאָאָפּע־ראַציע פון צענדליקער יידישע יישובים אין אַלע טיילן פון דער וועלט.

עס איז ניט לייכט צו פאַראיינהייטלעכן די אַרבעט פון אַזאַ קאָמפּלי־צירטער אָרגאַניזאַציע. אָבער נאָך כמעט דרייסיק יאָר פון אונדזער עקזיסטענץ, ביי אַלע גרויסע ענדערונגען, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין יידישן לעבן — בעת דאָס אַמעריקאַנער יידנטום איז געוואָרן דער פירנ־דיקער יידישער יישוב אויפן אָרט פון די מזרח־אייראָפּעיִשע יידישע קיבוצים — דאַרפן מיר אויספאָרשן די מעגלעכקייט פאַר צופאַסן דעם יידישן וועלט־קאָנגרעס צו די נייע באַדערפענישן און צו דער נייער

סטרוקטור פון יידישן לעבן. מיר דאַרפן גרינטלעך עקזאַמינירן די מעטאָדן פון אונדזער אַרבעט.

בעת דער סעסיע פון דער וועלט־עקזעקוטיווע פון קאָנגרעס מיט אַ יאָר צוריק אין ירושלים, איז נאָמינירט געוואָרן אַ קאָמיסיע פאַר רעאָרגאַ־ניזאַציע, און איך וויל דאַנקען דעם פּאָרזיצער ד״ר ש. לעווענבערג און די מיטגלידער פון דער קאָמיסיע פאַר דער אַרבעט, וואָס זיי האָבן דורכ־געפירט און פאַר דעם באַריכט, וואָס זיי האָבן צוגעשטעלט צו דער איצטיקער סעסיע. איך האָף, אַז פון די פאַרהאַנדלונגען וועגן די פאָרשלאָגן אין דעם באַריכט וועלן אַרויסקומען באַשלוסן, וואָס וועלן אַ סך פאַרבע־סערן דעם אופן פון אונדזער אַרבעט און וועלן געבן די מעגלעכקייט דעם יידישן וועלט־קאָנגרעס צו רעדן און האַנדלען אין נאָמען פון יידישן פאָלק, כדי ער זאָל זיין נאָך מער צוגעפּאַסט צו זיין אויפגאַבע.

עס איז נייטיק פאַרן יידישן וועלט־קאָנגרעס, ביי דער יידישער לאַגע אין איצטיקן מאָמענט, סיי אויסערלעך און סיי אינערלעך, צו באַווייזן זיין „רעזאָן ד'עטר", די לעבנסוויכטיקע נויטווענדיקייט פון דער עקזיסטענץ פון דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע פאַר דער יידישער אייניקייט אין כלל־אַרבעט. אויב דער יידישער וועלט־קאָנגרעס וואָלט ניט עקזיסטירט, וואָלט מען אים איצט געדאַרפט שאַפן. דער קאָנגרעס האָט אויף זיין חשבון גרויסע דערגרייכונגען און אויך דורכפאַלן. ער מוז פאַרשטאַרקן זיין פּאָזיציע, באַזונדערס אין די פאַראייניקטע שטאַטן, דורך דעם דירעקטן אָנשליסן זיך פון וואָס מער אַמעריקאַנער יידישע גרופּעס, אָדער דורך אַן ענגערע קאָאָפּעראַציע אויף אַ פּערמאַנענטער באַזע מיט דער פּרעזי־דענטן־קאָנפערענץ. דער קאָנגרעס מוז זיין דער פירער פון דעם קאַמף פון יידישן פאָלק פאַר גלייכע רעכט סיי ווי יחידים און סיי ווי אַ פאָלק; פאַר פאַרשטאַרקן די יידישע דערציִונג, בכדי צו פאַרזיכערן דעם יידישן קיום; פאַר העלפן שאַפן דעם קשר צווישן יידישן פאָלק מיט ישראל און טיילן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר פאַרזיכערן דעם קיום פון דער יידישער מדינה. דער יידישער וועלט־קאָנגרעס דאַרף ווערן די הויפּט־אָרגאַניזאַציע פון אונדזער פאָלק ביי די געפערלעכע באַדינגונגען פונעם לעבן אין 20סטן יאָרהונדערט, בכדי צו באַקעמפן די סכנות, וועלכע באַדראָען די עקזיסטענץ פון יידישן פאָלק און העלפן פאַרזיכערן זיין קיום.

אויף דער סעסיע פון יידישן וועלט־קאָנגרעס, שטראַסבורג, 1965

# דאָס יידישע פאָלק אין 20סטן יאָרהונדערט

די פינפטע אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון יידישן וועלט־קאָנגרעס איז אַ יובילײ־פאַרזאַמלונג. מיט 30 יאָר צוריק איז דער יידישער וועלט־קאָנגרעס, נאָך עטלעכע פאַרקאָנפערענצן, פאָרמעל געגרינדעט געוואָרן. און עס איז אַ חוב, ביים פייערן דעם יובילײ, אָפּצוגעבן כבוד דעם אָנדענק פון דער גרויסער פערזענלעכקייט ד״ר סטיפען וויז, דעם גרינדער און ערשטן פרעזידענט פון יידישן וועלט־קאָנגרעס.

אין די פאַרגאַנגענע 30 יאָר האָט אונדזער דור דורכגעמאַכט איינע פון די רעוואָלוציאָנערסטע און טראַגישסטע תקופות פון דער געשיכטע. אין דער דאָזיקער תקופה האָבן מיר געהאַט דעם מוראדיקן בלוטבאָד פון צוויי וועלט־קריג און די פאַרניכטונג פון צענדליקער מיליאָנען מענטשן. אין דער זעלבער תקופה זיינען אויפגעשטאַנען צענדליקער נייע מדינות; עס איז אַנטוויקלט געוואָרן די אַטאָם־ענערגיע מיט אירע אומבאַגרענעצטע פּאָזיטיווע און נעגאַטיווע מעגלעכקייטן. אין דער דאָזיקער תקופה זיינען געקומען נייע שפּאַנונגען און געפאַרן פון קאָנפליקטן, וועלכע זיינען עלול צו רוינירן אונדזער ציוויליזאַציע, און עס זיינען אַנטשטאַנען אומגעהויערע סאָציאַלע, עקאָנאָמישע און גייסטיקע פּראָבלעמען, וועלכע רירן שטאַרק אָן די גאַנצע מענטשהייט.

מיר, יידן, האָבן אין דער תקופה דורכגעמאַכט, פון איין זייט, די גרעסטע טראַגעדיע אין אונדזער לאַנגער געשיכטע, דעם אומקום פון אַ דריטל פון אונדזער פאָלק, און פון דער צווייטער זייט — די פאַרווירקלעכונג פון דעם דורות־אַלטן חלום וועגן אַ יידיש היימלאַנד און די באַנייונג פון דער יידישער מדינה. די דאָזיקע אומגעהויערע ענדערונג, סיי אין דער וועלט־לאַגע און סיי אין דער פּאָזיציע פון אונדזער פאָלק, פאָדערן אַ מוטיקן זעלבסט־אַנאַליז. קיין זאַך וועט ניט זיין אַזוי שעדלעך און אַזוי צעשטעריש פאַר דער לייזונג פון די גרויסע פּראָבלעמען, פאַר וועלכע עס שטייט אונדזער פאָלק, ווי ווייטער ממשיך צו זיין מיט די זעלבע

מעטאָדן, מיט דעם זעלבן אופן פון דענקען, וואָס האָבן כאַראַקטעריזירט דאָס יידישע לעבן מיט דרייסיק יאָר צוריק.

אַזאַ אָרגאַניזאַציע, ווי דער יידישער וועלט־קאָנגרעס, וואָס איז ניט באַגרענעצט צו קיין שום ספּעציעלער אויפגאַבע, אָדער באַזונדערן אַספּעקט פון יידישן לעבן, נאָר דאַרף רעפּרעזענטירן די גאַנצקייט פון יידישן פאָלק, וואָלט ניט דערפילט איר פליכט און וואָלט פאַרפעלט איר היסטאָרישע שליחות ווען זי זאָל ניט מאַכן אַ פּרווו אונטערצוצי̇ען דעם סך־הכל פון אונדזער סיטואַציע אין איצטיקן מאָמענט, סיי אינערלעך און סיי אויסער־לעך, און זיי פאַרגלייכן מיט דער סיטואַציע בעת דער יידישער וועלט־קאָנגרעס איז געשאַפן געוואָרן. דערביי דאַרף געזאָגט ווערן, אַז די איצטיקע אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג, מיט דער באַטייליקונג פון פאָרשטייער פון דער גרויסער מערהייט פון אָרגאַניזירטן אַמעריקאַנער יידנטום און פון אָבסערוואַטאָרן פון מזרח־אייראָפּעי̇שע יידישע יישובים, איז נאָענטער צום אידעאַל פון יידישן וועלט־קאָנגרעס ווי יעדע פרי̇ערדיקע אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג. דאַרפן מיר איצט — ווי שווער די אויפגאַבע זאָל ניט זיין — רעווידירן דעם סדר פון די פּרי̇אָריטעטן און באַמי̇ען זיך צו פאָרמולירן פון דאָס ניי די פּראָבלעמען, פאַר וועלכע אונדזער דור איז געשטעלט געוואָרן.

איך וויל אָנהייבן מיין אַנאַליז דורך אָנווייזן אויף די הויפּט־ענ̇ינים אין יידישן לעבן, ווי זיי האָבן זיך פאָרגעשטעלט בעת דער גרינדונג פון יידישן וועלט־קאָנגרעס מיט דרייסיק יאָר צוריק אין זשענעווע. דאָס צענטראַלע פּראָבלעם פון יענער צייט — וואָס מיר האָבן אָנגערופן די יידן־פראַגע — איז געווען די אומנאָרמאַלקייט פון יידישן קיום, דאָס פעלן פון אַ צענטער פון יידישן לעבן און די פּערמאַנענטע געפאַר פאַר דער יידישער פיזישער און עקאָנאָמישער עקזיסטענץ, וואָס איז באַדראָט געוואָרן דורך ריזיקע אַנטיסעמיטישע כוחות. די דריי און האַלב מיליאָן יידן אין דעמאָלטיקן פוילן זיינען געווען באַדראָט דורך ווילדע אַנטיסע־מיטישע באַוועגונגען און אַ מיליאָן יידן אין רומעניע האָט זיך געפונען ניט אין אַ בעסערער לאַגע. איבער אַלץ האָט דאָמינירט דער פאַקט וואָס דער נאַציזם האָט דאַן געהאַט אָנגעהויבן זיין פאַנטאַסטישע און אומגלויב־לעכע קאַריערע — פאַרכאַפּט די מאַכט אין דייטשלאַנד, באַרויבט די דייטשע יידן פון זייערע רעכט אַלס גלייכע בירגער און אָפן פּראָקלאַמירט די פּאָליטיק פון צעשטערן און פאַרניכטן דאָס גאַנצע יידישע פאָלק.

די דאָזיקע אַנטיסעמיטישע באַוועגונגען, אונטער דער פירערשאַפט פון די נאַציס, זיינען געווען אַ געפאַר פאַר דעם עצם קיום פון מיליאָנען יידן ניט בלויז עקאָנאָמיש, נאָר אויך פיזיש. אין יענער צייט איז געווען קלאָר, אַז די הויפט־אויפגאַבע פון אונדזער דור איז צו באַקעמפן די דאָזיקע געפאַר, צו מאָביליזירן אַלע אונדזערע כוחות און די עפנטלעכע מיינונג אין דער וועלט פאַר אַן אָנשטרענג צו פאַרהיטן פון דער קאַטאַסטראָפע. דער קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם און די עקאָנאָמישע הילף אין דער פאַרעם פון שטיצע פאַר די ווירטשאַפטלעך רוּנירטע יידן זיינען געווען די צוויי דרינגלעכע הויפט־אויפגאַבן. צו דעם איז נאָך געוואַקסן די פאַרשטענדעניש, אַז אָן אַ יידיש היימלאַנד וועט די יידן־פראַגע ניט קענען געלייזט ווערן. דאָס האָט געמיינט, אַז עס איז בייטיק צו פאַרשטאַרקן דעם קאַמף פאַר דער ציוניסטישער אידעע, ווי פאַר דער לייזונג פון דער יידן־פראַגע. דער יידישער וועלט־קאָנגרעס איז געשאַפן געוואָרן אין אָנבליק פון דער נאַצי־געפאַר, מיט דער אויפגאַבע צו קאָאָרדינירן די פאַרטיידיקונג־כוחות פון אונדזער דור; צו פאַראייניקן דאָס יידישע פאָלק — וועמענס אייניקייט איז שוין פאַר זיך אַליין אַ מקור פון קראַפט און די באַזע פון אונדזער צוקונפט — און אויסשמידן פון דער דאָזיקער אייניקייט אַן אינסטרומענט פאַר דעם קאַמף קעגן דער גרעסטער געפאַר, וואָס האָט ווען עס איז באַדראָט אונדזער פאָלק.

דאָ איז ניט די געלעגנהייט צו געבן אַן איבערבליק איבער דעם, וואָס דער יידישער וועלט־קאָנגרעס האָט דערגרייכט אין די דרייסיק יאָר, פונעם שטאַנדפונקט פון די צילן, וועלכע ער האָט זיך אָנגעצייכנט בעת זיין גרינדונג. דער יידישער וועלט־קאָנגרעס האָט באַוויזן צו פאַרווירקלעכן, אין אַ גרויסער מאָס, די אידעע פון יידישער אייניקייט; ער האָט צונויפ־געבערענגט יידישע אָרגאַניזאַציעס און קהילות פון זעכציק לענדער, און געגעבן זיין ביישטייער צו דער לייזונג פון פיל יידישע פראָבלעמען אין משך פון די דריי יאָרצענדליקער, הגם מיר דאַרפן צוגעבן, אַז אונדזער דור האָט בדרך כלל זיך ניט אָפּגעגעבן קיין געהעריקן חשבון וועגן דער נאַצי־געפאַר און האָט ניט באַוויזן צו פאַרהיטן די מיליאָנען יידן, וועלכע זיינען אומגעבראַכט געוואָרן דורך דעם נאַצי־רעזשים.

ווען מיר פאַרגלייכן אונדזער איצטיקע לאַגע מיט דעם מצב פון דרייסיק יאָר צוריק, דערקענען מיר גלייך די זייער גרויסע אונטערשיידן צווישן זיי. דער נאַצי־רעזשים האָט געליטן אַ מפלה און איז אַראָפּ פון דער

אַרענע. דאָס, וואָס מען רופט היינט אָן נעאָ־נאַציזם — הגם מיר מוזן האַלטן אַ וואַכזאַם אויג אויף אים און אים באַקעמפן — שטעלט ניט פאָר מיט זיך קיין ערנסטע סכנה פאַר אונדזער עקזיסטענץ. גלייכע ביר־גערלעכע און פּאָליטישע רעכט פאַר יידן זיינען דערגרייכט געוואָרן כמעט אין אַלע לענדער, און דער קאַמף פאַר עמאַנציפּאַציע איז ניט מער קיין וויכטיק פּראָבלעם. פּאַראַלעל מיט אָט דער עמאַנציפּאַציע האָט די עקאָ־נאָמישע לאַגע פון יידישן פאָלק ראַדיקאַל זיך געענדערט און פאַרבעסערט, און הגם דאָ און דאָרט קען מען נאָך געפינען נויט אין יידישן לעבן — פונקט ווי ביי אַנדערע פעלקער — זיינען שטיצע און פילאַנטראָפּיע ניט מער די צענטראַלע אויפגאַבע פון אונדזער דור. מיר האָבן דערגרייכט דעם קולמינאַציע־פונקט פון דער פּאָזיטיוער אַנטוויקלונג — דער אידעאַל פון דורות איז פאַרווירקלעכט געוואָרן, מדינת־ישראל עקזיסטירט, וואַקסט און ווערט אַלץ מער און מער דער נאַטירלעכער צענטער פון אונדזער פאָלק.

אָבער אויפן אָרט פון די פּראָבלעמען, וואָס מיר האָבן געהאַט מיט דרייסיק יאָר צוריק — און וואָס זיינען מערסטנטייל געליזט געוואָרן — זיינען אויפגעקומען נייע, פון אַ גאַנץ אַנדער כאַראַקטער, ווייניקער דראַמאַטישע און טראַגישע, דאָך אין זייער תוכן און עפעקט ניט ווייניקער געפערלעכע. ברוטאַלער אַנטיסעמיטיזם, און ספּעציעל נאַציזם, איז ניט מער קיין אַנטשיידנדיקער כוח אין דער וועלט, איז ליקווידירט געוואָרן, אָבער אַנשטאָט צו קעמפן פאַר גלייכע רעכט פון יידישע יחידים — האָט זיך אַנטוויקלט אַ נייע פּראָבלעם: דער קאַמף פאַרן יידישן פאָלק, ווי אַ פאָלק, פאַר זיינע רעכט אויפצוהאַלטן זיינע ספּעציפיש־נאַציאָנאַלע כאַראַקטער־אייגנשאַפטן, צו זיין פאַראייניקט ווי אַ פאָלק, ווייטער צו אַנטוויקלען זיין אייגנאַרטיקייט, באַזירט אויף דער אייגנאַרטיקער געשיכטע פון טויזנטער יאָרן, און ניט געצווונגען צו ווערן צו אַסימילאַציע מיט די מערהייטן, צווישן וועלכע ער וווינט אין די תפוצות, און אויך מדינת־ישראל זאָל ניט אַסימילירן זיך אין איר מהות מיט די אַלע אַנדערע מלוכות פון אונדזער צייט. די גרויסע אויפגאַבן פון אונדזער דור — נאָכן געווינען דאָס רעכט צו זיין גלייך — איז צו קעמפן פאַרן רעכט צו זיין אַנדערש. אין קעגנפאַל וועט אונדזער גלייכהייט ניט האָבן קיין זין — פון שטאַנדפּונקט פון יידישער עקזיסטענץ.

מיר לעבן אין אַ צייט פון גרויסע געפאַרן פאַר אַלע מינדערהייטן, פאַר

אַלע נאַנקאָנפאָרמיסטישע גרופּעס אָדער יחידים, צוליב די געוואַלדיקע אַנטוויקלונגען אין דער טעכנאָלאָגיע, אין מאַטעריעלן פּראָגרעס, און אין די קאָמוניקאַציע־מיטלען — וואָס זיינען גובר אַלע אונטערשיידן פון לשונות, גרענעצן און קולטורן און האָבן די נטיה צו שאַפן אַ קאָנפאָרמיסטישן פּרצוף פון מענטשלעכן וועזן, אָן דרך־ארץ אָדער אָפּשאַצונג פון די נאַנקאָנפאָרמיסטישע גרופּעס און מינדערהייטן, וועלכע האָבן הונדערטער יאָרן געליטן און געקעמפט כדי ממשיך צו זיין זייער ספּעציפישן כאַראַקטער. די יידן־פראַגע, ווי אַ פּאָליטיש פּראָבלעם פונעם שטאַנדפּונקט פון די באַציִונגען מצד די פאַרשיידענע מלוכות צו די יידישע מינדערהייטן, איז איצט שוין ניט מער קיין פראַגע, ווי דאָס איז געווען אין משך פון יאָרהונדערטער, פון פאַרלייקענען די גלייכע רעכטן פאַר דעם יידישן יחיד, נאָר אַ פראַגע פון פאַרלייקענען די רעכטן און מעגלעכקייטן פאַר יידישע מינדערהייטן אין אַ סך טיילן פון דער וועלט ממשיך צו זיין און אַנטוויקלען זייערע ספּעציפישע יידישע פאָרמען פון לעבן.

דער בולטסטער ביישפּיל פון אַזאַ ענדערונג אין דעם כאַראַקטער פון דער יידן־פראַגע איז אונדז געגעבן געוואָרן מיטן פּראָבלעם פון די דריי מיליאָן יידן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. דאָס דאָזיקע וויכטיקע פּראָבלעם ווערט ניט געהעריק פאַרשטאַנען און אַפילו ניט געהעריק פאַרגעשטעלט, אויב מען זעט אין דעם נאָך איינע פון די דערשיינונגען פון אַנטיסעמיטיזם. ניט געקוקט אויף אַנטיסעמיטישע טענדענצן דאָ און דאָרט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, ווערט דער אינדיווידועלער סאָוועטיש־יידישער בירגער ניט גערודפט, אים ווערן ניט פאַרלייקנט זיינע פּאָליטישע רעכט, זיינע עקאָנאָמישע מעגלעכקייטן, אויך ניט די מעגלעכקייט פון באַטייליקן זיך אינעם וויסנשאַפטלעכן, קולטורעלן און קינסטלערישן לעבן פון זיין לאַנד, הגם עס עקזיסטירן יאָ געוויסע דיסקרימינאַציעס אויף אַ טייל געביטן. אָבער עס איז קיין ספק ניט, אַז דער יידישער מינדערהייט אין סאָוועט־רוסלאַנד, וואָס ווערט באַטראַכט הן ווי אַ רעליגיעזע, הן ווי אַ נאַציאָנאַלע מינדערהייט, און איז ווי אַזעלכע אָנערקענט לויט די געזעצן פון סאָוועטן־פאַרבאַנד — ווערן ניט געגעבן די מעגלעכקייטן צו לעבן זייער אייגן לעבן, ווי אַ נאַציאָנאַלן, יידישן קאָלעקטיוו, און דאָס איז ניט דער פאַל מיט אַנדערע מינדערהייטן אין סאָוועט־רוסלאַנד. דערפון אַנטשטייט די געפאַר, אַז עס זאָל פאַרלוירן גיין דער צווייט־גרעסטער יידישער קיבוץ אין משך פון איין אָדער צוויי דורות.

דאָ איז ניט דאָס אָרט צו באַהאַנדלען מיט אַלע פּרטים די מעטאָדן און אופנים פון די באַמיִונגען צו זיכערן די רעכט פונעם סאָוועטישן יידנטום צו לעבן ווי יידן, אָנצוהאַלטן אַ קאָנטאַקט מיטן וועלט־יידנטום, צו זיין מאָראַליש פאַרבונדן מיט ישראל, צו פּראַקטיצירן די אייגענע רעליגיע און קולטיווירן די אייגענע ליטעראַטור און קונסט. די דיסקוסיע צווישן יידישע אָרגאַניזאַציעס בנוגע די ריכטיקע מעטאָדן פאַר אונדזערע באַמיִונגען אין דער פראַגע, איז זייער איבערגעטריבן. מען קען ניט רעדן בלויז וועגן איין מעטאָד, וואָס מען דאַרף אָנווענדן אין אַזאַ פּאָליטישער אַקציע. מיר מוזן ווייטער אַרויפברענגען דאָס פּראָבלעם אויפן סדר־היום פון דער וועלט־מיינונג, ווי דאָס איז אונדז געלונגען ביז איצט צו טאָן, און אַפילו צו באַקומען די אונטערשטיצונג פון אַ סך פריינד פון סאָוועטן־פאַרבאַנד, איינגעשלאָסן וויכטיקע קאָמוניסטישע גרופּעס. אין דער זעלבער צייט מוזן מיר זיך באַמיִען איבערצוצייגן די פירער פון סאָוועטן־פאַרבאַנד, דורך קאָנטאַקטן און פריינדלעכע דיסקוסיעס, אַז די צילן פון אונדזער קאַמף זיינען ריין יידישע, אַז מיר האָבן ניט בדעה פאַרוויקלט צו ווערן אַלס פּאַלק אין אַ קאָנפליקט צווישן די צוויי וועלט־בלאָקן; אַז מיר ווינטשן זיך צו האָבן די זעלביקע פריינדלעכע באַציִונגען מיטן סאָוועטן־פאַרבאַנד, אַזוי ווי מיט אַנדערע לענדער, און אַז מיר האָבן בלויז איין בקשה — צו דערלויבן יענע יידן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, וואָס באַגערן דאָס, צו בלייבן יידן, רעליגיעז, קולטורעל אָדער נאַציאָנאַל און זיי דערלויבן צו אַנטוויקלען די נייטיקע מכשירים פאַר דעם, ווי אויך דערמעגלעכן די, וועלכע ווילן זיך פאַראייניקן מיט זייערע משפחות אין ישראל, צו פאַרלאָזן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד.

עס וואָלט אָבער געווען אומגערעכט לגבי דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד און אויך אַ סימן פון ניט־פאַרשטיין די ערנסטקייט פון דעם פּראָבלעם, בנוגע דער רעכט פון אונדזער פּאָלק צו פאַרבלייבן יידיש, אויב מען וואָלט געזאָגט, אַז אָט דאָס פּראָבלעם עקזיסטירט בלויז אין סאָוועטן־פאַרבאַנד.

אויף דער איצטיקער קאָנפערענץ פון יידישן וועלט־קאָנגרעס זיינען אַ טייל יידישע קהילות ניט רעפּרעזענטירט, ניט ווייל זיי ווילן ניט זיין קיין טייל פון אַ יידישער וועלט־אָרגאַניזאַציע, נאָר ווייל די געזעצן און דער פּאָליטישער קלימאַט פון זייערע לענדער מאַכן אוממעגלעך פאַר זיי זיך דאָ צו געפינען. אין גרויסע געגנטן פון דער דעמאָקראַטישער, פרייער וועלט הערשט נאָך אַלץ דאָס געפיל, אַז אויב אַ ייד איז עמאַנציפּירט

און גענויסט פון גלייכע רעכט ווי אַ בירגער, דאַרף ער באַצאָלן דעם פּרייז, און אויפגעבן זיין ספּעציפישע אידענטיטעט, דאַרף ער זיך אויסמישן מיט דער מערהייט און זיך אַסימילירן. דאָס דאָזיקע געפיל שטעלט פאַר מיט זיך אַ סכנת־המוות פאַרן יידישן לעבן. עס זיינען פאַראַן צווישן די פרייעסטע און דעמאָקראַטישסטע לענדער אין דער וועלט אַזעלכע, וווּ אַ סך יידישע גרופּעס און יחידים האָבן מורא צו פיל אונטערצושטרייכן זייער ספּעציפישע אידענטיטעט אַלס יידן, בכדי ניט צו שטעלן אין געפאַר די גלייכבאַרעכטיקונג, וואָס זיי האָבן דערגרייכט. ניט לייקענענדיק די נויטווענדיקייט צו זיין וואַכזאַם לגבי אַנטיסעמיטישע באַוועגונגען און צו קעמפן קעגן זיי — מוזן מיר מאָביליזירן אונדזערע כוחות צום קאַמף פאַר אונדזער רעכט צו פאַרבלייבן יידן.

אַזאַ איז דאָס ווירקלעכע פּאָליטישע פּראָבלעם פון אונדזער פאָלק אין איצטיקן מאָמענט. אַזוי ווי אין דער פאַרגאַנגענהייט זיינען מיר געווען צווישן די פּיאָנערן אינעם קאַמף פאַר די רעכט פון אַלע מינדערהייטן צו גענויסן גלייכהייט פון בירגער־רעכט, מוזן מיר איצט, צוזאַמען מיט אַ סך אַנדערע נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, וועלכע געפינען זיך אין דער זעלבער סכנה, זיין אין דער פאָדערשטער ריי פונעם קאַמף פאַר די רעכט פון אַט די מינדערהייטן — צו אַנטוויקלען און ממשיך זיין זייער ספּעציפישן נאַציאָנאַלן כאַראַקטער.

דער דאָזיקער קאַמף פאַרן רעכט צו זיין יידן און ממשיך צו זיין די גרויסע טראַדיציעס פון אונדזער געשיכטע, אַנטהאַלט צוויי ספּעציפישע פאָדערונגען: ראשית, צו זיין אַ טייל פון איין פאָלק; צו זיין פאַרבונדן מאָראַליש און גייסטיק מיטן צענטער פון יידישן לעבן אין ישראל, און צו באַטייליקן זיך אין דער פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר זיין צוקונפט. עס וואָלט געווען ניט ריכטיק צו גלייבן אַז די ביידע רעכטן זיינען זעלבסטפאַרשטענדלעך.

עס געפינען זיך נאָך אַלץ אַ סך ניט־יידן, און צום באַדויערן אויך יידן, וואָס האָבן מורא פאַרן געדאַנק פון איין יידיש פאָלק, ניט בלויז טעאָרעטיש גענומען, נאָר אויך אין די פּראַקטישע האַנדלונגען און אין דער אַלגעמיינער טעטיקייט. די סכנה פון יידישער איזאָלירטקייט, אַז דאָס יידישע פאָלק אין די תפוצות זאָל ווערן צעשפּליטערט אויף קהילות, וואָס האַנדלען סעפּאַראַט בנוגע אַלגעמיינע פּראָבלעמען, איז אַ רעאַלע. אין אַ געוויסן זין אַנטוויקלט זיך אַ פּאַראַדאָקסאַלע סיטואַציע: וואָס גרעסער און רייכער

עס ווערן יידישע קהילות, וואָס דינאַמישער זיי זײַנען אין זייער אייגן קהילה־לעבן, אַלץ מער אַנטוויקלען זיי ביי זיך טענדענצן צו זיין אומ־אָפּהענגיק פון אַנדערע טיילן פון יידישן פאָלק; צו פאַרזאָרגן בלויז זייערע אייגענע אינסטיטוציעס און זיך פאַרנעמען נאָר מיט די פּראָבלעמען פון זייער אייגענעם קיבוץ. זיי פאַרגעסן דעם גרויסן אמת פון אונדזער געשיכטע, אַז קיין שום איזאָלירטע יידישע קהילה, ווי שטאַרק און צאָלרייך זי איז ניט געווען, איז ניט געבליבן עקזיסטירן — ווען זי האָט פאַרלוירן דאָס באַוווסטזיין פון זיין אַ חלק פון יידישן פאָלק. דער הויפּט־ציל פון יידישן וועלט־קאָנגרעס איז דער קאַמף פאַר אַ פאַראייניקט פאָלק. נישט געקוקט אויף דעם פּראָגרעס וואָס אָט דער געדאַנק האָט געמאַכט אין משך פון די לעצטע יאָרן, איז דער קאַמף פאַר אים פיל וועזנטלעכער און נייטיקער ביים היינטיקן טאָג, ווי אַפילו מיט 30 יאָר צוריק.

דאָס זעלבע גילט בנוגע אַן אַנדערער ספּעציפישער פאָדערונג, וואָס איז אויף אַ געוויסן אופן איינציקאַרטיק, אָבער וועזנטלעך, פאַר אונדזער צוקונפט, נעמלעך: דאָס רעכט פון יידישע קהילות אין די תפוצות צו נעמען אויף זיך די אחריות פאַר ישראל, צו זיין פאַרבונדן מיט איר אַלס אַ צענטער פון קאָלעקטיוון יידישן לעבן — פאַרשטייט זיך, אַז אָן פּאָליטישער פאַראַנטוואָרטלעכקייט און ניט פאָדערנדיק קיין פּאָליטישע רעכט, היות די וועלט איז אין אונדזער צייט אָרגאַניזירט אין סעפּאַראַטע, סוווערענע מלוכות.

אָן דער פאַרבינדונג צווישן יידישע קהילות אין דער וועלט און דעם נייעם צענטער פון יידישן לעבן — מדינת ישראל — וואָלט זייער צוקונפט, איבערהויפּט נאָכן חורבן פון די גרויסע פעסטונגען פון יידישער שעפעריש־קייט, געווען אין אַ גרעסערער געפאַר ווי זי איז איצט. און אָן דער מיטאַרבעט און אחריות פון די יידישע קהילות פון דער וועלט פאַרן גורל פון ישראל, וואָלט די צוקונפט פון דער יידישער מדינה געווען נאָך מער באַדראָט, ווי לאַנג עס קומט איר אויס צו לעבן צווישן פיינטלעכע שכנים מיט זייער גרויסער נומערישער איבערוואָג.

עס קען גרייכלעך זיין, אַז אונדזער פאָדערונג צו זיין פאַרבונדן מיט ישראל און צו נעמען אַן אָנטייל אין דער אחריות פאַר איר, האָט ניט קיין גלייכן ביי אַנדערע פעלקער. אָבער אונדזער סטרוקטור ווי אַ פאָלק, אונדזער געשיכטע ווי אַ פאָלק, איז תמיד געווען איינציקאַרטיק, און מיר

זיינען באַרעכטיקט צו האָבן ספּעציפישע רעכט, אַפילו אויב זיי ווערן ניט אָנערקענט פאַר אַנדערע נאַציאָנאַלע גרופּעס. אַ פאָלק האָט דאָס רעכט צו זיין איינציקאַרטיק אין אַ סך הינזיכטן און עס דאַרף אים זיין דערלויבט, ניט געקוקט אויף דעם אַלעמען, ממשיך צו זיין איינציקאַרטיקייט.

די באַציִונגען צווישן ישראל און די תפוצות, וועגן וועלכע מיר האָבן גערעדט אויף אַ סך פאַרזאַמלונגען פונעם קאָנגרעס, בלייבן אַ גרויס פּראָבלעם פון יידישן לעבן. דאָס אויסנוצן ישראל אַלס אַ נייעם גרויסן קולטורעלן, גייסטיקן און רעליגיעזן צענטער פון יידישן לעבן, וואָס וועט דאַרפן פאַרטרעטן די חרובֿ־געוואָרענע צענטערס אין צענטראַל־ און מזרח־איירעפּע — די באַזע פון אונדזער עקזיסטענץ ווי אַ פאָלק אין משך פון די לעצטע יאָרהונדערטער — פאַרבלייבט איינע פון די צענטראַלע און נאָך ניט געלייזטע פּראָבלעמען פון אונדזער דור. די סכנה פון אַ שפּאַל־טונג, פון אַ ריס, באַזונדערס צווישן די יונגע דורות פון איין זייט, און די קהילות אין די תפוצות פון דער צווייטער זייט, איז נאָך אַלץ רעאַל און וועט פאַרלאַנגען פּערמאַנענטע און ענערגישע באַמיִונגען מצד יידן אין ישראל און אין די תפוצות צו שאַפן בריקן, בכדי צו פאַרבינדן אָט די דאָזיקע צוויי טיילן פון פאָלק, וואָס לעבן אין גאַנץ פאַרשיידענע לעבנס־באַדינגונגען. דאָס פּראָבלעם פון אחדות ביים יידישן פאָלק איז געוואָרן אַפילו נאָך שווערער זינט דער אַנטשטייונג פון מדינת־ישראל, ווייל דאָס באַדייט איצט ניט נאָר צו פאַרבינדן צווישן זיך יידישע קהילות אין די תפוצות, וואָס לעבן, מער אָדער ווייניקער, אין גלייכע באַדינגונגען, נאָר צו באַוועגן אויך דאָס ישראלדיקע יידנטום, אַז עס זאָל פאַרבלייבן אַ טייל פונעם פאַראייניקטן יידישן פאָלק.

דאָס אַלץ פירט מיך צום לעצטן און וויטגייענדיקן צענטראַלן פּראָבלעם, פון וועלכן עס איז אָפּהענגיק אונדזער המשך ווי אַ פאָלק. די געפאַר פון פאַרלירן דעם היסטאָרישן יסוד פון אונדזער עקזיסטענץ ווי אַ פאָלק, די איינציקאַרטיקייט פון אונדזער היסטאָרישער עקזיסטענץ, קומט צום אויסדרוק אינעם פאַקט, וואָס די באַזע פון אונדזער המשך איז קיין מאָל ניט געווען פּאָליטישע מאַכט, עקאָנאָמישע עשירות אָדער מאַטעריעלער כוח, נאָר גייסט און אידעע. דער פאַקט, אַז מיר זיינען געוואָרן אַ פאָלק דורך אַ רוף, דורך אַ רעליגיעזער אויפגאַבע און דורך דער דערפילונג פון אַ ספּעציפישער מיסיע און ניט דורך פּאָליטישער און מאַטעריעלער

רעאַליטעט, באַשטימט דעם כאַראַקטער פון אונדזער גאַנצער געשיכטע. אין דער וועלט פון אידעען האָט ניט קיין אַנטשיידנדיקע באַדייטונג וויפל היסטאָרישע וויכטיקייט מען גיט צו דער תנ״כישער געשיכטע פון דער דאָזיקער עלטסטער תקופה פון דער יידישער פאַרגאַנגענהייט. אפילו יענע, וואָס זעען אין זיי לעגענדעס, קענען ניט אָפּלייקענען זייער גרויסע וויכטיקייט. כדי צו פאַרשטיין און דערקענען דעם כאַראַקטער פון אַ פאָלק און פון זיין קולטור, איז זיין מיטאָלאָגיע ניט ווייניקער וויכטיק און טייל מאָל — וויכטיקער, ווי זיינע היסטאָרישע פאַקטן. די הויפּטפאַקטן ביים אָנהייב פון אונדזער מאַרש דורך דער געשיכטע, די שליחות פון אברהם אבינו, ווען גאָט האָט אים געשיקט קיין ארץ־ישראל, דאָס לייגן דעם יסוד פאַר יידישער עקזיסטענץ מיט דער געזעצגעבונג ביים באַרג סיני און די איינציקאַרטיקע געשטאַלט פון משה רבינו, באַשטימען פון אָנהייב אָן די באַדייטונג און דעם כאַראַקטער פון אונדזער גורל אַלס אַ פאָלק. אַפילו אין משך פון דעם פעריאָד, ווען מיר האָבן געהאַט אונדזער אייגענע מלוכה אין ארץ־ישראל, איז איר באַדייטונג און וויכטיקייט פאַרן גורל פון אונדזער פאָלק ניט געווען באַזירט אויף איר מיליטערישער מאַכט און אירע מיליטערישע נצחונות אָדער אויף איר עקאָנאָמישן כוח, נאָר אויף די אידעען, וואָס זי האָט געשאַפן און אַנטוויקלט, די אידעאַלן, וואָס זי האָט איבערגעלאָזט פאַר די צוקונפטיקע דורות. ניט די מלכים פון ישראל און יהודה האָבן אויפגעהאַלטן אונדזער פאָלק, נאָר די נביאים. און אין די יאָרהונדערטער פון גלות־לעבן, ווען מיר האָבן לחלוטין ניט געהאַט קיין שום פּאָליטישע מאַכט, איז עס זיכער געווען די גרויסע רעליגיעזע און אידעאַליסטישע טראַדיציע, וואָס האָט געזיכערט דעם המשך פון דעם קיום פון אונדזער פאָלק.

די דאָזיקע סיטואַציע האָט זיך בעצם ניט געענדערט מיט דער שאַפונג פון מדינת־ישראל. ניט דער פּאָליטישער כוח פון ישראל — אַפילו ווען ער זאָל ווערן גרעסער ווי ער איז איצט, און געוויס ניט איר עקאָנאָמישע מאַכט, וועלן זיכערן דעם יידישן קיום. די באַדייטונג פון מדינת־ישראל איז דאָס שאַפן דעם לעבנסוויכטיקן צענטער, ווו דער יידישער גייסט קען זיך אַנטוויקלען, ווי ער איז ביכולת בלויז אין אַ לאַנד, ווו יידן שטעלן מיט זיך פאַר די מערהייט און זיי זיינען ניט אָפּהענגיק פון די גייסטיקע און קולטורעלע ווערטן פון דער מערהייט, צווישן וועלכע זיי וווינען. אין אָט דער הינזיכט האָט ישראל נאָך אַפילו ניט אָנגעהויבן צו דערפילן איר

שליחות אינעם יידישן לעבן, און עס וואָלט אויך ניט געווען רעכט צו דערוואַרטן, אַז נאָך דער קורצער תקופה פון 18 יאָר פון איר עקזיסטענץ, אָן שלום, אָן עקאָנאָמישער אומאָפּהענגיקייט, זאָל ישראל שוין האָבן געוואָרן דער צענטער, וואָס שטעלט צו די גייסטיקע קראַפט פאַרן יידישן פאָלק איבער דער גאָרער וועלט.

דאָס צענטראַלע פּראָבלעם פון אונדזער לעבן הייַנט און מאָרגן באַשטייט דערין, וואָס צוזאַמען מיט דער עמאַנציפּאַציע און דעם פאַרשווינדן פון אונדזערע ספּעציפישע לעבנס־ראַמען אין די יאָרהונדערטער פון אונדזער געטאָ־קיום, האָבן מיר פאַרלוירן, מינדסטנס פאַר דער מערהייט פון אונדזער פאָלק, די ספּעציפישע פאָרעם פון אונדזער לעבן, וואָס איז געווען באַזירט אויף אונדזערע אַלטע טראַדיציעס און מיר האָבן נאָך ניט געשאַפן קיין נייע ווערטן פאַר אונדזער נאַציאָנאַלער פאָרעם. דאָס יידישע לעבן איז איצט פוסט און הויל, וואָס שייך גרויסע און נייע אידעען. עס באַשטייט פון אַקטיווקייט, אַן אָנגעפּירטע פון אָרגאַניזאַציעס, פון קאַמף קעגן די רעשטלעך פון אַנטיסעמיטיזם און איבערהויפּט — אין שאַפן פאָנדן אויף הונדערטער אופנים, אָבער דאָס דאָזיקע לעבן איז וויסט ווי אַ מידבר, ווען מען קוקט דערויף פונעם שטאַנדפּונקט פון גייסטיקער שעפערישקייט.

אָט דאָ ליגט דאָס הויפּטפּראָבלעם פון אונדזער לעבן. אָט דאָ ליגט די סכנה צו פאַרלירן דעם גרעסטן טייל פון יונגן דור פון מאָרגן און איבערמאָרגן, ווייל מיר האָבן ניט די אינספּיראַציע און אידעען, וואָס וואָלטן געווען ביכולת אָנצורעגן יענע, וואָס לעבן ניט אין די יידישע רעליגיעזע ראַמען, צו פאַרבלייבן יידן. דער פאַקט, אַז מיר פאַרלירן גרויסע טיילן פון אונדזער בעסטער יוגנט, וואָס איז אידעאַליסטיש פאַר אַנדערע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען, איז אַן אומפאַרמיידלעכע קאָנסעקווענץ פון אָט דער סיטואַציע. קיין שום זאַך וואָלט ניט געווען אַזוי געפערלעך, ווי זיך צו לאָזן פאַרפירן פון דער וווּנדערלעכע פאַסאַדע פונעם יידישן לעבן — די גרויסע צאָל אָרגאַניזאַציעס מיט געוואַלדיקע בודזשעטן און גראַנדיעזע קאָנפערענצן און מאַניפעסטאַציעס, און פאַרזען די פוסטקייט — און איך וויל מען זאָל מיך גוט פאַרשטיין — די לאַנג־ווייליקייט פון יידישן לעבן פאַר אינטעלעקטואַלן, פאַר אידעאַליסטן, פאַרן יונגן עולם. קיין שום זאַך איז ניט אַזוי וויכטיק פאַר דער יידישער פירערשאַפט, ווי אייַנצוזען די שאַרפקייט פון דעם דאָזיקן פּראָבלעם און די ערנסטקייט פון דער סכנה.

דער דור פון די דערוואַקסענע איז, ווי איך האָב עס שוין אָפּט געזאָגט, ניט כאַראַקטעריסטיש. מיר זענען געוואָרן בעסערע יידן צוליב דער טראַגישער נאַצי־עפּאָכע און דעם פאַרלוסט פון מיליאָנען פריינד און קרובים, און דורך דער גרויסער, פּאָזיטיווער און אינספּירירנדיקער איבערלעבונג פונעם אַנטשטיין פון דער יידישער מלוכה.

אָט די פאַקטאָרן וועלן ניט ווירקן, זיכער ניט אויפן זעלביקן אופן ווי אויף אונדז, בנוגע דעם יונגן דור, וואָס איז ניט געשטאַנען פּנים אל פּנים מיט דער נאַצי־טראַגעדיע און פאַר וועמען די עקזיסטענץ פון ישראל איז ניט קיין נס, נאָר אַן איינצלנער נאַטירלעכער פאַקט. די סכנה פאַר אונדזער קיום קומט ניט מער פון דרויסן, ווי עס איז געווען אין משך פון טויזנטער יאָרן. זי קומט פון אינעווייניק, און דאָס באַדייט אַ ראַדיקאַלע און פונדאַמענטאַלע ענדערונג אין דער סטרוקטור און סיטואַציע פון אונדזער פאָלק. אונדזער הויפּטפּראָבלעם איז איצט, מער ווי אין וועלכער עס איז אַנדערער תקופה פון אונדזער געשיכטע, דער אינערלעכער. די סכנה פאַר אונדזער קיום איז אַסימילאַציע און אויפלייזונג. אויב מען פאַרטיפט זיך מער אין דעם אַנאַליז פון אונדזער אינערלעכער סיטואַציע און מען לאָזט זיך ניט פאַרפירן פון דער אויסערלעכער פאַסאַדע פון אונדזער אָרגאַניזאַציאָנעלן לעבן, מוז מען נעמען צו קענטעניש די דערשרעקנדיקע פּראָצעסן פון אינדיפערענץ, איבערהויפּט ביים יונגן דור. דער אַסימילאַציע־פּראָצעס איז ניט שייך בלויז דעם יחיד, דער אַסימילאַציע־פּראָצעס נעמט אַרום אונדזער קאָלעקטיוו לעבן ווי יידן, אונדזער כאַראַקטער פון אַ ספּעציפישער קאָלעקטיווער איינהייט. דאָס איז חל אויף אַלע אַספּעקטן פון יידישן לעבן · אין אַ סך לענדער, און בעיקר אין די וויכטיקסטע יידישע קהילות אין דער וועלט. אין די פאַראייניקטע שטאַטן איז פאַראַן אַ טענדענץ צווישן אַ טייל רעליגיעזע מנהיגים און זייערע אָנהענגער גלייכצושטעלן די יידישע אמונה מיט אַנדערע רעליגיעס, צו מאַכן פון דער יידישער אמונה אַן מין אַנדערע קירכע, אַ מאָדערנע, און צו פאַרגעסן דעם יסודותדיקן פאַקט, אַז דאָס יידישע פאָלק איז קיין מאָל ניט געווען בלויז אַ רעליגיעזע גרופּע, אַז איר איינציקאַרטיקייט דריקט זיך אויס אין דער קאָמבינירונג פון פאָלק, אמונה און טרעגער פון אַ פולשטענדיק באַזונדערע קולטור.

דאָ איז נייטיק צו זאָגן אַ וואָרט פון וואָרענונג קעגן דעם איבערגעטריבענעם חשק פון אַ סך יידישע רעליגיעזע מנהיגים צו אַזוי גערופענע

דיאַלאָגן מיט רעליגיעזע פירער פון אַנדערע רעליגיעס. ס'איז גאַנץ נוצלעך צו באַהאַנדלען מיט פירער פון אַנדערע רעליגיעס די געמיינזאַמע מאָראַלישע התחייבותן פון רעליגיעזע גרופּעס אָפּצוהיטן דעם שלום, צו קעמפן קעגן נויט, קעגן דער עקספּלואַטאַציע פון פעלקער אָדער קלאַסן. אָבער ווען עס קומט צו ריין רעליגיעזע וויכוחים, דאַרף מען אַכטונג געבן אויף דער וואָרענונג פון אַ סך גרויסע יידישע רעליגיעזע פּערזענלעכקייטן, בישט אַריינצולאָזן זיך אין אַ פּרוּוו צו געפינען געמיינזאַמע דענאָמינאַטאָרן אין דער ריין רעליגיעזער ספערע. דאָס איז עלול צו פירן צו אַן אָפּשוואַכונג און בהדרגהדיקער עלימינירונג פון די ספּעציפישע שטריכן פון דעם, וואָס מען רופט יידישקייט.

דער יידישער וועלט־קאָנגרעס האָט זיך באַמיט אָנצוקניפּן און אַנטוויקלען קאָנטאַקטן מיטן וואַטיקאַן און מיט פירער פון די קריסטלעכע קירכעס. ער האָט אָבער אין די דאָזיקע קאָנטאַקטן און דיסקוסיעס זיך באַגרענעצט אויף דער פאַרטיידיקונג פון מענטשן־רעכט; אויסצוואָרצלען אַנטיסעמיטיזם און צו באַקעמפן רעליגיעזע און ראַסן־פאָראורטיילן; צו קעמפן פאַר גלייכע רעכט און דעם כבוד פון אַלע אומות און אויף זייערע געמיינזאַמע צילן צו באַקעמפן אָרעמקייט און אויפהאַלטן דעם שלום.

דער אַסימילאַציע־פּראָצעס, אויב ער וועט ניט אָפּגעשטעלט ווערן פון אינעווייניק, קען ער אין אַ פאַרהעלטענישמעסיק קורצער צייט פירן צום פאַרלוסט פון די בעסטע טיילן פון יונגן דור. אויב מיר מאַכן זיך קלאָר דעם ערנסט פון אָט דער סיטואַציע, מוזן מיר קומען צום באַשלוס, אַז די סטרוקטור און דער כאַראַקטער פון אונדזערע טעטיקייטן מוזן רעווידירט ווערן; מיר מוזן אַנטוויקלען נייע פּראָיעקטן אין אונדזער לעבן.

דאָ האָב איך בדעה צו זאָגן זייער פּאָרזיכטיק אַ וואָרט וועגן די ספּעציפישע אויפגאַבעס, וואָס שטייען איצט פאַר די מנהיגים פון דער יידישער אָרטאָדאָקסיע. עס האָט זיך געשאַפן אַ סיטואַציע, וואָס איך באַטראַכט זי מיט גרויס זאָרג און אַנגסט. דער פאַקט, אַז די מערהייט פון אונדזער פאָלק לעבט מער ניט אין דער ראַם פון יענע פּרינציפּן און געזעצן, וועלכע פלעגן רעגולירן דאָס יידישע לעבן אין משך פון יאָרהונדערטער, האָט דערפירט צו אַ סיטואַציע, אין וועלכער די יידישע אָרטאָדאָקסיע געפינט זיך אין אַ פאַרטיידיקונגס־פּאָזיציע. זי האָט אַ נטיה צו אַנטוויקלען אַ פּסיכאָלאָגיע, ווי איך האָב זיך אַ מאָל אויסגעדריקט, פון אַן אָנגעגריפענער

מינדערהייט, וואָס לעבט און קעמפט אין אַ פעסטונג. זי איזאָלירט זיך אַליין, זי קעמפט קעגן דער מערהייט, וועלכע נעמט ניט אָן איר אידעאָ־לאָגיע, אָנרופנדיק די דאָזיקע מערהייט הערעטיקער, און פאַרגעסט אָפט איינע פון די יסודותדיקע פרינציפּן פון יידנטום, אַז אַ ייד, אַפילו ווען ער זינדיקט, בלייבט ער אַ ייד (ישראל אף־על־פי שחטא ישראל הוא).

די יידישע אָרטאָדאָקסיע, אין אירע גרויסע תקופות, איז קיין מאָל ניט געווען סטאַטיש, פאַרפרוירן. בשעת די גרויסע תקופות פון תלמוד און אין מיטל־עלטער האָט די יידיש־רעליגיעזע אָנפירערשאַפט תמיד זיך באַמיט צו געפינען אופנים, ווי אַזוי צוצופּאַסן זיך צו די באַדערפעניש פון דער כסדר זיך ענדערנדיקער סיטואַציע, פאַרבלייבנדיק נאָטירלעך געטריי צו די יסודותדיקע עיקרים. בלויז אין אונדזער תקופה האָט די יידישע אָרטאָ־דאָקסיע, האָבנדיק דאָס געפיל פון איר מינדערהייט־פּאָזיציע, פאַרלוירן די געוואַגטקייט און דעם שעפערישן מוט צו געפינען אַ סינטעז צווישן די יסודותדיקע עיקרים און די באַדערפעניש פון יידישן פאָלק אין די נייע באַדינגונגען פון לעבן, סיי אין ישראל, סיי אין די תפוצות.

אַ פּראָבלעם פון וויכטיקייט פאַר אונדזער צוקונפט איז די באַמיִונג צו בויען אַ בריק צווישן דער מערהייט, וואָס לעבט מער ניט אויפן יסוד פון דער רעליגיע, און דער אָרטאָדאָקסישער מינדערהייט וועלכע האָט די אויפגאַבע און דעם חוב, צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע גרופּן, צו זיכערן די יידישקייט פון דער ניט־אָרטאָדאָקסישער מערהייט. אַ ווירקלעכער דיאַלאָג, וואָס וועט אפשר דויערן אַ לאַנגע צייט, מוז זיך אָנהייבן צווישן די צוויי טיילן פון יידישן פאָלק, און די איניציאַטיוו וועט מוזן קומען קודם כל פון די גרויסע מנהיגים פון יידישן טראַדיציאָנאַליזם.

אָט די נייע סיטואַציע מאַכט נויטווענדיק אַ ווייטגרייכנדיקע איבערשיכ־טונג אין דער וויכטיקייט־היעראַרכיע. דעם פּלאַץ, וואָס מען האָט נעכטן געגעבן דעם קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם, מוז היינט געגעבן ווערן דער יידישער דערציִונג; די אָנשטרענגונגען, וואָס זיינען אין דער פאַרגאַנ־גענהייט געמאַכט געוואָרן פאַר דער הילפאַרבעט, מוזן זיך קאָנצענטרירן אויף קולטור־שעפערישקייט.

איינע פון די וויכטיקסטע קאָנסעקווענצן פון אָט דעם אַנאַליז, איז די נויטווענדיקייט אויסצוברייטערן דעם פאַרנעם פון די ענינים און דעם אינהאַלט פון יידישן לעבן. אונדזערע אָרגאַניזאַציאָנעלע און קהילהשע באַמיִונגען זענען איצט קודם־כל, אויב ניט אויסשליסלעך, באַגרענעצט

אויף ריין יידישע פּראָבלעמען. אַזוי אַרום פאַרלירן מיר פון אויג דעם רעוואָלוציאָנערן כאַראַקטער פון דער תקופה, אין וועלכער מיר לעבן און מיר פאַרלירן אַ טייל פון די בעסטע עלעמענטן פון אונדזער יוגנט, וואָס ווילן אַרבעטן און קעמפן לטובת גרויסע מענטשלעכע אידעאַלן און באַוועגונגען, און אין וועלכע, ווי עס ווייזט אויס, די יידישע אָרגאַניזאַציעס זיינען ניט פאַראינטערעסירט.

אין די פאַרגאַנגענע יאָרהונדערטער, ספּעציעל אין 19טן יאָרהונדערט, איז דאָס יידישע פאָלק געשטאַנען אין די פאָדערשטע רייען פון אַלע גרויסע, פּראָגרעסיווע באַוועגונגען סיי אידעאָלאָגיש און סיי אַקטיוו. מיר זיינען געווען צווישן די פּיאָנערן אינעם קאַמף פאַר מענטשן־רעכט, פאַר גלייכהייט, פאַר פּראָגרעס און פאַר סאָציאַלער גערעכטיקייט. אין די לעצטע צענדליקער יאָרן, קאָנצענטרירנדיק זיך פולשטענדיק אויף די באַמיִונגען צו געווינען גלייכע רעכט פאַר זיך אַליין און צו גרינדן און קאָנסאָלידירן דאָס יידישע היימלאַנד, האָבן מיר, אין אַ גרויסער מאָס, אויפגעגעבן אָט די היסטאָרישע פּאָזיציע פון זיין צווישן די פּיאָנערן פון אַלע פּראָגרעסיווע באַוועגונגען.

איינע פון די סיבות דערפון איז אויך דער פאַקט, וואָס בעת אין משך פון הונדערטער יאָרן האָבן מיר געהערט צו די ״העוו נאָטס״ (וואָס האָבן גאָרניט), צו די אונטערדריקטע און אָרעמע, האָבן מיר אין דער תקופה פון נאָך דער מלחמה זיך אָנגעשלאָסן אין די ״העווס״ (וואָס האָבן יאָ). אין אויפהאַלטן דעם סאָציאַלן און פּאָליטישן סטאַטוס־קוואָ.

אָט די טענדענץ האָט אַ נטיה צו פאַרקריפּלען דאָס קלאַסישע בילד פון אונדזער פאָלק אין דער וועלט־געשיכטע. זי מוז פאַרטרייבן פון אונדז די אידעאַליסטישע יוגנט און די אינטעלעקטועלע, פאַר וועמען עס איז נויטווענדיק, אַז מיר זאָלן ווידער פאַרנעמען אונדזער פּאָזיציע צווישן יענע כוחות אין דער וועלט, וואָס באַמיִען זיך צו זיכערן שלום, סאָציאַלע גערעכטיקייט און גלייכהייט פאַר אַלע טיילן פון דער מענטשהייט.

עס זיינען פאַראַן רמזים, אַז וויכטיקע גרופּעס אין יידישן לעבן הייבן דאָס אָן איינצוזען, איבערהויפּט אין די פאַראייניקטע שטאַטן. דאָס איז אַ סימפּטאָם, וואָס דאַרף ווערן באַגריסט און דערמוטיקט. עס איז ניט נייטיק, אַז אין אַזעלכע פראַגן פון אַלגעמיינער וויכטיקייט זאָלן אַלע גרופּעס אָננעמען איין און די זעלביקע פּאָזיציע. אויך דאָס יידישע פאָלק ווי אַ גאַנצס, און דאָס איז אויך חל אויפן יידישן וועלט־קאָנגרעס, קען

ניט אָננעמען קיין באַשטימטע שטעלונג בנוגע קאָנטראָווערסיעלע פּראָבּ־לעמען, וואָס גייען אָן געוויסע ספּעציפישע לענדער. דאָס יידישע פאָלק אין זיין גאַנצקייט, און דער יידישער וועלט־קאָנגרעס, ווען ער פאַרנעמט זיך צו רעדן אין זיין נאָמען, מוז באַגרענעצן זיין שטעלונג אויף אַלגעמיינע פּרינציפּן, ווי שלום און אַנטוואָפענונג, אָדער קאַמף פאַר מענטשן־רעכט, און ער קען ניט אַרויפצווינגען, מיט באַשלוסן פון אַ מערהייט, פאָדערונגען אָדער שטעלונגען, וואָס האָבן צו טאָן מיט ספּעציפישע פּאָליטישע פראַגן. אָבער אינערלעך, אין די פאַרשיידענע יידישע קהילות, אָרגאַניזאַציעס און גרופּעס, וועלכע זיינען בכוח און גרייט צו פאַרנעמען אַ שטעלונג, דאַרף דערמוטיקט ווערן די באַטייליקונג אין די באַמיִונגען צו פאַרטיידיקן אונטערדריקטע מינדערהייטן און אויך קעגן קאָלאָניאַליזם און אימפּער־יאַליזם. זייער אַקטיווקייט אין דער ריכטונג וועט אַ סך פאַרבעסערן דאָס בילד פון יידישן לעבן און דאָס וועט אפשר צוריקברענגען די אידעאַליס־טישע טיילן פון דער יוגנט אין אונדזער מחנה.

איך ווייס, אַז דאָס קען ניט ווערן דערגרייכט דורך רעזאָלוציעס און פאָרמעלע באַשלוסן, אָבער אויב די יידישע פירערשאַפט וועט ניט איינזען די ראַדיקאַלע ענדערונג אין אונדזער סיטואַציע, דעם נייעם כאַראַקטער פון די סכנות פאַר אונדזער קיום, אין פאַרגלייך מיט די פאַרגאַנגענע יאָרהונדערטער, וועט דאָס יידישע לעבן, ביסלעכווייז, אָבער אומפאַר־מיידלעך, פאַרלירן דעם יסוד פון אונדזער צוקונפט.

לאָמיך פאַרענדיקן מיט אַ באַמערקונג, וואָס רעזומירט דעם ציל פון אָט דעם אַנאַליז. דאָס יידישע פאָלק אין משך פון די לעצטע צוויי־דריי דורות האָט אינוועסטירט דעם גרעסטן טייל פון זיין ענערגיע אין ווערן מיט לייטן גלייך, סיי אַלס יחידים, סיי אַלס אַ גרופּע. מיר האָבן געקעמפט פאַר עמאַנציפּאַציע בכדי צו מאַכן דעם אינדיווידועלן ייד גלייך אין זיינע רעכט און אין זיין פּאָזיציע מיט דעם ניט־ייד. מיר האָבן אויך געקעמפט פאַר נאָרמאַליזירן אונדזער סיטואַציע דורך שאַפן אַ סוווערענע מדינה ווי אַנדערע פעלקער האָבן. ביידע באַמיִונגען האָבן זיך באַרעכטיקט. עס וואָלט געווען דאָן־קיכאָטיש און האָפענונגסלאָז צו פּרוּוון ווייטער לעבן אין געטאָ, ווי אַ מינדערהייט, וואָס ליידט פון דיסקרימינאַציעס — אין די באַדינגונגען פון אַ מאָדערנער דעמאָקראַטיע. עס וואָלט געווען אַן אומגליק, אויב מיר וואָלטן זיך ניט באַמיט, דער עיקר אין אָנבליק פון דער נאַצי־דערפאַרונג, צו האָבן אַן אייגן לאַנד, ווו יעדער ייד, וועמענס עקזיסטענץ

עס איז באַדראָט ערגעץ אַנדערש, אָדער וואָס האָט דעם באַגער צו לעבן אַ פול יידיש לעבן, זאָל קענען עולה זיין און לעבן פריי, און ניט דורך דער טאָלעראַנץ אָדער מיטן גוטן ווילן פון אַנדערע.

עס וואָלט אָבער געווען אַ טראַגישער און אומגליקלעכער טעות צו מיינען, אַז אויב מיר האָבן שוין דערגרייכט אָט די צוויי צילן פון זיין מיט לייטן גלייך, איז שוין אונדזער עקזיסטענץ ווי אַ פאָלק געזיכערט. אין זיינע וואָרצלען און אינעם עצם פון זיין היסטאָרישער עקזיסטענץ איז דאָס יידישע פאָלק קיין מאָל ניט געווען ענלעך צו אַנדערע פעלקער, נאָר תמיד — אייגנאַרטיק. דאָס באַדייט לחלוטין ניט, אַז דאָס יידישע פאָלק איז געווען בעסער, נאָר אַז עס איז געווען אַנדערש. עס איז ניטאָ נאָך אַ פאָלק, וואָס פאַרבינדט אמונה און פאָלק אין איין דעפיניציע פון זיין נאַציאָנאַלן כאַראַקטער. מיר זיינען מער ווי אַ פאָלק, מיר זיינען מער ווי אַן אמונה, מיר זיינען מער ווי אַ ציוויליזאַציע — מיר זענען דאָס אַלץ צוזאַמען, און עס געפינט זיך ניט קיין אַנדער ענלעכע נאַציאָנאַלע גרופע ווי מיר.

אָן אַ ווידערקער צו אונדזער פאָדערונג צו זיין אַנדערש און איינציקאַרטיק, איז אונדזער צוקונפט מער ווי באַדראָט. אַ פאָלק קען ניט מוותר זיין אויף טראַדיציעס, אויף וועלכע זיין כאַראַקטער און גורל זענען באַזירט, און אָנהייבן, אַזוי צו זאָגן, אויף דאָס ניי. דאָס וואָלט געווען אַ ניי פאָלק, אָן שום היסטאָרישער באַדייטונג, ניט פאַר אונדז אַליין און ניט פאַר דער מענטשהייט.

אונדזער דור, וואָס האָט אַזוי פיל געליטן און האָט געבראַכט אַזוי פיל קרבנות אינעם קאַמף פאַר גלייכהייט, סיי ווי יחידים און סיי ווי אַ פאָלק, און האָט ביידע דערגרייכט, מוז אָנהייבן איינזען, אַז זיין גרעסטע נייע אויפגאַבע באַזירט זיך אויף דעם חוב צו אַנטוויקלען זיין אַנדערשקייט, זיין ספּעציפישן כאַראַקטער. האָבנדיק דערגרייכט די פּאָזיציע פון גלייכע בירגער און האָבנדיק געשאַפן אַ מלוכה ווי אַנדערע מלוכות, דאַרפן מיר אונטערנעמען דעם נייעם און פיל שווערערן קאַמף: צו פאַרבלייבן יידן, וואָס זאָלן זיין ווערט דעם כאַראַקטער און גייסט פון אונדזער איינציקאַרטיקער געשיכטע, און וואָס זאָלן זיין אַנטשלאָסן, מיט דער הילף פון נייע מיטלען און מעטאָדן, איבערצוגעבן די ירושה פון אָט דער דאָזיקער געשיכטע צו די קומענדיקע דורות.

אויף דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג פון יידישן וועלט־קאָנגרעס, בריסל, 1966

# ישראל און די תפוצות

די טעמע פון מיין רעדע איז אַן אַנאַליז פון די באַציִונגען צווישן ישראל און די תפוצות און וועגן די אויפגאַבן פון יידישן פאָלק פאַרביידע מקורות פון יידישן לעבן.

ס׳איז באַזונדערס נייטיק צו פאַרשטיין דאָס דאָזיקע פּראָבלעם אין איצ־טיקן מאָמענט, ווען דער ענטוזיאַזם פאַר ישראל און די סאָלידאַריטעט מיט דער יידישער מדינה קענען פירן צו אַ טענדענץ פון אונטערשאַצן און פאַרנאַכלעסיקן די גרויסע פראַגן און אויפגאַבן פון יידישן לעבן אין די תפוצות. די לעצטע עטלעכע וואָכן האָבן באַוויזן קלאָרער, ווי ווען עס איז, ווי שטאַרק פאַרבונדן עס זיינען צווישן זיך ביידע קוואַלן פון יידישן לעבן, און ווי איינער איז אַבסאָלוט לעבנסנייטיק פאַר דעם אַנדערן. וואָס ישראל האָט דערגרייכט, וואָלט ניט געווען מעגלעך אָן דער ריזיקער הילף פון די תפוצות. פון דער צווייטער זייט איז נאָך קיין מאָל די צוקונפט פון יידישן לעבן אין גלות ניט געווען אַזוי שטאַרק אָפּהענגיק פון דער צוקונפט און פון דעם גורל פון ישראל, ווי אין אונדזער איצטיקן דור.

דאָס פּראָבלעם איז איינציקאַרטיק און שטעלט מיט זיך פאַר אפשר דעם כאַראַקטעריסטישסטן אַספּעקט פון דער אַבסאָלוטער אַנדערשקייט פון דער יידישער געשיכטע און פון גורל פון אונדזער פאָלק. עס זיינען געווען און עס זיינען פאַראַן נאָך פעלקער, וועלכע האָבן, אַחוץ זייער אייגענעם נאַציאָנאַלן היימלאַנד, זייער אייגענער מדינה, אויך גרויסע דיאַספּאָרעס. ס׳איז גענוג צו ברענגען עטלעכע ביישפּילן פון די ענגלענדער, דייטשן, איטאַליענער, אירלענדער, גריכן און נאָך אַ סך פעלקער. אָבער עס איז ניט פאַראַן קיין שום אַנדער פאָלק, אַ חוץ דעם יידישן וואָס נאָר אַ מינ־דערהייט זיינע לעבט אין זיין אייגענעם לאַנד, און זיין גרויסע מערהייט איז צעשפּרייט איבער דער וועלט. פאַר אַלע אַנדערע פעלקער איז דער המשך פון דעם קיום פון זייערע דיאַספּאָרעס בוצלעך, אָבער ניט לעבנס־נייטיק פאַר זייער צוקונפט. פאַר אונדז איז עס אַ פראַגע פון לעבן און

טויט. אָבער דאָס כאַראַקטעריזירט ניט בלויז די איצטיקע סיטואַציע. דורך דער גאַנצער יידישער געשיכטע גייט דורך די דאָזיקע באַציִונג צווישן אונדזער צענטער און די תפוצות.

אין ליכט פון די דאָזיקע יסודותדיקע פאַקטן, איז די טעאָריע וועגן דער פולער פאַרלייקענונג פון גלות — ״שלילת הגלות״ — אַן אַבסורד. אַ פאָלק וואָלט ניט געקענט אָנהאַלטן זיין קיום, ווען עס וואָלט דעם גרעסטן טייל פון זיין געשיכטע געלעבט אין ״אומנאָרמאַלע״ באַדינגונגען. וואָס קען זיין אומנאָרמאַל פאַר אַנדערע פעלקער, איז אַ טייל פון דער נאָרמאַליטעט פון דער יידישער געשיכטע. די טענדענץ, וואָס איז געווען אין די ערשטע צייטן פון ציוניזם און הערשט איצט טיילווייז אין ישראל, — צו פאַרגעסן די יאָרהונדערטער פון גלות, צו עלימינירן זיי פון אונדזער באַוווּסטזיין, צו שעמען זיך מיט זיי אָדער גאָר צו איגנאָרירן זיי, און פאַרבינדן מדינת ישראל דירעקט מיט דער יידישער מלוכהשאַפט אין די אַלטע צייטן, איז ניט בלויז דאָן־קיכאָטיש, נאָר היסטאָריש געפערלעך. יחידים און פעלקער קענען זיך ניט דערלויבן צו אונטערדריקן ממשותדיקע טיילן און תקופות פון זייער לעבן. ביי יחידים ענדיקט זיך אַזאַ טענדענץ אין אַלגעמיין מיט אַ צערודערונג און מיט דער נויטווענדיקייט צו לאָזן זיך אונטערזוכן פון אַ פּסיכאָאַנאַליטיקער. אין דעם לעבן פון אַ פאָלק, וואָס פּרוווט דאָס צו טאָן, פירט דאָס אומפאַרמיידלעך צו דער פעלשונג פון זיין היסטאָרישן כאַראַקטער, צו דער צעשטערונג פון זיין פּרצוף און צום פאַרלוסט פון זיין ספּעציפישער שאַפערישקייט און אייגנאַרטיקן גורל. דער ציוניזם האָט קיין מאָל ניט געפּרעדיקט די פולע פאַרלייקענונג פון גלות, נאָר האָט באַטראַכט דאָס שאַפן און אַנטוויקלען אַ צענטער, ווו יידן קענען לעבן ווי אַ מערהייט און זיין די בעלי־בתים פון זייער אייגענעם גורל — באַשטימענדיק אויף אַזאַ אופן, אין אַ גרויסער מאָס, אויך די אַנטוויקלונג פון די יישובים אין די תפוצות — אַלס דעם אומבאַדינגטן עיקר־תנאי פאַר פאַרזיכערן דעם המשך פון אונדזער פאָלק.

דאָס מיינט ניט, נאַטירלעך, אַז די איצטיקע נומערישע און קוואַליטאַטיווע פּראָפּאָרץ צווישן מדינת ישראל און די תפוצות איז אַנגעמלעך און דאַרף אַזוי בלייבן. דער פאַקט, אַז בלויז איין פינפטל פון יידישן פאָלק לעבט אין זיין אייגענער מדינה, און פיר פינפטל געפינען זיך אין חוץ־לארץ, שטעלט אין געפאַר די באַזע פון דעם קיום פון מדינת ישראל און איר צוקונפט. און עס מוז דערפירט ווערן צו אַ ראַדיקאַלער ענדערונג אין דער

פראַפּאָרץ צווישן די צוויי כוחות. אָן אַ גרויסער עליה און אָן אַ באַדייטנדער פאַרגרעסערונג פון דער יידישער באַפעלקערונג אין ישראל איז די צוקונפט פון דער מדינה מער ווי באַדראָט.

אָבער ווי שטאַרק עס זאָל זיך ניט פאַרגרעסערן די עליה קיין ישראל, וועט אַ זייער באַדייטנדיקער טייל פון יידישן פאָלק, אויב ניט די מערהייט, בלייבן — לכל הפחות אין דער צוקונפט, וואָס מען קען פאָרויסזען, און סיידן עס זאָלן קומען רעוואָלוציאָנערע און טראַגישע ענדערונגען אין דער וועלט — אין חוץ־לארץ און וועט פאָרשטעלן מיט זיך איינעם פון די צוויי הויפּטזיילן, אויף וועלכע די עקזיסטענץ פון ישראל וועט דאַרפן געבויט ווערן.

זאָגנדיק דאָס, מיין איך ניט בלויז די פינאַנציעלע און עקאָנאָמישע הילף, וואָס די תפוצות גיבן איצט, און וואָס זיי וועלן — לויט מיין מיי־נונג — דאַרפן ווייטער געבן. איך באַצי זיך אַפילו ניט בעיקר אויף דער פּאָליטישער הילף, וואָס איז געווען אַזוי וויכטיק, ווען מיר האָבן דערגרייכט דעם באַשלוס פון די פאַראייניקטע פעלקער און וואָס האָט זיך אַרויסגע־וויזן פון אַזאַ אַנטשיידנדיקער באַדייטונג אין די לעצטע עטלעכע וואָכן. איך האָב אין זין בעיקר דעם גייסטיקן און קולטורעלן אַספּעקט פון דעם פּראָבלעם. מיר לעבן אין טעג, ווען מיר זיינען אַלע גענייגט איבערצושאַצן די וויכטיקייט פון מיליטערישע נצחונות, פון פּאָליטישע געווינסן און פון עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג. דער ציוניזם האָט זיך געשטיצט אויף דער קאָנצעפּציע פון דער נויטווענדיקייט צו שאַפן באַדינגונגען פאַר אונדזער פאָלק ניט בלויז פאַר פּראָדוצירן און פּרעדיקן אידעען, נאָר פאַר פאַר־ווירקלעכן זיי.

די פונדאַמענטאַלע באַזע פאַר דער עקזיסטענץ פון יעדן פאָלק, וואָס שפּילט אַ ראָלע אין דער געשיכטע, איז זיין קולטור, זיין שאַפערישקייט, זיינע דערגרייכונגען אין דער וועלט פון אידעען, סיי רעליגיעזע, סיי פילאָזאָפישע, סאָציאַלע אָדער קינסטלערישע. דאָס איז דאָפּלט גילטיק בנוגע דעם יידישן פאָלק, וואָס האָט אין משך פון דעם גרעסטן טייל פון זיין געשיכטע קיין מאָל ניט געהאַט צו פיל מאַכט, אַפילו ניט אין די צייטן פון זיין אַמאָליקער מלוכהשאַפט. אויב עס עקזיסטירט אַ יידיש פאָלק, איז עס ניט אַזוי פיל צוליב די מלכים פון יהודה און ישראל, נאָר אַ דאַנק די נביאים פון תנ״ך און די חכמי התלמוד. ווען ר׳ יוחנן בן־זכאי האָט געבעטן דעם רוימישן אימפּעראַטאָר, אין די טעג פון חורבן בית שני,

אַז ער זאָל אים דערלויבן צו גרינדן די ישיבה אין יבנה, איז עס געווען ער, וועלכער האָט פאַרזיכערט דעם יידישן קיום, און ניט בר־כוכבא מיט זיין גאַנצן העראָיזם. עס קען קלינגען ניט־קאָנפאָרמיסטיש צו זאָגן אַזעלכעס אין די איצטיקע טעג, אָבער עס וואָלט געווען טראַגיש פאַר דער יידישער געשיכטע, אויב מיר זאָלן פאַרלאָזן די דאָזיקע יסודותדיקע כאַראַקטעריסטיק פון אונדזער עקזיסטענץ אַלס פאָלק, און אויב מיר זאָלן גלייבן, אַז בלויז מאַכט אַליין האָט אַ באַדייטונג אָדער קען שאַפן ווערטן אויף אַ לאַנגער צייט. מאַכט און מדינה זיינען בלויז אינסטרומענטן אויף צו פאַרווירקלעכן די עיקר־אידעען פון אַ פאָלק. באַזונדערס מוז אונדזער איצטיקער דור, וועלכער האָט דערגרייכט מאַכט פאַרן יידישן פאָלק נאָך יאָרהונדערטער פון מאַכטלאָזיקייט — און איז מיט רעכט שטאָלץ אויף דעם — תמיד געדענקען די דאָזיקע יסודותדיקע פאַקטן פון יידישן היס־טאָרישן קיום.

אויב מען נעמט אָן דעם דאָזיקן כלל, וועט מען פאַרשטיין, אַז עס איז ניט ווייניקער וויכטיק צו פאַרזיכערן דעם המשך פון די יידישע יישובים מחוץ מדינת ישראל, ווי צו צעמענטירן די זיכערקייט פון דער מדינה גופא. אין איצטיקן מאָמענט קען זיין מער גלאָריע און אַטראַקציע צו קאָנצענ־טרירן זיך אויף בויען ישראל, און אָן דעם ווידעראויפבוי און דער אַנט־וויקלונג פון ישראל איז ניטאָ קיין צוקונפט פאַר די תפוצות. אָבער דער ציל פון דער יידישער אַקטיוויקייט איז אויפצוהאַלטן און פאַרזיכערן דאָס יידישע פאָלק אין אַלע פאָרמען פון זיין קיום. בלויז ווען סיי מדינת ישראל און סיי די תפוצות וועלן לעבן און אַרבעטן צוזאַמען, ווי צוויי טיילן פון איין פאָלק, וועלן ביידע קענען פאַרזיכערן דעם המשך פון אונדזער קיום.

ווען מען גיט זיך אָפּ אַ חשבון וועגן דעם, קען מען באַגרייפן די וויכ־טיקייט פון פאַרזיכערן די יידישקייט פון אונדזערע יישובים אין די תפוצות, באַזונדערס פון דעם יונגן דור. מיר אַלע ווייסן, ווי שווער עס איז אָנגעקומען צו שאַפן ישראל, ווי שווער עס איז צו באַשיצן און פאַרזיכערן די מדינה, און איך האָב מורא, אַז נאָך אַ לאַנגע צייט וועט די זיכערקייט פון ישראל זיין ווייט ניט גאַראַנטירט. אָבער ביי די אַלע שוועריקייטן טראַכט איך אָפּט, אַז עס איז נאָך אַ סך שווערער צו פאַרזיכערן דעם המשך פון די יידישע יישובים אין די תפוצות. די יידן פון מדינת ישראל זיינען אין דער אומפאַרגלייכלעך בעסערער לאַגע, וואָס זיי לעבן

אין זייער אייגענעם לאַנד, אין זייער אייגענער מדינה, און זיי האָבן די מעגלעכקייט צו באַשטימען זייער אייגענעם אופן פון האַנדלען און טאָן, וואָס זיי אַליין באַטראַכטן פאַר נייטיק, בכדי צו פאַרזיכערן זייער צוקונפט. עס איז ניט צו שווער פאַר זיי אויפצוהאַלטן זייער כאַראַקטער ווי אַ טייל פון יידישן פאָלק, ווייל זיי באַזיצן אַלע אַטריבוטן און מעגלעכקייטן פון מלוכהשאַפט. אָבער אויפצוהאַלטן דעם יידישן כאַראַקטער פון אונדזער איצטיקן דור, און פון די קומענדיקע דורות אין די תפוצות, ווערט וואָס אַ מאָל שווערער און שווערער.

די צוויי הויפּט־עלעמענטן, וועלכע האָבן פאַרזיכערט אונדזער המשך אין די יאָרהונדערטער פון גלות — און פאַר וועלכע עס איז ניט פאַראַן קיין שום אַנדערער ביישפּיל אין דער געשיכטע פון אַנדערע פעלקער — האָבן ניט מער די זעלבע באַדייטונג פאַר אונדז, איצט ווי זיי האָבן געהאַט פריִער אין משך פון הונדערטער יאָרן. דער ערשטער פון די דאָזיקע צוויי עלעמענטן איז געווען די אומגעהויערע מאַכט פון דער יידישער רעליגיע, וועלכע איז געווען ניט אַ ט י י ל פון יידישן לעבן, נאָר די אַלץ־אַרומנע־מענדיקע ראַם און דער אַלץ־באַשטימענדיקער גייסטיקער כוח פון יידישן קיום, וואָס האָט רעגולירט דאָס לעבן פון דעם יחיד און פון דעם פאָלק אין יעדער פאַזע און אין יעדער ספערע פון אונדזער קיום. דער צווייטער עלעמענט איז געווען אונדזער טראַגישע סיטואַציע פון אַ גערודפט פאָלק, מיט דעם מעכטיקן אַרויסרוף צו יידישער סאָלידאַריטעט און קאָאָפּעראַציע, איבער דער פּערמאַנענטער אויסערלעכער געפאַר פאַר אונדזער קיום.

די ביידע עלעמענטן האָבן אין אַ גרויסער מאָס פאַרלאָרן זייער באַדיי־טונג. די יידישע רעליגיע אין איר קלאַסישער היסטאָרישער פאָרעם האָט שוין מער ניט די אַנטשיידנדיקע השפעה אינעם לעבן פונעם גרעסטן טייל פון יידישן פאָלק. און זינט דער קאַמף פאַר דער יידישער עמאַנצי־פּאַציע איז געוואָרן, זינט יידן זיינען פאַקטיש אומעטום גלייכ־באַרעכטיקט, און זיי זיינען אינטעגרירט אין דעם עקאָנאָמישן, פּאָליטישן, סאָציאַלן און קולטורעלן לעבן פון די פעלקער, צווישן וועלכע זיי וווינען, האָט דער צווייטער עלעמענט — די אחדות איבער דער געפאַר פון דרויסן — אויך פאַרלאָרן דעם גרעסטן טייל פון זיין פאַראייניקונג־קראַפט. דאָס שטעלט אונדזער דור פאַר אַ פולשטענדיק אַנדערער לאַגע און פאַר נייע אויפגאַבן. די געפאַר פאַר אונדזער המשך קומט ניט מער פון דרויסן, נאָר פון אינעווייניק. דער אַנטשיידנדיקער פראָנט אין יידישן לעבן איז איצט

ניט דער קאַמף פאַר רעכט אָדער פאַר עקאָנאָמישער עקזיסטענץ, נאָר דער קאַמף קעגן גלייכגילטיקייט און אַסימילאַציע.

דער דאָזיקער קאַמף קען געווונען ווערן נאָר דורך נייע אַרויסרופן און מיט נייע ווערטן, וועלכע דאַרפן געשאַפן ווערן, בכדי צו פאַרזיכערן די יידישקייט פון דעם יונגן דור. ווי איך האָב עס פאָרמולירט, האָבן מיר געלערנט אין די יאָרהונדערטער פון ליידן און רדיפות, ווי אַזוי אויסצו־האַלטן און איבערלעבן די שלעכטע צייטן. דאָס גרויסע פּראָבלעם פון אונדזער דור איז צו לערנען, ווי אַזוי צו פאַרזיכערן אונדזער המשך און בלייבן באַוווסטזיניקע יידן אין גוטע צייטן. ווי איך זע עס, זיינען פאַראַן דריי אַזעלכע אַרויסרופן, דריי פאָדערונגען, וועלכע שטעלן מיט זיך פאַר דאָס, וואָס מען קען באַצייכענען ווי די אַגענדע פון יידישן לעבן היינט־צו־טאָג:

איין פאָדערונג איז צו שטאַרקן דאָס באַוווסטזיין פון דעם איינציק־אַרטיקן כאַראַקטער פון אונדזער פאָלק, פון דער איינציקייט פון אונדזער פאָלק, וואָס איז צעשפּרייט איבער צוויי און זעכציק לענדער פון דער גאָר־ער וועלט און האָט אויפגעהאַלטן זיין סאָלידאַריטעט און איינציקייט אין משך פון די יאָרהונדערטער פון גלות און מוז זיי ווייטער אָפּהיטן. דעריבער האָבן אַן אַנטשיידנדיקע באַדייטונג פאַר אונדזער דור אַלע אידעאָלאָגישע און אָרגאַניזאַציאָנעלע פאָרמען פון אויסדריקן און צעמענ־טירן די דאָזיקע איינקייט — סיי טעריטאָריעל דורך די רעפּרעזענטאַטיווע קערפּערשאַפטן, ווי די "באָרד אוו דעפּיוטיס" אין אייער לאַנד, און איבער אַלץ און אַלעמען — אינטערנאַציאָנאַל, ווי דער יידישער וועלט־קאָנגרעס און די ציוניסטישע וועלט־אָרגאַניזאַציע, און אין אַ קלענערער מאָס — די קאָנפערענץ פון יידישע אָרגאַניזאַציעס "קאָדזשאָ", דער מעמאָריאַל־פאָנד פאַר יידישער קולטור און ענלעכע קערפּערשאַפטן.

די צווייטע פאָדערונג איז צו קענען די שאַפונג־דערגרייכונגען פון אונדזער פאָלק, אונדזער ביישטייער פאַר דער מענטשהייט. עס זיינען פאַראַן ווייניק פעלקער, וועלכע האָבן געגעבן אַזאַ דויערנדיקן ביישטייער פאַר דער וועלט, ווי דאָס האָבן געטאָן יידן אויף אַלע געביטן פון מענשלעכער קולטור, רעליגיע און פילאָזאָפיע, ליטעראַטור און קונסט, סאָציאַלע און פּאָליטישע טעאָריעס און פּראַקטיק. יעדעס פאָלק אַנטוויקלט זיין באַטירלעכן שטאָלץ מיט דעם, וואָס עס האָט דערגרייכט ווי איינער פון די גרעסטע מיטלען פאַרן המשך פון זיין קיום, און אויך מיר דאַרפן דאָס טאָן.

די דריטע פאָדערונג — אין אַ געוויסער מאָס, און לכל־הפחות איצט, די אַממייינסטן אינספּירירנדיקע — איז צו אַנטוויקלען מדינת ישראל אַלס די באַזע און ראַם פאַר שאַפן אַ נייע ציוויליזאַציע, וואָס זאָל פאַרקערפּערן צום ערשטן מאָל אין יאָרהונדערטער די ספּעציפישע אידעען פון אונדזער געשיכטע.

די אַלע דריי אַרויסרופן קענען ענטוזיאַזמירן אונדזער יונגן דור און ווערן פּערמאַנענטע קוואַלן פאַר פאַרזיכערן זיין יידישן כאַראַקטער. כדי דאָס צו דערגרייכן, דאַרפן דערפילט ווערן אַ סך אויפגאַבעס. ישראל דאַרף ווערן אַ לאַנד, וואָס זאָל פּערמאַנענט צוציִען דעם יונגן דור, אויב מעגלעך פאַר עליה, פאַר באַזעצן זיך אין דער מדינה און באַטייליקן זיך דירעקט אין אויפבוי פון לאַנד, אָדער לכל הפחות — ווי שותפים מיט דער באַפעל־קערונג פון ישראל צו העלפן איר אַנטוויקלען דאָס לאַנד און די מדינה. אָבער דער הויפּט־באַדינג פאַר דעם אַלעם איז אויפצובויען אַ סיסטעם פון יידישער דערציִונג. אויב אונדזער יונגער דור וועט ניט וויסן, וואָס די יידישע געשיכטע באַדייט, וואָס די יידישע שאַפערישקייט האָט פּראָ־דוצירט, וואָס ישראל שטעלט מיט זיך פאַר אין איר איינציקאַרטיקער פּאָזיציע אין דער יידישער געשיכטע; אויב אונדזער יוגנט וועט ניט לערנען העברעיִש, כדי צו באַקענען זיך און ווערן היימיש מיט דער נייער העברעיִשער קולטור אין ישראל — וועט זיין אוממעגלעך פאַר איר אויפ־צונעמען די דריי אַרויסרופן. דעריבער איז יידישע דערציִונג דאָס פּראָבלעם נומער איינס אין יידישן לעבן, סיי אין ישראל און נאָך מער אין די תפוצות. דער גורל פון אונדזער פאָלק — און דאָס באַציט זיך אויף ישראל, ווי אויף די תפוצות — וועט ניט באַשטימט ווערן בעיקר אויף די שלאַכט־פעלדער — מיליטעריש, און ניט אויף דער פלאַטפאָרם פון די פאַראייניקטע פעלקער און אַנדערע אינטערנאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונגען — פּאָליטיש. ער וועט באַשטימט ווערן דורך אונדזער גייסטיקער און קולטורעלער שאַ־פערישקייט. דאָס מיינט, אַז דאָס אַנטשיידנדיקע שלאַכטפעלד פאַר יידישן המשך איז דאָס קלאַסצימער פון דער יידישער שולע, סיי אין ישראל און סיי אין די תפוצות.

אַפילו אין אונדזערע טעג פון באַרעכטיקטן ענטוזיאַזם פאַר ישראל און פון שטאָלץ מיט אירע דערגרייכונגען, דאַרפן מיר ניט פאַרגעסן די דאָזיקע יסודותדיקע פאַקטן פון אונדזער לעבן. איך פאַרשטיי פולקום, און איך בין מסכים מיט דעם, אַז די גרעסטע אָנשטרענגונג אונדזערע אין די איצ־

טיקע וואָכן און חדשים מוז זיין קאָנצענטרירט אויף העלפן ישראל אַזוי לאַנג, ווי די מדינה איז ניט פאַרזיכערט. אָבער די דאָזיקע אָנשטרענגונג וועט, געשיכטלעך געזען, בלייבן אָן באַדייטונג, אויב מיר וועלן אין דער זעלבער צייט ניט זאָרגן וועגן אונדזערע אויפגאַבעס אין די תפוצות און זיך קאָנצענטרירן ניט ווייניקער אויף דער מער באַשיידענער, אָבער אין איר ענדגילטיקער באַדייטונג ניט ווייניקער וויכטיקער אויפגאַבע — צו דערציִען אונדזער יונגן דור, בעיקר דורך אַ סיסטעם פון יידישע שולן, כדי צו דערמעגלעכן בויען אַ יידישע צוקונפט, וועלכע זאָל זיין ווערט אונדזער פאַרגאַנגענהייט.

אויף דער פאַרזאַמלונג פאַרן פאַראייניקטן קהילה־פאָנד אין דרום־אַפריקע, 1967

# די לאַגע פון די יידן אין ראַטן־פאַרבאַנד און אונדזערע פאָדערונגען

קודם־כל וויל איך אין נאָמען פון אַלע, וואָס האָבן צוגעגרייט די קאָנ־פערענץ, אויסדריקן מיין דאַנק צו די, וועלכע זיינען געקומען אַהער. דאָס פּראָבלעם, וואָס ווערט דאָ באַהאַנדלט, איז פון אַ גרויסער באַדייטונג פאַרן יידישן פאָלק. איך גלייב, אַז דאָס פּראָבלעם האָט אויך אַן אַלגעמיינעם אינטערעס. איך וויל אויפקלערן דעם כאַראַקטער פון דעם פּראָבלעם, ווייל דערפון זיינען אָפּהענגיק דער אינהאַלט און דער ציל פון דער דאָזיקער קאָנפערענץ.

אונדזער כוונה איז ניט צו באַשעפטיקן זיך מיט איינעם פון די אַספּעקטן פון דעם מזרח־מערב־פּראָבלעם און מיט די באַציִונגען צווישן ביידע בלאָקן. קיינער וועט ניט זיין קעגן מיר, ווען איך וועל פעסטשטעלן, אַז מיר אַלע ווינטשן זיך, אַז דער קאַלטער קריג זאָל פאַרענדיקט ווערן און אַז עס זאָל קומען צו אַ פרידלעך צוזאַמענלעבן פון ביידע בלאָקן, און דאָס וועט אונדז באַפרייען פון דער מורא פאַר אַן אַטאָמישער מלחמה. איך בין איבערצייגט, אַז קיינער פון צווישן אונדז וועט ניט צולייגן זיין האַנט צו פאַרשטאַרקן די שפּאַנונג אין דער וועלט און מיטצומאַכן וועלכע־עס־איז קרייצצוגן אָדער אַלגעמיינע אָנגריפן, קעגן סאָוועט־רוסלאַנד. אַ סך פון די, וואָס זיינען דאָ פאַרזאַמלט, קענען אָנווייזן מיט שטאָלץ אויף דעם, אַז זיי האָבן געפּרווט העלפן שאַפן אַ סיסטעם פון אמתער קאָעקזיסטענץ און פריינדלעכע באַציִונגען צווישן פעלקער און אַז זיי האָבן אויפגעהויבן זייער שטימע פאַר אַן עכטער אָנטוואָפענונג און פאַר מאַכן אַ סוף צו די אַטאָם־באַוואָפענונגען אין דער וועלט.

די דאָזיקע קאָנפערענץ וואַרפט אויך אָפּ דעם ציל אַרויסצוקומען מיט אַ באַשולדיקונג קעגן סאָוועט־רוסלאַנד, אַז איר פּאָליטיק זאָל זיין באַפאַרבט אויסגעשפּראָכן אַנטיסעמיטיש, און אַז זי זאָל אין איר אינער־לעכער פּאָליטיק אַרויסגיין פון אַ ראַסן־שטאַנדפּונקט. אָן שום צוויפל

זיינען פאַראַן אין סאָוועט־רוסלאַנד דאָ און דאָרט אַנטיסעמיטישע געפילן, ווי זיי זיינען פאַראַן אין אַ סך טיילן פון דער וועלט. אָבער קיינער קלאָגט ניט אָן די סאָוועטן, אַז זיי זאָלן פּלאַנמעסיק דערמוטיקן אַזעלכע געפילן.

סאָוועט־רוסלאַנד איז געווען איינע פון די הויפּט־קעמפער קעגן נאַצי־זם. עטלעכע יאָר האָט זי אויסגעטראָגן דעם הויפּטדרוק פון דער נאַצי־אַגרעסיע. זי האָט זייער פיל מיטגעהאָלפן צו דער ענדגילטיקער מפּלה פון נאַצי־רעזשים. קיין פאָלק האָט, פאַרהעלטענישמעסיק, ניט געליטן אַזוי שטאַרק פון די נאַציס, ווי מיר, יידן. און דעריבער ווילן מיר ניט פאַרגעסן די קרבנות פון דעם נאַצי־רעזשים, צווישן זיי אויך סאָוועט־רוסלאַנד און דאָס סאָוועטישע פאָלק. מיט טיפער דאַנקבאַרקייט געדענ־קען מיר אויך דעם פאַקט, אַז אַ סך יידן, וואָס זיינען געלאָפן פון די נאַציס אין מזרח־אייראָפּע, זיינען געראַטעוועט געוואָרן, ווייל סאָוועט־רוסלאַנד האָט זיי אויפגענומען. עס דאַרף אויך אויסדריקלעך דערמאָנט ווערן, אַז לויט דער סאָוועטישער קאָנסטיטוציע איז אַנטיסעמיטיזם אַ פאַרברעכערישער אַקט.

אָבער די פראַגע, מיט וועלכער מיר אַלע דאָ באַשעפטיקן זיך, איז ניט וועגן אַנטיסעמיטיזם אָדער וועגן פאַרפאָלגונגען קעגן יידן ווי יחידים, אָדער ווי בירגער פון די פאַרשיידענע לענדער, פון וועלכע עס באַשטייט דער סאָוועטן־פאַרבאַנד. מיר אַלע ווייסן, אַז אַ סך יידן שפּילן אַ וואָגיקע ראָלע אין סאָוועטישן לעבן, באַזונדערס אויף די געביטן פון וויסנשאַפט, קונסט און ליטעראַטור. אונדזער אייגנטלעך פּראָבלעם באַשטייט אין דעם פאַקט, אַז דער גרויסער יידישער קיבוץ אין סאָוועט־רוסלאַנד ווערט געשטערט אין זיין געמיינשאַפטלעך לעבן — אויב מען באַטראַכט די יידן פאַר אַ נאַציאָנאַלער אָדער רעליגיעזער מינדערהייט. די דאָזיקע פּאָלי־טיק, וואָס אונטערשיידט זיך פון דער באַציִונג צו אַנדערע מינדערהייטן, קען פירן צו אַן אויפגעצוווּנגענער אויפלייזונג פון דעם לעבן פון די סאָוועטישע יידן ווי אַ קיבוץ און אויך צום פאַרלוסט פון מיליאָנען יידן אַלס יידן.

איך וועל פּרוּוון אין מיין רעפעראַט אייך פאַרשטעלן זאַכלעך און אָביעקטיוו די לאַגע פון די סאָוועטישע יידן, שטיצנדיק זיך אויף מאַטער־יאַלן, וואָס זיינען גענומען, בעיקר, פון סאָוועטישע קוואַלן, כדי אייך איבערצוגעבן וועגן דעם איינציק־און־אייגנאַרטיקן מצב פון דער יידישער מינדערהייט אין סאָוועט־רוסלאַנד, און באַווייזן, אַז יידן ווערן באַהאַנדלט אַנדערש, ווי יעדע אַנדערע מינדערהייט. און ווען איר וועט ווערן איבער־

צייגט אין דער ריכטיקייט פון אונדזערע אויספירונגען, האָפן מיר, אַז איר, צוזאַמען מיט אַלע, וואָס שטיצן אונדזער קאָנפערענץ, אָבער זיי האָבן פערזענלעך זיך ניט געקענט באַטייליקן, וועלן, אין פריינדשאַפט און אין אַכטונג צו די סאָוועטישע שטאַטסמענער, אַפּעלירן צו זיי, אַז זיי זאָלן ענדערן זייער איצטיקע פּאָליטיק לגבי די יידן און אַז זיי זאָלן געבן די יידן די גלייכע רעכט און מעגלעכקייטן, ווי דאָס האָבן אַלע אַנדערע נאַציאָנאַלע און רעליגיעזע מינדערהייטן אין סאָוועט־רוסלאַנד.

דאָס סאָוועטישע געזעץ באַטראַכט דעם יידישן קיבוץ פון צוויי שטאַנד־פּונקטן: די יידן זיינען גלייכצייטיק אַ נאַציאָנאַלע און רעליגיעזע מינ־דערהייט. דעריבער דאַרפן אַנאַליזירט ווערן ביידע אַספּעקטן ווען מען באַשעפטיקט זיך מיט דער רעכטלעכער און פּאַקטישער לאַגע פון די יידן אין סאָוועט־רוסלאַנד.

נאַציאָנאַלע מינדערהייטן האָבן אין סאָוועט־רוסלאַנד דאָס קלאָר־באַשטימטע רעכט אויפצוהאַלטן זייער אייגנאַרטיקייט און פירן זייער אייגענעם לעבן — נאַטירלעך אין די ראַמען פון דעם סיסטעם און פון דער סאָציאַלער אָרדענונג פון סאָוועט־רוסלאַנד. ווי קאַרפּינסקי, איינער פון די סאָוועטישע אויטאָריטעטן אויף דעם דאָזיקן געביט, האָט עס פאָרמולירט אויף פאָלגנדיקן אופן אין זיין בוך „דער געזעלשאַפטלעכער און מלוכהשער אויפבוי פון סאָוועט־רוסלאַנד״, וואָס איז דערשינען אין יאָר 1952 אין מאָסקווע:

„די סטאַלינישע קאָנסטיטוציע גאַראַנטירט די גלייכהייט פון די רעכט פון אַלע סאָוועטישע בירגער אָן אונטערשייד פון נאַציאָנאַליטעט אָדער ראַסע, אויף אַלע געביטן פון מלוכהשן,ווירטשאַפטלעכן, קולטורעלן, פּאָליטישן אָדער עפנטלעכן לעבן. אַלע סאָוועטישע בירגער פון וואָסער נאַציאָנאַליטעט אָדער ראַסע זיי זאָלן ניט זיין, געניסן פון גלייכע פּאָלי־טישע רעכט. יעדער קען געוויילט ווערן אויף אַלע רעגירונגס־אַמטן אָדער פּאָסטנס. יעדער קען אַליין אויסוויילן זיין פּראָפעסיע לויט זיינע פעיקייטן און ער באַקומט די זעלבע באַלוינונג פאַר דער זעלבער אַרבעט. יעדער קען לערנען אין די בילדונגס־אַנשטאַלטן און קען זיין טעטיק וויסנ־שאַפטלעך און קולטורעל צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע סאָוועטישע בירגער. יעדע דירעקטע אָדער אומדירעקטע שטערונג פון די בירגער־רעכט, אויפן גרונט פון ראַסע אָדער נאַציאָנאַליטעט, ווערט דורך דער סטאַלינישער קאָנסטיטוציע ווי צום שטרענגסטן פאַרבאָטן״.

זינט דעם אַנטשטיין פון ראַטן־פאַרבאַנד זיינען די דאָזיקע יורידישע יסודות פאַרמולירט געוואָרן מיט אַ קלאָרקייט, וואָס קען ניט אַנדערש פאַרשטאַנען ווערן. שוין דעם 2טן נאָוועמבער 1917 האָט דער סאָוועטן־קאָנגרעס פּראָקלאַמירט, אַז אַלע סאָוועטישע פעלקער האָבן אַליין דאָס רעכט צו באַשטימען זייער וועג. דער ראָט פון די פאָלקס־קאָמיסאַרן האָט דעם זעלבן טאָג באַשלאָסן: ״אַלע נאַציאָנאַלע אָדער עטנישע מינדערהייטן קענען זיך אַנטוויקלען פריי״*.

נאָך דער רעדע פון קאַלינין האָט דער ראָט אויף זיין דריטער זיצונג אָנגענומען פאָלגנדיקע רעזאָלוציע: ״די דריטע זיצונג פון ראָט אָנערקענט, אַז די פּאָליטיק פון סאָוועט־רוסלאַנד לגבי דעם נאַציאָנאַליטעטן־פּראָבלעם האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין ריכטיק און אַז זי האָט געהאַט אַ גרויסע השפעה אויף שטאַרקן דעם ראַטן־פאַרבאַנד. די דריטע זיצונג פון ראָט איז גלייכצייטיק איבערצייגט אין דעם, אַז די אַנשטרענגונגען פון די סאָוועטן אין די נאַציאָנאַלע רעפּובליקן און אין די אויטאָנאָמע פּראָווינצן אין דער ריכטונג פון אַן אומבאַגרענעצטער און אַלגעמיינער גאַראַנטיע פון די רעכט פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, דאַרפן ווייטער אַנטוויקלט ווערן. די דריטע זיצונג פון ראָט רעקאָמענדירט דעריבער דעם צענטראַל־קאָמיטעט אָנצונעמען די נייטיקע מיטלען דערפאַר, דאָס הייסט — פאַר־שטאַרקן די צוזאַמענאַרבעט פון די פירער פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן מיט די געוויילטע סאָוועטישע אינסטיטוציעס און אויפשטעלן באַזונדערע סאָוועטן פאַר די וויכטיקע נאַציאָנאַלע מינדערהייטן — פאַר דעם געברויך פון די שפּראַכן פון די דאָזיקע מינדערהייטן, פאַר דער אָרגאַניזאַציע פון שולן און געריכטן אין זייערע מוטער־שפּראַכן אאַז״וו״.

דער אַרטיקל 121 פון דער סאָוועטישער קאָנסטיטוציע, וואָס באַהאַנדלט דאָס רעכט אויף דער דערציִונג און בילדונג, באַטאָנט אויסדריקלעך, אַז די פאַרשיידענע נאַציאָנאַלע מינדערהייטן דאַרפן האָבן שולן אין זייערע אייגענע שפּראַכן.

פון די פאַרשיידענע קאָנסטיטוציעס פון די רעפּובליקן, פון וועלכע דער סאָוועטן־פאַרבאַנד באַשטייט, וואָלט איך געוואָלט אָנווייזן בלויז אויף נאָך צוויי באַשטימטע אַרטיקלען.

* ציטירט פון דער דאָקומענטן־זאַמלונג ״די געשיכטע פון דער סאָוועטישער קאָנסטיטוציע פון 1917—1957״, אַרויסגעגעבן פון דער אַקאַדעמיע פון וויסנשאַפט, מאָסקווע 1957.

דער אַרטיקל 156 פון דער קאָנסטיטוציע פון דער גרוזינישער רעפובליק זאָגט: "פאַר די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן אין דער סאָציאַליסטישער סאָוועטישער רעפובליק פון גרוזיע ווערן גאַראַנטירט די זעלבשטענדיקע אַנטוויקלונג און דער געברויך פון זייערע מוטערשפּראַכן סיי אין זייערע קולטורעלע אינסטיטוציעס און סיי אין זייערע רעגירונגס־אַנשטאַלטן".

דער אַרטיקל 119 פון דער קאָנסטיטוציע פון דער אַרמענישער רעפובליק באַשטימט: "די שפּראַך פון דער סאָציאַליסטישער סאָוועט־רעפובליק אַרמעניע איז אַרמעניש. פאַר די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן אין דער רעפובליק זיינען גאַראַנטירט די אַנטוויקלונג און דער געברויך פון זייערע אייגענע שפּראַכן און זייערע קולטורעלע און רעגירונגס־אינסטיטוציעס".

בכדי צו אילוסטרירן די שטעלונג בנוגע די רעליגיעזע מינדערהייטן, וועלכע ווערן באַטראַכט ווי פּריוואַטע קערפּערשאַפטן, דערלויבט מיר צו ציטירן צוויי פּאַראַגראַפן פון דעם געזעץ פונעם 2טן אַפּריל 1929 וועגן קירכעס, רעליגיעזע גרופּעס, סעקטעס און רעליגיעזע באַוועגונגען:

דער אַרטיקל 10 באַשטימט: "די אָנגעהעריקע צו אַ רעליגיעזער גרופּע קענען באַקומען אָן שום קאָסטן, דורך אַן אָפּמאַך מיט דעם שטאָטישן אָדער ראַיאָן־סאָוועט, באַזונדערע לאָקאַלן, וואָס זאָלן איבערגעגעבן ווערן אין זייער רשות און וועלכע זיי זאָלן קענען באַנוצן אויסשליסלעך אויף אָפּריכטן תפילות און אויף אָנפירן אַ קולטור־טעטיקייט".

דער אַרטיקל 20 זאָגט: „רעליגיעזע פאַראייניקונגען אָדער גרופּעס קענען אָפּהאַלטן פאַרזאַמלונגען און קאָנפערענצן אויף אַ לאָקאַלער, אַל־רוסישער און אַלסאָוועטישער באַזע. אויב דער קאָנגרעס איז אַן אַלרוסישער אָדער אַלסאָוועטישער, אָדער נעמט אַרום דעם געביט פון צוויי און מער דיסטריקטן אָדער אַדמיניסטראַציע־ראַיאָנען, דאַרף אויך דאָן גענומען ווערן די דערלויבעניש פון דעם פאָלקס־קאָמיסאַריאַט פאַר אינערלעכע ענינים".

דער אַרטיקל 21 באַשטימט: „רעליגיעזע צוזאַמענפאָרן אָדער קאָנפערענצן, אויף לאָקאַלער, אַלרוסישער אָדער אַלסאָוועטישער באַזע, קענען וויילן פון זייערע אָנטיילנעמער עקזעקוטיוו־קאָמיטעטן, וועלכע זאָלן דורכפירן די באַשלוסן פון דער קאָנפערענץ".

עד כאן די יורידישע פּאָזיציע. איצט וויל איך אַנאַליזירן די פּאַקטישע לאַגע:

קודם־כל, עטלעכע ציטאַטעס פון אַ בוך פון וויקטאָר יעפּאַנאָוו "ווי אַזוי

עס איז געלייזט געוואָרן דאָס נאַציאָנאַליטעטן־פּראָבלעם אין סאָוועט־רוסלאַנד". אין דעם בוך, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין יאָר 1958 דורכן רעגירונגס־פאַרלאַג פון אוזבעקיסטאַן, ווערט צווישן אַנדערן געזאָגט: "די שפּראַכן פון אַלע פעלקער פון סאָוועט־רוסלאַנד זיינען אָנערקענט געוואָרן אַלס גלייכע אין זייער באַדייטונג און ווערט. אַלע נאַציאָנאַליטעטן האָבן באַקומען די מעגלעכקייט צו דערציִען אַליין זייערע קינדער און צו אַנטוויקלען ווייטער זייער נאַציאָנאַלע קונסט, וויסנשאַפט, ליטעראַטור, טעאַטער און זייערע ביכער־פאַרלאַגן. דאָס לאַנד האָט דורכגעמאַכט אַן אמתע קולטור־רעוואָלוציע, וואָס האָט אַרומגענומען אַלע טיילן פון אַלע נאַציאָנאַליטעטן. היינט צו טאָג קענען די פעלקער פון סאָוועט־רוסלאַנד געניסן שטאַרק און שפּעדיק פון די פּרוכטן פון זייער קולטור־רעוואָלוציע, ווי אַ רעזולטאַט פון דער 40־יאָריקער דערפאַרונג. פריִער, פאַר דער רעוואָלוציע, זיינען פינף און זיבעציק פּראָצענט פון דער רוסישער באַפעלקערונג געווען אַנאַלפאַבעטן. אין די ראַנד־געביטן זיינען זעלטן געווען מענטשן, וואָס האָבן געקענט לייענען און שרייבן. אָבער היינט איז אין סאָוועט־רוסלאַנד ניט פאַראַן קיין אַנאַלפאַבעטיזם. זינט די סאָוועטן האָבן איבערגענומען די מאַכט, האָבן אַכט און פערציק נאַציאָנאַליטעטן צום ערשטן מאָל אַנטוויקלט זייער אייגענע געשריבענע שפּראַך. אין די שולן ווערן געלייענט ניין און פערציק שפּראַכן".

די דאָזיקע אַלגעמיינע פּרינציפּן האָבן געהאַט אַ שטאַרקן איינפלוס אויפן לעבן פון די פיל נאַציאָנאַליטעטן אין סאָוועט־רוסלאַנד. איך רעד ניט בלויז וועגן די גרויסע פעלקער ווי די ווייסרוסן, אוקראַיִנער, גרוזינער, ליטווינער און לעטלענדער. איך האָב פאַר זיך אַ ליסטע פון פינף און צוואַנציק נאַציאָנאַליטעטן, וועלכע זיינען אַלע קלענער פון דער יידישער מינדערהייט. אָנהייבנדיק פון די מאַריס מיט פינף הונדערט פערציק טויזנט נפשות ביז צו דער קלענסטער גרופּע, די טשוקטשיס, וועלכע ציילן בלויז צוועלף טויזנט נפשות, האָבן זיי אַלע צייטונגען אויף זייער אייגענער מוטערשפּראַך, אַלע — מיטן אויסנאַם פון די יידן. ווען מען פרעגט וועגן דעם די סאָוועטישע מלוכה־לייט, ענטפערן זיי על־פּי־רוב, אַז די יידן זיינען צעשפּרייט איבערן גאַנצן לאַנד, און די נאַציאָנאַלע רעכט פון די מינדערהייטן שטיצן זיך אויף זייער טעריטאָריעלער קאָנסטיטוציע. עס קען טאַקע זיין, אַז פאַר אַ נאַציאָנאַלער מינדערהייט, וואָס איז קאָנצענטרירט אין אַן אויטאָנאָמער געגנט איז לייכטער צו פאַרזיכערן נאַציאָנאַלע רעכט,

באַזונדערס וואָס שייך שולן און ענלעכע אינסטיטוציעס. עס איז אויך אמת, אַז די סאָוועט־רעגירונג האָט מיט יאָרן צוריק געשאַפן אַן אויטאָנאָמע יידישע געגנט אין ביראָ־בידזשאַן, ווו עס דערשיינט אויך די איינציקע יידישע צייטונג אין גאַנצן ראַטן־פאַרבאַנד. אָבער דאָרט לעבן היינט צו טאָג בלויז אַרום דרייסיק טויזנט יידן. און אויסער דעם קען מען פעסט־שטעלן, אַז די גאַראַנטיע פון די רעכט צו באַנוצן די אייגענע שפּראַך אין די שולן, אין דער ליטעראַטור און אין צייטונגען איז אין סאָוועט־רוסלאַנד ניט אומבאַדינגט אָפּהענגיק פון דער טעריטאָריעלער קאָנצענ־טראַציע. אויף דער דערמאָנטער ליסטע פון נאַציאָנאַלע מינדערהייטן געפינען זיך נעמען פון פעלקערשאַפטן, וואָס אַ סך האָבן נאָך קיין מאָל פון זיי ניט געהערט, ווי קאָמיס, אָסטיאַקן, יאַקוטן און אַנדערע — מינדער־הייטן, וועלכע האָבן ניט קיין אייגענע טעריטאָריעס. און ניט געקוקט אויף דעם, גיבן זיי אַרויס אייגענע צייטונגען און אַ סך פון זיי באַזיצן זייער אייגענער ליטעראַטור.

דערלויבט מיר צו ברענגען אַ נאָך מער בולטן ביישפּיל — פון דער דייטשער מינדערהייט אין סאָוועט־רוסלאַנד. ווי אַ סך פון אייך ווייסן, האָט די דייטשע מינדערהייט ניט געדאַרפט האָבן קיין שולן אין זייער אייגענער שפּראַך שוין זינט 1938. בלויז אין דער אויטאָנאָמער וואָלגאַ־רעפּובליק זיינען געבליבן עקזיסטירן די דייטשע שולן. לויט אַ באַפעל פון העכסטן סאָוועט פון 28סטן אויגוסט 1941 זיינען די דייטשן מיט צוואַנג אַריבערגעפירט געוואָרן קיין סיביר און אין דער אוראַל־געגנט און דאָס באַנוצן די דייטשע שפּראַך איז פאַר זיי ענדגילטיק פאַרבאָטן געוואָרן. די סיבה דערפון איז געווען דער אָנפאַל פון די נאַציס אויפן סאָוועטן־פאַרבאַנד און די אָפטע סימפּאַטיע־אויסדרוקן פון דער דייטשער מינ־דערהייט מיט דער דאָזיקער אַטאַקע. אַזאַ לאַגע האָט אָנגעהאַלטן ביי די דייטשן ביז סעפּטעמבער 1955. נאָך דער באַגעגעניש פון ד״ר אַדענאַוער מיט כרושטשאָוון אין סעפּטעמבער פון יענעם יאָר, האָט דער העכסטער סאָוועט באַשלאָסן אָפּצושאַפן די באַגרענעצונגען קעגן דער דייטשער מינדערהייט. פון דעמאָלט אָן דערשיינט די דייטשע צייטונג ״אַרבייטער״ און זינט 1956 ווערט אויך אַרויסגעגעבן דריי מאָל אין וואָך די צייטונג ״נויעס לעבן״. נאָך צוואַנציק יאָר פון ליקווידאַציע זיינען אין אויגוסט 1957 ווידער געעפנט געוואָרן דייטשע שולן, און אויך אין די רוסישע שולן, ווו עס געפינען זיך דייטשע קינדער, ווערט געלערנט דייטש. דאָ

האָבן מיר אַ זייער קלאָרן ביישפּיל פון אַ מינדערהייט, וואָס איז אַ סך קלענער פון דער יידישער (אַ מיליאָן דייטשן לגבי צוויי און אַ האַלב מיליאָן יידן), איז ניט קאָנצענטרירט אין קיין שום באַשטימטן ראַיאָן און באַזיצט אייגענע שולן, וואָס מען פֿאַרווערט דער יידישער מינדערהייט.

און איצט וועגן דער לאַגע פון די רעליגיעזע מינדערהייטן. אַלע גרעסערע רעליגיעזע גרופּעס אין סאָוועט־רוסלאַנד האָבן זייערע צענטראַלע אָרגאַ־ניזאַציעס. די גרעסטע רעליגיעזע גרופּע איז די רוסיש־פּראַוואָסלאַוונע קירך, וואָס ווערט אָנגעפירט (איך ציטיר די גרויסע סאָוועטישע ענציקלאָ־פּעדיע, קאַפּיטל 21) פון דעם פּאַטריאַרך פון מאָסקווע און גרויסרוסלאַנד. ער האָט אַרום זיך דעם "הייליקן סינאָד", וואָס באַשטייט פון די מעטראָ־פּאָליטן פון קורסק, קאָלאָמענסק, לענינגראַד, לאַדאָגאַ, קיעוו און גאַליטש. די רוסיש־פּראַוואָסלאַוונע קירך איז איינגעשטעלט אין דיאָצעזיעס, וואָס זייערע גרענעצן זיינען די זעלבע ווי די גרענעצן פון די באַזונדערע פּראָווינצן פון סאָוועטן־פֿאַרבאַנד. אַ טייל פון די דיאָצעזיעס געפינען זיך אויך מחוץ סאָוועט־רוסלאַנד (אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע, דייטשלאַנד עסטרייך, ישראל). זיי אַלע זיינען אונטערגעוואָרפן דעם פּאַטריאַרך פון מאָסקווע און גרויסרוסלאַנד. עס איז פֿאַראַן אַ גרוזיניש־פּראַוואָסלאַוונע קירך אין סאָוועט־רוסלאַנד, וואָס ווערט אָנגעפירט דורך דעם פּאַטריאַרך פון גרויסגרוזיע.

נאָך דער רוסיש־פּראַוואָסלאַוונער קירך איז דער איסלאַם, באַזונדערס די סעקטע פון די סוניטן, די צאָלמעסיק שטאַרקסטע רעליגיעזע גרופּע. די סוניטן לעבן אין זייער גרויסער צאָל אין דער סאָציאַליסטישער סאָוועט־רעפּובליק אַזערביידזשאַן. דאָס רעליגיעזע לעבן פון די סאָוועטישע מאָכמעדאַנער ווערט אָנגעפירט פון פיר גייסטיקע צענטערס. זייער הויפּט־אָנפירער איז דער שייך על־איסלאַם, וואָס ווערט געוויילט אויף די אויבן־דערמאָנטע קאָנגרעסן. דער רוימיש־קאַטוילישער גלויבן, וואָס איז באַזונ־דערס פֿאַרשפּרייט אין די מערב־רעפּובליקן פון סאָוועטן־פֿרבאַנד האָט ניט קיין אייגענעם גייסטיקן הויפּט־אָנפירער. עס פֿאַרטרעטן אים אַ מעטראָ־פּאָליט אין לעטלאַנד און בישאָפן אין ליטע. דער בודיזם איז פֿאַרשפּרייט אין דער מאָנגאָלישער רעפּובליק, אין די אויטאָנאָמישע ראַיאָנען טווינסק און קאָלביצקי, ווי אויך אין אירקוטסק און טשיטשימסק, און ווערט אָנגע־פירט פון דעם צענטער פון בודיזם אין סאָוועט־רוסלאַנד. זיין גייסטיקער פירער טראָגט דעם טיטל באנדידא־כאמבא־לאמי.

אַחוץ די דאָזיקע רעליגיעזע גרופּעס דאַרפן נאָך דערמאָנט ווערן די אַדווענטיסטן, וואָס לעבן צעוואָרפן איבער גאַנץ רוסלאַנד און ווערן אָנגעפירט דורך אַ גרויסרוסישן ראַט. איך ציטיר ווייטער פון דער גרויסער סאָוועטישער ענציקלאָפּעדיע, בכדי אָנצווייזן אויף דעם פאַרנעם פון די טעטיקייטן און אויף די רעכט פון די דאָזיקע צענטראַלע אָרגאַניזאַציעס:

״רעליגיעזע פאַראייניקונגען קענען אָפּהאַלטן קאָנגרעסן און קאָנפערענצן מיט דער באַטייליקונג פון גייסטלעכע און פאַרטרעטער פון די אָנגעהעריקע צו די רעליגיעס. די רעליגיעזע פאַראייניקונגען קענען אַרויסגעבן רעליגיעזע צייטשריפטן, געבעט־ביכער, רעליגיעזע קאַלענדאַרן און אַנדערע רעליגיעזע ליטעראַטור. די רעגירונג דאַרף זיי צושטעלן פאַר דעם צוועק דרוקערייען און פּאַפּיר. טעאָלאָגן און גייסטלעכע קענען אויסגעבילדעט ווערן אין ספּעציעלע שולן, וועלכע קענען אויך שיקן זייערע סטודענטן קיין אויסלאַנד, כדי צו פאַרטיפן זייערע טעאָלאָגישע שטודיעס. אַזוי צום ביישפּיל, שטודירט אַ גרופּע יונגע מאַכמעדאַנער אויפן מוסולמענישן אוניווערסיטעט אל־אזאר אין קאַיראָ; אַ גרופּע יונגע באַפּטיסטן לערנט אין טעאָלאָגישע הויכשולן אין ענגלאַנד. רעליגיעזע פאַראייניקונגען און געזעלשאַפטן קענען דינגען אָדער קויפן פּלעצער און אויפשטעלן דאָרט געביידעס פאַר רעליגיעזע צוועקן. זיי דאַרפן באַקומען טראַנספּאָרט־הנחות. זיי קענען האָבן און אויסהאַלטן פאַבריקן פאַר פּראָדוצירן ליכט און וואַרשטאַטן אויף אויסצואַרבעטן אַנדערע רעליגיעזע חפצים, וואָס זיי באַנוצן״.

די יידישע אמונה אין סאָוועט־רוסלאַנד האָט ניט קיין שום געמיינזאַמען צענטער.

אַלע רעליגיעזע פאַראייניקונגען, באַזונדערס די פּראַוואָסלאַווע קירך, שטייען אין אַ כסדרדיקע פאַרבינדונג מיט רעליגיעזע גרופּעס אין אויסלאַנד. אין 1956 האָבן צען קירכלעכע דעלעגאַציעס פון סיריע, לבנון, שווייץ, פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע, פראַנקרייך א״א באַזוכט סאָוועט־רוסלאַנד. אין דעם זעלבן יאָר האָבן זיבן סאָוועטישע דעלעגאַציעס, וואָס זיינען באַשטאַנען פון פאַרטרעטער פון דער פּראַוואָסלאַווער קירך, איסלאַם און באַפּטיסטן, געמאַכט רייזעס קיין אויסלאַנד.

די מערסטע פון די דאָזיקע רעליגיעזע גרופּעס באַזיצן אייגענע לערנאַנשטאַלטן פאַר אויסבילדן זייערע גלחים און גייסטלעכע. אָט זיינען עטלעכע ביישפּילן: די פּראַוואָסלאַווע קירך האָט צוויי אַקאַדעמיעס און

אַכט סעמינאַרן, אין וועלכע עס לערנען אַרום טויזנט סטודענטן. די מאַכמעדאַנער לערנען אויס זייערע מולאס אין פיר מאַדראַסאַ־שולן. אַ קליינע צאָל סטודענטן קענען באַקומען זייער ווייטערדיקע אויסבילדונג אין אַל־אַזאַר אוניווערסיטעט אין קאַיראָ.

די מערסטע רעליגיעזע פאַראייניקונגען גיבן אַרויס זייער אייגענע ליטעראַטור. די פּראַוואָסלאַוונע קירך פאַרעפנטלעכט אַ חודש־שריפט: "זשורנאַל פון מאָסקווער פּאַטריאַרכאַט" און נאָך אַנדערע רעליגיעזע פּובליקאַציעס. מאַכמעדאַנער קענען אויך אַרויסגעבן אייגענע פּובליקאַציעס.

בכדי אייך פאַרצושטעלן דעם פאַרנעם פון דער דאָזיקער טעטיקייט, רעכן איך אויס די פינף אָפּטיילונגען פון מאָסקווער פּאַטריאַרכאַט פון דער פּראַוואָסלאַוונער קירך:

1) אַלגעמיינע פאַרוואַלטונג;

2) אָפּטיילונג פאַר אויסלענדישע אַנגעלעגנהייטן. די דאָזיקע אָפּטיילונג האַלט־אָן באַציונגען מיט די פּראַוואָסלאַוונע גרופּעס מחוץ סאָוועט־רוסלאַנד ווי אויך מיט אַנדערע קריסטלעכע קירכעס;

3) שול־אָפּטיילונג. די דאָזיקע אָפּטיילונג פירט־אָן מיטביידע אַקאַ־דעמיעס און מיט די אַכט סעמינאַרן;

4) אָפּטיילונג פאַר פּובליקאַציעס. די צייטשריפט, געבעט־ביכער, שול־ביכער, רעליגיעזע בריוו פון פּאַטריאַרכאַט א״א ווערן אַרויסגעגעבן דורך דער דאָזיקער אָפּטיילונג.

דער מאָסקווער פּאַטריאַרכאַט פאַרמאָגט אויסער דעם אַ פאַבריק פאַר רעליגיעזע ליכט, קרייצן און אַנדערע רעליגיעזע חפצים.

עטלעכע פון די דאָזיקע רעליגיעזע גרופּעס האָבן די דערלויבעניש אָנצוהאַלטן דעם קאָנטאַקט ניט נאָר מיט זייערע אָנהענגער מחוץ סאָוועט־רוסלאַנד, נאָר ווי דאָס איז דער פאַל מיט דער פּראַוואָסלאַוונער קירך, זיי קענען אויך שטיין אין פאַרבינדונג מיט אַנדערע רעליגיעזע קירכעס. די פּראַוואָסלאַוונע קירך פירט אָן ענגע צוזאַמענאַרבעט מיטן וועלטראַט פון די קירכעס. די מאַכמעדאַנער איז זינט דעם יאָר 1946 דערלויבט צו מאַכן יעדעס יאָר זייער טראַדיציאָנעלע פּילגרים־רייזע קיין מעקאַ. איר וועט זייער גיך באַגרייפן ווי גאַנץ אַנדערש עס ווערט אין דער הינזיכט באַהאַנדלט די יידישע רעליגיעזע מינדערהייט.

נאָך איין וואָרט וועגן דער פראַגע שולן. לויטן סאָוועטישן געזעץ דאַרפן די עלטערן באַשליסן, אין וועלכער נאַציאָנאַלער שול זיי ווילן שיקן

זייערע קינדער. אויב קינדער פון אַ באַשטימטער נאַציאָנאַליטעט לערנען אין אַ שול, וווּ מוטערשפּראַך איז ניט די הויפּטשפּראַך, קען אַ גרופּע פון צען עלטערן פאַרלאַנגען, אַז עס זאָל איינגעאָרדנט ווערן אַ באַזונדערע שול מיט זייער שפּראַך אַלס הויפּטשפּראַך. זיי קענען אויך פאָדערן, אַז לכל־הפּחות זאָלן אויך געלערנט ווערן זייער שפּראַך און זייער נאַציאָנאַלע געשיכטע (אָבער ניט רעליגיע, ווייל רעליגיעזע לימודים זיינען אָפּגעשאַפן געוואָרן אין סאָוועטישע שולן).

פון אָט דעם אַלגעמיינעם איבערבליק זעט איר, אַז די הערשנדיקע געזעצלעכע און פּאַקטישע לאַגע פאַרדינט אָנערקענונג. אַ גרויסע צאָל מינדערהייטן, וועמענס נאַציאָנאַלע אַנטוויקלונג עס איז ביים צאַרישן רעזשים געוואָרן געשטערט און וועמענס שפּראַכן עס זיינען דאַן געווען פאַרבאָטן, האָבן איצט דאָס רעכט און די פּאַקטישע מעגלעכקייטן צו אַנטוויקלען זייער אייגענע שפּראַך און קולטור. דאָס זעלבע איז גילטיק בנוגע די פאַרשיידענע רעליגיעזע גרופּעס, ניט געקוקט אויפן אַטעיִסטישן גרונט־פּרינציפּ פון סאָוועטישן רעזשים.

לאָמיר איצט פאַרגלייכן די אַלגעמיינע לאַגע מיט דעם מצב פון דער יידישער מינדערהייט.

ווי אַ נאַציאָנאַליטעט האָבן די יידן פּאַקטיש ניט קיין איינעם פון די רעכט, וואָס עס באַזיצן די אַנדערע נאַציאָנאַלע מינדערהייטן. די יידן האָבן ניט קיין אייגענע ליטעראַטור, קיין אייגן טעאַטער, קיין אייגענע פּרעסע, קיין אייגענע שולן. אָט זיינען עטלעכע ביישפּילן: ביי דער לעצטער פאָלקס־ציילונג אין פאַריקן יאָר האָבן 470,000 יידן אָנגעגעבן יידיש ווי זייער נאַציאָנאַלע שפּראַך. פאַר דעם דאָזיקן, כמעט האַלבן מיליאָן יידיש־רעדנדיקע יידן איז פאַראַן נאָר איין ציַיטונג „דער שטערן" אין ביראָ־בידזשאַן, וואָס ווערט ניט פאַרשפּרייט און אַבאָנירט מחוץ דער דאָזיקער געגנט. ביז מיט עטלעכע יאָר צוריק האָבן רוסישע יידן אַבאָנירט עטלעכע טויזנט עקזעמפּלאַרן פון דער יידישער ציַיטונג „פאָלקס־שטימע" וואָס דערשיינט אין וואַרשע. אָבער שפּעטער איז דער פאַרשפּרייט פון „פאָלקס־שטימע" אין סאָוועט־רוסלאַנד פאַרווערט געוואָרן, הגם זי איז אַ קאָמוניסטישע ציַיטונג. לאָמיר עס פאַרגלייכן מיט דער לאַגע פון אַנדערע נאַציאָנאַלע מינדערהייטן: די 479,000 מאַריס האָבן 17 ציַיטונגען; די 374,000 קאָמיס באַזיצן אויך 17 ציַיטונגען; די 230,000 יאַקוטן האָבן 28 ציַיטונגען אאַז"וו.

לאַמיר איצט נעמען עטלעכעביישפּילן וועגן ביכער. איך ציטיר לויט דער סטאַטיסטיק פון יאָר 1958: פאַר די 479,000 מאַריס זיינען אַרויס־געגעבן געוואָרן 85 ליטעראַרישע ווערק; פאַר די 369,000 אַסטינימס — 97; פאַר די 230,000 יאַקוטן — 98. אָבער פאַר די צוויי און אַ האַלבן מיליאָן יידן, און לאָמיר דערמאָנען — נאָר די 472,000 יידן, וועלכע האָבן אָנגעגעבן יידיש ווי זייער מוטערשפּראַך, איז אין יאָר 1958 ניט אַרויס־געגעבן געוואָרן קיין איין בוך, ניט אין העברעיש און ניט אין יידיש. אין פאַרגאַנגענעם יאָר זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן דריי יידישע ביכער, איין בוך פון שלום־עליכם, איין בוך פון מענדעלע מוכר ספרים, און איין בוך פון פּרצן. יעדעס איינע פון די ביכער איז געדרוקט געוואָרן אין דרייסיק טויזנט עקזעמפּלאַרן, אָבער נאָר עטלעכע הונדערט זיינען געווען אין פאַרקויף אין סאָוועט־רוסלאַנד. דאָס איז ניט שטענדיק געווען אַזוי. ביזן יאָר 1948 זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַ סך יידישע ביכער. ס׳איז גענוג אָנצוגעבן בלויז עטלעכע ציפערן. אין יאָר 1928 זיינען געדרוקט געוואָרן צוויי הונדערט אַכט און דרייסיק ליטעראַרישע ווערק אין 875.000 עקזעמפּלאַרן. אין 1932 זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן 653 ליטעראַרישע ווערק אין 2,558,585 עקזעמפּלאַרן. אין די פינף יאָר צווישן 1933 און 1937 האָט די דעמאָלטיקע מלוכהשע יידישע פאַרלאַג־געזעלשאַפט ״דער עמעס״ אַרויסגעגעבן 852 ביכער אין 6,250,000 עקזעמפּלאַרן. אין 1948 איז דאָס פאַרעפנטלעכן יידישן ביכער מיט אַ מאָל אָפּגעשטעלט געוואָרן. הונדערטער יידישע שרייבער זיינען אַרעסטירט געוואָרן. נאָך אַ געהיימען פּראָצעס אין יאָר 1952 זיינען די באַקאַנטסטע יידישע שרייבער דערשאָסן געוואָרן, בעת די אַנדערע זיינען אומגעקומען אין צוואַנגס־לאַגערן אין אַרקטישן געביט. אמת, עס האָט פּאַסירט אַז דעפּאָרטירטע שרייבער זיינען אין משך פון די לעצטע יאָרן רעהאַביליטירט געוואָרן און זיינען צוריקגעקומען פון די פאַרשיקונגס־לאַגערן. אַ סך פון זיי שרייבן איצט ווידער, אָבער קיין איינער פון זייערע מאַנוסקריפּטן איז ניט פאַרעפנטלעכט געוואָרן.

דאָס איז אַזאַ אָפענע דיסקרימינאַציע קעגן דער יידישער מינדערהייט, אַז אַ סך יידישע און ניט־יידישע קאָמוניסטן מחוץ סאָוועט־רוסלאַנד האָבן שאַרף קריטיקירט דעם דאָזיקן צושטאַנד. איך ציטיר דאָ צוויי פון די דאָזיקע פאָרווורפן: דעם 22סטן סעפּטעמבער 1957 האָט חיים סולער געפרעגט אין ניו־יאָרקער ״דיילי וואָרקער״: פאַר וואָס דערשיינט גאָרניט אין יידיש (אין סאָוועט־רוסלאַנד)? קיין צייטונג, קיין בוך, אַפילו ניט

קיין זשורנאַל? אַלע טענות פון געוויסע סאָוועטישע פירער, אַז די יידן אַליין פאַרלאַנגען ניט, אַז עס זאָלן אַרויסגעגעבן ווערן יידישע פובלי־קאַציעס, זיינען ניט אמת. אַז די סאָוועטישע יידן זיינען זייער שטאַרק פאַראינטערעסירט אין יידישע צייטונגען — קען מען זען דערפון, אַז כמעט צוויי טויזנט עקזעמפלאַרן פון דער וואַרשעווער „פאָלקס־שטימע" קומען אָן אין סאָוועט־רוסלאַנד און ווערן זייער גערן געלייענט. אַפילו די „מאָרגן פרייהייט" (די קאָמוניסטישע יידישע טאָגצייטונג אין ניו־יאָרק) קומט אָן קיין סאָוועט־רוסלאַנד און ווערט דאָרט געלייענט מיט גרויס אינטערעס".

און אין לאָנדאָנער קאָמוניסטישער צייטשריפט „מאַרקסיזם טו־דעי" האָט א. וואָרטמאַן געשריבן אין אַפּריל 1959: „וואָס איז מיט די דריי מיליאָן יידן, וועלכע האָבן אין יאָר 1957 געשטורעמט די יידישע קאָנ־צערטן, וואָס זיינען צייט צו צייט איינגעאָרדנט געוואָרן? (די דאָזיקע ציפער האָט אָנגעגעבן דער פאַרטרעטער פון קולטור־מיניסטער ג. נ. דאַנילאָוו). פאַר וואָס ווערט געשטערט די דאָזיקע מיליאָנען — און ווען אַפילו זיי זיינען בלויז טויזנטער — אַרויסצוגעבן פובליקאַציעס, רעדן, שפּילן טעאַטער אין יידיש וואָס איז נאָך אַלץ זייער מוטערשפּראַך? אויב צווישן 1917 און 1948 איז געגעבן געוואָרן שטיצע און הילף פאַר דער יידישער קולטור און שפּראַך, טאָ וואָס האָט זיך געענדערט נאָך 1948, אַז די דאָזיקע קולטור זאָל דאַרפן אויפהערן צו עקזיסטירן און פאַרשווינדן? איך האָב ניט געפונען קיין שום לאָגישן מאַרקסיסטישן אַרגומענט וועגן דעם פאַר וואָס די יידישע שרייבער אין סאָוועט־רוסלאַנד זאָלן קענען פאַרעפנטלעכן זייערע ראָמאַנען, דערציילונגען און לידער אין קאַפּיטאַליסטישע לענדער, בעת זיי קענען דאָס ניט טאָן אין זייער היימלאַנד, אין סאָוועט־רוסלאַנד".

אין אַן ענלעכער לאַגע געפינט זיך דאָס יידישע טעאַטער. פריִער האָבן אין סאָוועט־רוסלאַנד זיך געפונען זייער באַרימטע יידישע טעאַטערס. אַפילו דאָס העברעיִשע טעאַטער „הבימה", איצט דאָס נאַציאָנאַלע טעאַטער פון ישראל, איז געשאַפן געוואָרן אין סאָוועט־רוסלאַנד עטלעכע יאָר נאָך דער רעוואָלוציע. דער דעמאָלטיקער קולטור־קאָמיסאַר לונאַטשאַרסקי איז געווען איינער פון די הויפּט־שטיצער פון דעם טעאַטער.

און איצט לאָמיר באַטראַכטן די לאַגע פון דער יידישער מינדערהייט ווי אַ רעליגיעזע גרופּע. ווי איך האָב שוין דערמאָנט, האָבן ניט די יידן

אין סאָוועט־רוסלאַנד קיין שום צענטראַלע פאַרוואַלטונג — אין קעגנזאַץ צו כמעט אַלע אַנדערע רעליגיעזע גרופּעס. די יידן קענען ניט אַנהאַלטן קיין פאַרבינדונג מיט יידן אָדער יידישע גרופּעס מחוץ סאָוועט־רוסלאַנד, אַפילו ניט אין רעליגיעזע ענינים. אויך דאָס איז אין אַ שאַרפער סתירה צו די רעכט פון די קריסטן, פון די מוסולמענער, באַפּטיסטן און אַנדערע רעליגיעזע גרופּעס. ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן זיינען די יידישע קהילות אין סאָוועט־רוסלאַנד איינגעלאַדן געוואָרן צו אינטערנאַציאָנאַלע יידישע קאָנפערענצן, אָבער זיי האָבן קיין מאָל ניט געשיקט קיין פאַרטרעטער. די פּרוּוון פון יידישע אָרגאַניזאַציעס מחוץ סאָוועט־רוסלאַנד איינצושטעלן דויערנדיקע פאַרבינדונגען מיט די יידישע קהילות און בתי־תפילה אין ראַטן־פאַרבאַנד האָבן קיין מאָל ניט געבראַכט קיין שום רעזולטאַט.

און ווייל עס איז ניט פאַראַן קיין שום צענטראַלע אינסטיטוציע, וועלכע זאָל פאַרטרעטן די יידן ווי אַ נאַציאָנאַלע אָדער רעליגיעזע גרופּע, איז פאַקטיש אויך ניטאָ קיין שום אַדרעס, אויף וועלכן יידישע קהילות אין אויסלאַנד זאָלן זיך קענען ווענדן, בכדי צו קומען אין קאָנטאַקט מיט די סאָוועטישע יידן. בעת דעם צווייטן וועלט־קריג, ווען די סאָוועטישע רעגירונג איז געווען פאַראינטערעסירט אין באַציִונגען מיטן וועלט־יידנטום, איז אין מאָסקווע געגרינדעט געוואָרן דער אַנטיפאַשיסטישער קאָמיטעט פון יידישע שריפטשטעלער און קינסטלער. דער דאָזיקער קאָמיטעט איז געשטאַנען אין קאָנטאַקט מיטן יידישן וועלט־קאָנגרעס און אַנדערע יידישע אָרגאַניזאַציעס און האָט אַפילו בעת דער מלחמה געשיקט צוויי דעלעגאַטן קיין אַמעריקע, בכדי אָנצוקניפּן ענגערע באַציִונגען מיטן אַמעריקאַנער יידנטום. נאָכן קריג איז דער דאָזיקער קאָמיטעט פונאַנדער־געלאָזן געוואָרן. זינט דאַן איז ניט געשאַפן געוואָרן קיין שום אַנדערע אָרגאַניזאַציע, וועלכע זאָל קענען פאַרטרעטן די סאָוועטישע יידן.

וואָס שייך דעם צוגרייטן נייע גייסטיקע מנהיגים פאַר די יידישע קהילות אין ראַטן־פאַרבאַנד, איז ביזן יאָר 1957 ניט געווען קיין איין בית־מדרש־לרבנים. אין יאָר 1957 איז געגרינדעט געוואָרן אַ ישיבה אין מאָסקווע, אָבער ניט געקוקט אויף דעם, וואָס עס האָבן זיך געמאָלדן זייער אַ סך קאַנדידאַטן, האָט די סאָוועט־רעגירונג באַגרענעצט די צאָל תלמידים אויף פופצן. ביזן יאָר 1958 איז ניט געדרוקט געוואָרן קיין שום רעליגיעזע ליטעראַטור, קיין איינציקער סידור צום דאַווענען. דאַן זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן דריי טויזנט סידורים אין איין אויפלאַגע. דאָס איז פשוט לעכערלעך,

ווען מען נעמט אין באַטראַכט, אַז עס זיינען פאַראַן צוויי און אַ האַלבער מיליאָן מענטשן, פאַר וועלכע עס איז שוין פערציק יאָר ניט געדרוקט געוואָרן קיין נייער ספר־תפילות. רעליגיעזע חפצים, ווי סידורים און אַנדערע, קענען אויך פון אויסלאַנד ניט צוגעשטעלט ווערן. אין פאַרגאַנגענעם יאָר איז אין אַ סך ערטער פאַרבאָטן געוואָרן דאָס באַקן מצות אויף פסח און פעקלעך מצות, וואָס זיינען געשיקט געוואָרן פון אויסלאַנד, זיינען אַהין ניט אַריינגעלאָזן געוואָרן.

דער רעזולטאַט איז, אַז די יידן אין סאָוועט־רוסלאַנד קענען ניט דערפילן די פשוטסטע און עלעמענטאַרסטע הצטרכותן פון זייער רעליגיעזן לעבן. ס'וועט זיין גענוג צו ברענגען עטלעכע ציפערן: די פראַוואָסלאַווע קירכע האָט אין איר באַזיץ צוואַנציק טויזנט געביידעס און צוועלף טויזנט דרייסיק טויזנט גלחים. דאָס מיינט, אַז פאַר יעדע 28,000 גלייביקע איז פאַראַן אַ קירך און פאַר יעדע 11,000 גלייביקע איז פאַראַן אַ גלח. אָדער לאָמיר נעמען דעם ביישפּיל פון די באַפּטיסטן: זיי האָבן אַרום פינף הונדערט געבעטהייזער און פינף הונדערט פּרעדיקער. פאַר יעדע 1,100 גלייביקע איז פאַראַן אַ געבעטהויז און אַ פּרעדיקער. פאַר די אַנדרעהאַלבן מיליאָן יידן, וועגן וועלכע עס ווערט געזאָגט, אַז זיי זיינען רעליגיעזע, זיינען פאַראַן פון זעכציק ביז זיבעציק בתי־תפילה און אַזאַ צאָל רבנים. דאָס מיינט, אַז אַ בית־התפילה און אַ רב זיינען פאַראַן פאַר יעדע דריי און צוואַנציק טויזנט יידן. נייע בתי כנסת ווערן ניט געבויט, און אַחוץ די פופצן תלמידים פון דער ישיבה אין מאָסקווע, ווערן ניט צוגעגרייט קיין נייע רבנים. אויסער דעם זאָלן האָבן אין פאַרגאַנגענעם יאָר געשלאָסן געוואָרן פון דרייסיק ביז פערציק בתי־תפילה און אַ סך מנינים אין פּריוואַטע הייזער זיינען פונאַנדערגעלאָזן געוואָרן. אין אַ סך פאַלן זיינען אָפּגעוואָרפן געוואָרן די ביטעס פון יידישע גרופּעס צו גרינדן בתי־תפילה מיט אייגענע מיטלען.

דאָס זענען די פאַקטן וועגן דער שטעלונג צו די יידן ווי אַ נאַציאָנאַלע און רעליגיעזע מינדערהייט. זיי ווייזן גאַנץ דייטלעך אויף דער דיסקרי־מינאַציע קעגן יידן — אין פאַרגלייך מיט אַלע אַנדערע נאַציאָנאַלע אָדער רעליגיעזע מינדערהייטן אין סאָוועט־רוסלאַנד.

בכדי צו מאַכן נאָך קלאָרער דעם פאַקט, אַז עס איז ניט פאַראַן קיין שום געזעצלעכע באַרעכטיקונג פאַר דער דאָזיקער דיסקרימינאַציע, לאָמיר נאָך אַ מאָל באַטאָנען, אַז אין די ערשטע צוואַנציק יאָר פון סאָוועטישן

רעזשים האָבן די יידן געהאַט אַ בליִענדיקע יידישע ליטעראַטור, אַן אייגן טעאַטער, אייגענע צייטונגען, און אין אָנהייב — אויך אייגענע שולן און פיל מער בתי־כנסת ווי איצט. דאָס באַווייזט, אַז עס האָט ניט קיין ממשותדיקע באַדייטונג פאַר דעם קאָמוניסטישן סיסטעם צו באַהאַנדלען די יידישע מינדערהייט ווי זי ווערט איצט באַהאַנדלט. דאָס ווערט נאָך קלאָרער, ווען מיר באַטראַכטן די לאַגע פון די יידן אין אַנדערע קאָמוניס־טישע לענדער פון מזרח־איראָפּע. אין די אַלע לענדער זעט אויס די סיטואַציע פון די יידן גאַנץ אַנדערש, אומפאַרגלייכלעך בעסער. דערלויבט מיר ווידער צו ברענגען עטלעכע פאַקטן און ציפערן:

פּוילן. די יידישע באַפעלקערונג אין פּוילן ציילט איצט פון צוואַנציק ביז דרייסיק טויזנט נפשות און האָט אַ צענטראַלע אָרגאַניזאַציע — דעם יידישן "קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד" מיט פינף און צוואַנציק לאָ־קאַלע גרופּעס איבערן לאַנד. דער "קולטור־געזעלשאַפטלעכער פאַרבאַנד" האַלט אויס אַכט און צוואַנציק יידישע שולן מיט 3,400 שילער.ביים פאַר־באַנד איז פאַראַן אַ פאַרלאַג "יידיש בוך", וואָס גיט אַרויס יידישע ביכער, ווי אויך אַ ליטעראַרישן חודש־זשורנאַל "יידישע שריפטן" און די צייטונג "פאָלקס־שטימע", וואָס דערשיינט פיר מאָל אין וואָך. אין דעם "קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד" זיינען אַנגעשלאָסן עלף געזעלשאַפטן מיט 760 מיטגלידער. אויסער דעם זיינען צוויי און צוואַנציק רעליגיעזע קהילות פאַראייניקט אין אַ קאָמיטעט פון די יידישע געמיינדעס. עס זיינען פאַראַן רבנים און פופציק רעליגיעזע שולן. דאָס יידישע טעאַטער האָט אַ גוטע רעפּוטאַציע אין ברייטע קרייזן.

אונגאַרן. אַן ערך אַכציק טויזנט יידן לעבן איצט אין אונגאַרן. זיי זיינען פאַראייניקט אין דעם פאַרבאַנד פון קהילות, וואָס האָט אַ געוויסע פרייהייט. די אָרטאָדאָקסישע יידן האָבן זייער אייגענע אָרגאַניזאַציע. אין בודאַפּעשט איז פאַראַן אַ יידישע מיטלשול, אַ רעליגיעזע הויכשול, אַ ראַ־בינער־סעמינאַר מיט אַ ביבליאָטעק, ווי אויך אַ יידישער מוזיי, אַ יתומים־הויז, אַ שפּיטאָל, צען קיכן. אין בודאַפּעשט זיינען פאַראַן דריי מלוכהשע מושב זקנימס פאַר יידן און אַכט אין דער פּראָווינץ. אין בודאַפּעשט עקזיסטירן אַכציק בתי־כנסת און אין גאַנץ אונגאַרן זיינען פאַראַן 42 יידישע קהילות.

רומעניע. דער יידישער יישוב אין רומעניע פון בערך 250,000 נפשות ווערט אָנגעפירט דורך דער פעדעראַציע פון די יידישע קהילות, וואָס ווערט

אַנערקענט דורך דער רעגירונג ווי די צענטראַלע אָרגאַניזאַציע פון דער יידישער באַפעלקערונג. די קהילות זאָרגן פאַר די בתי־תפילה. אין בוקאַ־רעשט אַליין עקזיסטירן פופציק בתי־כנסת. די קהילות זאָרגן אויך פאַר די רעליגיעזע שולן און אַלע אַנדערע רעליגיעזע הצטרכותן. אין בוקאַרעשט איז פאַראַן אַ יידישע שול מיט יידיש אַלס לערנשפּראַך. אין פיר אַנדערע שולן ווערט געלערנט יידיש. אין רומעניע עקזיסטירן צוויי און צוואַנציק רעליגיעזע שולן, אין בוקאַרעשט אַליין — ניין. פאַראַן צוויי יידישע טעאַ־טערס, איינער אין בוקאַרעשט און דער אַנדערער אין יאַסי. יידישע ביכער ווערן כסדר אַרויסגעגעבן. יידישע צייטונגען דערשיינען על־פי־רוב אין רומעניש, אָבער טיילווייז אויך אין יידיש און אין העברעיִש.

ווי געזאָגט, באַווייזט דאָס אַלץ, אַז די קאָמוניסטישע אָרדענונג און דאָס רעכט פון די יידישע קהילות צו פירן זייער אייגן רעליגיעז און נאַציאָנאַל לעבן זיינען ניט קיין סתירה צווישן זיך.

די איצטיקע לאַגע פון די יידן אין סאָוועט־רוסלאַנד איז דעריבער ניט באַרעכטיקט, ניט דורך דער קאָמוניסטישער אידעאָלאָגיע און ניט דורך דער פּאָליטיק פון סאָוועטן־פאַרבאַנד לגבי אירע מינדערהייטן. עס איז גיכער אַ קלאָרע און איינדייטיקע דיסקרימינאַציע קעגן די צוויי און אַ האַלבן מיליאָן יידן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. די סאָוועטישע יידן זיינען אָבער היסטאָריש פאַרבונדן מיט דער יידישער טראַדיציע און דעריבער איז זייער לאַגע טראַגיש. זיי האָבן ניט קיין צענטראַלע אָרגאַניזאַציע אויף צו פאַרטיידיקן זייערע רעכט. זיי זיינען פאַרמשפּט צו שווייגן און זיי לעבן אין אַ צוואַנגס־לאַגע, וואָס קען ניט אַנדערש פאַרשטאַנען ווערן, ווי אַ פּרוּוו צו אַסימילירן די יידן מיט געוואַלט, בכדי יידן זאָלן פאַרשווינדן ווי יידן.

איך וואָלט ניט געוואָלט אַריינלאָזן זיך אין חקירות וועגן די סיבות פון דער דאָזיקער באַהאַנדלונג. ווען מען באַהאַנדלט די דאָזיקע פראַגע מיט סאָוועטישע פירער, באַנוצן זיי שטענדיק צוויי אַרגומענטן, בכדי צו באַרעכ־טיקן זייער איצטיקע פּאָליטיק לגבי דער יידישער באַפעלקערונג. דער ערשטער אַרגומענט, וועלכן עס ווענדעט־אָן באַזונדערס כרושטשאָוו, זאָגט, אַז די יידן זיינען ניט קאָנצענטרירט אויף איין טעריטאָריע און האָבן ניט אויסגענוצט די געלעגנהייט צו שאַפן אַ צענטער אין ביראָבידזשאַן. ווי איך האָב שוין געזאָגט פריִער, מוז מען מודה זיין, אַז עס איז לייכטער צו געבן אַ מינדערהייט געוויסע רעכט אויף אַן אייגן נאַציאָנאַל לעבן ווען זי

ווו׳נט אויף אַ באַשטימטן באַגרענעצטן געביט. אָבער, אויב דאָס איז ניט דער פאַל, באַרעכטיקט עס בשום־אופן ניט צו פאַרמשפּטן דערפאַר אַ נאַציאָ־נאַלע מינדערהייט, אַז זי זאָל זיך אויפלייזן אָדער אונטערגיין. איך האָב שוין אָנגעוויזן, אַז די דייטשע און אַ סך אַנדערע קליינע מינדערהייטן האָבן באַקומען רעכט, וואָס ווערן אָפּגעזאָגט דער יידישער מינדערהייט.

אַ צווייטער אַרגומענט פון די סאָוועטישע פירער איז, אַז די יידישע מינדערהייט פאַרלאַנגט ניט קיין יידישע ליטעראַטור, קיין יידישע צייטונ־גען, קיין יידישע שולן אאַז״וו, ווייל זיי האָבן איבערגענומען דעם שטייגער און די קולטור פון די פעלקער אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, צווישן וועלכע זיי לעבן. אויך דער דאָזיקער אַרגומענט איז פאַקטיש און אין תוך ניט ריכטיק. דער אמת איז, אַז כמעט אַ האַלבער מיליאָן סאָוועטישע יידן האָט ביי דער פאָלקסציילונג אין פאַריקן יאָר אָנגעגעבן יידיש פאַר זייער נאַציאָנאַלער שפּראַך. און מען דאַרף ניט פאַרגעסן, אַז ביי די איצטיקע באַדינגונגען האָט זיך געפאָדערט אַ סך מוט מצד יידן אין סאָוועט־רוסלאַנד צו מאַכן אַזאַ דערקלערונג. אַזוי זעט אויס די לאַגע. שוין צענדליקער יאָרן ווי עס זיינען ניט פאַראַן קיין יידישע שולן און עס ווערן ניט אַרויסגעגעבן קיין יידישע צייטונגען און ביכער. דערפאַר איז נאַטירלעך, אַז דער גרעסטער טייל פון דעם יונגן יידישן דור קען ניט קיין יידיש אָדער העברעיש. יעדער באַזוכער אין סאָוועט־רוסלאַנד גיט איבער, אַז אַ סך יידן בענקען נאָך יידישע ביכער, נאָר רעליגיעזע ספרים, נאָך יידישע צייטונגען. מען האָט קיין מאָל ניט פאַרלאַנגט פון דער סאָוועט־רעגירונג, אַז זי זאָל אויפצווינגען אויף דער יידישער מינדערהייט יידיש ווי זייער שפּראַך, אָדער אַז יידן זאָלן מוזן שיקן זייערע קינדער אין יידישע שולן. מען פאָדערט בלויז דאָס, וואָס איז גאַראַנטירט דורך דער קאָנסטיטוציע, דהיינו — רעכט פאַר דער יידישער מינדערהייט צו האָבן אַ געוויסע זעלבסטפאַרוואַלטונג, צו קענען אַנטוויקלען איר אייגענע קולטור און קענען פירן איר אייגן נאַציאָנאַל און רעליגיעז לעבן. ס׳איז ניטאָ קיין שום באַרעכטיקונג פאַר וואָס די דאָזיקע רעכט זאָלן אָפּגעזאָגט ווערן.

איך מוז אויך דערמאָנען נאָך אַ פּראָבלעם, אַ טיף מענטשלעכן. אין רעזולטאַט פון די לעצטע געשעענישן און באַזונדערס — פונעם חורבן דורך דער נאַצי־אינוואַזיע, זיינען פיל יידישע משפּחות אין סאָוועט־רוסלאַנד צעריסן געוואָרן. מענער זיינען אָפּגעריסן געוואָרן פון זייערע פרויען,

קינדער פון זייערע עלטערן, ברידער פון ברידער, שוועסטער פון שוועס־טער און אַ סך זיינען אָפּגעזונדערט געוואָרן פון זייערע איינציקע קרובים. צווישן זיי זיינען פאַראַן איינציק־פאַרבליבענע משפחות, וועלכע זיינען אומגעבראַכט געוואָרן דורך די נאַציס. אין משך פון לאַנגע יאָרן האָבן די דאָזיקע מענטשן געמוזט אויסטראָגן די שרעקלעכע ליידן פון זייער אָפּגעריסן פון זייערע אייגענע. טויזנטער סאָוועטישע יידן קוקן אויס אויף דעם, אַז זיי זאָלן קענען צוריק זיך פאַראייניקן מיט זייערע קרובים אין ישראל. זייערע אייגענע אין דער יידישער מדינה זיינען גרייט זיי אויפצונעמען. אָבער ביז איצט האָט בלויז אַ קליינער טייל פון זיי באַקומען די מעגלעכקייט אויסצוואַנדערן פון סאָוועט־רוסלאַנד. די סאָוועטן־רעגירונג דאַרף מאַכן אַ סוף צו דער טראַגישער אָפּגעריסנקייט פון אַזעלכע יידן און דאַרף דערלויבן אַרויסצופאָרן די, וועלכע ווילן זיך פאַראייניקן מיט זייערע קרובים.

אַזעלכע איז די טראַגישע לאַגע פון די סאָוועטישע יידן היינט־צו־טאָג, אַזוי לעבט אַ גרויסער יידישער יישוב, וועלכער איז, מיט זיינע העלדישע מעשים און מיט זיין שאַפערישן גייסט אין משך פון יאָרהונדערטער, געווען דער גרעסטער און באַדייטנדיקסטער צווישן די יידישע קיבוצים אין דער וועלט. אין פאַרלויף פון לאַנגע יאָרהונדערטער האָבן די יידן אין רוסלאַנד, צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע טיילן פון יידישן פאָלק, זיך אַנטקעגנגעשטעלט די רדיפות, די דיסקרימינאַציעס, דער אינקוויזיציע, די פּאָגראָמען און דער גאַנצער ברוטאַלער אַנטיסעמיטישער פּאָליטיק פון צאַריזם. דורכגע־דרונגען מיט דער שטאַרקער האָפענונג און מיטן טיפן גלויבן, אַז אויך זיי וועלן ענדלעך קענען דערפילן זייערע פליכטן ווי בירגער פון זייער לאַנד און גלייכצייטיק ווי אַנגעהעריקע צום יידישן פאָלק, האָבן אַ סך יידן באַגריסט די רוסישע רעוואָלוציע, אין וועלכער ניט איין ייד האָט אויך געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע. אין איין הינזיכט זיינען זייערע האָפע־נונגען אין אַ געוויסער מאָס דערפילט געוואָרן: ווי בירגער האָבן זיי באַקומען גלייכע רעכט און זיי האָבן אויף אַלע געביטן פון סאָוועטישן לעבן אַ סך בייגעטראָגן צו דער אַנטוויקלונג פון סאָוועטן־פאַרבאַנד. אָבער אין אַלע אַנדערע הינזיכטן זיינען זיי געבליבן ביטער אַנטוישט אין זייערע האָפענונגען. אויב ניט געזוצלעך, זאָגט מען זיי פאַקטיש אָפּ דאָס רעכט צו קענען פירן אַ יידיש לעבן.

די יידן אין סאָוועט־רוסלאַנד האָבן ניט קיין שום מיטלען אויסצודריקן

זייערע יידישע געפילן. אַלע מעגלעכקייטן זיינען ביי זיי אָפּגענומען געוואָרן אויף צו קענען זיין שאַפעריש אַקטיוו. זיי האָבן ניט קיין שום אייגענע צייטונגען, קיין ביכער, קיין שולן, קיין צענטראַלע אָרגאַניזאַציע און זיי טאָרן ניט אָנהאַלטן קיין שום פאַרבינדונג מיט אַנדערע טיילן פון יידישן פאָלק. דעם יישוב פון צוויי און אַ האַלבן מיליאָן יידן אין סאָוועט־רוסלאַנד איז פאַקטיש אָפּגעזאָגט געוואָרן דאָס רעכט צו פירן זייער אייגן לעבן — דאָס רעכט ווערט ברייטוויליק געגעבן אַלע אַנדערע מינדערהייטן. אָן שום באַרעכטיקונג ווערט דאָ געטאָן אַ גרויסע עוולה. די סאָוועטישע יידן קענען אַפילו ניט פּראָטעסטירן. זיי קענען נאָר האָפן און בעטן.

איז עס ניט אונדזער חוב פאַר זיי צו רעדן? מיר, יידן, זיינען אַ פאָלק מיט אַ לאַנגער געשיכטע פון מאַרטירערטום. דאָך האָבן מיר קיין מאָל ניט אויפגעגעבן דעם גלויבן, אַז סוף־כל־סוף ווערט זיגן די גערעכטיקייט. אָן דעם דאָזיקן גלויבן וואָלט אונדזער פאָלק שוין לאַנג אונטערגעגאַנגען. אין דעם דאָזיקן קאַמף האָבן מיר תמיד אויסגערעכנט אויף יענעם טייל פון דער ניט־יידישער עפנטלעכער מיינונג, וואָס האָט אויפגעשריבן אויף זיין פאָן די פאַרטיידיקונג פון יעדער דיסקרימינירטער מינדערהייט, און וועלכע קעמפט פאַר גערעכטיקייט אומעטום, ווו עס שאַפט זיך אַ לאַגע, וואָס פאָדערט אַזאַ קאַמף.

מיר פאַרלאַנגען, אַז די סאָוועטישע יידן זאָלן ניט נאָר ווי יחידים און בירגער, נאָר אויך ווי אַ קאָלעקטיווע גרופּע, ווי אַן אָנערקענטע נאַציאָנאַלע און רעליגיעזע מינדערהייט, באַהאַנדלט ווערן ווי אַלע אַנדערע מינדערהייטן, און אַז מען זאָל די יידן אין סאָוועט־רוסלאַנד געבן לכל הפחות די זעלבע רעכט, וואָס עס האָבן די יידישע מינדערהייטן אין אַלע אַנדערע מזרח־אייראָפּעיִשע לענדער.

מיר אַפּעלירן צו אייך: העלפט אונדז אין דעם קאַמף, אַז דער סאָוועטישער יידישער קיבוץ זאָל קענען בלייבן יידיש. איך בין גענוג אָפּטימיסטיש צו גלייבן, אַז אויב די פּראָגרעסיווע וועלט־עפנטלעכקייט און אירע פירנדיקע גייסטער וועלן זיך פאַראינטערעסירן מיט דער לאַגע פון די סאָוועטישע יידן, וועט אונדזער געשריי, פריִער צי שפּעטער, געהערט ווערן אויך דורך די פירער פונעם ראַטן־פאַרבאַנד, און עס וועט צוגעטיילט ווערן גערעכטיקייט אויך פאַר די סאָוועטישע יידן.

אויף דער קאָנפערענץ וועגן דער לאַגע פון יידן אין ראַטן־פאַרבאַנד, פּאַריז, 1960

[ד]

# די צוקונפט פון דער ציוניסטישער באַוועגונג

# אַ נייע ציוניסטישע אָפּענסיווע

דאָס מאָל האָב איך באַשלאָסן אַוועקצוגיין פון דער טראַדיציע, וועלכע עס האָט איינגעפירט מאַקס נאָרדוי צו ווידמען די דערעפנונגס־רעדע פון ציוניסטישע קאָנגרעסן פאַר דער אָפּשאַצונג פון דער לאַגע פון יידן אין דער וועלט. היינט וויל איך ווידמען מיינע ווערטער ניט דער אַלגעמיינער לאַגע פון די יידן אין דער וועלט, נאָר דעם קאָנגרעס גופא, און גלייך זיך אַריינוואַרפן אין די הויפּט־פּראָבלעמען, וועלכע דער קאָנגרעס וועט באַהאַנדלען.

דריי אויפגאַבן וועלן באַשטימען דעם באַזונדערן כאַראַקטער פון דעם קאָנגרעס, און אויב אונדז וועט געלינגען פון פאָרויס אויסצופירן די אויפגאַבן מיט דער געהעריקער ערנסטקייט, וועט דער קאָנגרעס קענען זיין איינער פון די גרויסע אין דער ציוניסטישער געשיכטע.

די ערשטע אויפגאַבע איז — אָנהייבן אַן אָפּענסיווע אויף דער הערשנדיקער שטימונג אינעם יידישן פאָלק. זיין היסטאָרישן וועג אין יידישן לעבן האָט דער ציוניזם אָנגעהויבן מיט אַזאַ מין אָפּענסיווע, ווען ער האָט דערקלערט דעם יידישן פאָלק מיט 70 יאָר צוריק, אַז זיין קיום וועט ניט קענען זיין זיכער, אַז זיין לאַגע איז פול מיט געפאַרן, וואָס באַדראָען זיין עקזיסטענץ און אַז מען דאַרף באַזייטיקן די געמיטלעכע רויִקייט מיט וועלכער עס לעבן גרויסע טיילן פון דעם פאָלק. די מערהייט פירער פונעם יידישן פאָלק זיינען דאַן אַרויסגעטראָטן קעגן דעם דאָזיקן צוגאַנג און קעגן דעם פּרווו צו אַלאַרמירן דאָס פאָלק לגבי זיין ערנסטער לאַגע, אויב אָבער די באַוועגונג האָט דאָך דערגרייכט דורכצופירן אַ רעוואָלוציע אין יידישן לעבן, איז עס געשען אַ דאַנק איר מוט אָנצוגרייפן די רויִקייט און דאָס געפיל פון מעסיקייט, מיט וועלכן דאָס פאָלק האָט געלעבט. אָן דעם דאָזיקן אָנגריף וואָלט דער ציוניזם ניט מצליח געווען, און די יידישע מדינה וואָלט היינט־צו־טאָג ניט עקזיסטירט.

איצט איז געקומען אַ מאָמענט צו טאָן עפּעס ענלעכס און צוריקקערן

זיך צו דער קלאַסישער טראַדיציע פון ציוניזם. פון אָט דעם קאָנגרעס מוז אַרויס אַ רוף צום יידישן פאָלק, אַז עס זאָל אויפוואַכן פון זיין רויקייט און אָנהייבן צו טראַכטן און ערנסט זיך זאָרגן וועגן זיין צוקונפט; עס זאָל פאַרשטיין, אַז סיי מדינת ישראל און סיי די צוקונפט פון די יידישע קהילות אויסער ישראל זיינען ניט זיכער, און אַז מען דאַרף פּלאַנירן באַמיִונגען און סיסטעמאַטישע שריט, כדי צו זיכערן אונדזער צוקונפט.

די צווייטע אויפגאַבע פון דעם קאָנגרעס איז — אָנצוהייבן אַ נייַ קאַפּיטל פון אַן ענגער קאָאָפּעראַציע מיט מדינת ישראל. ביז איצט איז די צוזאַמענאַרבעט געקומען צום אויסדרוק — שטיצנדיק זיך אויף דער "אמנה" און אויף דעם סטאַטוס־געזעץ פאַר דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע — בעיקר אין דער אַרבעט, וועלכע מיר האָבן געטאָן און טוען ווייטער אין ישראל אויפן גרונט פון די באַזונדערע רעכט, וואָס מיר האָבן באַקומען אויף די געביטן פון עליה, עולים־איינאָרדענונג און לאַנדווירטשאַפט. די אַלע טעטיקייטן וואַלטן, פאַרשטייט זיך, ניט געהאַט קיין דערפאָלג אָן אַן ענגער צוזאַמענאַרבעט מיט דער ישראל־רעגירונג. עס איז געקומען דער מאָמענט אויסצובּרייטערן די קאָאָפּעראַציע און צוזאַמען זיך באַמיִען צו שטאַרקן די יידישע פּאָזיציעס אין גלות; פאַרבינדן די יידישע יישובים מיט ישראל און פאַרוואַנדלען די מדינה אינעם הויפּט־כוח, וואָס זאָל זיכערן דעם יידישן קיום.

די דריטע אויפגאַבע, וועלכע וועט דורכגעפירט ווערן נאָר דורך אונדז אַליין, איז — אַריינצוברענגען אין דער ציוניסטישער באַוועגונג אַ נייעם גייסט פון גלויבן אין אונדזער היסטאָרישער עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג, אַ מוטיקן גייסט אָנצוגרייפן דאָס היינטיקע יידישע לעבן דורך נייע אַרויספאָדערונגען און גלייכצייטיק פון דאָס ניי צו אָרגאַניזירן און רעקאָנסטרויִרן די פאָרמען פון דער באַוועגונג, ווייל דאָס ווערט דיקטירט דורך די נייע לעבנס־פאָרמען פון די יידישע קהילות און דורך דעם, וואָס דער לעבנס־צענטער איז אַריבערגעפירט געוואָרן פון מזרח און צענטראַל־איירָאָפּע צו דער מערבדיקער וועלט. די אָרגאַניזאַציע דאַרף ווערן מער עלאַסטיש, כדי זי זאָל קענען צוקאָאָפּטירן נייע גרופּעס און פירער, כדי זי זאָל קענען קאָאָפּערירן מיט אַלע יידישע גרופּעס און קהילות, וועלכע זיינען גרייט צוזאַמענצואַרבעטן מיט דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע.

איצט וויל איך אַריבערגיין צו די פּרטים פון די דריי אויפגאַבן, וואָס יעדע איינע פון זיי איז שווער און פאָדערט גרויסע אָנשטרענגונגען.

ווען איך וואַרף אַ בליק אויף דער געשיכטע פון ציוניזם אין משך פון די 70 יאָר זינט ער עקזיסטירט, און ווען איך באַטראַכט זיין איצטיקע לאַגע און צוקונפטיקע אויפגאַבן, האַלט איך, אַז מיר קענען איינטיילן די אַנטוויקלונג פון דער ציוניסטישער באַוועגונג אין דריי קאַפּיטלען.

דאָס ערשטע קאַפּיטל האָט זיך אָנגעהויבן מיטן מאָמענט, ווען הערצל האָט פאָרמולירט דעם ציוניסטישן געדאַנק; ווען ער האָט אַנאַליזירט די לאַגע פון יידישן גלות און זיך באַמיט צו איבערצייגן דאָס יידישע פאָלק און די וועלט בכלל, אַז די גלות־באַדינגונגען באַשווערן די עקזיס־טענץ פון יידישן פאָלק און שטעלן עס אַפילו אויס אויף אַ געפאַר, און אַז נאָר דורך שאַפן אַ יידיש־נאַציאָנאַלן צענטער — אַ נאַציאָנאַלע היים לויט דער ערשטער פאָרמולירונג, אַ יידישע מדינה לויט דער שפּעטער־דיקער פאָרמולירונג — וועט מעגלעך זיין צו זיכערן די צוקונפט פונעם פאָלק. דאָס דאָזיקע ערשטע קאַפּיטל אין דער ציוניסטישער געשיכטע האָט זיך פאַרענדיקט מיטן אויפקום פון דער מדינה, און קיינער וועט ניט פאַרלייקענען, אַז די דערגרייכונגען פון דעם קאַפּיטל שטעלן מיט זיך פאָר איינעם פון די גרעסטע דערפאָלגן אין דער געשיכטע פון פּאָ־ליטישע באַוועגונגען.

דאָס צווייטע קאַפּיטל האָט זיך אָנגעהויבן מיט דער גרינדונג פון דער מדינה און האָט אויף אונדז אַרויפגעלייגט די הויפּט־פליכט צו מאָביליזירן דאָס יידישע פאָלק צו הילף און צו אויסקריסטאַליזירן די מדינה — פּאָ־ליטיש, עקאָנאָמיש און קולטורעל. מיר שטייען נאָך אין סאַמע מיטן פונעם צווייטן קאַפּיטל, ווייל קיין שום פאַראַנטוואָרטלעכער פירער פון ישראל וועט ניט טענהן, אַז די מדינה איז שוין אויסקריסטאַליזירט און זיכער מיט איר עקזיסטענץ — טראָץ אירע גרויסע דערגרייכונגען אויף אַלע אירע לעבנס־געביטן אין פאַרלויף פון אירע 16 יאָר. זי איז נאָך ווייט פון שלום מיט די שכנותדיקע אַראַבישע מדינות; זי איז נאָך ניט אָנערקענט געוואָרן דורך דער מערהייט פעלקער אין דעם טייל פון דער וועלט, אין מיטעלן מזרח, אין וועלכן זי לעבט; איז נאָך אָנגעוויזן אויף אָפענע דראָונגען דורך די אַראַבער, וועלכע דערקלערן אומאויפהערלעך, אַז זיי האָבן באַשלאָסן אומצוברענגען מדינת ישראל; און זי מוז מיט־מאַכן דעם געפערלעכן און באַלאַסטנדיקן באַוואָפענונג־געיעג. די מדינה דאַרף ווייטער זיך רעכענען מיט דער ניט פריינדלעכער, אָדער אַפילו פיינטלעכער באַציִונג מצד אַ גרויסער צאָל מדינות, באַזונדערס פון

מזרח־אייראָפּע. עקאָנאָמיש איז זי נאָך ווייט פון אומאָפּהענגיקייט, און עס דראָען איר וואַקסנדיקע דעפיציטן פון איר אויסערן־האַנדל און צאָלונגס־באַלאַנס. פון אינערלעכן אַספּעקט, איז איר נאָך ניט געלונגען צונויפצושמעלצן די אַלע אָרייַנגעקומענע שבטים אין איין געזעלשאַפט, און עס דראָען איר נאָך אינערלעכע שפּאַלטונגען, קאָנפליקטן און מיינונגס־פאַרשיידנהייטן, — דער טראַגישער יידישער פאַנאַטיזם און די דיספּראָפּאָרץביים פאַרטיידיקן געדאַנקען, שטרעבונגען און אינטערעסן.

צו אונדזער גליק זענען מיר די דאָזיקע פאַקטן אויף דער קאַנווע פון גרויסע דערגרייכונגען, וואָס זיינען פאַרנאָטירט אויף דער צווייטער זייט פון דעם באַלאַנס: ישראל איז אָנערקענט געוואָרן דורך דער מערהייט פעלקער פון דער וועלט, אַ סך פון זיי רעספּעקטירן און פאַרערן מדינת ישראל, זי האָט געבראַכט און אויפגענומען מער ווי אַ מיליאָן מיט אַ פערטל עולים, וועמענס איינציקע ישועה איז געווען ישראל.

אָבער ניט געקוקט אויף דעם אַלעם, זאָגן קלאָר די גרונט־פאַקטן פון דער לאַגע אין ישראל, אַז די אויפגאַבע פון יידישן פאָלק און פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, וואָס שפּילט די ראָלע פון אַ טרייבקראַפט, איז נאָך ווייט פון איר עיקרדיקער פאַרווירקלעכונג: צו זיכערן דעם קיום און די צוקונפט פון ישראל. עס איז געווען נאַיוו אָנצונעמען און דער־וואַרטן, אַז אַ מדינה ווי ישראל, וועלכע איז געבוירן געוואָרן אין דעם היינטיקן שווערסטן און קריטישסטן יאָרהונדערט אין דער מענטשלעכער געשיכטע; אַ מדינה, וואָס געפינט זיך אין איינעם פון די עמפּינדלעכסטע געאָ־פּאָליטישע ערטער אין דער וועלט און האָט פאַר זיך די קאָלאָסאַלע אויפגאַבע אַריבערצונעמען מיליאָנען מענטשן און זיי איינאָרדענען — אַז אַזאַ מדינה זאָל זיך אויסקריסטאַליזירן און באַקומען זיכערקייט אין משך פון 16 יאָר. נאָך אין משך פון אַ סך יאָרן וועט דאָס יידישע פאָלק דאַרפן ווייטער טראָגן, צוזאַמען מיט די יידן אין ישראל, די אחריות פאַר דער עקזיסטענץ און צוקונפט פון דער מדינה. די דאָזיקע צווייטע אויפגאַבע פון דער ציוניסטישער באַוועגונג וועט אין די קומענדיקע יאָרן, און אפשר אויך אין די קומענדיקע יאָרצענדליקער, פאָדערן קאָלאָסאַלע אָנשטרענגונגען, אַפילו גרעסערע פון יענע, וועלכע זיינען געמאַכט געוואָרן אינעם ערשטן קאַפּיטל און האָבן דערפירט צו דער גרינדונג פון דער מדינה. אַלע דאַרפן מיר זיין גרייט בייצושטיין געפאַרן, און גאָר שווערע סיטואַציעס, און אַרויספאָדערונגען.

די אַלע פּליכטן זיינען ניט נאָר דער פּאַר דער באַוועגונג, דאָך וועט דער קאָנגרעס דאַרפן מיט זיי זיך פאַרנעמען אין ליכט פון אונדזערע אויפטועז אין די פאַרגאַנגענע פיר יאָר אויף די געביטן פון עליה, עולים־איינאָרדע־נונג, לאַנדווירטשאַפט און אַלע אַנדערע. וועגן דעם אַלעם וועט איר אויסהערן אַ פולן באַריכט, און הגם דער קאָנגרעס וועט דאַרפן באַהאַנדלען די ספּעציפישע פּראָבלעמען, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט די טעטיקייטן, און וועלכע מען דאַרף לייזן, כדי צו דערמעגלעכן אַ ווייטער־דיקן פאָרשריט אין די קומענדיקע פיר יאָר — איז לויט מיין מיינונג ניט געוווּנטשן, אַז די דאָזיקע פּראָבלעמען זאָלן באַשטימען דעם כאַ־ראַקטער פון דעם קאָנגרעס. דער קאָנגרעס האָט אַ באַזונדערע פליכט, וואָס שטייט איבער אַלע אַנדערע פליכטן — צו עפענען דעם דריטן און נייעם קאַפּיטל פון דער ציוניסטישער געשיכטע, וועמענס הויפּט־אינהאַלט וועט זיין — אויסצוגעפינען די מעטאָדן און וועגן, ווי אַזוי זיך צו באַנוצן מיט דער עקזיסטענץ פון דער מדינה לטובת דעם ציוניסטישן הויפּטציל: זיכערן די עקזיסטענץ פון אונדזער פאָלק.

די מדינה איז קיין מאָל ניט פאַררעכנט געוואָרן ווי דער ציל פון דער באַוועגונג. זי איז שטענדיק אָנגענומען געוואָרן ווי אַן אינסטרומענט: דער הויפּט־אינסטרומענט צו פאַרזיכערן אונדזער צוקונפט אין דער וועלט, אין וועלכער מיר לעבן. אָבער מיט אָט דעם אינסטרומענט דאַרף מען זיך באַנוצן אויך פאַר דעם קאָנקרעטן צוועק: פאַר פאַרזיכערן אונדזער עקזיסטענץ. שוין דער פאַקט אַליין, וואָס מיר קענען ערנסט רעדן וועגן אַזאַ אויפגאַבע פון דער מדינה, איז אַ גרויסער קאָמפּלימענט לגבי אירע ביז־איצטיקע דערגרייכונגען. עס איז געווען נוצלאָז צו טראַכטן וועגן באַנוצן זיך מיט ישראל פאַרן צוועק פון זיכערן דעם יידישן קיום אין גאָר דער וועלט אין די ערשטע יאָרן, פון דער מדינה, ווען זי איז געווען יונג און שוואַך, ווען זי האָט זיך דערנערט פון האַנט־צו־מויל און יעדן טאָג געזאָרגט פאַר איר אייגענער עקזיסטענץ. ערשט איצט, נאָך דעם ווי ישראל האָט זיך פאַרשטאַרקט, קען זי ערנסט צוטרעטן צו איר אויפ־גאַבע און העלפן דער ציוניסטישער באַוועגונג אין אירע באַמיִונגען צו פאַרפעסטיקן דעם יידישן קיום אין די פאַרשיידענע וועלט־טיילן.

מיט דער דאָזיקער אויפגאַבע האָבן מיר זיך אָנגעהויבן צו פאַרנעמען אין די לעצטע יאָר אין אַ באַשיידענעם פאָרנעם, אָבער מיט אַ גאַנץ קענטיקן דערפאָלג, וועגן וועלכן איר וועט אויך הערן אַן אויספירלעכן באַריכט.

אָבער איצט דאַרפן מיר זיך צואײלן מיט דורכפירן די אויפגאַבע, נעמענדיק אין באַטראַכט די געשאַפענע לאַגע פונעם יידנטום אין דער וועלט. און הגם מײַן רעדע האָט ניט פאַר איר ציל צו מאַכן אַן אויספירלעכן אַנאַליז פון דער יידישער לאַגע אין דער וועלט, נאָר ווי שוין געזאָגט, צו געבן אַן אַרײַנפיר צו דער פראַגע, וואָס און ווי אַזוי די באַוועגונג וועט טאָן פאַרן וועלט־יידנטום, — קען ניט אַ ציוניסטישע דיסקוסיע זיך אָפּזאָגן פון אַן אַנאַליז פון דער איצטיקער לאַגע פונעם פאָלק. דער ציוניזם איז ניט קיין אַבסטראַקטע און דאָגמאַטישע באַוועגונג, וועלכע פּראָפּאַגירט אײביקע אמתן און אַבסאָלוטע ווערטן. דאָס איז אַ באַוועגונג, וואָס איז אַרויף אויף דער אַרענע פון יידישן לעבן אין אַ באַשטימטן מאָמענט אין דער יידישער געשיכטע, מיט פאָדערונג און מיט אַמביציע, אַז נאָר זי אַליין וועט קענען לייזן די פראַגע פון אונדזער עקזיסטענץ ווי אַ פאָלק, וואָס איז באַדראָט. מען דאַרף דעריבער דעפינירן די באַזונדערע פליכט פון דער באַוועגונג אין אַ באַשטימטן מאָמענט פון דער געשיכטע אויף דעם הינטערגרונט פון דער יידישער לאַגע אין דער דאָזיקער צייט. וויל איך דעריבער אַרויסזאָגן עטלעכע באַמערקונגען וועגן אונדזער לאַגע אין גלות, כדי אויף דער באַזע קלאָר צו מאַכן אונדזער פּראַקטישע אַרבעט אין דער נייער תקופה.

אין אונדזער געשיכטע איז כמעט נאָך ניט געווען אַזאַ פּעריאָד, ווען דער אויסערלעכער אויסזען פון אונדזער לעבן איז אַזוי אַנדערש ווי אין דער ווירקלעכקייט. ווען מען קוקט פון דרויסן אויף אונדזער לאַגע, זעט זי אויס אַ סך בעסער ווי ווען־עס־איז אין אונדזער גלות־געשיכטע אין די פאַרגאַנגענע 2000 יאָר. מיר האָבן געזיגט אין אונדזער קאַמף פאַר פּאָליטישער עמאַנציפּאַציע און אומעטום געניסן מיר פון גלײַכע רעכט. דער אַנטיסעמיטיזם אין זײַן איצטיקער פאָרעם — נאָך דער מפּלה פון די נאַציס — באַדראָט ניט אונדזער עקזיסטענץ; מיר זײַנען אַרײַן פולקאָם אינעם לעבן פון די פעלקער, מיט וועלכע מיר לעבן צוזאַמען; די יידישע נויט איז מער ניט כאַראַקטעריסטיש פאַר אונדזער עקאָנאָמישער לאַגע; די מערהייט פון די קהילות אין דער פרייער וועלט בליִען עקאָנאָמיש, און אַפילו אין מזרח־אייראָפּע לײַדן ניט יידן פון הונגער און לעבן ניט אין אַזאַ דלות, ווי זיי האָבן געלעבט אין די פריִערדיקע יאָרצענדליקער. דאָס יידישע לעבן אין דער פילפאַרביקער געזעלשאַפטלעכקייט פון דער פרייער וועלט שפּרודלט מיט אַקטיוויזם, איז רייך מיט אינסטיטוציעס

און אָרגאַניזאַציעס. און אַחוץ דעם אַלעם האָט אונדזער דור דערלעבט די פאַרווירקלעכונג פונעם חלום זינט הונדערטער יאָרן — עס איז געבוירן געוואָרן די יידישע מדינה, וואָס אַנטוויקלט זיך און פאַרנעמט איר געהעריקן פּלאַץ אין דער משפּחה פון די פעלקער. אויפן ערשטן בליק ווייזט דאָס אַלץ, אַז פּאַקטיש עקזיסטירט מער ניט קיין יידן־פּראַגע, אַז אונדזער קיום איז געזיכערט און מען דאַרף מער ניט זאָרגן פאַר אונדזער צוקונפט.

אין דער אמתן הערשט טאָקע אַזאַ מין געפיל ביי זייער אַ גרויסן טייל, אויב ניט ביי דער מערהייט פון דעם יידישן פאָלק אין דער וועלט. צו אונדזער באַדויערן, איז די ווירקלעכקייט פון די אינערלעכע און דרויסנ־דיקע כוחות, וועלכע באַשטימען די אַנטוויקלונג פון דעם יידישן לעבן, גאַנץ ווייט פון אָפּשפּיגלען ריכטיק דעם כלומרשטן גלענצנדיקן אויסזען. עס עקזיסטירן גרויסע כוחות, וועלכע ווירקן אינעם אַלגעמיינעם קלימאַט פון דער היינטיקער וועלט, און עס עקזיסטירן נאָך שטאַרקערע כוחות אינעווייניק, וועלכע באַשווערן וואָס ווייטער אַלץ מערער אונדזער עקזיסטענץ.

מיר לעבן אינעם 20סטן יאָרהונדערט, וועלכער איז דער שווערסטער אין דער מענטשלעכער געשיכטע, און איז פול מיט קאַלאָסאַלע סאָציאַלע קאָנפליקטן און מיט געראַנגל צווישן פּאָליטישע כוחות. הונדערטער מיליאָנען מענטשן זיינען אונטערדריקט און ליידן שוין זינט הונדערטער יאָרן איבער דער דיפערענץ צווישן רייכע און אָרעמע, צווישן די, וואָס פאַרמאָגן אַ סך און יענע, וואָס פאַרמאָגן גאָרניט, און זיי שטרעבן צו באַקומען זייער חלק אין די אוצרות פון דער וועלט. דאָס שאַפט אַ סיטו־אַציע פון ערב רעוואָלוציע אין אַ גרויסן טייל פון דעם ערד־קיילעך. דאָס אַלץ קומט פאָר אויף דער קאַנווע פון אַ דראָענדיקער אַטאָם־מלחמה, וואָס קען מאַכן אַ סוף צו אונדזער ציוויליזאַציע. פון איר נאַטור איז עס אַן אַכזריותדיקע, געשפּאַנטע און אומטאָלעראַנטע עפּאָכע, וועלכע לייגט ניט קיין שום אַכט אויף די באַזונדערע באַדערפעניש פון מינדערהייטן, בפרט פון אַזאַ אייגנאַרטיקער מינדערהייט, ווי עס איז דאָס יידישע פאָלק.

אין דער זעלבער צייט איז דער צוואַנציקסטער יאָרהונדערט אונטערגע־וואָרפן דער סוווערענישקייט פון דער אויפשטייגנדיקער מדינה־קראַפט דורך דעם, וואָס זי מישט זיך אַריין אינעם לעבן פון יעדער גרופּע און פאָדערט עקסקלוזיווע און אַבסאָלוטע לאָיאַלקייט פון אירע בירגער כלפּי

זיך, און דערלאָזט ניט, אַז מינדערהייטן זאָלן אַנטוויקלען די פּאַר זיי נויטווענדיקע באַדינגונגען. באַזונדערס דערלאָזט ניט די דאָזיקע מדינה־קראַפט, אַז די יידישע מינדערהייט זאָל קענען אויפהאַלטן און אַנטוויקלען איר אידענטיטעט.

די ערשטראַנגיקע פראַגע פון יידישן לעבן אין גלות, די עקזיסטענץ פון דריי מיליאָן יידן אין ראַטן־פאַרבאַנד, איז דער דראַמאַטישסטער ביי־שפּיל פאַר אָט דער טענדענץ מצד אַ גרויסמאַכט, וואָס פאַרפאָלגט ניט אירע יידן אינעם קאָנווענציאָנעלן אַנטיסעמיטישן זין, נאָר גיט זיי ניט דאָס רעכט צו פירן זייער אייגן לעבן אין רעליגיעזער, נאַציאָנאַלער און קולטורעלער הינזיכט, און אַנערקענט ניט זייער רעכט אויפצוהאַלטן זייער יידישע אידענטיטעט. ענלעכע טענדענצן, וואָס ווערן אויסגעפּירט מיט ווייניקער אַכזריותדיקייט, עקזיסטירן אויך אין אַנדערע לענדער, ווו דער קאָנטאַקט צווישן די יידישע קהילות און די אַנדערע טיילן פון דעם יידישן פאָלק ווערט באַטראַכט פאַר ניט פּאַטריאָטיש. פאַראַן ניט ווייניק לענדער, ווו די עקזיסטענץ פון באַזונדערע יידישע אינסטיטוציעס, אויסער רע־ליגיעזע, ווערט באַטראַכט פאַר ניט געוווּנטשן. עס זיינען פאַראַן דע־מאַגאָגישע כוחות, וועלכע ווערן לעצטנס אינטענסיוו געשטיצט דורך דער אַראַבישער פּראָפּאַגאַנדע, און זיי לאָזן ניט די יידישע קהילות אָנ־צוהאַלטן אַן עמאָציאָנעלע און גייסטיקע פאַרבינדונג מיט מדינת ישראל. אָט די אַלע כוחות פון דרויסן מאַכן אַלץ שווערער אונדזער קיום ווי אַ סעפּאַראַטע גרופּע. זיי ווערן געשטאַרקט דורך די טענדענצן, וואָס שווימען אַרויס פון דער אינערלעכער לאַגע אינעם יידישן לעבן און שטעלן־אויס אַלץ מערער אונדזער צוקונפט אויף אַ געפאַר.

אין משך פון הונדערטער יאָרן אין גלות האָט אונדזער פאָלק באַוויזן צו עקזיסטירן, ווייל אונדז איז געלונגען צו אַנטוויקלען און אויפצוהאַלטן אַן אייגענע לעבנס־פאָרעם, אַן אייגענעם לעבנס־שטייגער, וואָס איז געווען באַזירט אויף דעם גרויסן כוח פון דער רעליגיעזער הלכה, וועלכע האָט רעגולירט דאָס קאָלעקטיווע און אינדיווידועלע יידיש לעבן אויף יעדן געביט. מיר האָבן אַלץ איבערגעלעבט און מיר עקזיסטירן — איך דערלויב זיך דאָ צו ציטירן היינעס באַקאַנטע פאָרמול — אָן אַ קאָנקרעטן היימלאַנד, ווייל די תורה און אונדזער לעבנס־שטייגער זיינען פאַר אונדז געווען „דאָס באַוועגלעכע היימלאַנד".

דאָס דאָזיקע „באַוועגלעכע היימלאַנד" האָבן מיר מיטגענומען מיט זיך

אומעטום וווהין מיר זיינען געגאַנגען און ווו מיר האָבן געבויט אונדזערע פּראָוויזאָרישע היימען. אָבער זינט דער עמאַנציפּאַציע איז די דאָזיקע לעבנס־פאָרעם אונטערגעגאַנגען. מיר זיינען געוואָרן אַן אינטעגראַלער טייל פונעם לעבן פון די אַנדערע פעלקער און אַזוי אַרום האָבן מיר פאַרלאָרן די הויפּט־באַזע פאַר אונדזער סעפּאַראַטן קיום. דער דאָזיקער פּראָצעס איז שטאַרק פאַרשנעלערט געוואָרן און כמעט דערגאַנצט געוואָרן דורך דער טראַגעדיע אין די היטלער־יאָרן, דורך דער פולשטענדיקער פאַרניכטונג פון די גרויסע יידישע קהילות אין פוילן, אונגאַרן, רומעניע און דייטשלאַנד — די גרויסע פעסטונגען פון יידישן לעבן, וואָס האָבן געשאַפן כמעט אַלע אידעאַלן און געדאַנקען, אויף וועלכע עס שטיצט זיך דאָס יידישע לעבן היינט צו טאָג און וועלכע האָבן מער־ווייניקער גאַראַנטירט אונדזער עקזיסטענץ. אין רעזולטאַט דערפון לעבן מיר איצט אין אַ צייט, ווען אַ זייער גרויסער טייל פון אונדזער פאָלק, און באַזונדערס דער יונגער דור, איז באַדראָט דורך אַ נאָמענלאָזן פּראָצעס פון סאָציאַלער עראָזיע, פון אינערלעכער אויסליידיקונג אין יידישן זין, ניט ווי אַ באַוווסטזיניקע טעאָריע אָדער אידעאָלאָגיע, נאָר דורך די פאַקטן פון דעם טאָג־טעגלעכן לעבן, ווייל עס פעלט די אָריענטירונג, וואָס זאָל דערוועקן יידישן באַוווסטזיין און קלאָר מאַכן פאַר יעדן ייד פאַר וואָס ער דאַרף בלייבן אַ ייד. אויב דער דאָזיקער פּראָצעס וועט ניט אָפּגעשטעלט ווערן, וועט ער באַדראָען דעם יידישן קיום מערער, ווי עס האָבן אים באַדראָט ווען־עס־איז די פאַרפאָלגונגען, די אינקוויזיציע, די פּאָגראָמען און די מאַסן־פאַרניכטונג פון יידן. דער פאַקט, וואָס די דאָזיקע דערשיינונגען זיינען ניט בולט און ניט דראַמאַטיש און רופן ניט אַרויס אונדזער קעגנערשאַפט, אָדער אַ געפיל פון סאָלידאַרישקייט און פּראָטעסט — פאַרשטאַרקט נאָך מערער די שטאַרקייט פון אָט דער געפאַר.

די דאָזיקע פאַקטן זאָגן קלאָר, אַז די הנחה, לויט וועלכער דער מדינה־אויפקום האָט געלייזט די יידן־פראַגע, און אַז זינט די מדינה עקזיסטירט איז אונדזער קיום מער ניט באַדראָט — די דאָזיקע הנחה איז היינט אַ זייער געפערלעכע אילוזיע. מיט איר עצם עקזיסטענץ אַליין איז די מדינה נאָך ניט קיין גאַראַנטיע פאַר דעם יידישן קיום. זי קען און מוז ווערן דער הויפּט־אינסטרומענט פאַר זיכערן אונדזער צוקונפט, נאָר דעמאָלט, ווען מיר וועלן זיך באַנוצן מיט איר, ווי מיט אַ קוואַל פון נייע אינספּיראַציעס און אַרויספאָדערונגען.

דאָס איז די גרויסע אויפגאַבע, וואָס וועט כאַראַקטעריזירן דעם נייעם קאַפּיטל אין דער ציוניסטישער געשיכטע. די אויפגאַבע האָט ניט קיין פּרעצעדענסן, פון וועלכע מיר זאָלן קענען לערנען, ווי אַזוי די אַרבעט צו טאָן. פון אַנדערע פעלקער און לענדער האָבן מיר געקענט לערנען ווי אַזוי אויפצושטעלן אַ מדינה, ווי אַזוי צו אָרגאַניזירן אַן אַרמיי, ווי אַזוי צו בויען אַ נאַציאָנאַלע ווירטשאַפט, אָבער מיר האָבן ניט קיין שום פּאַראַלעלן ביישפּיל אין לעבן פון אַנדערע פעלקער, און מיר קענען פון זיי ניט לערנען, ווי אַזוי צו לייזן דאָס ספּעציפישע פּראָבלעם פון יידישן קיום אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, ווי אַזוי צו זיכערן די עקזיסטענץ פון אַ פאָלק אין אַזאַ געפערלעכן קלימאַט, אין אַ סיטואַציע, ווען בלויז 15% פון דעם פאָלק לעבן אין זיין לאַנד, בעת די איבעריקע 85% זיינען צעזייט און צעשפּרייט איבער דער גאַרער וועלט. אמת, פאַראַן אויך אַנדערע פעלקער, וואָס האָבן גרויסע מינאָריטעטן מחוץ פון זייערע היימלענדער, ווי, למשל, די דייטשן, איטאַליענער, אירלענדער א״אַ, אָבער די דאָזיקע מינאָריטעטן באַטרעפן בלויז אַ קליינעם פּראָצענט פון די דערמאָנטע פעלקער און זייער לאָיאַלקייט כלפּי דעם היימלאַנד איז ניט אַזוי דעצידירנדיק פאַר דער צוקונפט פון די דאָזיקע פעלקער. אָבער די מערהייט פון אונדזער פאָלק לעבט מחוץ מדינת ישראל און מיר דאַרפן טאָן אַלץ, וואָס עס איז מעגלעך כדי צו פאַרברייטערן די עליה און צו ענדערן די פּראָפּאָרץ, וועלכע איז ניט דערלאָזבאַר און ניט באַרעכטיקט — אַז בלויז 15% פונעם פאָלק זאָלן לעבן אינעם אייגענעם לאַנד. היות ווי מיר זיינען רעאַליסטיש, דאַרפן מיר פאַרשטיין, אַז וויינקסטנס אין משך פון אַ דור וועט די מערהייט פון אונדזער פאָלק געוויס נאָך לעבן מחוץ מדינת ישראל, און אויב די מערהייט וועט איבעררייסן אירע פאַרבינדונגען מיט דער מינדערהייט, וואָס לעבט אין דער מדינה, וועט עס זיין אַן אומגליק פאַר ביידע צדדים, פאַר ביידע טיילן פון דעם פאָלק, און קיינער וועט ניט קענען באַהערפן, פאַר וועלכן טייל דאָס אומגליק וועט זיין גרעסער.

די גרויסע היסטאָרישע אויפגאַבע פון דעם ציוניזם אינעם דאָזיקן דריטן און אַנטשיידנדיקן קאַפּיטל פון זיין געשיכטע, וואָס וועט געבן אַ היסטאָרישן זין אויך פאַר די צוויי ערשטע קאַפּיטלען, איז — צו מאַכן פון דער מדינה אַ הויפּט־אינסטרומענט פאַרן יידישן לעבן אומעטום, וואָס גאַראַנטירט דעם קיום פון די יידישע קהילות אין גייסטיק־קולטורעלער הינזיכט.

אויב מיר ווילן פרעגן זיך אַליין, וועלכע הויפּט־כּוחות, וועלכע הויפּט־קוואַלן פון כוח שטייען צו אונדזער דיספּאָזיציע, כדי צו באַאיינפלוסן דאָס יידישע פאָלק אין גלות, און צו ווירקן באַזונדערס אויף דעם יונגן דור, ער זאָל בלייבן טריי זיין פאָלק און זיך אַנטקעגנשטעלן די נאַטיר־לעכע אַסימילאַציע־שטרעמונגען — ווילן מיר דאַן געפינען, אַז עס עקזיס־טירן דריי אַזעלכע כוחות:

דער ערשטער כוח איז — צו קענען די אייגנאַרטיקע יידישע געשיכטע און דעם גורל פון אונדזער פאָלק, ווי אַ קוואַל, פון וועלכן יידן דאַרפן און קענען שעפּן שטאָלץ און זייער האַרטנעקיקן באַשלוס צו בלייבן יידן און פאַרצוזעצן אונדזער גרויסע נאַציאָנאַלע ירושה. דאָס שטאָלצירן מיט דער געשיכטע און מיט די דערגרייכונגען פון דעם פאָלק איז דער נאַטירלעכער הויפּט־קוואַל פון נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין און פון פילן צוגע־העריקייט צום פאָלק ביי יעדער יונגער גענעראַציע. אַזוי וועט עס געוויס זיין אויך מיט דער יידישער יוגנט, ווען זי וועט זיך באַקענען מיט אונדזער אייגנאַרטיקער פאַרגאַנגענהייט, מיט אונדזערע ליידן, העראָיזם און מיט אונדזער קאָלאָסאַלן ביישטײַער צו אַלע געביטן פון דער מענטשלעכער ציוויליזאַציע.

דער צווייטער וועג איז — צו שטאַרקן ווי ווייט מעגלעך אַלע ספּע־ציפישע פאָרמען פון יידישן, אינדיווידועלן, פאַמיליע־ און קהילה־לעבן. אין גלות קומט עס צום אויסדרוק אין אַ שטאַרקער מאָס אין דער רע־ליגיעזער פאָרעם פון יידישן לעבן. עס וואָלט געווען ניט רעאַל און נאַיוו ניט צו פאַרשטיין און ניט צו אַנערקענען די קאָלאָסאַלע ראָלע, וואָס די יידישע רעליגיע האָט געשפּילט אין אונדזער געשיכטע ביים פאַרזיכערן אונדזער קיום, ווי אויך איר ראָלע היינט־צו־טאָג, טראָץ דעם, וואָס ביי אַ גרויסן טייל פון אונדזער פאָלק פאַרנעמט זי איצט אַ סך אַ שוואַכערע פּאָזיציע, ווי אין די אַמאָליקע צייטן. דער בית־הכנסת איז איינע פון די הויפּט־פּאָזיציעס אינעם יידישן קהילה־לעבן, וואָס היט אָפּ יידישע טראַדיציעס אין פאַרשיידענע פאָרמען און זיכערט אַזוי אָרום די יידישע אידענטיטעט. מיר זיינען באַקאַנט די שוועריקייטן אַנצווענדן דעם רעליגיעזן כוח, וועלכער פאָדערט אין גרונט רעליגיעזע אמונה און אַ באַזונדערע באַציִונג פון דעם יחיד, וועלכע מען קען אויף אים ניט אַרויפצווינגען, אָבער פאַר אַזאַ באַוועגונג, ווי אונדזערע, וואָס וויל שטאַרקן אַלע מיטלען, כדי צו זיכערן אונדזער קיום, קען דאָס ניט זיין קיין סיבה

פון ניט אָפּצושאַצן די גרויסע ראָלע פון דער יידישער רעליגיע אין זיכערן אונדזער קיום. מיר דאַרפן דערמוטיקן אַלע באַמיִונגען צו פאַרטיפן דעם דאָזיקן כוח. ניט דאָ איז דער פּלאַץ אויספירלעך צו באַהאַנדלען די ראָלע פון דער יידישער רעליגיע אינעם היינטיקן און מאָרגנדיקן יידישן לעבן, איך האַלט אָבער, אַז עס איז געקומען דער מאָמענט איבערצולאָזן די באַהאַנדלונג פון דער פראַגע בלויז אין די הענט פון די פאַרשיידענע רעליגיעזע גרופּן. די וויכטיקייט פון דעם עלעמענט דאַרפן אָנערקענען אויך יענע, וועלכע קענען ניט, צוליב זייער פּערזענלעכער פילאָזאָפיע, לעבן לויט דער רעליגיעזער טראַדיציע. די פראַגע, ווי אַזוי צו פאַר־וואַנדלען די רעליגיעזע פאָרעם פון דעם יידישן לעבן אַלץ מערער אין אַ קוואַל פון יידישן באַוווסטזיין, באַרירט דעם כלל ישראל און די גאַנצע ציוניסטישע באַוועגונג. רעליגיע אין יידישן לעבן איז שטענדיק געווען עפּעס אַנדערש ווי רעליגיע אינעם לעבן פון אַנדערע פעלקער. ס'איז דאָ אַ געפאַר, אַז רעליגיע אין יידישן לעבן זאָל באַשרענקט ווערן צו אַ מין יידישער קירכלעכער געמיינדע, צוליב דער אַסימילאַציע און דער נייגונג נאָכצוקאָפּירן די פעלקער צווישן וועלכע מיר לעבן. אַזאַ מין זאַך וואָלט געפעלשט און פאַרקריפּלט דעם אייגנאַרטיקן כאַראַקטער פון אונדזער פאָלק, וועלכער איז אַ סינטעז פון פאָלקישקייט מיט רע־ליגיעזיטעט, ווי אויך מיט אַנדערע אַספּעקטן פון אונדזער ספּעציפישן געשיכטלעכן מהות. מיר דאַרפן אָנהייבן לערנען די פולע באַדייטונג פון דער דאָזיקער אייגנאַרטיקער פאַרהעלטעניש צווישן פאָלק און רעליגיע אין אונדזער געשיכטע. דער בולטסטער ביישפּיל פאַר דעם איז דער פאַקט, וואָס אַפילו ביי דעם ניט־רעליגיעזן ייד איז קלאָר, אַז ווען אַ ייד פּרווּוט צו באַפרידיקן זיינע רעליגיעזע שטרעבונגען דורך דער קריסט־לעכער אמונה אָדער קירכע, און ער שמדט זיך, רייסט ער דורך דעם איבער אַבסאָלוט אַלע זיינע פאַרבינדונגען מיטן יידישן פאָלק.

ס'איז דעריבער געקומען די צייט, אַז מיר אַלע זאָלן באַהאַנדלען די דאָזיקע פּראָבלעמען. די פירער פון דעם יידישן רעליגיעזן לעבן דאַרפן זיין גרייט צו עפענען אַ דיאַלאָג פון היסטאָרישער וויכטיקייט, קודם־כל צווישן זיך אַליין און שפּעטער מיט אַלע טיילן פון יידישן פאָלק, כדי פון דאָס ניי צוצופּאַסן די ראָלע פון דער יידישער רעליגיע פאַר דער פאַרשטאַרקונג פון דער יידישער אידענטיטעט — צו די נייע באַדינגונגען פון דעם לעבן, אין וועלכע עס עקזיסטירן היינט יידישע קיבוצים.

דער דריטער און שטאַרקסטער כוח, וואָס קען העלפן זיכערן דעם ייִדישן קיום, איז ווי שוין געזאָגט — מדינת ישראל. זי איז אַ פּערמאַנענטער קוואַל פאַר גייסטיקן און עמאָציאָנעלן כוח לגבי ייִדן אומעטום. זי איז אַ קאָלאָסאַלער קוואַל פון שטאָלץ און אַרויספאָדערונג, ווי דאָס גרויסע בשותּפותדיקע ווערק, ניט נאָר פאַר אונדזער הײַנטיקן דור, נאָר אויך אינעם לעבן פון פאָלק אין די לעצטע 2000 יאָר. די מדינה פאַרמאָגט אַ ספּעציעלן רייץ פאַר דער יוגנט. דאָ ווערן זיי באַצויבערט דורך דעם פּרוּוו צו בויען, ניט נאָר אַ נײַע מדינה, נאָר אויך אַ נײַע געזעלשאַפט און צו אַנטוויקלען אַ נײַע ייִדישע ציוויליזאַציע. עס איז אונדזער אויפגאַבע אויסצוגעפינען די מעטאָדן, מיט וועלכע מיר זאָלן דערמעגלעכן פאַר יענע ייִדן, וואָס זײַנען ניט גרייט עולה צו זײַן, צוצולייגן אַ האַנט צו דער קאָלאָסאַלער שאַפונג און צו פאַרטיפן בײַ זיי דאָס געפיל, אַז זיי זײַנען "דזשוניאַר־שותּפים" צו דעם דאָזיקן בשותּפותדיקן אויפבוי־ווערק פון אונדזער פאָלק.

ניט אַרײַנלאָזנדיק זיך אינעם אויספירלעכן פּראָגראַם פון אונדזער אַרבעט אין גלות, וויל איך דאָ ווײַטער אויסרעכענען פאָלגנדיקע אויפגאַבן:

1. שטאַרקן דאָס געפיל און די איבערצײַגונג, אַז ייִדן זײַנען אַן אינטעגראַלער טייל פון איין פאָלק; באַזײַטיקן אַלע טענדענצן צו ייִדישער איזאָלאַציע, וועלכע קענען אומברענגען די קהילות, וואָס וועלן זיך אָפּזונדערן פון דעם אַנדערן טייל פון פאָלק, קעמפן פאַר דעם רעכט צו זײַן אַ טייל פון אַ וועלט־פאָלק; זיך פאַרבינדן און קאָאָפּערירן מיט אַלע אַנדערע ייִדישע קהילות אין דער וועלט.

2. באַקעמפן אַלע טענדענצן צוצונעמען בײַ ייִדישע יחידים און גרופּן דאָס רעכט צו זײַן גייסטיק און עמאָציאָנעל פאַרבונדן מיט ישראל; באַזײַטיקן די שרעק פאַר די דעמאַגאָגישע לאָזונגען פון דאָפּלטע לאָיאַליטעט. אָן דעם געדאַנק פון שיבת ציון און שיבת ישראל וואָלט ניט עקזיסטירט הײַנט־צו־טאָג קיין ייִדיש פאָלק אין דער וועלט און אָן דער דביקות לגבי ישראל וועט ניט זײַן קיין זיכערע ייִדישע צוקונפט אין גלות.

3. שאַפן אַ פאַרצווײַגטן ייִדישן שול־וועזן, שולן פאַר אַ גאַנצן טאָג לערנען, וווּ די העברעיִשע שפּראַך זאָל זײַן די צווייטע שפּראַך ניט נאָר פאַר די קינדער, נאָר אויך פאַר אַלע עלטערע ייִדן. די שולע זאָל אויסטרעטן דעם וועג פאַר אַן ענגער קאָאָפּעראַציע מיט דער נײַער ישראל־דיקער קולטור־שאַפונג.

4. אַנטוויקלען אַ פולן אַרבעטס־פּראָגראַם פאַר דער יידישער יוגנט, ניט אָנרירנדיק דעם חלוצישן גייסט, וועלכער וועט שטענדיק בלייבן איינער פון די קלאַסישע אידעאַלן פונעם ציוניזם. נאָר אַרומנעמען אַלע באַוועגונגען פון דער יידישער יוגנט, אויך ניט־ציוניסטישע און זיי באַאיינפלוסן צו גענִיסן פונעם גרויסן און נייעם אינספּיראַציע־קוואַל — פון מדינת ישראל. ווי איר וועט זיך דערוויסן פון די אויספירלעכע באַריכטן, האָבן מיר שוין גרויס דערפאָלג אויף דעם דאָזיקן געביט, אָבער מיר דאַרפן ווייטער ממשיך זיין די אַרבעט מיט אַ שטאַרקערער ענערגיע.

5. און צולעצט — מיר דאַרפן זיין מער אַקטיוו ווי אַן אָרגאַניזירטע ציוניסטישע באַוועגונג אינעם יידישן קהילה־לעבן. מיר דאַרפן אַריינדרינגען אין די קהילות, כדי דאָרט צו אַנטוויקלען אַ ישראלדיקן באַוווּסטזיין און פאַרטיפן ביי זיי דאָס געפיל פון צוגעהעריקייט צו איין פאָלק. מיר דאַרפן אַרויף אויף דער גלאָבאַל־יידישער אַרענע, און ענגער צוזאַמענצואַרבעטן מיט אַלוועלטלעכע יידישע אָרגאַניזאַציעס, באַזונדערס מיטן יידישן וועלט־קאָנגרעס, אָבער אויך מיט "קאָדזשאָ", מיטן וועלט־ראַט פאַרן יידישן חינוך און מיט ענלעכע אָרגאַניזאַציעס.

אַריינלאָזנדיק זיך אין אַזאַ אַרבעטס־פּראָגראַם, דאַרפן מיר ניט מורא האָבן, טאָמער וועט די ציוניסטישע באַוועגונג פאַרלירן איר ספּעציפישן כאַראַקטער. מיר האָבן קיין מאָל זיך ניט באַגנוגנט מיט זיין אַ קאַסטע און מיר האָבן זיך ניט באַגרענעצט בלויז צו איין אַספּעקט פון יידישן לעבן — צום קאַמף פאַר אַ יידיש־נאַציאָנאַלער היים. פון שטענדיק אָן האָבן מיר געפּרוּווט אַרומנעמען דאָס גאַנצע יידישע לעבן און עס ריכטן לויט ווי מיר, ציוניסטן, פאַרשטייען די באַדערפענישן פון יידישן פאָלק און ווי אַזוי צו זיכערן זיין נאַציאָנאַלע עקזיסטענץ. מיר דאַרפן פון דאָס ניי דעראָבערן די פּאָזיציע, וואָס מיר האָבן אַ מאָל געהאַט אין יידישן לעבן, ווי אַ חלוצישע באַוועגונג און ווי אַ צענטראַל־ריכטנדיקער כוח. דאָס איז ניט סתם אַ פּרווו צו פאַרשטאַרקן דעם ציוניסטישן כוח אין יידישן לעבן. להיפך, מיר דאַרפן זיין גרייט צו קאָאָפּטירן מיט אַלע יידישע באַוועגונגען און אָרגאַניזאַציעס, וועלכע ווילן עס, און צו אונדזער גליק האָבן מיר געמאַכט אַ קענטיקן פאַרשריט אויף דער דאָזיקער ליניע פון אונדזער פּאָליטיק.

די דאָזיקע באַמיִונגען דאַרפן זיין אַ צוגאָב צו די אָנשטרענגונגען, וואָס צילן צו פאַרשטאַרקן אונדזער אייגענע אָרגאַניזאַציע. אָבער גלייכצייטיק

דאַרפן מיר זיין איבערצייגט, אַז די געשיכטע באַאויפטראַגט די ציוניסטישע באַוועגונג אַרויסצוקומען מיט אַזאַ אַרבעטס־פּלאַן. עס איז ניט מער ווי אַן אילוזיע צו גלייבן, אַז אַנדערע יידישע אָרגאַניזאַציעס קענען עס טאָן אין דער זעלבער מאָס. די מערהייט פון יידישן פאָלק איז נאָך גאַנץ ווייט פון אָננעמען דעם שטאַנדפּונקט וועגן ישראל־צענטריזם אין יידישן לעבן. דער רוב פון יידישן פאָלק איז נאָך גאַנץ ווייט ניט איבערצייגט, אַז אַן ישראל איז די לאַגע פון וועלכער ניט איז קהילה אין דער וועלט אומ־זיכער און באַדראָט. דאָס אָננעמען דעם ישראל־צענטריזם מיט אַלע זיינע מסקנות איז דער קאָנקרעטער אויספּרווו ביים קלאַסיפיצירן ציוניסטן און ניט־ציוניסטן, און כל־זמן דאָס יידישע פאָלק אין אַלגעמיין האָט נאָך ניט איבערגענומען די דאָזיקע אויפפאַסונג, מוז מען האָבן אַ שטאַרקע און איינפלוסרייכע ציוניסטישע באַוועגונג.

מיין געפיל איז, אַז די אַלגעמיינע אַטמאָספער פאַר עפענען דעם דריטן קאַפּיטל פון אונדזער געשיכטע, איז היינט אַ בעסערע, ווי ווען עס־איז פריִער. אין די יידישע קהילות אין גלות הייבט אָן צו פאַרשווינדן דאָס געפיל פון רויִקייט, און ווייניקסטנס צווישן די פירער פון די קהילות ווערט אַלץ טיפער די זאָרג פאַר דער צוקונפט פון יידישן קיום. וואָס מערער יידישע גרופּעס באַגרייפן, אַז די הויפּט־פראַגע אין יידישן לעבן היינט איז ניט פילאַנטראָפּיע און אויך ניט דער געוויינלעכער קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם, נאָר דער קאַמף קעגן דער געפאַר פון אַסימילאַציע און פאַר זיכערן די יידישקייט פון דעם יונגן דור.

וואָס שייך ישראל, הייבט מען אָן אויך דאָ צו פילן אַן ענדערונג אין דער אַטמאָספער און אין טראַכטן. ישראל קוקט היינט שוין ניט אויפן גלות ווי אויף אַן עקסקלוזיוון קוואַל פון הילף פאַר זיך. ישראל הייבט אָן צו פאַרשטיין, אַז אָן אַ שטאַרקן יידנטום מחוץ דער מדינה — אַ יידנטום, וואָס זאָל זיך פילן פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער מדינה — איז דער גורל פון ישראל ווייט ניט זיכער. אָבער אַחוץ דעם דאָזיקן עגאָיִסטישן צוגאַנג הייבט אָן ישראל אַלץ מערער צו פאַרשטיין, אַז גענוי ווי דער גלות דאַרף זיין מיטפאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער צוקונפט פון דער מדינה, אַזוי דאַרף די מדינה פילן אַ מיט־אַחריות פאַר דער צוקונפט פון די יידישע קיבוצים אומעטום.

דאָ קומען מיר צו די צוויי באַדינגונגען, וועלכע מען מוז דערפילן כדי דערמעגלעכן דעם אַריינטריט פון דער באַוועגונג אין נייעם קאַפּיטל.

דער ערשטער באַדינג איז — פולע קאָאָפּעראַציע מיט ישראל. בלויז ווען הינטער אונדז וועט שטיין די פולע אויטאָריטעט פון דער מדינה און ווען אַלע אירע קוואַלן און כוחות, די אינטעלעקטועלע און מאָראַלישע, וועלן זיין מאָביליזירט פאַר דעם צוועק, וועלן מיר קענען רעאַליזירן דעם פּלאַן, וואָס באַזירט זיך אויף גאָר ענגע פאַרבינדונגען צווישן דעם יידישן גלות און ישראל. איך קען מיט פרייד דערקלערן, אַז איך בין איבערצייגט, אַז ישראל, אַזוי ווי זי איז היינט רעפּרעזענטירט דורך דער כנסת און דער רעגירונג, איז גרייט צו אַזאַ קאָאָפּעראַציע מערער ווי ווען־עס־איז פריער. אין עטלעכע טעג אַרום וועט איר הערן די פאָרשטייער פון דער ישראל־רעגירונג, וועלכע וועלן דאָ ברענגען ווייט־גייענדיקע פּלענער בנוגע קאָאָפּעראַציע. די פּלענער זיינען אויסגעאַרבעט געוואָרן דורך דער רעגירונג אין איינעם מיט דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע.

אין צוזאַמענהאַנג דערמיט דריק איך אויס מיט פאַרגעניגן אונדזער טיפע אָנערקענונג דער איצטיקער ישראל־רעגירונג און איר פּרעמיער, אונדזער פריינד און קאָלעגע לוי אשכול, פאַר דעם נייעם גייסט פון פאַרשטענדעניש פאַר דער ציוניסטישער באַוועגונג און פאַר דער גרייטקייט צו שטיצן אונדזערע אָנשטרענגונגען, שטעלנדיק צו אונדזער דיספּאָזיציע דעם גרויסן פּרעסטיזש און די הויכע אויטאָריטעט, וועלכע די מדינה פאַרמאָגט אינעם יידישן לעבן.

דער צווייטער באַדינג הענגט אָפּ אויסשליסלעך פון אונדז. אויב די ציוניסטן אַליין וועלן ניט זיין איבערצייגט, אַז זיי דאַרפן דורכפירן די דאָזיקע אויפגאַבע, וועלכע קען זיין דעצידירנדיק פאַר דעם קיום פון אונדזער פאָלק — וועלן מיר ניט קענען זיכערן דעם דערפאָלג פאַר אונדזערע נייע אָנשטרענגונגען. די ציוניסטישע באַוועגונג און איר איינצלנע מיטגלידער מוזן זיך דורכנעמען מיט דעם נייעם גייסט לגבי די היסטאָרישע אויפגאַבן און מיט דעם באַנייטן ציוניסטישן פּאַטריאָטיזם. די באַוועגונג דאַרף ברייט אויפעפענען אירע טויערן און גערן אַריינעמען יעדע אָרגאַניזאַציע און יעדן יחיד, וואָס איז גרייט אָנצונעמען דאָס ציוניסטישע פּראָגראַם און וויל ניט זיך אָנשליסן צו איינער פון די עקזיסטירנדיקע פּאַרטייען. עס איז שוין פון לאַנג געקומען די צייט פאַר אַזאַ רעפאָרם, און אויב די פּאַרטייען וועלן ניט זיין גרייט צו פאַרציכטן אויף זייער עקסקלוזיווער פּאָזיציע, אָדער וויניקסטנס זיך טיילן מיט נייע עלעמענטן און גרופּעס, וועלן זיי אַפילו ניט קענען צוטרעטן צו זייער

עקספּאַנסיון פּלאַן צו ווערן פון דאָס ניי דער הויפּט־חלוצישער כוח אין יידישן גלות־לעבן. פאַראַן סימנים, אַז די פּאַרטייען הייבן אָן צו באַוועגן אין דער דאָזיקער ריכטונג און זיינען גרייט ערנסט צו באַטראַכטן דעם פּלאַן וועגן אויסברייטערן די סטרוקטור פון דער ציוניסטישער באַוועגונג און צולאָזן פּערזענלעכקייטן און גרופּעס, וועלכע ווילן אויף אַ לעגיטימען אופן פאַרנעמען זייער פּלאַץ.

אין סך־הכל: די גרויסע און עיקרדיקע אויפגאַבע פון דעם 26סטן קאָנגרעס איז — אַריינצוהויכן אין אונדזער פאָלק אַ נייעם גייסט. עס הערשט אַ צו־גרויסע זעלבסטצופרידנקייט, זעלבסטזיכערקייט און רויִקייט, וועלכע זיינען ניט באַרעכטיקט, ניט אין גלות און ניט אין ישראל. דער אַנטשיידנדיקער פראָנט פונעם פאָלק, אויף וועלכן זיין גורל וועט באַשטימט ווערן, איז ניט דער פּאָליטישער, מיליטערישער און עקאָנאָמישער פראָנט, נאָר דער גייסטיק־פּסיכאָלאָגישער פראָנט. מען קען ניט אומ־ברענגען פעלקער וועלכע קעמפן. נאָר פעלקער וואָס קאַפּיטולירן פאַר פיינטלעכע כוחות, וואָס פאַרלירן דעם גלויבן אין זייער צוקונפט, וואָס זיינען צו שוואַך און צו רויִק, כדי צו פאַרטיידיקן זיך — נאָר אַזעלכע פעלקער זיינען אין דער געשיכטע באַזיגט געוואָרן. דער אמתער אויס־פּרוּוו פאַר אונדזער עקזיסטענץ־מעגלעכקייט איז אונדזער פּסיכאָלאָגישער צוגאַנג, אונדזער גייסט.

אין משך פון הונדערטער יאָרן האָבן מיר געלעבט ווי אַ נאָנקאָנ־פאָרמיסטיש פאָלק. ווי אַ פאַרפאָלגטע מינדערהייט, האָבן מיר זיך קעגנגעשטעלט קאָלאָסאַלע מערהייט־כוחות, האָבן מיר זיך אָפּגע־זאָגט אויפצוגעבן אונדזערע אידעען און אויפפאַסונגען, און מיר האָבן אָנגעהאַלטן אונדזער אידענטיטעט קעגן אַלע קאָנווענציאָנעלע געזעצן פון היסטאָרישער עוואָלוציע. עס איז שטענדיק געווען שווער צו זיין אַ ייד, צו זיין אַ ציוניסט. אין דער גרויסער קלאַסישער עפּאָכע פון אונדזער באַוועגונג זיינען מיר געווען אַ מינדערהייט, וואָס האָט געקעמפט קעגן אַ יידישער מערהייט, וועלכע האָט אונדז אויסגעלאַכט, ניט געוואָלט זיך באַציִען צו אונדז ערנסט און געטענהט, אַז מיר שטעלן אויס אויף אַ געפאַר זייער רויִקייט. היינט לעבן מיר אין אַ שטימונג, ווען מען פּרוּווט אַלץ צו מאַכן לייכט: סאיז לייכט צו זיין אַ ייד, ס'איז לייכט צו זיין אַ ציוניסט, ס'איז לייכט צו זיין אַ ישראל־בירגער. הלוואי וואָלטן מיר געקענט גיין מיטן לייכטן וועג. דאָס קומט אונדז טאַקע — נאָך הונ־

דערטער יאָרן פון ליידן און קאַטאַסטראָפעס, אָבער דער מאָמענט דערצו איז נאָך ניט געקומען. אויב מיר וועלן ניט אַריינברענגען פון דאָס ניי אין אונדזער פאָלק און אין אונדזער באַוועגונג דעם קלאַסישן גייסט פון נאָנקאָנפאָרמיזם, פון גלויבן, פון מוטיקייט און גרייטקייט צו קעמפן — דראָט אַ געפאַר פאַר אונדזער צוקונפט.

מיר זיינען אַן אייגנאַרטיק פאָלק אין דער מענטשלעכער געשיכטע. מיר זיינען געוואָרן אַ פאָלק ניט דורך אַ רעאַליטעט, נאָר דורך אַן אידעע, דורך אַ בונד צווישן גאָט און אברהם אבינו, דורך דער תורה, וואָס איז געגעבן געוואָרן צו משה רבנו. אין דער ערשטער סטאַדיע פון אונדזער עקזיסטענץ, ווי אַ פאָלק, האָבן מיר שוין געהאַט אַן אידעע, אַ שטרעבונג, אַ גלויבן. דאָס זעלבע איז ריכטיק לגבי מדינת ישראל. זי איז אויפֿגעקומען ניט ווי אַלע אַנדערע מדינות — פון אַ ווירקלעכקייט, אין וועלכער עס לעבט אַ פאָלק אין זיין אייגענעם לאַנד, וואָס איז אונטערדריקט דורך אַ פרעמדער גרויסמאַכט, האָט זיך באַפרייט פון פרעמדער פאַרשקלאַפונג און פּראָקלאַמירט זיין זעלבשטענדיקייט. די ציוניסטישע באַוועגונג און איר קינד, די מדינה, האָבן זיך אָנגעהויבן פון אַ חלום, פון אַ וויזיע, און די ביידע האָבן געבראַכט די ווירקלעכקייט, וועלכע הייסט היינט מדינת ישראל.

פעלקער און באַוועגונגען לעבן שטענדיק לויט געזעצן, וועלכע האָבן באַשטימט זייער אָנהייב און זייער געשיכטע. לויט די קאָנווענציאָנעלע געזעצן פון דער געשיכטע, וואָלטן מיר שוין ניט געדאַרפט עקזיסטירן מיט הונדערטער יאָרן צוריק. מיר האָבן עקזיסטירט, ניט אַ דאַנק אונדזער ווירקלעכקייט אין גלות, נאָר אַ דאַנק אונדזערע שטרעבונגען, חלומות און וויזיעס. מיר טאָרן ניט פאַרגעסן דעם דאָזיקן גרויסן און דעצידירנדיקן געזעץ פון אונדזער היסטאָרישן קיום. פאַר דעם היינטיקן יידישן דור איז ניטאָ קיין וויכטיקערע זאַך, ווי דאָס צוריקקערן זיך צו די קלאַסישע אידעאַלן פון אונדזער באַוועגונג, צו אונדזער פּאָזיציע, ווי אַ קעמפערישע מינדערהייט, ווי אַ נאָנקאָנפאָרמיסטישע גרופּע, וואָס איז גרייט צו ברענגען קרבנות, וואָס האָט באַשלאָסן ניט צו קאַפּיטולירן און ניט מוותר צו זיין אויף איר נאַציאָנאַלן קיום.

קודם־כל דאַרף די ציוניסטישע באַוועגונג ווערן דורכגענומען מיט אַזאַ גייסט. אויב דאָס וועט אונדז געלינגען, וועלן מיר ערשט דעמאָלט קענען ווערן די פירערשאַפט, וואָס וועט פאַרוואַנדלען מדינת ישראל אין דעם

שטאַרקסטן אינסטרומענט פֿאַר דעם יידישן קיום, און מיר וועלן קענען דערפֿאָלגרייך אַריינטרעטן אין דעם נייעם קאַפּיטל פֿון אונדזער געשיכטע, פּונקט ווי מיר האָבן געהאַט דערפֿאָלג מיט די צוויי ערשטע קאַפּיטלען, וואָס זיינען באַקרוינט געוואָרן מיט דער פּראַקטישער דערגרייכונג פֿון מדינת ישראל.

איך פֿאַרענדיק מיט אַ שטאַרקער האָפֿענונג און מיט אַ תפילה, אַז די דעלעגאַטן פֿון דעם קאָנגרעס זאָלן באַגרייפֿן די קאָלאָסאַלע אויפֿגאַבן, וואָס שטייען פֿאַר זיי און זיי זאָלן מקיים־זיין הלכה למעשה, אין זייערע באַהאַנדלונגען און רעזאָלוציעס, די היסטאָרישע באַדייטונג פֿון די פֿליכטן צו זיכערן די צוקונפֿט פֿון מדינת ישראל און די צוקונפֿט פֿון אונדזער פֿאָלק אומעטום.

אויפֿן 26סטן ציוניסטישן קאָנגרעס, ירושלים, 1964

# ציוניזם אין אונדזער דור

די איצטיקע סעסיע פון ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט איז אַ המשך פון לעצטן ציוניסטישן קאָנגרעס. דער אַקציאָנס־קאָמיטעט האָט באַקומען די פולמאַכט צו דערפילן די הויפּט־פונקציע פונעם קאָנגרעס — אויסצו־קלייבן די עקזעקוטיווע. איך האָף, אַז דער אויסוואַל וועט דאָס מאָל האָבן אַ באַזונדערע באַדייטונג, ווייל צום ערשטן מאָל וועט מען קלייבן אין דער עקזעקוטיווע ציוניסטישע פירערס, וועלכע געהערן ניט צו קיין שום ציוניסטישער פּאַרטיי. דאָס איז אַן אָנדייט אויף אַן אָנהייב, וואָס פירט צו אַ גרינטלעכער ענדערונג אין דער סטרוקטור פון דער באַוועגונג, און איך האָף, אַז נאָך דעם, ווי די רעאָרגאַניזאַציע־קאָמיסיע וועט פאַר־ענדיקן איר אַרבעט, וועט דער פאַקט ברענגען ווייטגייענדיקע רעזולטאַטן.

ווי באַקאַנט, האָט דער לעצטער קאָנגרעס געוואָרפן דעם לאָזונג "מיטן פּנים צום גלות!" דער לאָזונג איז געווען אַ געוועכטער, מען דאַרף אָבער באַזייטיקן מיספאַרשטענדענישן און ניטריכטיקע אויסטייטשונגען. דער לאָזונג מיינט ניט, אַז מיר זאָלן ווייניקער זיך אינטערעסירן און אָפּשוואַכן אונדזער אחריות פאַרן אויפבוי פון ישראל, וואָס איז איינער פון די פונדאַמענטאַלע פונקציעס פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. דער זין פון דעם לאָזונג איז, אַז אין איינעם מיט אונדזער קאָאָפּעראַציע מיט דער ישראל־רעגירונג אינעם אויפבוי פון לאַנד, דאַרף די ציוניסטישע באַוועגונג אָפּגעבן אַלץ מער אויפמערקזאַמקייט פאַר דער זיכערונג פונעם יידישן קיום אין די גלות־לענדער, פאַר אויסנוצן די נייע ווערטן און די נייע קולטור, וואָס ווערן געשאַפן אין ישראל, לטובת דער דאָזיקער אויפגאַבע און באַרעכטיקן די עקזיסטענץ־באַגרינדונג פון ישראל, וואָס דריקט זיך אויס ניט בלויז אין דעם עצם קיום פון דער מדינה, נאָר אויך אין איר פעיִקייט צו זיין דער הויפּט־אינסטרומענט, וואָס העלפט דעם יידישן קיום און גאַראַנטירט זיין המשך.

פון טאָג צו טאָג ווערט אַלץ דרינגענדיקער די פראַגע פון זיכערן די

יידישע אידענטיטעט און די קרעאַטיווע צוקונפט פון די יידישע קיבוצים אין דער וועלט, וועלכע לעבן אין זייער מערהייט אין גלות און טראָגן אַלע באַמיִונגען צו פאַרגרעסערן די עליה אויך פון די וווילשטאַנד־לענדער, וועלן זיי אויך ווייטער, אין דער נאָענטער צוקונפט, בלייבן אין גלות.

אַלע פאַקטן און פאַרשונגען, וואָס האָבן צו טאָן מיט דער אינערלעכער לאַגע פון די יידישע קהילות, אין מזרח־ אָדער אין מערב־אייראָפּע, אין לאַטיין־אַמעריקע אָדער אין אַנדערע וועלט־טיילן, ווייזן אָן דערויף, אַז פון יאָר צו יאָר וואַקסן און ווערן טיפער די נייגונגען צו צעברעקלונג און צו אַסימילאַציע. מיין וואָרענונג, וואָס חזרט זיך שוין איבער עטלעכע מאָל, אַז די געפאַר פאַרן יידישן קיום אין רעזולטאַט פון דער יידישער אינטעגראַציע אינעם לעבן פון די אַרומיקע פעלקער, איז גרעסער פון יעדער אַנדערער סכנה מצד אויסלענדישע דראָונגען, ווי, למשל, דער אַנטיסעמיטיזם און די פאַרפאַלגונגען אין דער פאַרגאַנגענהייט — ווערט אַלץ מער אַקצעפּטירט דורך די פאַקטן, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט אונדזער לאַגע אין די גלות־לענדער.

אויך דאָ דאַרף איך באַטאָנען, אַז מען זאָל ניט פעלשן מיין וואָרענונג. איך זאָג ניט, אַז איך באַדויער די עצם־אינטעגראַציע פון די יידישע קיבוצים און די עמאַנציפּאַציע, פון וועלכער זיי געניסן, און אַז איך וואָלט וועלן, אַז דאָס יידישע פאָלק זאָל צוריקגיין צו זיין אָפּגעזונדערטן און סעפּאַרירטן לעבן אין געטאָ. כ׳האָב שטענדיק אונטערגעשטראָכן דעם פאַקט, אַז מען קען ניט צוריקדרייען היסטאָרישע פּראָצעסן, און אויב אונדז איז געלונגען צו זיגן אין דעם הונדערטיאָריקן קאַמף פאַר עמאַנציפּאַציע און גלייכבאַרעכטיקונג, וועט עס זיין ניט לאָגיש צו פּרווון צוריקצוגיין צו דער לאַגע פונעם יידישן געטאָ־לעבן. דאָך איז עס אונדזער פליכט זיך צו רעכענען מיט די אומפאַרמיידלעכע פאָלגן, וואָס דרינגען אַרויס פון דער אינטעגראַציע און פון דער פּערמאַנענטער געפאַר, אַז אַ גרויסער טייל פון די צוקונפטיקע דורות זאָל פאַרלירן זיין יידישן באַוווסטזיין און אידענטיטעט. אונדזער הייַנטיקער דור האָט ניט קיין גרעסער און ערנסטער פּראָבלעם, ווי דאָס דאָזיקע פּראָבלעם.

די, וועלכע לעבן אַ פולשטענדיק יידיש לעבן אין ישראל, קענען ניט לייכט פאַרשטיין די ערנסטקייט פון דער דראָונג. אָבער אַלע דורכגעפירטע פאָרשונגען, אַלע געזאַמלטע סטאַטיסטיקעס און אַלע איינדרוקן, וואָס באַקומען זיך ווען מען באַזוכט די יידישע קהילות, אַקצעפּטירן די

שאַרפקייט פון דער דאָזיקער טענדענץ, וועלכע מען קען גאָרניט איבער־טרייבן. דאָס אמתע היינטיקע פּראָבלעם פון צענדליקער טויזנטער יידישע אינטעלעקטואַלן און פון דעם גרעסטן טייל פון דער יידישער יוגנט, איז דאָס שאַפן אַרויספאָדערונגען און באַוועגנדיקע מאָטיוון, וועלכע זאָלן באַרעכטיקן אין זייערע אייגענע אויגן דעם פאַקט, וואָס זיי בלייבן יידן און אידענטיפיצירן זיך מיטן גורל פון יידישן פאָלק. די, וועלכע לעבן אין דער ראַם פון אָרטאָדאָקסישן יידנטום, האָבן אַן ענטפער אויף דער פראַגע, אָבער די מערהייט, וואָס לעבט ניט אין אַזאַ ראַם, האָט פאַר זיך די פולע ערנסטקייט פון דעם פּראָבלעם.

פון איין זייט — לעבן מיר אין אַן עפּאָכע פון מעכטיקע רעוואָלוציאָנערע ענדערונגען. דאָס איז אפשר די רעוואָלוציאָנערסטע עפּאָכע אין דער מענטש־לעכער געשיכטע, סיי וואָס איז נוגע דער ספּעציפישער געוויכט און אירע פּראָבלעמען, סיי וואָס איז שייך דעם פאַרנעם פון די רעוואָלוציאָנערע פּראָצעסן, וועלכע נעמען אַרום די גאַנצע מענטשהייט. אַזאַ עפּאָכע איז פון איר נאַטור פול מיט גרויסע אידעאַלן און אַרויספאָדערונגען, באַזונדערס פאַר יונגע מענטשן און אידעאַליסטן. די געפאַר פון אַן אַטאָם־מלחמה, די פראַגע פון זיכערן שלום פאַר דער מענטשהייט, דער קאַמף פון פאַר־שקלאַפטע פעלקער פאַר פרייהייט און זעלבשטענדיקייט, די אַלאַרם־פאָדערונג צו געבן גלייכע און פולע רעכט פאַר אונטערדריקטע מינאָרי־טעטן, ווי למשל די נעגערס אין אַמעריקע און אין אַנדערע וועלט־טיילן, די גרויסע סאָציאַלע פּראָבלעמען, וואָס זיינען אַרויפגעשוואומען אין רעזולטאַט פון דער קאָמוניסטישער רעוואָלוציע — די אַלע ענינים שאַפן אַרויספאָדערונגען, וועלכע ציִען נאַטירלעך צו די אויפמערקזאַמקייט פון דער מערהייט פון דער יידישער יוגנט און די אידעאַליסטישע עלעמענטן צווישן די יידישע אינטעלעקטואַלן.

פון דער אַנדערער זייט האָבן מיר דאָס יידישע לעבן אין זיין איצטיקער פאָרעם און כאַראַקטער, וואָס גיט ניט קיין ענלעכע אַרויספאָדערונגען און אָנרעגונגען. זינט די גרויסע יידישע צענטערס אין צענטראַל־ און מזרח־אייראָפּע זיינען אומגעבראַכט געוואָרן, און טויזנטער יידישע אינטעלעק־טואַלן און פּאָטענציעלע שאַפער פון נייע יידישע ווערטן זיינען אומגעקומען צווישן די זעקס מיליאָן קרבנות — איז דאָס יידישע לעבן געוואָרן אָרעם, וואָס איז נוגע אידעאַלן און אידעאַליסטישע לאָזונגען. אין זיין גרויסן טייל איז דאָס יידישע לעבן באַזירט אויף קאַמפּיינען און אויף אַ קאַמף

פאַר פרעסטיזש און פּאָזיציעס. אינטעלעקטואַלן ווערן דעריבער אַרויסגעשטויסן פון פירנדיקע פּאָזיציעס אין יידישן לעבן, ווייל דאָס דאָזיקע לעבן, אַזוי ווי עס איז, קען ניט קאָנקורירן מיט די קאָלאָסאַלע אָנרעגונגען, וועלכע די ניט יידישע וועלט גיט איצט פאַר די יידישע יוגנטלעכע. אויב מיר וועלן ניט באַוויזן צו ענדערן די סטרוקטור פון יידישן לעבן און זיין אויסזען דורך אַקטיוויזירן צענדליקער טויזנטער יידישע אינטעלעקטואַלן, וועלכע מיר פאַרמאָגן אין דער גאָרער וועלט; אויב מיר וועלן ניט באַוויזן צו געבן דעם יידישן פאָלק אַ באַנייטן הומאַניסטישן און אידעאַליסטישן כאַראַקטער, ווי ער האָט עס געהאַט אין דער פאַרגאַנגענהייט, און אים פאַרוואַנדלען אין אַ שותף צום קאַמף פאַר גלייכע רעכט און סאָציאַלער גערעכטיקייט — וועלן מיר ניט קענען זיכערן די יידישקייט פון אַ גרויסן טייל פון די צוקונפטיקע יידישע דורות.

די דאָזיקע אויפגאַבע פאָדערט אַ באַנייטע אָפשאַצונג פון אונדזער גאַנצער פּריאָריטעט־אָרדענונג. עס דאַרף ראַדיקאַל געענדערט ווערן דער כאַראַקטער פון דער יידישער פירערשאַפט און מען דאַרף פון דאָס ביי פאָרמולירן די יידישע פּאָליטיק און די אַרבעטס־פּלאַטפאָרם אין גלות. דאָס פּראָבלעם נומער איינס איז דאָס פּראָבלעם פון אונדזער אינערלעך לעבן און ניט דער קאַמף קעגן די דרויסנדיקע געפאַרן. גלייכצייטיק דאַרפן מיר שטיין אויף דער וואַך און פאַרטיידיקן אונדזערע רעכט. דער קאַמף פאַר יידישער אידענטיטעט איז הונדערט מאָל וויכטיקער פונעם קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם, און קולטורעל־דערציִערישע פּראָבלעמען דאַרפן באַקומען די פּריאָריטעט לגבי ריין־פּאָליטישע פראַגן.

דערביי האָט ישראל די אויפגאַבע צו דערפילן איר ראָלע און באַרעכטיקן איר היסטאָרישע עקזיסטענץ־באַגרינדונג. נאָכן חורבן פון די גרויסע יידישע צענטערס אין אייראָפּע מיט זייער קרעאַטיוון כוח און אינספּיראַציע, מיט וועלכע זיי האָבן באַשטראַלט אַלע טיילן פון יידישן פאָלק, איז ישראל היינט־צו־טאָג דער הויפּט־צענטער, וואָס דאַרף איבערנעמען די דאָזיקע ראָלע. עס קען ניט זיין קיין גרעסערע אָנרעגונג פאַר דער יידישער יוגנט און פאַר יידישע אידעאַליסטן, ווי צו באַטייליקן זיך אינעם אויפבוי פון דער נייער קולטור און פון דער נייער געזעלשאַפט, וואָס אַנטוויקלען זיך אין ישראל. אויך ישראל האָט ניט קיין גרעסערע אויפגאַבע, ווי צו רעפּרעזענטירן איר אמתן ציל, איר עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג, דורך קומען צו די יידישע קיבוצים איבער דער גאָרער וועלט און פאָדערן פון זיי

אחריות און מיטבאַטייליקונג, כדי צו גאַראַנטירן די צוקונפט פון דער יידישער מדינה.

כדי ישראל זאָל קענען שפּילן די דאָזיקע ראָלע, דאַרף זי ווערן אַ לאַנד, וואָס באַשטראַלט מיט אינספּיראַציע און ציט צו יידישע יוגנטלעכע, זי קען ניט זיין אַ קליינע מדינה, ווי אַלע אַנדערע קליינע מדינות. זי מוז האַנדלען לויט דעם ספּעציפישן כאַראַקטער פון דער יידישער געשיכטע, אין איינקלאַנג מיט דער אייגנאַרטיקייט פון אונדזער שליחות און מיט אונדזער באַזונדערן כאַראַקטער ווי אַ פאָלק. זי דאַרף זיין אַ מדינה און אַ ציוויליזאַציע, וואָס זאָלן אויסטיילן פון זיך גייסטיקע השפעה אויף די יידן אין די גלות־לענדער, אַז זיי זאָלן זיך ניט באַגנוגענען מיטן אויסדריקן אָנערקענונג און געפילן פון ליבשאַפט צו דער יידישער מדינה, נאָר פילן די פליכט צו זיין שותפים און מיטטראָגן די פולע אחריות פאַר ישראל. דאָס אויסנוצן ישראל ווי אַן עיקרדיקע אַרויספאָדערונג צום יידישן פאָלק, דאָס פאַרבינדן יידישע יחידים און קאָלעקטיוון מיט דער מדינה, דאָס איינפלאַנצן אין זייערע הערצער דעם שטאָלץ צוליב זייער הילף פאַר איר אויפבוי — איז די הויפּט־פליכט פון דער ציוניס־טישער באַוועגונג אין אונדזער צייט. און דאָס איז דער אמתער זין פונעם לאָזונג „מיטן פּנים צום גלות".

די אויפגאַבע איז ניט קיין לייכטע, זי ווערט אַלץ שווערער אין רעזולטאַט פון דער פּאָליטישער אַטמאָספער פון דער עפּאָכע, אין וועלכער מיר לעבן. ציוניזם איז מער ניט קיין זעלבסטפאַרשטענדלעכער אידעאַל פאַר ניט־יידן, און מעגלעך, אַז אויך ניט פאַר דער מערהייט פון יידן. מיר קערן זיך צוריק צו דער זעלבער לאַגע, ווי אין די ערשטע טעג פון דער ציוניסטישער געשיכטע, ווען מיר האָבן געדאַרפט קעמפן, אַז מען זאָל אָננעמען אונדזערע גרונטפּרינציפּן. מען קען מער ניט טראַכטן, ווי אַ סך פון אונדז מיינען, אַז יעדער ייִד איז מער־ווייניקער מסכּים מיט די דאָזיקע פּרינציפּן. די ציוניסטישע אידעאָלאָגיע, די ציוניסטישע באַוועגונג ווערן ווידער אָנגעגריפן, סיי דורך גרויסע טיילן פון דער ניט־יידישער וועלט, סיי דורך דער יידישער וועלט גופא.

ווייל איך צו ערשט באַהאַנדלען דעם אָנגריף מצד דער ניט־יידישער וועלט. דער ציוניזם באַזירט זיך אויף צוויי איינפאַכע פּרינציפּן, אַ דאַנק וועלכע ער איז אויפגעקומען, און אָן זיי פאַלט ער. דער ערשטער פּרינציפּ איז — די איינִיקייט פון יידישן פאָלק, טראָץ זיין צעשפּרייטונג; דער

צווייטער פרינציפ — איז אָננעמען ישראל פאַר דעם צענטער פון יידישן פאָלק. די ביידע פרינציפן ווערן אָנגעגריפן דורך אַ סך טיילן פון דער ניט־יידישער וועלט. מיר לעבן אין אַ צייט, וואָס שטייט אונטערן צייכן פון אַ ברוטאַלן און אַגרעסיוון נאַציאָנאַליזם. עס הערשט די ריכטונג, לויט וועלכער דער מענטש דאַרף געבן אַבסאָלוטע פריִאָריטעט דער מדינה, אין וועלכער ער לעבט, און פאַרלייקנט דאָס רעכט פון מינדער־הייטן צו בלייבן לאָיאַל גלייכצייטיק כלפי זייער טראַדיציע און זייער באַזונדערן כאַראַקטער.

ווי איך האָב שוין אַ מאָל פאָרמולירט, איז אונדזער גרויסע פראַגע היינט־צו־טאָג ניט דער קאַמף צו זיין גלייך מיט אַלע, נאָר דאָס רעכט צו זיין אַנדערש פון אַלע, טראָץ דער גלייכבאַרעכטיקונג פון וועלכער מיר געניסן ווי בירגער. אָט די צוויי גרונטפרינציפן פון ציוניזם — די אייניקייט פון יידישן פאָלק און זיין פאַרבינדונג מיטן ישראל־צענטער — ווערן ניט אָנגענומען אין אַ סך טיילן פון דער וועלט.

דער בולטער ביישפיל דערויף איז די לאַגע פונעם גרויסן יידישן קיבוץ אין ראַטן־פאַרבאַנד, ווו עס ווערן פאַקטיש פאַרלייקנט דאָס רעכט און די מעגלעכקייט פונעם יידישן קאָלעקטיוו אָפצוהיטן זיין אידענ־טיטעט, זיכערן זיין ספעציפישן כאַראַקטער און פאַרזעצן זיין טראַדיציע צו זיין גייסטיק און עמאָציאָנעל פאַרבונדן מיטן יידישן פאָלק און מיט מדינת ישראל. עס זיינען אָבער פאַראַן אויך אַנדערע וועלטטיילן, אויך אין דער אַזוי־גערופענער פרייער וועלט, אין וועלכער די צוגעהעריקייט פון די אָרטיקע יידישע קהילות צו אינטערנאַציאָנאַלע יידישע אָרגאַני־זאַציעס איז פאַרבאָטן לויטן געזעץ, אָדער ווערט באַטראַכט ווי אַ ניט־פאַטריִאָטישע האַנדלונג.

וואָס איז נוגע דעם צווייטן פרינציפ — די פאַרבינדונג פון יידישן גלות מיט ישראל — איז זייער גוט באַקאַנט, אַז די אַראַבישע פראָפאַגאַנדע און די אַנטיסעמיטישע אָרגאַניזאַציעס נוצן אויס דעם דאָזיקן ענין, כדי אָנצוגרייפן די יידישע קיבוצים און באַשולדיקן זיי, אַז זיי שטייען אין אַ פאַרבינדונג מיט אַ פרעמדער מדינה, וואָס שעדיקט זייער לאָיאַלקייט כלפי זייערע וווינלענדער. די פירער פון דער פראָפאַגאַנדע פאַראורטיילן די דאָזיקע פאַרבינדונג ווי אַן אויסדרוק פון מאַנגל אין פאַטריִאָטיזם און פון דאָפלטער לאָיאַלקייט מצד די יידן. אויסער דעם עקזיסטירט אין אַ סך ערטער די נייגונג צו זען אינעם ציוניזם אַ נאַציאָנאַליסטישע

ראַסן־באַוועגונג און אַן אינסטרומענט אין די הענט פונעם אימפּעריאַליזם. עס זיינען געוועזן צייטן, ווען די מערהייט פון דער ניט־יידישער וועלט האָט גערן אָנגענומען דעם שטאַרק אידעאַליסטישן און הומאַניסטישן כאַראַקטער פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, און די פּראָגרעסיווסטע עלעמענטן אין דער ניט־יידישער וועלט האָבן אַרויסגעוויזן גרויס סימפּאַטיע פאַר דעם ציוניסטישן אידעאַל. דאָס אַלץ האָט זיך שטאַרק געענדערט.

לעצטנס האָבן מיר בייגעוווינט אַ דראַמאַטישן אויסדרוק פון דעם דאָזיקן פּראָצעס, ווען סאָוועטישע פאַרשטייער אין דער קאָמיסיע פאַר מענטשלעכע רעכט ביי דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע פעלקער האָבן פאַרגליייכט דעם ציוניזם מיט נאַציזם, ראַסיזם און פאַשיזם. דער דאָזיקער פאַקט, וואָס אַ פאַרשטייער פונעם ראַטן־פאַרבאַנד, וועלכער האָט אינעם אַנטשיידנדיקן מאָמענט פאַרטיידיקט די רעכט פון יידישן פאָלק אויף זיין אייגענער מדינה אין ארץ־ישראל און האָט דערמיט אַקצעפּטירט דעם ציוניסטישן אידעאַל — איז געוועזן פּעיִק פאַרצולייגן אַזאַ אויסבעסערונג צו דער רעזאָלוציע, וואָס פאַראורטיילט ראַסיזם. שוין דער דאָזיקער פאַקט אַליין איז אַ שוידערלעכע אילוסטראַציע פון דער פאָרגעקומענער ענדע־רונג. אָבער ניט ווייניקער שוידערלעך, איז לויט מיין מיינונג, די פּאַסיווע האַלטונג פון די אַנדערע רעגירונגען, וואָס זיינען פאַרטראָטן אין יענער קאָמיסיע. קיין איינע פון די גרויסע אָדער קלענערע דעמאָקראַטיעס האָט ניט געפונען פאַר נייטיק צו מאַכן אַ פאָרוווּרף דעם סאָוועטישן פאַרשטייער שוין דערפאַר אַליין, וואָס ער האָט געבראַכט אַזאַ מין פאָרשלאָג, און דאַן זאָגן אַ גוט וואָרט וועגן דער ציוניסטישער באַוועגונג. איך דערמאָן זיך, אַז עס איז געווען אַ צייט ווען דער אַמעריקאַנער אויסערן־מיניסטער האָט געזאָגט צו אַ באַקאַנטן יידישן און אַנטי־ציוניס־טישן פירער, וועלכער האָט דערקלערט זיין אַנטי־ציוניסטישע שטעלונג: „וואַרף אַוועק דיינע אַרגומענטן. צי ווייסטו דען ניט, אַז אין דעם הויז — דאָס הייסט אין סטייט־דעפּאַרטאַמענט — זיינען מיר אַלע ציוניסטן?" ווען איך פאַרגלייך יענעם ענטפער מיט דעם שווייגן פון די אַמעריקאַנער און פון אַלע אַנדערע דעמאָקראַטישע פאַרשטייער אין דער קאָמיסיע פאַר מענטשלעכע רעכט ביי דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע פעלקער, זע איך די ענדערונג אין דער אַטמאָספער אַרום דער ציוניסטישער באַוועגונג.

ווי עס שיינט, איז עס אַזאַ גזירה, אַז די דאָזיקע אַטמאָספער זאָל ווירקן

אויך אין דער יידישער וועלט. די הנחה פון געוויסע פירער אין ישראל אין די פאַריקע יאָרן, אַז מען דאַרף שוין מער ניט קיין ציוניסטישע באַוועגונג, ווייל דאָס גאַנצע יידישע פאָלק איז ציוניסטיש, איז געווען אויך דעמאָלט אַן אילוזיע און נאָך מער — היינט. די אַנטי־ציוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע פון די אַראַבער און פון אַנדערע, לאָזט איבער אירע שפּורן אַפילו צווישן יידן. עס זיינען פאַראַן אַ סך מער יידן, ווי מיר מיינען, וועלכע שרעקן זיך פאַר אַ צו שטאַרקער אידענטיפיצירונג מיט ישראל און האָבן מורא, טאָמער וועט מען זיי באַשולדיקן אין דאָפּלטער לאָיאַליטעט. פאַראַן אַזעלכע, וואָס דערקלערן עס אָפן. פאַראַן נאָך מער אַזעלכע, וואָס שרעקן זיך טאַקע, אָבער עפּנטלעך וואָגן זיי דאָס ניט צו זאָגן. מיר ווערן היינט אָנגעגריפן, ניט נאָר דורך ניט־יידישע רעגירונגען און גרופּעס, נאָר אויך דורך אַ סך יידישע קרייזן. לעצטנס האָבן מיר געהאַט אילוסטראַציעס אין דער ריכטונג אַפילו אין די פאַראייניקטע שטאַטן. דאַרף מען דעריבער נאָך אַ מאָל דערקלערן און איינחזרן: עס איז אַ געפערלעכע אילוזיע צו טראַכטן, אַז היות ווי עס עקזיסטירט מדינת ישראל, איז ממילא דער ציוניזם אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכער אמת אינעם יידישן לעבן. מיר שטייען היינט־צו־טאָג פאַר אָנגריפן, און מיר דאַרפן אויף זיי קאַטעגאָריש רעאַגירן.

די אויפגאַבע איז ניט בלויז צו פאַרטיידיקן די ציוניסטישע אידעאָלאָגיע און די ציוניסטישע באַוועגונג ווי אַזעלכע. מען דאַרף טאָן אַ סך מער. מיר דאַרפן קעמפן פאַר דעם רעכט אויפצוהיטן דעם ספּעציפישן כאַראַק־טער פון יידישן פאָלק. אַחוץ דער געפאַר פון אַסימילאַציע פאַר דעם איינצלנעם ייד, עקזיסטירט אַ גרעסערע געפאַר, וועלכע איז פאַרבונדן מיט דער אָנשטרענגונג צו אַסימילירן אונדזער קאָלעקטיוון כאַראַקטער ווי אַ פאָלק. און אָט איז בלויז איין אילוסטראַציע: עס איז דאָ אַ טענדענץ צו פאַרגלייכן די יידישע קהילות אין די פאַראייניקטע שטאַטן מיט אַנדערע רעליגיעזע גרופּעס. צו מאַכן פון דער יידישער רעליגיע אַ מין קירכע, וועלכע מען קען פאַרגלייכן מיט אַנדערע ניט־יידישע קירכעס. דאָס קען רואינירן אונדזער באַזונדערן כאַראַקטער ווי אַ פאָלק, וואָס נעמט אין זיך אַריין אַלע עלעמענטן פון נאַציאָנאַליזם און רעליגיע, אויך פון אַ באַזונ־דערער ציוויליזאַציע און אַ סך מער. דאָס הייסט אָבער ניט, אַז מיר קענען זיך דערלויבן צו עלימינירן דעם רעליגיעזן עלעמענט פון אונדזער כאַראַק־טער, ווי אַ יידישער קאָלעקטיוו. דער דאָזיקער עלעמענט איז געווען

איינער פון די פונדאַמענטאַלע אינסטרומענטן פאַרן אויפהאַלט פון יידישן קיום, און ער איז אויך היינט איינער פון די גרונט־יסודות פאַרן יידישן לעבן. און די רעליגיעזע פאַרשטייער דאַרפן שפּילן אַ צענטראַלע ראָלע אין יידישן לעבן.

אָבער די באַמיִונג צו קאָנצענטרירן אַלץ אַרום דעם רעליגיעזן כאַראַקטער פון יידישן פאָלק איז אַ פאַרקריפּלונג פון אונדזער היסטאָרישער פיזיאָ־נאָמיע. דאָס איז אַן אַנדערער רעזולטאַט פון דער טענדענץ צו זעלבסט־אַסימילאַציע און צו ווערן גלייך מיט אונדזער אויסזען צו די אַנדערע מינדערהייטן אין די מדינות, אין וועלכע מיר לעבן.

דער רעזולטאַט פון די דאָזיקע פאַקטאָרן דאַרף זיין די דרינגענדיקע וויטוועגדיקייט אַרויסצוטרעטן מיט אַ נייער אָפּענסיווע, סיי אויף דער יידישער וועלט, און סיי אויף דער ניט־יידישער וועלט, פון דאָס ניי צו פאַרטיידיקן די גרונט־פּרינציפּן פון אונדזער אידעאָלאָגיע, און נאָך יאָרן פון פּאַסיווקייט און ירידה, ווידער ווערן אַ קעמפערישע באַוועגונג. מיר דאַרפן רעקאָנסטרויִרן דעם ציוניזם, ווי די גרויסע און צענטראַלע באַוועגונג פון אונדזער פאָלק אין היינטיקן יאָרהונדערט, ווי אַ באַוועגונג, וואָס זאָל צוזאַמען מיטן זיכערן אונדזער אייניקייט און אונדזערע פאַרבינדונגען מיטן ישראל־צענטער, אויך אָנווייזן אַ וועג, וואָס פירט צו גאַראַנטירן דעם יידישן קיום. ווען ניט — וועלן מיר פאַרלירן אונדזער עקזיסטענץ־באַרעכ־טיקונג אין דער יידישער געשיכטע. די דאָזיקע אויפגאַבן פאָדערן זייער אַ סך, און איבער אַלעם — צוצופּאַסן די סטרוקטור פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע צו אָט די נייע פונקציעס. איך האָף, אַז דאָס וועט געטאָן ווערן אין די נאָענטע יאָרן.

די גרויסקייט פון אַ מענטש, פון אַ באַוועגונג, אָדער פון אַ פאָלק, איז זייער אַן ערנסטער און פּרעטענסיאָנעלער ענין. זי וואַרפט אַרויף גרויסע פאָדערונגען אויף די מענטשן, וועלכע פּרעטענדירן צו גרויסקייט. מיט אַ גרויסער באַוועגונג געשעט עס, אַז אָדער זי בלייבט ביי איר גרויסקייט, אָדער זי קראַכט און באַנקראָטירט. אויב די ציוניסטישע באַוועגונג וועט אויפגעבן איר שטרעבונג צו גרויסקייט, אויב זי וועט זיך באַגנוגענען מיט וועלן זיין נאָך אַ באַוועגונג ווי אַלע אַנדערע באַוועגונגען אין יידישן לעבן, און וועט ניט שטרעבן אָנצופירן מיטן פאָלק, ווי זיין אַוואַנגאַרד, און אים לערנען, ווי אַזוי צו זיכערן זיין קיום — וועט זי ניט זיין פעיִק צו עקזיסטירן נאָך אַ לאַנגע צייט. די פליכט פון די ציוניסטן אינעם היינטיקן

דור איז — צו געפינען דעם וועג צוריק צו דער קלאַסישער עפּאָכע פון דער באַוועגונג, צו אירע שטרעבונגען, צו איר גרויסקייט, מוטיקייט און צו איר קעמפערישן גייסט. די ציוניסטן דאַרפן פּרוּוון פון דאָס ניי צו געווינען דאָס פאָלק פאַר די פּרינציפּן פון דער באַוועגונג און איר אידעאָלאָגיע. זיי דאַרפן מאַכן אַן ערנסטע אָנשטרענגונג, כדי ווידער צו ווערן די גרויסע און פירנדיקע באַוועגונג פון יידישן לעבן.

אויף דער סעסיע פון ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט, ירושלים, 1966

# אין אַ צייט פון קריזיס און געפֿאַר

די איצטיקע סעסיע פון ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט ווערט דערעפֿנט אין אַ שווערער צייט אין יידישן לעבן. נייע און ערנסטע געפֿאַרן באַווייזן זיך אויפֿן האָריזאָנט פון אונדזער פֿאָלק, וואָס האָט נאָך דער מפּלה פון די נאַציס און נאָכן זיג פון די דעמאָקראַטישע כוחות געמיינט, אַז זיין לאַגע וועט זיין זיכער, באַשיצט און רויק. מדינת ישראל גופא מאַכט איצט דורך אַ קריזיס, וואָס איז ניט אַזוי שווער אָביעקטיוו, ווי מאָראַליש און פּסיכאָלאָגיש. די ציוניסטישע באַוועגונג מוז איצט געפֿינען עקסטרעמע און אַבסאָלוטע לייזונגען פֿאַר די פּראָבלעמען, וואָס זיינען אויפֿגעקומען זינט דער אַנטשטייונג פון מדינת ישראל. אונדזער באַוועגונג געפֿינט זיך איצט אפֿשר אין דער לעצטער סטאַדיע ווען זי איז נאָך בכוח אָנצוהייבן אַ ניי קאַפּיטל אין איר אַנטוויקלונג. איך גלייב, אַז יעדער איינער אָנערקענט, אַז אויב עס וועט ניט אַריינטרעטן קיין ענדערונג אינעם איצטיקן צושטאַנד, וועט די באַוועגונג לאַנג ניט קענען דערפֿילן איר אויפֿגאַבע אין אונדזער היינטיקן דור.

אויסער די דאָזיקע דריי קאַטעגאָריעס פון פֿראַגן, עקזיסטירט דאָס גורלדיקע פּראָבלעם פון אונדזער דור — די פּערמאַנענטע אָפּשוואַכונג פון אונדזער אינערלעכן פּראָצעס, דער אונטערגאַנג פון גרויסע פֿאָלקטיילן, ניט דורך פֿיזישער פֿאַרניכטונג, נאָר דורך צעברעקלונג, גלייכגילטיקייט און אַסימילאַציע, באַזונדערס פונעם יונגן דור. אין אונדזער גאַנצער גלות־געשיכטע איז שווער צו געפֿינען אַזאַ פּאַראַלעלע האַרבע געפֿאַר, וואָס דריקט זיך אויס אין דער שאַרפֿער פֿראַגע: ״זיין אָדער ניט זיין?״

ווייל איך דאָ באַהאַנדלען יעדע איינע פון די דאָזיקע פֿראַגן־גרופּעס.

די אויסערלעכע לאַגע פון אונדזער פֿאָלק אין די גלות־לענדער ווערט איצט כאַראַקטעריזירט דורך דער נייגונג, וועלכע באַמערקט זיך אויך אין דער גאַנצער וועלט, צו מינימיזירן און צייטנווייז אויך פֿאַרגעסן די רעזולטאַטן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה און די תקופה פון די

נאַציִשע פאַרברעכנס און זיך צוריקקערן צו דער לאַגע, וואָס איז געווען פריִער, פאַר זיי, סיי פּאָליטיש, סיי פּסיכאָלאָגיש. גלייך נאָך די נאַציִשע גרויזאַמקייטן און נאָך דער מפּלה פון דער פאַרברעכערישער נאַציִשער הערשאַפט, וואָלטן אַלע פעלקער פון דער וועלט זיך געשעמט, ווען מען וואָלט זיי חושד געווען אין סימפּאַטיע מיט די נאַציִשע געדאַנקען; דער אַנטיסעמיטיזם איז געוואָרן אַ דערשייַנונג, מיט וועלכער מ׳האָט זיך געשעמט, און אַפילו רעאַקציאָנערע, דיקטאַטאָרישע און די אכזריותדיקסטע הערשער און רעגירונגען האָבן זיך באַמיט אויפצוטרעטן, ווי פריינד פון יידישן פאָלק. היינט, איבער 20 יאָר נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, הייבן אָן אַ סך מענטשן זיך צו באַפרייען פון זייער געוויסנביסן און פון יענער חרפּה, און זיי קערן זיך צוריק צום אַנטיסעמיטיזם, צום פאַשיזם און צו דער נאַציִשער אידעאָלאָגיע.

די גרעסטע שלעכט־אָנזאָגנדיקע סימנים פון אָט אַזאַ "נאָרמאַליזאַציע"־פּראָצעס זיינען פאַראַן אין דייטשלאַנד, ווו עס שטייגט־אויף פון דאָס ביי אַ פּאַרטיי, וואָס הגם זי פאַרלייקנט, אַז זי איז אַ נאַציִשע אָדער אַן אַנטיסעמיטישע, עקזיסטירט אָבער אַ שרעקלעכע ענלעכקייט צווישן איר און דעם אָנהייב פון אַ נאַציזם־באַוועגונג, וואָס איז שייך אידעאָלאָגיע, עמאָציעס און מיינונגס־אויסטוישן צווישן אירע מיטגלידער גופא. מען דאַרף ניט איבערטרייבן, אָבער אויך ניט אונטערשאַצן דעם דאָזיקן אומדערוואַרטן אויפשטייג פון דער נאַציאָנאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, ועמענס כוח עס קען אין דער צוקונפט נאָך וואַקסן. מען דאַרף ניט אַריינפאַלן אין אַ פּאַניק, כאָטש, ווי איך האָב עס שוין צייטנווייז געזאָגט, אויב אין דער וועלט איז פאַראַן אַ פאָלק, וואָס האָט די מאָראַלישע און פּסיכאָלאָגישע רעכט צו זיין באַזונדערס עמפּינדלעך לגבי אַנטיסעמיטישע דערשיינונגען אין דייטשלאַנד — איז עס אונדזער פאָלק, נאָך די אַלע שרעקלעכע פאַרברעכנס, וואָס די דייטשן זיינען קעגן אונדז באַגאַנגען אינעם נאַציִשן פּעריאָד. אָבער ווען מיר באַטראַכטן עס אָביעקטיוו און רעכענען זיך מיטן פאַקט, אַז אין דייטשלאַנד גופא לעבט אַ זייער קליינע צאָל יידן, און אַז עס איז ניטאָ קיין אויסזיכט אויף אַן אַנטוויקלונג פון אַ צענטראַלן יידישן יישוב אין דייטשלאַנד, קען מען דעריבער זאָגן, אַז דער אויפקום פון דער נאַציאָנאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי איז ניט קיין עיקרדיקע און ניט קיין עקסקלוזיווע יידישע פראַגע. ביים היינטיקן טאָג, ווען די רוסן געפינען זיך אויף דער ליניע אָדער־נייסע, און ווען די

דייטשן האָבן ניט קיין אַטאָם־געווער, איז די מורא, טאָמער וועט אויפקומען אַ נאַצי־דייטשלאַנד, וואָס וועט זיין שטאַרק און קען נאָך, חלילה, דעראָבערן אייראָפּע און פאַרניכטן די יידן — גאַרניט קיין רעאַלע שרעק. פון דעם דאָזיקן אַספּעקט איז ניט באַרעכטיקט קיין שום פאַרגלייך מיטן היטלער־פּעריאָד.

אָבער לגבי דער גאַנצער דעמאָקראַטישער וועלט קען אַ דייטשלאַנד מיט עקסטרעמע נאַציאָנאַליסטישע און ראַסיסטישע נייגונגען זיין אַן ערנסט פּראָבלעם, באַזונדערס ווען מען רעכנט זיך מיט דער גרויסער אָרגאַניזאַ־טאָרישער און מיליטערישער פעיִקייט פונעם דייטשישן פאָלק און מיט דער נעאָ־פּאָליטישער לאַגע פון דייטשלאַנד, וואָס געפינט זיך צווישן מזרח און מערב. אמת, 92% פון די דייטשע וויילער האָבן געשטימט פאַר דעמאָקראַטישע פּאַרטייען, אָבער טראָץ דעם, וואָס מען טאָר זיך ניט צו־ערנסט באַציִען צו אַנאַלאָגיעס אין דער געשיכטע, איז אַ חוב צו געדענקען דעם פאַקט, אַז ניט־יידן און אויך די מערהייט יידן אין דער וועלט האָבן מינימיזירט די באַדייטונג פון דער נאַצישער געפאַר אין אירע ערשטע שריט. דער דאָזיקער פאַקט דאַרף אַרויסרופן עמפּינדלעכקייט ביי יעדן מענטש כלפּי דעם זין און דער באַדייטונג, וואָס עס האָט אין זיך דער אויפטריט פון דער נייער פּאַרטיי.

מען האָט קריטיקירט מיינע דערקלערונגען און מיין קאָנטאַקט מיט דער דייטשער רעגירונג. זאָל מיר דערלויבט זיין ביי אָט דער געלעגנהייט קלאָר צו מאַכן מיין שטעלונג אין דער דאָזיקער קאָמפּליצירטער און דעליקאַטער פראַגע פון באַציִונגען צווישן דעם יידישן פאָלק און דייטשלאַנד. אויף דריי־ערליי אופנים קענען יידן באַהאַנדלען דאָס דייטשע פּראָבלעם:

א. איין מעגלעכקייט איז — פאַרניכטן דייטשלאַנד און נעמען פון איר נקמה. מאָראַליש איז אַזאַ וועג ניט באַרעכטיקט און פּראַקטיש וועט עס זיין דאָן־קיכאָטיש אַפילו וועגן דעם צו טראַכטן.

ב. אַ צווייטע מעגלעכקייט, וואָס לאָזט זיך רעאַליזירן, איז פולשטענדיק צו איגנאָרירן די עצם־עקזיסטענץ פון דייטשלאַנד נאָך דער נאַצי־עפּאָכע און ניט קומען אין קיין שום באַריר מיט דעם לאַנד. די דאָזיקע שטעלונג איז ביי אַ סך אָנגענומען, און דאָס איז אַ פּאָליטיק פון "פירן ברוגז". פּסיכאָלאָגיש קען איך די אָנהענגער פון דעם סיסטעם פאַרשטיין, און איך רעספּעקטיר די אַלע, וועלכע האַנדלען קאָנסעקווענט און אויפריכטיק

לויט אָט דער אָנשויונג. מיט אַ סך יאָרן צוריק, בעת איך האָב געראָטן דעם יידישן פאָלק אָנצוהייבן פאַרהאַנדלען מיט די דייטשן וועגן אָנטשע־דיקונג און וועגן צוריקגעבן יידיש פאַרמעגן, און ווען אַ גרויסער טייל פונעם פאָלק איז אַקטיוו געווען קעגן מיין פאָרשלאָג, האָב איך געזאָגט, אַז ווען ניט די דאָזיקע נעגאַטיווע רעאַגירונג פון יידן קעגן פאַרבינדונגען מיט דייטשלאַנד, וואָלט איך אַליין ווי אַ ייד זיך געשעמט. אָבער די דאָזיקע קעגנערשאַפט, וועלכע באַזירט אויף אַ קלאַסישן געדאַנקען־גאַנג אין דער געשיכטע פון גלות־יידנטום, איז לויט מיין מיינונג, ניט קיין ריכטיקע שטעלונג פאַר דעם יידישן פאָלק היינט צו טאָג. כל זמן מיר זיינען געווען פאַסיוו אין דער געשיכטע, אָן אַ מעגלעכקייט צו רעאַגירן און קעמפן פאַר אונדזער גורל, איז אַזאַ שטעלונג געווען די פאַסיקסטע. נאָך מער, זי האָט אונדז געהאָלפן בייצושטיין אַלע פאַרפאָל־גונגען און בייצוקומען אַלע דערנידעריקונגען אינעם גלות־לעבן, ווייל אין אונדזער באַוווסטזיין האָבן מיר ניט אָנערקענט די עקזיסטענץ פון די שונאים, און מיר האָבן זיי געהאַלטן פאַר באַרבאַרן און אונטערמענטש־לעכע באַשעפענישן, וועלכע האָבן טאַקע געקענט אונדז אָנטאָן צרות, אָבער ניט געקענט ברעכן אונדזער גייסט און אונדזערע געפילן.

היינט אָבער איז די לאַגע אַן אַנדערע. ניט נאָר האָט דאָס יידישע פאָלק אַ מדינה, נאָר אַפילו די יידישע קהילות אין די גלות־לענדער האָבן זיך אויסגעלערנט פון ציוניזם צו האַנדלען ווי אַ פאַקטאָר, וואָס האַלט זיין גורל אין זיינע אייגענע הענט. זיי האָבן זיך אויסגעלערנט צו שטעלן פאָדערונגען און קעמפן פאַר זיי, ווי בכלל צו פירן אַן אייגענע פאָליטיק. קיין שום פאָלק קען ניט האַנדלען געהעריק, אויב עס ווערט אינספּירירט בלויז דורך עמאָציעס און רעאַגירונגען פון עסקעפּיזם. דייטשלאַנד עקזיס־טירט און איז איינער פון די הויפּט־כוחות אין אייראָפּע. אויב זי וועט ווערן אַ נייער צענטער פאַרן גלאָבאַלן אַנטיסעמיטיזם, קען זי ווידער ווערן אַ געפאַר פאַר אונדזער פאָלק. דורך די אַנטשעדיקונגען און שילומים וואָס דייטשלאַנד האָט באַצאָלט, דורך אירע באַציונגען מיט ישראל און דורך איר פּאָליטישן אונטערשטיצן די ישראלדיקע און די יידישע פאָדערונגען, איז זי געוואָרן און געווען פאַר אונדז ביז איצט אַ קוואַל פון גרויסן נוצן. מיט 15 יאָר צוריק האָבן מדינת ישראל און דאָס יידישע פאָלק באַשלאָסן אָנצונעמען די דאָזיקע שטעלונג. די מאָנונג־קאָנפערענץ, אין וועלכער אַלע גרויסע יידישע אָרגאַניזאַציעס זיינען פאַרטראָטן, האָט

מיט אַן אַנטשיידנדיקער מערהייט באַשלאָסן אָפיציעל צו פאַרהאַנדלען און אָנקניפּן אָפיציעלע פאַרבינדונגען מיט דער דייטשער רעגירונג. די כנסת אין ישראל האָט אויך דאָס זעלבע געטאָן, און פון דעמאָלט אָן האַלטן מיר אין אַ שטענדיקן קאָנטאַקט מיט די רעגירונגען פון דייטשלאַנד. מיליאַרדן דאָלאַרן זיינען באַצאָלט געוואָרן צו ישראל און צו די הונדערטער טויזנטער יידישע קרבנות פון נאַציזם. פאַר דעם דייטשישן געלט האָט די מאָנונג־קאָנפערענץ געהאָלפן צוריק אויפצובויען אינסטיטוציעס, בתי־כנסת און רוי?ניר‏טע שולן, ווי אויך צו שטיצן יידישע פאָרשער און שרייבער. צי וועלן מיר איצט פלוצלונג ענדערן די דאָזיקע שטעלונג און אָנהייבן צו איגנאָרירן די עקזיסטענץ פון דייטשלאַנד?

די גאַנצע קריטיק קעגן מיר און קעגן די אַנדערע, וועלכע האָבן געראָטן אַנצווווענדן די דאָזיקע פּאָליטיק און האָבן זי אויך דורכגעפירט, באַזירט זיך אויף אַ געפעלשטן — באַוווסטזיניק אָדער ניט־באַוווסטזיניק — אויסטייטש פון דער דאָזיקער שטעלונג.

פונעם ערשטן מאָמענט אָן, ווען איך האָב באַהאַנדלט די דייטש־יידישע פראַגע, און אויך מיט עטלעכע חדשים צוריק אינעם יידיש־דייטשישן דיאַלאָג אויפן יידישן וועלט־קאָנגרעס, האָב איך דערקלערט, אַז די פאַרהאַנדלונגען מיט דער דייטשער פעדעראַלער רעפּובליק מיינען ניט, אַז מיר פאַרגעסן אַפילו אויף איין מינוט די פאַרברעכנס פון די דייטשן און אַז מיר זאָלן זיי מוחל זיין. אַז־אַך־און־וויי וועט זיין דעם יידישן פאָלק, היינט אָדער אין דער צוקונפט, אויב עס וועט פאַרגעסן די שוידערלעכע גרוילקייטן און וועט זיי מוחל־זיין. די דאָזיקע גרוילקייטן וועלן אייביק פאַרפלעקן אונדזערע באַציִונגען מיטן דייטשישן פאָלק. טאָקע זיי קלערן־אויף מיין באַזונדערע עמפינדלעכקייט לגבי יעדער אַנטיסעמיטישער דערשיינונג אין דייטשלאַנד, אַ סך אַ טיפערע עמפינדלעכקייט, ווי לגבי יעדן אַנדערן לאַנד. און אויב אַזאַ אינטעלעקטועל און עטיש גרויסע פערזענלעכקייט און אָנערקענטער אויטאָריטעט אינעם היינטיקן דייטשלאַנד, ווי פּראָפעסאָר גאָלא מאַן, האָט אויף דער דערמאָנטער סעסיע פון יידישן וועלט־קאָנגרעס געקענט זאָגן, אַז נאָך דעם אַלעם, וואָס עס איז געשען אינעם נאַצי־פעריאָד, וועט ער שוין קיין מאָל ניט קענען זיך פאַרלאָזן אויפן דייטשישן פאָלק און גלייבן אין אים — מעגן די יידן געוויס און געוויס זיין שטענדיק פאָרזיכטיק און זיך באַציִען מיט חשד כלפי די דייטשן. אָבער צוזאַמען מיט דעם, דאַרפן מיר אויך געדענקען די אינטע־

רעסן — ניט מיינע, אָדער פון די אָרגאַניזאַציעס, וועלכע איך רעפּרע־זענטיר — נאָר די אינטערעסן פון יענע הונדערטער טויזנטער יידישע קרבנות, וועמען די אַנטשעדיקונגען האָבן דערמעגלעכט אָנצוהייבן אַ ניי לעבן; די אינטערעסן פון מדינת ישראל, וועלכער די שילומים האָבן אַזוי פיל געהאָלפן און וועלכע האָט וויכטיקע פּאָליטישע אינטערעסן אין אירע באַציִונגען מיט דייטשלאַנד.

כ'האָב דאָס געזאָגט, כדי איין מאָל פאַר אַלע מאָל קלאָר צו מאַכן פאַרן ציוניסטישן עולם מיין מיינונג אין דער פראַגע. דער ציוניסטישער קאָנגרעס האָט אָנערקענט די עקזיסטענץ פון אַ ציוניסטישער באַוועגונג אין דייטש־לאַנד. די ציוניסטישע פאָנדן זאַמלען סטאַביל געלטער ביי די דייטשע יידן. די ישראל־רעגירונג האָט גערן אָנגעקניפּט דיפּלאָמאַטישע באַציִונגען מיט דייטשלאַנד. איך פאַרשטיי און רעספּעקטיר די יעניקע, וועלכע וואַרפן אַבסאָלוט אָפּ אַזאַ שטעלונג, איך פאַרלאַנג אָבער פון זיי, אַז זיי זאָלן זיין אויפריכטיק, קאָנסעקווענט און ניט אויסנוצן זייער שטעלונג פאַר פּאָליטישע צוועקן. זאָלן זיי ניט נעמען קיין שום אַנטשעדיקונג פון דייטשלאַנד און ניט קומען מיט איר אין באַריר, אָבער זאָלן זיי אויך ניט אָנגרייפן און ניט מאַכן בלבולים אויף יענע, וואָס טוען די שווערע און פיינלעכע אַרבעט פון אָפּהיטן די יידישע אינטערעסן און אָנהאַלטן באַציִונגען מיט דייטשלאַנד.

איצט קום איך צום צווייטן פּראָבלעם אין יידישן לעבן, וואָס איז וויכטיקער אַפילו פונעם ענין דייטשלאַנד — צום פּראָבלעם וועגן סאָוועטישן יידנטום. נאָך דער פראַגע וועגן זיכערן די עקזיסטענץ פון ישראל, איז עס דאָס ערשטע פּראָבלעם אין יידישן לעבן. די פראַגע רירט אָן ווייניקסטנס 3 מיליאָן יידן און איינעם פון די וויכטיקסטע און קרעאַטיוווסטע קיבוצים אין אונדזער געשיכטע. דער דאָזיקער קיבוץ געפינט זיך אין דער געפאַר פון אומקום, ניט פיזיש אָדער עקאָנאָמיש, נאָר צוליב דער פּאָליטיק פון אויפגעצוווּנגענער אַסימילאַציע. אָט די פּאָליטיק ווערט אָנגעווענדעט טראָץ דעם פּאַראַדאָקסאַלן פאַקט, וואָס דער ראַטנפאַרבאַנד איז די אייב־ציקע מדינה, וואָס האָט אָנערקענט די יידן ווי אַ נאַציאָנאַלע מינדערהייט און האָט אַ סך אויפגעטאָן, כדי צו דערמעגלעכן פאַר די מינדערהייטן — און אַ טייל פון זיי זיינען אַפילו קלענערע פון דער יידישער מינדערהייט — צו אַנטוויקלען זייער שפּראַך, קולטור און אַ זעלבשטענדיק לעבן. די

דאָזיקע פראַגע איז אַן אייגנאַרטיק־סאָוועטישע און ניט קיין קאָמוניסטישע. פאַראַן קאָמוניסטישע לענדער אין מזרח־אייראָפּע, אָדער אַפילו אַזאַ מדינה ווי קובאַ, וווּ די יידישע קהילות האָבן ניט נאָר דאָס רעכט צו פירן זייער קולטורעל־רעליגיעז לעבן, נאָר ווערן אַפילו פינאַנציעל ברייטהאַרציק געשטיצט דורך די קאָמוניסטישע רעגירונגען. ניט דאָ איז דער פלאַץ צו באַהאַנדלען די פראַגע, פאַר וואָס עס עקזיסטירט אַזאַ אויסנאַם־צושטאַנד אין ראַטן־פאַרבאַנד. שוין זינט יאָרן האָבן מיר די פראַגע געשטעלט פאַר דער עפנטלעכקייט, ניט ווייל מיר ווילן קריטיקירן סאָוועט־רוסלאַנד. סאָוועט־רוסלאַנד האָט גרויסע פאַרדינסטן ביים אָפּראַטעווען הונדערטער טויזנטער יידן, וואָס זיינען אַנטלאָפן פון די נאַציס; סאָוועט־רוסלאַנד האָט אויך געשטיצט די גרינדונג פון דער יידישער מדינה אין אַ טייל פון ארץ־ישראל און מיט איר הסכמה האָט זי דערמעגלעכט באַדייטנדיקע געוועור־ליפערונגען פון מזרח־אייראָפּע קיין ישראל בעת דער באַפרייונגס־מלחמה. מיר שטעלן די פראַגע פשוט דערפאַר, ווייל מיר קענען בשום אופן ניט אָננעמען דעם פאַקט, אַז אַזאַ גרויסער יידישער קיבוץ זאָל אונטערגיין, און איך האָב מורא, אַז אַ גרויסער טייל פון דעם קיבוץ האָט זיך שוין אַסימילירט. אַפילו ווען זיי נעמען ניט אָן אונדזערע פאָדע־רונגען, דאַרפן די פירער פון ראַטן־פאַרבאַנד פאַרשטיין אונדזערע מאָטיוון און ניט זען אין זיי אַ כוונה פון ווערן זיין אַן אינסטרומענט אינעם קאַלטן קריג. דאָס יידישע פאָלק אין אַלגעמיין מוז בלייבן אויסער דעם קאַמף צווישן די פאָליטישע כוחות. יידן ווי יחידים און גרופּעס אין די באַזונ־דערע לענדער האָבן דאָס רעכט אָנצונעמען אַ שטעלונג צו סאָוועט־רוסלאַנד, וועלכע זיי ווילן, אָבער דאָס יידישע פאָלק ווי אַ קאָלעקטיוו האָט ניט קיין שטעלונג צו די פאָליטישע רעזשימען אָדער פאָליטישע פאַרטייען. דאָס יידישע פאָלק האָט איין עקסקלוזיוון אינטערעס: צו זיכערן דעם פיזישן, עקאָנאָמישן, רעליגיעזן און קולטורעלן קיום פון יעדער יידישער קהילה אונטער אַלע רעזשימען.

דערמיט וואָס מיר ברענגען אַרויף די פראַגע פון דער עקזיסטענץ פונעם צווייט־גרעסטן יידישן קיבוץ אין דער וועלט נאָך אַ מאָל און ווידער אַ מאָל, האָבן מיר שוין עטלעכע זאַכן דערגרייכט. מיר האָבן די פראַגע אַוועקגעשטעלט פאַר דער אויפמערקזאַמקייט פון דער ברייטער וועלט, און די עפנטלעכקייט אינטערעסירט זיך מיט דעם פּראָבלעם. מיר האָבן געוווּנען די פאַרשטענדעניש און סימפּאַטיע פון גרופּעס און פּערזענלעכקייטן,

װעלכע מען קען פאַר קיין פאַל ניט חושד זיין אין אַנטיסאָװעטיזם אָדער אין איינזייטיקייט אינעם קאַלטן קריג, צװישן זיי אויך שטאַרקע קאָמו־ניסטישע גרופעס. אין רעזולטאַט דערפון האָבן מיר אפשר דערגרייכט דאָס װיכטיקסטע: עס איז פאַראַן אַ גרונט צו גלייבן, אַז מיט דער יידן־פראַגע אין סאָװעט־רוסלאַנד פאַרנעמען זיך שוין אַפילו די הויפּטפירער פונעם ראַטן־פאַרבאַנד. לעצטנס האָבן מיר געזען סימנים פון רעאַגירונגען מצד סאָװעטישע פירער אויף מיינונגען אין דער עפנטלעכקייט. דאָס דערשיינען פון דער ערשטער צייטשריפט אין יידיש, װעלכע איז אין די לעצטע צװיי יאָר געװאָרן אַלץ מער יידיש, װאָס שייך איר אינהאַלט און ריכטונג; דאָס דערשיינען פון ביכער, געשריבן דורך יידישע שריי־בערס און דיכטערס, לעצטנס — אויך דורך שרייבערס, װעלכע לעבן נאָך; די ענדערונג אין דער שטעלונג פון דער סאָװעטישער ליטעראַטור און װיסנשאַפט צו דער העברעישער שפּראַך און קולטור; דאָס אַרויסגעבן אין רוסיש די זאַמלונג פון דער ישראלדיקער פּאָעזיע — דאָס אַלץ קען זיין אַ לייכטער, אָבער אויך דערמוטיקנדיקער, באַװייז אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם אויפשטייגנדיקן פּראָבלעם.

לעצטנס האָבן מיר אַלע זיך געפרייט מיט דער דערקלערונג פונעם סאָװעטישן פּרעמיער־מיניסטער אין פּאַריז. ער האָט אַרויסגעװיזן פאַר־שטענדעניש פאַר דער שטרעבונג פון יידן און ניט־יידן, װאָס װילן אַרויספאָרן פון ראַטן־פאַרבאַנד און זיך פאַראייניקן מיט זייערע משפּחות, און ער האָט צוגעזאָגט דערין ניט צו שטערן. די אַלע זאַכן דערמוטיקן אונדז װייטער ממשיך צו זיין מיט אונדזער פאָדערונג, כדי צו דערגרייכן פאַר די סאָװעטישע יידן די אַלע רעכט, פון װעלכע עס געניסן די אַנדערע מינאָריטעטן אין ראַטן־פאַרבאַנד. און קודם־כל װילן מיר דער־מעגלעכן דעם דאָזיקן גרויסן יידישן קיבוץ אָװעקצושטעלן אין זיין שפּיץ אַ רעפּרעזענטאַטיװע קערפּערשאַפט, אַ געאייניקטן אַדרעס, װייל הייַנט צו טאָג איז ער דער איינציקער יידישער קיבוץ אין דער װעלט, װעלכער איז אָנאָנים און שטום. מען דאַרף פאָדערן, אַז עס זאָל אַזאַ קערפּערשאַפט דערלויבט זיין צו האָבן פאַרבינדונגען מיטן װעלט־יידנטום און זיך צו באַטראַכטן װי אַן אינטעגראַלער טייל פונעם יידישן פאָלק אין דער װעלט, ניט בלויז ביי זיך אין הארצן און אין די באַהאַלטענע געפילן, נאָר אויך אין דער פאָרעם פון אַ דערלויבטער און געזעצלעכער טעטיקייט.

קיינער קען ניט פאָראויסזען, אויף װיפל מיר װעלן דערביי האָבן

דערפאָלג, און וויפל צייט אונדזער געראַנגל וועט פאָדערן, מיר וועלן אָבער ניט אויפגעבן די האָפענונג — ניט, אַז מיר וועלן קענען צווינגען דעם ראַטן־פאַרבאַנד צו דערפילן אונדזערע גערעכטע פאָדערונגען, נאָר אַז אונדזו וועט געלינגען צו איבערצייגן די סאָוועטישע מאַכט, אַז דאָס אַנטקעגנקומען אונדזערע פאָדערונגען קען אויך ברענגען נוצן דעם ראַטן־פאַרבאַנד גופא. אויסער דער מאָראַלישער באַרעכטיקונג, איז אויך דאָ אַן אויסזיכט צו איבערצייגן די סאָוועטישע מאַכט, אַז עס וועט זיין גוט פאַרן ראַטן־פאַרבאַנד, אויב ער וועט זיך צוריקקערן צו זיין אייגענער פּאָליטיק פון די ערשטע יאָרן, ווען מען האָט דערמעגלעכט דעם ווּקס און אויפבלי פון אַ יידיש־נאַציאָנאַלן און קולטורעלן לעבן אין די שולן, אין דער ליטעראַטור, אין טעאַטער, סיי אין יידיש סיי אין העברעיש. עס איז געוווּנטשן פאַרן ראַטן־פאַרבאַנד, אַז ער זאָל זיינע אייגענע פּרינציפּן בנוגע די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן אָנווענדן אויך לגבי דער אייניציקער מינדערהייט, וואָס געניסט ניט פון די רעכט — לגבי דער יידישער מינדערהייט אין ראַטן־פאַרבאַנד.

און איצט וועגן ישראל. אַלע ווייסן מיר, אַז פאָרמעל קען נישט די ציוניסטישע באַוועגונג זיך אַריינמישן אינעם לעבן פון דער סוּווערענער ישראל־מדינה, אָבער דאָ איז גילטיק דער באַקאַנטער שפּאַסיקער זאָג פון אַן אַמעריקאַנער סענאַטאָר צו איינעם פון די פּרעזידענטן: "וואָס איז אייגנטלעך אַ קאָנסטיטוציע צווישן פריינד?" מדינת ישראל איז אויפגעקומען ווי דער גרעסטער דערגרייך פונעם יידישן פאָלק אינעם היינטיקן דור. אָן דער שטיצע מצד אַ גרויסן טייל פונעם יידישן פאָלק וואָלט די מדינה ניט אויפגעקומען. אָן דער ברייטהאַרציקער הילף מצד דער גרויסער מערהייט פונעם פאָלק — עקאָנאָמישע, ווי אויך פּאָליטישע און מאָראַלישע הילף — וואָלט די מדינה זיך ניט געקענט אַנטוויקלען און דערגיין צו דעם, וואָס זי איז היינט. איצט לעבט דורך די מדינה אַזאַ קריזיס, וועלכן זי האָט נאָך ניט געפילט אין די 18 יאָר פון איר עקזיסטענץ. דאָס מאָל האָבן זיך צוזאַמענגענומען אַ סך שוועריקייטן אין דער אויסערן־פּאָליטיק, זיכערקייט, ווירטשאַפט, און איבער אַלעם — אויפן פּסיכאָלאָגישן געביט. אין לעבן פון אַ יחיד אָדער אַ פאָלק זיינען ניטאָ קיין אַבסאָלוטע און אָביעקטיווע פאַקטן, חוץ טויט אָדער חורבן. סיי דאָס גוטע, סיי דאָס שלעכטע הענגט אָפּ פון דער פאָרעם, אין וועלכער דער

מענטש אָדער דאָס פֿאָלק רעאַגירט. בעטלערס קענען זיך פֿילן גליקלעך, און מיליאָנערן קענען באַגיין זעלבסטמאָרד. די דאָזיקע באַהויפּטונג איז ריכטיק בנוגע אונדזער פֿאָלק מער ווי פֿאַר אַלע אַנדערע.

מיר זיינען אַ פֿאָלק מיט אַ היסטאָרישער אייגנאַרטיקייט, וואָס איז אַנטשטאַנען לויט אַ רעליגיעזן אימפּעראַטיוו, לויט אַן אידעע און גלויבן. אין משך פֿון הונדערטער יאָרן האָבן מיר געלעבט אין אָביעקטיווע באַדינגונגען, אין וועלכע קיין שום אַנדער פֿאָלק וואָלט ניט געקענט עקזיסטירן, און מיטן כוח פֿון אונדזער גלויבן און וויזיע זיינען מיר בייגעשטאַנען מעכטיקע שונאים. מיר האָבן קיין מאָל אַבסאָלוט זיך ניט אידענטיפֿיצירט מיט דער ווירקלעכקייט. אונדזער לעבן האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויף דער גרויסער פֿאַרגאַנגענהייט־טראַדיציע און אויף דעם גלויבן אין דער צוקונפֿט, בעת אַלץ וואָס איז געשען אין דער צווישנצייט איז פֿאַר אונדז געווען ניט מער ווי אַ פּראָוויזאָרישער איבערגאַנג. אָן די דאָזיקע אייגנשאַפֿטן וואָלטן מיר שוין פֿון לאַנג אַראָפּ פֿון דער געשיכטלעכער אַרענע. דעריבער ווען מיר באַטראַכטן די איצטיקע לאַגע פֿון דער מדינה, זיינען מיר באַאומרויִקט ניט אַזוי איבער די סכנות מצד עקסטרעמע אַראַבישע עלעמענטן, און נאָך ווייניקער — פֿון די עקאָנאָמישע שוועריקייטן. די לעצטע זיינען כמעט אומפֿאַרמיידלעך נאָך 17 יאָר אומאויפֿהערלעכער און קאָלאָסאַלער אַנטוויקלונג אין אַ ניט־נאַטירלעכן טעמפּאָ — צוליב דער נויטווענדיקייט אַריינצונעמען איבער אַנדערהאַלבן מיליאָן נייע עולים. אונדז באַאומרויִקט מער פֿון אַלץ די מאָראַלישע און פּסיכאָלאָגישע שטימונג ביי אַ סך ישׂראל־איינוווינער. מיר זיינען אַ פֿאָלק, וואָס האָט בדרך כּלל ליב גוזמאות. די גרעסטע קלוגשאַפֿט פֿון ״אַלץ אין אַ מאָס״ איז אַ גריכישע און זי שפּיגלט ניט אָפּ די טיפּישע יידישע פֿילאָזאָפֿיע. אין מאָמענט פֿון אַ נצחון ווערן מיר איבער־ענטוזיאַסטיש, און ווען עפּעס געלינגט אונדז ניט, פֿאַלן מיר אַריין אין אַ פּאַניק און היסטעריע. איך דאַרף אָבער זאָגן, אַז ביי דעם גאַנצן העראָיִזם פֿון דער ישׂראלדיקער יוגנט, ביי דער גאַנצער זעלבסטזיכערקייט און התלהבֿות פֿונעם ישׂראל־איינוווינער, דאַכט זיך מיר צייטנווייז, אַז די נערוון פֿון יידן אין די שווערסטע צייטן פֿונעם גלות־לעבן זיינען געווען שטאַרקערע, ווי ביי אַ סך היינטיקע ישׂראל־איינוווינער.

איך בין ניט קיין ספּעציאַליסט פֿאַר עקאָנאָמישע ענינים, פֿאַר מיר איז אָבער קלאָר געווען, אַז נאָך אַ לאַנגער צייט פֿון ניט־איבערגעריסענעם

וווּקס און פון עקאָנאָמישער אויסברייטערונג אין אַן אָרעמען לאַנד און מיט אָרעמען פאָלק, איינגעשלאָסן אומפאַרמיידלעכע פעלערן פון מענטשן, וואָס האָבן געשאַפן אַ מדינה, בעת זיי האָבן אין משך פון הונדערטער יאָרן ניט געוווּסט, וואָס אַ מדינה הייסט; פון מענטשן, וואָס האָבן אויך אויפגעבויט אַן אייגענע ווירטשאַפט פון גאָרניט, בעת זיי האָבן לאַנגע יאָרן הונדערטער געלעבט ביים ראַנד פון פרעמדע ווירטשאַפטן — איז געווען צו דערוואַרטן, אַז עס וועט קומען אַ טאָג, ווען מען וועט מוזן פאַרלאַנגזאַמערן און פאַרמעסיקן דעם דאָזיקן קאָלאָסאַלן וווּקס. דערמיט וויל איך ניט פאַרטיידיקן די ווירטשאַפטלעכע פּאָליטיק פון דער רעגירונג, ווייל איך האַלט זיך ניט קאָמפּעטענט זי אָנצונעמען, אָדער זיך איר אַנטקעגנצושטעלן. אָבער די איצטיקע לאַגע איז דאָך אַ רעזולטאַט פון דער פּאָליטיק, וועלכע עס האָבן אָנגעווענדעט אַלע פריקע רעגירונגען, און אַלע האָבן דאָן צו איר איינגעשטימט, קען מען דעריבער זי ניט צושרייבן דווקא צו איין פּאַרטיי אָדער איין גרופּע.

אינעם איצטיקן צושטאַנד האָבן מיר, די ציוניסטישע באַוועגונג און יידן אין אַלע לענדער, דאָס רעכט צו זאָגן דעם פאָלק אין ישראל: ״באַרויִקט זיך, אָן פּאַניק און אָן פאַרצווייפלונג!״ געוויינלעך שטראַלט אַרויס פון ישראל אַ דערמוטיקונג און אינספּיראַציע פאַר די יידן אין גלות. היינט דאַרף עס זיין פאַרקערט. אין ישראל הערט מען קריטיק, וואָס ווען אַפילו זי וואָלט געווען באַרעכטיקט, איז זי שטאַרק איבערגעטריבן. דאָ גייען אַרויס צייטונגען, וואָס אויב מען וויל קענען די לאַגע אין ישראל פון לייענען די דאָזיקע צייטונגען, איז עס אוממעגלעך צו דערגיין. לויט די צייטונגען איז שווער זיך פאַרצושטעלן, אַז אין די לעצטע 8 יאָר איז די באַפעלקערונג פון לאַנד געוואַקסן פיר מאָל אַזוי פיל, און אַז דאָ איז געשאַפן געוואָרן עפּעס אַזוינס, וואָס רופט אַרויס רעספּעקט און פאַרערונג ניט בלויז אין די יידישע אויגן אין דער גאָרער וועלט, נאָר אויך ביי אַ סך מיליאָנען ניט־יידן. די געפאַר באַשטייט אין דעם, אַז עס זאָלן איינזייטיק אונטערגעשטראָכן ווערן די נעגאַטיווע דערשיינונגען, אָן גלייכגעוויכט, און אַז עס זאָל ניט דערמאָנט ווערן אַלץ, וואָס איז דערגרייכט געוואָרן אין די 8 יאָר: ס׳איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַ מדינה; מען האָט אָפּגעהאַלטן בצחונות אין צוויי מלחמות; עס זיינען אַריינגענומען געוואָרן איבער אַנדערהאַלבן מיליאָן אָרעמע עולים; עס זיינען אויפגעשטעלט געוואָרן ברייטע שול־נעצן פון אַלע קאַטעגאָריעס — און דאָס

אַלץ — אָן אַ סיטואַציע פון שלום, ווען די שונאים אַרום האַלטן אין איין דראָען, און אין אַ צייט, וועלכע איז די געשפּאַנסטע אין דער מענטשלעכער געשיכטע. צי קען ניט די ישׂראל־פּרעסע אַרויסווייזן אַ חוש פאַר פּראָפּאָרץ? צי מוז זי ווידער און ווידער באַהאַנדלען יעדן פעלער, אָדער יעדן מינדסטן סקאַנדאַל? פאַראַן גרעסערע און שטאַרקערע מדינות מיט ערנסטערע עקאָנאָמישע שוועריקייטן ווי אין ישׂראל, אָבער צי האַלט די פּרעסע און די עפנטלעכע מיינונג אין יענע לענדער אין איין דערמאָנען טאָג און נאַכט די נעגאַטיווע קריטיק, די אָנגריפן, אַזוי ווי דאָ אין ישׂראל? מען קומט אָן קיין ישׂראל און גלייך דערציילט מען אייך וויצן, פון וועלכע די האָר שטעלן זיך קאַפּויר, ווייל זיי זיינען ניט אָנשטענדיק, אכזריותדיק און בייזוויליק. יידן פאַרמאָגן אַ גוטן חוש פאַר הומאָר, אָבער אַפילו דער בייסנדיקסטער הומאָר אין גלות האָט פאַרמאָגט וואַרעמקייט און אַ געוויסע מאָס מענטשלעכקייט, און דאָס האָט געווירקט אַזוי, אַז דער הומאָר האָט געקענט אַ סך העלפן און טרייסטן. אָבער דאָ, אין ישׂראל, איז דער הומאָר אין גאַנצן אַ נעגאַטיווער, פול מיט גיפט, און דאָס רוב וויצן זיינען אַפילו ניט קלוג אָדער זיי זיינען געגנבעט פון אַנדערע לענדער.

עטלעכע ווערטער וועגן דער פּאָליטישער און זיכערקייט־לאַגע אין ישׂראל. איך געהער ניט צו די, וואָס גלייבן, אַז שלום מיט די אַראַבער וועט לייכט דערגרייכט ווערן, אויב מען וועט דעם ענין איבערגעבן צו דער עקסקלוזיווער באַהאַנדלונג צווישן אונדז און די אַראַבער אָן דרויסנדיקער אַריינמישונג. יעדנפאַלס, איז ניטאָ היינט אין דער וועלט קיין שום פּראַגע, אין וועלכער די גרויסע מלוכות זאָלן ניט זיין פאַרמישט אין דער, אָדער יענער פאָרעם. עס איז ניט פּראַקטיש אָנצונעמען, אַז די גרויסמאַכטן וועלן אויפהערן זיך צו אינטערעסירן מיטן דאָזיקן ווינקל וועלטטייל. די געגנט איז אַ וויכטיקע סיי צוליב אירע נאַפט־קוואַלן, סיי צוליב איר געאָ־פּאָליטישער לאַגע און אויך צוליב דער שטייגנדיקער וויכטיקייט פון די פעלקער וואָס לעבן אין דעם ראַיאָן. ניט זייענדיק איינער פון יענע, וואָס זיינען פאַר אַ פאַרמעסט פּנים אל פּנים מיט די אַראַבער, בין איך איינער פון די, וואָס האַלטן, אַז נאָר מיט דער הילף פון די גרויסמאַכטן וועט דערגרייכט ווערן שלום און סטאַבילקייט אין מיטעלן מזרח. נאָר ווען דיביידע גרויסמאַכטן, וועלכע באַשטימען די פּאָליטישע לאַגע — ווײַ־

ניקסטנס, כל־זמן כינע איז ניט די דריטע גרויסמאַכט — וועלן דערגיין צו אַ הסכם וועגן זיכערן דעם שלום אין דער וועלט, איינגעשלאָסן גאַראַנטיעס פאַר סטאַבילקייט אין מיטעלן מזרח, פאַרבונדן ווי ווייט מעגלעך מיט אַן אַבליגאַטאָרישער אויפזיכט אויפן באַוואָפענונג־געיעג, — נאָר דעמאָלט וועלן אַנטשטיין באַדינגונגען, אין וועלכע די אַראַבישע מדינות וועלן זיין גרייט צו אַנערקענען די עקזיסטענץ פון מדינת ישראל און אָנצוהייבן טראַכטן וועגן נאָרמאַלע באַציִונגען מיט איר. טראָץ דער איצטיקער שפּאַנונג אין דער וועלט איבער דער מלחמה אין וויעטנאַם, האָף איך, אַז אין דער ניט־ווייטער צוקונפט וועט דאָס פּראָבלעם פון וויעטנאַם געלייזט ווערן און אַלס רעזולטאַט דערפון וועט קומען אַן אָנטשיידנדיקע דערנענטערונג צווישן די פאַראייניקטע שטאַטן און דעם ראַטן־פאַרבאַנד. מעגלעך, אַז דעמאָלט וועט קומען די צייט פאַר אַ הסכם צווישן די ביידע בלאָקן בנוגע דעם מיטעלן מזרח. איך בין שטענדיק געווען ביי דער מיינונג, אַז אַן סאָוועטישער קאָאָפּעראַציע איז אוממעג־לעך צו דערגרייכן אַ סטאַבילן שלום אין מיטעלן מזרח. אגב, דאָס ווייזט ווי שטאַרק נויטווענדיק עס איז, אַז ישראל זאָל אָנווענדן אַלע מיטלען, כדי צו פאַרענגערן אירע באַציִונגען מיט ראַטן־פאַרבאַנד. ווייל איך בין איבערצייגט, אַז סיי אַמעריקע און סיי סאָוועט־רוסלאַנד ווילן ניט קיין מלחמה אין קיין שום טייל פון דער וועלט; ווייל איך האָף, אַז עס וועט קומען אַן אמתע דערנענטערונג צווישן די ביידע גרויסמאַכטן, גלייב איך דעריבער, אַז עס איז דאָ אַ רעאַלע שלום־אויסזיכט אין דער ניט־ווייטער צוקונפט אין מיטעלן מזרח. די אַלע, וואָס זיינען פאַרצווייפלט און האַלטן, אַז די איצטיקע זיכערקייט־לאַגע פון ישראל וועט זיך ניט ענדערן, דאַרפן נעמען מיינע ווערטער אין אַכט און ניט אַריינפאַלן אין אַ פּאַניק.

צוריקקערנדיק זיך צום פּסיכאָלאָגישן צושטאַנד אין ישראל, האַלט איך, אַז איינע פון די הויפּט־סיבות פאַר דעם דאָזיקן פּיינפולן און אומגליקלעכן צושטאַנד — וואָס איז געפערלעכער אויף אַ לאַנגער מעטע פון די סירישע דראָונגען, פון דער נאַסעריסטישער שנאה אָדער פון די קאָמפּליצירטע עקאָנאָמישע פּראָבלעמען — איז דער צעשטערערישער פּאַרטייִישער גייסט, וואָס הערשט אין דעם לאַנד. מיר זיינען אַ פּאַנאַטיש פאָלק. זינט די פיל הונדערטער יאָרן, ווען מיר האָבן געלעבט אָן אַ מדינה און אָן פּאָליטיק, האָבן מיר זיך ניט אויסגעלערנט, אַז פּאָליטיק מיינט קאָמפּראָמיסן, וויתורים, „גיב און נעם". אפשר קען מען נאָך באַרעכטיקן פּאַנאַטיזם ביי רעלי־

גיצזע מענטשן, אָבער וואָס פאַרא באַרעכטיקונג האָט דער פאַנאַטיזם פון פּאָליטישע פאַרטייען? ווען מען הייבט אָן צו אַנאַליזירן די פּראָגראַמאַטישע אונטערשיידן צווישן די פּאַרטייען אין ישראל, איבערצייגט מען זיך, אַז די הויפּט־דיפערענצן זיינען ניט מער ווי קינסטלעכע אידעאָלאָגישע פּרוּוון צו פאַרשטעלן פּאָליטישע שנאה, קנאה און מאַכטגייציקייט. אַפילו אין נאָרמאַלע צייטן קען אַזאַ צוגאַנג צעברעכן אַ מדינה, וואָס איז שטאַרקער פון ישראל, און ער האָט טאַקע רויִנירט די יידישע מדינה אין די אַלטע צייטן. אָבער אין אַ צייט ווען די מדינה איז אַרומגערינגלט פון אַזוי פיל שונאים, און זי מוז פאַרפעסטיקן איר ווירטשאַפט, מוז דער דאָזיקער עקסטרעם־פּאַרטייִישער גייסט פאַרשווינדן, און אויף זיין אָרט דאַרפן אַריינטרעטן קעגנזייטיקער רעספּעקט און סאָלידאַרישקייט. קריטיק איז אַ גוטע און נויטווענדיקע זאַך, אָבער די פאַרביטערטקייט, וואָס שטעקט אין דער איצט פאַרשפּרייטער קריטיק אין ישראל, די רעספּעקטלאָזיקייט פאַר יענעמס מיינונגען, די גרויסהאַלטונג פון די זשורנאַליסטן, דאָס יאָגן זיך נאָך סענסאַציעס מצד אַ געוויסן טייל פון דער פּרעסע — דאָס אַלץ שאַפט ערנסטע פּראָבלעמען, וואָס זיינען שווערער אַפילו פון די פּאָליטישע און עקאָנאָמישע שוועריקייטן, וועלכע איך בין זיכער, אַז זיי וועלן געלייזט ווערן מיט געדולד, איבערגעבנקייט און בשותפותדיקע באַמיִונגען.

די ציוניסטישע באַוועגונג, וואָס האָט געשאַפן די מדינה, דאַרף אָנווענדן איר רעכט צו דערמוטיקן דאָס פאָלק אין ישראל דורך שאַפן אַ פעסטע סאָלידאַרישקייט צווישן דער גרויסער מערהייט פונעם יידישן פאָלק און דער מדינה, ווי אויך דורך אונטערנעמען אַ גרויסע אַקציע, וואָס זאָל מאָביליזירן נייע הילף און שטיצע פאַר ישראל, וועלכע איז טראָגן אַלע אירע שוואַכקייטן און פעלערן, איינע פון די גרעסטע דערגרייכונגען ניט נאָר אין אונדזער געשיכטע, נאָר אין דער גאַנצער מענטשלעכער געשיכטע.

די איצטיקע לאַגע אין ישראל, די שוועריקייטן און געפאַרן פון דער מדינה, ווייזן ווידער, ווי שטאַרק נויטווענדיק עס איז אַ ציוניסטישע באַוועגונג, באַזירט אויף ישראל־צענטראַליזם אין יידישן לעבן און אויף דער איבערצייגונג, אַז אָן אַ צענטער ווערט דער קיום פון יידישן פאָלק אין גלות צווייפלהאַפט, ווייל ער ווערט זיין אויסגעשטעלט אויף אַסימילאַציע. די ציוניסטישע באַוועגונג האָט דעריבער די אויפגאַבע צו פאַרפלאַנצן אינעם פאָלק אחריות און סאָלידאַרישקייט מיט ישראל, צו פאַרוואָרצלען אין די הערצער, באַזונדערס פונעם יונגן דור, דעם באַגער עולה צו

זיין און זיך באַזעצן אין ישׂראל. די, וועלכע זיינען אין די ערשטע יאָרן פון דער מדינה געווען פול מיט התלהבות און איבערגעטריבענעם אָפּטי־מיזם, האָבן געמיינט, אַז אַלץ איז אַזוי לייכט צו דערגרייכן, האָבן געגלייבט, אַז די מדינה איז געזיכערט, און אַז זי וועט אַליין קענען לייזן אַלע אירע פּראָבלעמען — די אַלע וועלן אין אַנבליק פון דער איצטיקער לאַגע געוויס פילן, אַז אָן דער אונטערשטיצונג פון די מיליאָנען יידן מחוץ מדינת ישׂראל און אָן זייער איינפלוס אויף דער ניט־יידישער וועלט, וואָלט די מדינה ניט געקענט גובר־זיין אירע שוועריקייטן. און אַפילו ווען די איצטיקע שוועריקייטן וועלן באַזייטיקט ווערן, וועלן זיי ניט זיין די לעצטע. ס'איז דעריבער איבעריק ווייטער צו דיסקוטירן איבער דער נויטווענדיקייט פון אַ ציוניסטישער באַוועגונג. די אַנטוויקלונג פון יידישן לעבן זינט דער צווייטער וועלט־מלחמה ביז היינט באַרעכטיקט דעם ציוניסטישן אַנאַליז פון דער יידן־פּראָגע אין גלות. די אמתע פּראָגע פון דער ציוניסטישער באַוועגונג איז ניט, צי זי איז נייטיק און צי זי האָט אַ היסטאָרישע ראָלע, נאָר אויף וויפל זי קען דערפילן איר אויפגאַבע.

ווי איר ווייסט, האַלט איך שוין פון לאַנג, אַז אָן אַן עקסטרעמער ענדערונג אין דער סטרוקטור פון דער ציוניסטישער וועלט־באַוועגונג, וועט זי ניט קענען דערפילן איר אויפגאַבע אין דער יידישער געשיכטע און זי וועט זיין פאַרמשפּט אויף דעקאַדענץ. ווען מיר באַהאַנדלען די פּראָבלעמען פון אונדזער באַוועגונג, מוזן מיר זיין אָפנהאַרציק צווישן זיך ביז ווייטיק, און ניט שפּילן זיך אין ביליקע אילוזיעס און בלייבן צופרידן מיט די דערגרייכונגען פון פאַר דער מדינה־אַנטשטייונג. ווען מען אַנאַ־ליזירט די לאַגע און די ראָלע פון דער ציוניסטישער באַוועגונג אין איצטיקן יידישן לעבן, מוז מען קומען צו פעסימיסטישע מסקנות. אין דער מערהייט פון די יידישע קהילות איז די פּאָזיציע פון דער ציוניסטישער באַוועגונג ווייט פון צו זיין אַ צענטראַלער כוח. פאַראַן אָרגאַניזאַציעס, וואָס טוען וויכטיקע אַרבעט אויף געוויסע געביטן, אָבער די גרויסע היסטאָרישע ראָלע פון דער ציוניסטישער באַוועגונג איז — אַנצופירן דאָס פאָלק אין זיינע פאַרבינדונגען מיט ישׂראל. אין דער מדינה האָבן מיר אויפגעטאָן אַ וואונדערבאַרע אַרבעט. אויפן גרונט פון דער "אמנה" און אין צוזאַמענ־אַרבעט מיט דער רעגירונג — וועלכע איז אין די לעצטע יאָרן שטאַרקער געוואָרן — האָבן מיר באַוויזן אַריינצוברענגען איבער אַנדערהאַלבן מיליאָן

עולים און מיר האָבן געהאָלפן דעם פאָלק אין ישראל צו בויען די יונגע מדינה. אָבער דער אויספּרווו פון דער ציוניסטישער באַוועגונג ליגט ניט אין ישראל, נאָר אין גלות. די אונטערשיידן צווישן ציוניסטן און ניט־ציוניסטן באַזירן זיך אויף די פאַרשיידענע אויפפאַסונגען פון יידישן לעבן און פון יידישער פּאָליטיק אין גלות; אויף דער באַציִונג צו דעם פּרינציפּ פון ישראל־צענטראַליזם אין יידישן לעבן און אויף דער פולער אחריות פון יידישן פאָלק פאַר דער צוקונפט פון ישראל, — להיפך צו דער אויפפאַסונג, וואָס באַגנוגנט זיך בלויז מיט פריינדשאַפט און סימפּאַטיע. מיטן אויסנאַם פון די יישובים אין עטלעכע לענדער, איז די ציוניסטישע באַוועגונג איצט ניט דער דעצידירנדיקער און דינאַמישער פאַקטאָר אין יידישן לעבן. ניט אין די קהילות גופא און ניט אין דער עיקרדיקער אויפגאַבע צו סטימולירן עליה פון דער פרייער וועלט. די פראַגע וועגן דער עליה פון די מערב־לענדער וועט אַלץ מערער זיין דער פּרוּוושטיין פאַרן דערפאָלג אָדער דורכפאַל פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, רעכענענדיק זיך מיטן פאַקט, אַז די אַנדערע רעזערוואָרן פון דער עליה פון די נויט־ און דיסקרימינאַציע־לענדער, ווערן אויסגעליידיקט.

די סיבה פאַר וואָס די השפעה און די דינאַמישע אָנפירונג פון דער ציוניסטישער באַוועגונג אין יידישן גלות־לעבן איז געפאַלן, ליגט, לויט מיין מיינונג, קודם־כל, אין דער פאַרעלטערטער סטרוקטור פון אונדזער אָרגאַניזאַציע. די סטרוקטור האָט זיך אַנטוויקלט אינעם פּעריאָד פון פאַרן מדינה־אויפקום, ווען די באַוועגונג האָט באַשלאָסן וועגן די פאָרמען פון דער נייער געזעלשאַפט, וואָס דאַרף אַנטשטיין אין ארץ־ישראל, און וועגן די פּאָליטישע ריכטונגען פון יידישן יישוב אין לאַנד. ביים היינטיקן טאָג האָט די באַוועגונג פאַרלאָרן די דאָזיקע מעגלעכקייט. אַפילו יענע וואָס וואָלטן וועלן אויסגעפינען אַ סיסטעם, וואָס זאָל דערמעגלעכן דער ציוניסטישער באַוועגונג און דעם יידישן פאָלק אין גלות צו האָבן אַ השפעה — ווייניקסטנס אַ מאָראַלישע דורך געבן עצות — אויף דער פּאָליטיק פון ישראל — אויך זיי פאָדערן ניט קיין רעכט פאַר דער ציוניסטישער באַוועגונג צו באַשליסן און דעצידירן אין די ענינים פון דער מדינה, ווייל אין איצטיקן יאָרהונדערט זיינען אַלע באַשלוסן אין די הענט פון די איינוווינער פון די סוווערענע מדינות. עס איז דעריבער ניט באַרעכטיקט, אַז די קלאַסישע פּאַרטייען אין דער ציוניסטישער באַוועגונג — סיי זיי זיינען פאַרבונדן מיט פּאַרטייען אין ישראל אָדער ניט — זאָלן זיין די הויפּטזיילן

פון דער ציוניסטישער סטרוקטור. קיינער קען ניט פאַרבאָטן אַ ציוניסט אין גלות, אַז ער זאָל זיך אידענטיפיצירן מיט אַ ישראל־בירגער, וואָס האָט ענלעכע מיינונגען, און אַז ער זאָל העלפן די פאַרטייען אין ישראל, אין וועמענס אידעאָלאָגיע ער גלייבט. דעריבער זיינען באַרעכטיקט אידעאָלאָגישע קרייזן אין די גלות־לענדער. אָבער די דאָזיקע פאַרטייען דאַרפן ניט זיין די עיקרדיקע קאַנאַלן, וואָס בלויז דורך זיי קען מען דערגרייכן צו דער ציוניסטישער באַוועגונג די אַלע מיליאָנען יידן, וועלכע זיינען גרייט אָנצונעמען דאָס "ירושלימער פּראָגראַם".

נאָכן לעצטן ציוניסטישן קאָנגרעס האָבן מיר געשאַפן די קאָמיסיע, וואָס זאָל רעווידירן די סטרוקטור פון דער ציוניסטישער וועלט־באַוועגונג און צוגרייטן פאָרשלאָגן פאַר דער קומענדיקער סעסיע פון אַקציאָנס־קאָמיטעט. וועל איך זיך ניט אַריינלאָזן איצט אין איינצלהייטן פון די פאָרשלאָגן. איך וויל אָבער זאָגן, אַז עס זיינען פאַראַן צוויי גרונט־באַדינגונגען פאַר דער רעאָרגאַניזאַציע פון דער באַוועגונג:

איין באַדינג איז, אַז זי קען ניט געבן די ציוניסטישע פאַרטייען אַ פּריווילעגירטן סטאַטוס. דער צווייטער באַדינג איז, אַז דער קאָנגרעס זאָל זיין געבויט לויט טעריטאָריעלע דעלעגאַציעס, וועלכע זאָלן זיין פאַראייניקט אין איין לאַנד־פעדעראַציע. ווייס איך, אַז ניט לייכט וועלן די פאַרטייען אויפגעבן זייער פּריווילעגירטן סטאַטוס, אָבער כל־זמן זיי וועלן ניט ברענגען דעם דאָזיקן קרבן לטובת דער באַוועגונג אין אַלגעמיין, וועל איך ניט קענען זיין אָפּטימיסטיש לגבי דער מעגלעכקייט צוריקצוברענגען די וויטאַליטעט און די יוגנטלעכקייט פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע.

אַ וויכטיקער טייל פון דעם פּראָגראַם "מיטן פּנים צום גלות" איז די וואַקסנדיקע פאַראינטערעסירונג פונעם ציוניזם מיט דער יידישער וועלט, די שטייגנדיקע קאָאָפּעראַציע מיטן יידישן וועלט־קאָנגרעס, מיטן אָנדענק־פאָנד פאַר יידישער קולטור, מיטן וועלטראַט פאַרן יידישן חינוך, מיט אַנדערע גרויסע יידישע אָרגאַניזאַציעס, ווי למשל "בני ברית" און די רעליגיעזע שטראָמונגען אין אַמעריקע, און באַזונדערס — מיט אַלע יידישע יוגנט־באַוועגונגען, ציוניסטישע און ניט־ציוניסטישע. די ציוניסטישע באַוועגונג דאַרף מיט איר גאַנצער ענערגיע ווירקן פאַר איינהייט אין יידישן לעבן, פאַר אָפּשאַפן די געשמאַקלאָזע דובליקאַציעס אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער יידישער אַרענע און צום אויפשטעלן אַ רעפּרעזענטאַטיווע

קערפּערשאַפט פון גאַנצן יידישן פאָלק. אָבער דאָס אַלץ לייזט נאָך ניט די גרונטפראַגע פון ענדערן די ציוניסטישע סטרוקטור, כדי די באַוועגונג זאָל קענען זיין אָנגענומען ביי אַלע יידן, וועלכע זיינען איצט פּאָטענציעלע ציוניסטן, אָבער זיי געפינען פאַר זיך אַנדערע וועגן ווי אַזוי מיטצואַרבעטן מיט ישראל, און ניט אין די פאַרשיידענע ציוניסטישע ראַמען.

אין סך הכל וויל איך מאַכן עטלעכע באַמערקונגען אין פאַרבינדונג מיטן שווערסטן פּראָבלעם — די געפאַר, וואָס באַדראָט די עקזיסטענץ פון די יידישע יישובים איבער דער אַסימילאַציע און צעברעקלונג. איך האָב מורא, אַז דער דאָזיקער פּראָצעס, וואָס רייסט־מיט די יידישע יישובים, אַנטוויקלט זיך אַ סך שנעלער, ווי מיר קענען זיך עס גאָר פאָרשטעלן. כ'האָב מורא, אַז אין פאַרשיידענע ערטער אין דער יידישער וועלט, סיי אין מזרח, סיי אין מערב, פאַרלירן מיר גרויסע טיילן פון אונדזער פאָלק. צום גליק, דרינגט אַריין וואָס אַ מאָל מער דאָס באַוווסטזיין, אַז די גרעסטע געפאַר דראָט אונדז היינט צו טאָג ניט פון דרויסן, נאָר פון אינעווייניק. אין דעם איבערצייגן זיך אויך אַזעלכע, וואָס האָבן ערשט מיט צען יאָר צוריק געהאַלטן, אַז די וויכטיקסטע אויפגאַבעס פונעם יידישן גלות־לעבן זיינען געווען דער קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם און דאָס פאַרנעמען זיך מיט יידישער פילאַנטראָפּיע.

ווי איך האָב שוין אָפּט געזאָגט, דאַרפן מיר ראַדיקאַל ענדערן די אָרדענונג פון אונדזערע פּריאָריטעטן. חינוך, יוגנט־אַרבעט, יידישע קול־טור — דאָס זיינען די ערשטראַנגיקע אַרבעט־געביטן, פון וועלכע עס וועט זיין אָפּהענגיק די צוקונפט פון יידישן לעבן. אין דערפילן די דאָזיקע ריזן־אויפגאַבע דאַרף ישראל שפּילן די ערשטע פידל, אָבער דאָס דאַרף זיין אַ ישראל, וואָס קען דינען ווי אַ מוסטער, ווי אַ קוואַל פון אינספּי־ראַציע, און ניט אַ ישראל, וואָס לעבט אין אָפּטע פאַרטיייִשע אַרומרייַ־סעגישן און דעמאָנסטרירט אַ ציניש צוגאַנג צו אידעאַלן, צום ציוניזם, באַרימנדיק זיך מיט אַ "רעאַליזם", וואָס איז אין לעצטן חשבון ניט מער ווי דעפּיטיזם.

מיר זיינען קיין מאָל ניט געווען אַ פאָלק ווי אַלע פעלקער. מיר זיינען ניט געווען בעסער פון אַנדערע, אָבער מיר זיינען געווען אַנדערש פון אַנדערע. אונדזער אַנדערשקייט איז געווען ניט נאָר אין דעם זין, וואָס יעדעס איינע פאָלק אונטערשיידט זיך פון צווייטן, נאָר אויך דערמיט, וואָס אונדזער פונדאַמענטאַלע סטרוקטור און אונדזער היסטאָרישע שליחות

זיינען געווען אַנדערע ווי ביי אַלע פעלקער. די יאָרהונדערטער פון גלות און רדיפות האָבן מיר געקענט אויסהאַלטן אַ דאַנק דעם, וואָס אונדזער לעבן האָט זיך באַזירט אויף אמונה, אידעאַלן, און ניט בלויז אויף פּאָליטיש־עקאָנאָמישער קראַפט. אָט די פאַקטאָרן האָבן כאַראַקטעריזירט די אייגנאַרטיקייט פון אונדזער פאָלק. פון דעם דאָזיקן שטאַנדפּונקט איז דער ציוניזם פון סאַמע אָנהייב געווען באַגרינדעט אויף אַן אינערלעכן קעגנזאַץ. פון איין זייט האָבן מיר געוואָלט נאָרמאַליזירן אונדזער לעבן דורך גלייכבאַרעכטיקונג און געוואָלט אויפשטעלן אַ מדינה ווי אַלע פעלקער האָבן, און פון דער אַנדערער זייט האָבן מיר געוואָלט ווייטער ממשיך זיין מיט אונדזער נאַציאָנאַלער אייגנאַרטיקייט און מאַכן פון דער מדינה דעם הויפּט־אינסטרומענט, וואָס זאָל אָפּהיטן אונדזערע אייגנאַרטיקע אייגנשאַפטן. אין דער השכלה־ליטעראַטור האָט דער קעגנזאַץ געפונען אַן אויסדרוק אין די באַקאַנטע זאָגן: "לא ככל הגויים בית ישראל" און דער היפוך דערפון: "נהיה ככל הגויים". דורך דער גרינדונג פון דער מדינה און דורך דער גלייכבאַרעכטיקונג אין די גלות־לענדער האָבן מיר דערגרייכט די נאָרמאַליזאַציע, אָבער גראָד איצט איז אונדזער קיום באַדראָט מערער ווי אין די ערגסטע פעריאָדן פון אונדזער לעבן אין יידישן גלות. בלויז איין לייזונג איז דאָ פאַר דעם קעגנזאַץ: אויסצוגעפינען אַ סינטעז, וואָס זאָל פאַראייניקן בײדע מיינונגען; ווייטער האַלטן די אָנגענומענע פאָלקס־אינסטרומענטן און מיט זיי זיך באַנוצן, כדי צו זיכערן אונדזער ספּעציפישן כאַראַקטער, אויפצובויען אַ מדינה, וואָס איז ניט ווי אַלע מדינות און קולטיווירן אונדזער באַזונדערן כאַראַקטער אין די גלות־לענדער, וואָס איז אַנדערש פון אַלע איבעריקע מינדערהייטן.

ישראל, און מיט איר צוזאַמען דאָס גלות־יידנטום, דאַרפן שטרעבן אויסצושמידן אַ יידישע צוקונפט, וואָס זאָל פאַרמאָגן אַלע אייגנשאַפטן, וועלכע זיינען אָנגענומען ביי אַנדערע פעלקער און גלייכצייטיק זיכערן אונדזער באַזונדערן און איינציקאַרטיקן כאַראַקטער — אַ צוקונפט, וואָס זאָל אַנטשפּרעכן אונדזער שליחות און זאָל באַשיינען אונדזער פאַר־גאַנגענהייט.

אויף דער סעסיע פון ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט, ירושלים 1967

# רעקאָנסטרוקציע פון דער ציוניסטישער באַוועגונג

זינט דעם אויפקום פון מדינת ישראל האָט אין די רייען פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, און אויף דער יידישער גאַס בכלל, זיך געשאַפן אַ געוויסע אומבאַקוועמע סיטואַציע. ווען די מדינה איז אויפגעקומען האָבן אַ סך ציוניסטן דערפילט, אַז די הויפּט־אויפגאַבע פון דער באַוועגונג איז דערגרייכט; אַז וואָס עס דאַרף נאָך געטאָן ווערן, קען געטאָן ווערן דורך אַנדערע פאַקטאָרן, און אַז מען דאַרף אפשר גאָרניט האָבן די קאָמפּליצירטע ציוניסטישע באַוועגונג, וואָס האָט שוין דערפילט דעם עיקרדיקן טייל פון אירע צילן: די שאַפונג פון אַ יידיש היימלאַנד, אָדער, ווי עס איז שפּעטער פאָרמולירט געוואָרן, אַ סוווערענע יידישע מדינה.

צוליב דריי הויפּט־סיבות האָט זיך דערוועקט די פראַגע: צי איז די ציוניסטישע באַוועגונג נאָך נייטיק און פאַר וואָס איז זי נייטיק? קודם כל האָבן מיר פאַרלאָרן איינע פון אונדזערע הויפּט־אויפגאַבן — די פּאָליטישע אַרבעט. איידער מדינת ישראל איז אַנטשטאַנען, פלעגן מיר זיך באַנוצן מיטן אַלטן טערמין "די מדינה אונטערוועגס" און מיר, ציוניסטן האָבן געפירט די פּאָליטישע ענינים פונעם יישוב. די ציוניסטישע עקזעקוטיווע האָט באַשטימט די פּאָליטיק פון יישוב אין ארץ־ישראל, דעם קאַמף פאַר דער מדינה אד"גל. שוין אויף דער ערשטער זיצונג פון אַקציאָנס־קאָמיטעט, נאָכן אויפקום פון דער מדינה, האָבן מיר אָנגענומען אַ באַשלוס וועגן "סעפּאַרירן די אויפגאַבן", און האָבן פּראַקטיש איבערגעגעבן די גאַנצע פּאָליטישע אַרבעט דער מדינה.

איך ווייס, עס זיינען פאַראַן ציוניסטן, וואָס צווייפלען, צי עס איז געווען קלוג אַזוי צו טאָן, און זיי וואָלטן געוואָלט, אַז די ציוניסטישע באַוועגונג זאָל נאָך היינט פירן איר אייגענע אומאָפּהענגיקע פּאָליטיק בנוגע ישראל. אָבער דער גרעסטער טייל פון דער ציוניסטישער באַוועגונג איז ניט געווען ביי דער מיינונג — יעדנפאַלס ביז איצט — (דאָס קען אויך

זיין איינע פון די פראַגן, וואָס וועלן באַהאַנדלט ווערן אין דער קאָמיסיע).
מיר, ווי די אַנדערע יידישע אָרגאַניזאַציעס, גיבן פּאָליטישע הילף פאַר מדינת ישראל, ווו די דאָזיקע הילף איז נייטיק און געוווּנטשן. אָבער דער גרויסער קאַמף פאַר דער נאָך ניט געבוירענער יידישער מדינה — אַט די אויפגאַבע איז דערפילט געוואָרן; זי עקזיסטירט ניט מער.

צווייטנס — אין אונדזער אַרבעט אין ארץ־ישראל זיינען אַריינגעטראָטן וויכטיקע ענדערונגען. מיט דעם מאָמענט, ווען עס איז אויפגעקומען אַ סוווערענע מדינה — מיט שטייערן, מיט פּאָליציי, מיט אַן אייגענער רעגירונג — איז געוואָרן קלאָר, אַז די הויפּט־אויפבוי־אַרבעט דאַרף איבער־גענומען ווערן דורך דער מדינה. אין דער הינזיכט איז פאַר אונדז געבליבן אַ זייער וויכטיקע אויפגאַבע און מיר וועלן זי נאָך האָבן יאָרן לאַנג.

אַפילו פון שטאַנדפּונקט פון דער טאָגטעגלעכער אַרבעט האָבן מיר, נאַטירלעך, געמוזט איבערגעבן דעם הויפּט־טייל פון לאַנד־אויפבוי דער סוווערענער מדינה און איר רעגירונג. אָבער, היות ווי דער גרעסטער טייל פון די פּאָטענציעלע בירגער האָבן געלעבט מחוץ מדינת ישראל, איז צוליב אַ ריי סיבות געוואָרן קלאָר, אַז עס איז נאָך פאַרבליבן פאַר אונדז אַ סך, וואָס צו טאָן. איך האַלט, אַז די היסטאָרישע רעזאָלוציע וועגן "הפרדה" איז געווען אַ ריכטיקע. מיר האָבן דעמאָלט געזאָגט צו דער מדינה: מיר קענען ניט דערוואַרטן פון אייך, אַז איר זאָלט אַריינ־ברענגען טויזנטער און מיליאָנען נייע יידן, זיי באַזעצן און איינגלידערן. ווי אַ סוווערענע מדינה קענט איר זיך ניט לאָזן גיין איבער דער גאַנצער וועלט און אָרגאַניזירן אימיגראַציע. אַזוי, אַז די דאָזיקע גאַנצע אויפגאַבע בלייבט פאַר אונדז. מיר, רעפּרעזענטירנדיק דאָס יידישע פאָלק — ניט נאָר פינאַנציעל דורך די קאַמפּיינען: דער פאַראייניקטער יידישער קאַמפּיין, קרן היסוד, קרן קימת אד"גל — נעמען זיך אונטער צו טאָן די אַרבעט!

עס איז ניט וויכטיק דאָ אַנצוווייזן, אַז מיר האָבן עס קיין מאָל ניט געמאַכט ווי געהעריק (איך גלייב, אַז מינדסטנס 50% פון די הוצאות פאַר דער אַבסאָרבירונג פון דער עליה האָט געמוזט טראָגן די מדינה), אָבער אין פּרינציפּ איז עס ניט נאָר געקומען צו אַ הסכמה, נאָר עס איז אויך צעמענטירט געוואָרן דורך אַ געזעץ אין דער כנסת, וואָס הייסט: "געזעץ וועגן סטאַטוס פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע". ביים היינטיקן טאָג זיינען מיר די איינציקע יידישע אָרגאַניזאַציע, וואָס

אַרבעט אין ישראל אויף אַ קאָנסטיטוציאָנעלן באַזיס. געוויס, קען די מדינה קומען צו דער סוווערענער כנסת און זאָגן: די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע דערפילט ניט איר אויפגאַבע, זי פאַרנאַכלעסיקט איר פליכט — מיר ווילן ענדערן איר סטאַטוס, דורך אַ געזעץ. אָבער דאָס קען ניט געמאַכט ווערן דורך אַדמיניסטראַטיווע מיטלען, אָדער דורך דער רעגירונג אַליין. דאָס גיט דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, אָדער דער יידישער אַגענץ איר איינציקאַרטיקע פּאָזיציע צווישן אַלע אַנדערע יידישע אָרגאַניזאַציעס, וואָס זיינען אינטערעסירט אין ישראל, אַרבעטן פאַר איר, אָדער אַפילו אין ישראל גופא.

די דריטע ענדערונג, וועלכע האָט געבראַכט מיט זיך די פראַגע: צי איז נאָך נייטיק אַ ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע? איז געווען דער פאַקט, וואָס ווען מיר זיינען אויפגעקומען אויף דער יידישער גאַס, האָבן מיר רעפּרעזענטירט אַ מינדערהייט — היינט אָבער איז די סיטואַציע אַזאַ, אַז די גרויסע מערהייט יידן אין די פרייע לענדער איז פאַר ישראל. איך זאָג ניט, אַז זיי זיינען ציוניסטן, אָבער זיי סימפּאַטיזירן מיט דער אידעע און מיט דער ווירקלעכקייט פון דער יידישער מדינה.

עס דערוועקט זיך טאַקע די פראַגע: צו וואָס דאַרף מען האָבן אַ ספּעציעלע אָרגאַניזאַציע, אויב די מערהייט פון די יידן זיינען פאַר ישראל, מעגן זיי אָרגאַניזאַציאָנעל ניט זיין ציוניסטן. דאָך האַלט איך, אַז די דאָזיקע פונדאַמענטאַלע פראַגע דאַרף ניט שטיין פאַר דער קאָמיסיע, ווייל די דאָזיקע האַמלעט־פראַגע "זיין אָדער ניט זיין" איז געלייזט דורך כמעט אַלע ציוניסטן און דורך אַלע פירער פון מדינת ישראל. ניט דער איצטיקער פרעמיער, ניט דער קאַבינעט, און אויך ניט די מערהייט אין ישראל שטייען ניט אויף דעם שטאַנדפּונקט, וועלכן בן־גוריון האָט אָנגענומען, אַז די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, אַזוי ווי זי איז היינט, אָדער אַ ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אין אַלגעמיין, איז ניט נייטיק.

דאָס ווערט צום בעסטן באַשטעטיקט דורך דעם פאַקט, וואָס אַלע פאַרטייען פון דער כנסת, אויסער "אגודת ישראל" און די קאָמוניסטן, זיינען אַקטיווע מיטגלידער פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. אויב 85 אָדער 90 פּראָצענט פון דער כנסת זיינען אַ טייל פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, האָט מען דאָס רעכט צו זאָגן, אַז די אָרגאַניזירטע, די פּאָליטיש אַקטיווע מדינת ישראל, דאָס פאָלק אין ישראל, איז פאַר אַ ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע.

✶

טעאָרעטיש זיינען פאַראַן דריי מעגלעכקייטן צו געפינען אַ לייזונג פאַר דעם פּראָבלעם: ווער זאָל טאָן די אַרבעט? ווי שוין געזאָגט, האָט די ציוניסטישע באַוועגונג פאַרלוירן צוויי פון אירע הויפּט־אויפגאַבן: זי באַשטימט ניט מער די פּאָליטיק און מאַכט ניט דעם גרעסטן טייל פון דעם לאַנד־אויפבוי. איר אַרבעט איז רעדוצירט נאָר אויף אַריינברענגען נייע עולים, און היות ווי די מערהייט פון אימיגראַנטן איז שוין געקומען, קען מען טענהן, אַז אָט דער טייל פון דער אַרבעט דערנענטערט זיך צו זיין סוף. די עליה פון די מערב־לענדער וועט אין בעסטן פאַל זיין אַ לאַנגזאַמע עליה, סיידן עס וועט געשען עפּעס אומפאָרויסגעזעענס; אָט דער טייל פון דער עליה־אַרבעט קען אפשר קענטיק רעדוצירט ווערן. אָבער די איינגלידערונג פון די עולים וועט דויערן אַ סך לענגער ווי מיר האָבן געטראַכט; עס איז אַ גרויסער טעות און אַן אילוזיע צו טראַכטן, אַז די מערהייט פון די עולים האָט זיך שוין פולקאָם פאַרוואָרצלט אין ישראל און קען זיך אַליין אויסהאַלטן.

טעאָרעטיש קען מען זאָגן: מיר דאַרפן ניט האָבן די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע — די מדינה וועט עס טאָן. אָבער איך גלייב ניט, אַז היינט איז עמעצער אין ישראל ביי דער מיינונג, אַז די מדינה קען דאָס טאָן, גיין אין יידישע קהילות און אָרגאַניזירן עליה, אָרגאַניזירן דירעקטע בייטראָגן פאַר דער מדינה, אָרגאַניזירן יוגנט־באַוועגונגען אד״גל.

עס איז פאַראַן אַן אַנדערע מעגלעכקייט, וואָס טעאָרעטיש קלינגט זי אפילו אַטראַקטיוו: צו וואָס אַ ספּעציפישע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע? די מערהייט פון די יידן אין דער וועלט זיינען גרייט עס צו טאָן, דאַרף מען אויפשטעלן אַ גרויסע יידישע וועלט־אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל רעפּרע־זענטירן דאָס גאַנצע יידישע פאָלק, און זי וועט איבערנעמען די ענינים. זי וועט זאַמלען געלט פאַר די קאַמפּיינען, זי וועט אָרגאַניזירן די עליה קיין ישראל, זי וועט פאַרבינדן דאָס פאָלק מיט ישראל...

אין אַלגעמיין זיינען פּלענער פאַר דער אָרגאַניזירונג פון דער יידישער גאַס די ביליקסטע זאַך: יעדער ייד האָט אַ פאַנטאַזיע, און פּאַפּיר איז געדולדיק. אָבער איך גלייב ניט, אַז עס איז אַזוי לייכט צו מאַכן. לויט מיין מיינונג, קען מען ניט פאַראייניקן די אויפגאַבע פון רעפּרעזענטירן יידישע אינטערעסן, וואָס שייך דעם גאַנצן יידישן פאָלק, מיט דער ספּעציפישער אויפגאַבע פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, וואָס באַצוועקט

צו פאַרבינדן דאָס פאָלק מיט ישראל און ווערן אַ שותף אינעם אויפבוי פון לאַנד.

עס זיינען פאַראַן וויכטיקע יידישע פּראָבלעמען, לגבי וועלכע נאָר די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, אָדער אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס איז מיט איר אידענטיש, און איר באַזע איז די גאַנצע ציוניסטישע אידעאָלאָגיע — וואָלטן געקענט ווירקזאַם אַרבעטן. דעריבער קען פון דעם שטאַנדפּונקט די ציוניסטישע באַוועגונג ניט פאַרביטן ווערן, ניט דורך דער מדינה און ניט דורך אַן אַלץ־איינשליסנדיקער יידישער וועלט־אָרגאַניזאַציע.

איך האַלט, אַז נאָך אַ לאַנגע צייט וועט מען דאַרפן די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל זאָרגן פאַר דעם, אַז דאָס יידישע פאָלק זאָל אַקצעפּטירן אַלץ מער און מער — ניט נאָר אידעאָלאָגיש, נאָר פּראַקטיש — די אחריות, ניט די פאָרמעלע אָדער פּאָליטישע, נאָר די מאָראַלישע, פאַר דער עקזיסטענץ און צוקונפט פון ישראל, און זאָל זיך באַטראַכטן ווי אַ שותף אינעם אויפבוי פון לאַנד. עס איז איינע פון מיינע וויניקע דאָגמאַטישע איבערצייגונגען, אַז אַן אַזאַ קאָמפּלעטער שותפות איז ישראל פאַרמשפּט.

ציוניזם ביי היינטיקן טאָג באַדייט אַ באַוועגונג, וואָס באַטראַכט ישראל פאַר דעם צענטער פון יידישן לעבן און וויל מיט אים פאַרבינדן די גולה, אַזוי לאַנג ווי זי עקזיסטירט; פאַרבינדן די יידישע קהילות אין גאָר דער וועלט מיט ישראל, ניט בלויז דורך פילאַנטראָפּישער שטיצע און פריינדלעכער באַציִונג, נאָר דורך אַקצעפּטירן מאָראַלישע פאַראַנטוואָרט־לעכקייט ווי אַ פאָלק פאַר דער דאָזיקער גרעסטער דערגרייכונג פון אונדזער דור און פון אַ סך דורות. איך וואָלט ניט געזאָגט, אַז אָן דעם וואָלט דאָס יידישע לעבן ניט געקענט עקזיסטירן — דאָס איז ווידער אַ מעטאַפיזישע פראַגע — אָבער אָן דעם קען מען זיך היינט געוויס ניט פאָרשטעלן דאָס יידישע לעבן פון אונדזער שטאַנדפּונקט.

סיי פון שטאַנדפּונקט פון ישראל, סיי פון שטאַנדפּונקט פון די גלות־לענדער, האָט די ציוניסטישע באַוועגונג אַ פּולקאָמען "רעזאָן ד'עטר". ווייל פּונקט אַזוי ווי אָן דער אונטערשטיצונג פון די גלות־לענדער איז מדינת ישראל אין אַ גרויסער סכנה, אַזוי וועט דאָס יידישע לעבן אין די גלות־לענדער אָן דעם צענטער ישראל שטיין פאַר אַ סך גרעסערע שוועריקייטן ווי היינט. איך געהער צו די, וואָס האַלטן דעם 20סטן יאָר־הונדערט פאַר איינעם פון די געפערלעכסטע פאַרן קיום פון יידישן פאָלק,

אַ סך געפערלעכער ווי די יאָרהונדערטער פון געטאָס, אַנטיסעמיטיזם, אָדער פון דער אינקוויזיציע.

*

די הויפּט־פראַגע איז: צי מען גלייבט, אַזוי ווי מיר אַלע גלייבן, אַז די ציוניסטישע באַוועגונג האָט אַ גרויסע אויפגאַבע, אַן אַנדערע ווי פריִער, פאַרן אויפקום פון דער מדינה, אַן אויפגאַבע, וואָס פאָדערט מער ברייטקייט, מער געדולד.

דער באַזיס פאַר דער שאַפונג פון דער דאָזיקער קאָמיסיע איז דאָס געפיל, אַז די איצטיקע סטרוקטור פון דער באַוועגונג איז ניט די פּאַסיקסטע סטרוקטור, כדי זי זאָל קענען דערפילן איר אויפגאַבע. די ציוניסטישע באַוועגונג איז באַזירט אויף אַ טראַדיציע פון איבער 60 יאָר. זי איז געוואָרן אַ זייער קאָנסערוואַטיווע באַוועגונג. זי איז באַזירט קודם כל אויף פּאָליטישע, רעליגיעזע אָדער סאָציאַלע קאָנצעפּציעס. ווייל אין דער צייט, ווען מיר זיינען געווען, אַזוי צו זאָגן, די מדינה אונטערוועגס, און האָבן געדאַרפט באַשטימען דעם כאַראַקטער פון דער יידישער מדינה, איז עס געווען נאַטירלעך, ווען איינער האָט געזאָגט, אַז עס מוז זיין אַ רעליגיעזע מדינה, באַזירט אויפן "שולחן ערוך", אַ צווייטער — אַז עס מוז זיין אַ סאָציאַליסטישע מדינה, אַ דריטער — אַ ליבעראַלע. פאַר אינטע־ליגענטע און אַנטוויקלטע מענטשן ווי מיר, וואָס קומען פון אַלע עקן וועלט און פון פאַרשיידענע ציוויליזאַציעס, איז געווען קלאָר, אַז מיר האָבן ניט געקענט זאָגן סתם מדינה, און געמוזט זאָגן: וואָס פאַרא מדינה.

אָבער די דאָזיקע סטרוקטור, באַזירט אויף פּאַרטייען, האָט פאַרלוירן איר זין, ווייל מיר באַשטימען מער ניט דעם כאַראַקטער פון מדינת ישראל. געוויס, מיר האָבן אַן איינפלוס, און ווי עס זאָל ניט זיין, דאַרפן יידן אין די גלות־לענדער האָבן דאָס רעכט אויף אַן איינפלוס אויף ישראל. איך האָב שטענדיק געהאַלטן, אַז יעדער ייד האָט אַ רעכט אַריינצומישן זיך אין ישראל־פּראָבלעמען, פּונקט אַזוי ווי יעדער ישראלדיקער ייד האָט אַ רעכט אַריינצומישן זיך און געבן עצות די אַמעריקאַנער יידן. זיי זיינען ניט מחויב צו אַקצעפּטירן וואָס מיר זאָגן זיי, פּונקט ווי ישראל איז ניט מחויב צו אַקצעפּטירן וואָס מ׳זאָגט איר — די כנסת באַשליסט, די ווײלער אין די וואַלן באַשליסן. אויב עס עקזיסטירט אַ געמיינזאַמע אחריות, האָבן מיר דאָס רעכט אויסצודריקן מיינונגען, אָבער מיר קענען ניט באַזירן די באַוועגונג אויף דער דאָזיקער באַשרענקטער אויפגאַבע, ווייל דער

ענדגילטיקער באַשלוס איז ניט ביי אונדז. אויב דער ציוניסטישער קאָנגרעס נעמט אָן אַ געוויסע רעזאָלוציע, קען עס האָבן אַ געוויסע באַדייטונג. ווען די פּאַרטייען, וועלכע זיינען רעפּרעזענטירט אין קאָנגרעס, זיינען גרייט דורכצופירן די זעלבע רעזאָלוציעס אויך אין דער כנסת, וועט עס זייער פיל באַדייטן. אָבער דער בלויזער פאַקט, אַז דער ציוניסטישער קאָנגרעס נעמט אָן אַ רעזאָלוציע, איז ניט דעצידירנדיק פאַר ישראל, און עס איז ריכטיק אַזוי. אָבער די לעגיטימע השפּעה, וואָס מיר ווילן פּרווון צו האָבן, איז ניט מער דעצידירנדיק. זי קען ניט זיין דער אויסשליסלעכער יסוד פון דער באַוועגונג.

פון דער צווייטער זייט האָט די סטרוקטור זייער גרויסע חסרונות, ווייל עס זיינען פאַראַן הונדערטער טויזנטער יידן, וואָס זיינען פּאָטענציעלע ציוניסטן, וואָס וואָלטן אָנגענומען דעם ירושלימער פּראָגראַם, אָבער זיי זיינען ניט גרייט אָנצושליסן זיך צו אַ סאָציאַליסטישער גרופּע, צו אַ ליבע־ראַלער גרופּע, אַ חרות־גרופּע, אָדער צו אַ וועלכער ניט איז אַנדערער גרופּע, ווייל זיי זאָגן: מיר ווילן זיך ניט אַריינמישן און מיר ווייסן אויך ניט גענוג, וואָס עס טוט זיך אין ישראל, כדי אָנצונעמען אַ באַשלוס, ווי אַזוי ישראל מוז זיך אַנטוויקלען. די, וואָס ווילן עס טאָן, קענען בלייבן אין קאָנטאַקט מיט ענלעכע גרופּן אין ישראל און זיי העלפן.

מיר מוזן דעריבער געפינען אַ וועג צו ענדערן די סטרוקטור פון דער באַוועגונג, דורך עפענען די טויערן און ניט צווינגען יעדן יחיד אָדער גרופּע, וואָס ווילן זיך אָנשליסן, אָדער אַפילו קאָאָפּערירן, צו גיין דורך דעם געשפּאַן פון די עקזיסטירנדיקע פּאַרטייען. היינט צו טאָג קען מען זיך ניט אָנשליסן אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אַלס אַזעלכער. אין אַמעריקע, למשל, מוז מען זיך אָנשליסן אין דער "זי.אָ.איי.", אָדער אין דער מפ"ם־גרופּע, פּראָגרעסיווע ציוניסטן, "הדסה", אאַז"וו. מיר מוזן געפינען אַ וועג, אַז יעדע יידישע אָרגאַניזאַציע אָדער קהילה — און עס זיינען פאַראַן אַ סך אַזעלכע — זאָל זיך קענען אָנשליסן.

עס דערוועקט זיך די גרויסע פראַגע: צי זאָל דער ציוניסטישער קאָנגרעס, דער אויסדרוק פון ציוניסטישער דעמאָקראַטיע, זיין באַזירט אויף פּאַרטייען, אָדער אויף טעריטאָריעלע איינהייטן פון די ציוניסטן אין די פאַרשיידענע לענדער? דאָס איז ניט אומדענקבאַר — דער יידישער וועלט־קאָנגרעס איז באַזירט אויף טעריטאָריעלע איינהייטן, הגם דאָרט זיינען פאַראַן מפא"יניקעס, מפ"מניקעס, מזרחיסטן און אַנדערע. זיי קומען זיך

אַלע צונויף און דיסקוטירן זייערע פּראָבלעמען. דער אָרגאַניזאַציאָנעלער באַזיס זיינען די קהילות: אַן אַמעריקאַנער דעלעגאַציע, אַ דעלעגאַציע פון טשילע, אַן אַרגענטינער דעלעגאַציע. דאָס וויכטיקסטע איז: וועלכער איז דער לעגאַלער באַזיס פון דער באַוועגונג?

דאָס לעצטע פּראָבלעם זיינען די אָרגאַניזאַציעס, וואָס ווילן זיך ניט אָנשליסן אין דער ציוניסטישער באַוועגונג, יעדנפאַלס ניט אין אָנהייב — אַפילו ווען מיר וועלן אַריינברענגען אייניקע ענדערונגען. זיי זיינען אָבער גרייט פולשטענדיק צו קאָאָפּערירן, בפרט ווען די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע האָט אין די לעצטע עטלעכע יאָר אַלץ מער און מער זיך קאָנצענטרירט אויף אַרבעט אין די גלות־לענדער. דער לאָזונג פון לעצטן קאָנגרעס "הפנים לגולה" איז ניט געווען קיין רעוואָלוציאָנערע ענדערונג; דאָס איז געווען די פאָרמולירונג פון אַן אַנטוויקלונג, וואָס ציט זיך שוין יאָרן לאַנג — וואָס איז גאַנץ נאַטירלעך, ווייל מיר זיינען ניט מער דער הויפּטפאַקטאָר אינעם אויפבוי פון לאַנד, ווייל ס'איז דאָ אַ מדינה.

ניט נאָר ווייל די מאַסן־עליה ענדיקט זיך, און די עליה פון די מערב־לענדער איז אין בעסטן פאַל אַ לאַנגזאַמער און זייער קאָמפּליצירטער פּראָצעס — אויך אין אַלגעמיין צוליב דער אַנטוויקלונג פון יידישן לעבן, אַפילו פון שטאַנדפּונקט פון ישראל, האָבן מיר אַלץ מער און מער געפילט דעם חוב צו אַרבעטן אין די גלות־לענדער. מיר האַלטן, אַז אויב מיר ווילן ווירקלעך דערפילן די נייע אויפגאַבע צו פאַרבינדן די גולה מיט ישראל, מאַכן ישראל פאַרן צענטער פון יידישן לעבן, מוז די ציוניסטישע אידעאָלאָגיע האָבן מער און מער השפעה אויפן יידישן לעבן אין די גלות־לענדער. די דאָזיקע טענדענץ וועט פאַרגעזעצט ווערן. דער באַווייז, אַז דאָס איז אומפאַרמיידלעך אַפילו פון ענגן ישראל־שטאַנדפּונקט, איז דער פאַקט, וואָס די ישראל־רעגירונג העלפט אונדז ביי דער אַרבעט, ניט נאָר פאַר עליה, אַבסאָרבירונג אאַז״וו, נאָר אויך ביי אונדזער אַרבעט אין די גלות־לענדער.

דאָס איז אַ זייער געוווּנטשענע אַנטוויקלונג. זי באַווייזט די אחריות פון מדינת ישראל פאַר דער צוקונפט פון יידישן פאָלק. דאָס ווייזט, אַז דער ציל פון מדינת ישראל איז צו זיכערן דעם קיום פון יידישן פאָלק און זיין צוקונפט. דעריבער וועט די דאָזיקע צוזאַמענאַרבעט זיך אַלץ מער און מער אַנטוויקלען, און דאָס דערוועקט נאַטירלעך די פראַגע: ווי זאָלן מיר האַנדלען בנוגע אַנדערע אָרגאַניזאַציעס? אויב זיי וועלן זיין גרייט

זיך אָנצושליסן אין דער ציוניסטישער באַוועגונג — איז עס איינפאַך. אויב אָבער זיי זיינען ניט גרייט זיך אָנצושליסן — און אין בעסטן פאַל וועט עס זיין אַ זייער לאַנגזאַמער פּראָצעס, אפילו ווען מיר ענדערן די סטרוקטור פון דער באַוועגונג — איז עס איינס פון די פּראָבלעמען, וואָס מיר דאַרפן דיסקוטירן, ספּעציעל אין צוזאַמענהאַנג מיט דער לאַגע, וואָס הערשט אין די פאַרשיידענע לענדער.

איך בין ניט אַזוי שטאַרק אינטערעסירט, אַז די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע זאָל האָבן נאָך אַ האַלבן מיליאָן אָדער אַ מיליאָן מיטגלידער. איך האָב דעריבער ספקות בנוגע דעם שקל, וועלכער איז דער יסוד פאַר דער מאַסן־דערגרייכונג, די אַזוי גערופענע "צוויי מיליאָן שקלים". איך גלייב ניט, אַז דאָס האָט אַ גרויסע באַדייטונג. איך בין אינטערעסירט צו זען אַ ציוניסטישע באַוועגונג, אומאָפּהענגיק פון דעם, צי זי איז שטאַרק גרויס, אָדער ווייניקער גרויס, וואָס זאָל זיין, אַזוי צו זאָגן, די צענטראַלע קראַפט־סטאַציע אין יידישן לעבן, אַ ציוניסטישע באַוועגונג, וואָס זאָל זיין פאַראינטערעסירט ניט אין לאָקאַלע, אָדער ספּעציפיש טעריטאָריעלע פּראָבלעמען, נאָר אין אַלע יידישע פּראָבלעמען — פּאָליטישע, קולטורעלע, דערציערישע — אויפן יסוד פון דער צענטראַלקייט פון ישראל אין יידישן לעבן. מיר זיינען פאַראינטערעסירט צו פאַרבינדן די קהילות, די פאַרשיידענע אָרגאַניזאַציעס און יחידים מיט ישראל, ניט נאָר אין דער בעסטער אידעאַלער פאָרעם פון פערזענלעכער עליה, נאָר אויך אויף פאַרשיידענע אַנדערע אופנים און וועגן: געבן געלט פאַר די פאָנדן, אינוועסטירונגען, קולטורעלער אויסטויש, העברעיזירונג פון דער גולה אאז"וו.

דאָס איז די ראָל, וועלכע די רעאָרגאַניזירטע ציוניסטישע באַוועגונג דאַרף שפּילן. היינט צו טאָג קענען מיר אַזאַ ראָלע ניט שפּילן. די צענטראַלע אויפגאַבע פון דער רעאָרגאַניזאַציע־קאָמיסיע איז אויסצוגעפינען די בעסטע מיטלען, ווי אַזוי צו ענדערן די סטרוקטור, צו באַנייען די ציוניסטישע באַוועגונג און מאַכן זי פּאַסיקער, פעיקער און ווירקזאַמער צו באַהאַנדלען די נייע אויפגאַבן, פאַר וועלכע זי איז געשטעלט געוואָרן זינט דעם אויפקום פון דער מדינה.

אין דער רעאָרגאַניזאַציע־קאָמיסיע פון דער ציוניסטישער וועלט־באַוועגונג

# דער קריזיס אין דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע

די טעמע פון מיין רעדע איז די איצטיקע קריטישע לאַגע אין דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע. איך וועל באַהאַנדלען די טעמע אין שייכות מיט דער אַנטשיידנדיקסטער תקופה, וואָס מדינת ישראל מאַכט איצט דורך, אַ תקופה, וואָס קען באַשטימען איר אַנטוויקלונג און צוקונפט אויף אַ לאַנגער צייט. מיר דאַרפן ניט פאַרגעסן, אַז מיר פייערן הייאָר דריי גרויסע ציוניסטישע יובילייען: זיבעציק יאָר נאָכן ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס, פופציק יאָר פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע און צוואַנציק יאָר זינט דער גרינדונג פון מדינת ישראל.

זינט דעם סוף פון דער צווייטער וועלט־מלחמה און דער באַנייונג פון דער יידישער מדינה גייט־דורך די ציוניסטישע וועלט־אָרגאַניזאַציע דאָס קריטישסטע קאַפּיטל פון איר געשיכטע. דאָס דאָזיקע קאַפּיטל שלעפּט זיך שוין געננוג לאַנג, און ס׳איז געקומען די צייט צו קוקן די פאַקטן גלייך אין פנים, פאַרשטיין די לאַגע — ווי ניט־אַנגענעם און שווער זי זאָל ניט זיין — און ציִען די געהעריקע קאָנסעקווענצן. דאָס ערגסטע, וואָס קען פאַסירן מיט אַ באַוועגונג פון אַזאַ גרויסער היסטאָרישער באַדייטונג, ווי דער ציוניזם, און נאָך דעם ריזיקן דערפאָלג, וואָס ער האָט דערגרייכט אין דעם ערשטן האַלבן יאָרהונדערט פון זיין עקזיסטענץ — איז, אַז אַזאַ באַוועגונג זאָל אויסגיין, זאָל שטאַרבן מיט אַ שטילן טויט, פון דעזאינטעגראַציע און גלייכגילטיקייט. דעריבער, און אויך צוליב דער ראַדיקאַל געענדערטער לאַגע פון ישראל נאָך דער זעקסטאָגיקער מלחמה און נאָכן נצחון, וועט דער קומענדיקער ציוניסטישער קאָנגרעס — וועלכער ווערט אויך דערפאַר פריִער צונויפגערופן — האָבן אַ היסטאָרישע באַדייטונג פאַר דער צוקונפט פון דער באַוועגונג.

די פּראָבלעמען און די באַשלוסן, וועלכע וועלן דאַרפן אָנגענומען ווערן וועלן זיין שווערע, ניט בלויז אָביעקטיוו, נאָר אויך עמאָציאָנעל און

פּסיכאָלאָגיש, און עס איז נייטיק, אַז די באַזונדערע גרופּעס פון דער באַוועגונג זאָלן זיי אָנהייבן דיסקוטירן באַצייטנס. איך באַגריס די געלעגנהייט אָנצוהייבן די דיסקוסיע אויף דער קאָנפערענץ פון איינער פון די בעסטע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס אין דער וועלט, לײדער איינע פון די זייער ווייניקע פון דעם כאַראַקטער.

דער קריזיס אין דער ציוניסטישער באַוועגונג וואָס איז אין אַ געוויסער מאָס געווען אומפאַרמיידלעך, איז אַרויסגערופן געוואָרן דורך דריי הויפּט־סיבות. יעדע איינע פון זיי באַציט זיך צו די עיקר־פּראָבלעמען פון דער באַוועגונג זינט איר גרינדונג, אָבער זייער פולן, און אָפט טראַגישן, אויסדרוק, האָבן די דריי הויפּט־סיבות באַקומען אין די לעצטע צוואַנציק יאָר.

די ערשטע סיבה איז אַנטשטאַנען דורכן פאַקט פון דער ווידעראויפריכטונג פון מדינת ישראל. די דאָזיקע — פאַר די מערסטע ציוניסטן אומדערוואַרטע — גיכע פאַרווירקלעכונג פון זייער חלום וועגן דער ייִדישער מדינה האָט אומפאַרמיידלעך געשאַפן אַ קריזיס פאַר דער באַוועגונג, וועלכע האָט פּראָקלאַמירט די אידעע פון דער ייִדישער מדינה און האָט געקעמפט פאַר איר אין משך פון יאָרצענדליקער. די געשיכטע פון אַלע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען ווייזט, אַז די מערסטע פון זיי זיינען דעזאינטעגרירט געוואָרן און האָבן אָנגעהויבן פאַלן און פאַרשווינדן באַלד נאָך זייער ערשטן גרויסן זיג. דאָס איז ריכטיק וועגן דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, ווי אויך וועגן אַ סך קאָמוניסטישע רעוואָלוציעס אין אונדזער צייט. דאָס איז אַ רעזולטאַט פון דעם פּשוטן פאַקט, אַז דער שטאָלץ, די איבערראַשונג און די אומגעהויערע עמאָציאָנעלע דערפאַרונג פונעם ערשטן גרויסן זיג — באַזונדערס, ווען ער איז געקומען אַזוי אומדערוואַרט, ווי די ווידעראויפריכטונג פון מדינת ישראל — רופט אַרויס אַ מעכטיק געפיל פון פרייד, וואָס פירט צו דער אילוזיע, אַז דער ערשטער נצחון איז שוין דער ענדגילטיקער. דער ערשטער זיג איז שטענדיק דער לייכטסטער, ווייל ער איז אַ פּועל־יוצא פון דער גיגאַנטישער אָנשטרענגונג און איבערגעגעבנקייט צום אידעאַל. דערנאָך הייבן־אָן צו פאַרשווינדן דער שוווּנג, די מסירת נפש, דער ענטוזיאַזם. פעלקער זיינען צופרידן מיט דעם אָנהייב פון דער פאַרווירקלעכונג און זיי זאָרגן ניט צו פיל וועגן די נאָך ניט דערפילטע טיילן פון דעם אידעאַל.

דאָס זעלבע איז אין אַ גרויסער מאָס געשען מיט דער ציוניסטישער

באַוועגונג. ווי נאָר די יידישע מדינה איז געשאַפן געוואָרן, מיט אַלע אירע אָרגאַנען און אינסטיטוציעס, און דאָס יידישע פאָלק, ציוניסטן און ניט־ציוניסטן, איז באַהערשט געוואָרן פון דער גרויסער פרייד פון דער שאַפונג פון דער מדינה און מיט די נצחונות, וואָס זיינען געקומען שפּעטער, ווי אויך מיט דער וואַקסנדיקער אָנערקענונג, רעספּעקט און באַוווּנדערונג פאַר ישראל אין די מערסטע טיילן פון דער וועלט — האָט די באַוועגונג אָנגעהויבן אָפּשוואַכן אירע אָנשטרענגונגען און גענומען רוען אויף די לאָרבערקרענץ.

די דאָזיקע נאַטירלעכע טענדענץ אין ציוניזם איז פאַרשטאַרקט געוואָרן דורך דער שטעלונג פון דער יונגער מדינה. די מעכטיקע פרייד מיט דער פּראָקלאַמירונג פון דער מדינה און מיט דעם נצחון אין דער באַפרייונג־מלחמה האָט געשאַפן ביים פאָלק אין ישראל אַ געפיל פון איבערשאַצן זיך אַליין, די אילוזיע אַז מען קען, מער אָדער ווייניקער, אַליין אויפבויען די מדינה, בלויז מיט דער פינאַנציעלער, און פון צייט צו צייט פּאָליטישער, הילף פון די תפוצות. דאָס דאָזיקע געפיל איז נאָך מער פאַרשטאַרקט געוואָרן אונטער דעם איינפלוס פון אַזאַ מעכטיקער און עגאָצענטרישער פּערזענלעכקייט, ווי דוד בן־גוריון, וועלכער האָט ניט בלויז באַשטימט די פּאָליטיק פון ישראל אין ערשטן יאָרצענדליק — אין דער תקופה ווען די יונגע מדינה איז אויסגעפאָרעמט געוואָרן — נאָר ער האָט אין אַ גרויסער מאָס אויך זייער שטאַרק באַווירקט דאָס אויסבילדן די פּסיכאָלאָגישע סטרוקטור פון די ישראלים, באַזונדערס פון דעם יונגן דור. עס איז אמת, אַז לעצטנס, בפרט נאָך דער ריזיקער סאָלידאַריטעט מיט מדינת ישראל, וואָס דאָס יידישע פאָלק אין דער וועלט האָט אין די פאַרגאַנגענע חדשים אַרויסגעוויזן, האָט דאָס דאָזיקע געפיל זיך אָנגעהויבן ענדערן. אָבער אַזאַ געפיל האָט זיכער באַהערשט ישראל אַ לאַנגע צייט און האָט געפירט צו אַ שטעלונג פון פאַרלייקענען, גלייכגילטיקייט און אָפט אויך אָפענער פאַראַכטונג צו דער ציוניסטישער באַוועגונג מצד אַ גרויסן טייל פון דער ישראלדיקער באַפעלקערונג, וואָס אָן זייער צושטימונג וואָלט אַפילו בן־גוריון ניט געוואָגט אָצונעמען אַזאַ שטעלונג.

דער פאַרפירערישער גלויבן, אַז ווי באַלד די מדינה איז געשאַפן געוואָרן, איז דער הויפּטציל פון ציוניזם פאַרווירקלעכט געוואָרן — דער פאַרפירערישער גלויבן, וואָס איז אַזוי געפערלעך פאַר דער ציוניסטישער באַוועגונג און נאָך מער פאַר דער מדינה — שטיצט זיך אויף דער קאָנצעפּציע, אַז

דאָס שאַפֿן די יידישע מדינה איז געווען דער עיקר־ציל פֿון ציוניזם. דאָס איז ניט ריכטיק. דאָס איז קיין מאָל ניט געווען דער הויפּטציל פֿון ציוניזם. דער ציוניזם האָט זיך באַוויזן אויף דער אַרענע פֿון יידישן לעבן, בכדי צו ראַטעווען און אָפּהיטן דעם המשך פֿון קיום פֿון יידישן פֿאָלק, וואָס איז געווען באַדראָט דורך רדיפות אין נײַנצנטן יאָרהונדערט, און אַפֿילו מער — דורך דער אַסימילאַציע אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. דער ציוניזם האָט זיך געשטעלט דעם ציל צו שאַפֿן די לעבנס־באַדינגונגען און די מעגלעכקייט צו פֿאַרווירקלעכן די אידעען, וואָס שטעלן מיט זיך פֿאָר די עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג פֿון יעדן פֿאָלק, און באַזונדערס פֿון יידישן פֿאָלק.

דער ציוניזם האָט געדאַרפֿט פּראָקלאַמירן די אידעע פֿון אַ יידישער מדינה דערפֿאַר, ווײַל מיר לעבן אין אַ תקופה, ווען די מדינה איז דער הויפּט־אויסדרוק פֿון דער סוווערעניטעט פֿון אַ פֿאָלק און זײַן הויפּט־אינסטרומענט צום שאַפֿן זײַן אייגן לעבן און פֿאַרווירקלעכן זײַנע אידעען. אָבער קיין שום זאַך איז ניט מער געפֿערלעך, ווי אַרײַנפֿירן אַ בלבול־המוחות צווישן ציל און אינסטרומענט, צווישן דעם ענדגילטיקן ציל און די מיטלען אים צו דערגרייכן. דאָס איז די גרויסע געפֿאַר, וואָס שטייט הײַנט־צו־טאָג פֿאַר ישראל. אויב די געפֿאַר זאָל ניט אָפּגעשטעלט ווערן, וועט זי באַדראָען דעם טיפֿן זין און די היסטאָרישע באַרעכטיקונג און ווערדע פֿון מדינת ישראל.

די דאָזיקע סכנה האָט שוין שווער ניט צעשטערט די ציוניסטישע באַוועגונג, צוליב דעם גלויבן פֿון די יידן אין דער וועלט, אַז דער ציל און דאָס פּראָגראַם פֿון ציוניזם זײַנען שוין פֿאַרווירקלעכט געוואָרן מיט דער באַנייונג פֿון מדינת ישראל. ס'איז קיין מאָל ניט געווען אַזוי וויכטיק, ווי איצט, צו פֿאַרשטיין דעם דאָזיקן טעות און צו באַמיִען זיך אים אויסצובעסערן — סיי פֿאַר דער ציוניסטישער באַוועגונג, וועלכע דאַרף איצט פֿאָרמולירן אַ נײַעם פּראָגראַם און אָנהייבן אַ נײַעם קאַפּיטל, אויב זי וויל ווײַטער עקזיסטירן, און סיי פֿאַר מדינת ישראל, וועלכע מאַכט איצט דורך וואָכן און חדשים, וואָס וועלן באַשטימען איר צוקונפֿט אויף אַ לאַנגער צײַט, און וועלכע דאַרף זיך איצט ריכטן לויט די הויפּט־פּרינציפּן, וואָס איך האָב דערמאָנט, אין יעדן פֿון אירע שריט און פֿון אירע מעטאָדן בײַם באַהאַנדלען אירע קאָנקרעטע פּאָליטישע פּראָבלעמען.

אין רעזולטאַט פֿונעם דאָזיקן אופֿן פֿון טראַכטן, האָט די מערהייט פֿון

יידישן פאָלק, וואָס איז געוואָרן אַזוי שטאַרק פּראָ־ישׂראלדיק נאָך דער אַנטשטייונג פון דער יידישער מדינה, און וועמענס איבערגעגעבנקייט צו ישׂראל האָט אין די לעצטע עטלעכע חדשים זיך מאַניפעסטירט אין אַזאַ אומדערוואַרטן, ווונדערלעכן פאָרנעם — געגומען פילן, אַז די ציוניסטישע באַוועגונג איז מער ניט נייטיק פאַרן הויפּט־אויסדרוק פון איר סאָלידאַריטעט מיט ישׂראל. מיר האָבן געשאַפן אַ סך אַנדערע פאָרמען פאַר דעם דאָזיקן אויסדרוק — קאַמפּיינס, ישׂראל־באָנדס, אינוועסטירונגען, ביישטייערונגען פאַר וויכטיקע קולטור־אינסטיטוציעס אין ישׂראל און פיל אַנדערע. עס איז געוואָרן וואָס אַ מאָל שווערער צו דערקלערן דעם יידן, פאַר וואָס ער דאַרף, ביי זיין גאַנצער לאָיאַליטעט צו ישׂראל, זיין אַ ציוניסט, אָדער — אין אַנדערע ווערטער — ס'איז געוואָרן וואָס אַ מאָל שווערער צו דעפינירן דעם אונטערשייד צווישן אַ ציוניסט און אַ ניט־ציוניסט. צו דערקלערן, אַזוי ווי דאָס טוט בן־גוריון, אַז אַ ציוניסט איז אַ ייד, וועלכער איז עולה קיין ישׂראל, איז צו איינפאַך, בכדי דאָס אָנצונעמען ווי אַן ענטפער פאַר דעם דאָזיקן פּראָבלעם. לאָמיר אָננעמען, אַז אַלע ציוניסטן וועלן אַקצעפּטירן דעם דאָזיקן סלאָגאַן און זיי וועלן עולה זיין קיין ישׂראל, טאָ וואָס וואָלט געבליבן פון דער ציוניסטישער באַוועגונג? די פּערזענלעכע פאַרווירקלעכונג פון אַ סלאָגאַן איז ניט קיין הויפּט־תּנאַי פאַר גרויסע פּאָליטישע באַוועגונגען, נאָר בלויז פאַר קליינע גרופּעס מענטשן, וועלכע פאַרווירקלעכן זייערע אידעאַלן אין זייער אינדיווידועלן לעבן, אַזוי ווי די חלוצים, אָדער רעליגיעזע סעקטעס. בכדי צו מאַכן אַ פאַרגלייך, קען געשטעלט ווערן די פראַגע: צי איז אַ סאָציאַליסט געבונדן צו נאַציאָנאַליזירן זיין אייגן פּערזענלעך פאַרמעגן דערפאַר, ווייל סאָציאַליזם פאָדערט די נאַציאָנאַליזירונג פון אַלע מיטלען פון פּראָדוקציע?

דער אַנדערער ענטפער, וועלכן איך און אַנדערע האָבן זיך באַמיט צו געבן, איז געווען, אַז דער ציוניזם שטיצט זיך אויף אָננעמען די צענטראַלע ראָלע פון ישׂראל אין יידישן לעבן, און דאָס איז געווען אין אַ צייט, ווען די מערהייט אַפילו פון די יידן, וועלכע האָבן געהאָלפן ישׂראל, האָבן זיך אָפּגעזאָגט אָנצונעמען די דאָזיקע טעזע. אָבער אויך דאָס האָט זיך געענדערט, און איך בין זיכער, אַז די מערהייט פון יידישן פאָלק וואָלט היינט איינגעשטימט, אַז אַן ישׂראל קען מען קוים פאָראויסזען אַ צוקונפט פאַרן יידישן פאָלק אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, און אַז די צענטראַלע ספערע, פון וואַנען עס דאַרפן אַרויסקומען די הויפּט־פאָדערונגען

און הויפּט־אידעען פאַר פאַרזיכערן דעם המשך פון יידישן קיום, איז ישראל.

דאָס אַלץ פירט אונדז צו אַן אַנדערן וויכטיקן אַספּעקט פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, וואָס באַצייכנט איר איצטיקן קריזיס. אין די אַלע יאָרן האָבן מיר געהאַט פאַר זיך צוויי צילן, וועלכע זיינען אויף אַ געווינסן אופן אין אַ סתירה צווישן זיך. פון איין זייט האָבן מיר געוואָלט זיין די אָרגאַניזאַציע, וועלכע רעפּרעזענטירט דאָס גאַנצע יידישע פאָלק אין זיין קאָאָפּעראַציע מיט ישראל פאַר ווידעראויפבויען די מדינה. איך האָב געקעמפט דערפאַר אין משך פון אַ סך יאָרן, פאָדערנדיק אַ לעגאַלן סטאַטוס פאַר דער ציוניסטישער באַוועגונג. דוד בן־גוריון האָט דאָס ניט געוואָלט אָנערקענען. סוף־כל־סוף האָבן מיר געוווּנען, און די כנסת האָט אָנגענומען אַ געזעץ וועגן דעם סטאַטוס פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, די "אמנה", וואָס באַשטימט פאַר אונדז אַ געוויסע צאָל פון מלוכהשע פונקציעס, ווי עליה און קליטה, און גיט אונדז אַ ספּעציעלן סטאַטוס, אין פאַרגלייך מיט אַלע אַנדערע יידישע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע אינטערעסירן זיך מיט ישראל. דער קאָאָרדינאַציע־קאָמיטעט "מוסד תאום", איז געשאַפן געוואָרן אויף דער באַזע פון אַ גלייכער פּאַרטרעטערשאַפט פון דער רעגירונג און פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע, מיטן ציל צו באַשטימען די ריכטליניעס אויף די טעטיקייט־געביטן, וועלכע זיינען אונדז איבערגעגעבן געוואָרן. דאָס האָט אַ סך געהאָלפן דער ציוניסטישער באַוועגונג אָנצוהאַלטן איר קיום — דורך איבערשיקן די מערסטע פון די געזאַמלטע פאָנדן פאַר ישראל צו דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע: דורך אָנפאַרטרויען אונדז די אויפגאַבע צו אָרגאַניזירן די עליה פון מער פון אַנדערהאַלבן מיליאָן יידן און העלפן זיי איינצואָרדענען זיך אין לאַנד, נאַטירלעך אין צוזאַמענאַרבעט מיט ישראל. דאָס האָט געשאַפן פאַר אונדזער אַרבעט אַ באַזע, אָן וועלכער איך צווייפל שטאַרק, צי מיר וואָלטן נאָך געהאַט אַ ציוניסטישע וועלט־אָרגאַניזאַציע און די יידישע אַגענץ, ווי זיי עקזיסטירן איצט.

אָבער בהדרגהדיק, אין דער מאָס, אין וועלכער אַלץ מער און מער יידן זיינען געוואָרן ענטוזיאַסטיש פאַראינטערעסירט אין ישראל און האָבן זיך געוואָלט באַטייליקן אין איר ווידעראויפבוי, האָט די ישראל־רעגירונג גאַנץ נאַטירלעך אויסגענוצט די דאָזיקע גרייטקייט. און דער אידעאָלאָגישער אינהאַלט פון דעם "מוסד תאום" און פון דער "אמנה" — אויב ניט זייער

פּאַקטישע פונקציאָנירונג — האָט אָנגעהויבן פאַרשווינדן. די גרונט־אידעע איז געווען, אַז די ציוניסטישע באַוועגונג דאַרף רעפּרעזענטירן דאָס גאַנצע יידישע פאָלק אין זיין קאָאָפּעראַציע און אין זיין שותפות מיט ישראל. דאָס האָט אויך געדאַרפט באַשטימען די שטעלונג פון דער ישראל־רעגירונג לגבי דער ציוניסטישער באַוועגונג, אַלס אַ שותף ביים באַראַטן זיך וועגן אירע הויפּט־האַנדלונגען. נאַטירלעך איז פאַר ישראל, ווי די רעגירונג פון אַ סוווערענער מדינה, רעזערווירט געוואָרן דאָס אַבסאָלוטע רעכט פון באַשלוס. דאָס אַלץ איז ניטאָ מער. די ציוניסטישע באַוועגונג האָט ניט קיין שום דעה אָדער איינפלוס, ניט אין די אינערלעכע ענינים פון לאַנד און ניט אין דער אויסלענדישער פּאָליטיק פון דער רעגירונג. די לאַגע אין דער הינזיכט איז היינט אַפילו ערגער, ווי זי איז געווען אין די צייטן פון בן־גוריונען. פּאַקטיש איז ניטאָ קיין שום קאָנסולטאַציע מיט דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע, וועלכע ווערט אָפט איבערראַשט פון די באַשלוסן און אַקטן פון דער רעגירונג. ס'איז קלאָר, אַז דאָס שעדיקט דעם פּרעסטיזש און דעם אויטאָריטעט פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. דאָס בעסטע געזעץ האָט ניט קיין שום באַדייטונג, אויב זיין גייסט פאַר־שווינדט, און עס בלייבן בלויז די ווערטער אויפן פּאַפּיר.

אין דער זעלבער צייט, ווען די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע האָט גע־קעמפט — אין אָנהייב מיט דערפאָלג, און שפּעטער מיט ווייניקער הצלחה — פאַר ווערן אָנערקענט אַלס די פאָרשטייערין פון גאַנצן יידישן פאָלק אין זיין שותפות מיט ישראל, האָבן מיר קיין מאָל ניט מוותר געווען אויף אונדזער צווייטן ציל, וואָס איז אין אַ געוויסער מאָס אין אַ סתירה מיטן ערשטן, צו זיין אַ רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג און זיין מער לאָיאַל און איבערגעגעבן פאַר ישראל, ווי אַנדערע פּראָ־ישראל־גרופּעס, צו טאָן מער ווי אַלע אַנדערע אויף די געביטן פון עליה און פון אַבסאָלוטער סאָלידאַריטעט מיט מדינת ישראל, און ענלעכע טעטיקייטן. פאַר דעם דאָזיקן ציל האָבן מיר געאַרבעט אויף אַ זייער ניט־צופרידנשטעלנדיקן אופן. די עליה איז אין משך פון די פאַרגאַנגענע צוואַנציק יאָר ניט געווען בעיקר אַ רעזולטאַט פון ציוניסטישער אַרבעט אָדער דערציִונג, נאָר פון די אומדערטרעגלעכע באַדינגונגען פאַר יידן אין די אַראַבישע אָדער מזרח־אייראָפּעיִשע לענדער, און אַ קאָנסעקווענץ פון די קאָנצענטראַציע־לאַגערן אין דער נאַצי־עפּאָכע. עס איז נוצלאָז צו באַרימען זיך מיט זאַכן, פאַר וועלכע מיר פאַרדינען ניט קיין קרעדיט. די עליה פון די מערב־לענדער,

ווי די ציוניסטישע באַוועגונג האָט געדאַרפט אויסהאַלטן איר עקזאַמען, איז געווען אַ מינימאַלע, און אַפילו אין אַ צאָל אָריענטאַלישע לענדער, ווי אין אַלזשיריע, האָט די גרעסטע מערהייט פון די, וועלכע זיינען פון דאָרט אַוועקגעפאָרן, ניט עולה געווען קיין ישראל.

עס איז געקומען די צייט, ווען מיר דאַרפן מאַכן דעם אויסוואַל. מיר קענען ניט לענגער אָנגיין מיט דער אַרבעט פאַר ביידע צילן. איין ציל פאָדערט פון אונדז אַרומצונעמען די מערהייט פון יידישן פאָלק. דער צווייטער ציל צווינגט אונדז צו בלייבן אַ קאָמפּערישע מינדערהייט.

נאָך אַ סך יאָרן, ווען איך האָב זיך באַמיט צו מאַכן די ציוניסטישע באַוועגונג מער רעפּרעזענטאַטיוו און אַזוי־אַרום באַרעכטיקן אונדזער ערשטן ציל, בין איך מיט גרויס באַדויערן געקומען צום אויספיר, אַז מיר קענען אים ניט דערגרייכן, און אַז מיר דאַרפן אים אויפגעבן. איינע פון די הויפּט־סיבות פון דעם דאָזיקן דורכפאַל איז די סטרוקטור פון דער באַוועגונג, וואָס שטיצט זיך אויף פּאָליטישע פּאַרטייען, וועלכע האָבן זייער באַרעכטיקונג אין פּאָליטישן לעבן פון ישראל, אָבער זיי זיינען פּאַקטיש זינלאָז, ווען מען טראָגט זיי אַריבער אין די תפוצות. די מערהייט פון די פּאָטענציעלע ציוניסטן אין די תפוצות, וועלכע וואָלטן זיך אָנגעשלאָסן אין דער באַוועגונג, טוען דאָס ניט דערפאַר, ווייל עס פעלט זיי די ציוניסטישע אידעאָלאָגיע, אָדער זיי אָקצעפּטירן ניט די צענטראַלע ראָלע פון ישראל, נאָר ווייל זיי זאָגן זיך אָפּ צו אידענטיפיצירן זיך מיט די פּראָגראַמען פון די פּאָליטישע פּאַרטייען אין ישראל, וועלכע ווערן קינסטלעך אַרויפגעלייגט אויף די ציוניסטישע גרופּעס מחוץ דער יידישער מדינה. זינט יאָרן האָב איך זיך באַמיט צו פועלן ביי די פּאַרטייען, אַז זיי זאָלן ענדערן די סטרוקטור פון דער באַוועגונג, און איך מוז זאָגן, אַז עס האָט זיך מיר ניט איינגעגעבן. דער 26סטער ציוניסטישער קאָנגרעס האָט באַשטעטיקט דאָס שאַפן אַ קאָמיסיע פאַר רעאָרגאַניזאַציע, וועלכע וועט ברענגען דעם קומענדיקן קאָנגרעס געוויסע פאָרשלאָגן. זיי וועלן אַ ביסל אויסבעסערן די לאַגע, אָבער זיי וועלן זי ניט ענדערן ראַדיקאַל. מיין הויפּט־פאָדערונג איז געווען, אַז דער קאָנגרעס זאָל זיין באַזירט אויף טעריטאָריעלע ציוניסטישע דעלעגאַציעס, און ניט אויף פּאַרטייען. דאָס אַליין וואָלט אויסגעדריקט און סימבאָליזירט אַ ראַדיקאַלע ענדערונג אין דער סטרוקטור. און ווי באַלד די פּאַרטייען האָבן דאָס אָפּגעוואָרפן, קענען אַלע אַנדערע קאָנצעסיעס פאָרשטעלן מיט זיך אַ קליינע אויסבעסערונג,

אָבער זיי וועלן ניט, לויט מיין מיינונג, פירן צו אַן אַנטשיידנדיקער באַנייונג פון דער באַוועגונג. איך בין אויך ניט זיכער, צי עס איז שוין ניט צו שפּעט צו דערגרייכן דעם דאָזיקן ציל, ווען אַפילו מיינע פאָרשלאָגן וואָלטן אָנגענומען געוואָרן.

דעריבער בין איך געקומען צום אויספיר, אַז עס דאַרף געשאַפן ווערן אַן אַלייִדישע איבער־קערפּערשאַפט, וואָס איז נייטיק, בכדי צו מאַכן אַ סוף צו דעם כאַאָס און צו דער איבערגעטריבענער פּאַרטייִישקייט פון יידישן לעבן אין די תפוצות, און — וואָס עס איז ניט ווייניקער וויכטיק — צו שאַפן אַן אַדרעס, וואָס זאָל רעפּרעזענטירן דאָס גאַנצע יידישע פאָלק, מיט זייער קליינע אויסנאַמען, לגבי מדינת ישראל. אַזאַ אָרגאַניזאַציע וואָלט געקענט פאָדערן דאָס רעכט צו ווערן באַהאַנדלט דורך ישראל ווי אַן אמתער שותף פון דער מדינה — און ניט בלויז ווי אַ פריינד, צו וועלכן מען ווענדעט זיך אין צייטן פון נויט, און וועלכע האָבן ניט קיין רעכט אַפילו אויסצודריקן אַ מיינונג אָדער צו באַאיינפלוסן די האַנדלונגען פון ישראל. דאָס שאַפן אַזאַ צענטראַלן יידישן אַדרעס ווערט כסדר וואָס אַ מאָל מער וויכטיק, ווייל די האַנדלונגען פון ישראל — צי די מדינה וויל, אָדער וויל ניט — באַאיינפלוסן און באַשטימען אין זייער אַ גרויסער מאָס די פּאָזיציע פון די יידן אין זייערע פאַרשיידענע לענדער, ווי דאָס דרום־אַפריקאַנער יידנטום אילוסטרירט עס אַזוי קלאָר.

ווען אָט די אַלייִדישע איבער־קערפּערשאַפט וועט געשאַפן ווערן — און איך בין צופרידן דערפון, וואָס די ציוניסטישע עקזעקוטיווע און אַלע פּאַרטייען, און קודם־כל די רעגירונג פון ישראל האָבן צוגעשטימט צו דעם פּלאַן — וועט די ציוניסטישע באַוועגונג ניט דאַרפן פאַרשווינדן, נאָר וועט זיך דאַרפן קאָנצענטרירן אויף איר פּראַקטישער אַרבעט אין ישראל, וואָס וועט זיין געשטיצט אויף דער "אמנה". אידעאָלאָגיש וועט דער ציוניזם ווידער ווערן אַ ראַדיקאַלע מינדערהייט־באַוועגונג, מיט אינדי־ווידועלע התחייבותן, מיט לייגן דאָס געוויכט בעיקר אויף די אויפגאַבן פון חלוציות און עליה, מיט דער פאַרפליכטונג פון אַבסאָלוטער לאָיאַליטעט צו ישראל אַפילו אין צייטן, ווען דאָס קען ווערן שווער, ווי עס איז שוין דער פאַל אין אַ צאָל לענדער, און ווי עס קען ווערן נאָך שווערער אין קריטישע פּאָליטישע סיטואַציעס.

דאָ איז נייטיק צו פּראָקלאַמירן פאַר איינער פון די הויפּט־אויפגאַבעס פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, דעם קאַמף פאַרן רעכט פון יידישן

פאָלק, אומעטום ווו יידן לעבן, צו זיין עמאָציאָנעל, גייסטיק און רעליגיעז צוגעבונדן צו ישראל. מיר דאַרפן דורכפירן, אַז דאָס דאָזיקע רעכט צו זיין צוגעבונדן צו ישראל און אין דער זעלבער צייט צו זיין אַ טייל פון יידישן פאָלק, זאָל אַלגעמיין אָנערקענט ווערן דורכן גאַנצן יידישן פאָלק, און מיר דאַרפן קעמפן דערפאַר אין דער ניט־יידישער וועלט. די דאָזיקע קאָנצעפּציע איז אין געוויסע טיילן פון דער וועלט אין אַ סתירה צו דעם באַגריף פון שטאַט, ווי די איינציקע קערפּערשאַפט, וואָס פאָדערט די טאָטאַלע לאָיאַליטעט פון אירע בירגער. דער דאָזיקער באַגריף פאַרשפּרייט זיך וואָס אַ מאָל מער און פאַרסמט די אַטמאָספער ניט בלויז אין די טאָטאַליטאַרע לענדער, ווו ער איז אָפן אָנגענומען אַלס אַ בירגערלעכע פליכט, נאָר אַפילו אין דעמאָקראַטישע לענדער, ווו אַ סך יידן ווערן שטאַרק צערודערט איבער דער געפאַר פון דאָפּלטער לאָיאַליטעט, באַזונדערס אין קריטישע מאָמענטן, אָדער אין אַ סיטואַציע, ווען עס איז פאַראַן אַ קאָנפליקט צווישן דער פּאָליטיק פון זייערע לענדער און פון מדינת ישראל. דאָס איז אפשר איינציקאַרטיק פאַרן יידישן פאָלק, אָבער אָן דעם קען דאָס יידישע פאָלק, וואָס איז איינציקאַרטיק אין אַ סך הינזיכטן, ניט פאַרזיכערן דעם המשך פון זיין קיום, מיט ישראל ווי זיין צענטער.

מיר, יידן, האָבן אין ניינצנטן יאָרהונדערט געקעמפט פאַר גלייכבאַרעכטיקונג, און אין דעם קאַמף זיינען מיר געשטאַנען בראש פון אַ סך אַנדערע מינדערהייטן. מיר האָבן פאַקטיש דערגרייכט די גלייכבאַרעכטיקונג. איצט דאַרפן מיר אָנפירן דעם קאַמף פאַר די רעכט פון די מינדערהייטן צו זיין אַנדערש. דאָס איז נוגע ניט בלויז אונדז אַליין, נאָר אויך אַנדערע מינדערהייטן. אָבער פאַר אונדז איז דאָס דאָזיקע רעכט אַנטשיידנדיק פאַר אונדזער צוקונפט און פאַר דעם המשך פון אונדזער קיום. נאָר אַזאַ ציוניסטישע באַוועגונג, וועלכע וועט קומען מיט אַזעלכע ראַדיקאַלע פאָדערונגען, און נאָר אַזאַ ציוניסטישע באַוועגונג, וואָס וועט ניט נאָר פּרעדיקן די דאָזיקע אידעען, נאָר וועט טאָן אַלץ, בכדי זיי צו פאַרווירקלעכן, וועט קענען בלייבן אַ נייטיקער און פיל־באַדייטנדיקער פאַקטאָר אין יידישן לעבן און אין דער צענטראַלער שליחות פון אונדזער דור צו בויען מדינת ישראל. אויב מיר ווען זיך אויף דעם קאָנצענטרירן, דאַרפן מיר זיך ניט שרעקן דערפאַר, אַז אויפגעבנדיק דעם אַנדערן ציל צו רעפּרעזענטירן דאָס גאַנצע יידישע פאָלק אין דער באַציִונג צו ישראל,

זאָלן מיר צעשטערן די באַזע פון אונדזער עקזיסטענץ. איצטער גייען מיר ניט אויף קיין איינעם פון די צוויי וועגן, ניט אַהין און ניט אַהער, און אין דער דאָזיקער אַטמאָספער פון בין־השמשות, פון ניט־אַנטשלאָסנקייט און פון מאַנגל אין קלאָרקייט, וועט די ציוניסטישע וועלט־אָרגאַניזאַציע ניט קענען לאַנג אויסהאַלטן.

צום סוף וויל איך נאָך באַהאַנדלען בקיצור אַן אַנדער עיקר־פּראָבלעם פון דער ציוניסטישער עקזיסטענץ און פון דער צוקונפט פון מדינת ישראל. דאָס פּראָבלעם שטייגט אַריבער אין זיין היסטאָרישער באַדייטונג די צוויי פראַגן, וועלכע איך האָב פריִער באַהאַנדלט. עס איז געקומען די צייט, אַז מיר זאָלן זיך פרעגן, וואָס פאַר אַ ישראל מיר ווילן בויען. אַ מדינה פאַר זיך אַליין איז וויכטיק ווי דער גרונט־באַדינג, אָבער — ווי איך האָב שוין געזאָגט — מיינט דאָס נאָך ניט די פאַרווירקלעכונג פון ציוניזם. די מדינה איז בלויז אַן אינסטרומענט. דער כאַראַקטער פון דעם אינסטרו־מענט דאַרף באַשטימט ווערן דורך דעם ציל, פאַר וועלכן ער ווערט באַנוצט. די יעזויִטישע און מאַקיאַוועלישע אידעע, אַז מען קען מאַכן אַן אונטערשייד צווישן ציל און מיטלען, צווישן דעם צוועק און אינסטרו־מענט, האָט זיך שוין אַ סך מאָל אַרויסגעוויזן פאַר אַ געפערלעכער און דעמאָראַליזירנדיקער אילוזיע. סוף־כל־סוף קענט איר ניט דערגרייכן מאָראַלישע צילן מיט אוממאָראַלישע מיטלען, הגם איך ווייס, אַז אונדזער וועלט איז אַ וועלט פון בשר ודמס, און אַז אוממאָראַלישע מעטאָדן זיינען פון צייט צו צייט אומפאַרמיידלעך. די הויפּט־פראַגע באַשטייט אין דעם, צי די, וועלכע באַנוצן אַזעלכע מעטאָדן אין מאָמענטן פון נויט־ווענדיקייט, גיבן זיך אָפּ וועגן דעם אַ חשבון און ווילן דורכקומען אַזאַ פאַזע אַזוי גיך ווי מעגלעך, אָדער זיי זיינען פולשטענדיק צופרידן און באַרעכטיקן די דאָזיקע מיטלען פאַר מאָראַלישע, צוליב דעם ציל, פאַר וועלכן זיי ווערן באַנוצט. די מערסטע רעוואָלוציעס, מיט די וווּנדערלעכע צילן און גרויסע אידעאַלן, זיינען געוואָרן קאַטאַסטראָפאַלע און שוידער־לעך פאַרדרייטע דערשיינונגען און ברוטאַלע דיקטאַטורן, דערפאַר ווייל עס זיינען באַנוצט געוואָרן אוממאָראַלישע מיטלען.

אויך דערביי איז דער באַשלוס ניט קיין לייכטער, ווייל פון אָנהייב אָן איז די ציוניסטישע באַוועגונג געווען באַגרינדעט אויף צוויי סתירותדיקע קאָנצעפּציעס. זי איז געווען, אַזוי צו זאָגן, אַ סכיזאָפרענישע באַוועגונג. דאָס ציוניסטישע פּראָגראַם איז געשאַפן געוואָרן דערפאַר, ווייל מיר זיינען

געקומען צום אויספיר, אַז די באַדינגונגען פון לעבן אין גלות זײַנען אומנאָרמאַלע, און אַז אונדזער פֿאָלק קען ניט אָנהאַלטן זײַן קיום אין אַזעלכע אומשטענדן. דעריבער האָבן מיר פּראָקלאַמירט די אידעע פון אַ יידישער מדינה, בכדי צו נאָרמאַליזירן אונדזער לאַגע און מיר זאָלן האָבן אַ לאַנד, ווו מיר וועלן ניט זײַן קיין מינדערהייט, נאָר ווי אַ מערהייט וועלן מיר קענען באַשטימען דעם כאַראַקטער פון אונדזער מדינה, פון אונדזער געזעלשאַפט און ציוויליזאַציע. פון דער אַנדערער זײַט האָט דער ציוניזם זיך אויך געשטעלט דעם ציל ווייטער אויפצוהאַלטן און אַנטוויקלען דעם אייגנציקאַרטיקן כאַראַקטער פון דער יידישער קולטור, פאַר וועלכער מיר האָבן געליטן ווי קיין שום אַנדער פֿאָלק אין דער וועלט, אָבער וואָס האָט אונדז דערמעגלעכט איבערצולעבן צוויי טויזנט יאָר פון גלות.

דאָס זײַנען אין אַ געוויסן זין צוויי סתירותדיקע צילן. זיי האָבן געפונען אַ קלאַסישע פאָרמולירונג, ווי איך האָב דאָס שוין פיל מאָל דערמאָנט, אין די טעג פון דער השכלה־באַוועגונג, ווען איין גרופע יידישע דענקער האָט פּראָקלאַמירט "לא ככל הגויים עם ישראל", און אַן אַנדערע גרופע איז געקומען מיט אַ להיפּכדיקער לאָזונג "נהיה ככל הגויים". אין ציוניזם האָבן די צוויי צילן געפונען זייער אויסדרוק פון איין זײַט אין טעאָדאָר הערצל — וועלכער האָט באמת ניט געוווּסט גאָרניט וועגן דער יידישער פאַרגאַנגענהייט און וועגן דער יידישער קולטור, און וועמענס ציל עס איז געווען צו שאַפן נאָרמאַלע מלוכה־באַדינגונגען פאַרן יידישן פֿאָלק, און פון דער אַנדערער זײַט — אין אחד העם, וועלכער האָט אונטערגעשטראָכן, אַז דאָס יידישע פֿאָלק נייטיקט זיך קודם־כל אין אַ קולטור־צענטער, אין זײַן אייגענעם לאַנד, כדי אָנצוהאַלטן זײַן קיום. די ציוניסטישע באַוועגונג האָט קיין מאָל ניט אָפּגעמאַכט ביי זיך, אין וועלכער ריכטונג זי זאָל גיין. אויך מדינת ישראל האָט דאָס ניט געטאָן. עס קען זײַן, אַז אין די ערשטע יאָרן פון איר קאַמף פאַר איר פיזישן און עקאָנאָמישן קיום איז ניט געווען אַבסאָלוט נייטיק פאַר דער יידישער מדינה צו מאַכן דעם באַשלוס, און עס קען זײַן, אַז דאָס איז אויך ניט געווען מעגלעך פאַר איר. היינט, צוואַנציק יאָר נאָך דער ווידעראויפריכטונג פון דער מדינה, און נעמענדיק אין באַטראַכט די קריטישע לאַגע, אין וועלכער זי געפינט זיך — איבער אירע ריזיקע דערגרייכונגען פון איין זײַט און איבער דער געפאַר פון קאַטאַסטראָפאַלע אַנטוויקלונגען פון דער אַנדערער

זייט — איז געקומען די צייט פאַר ישראל אָנצונעמען אַ שטעלונג צו דעם פּראָבלעם.

לויט מיין מיינונג איז פאַראַן בלויז איין לייזונג: אַ סינטעזע פון ביידע קאָנצעפּציעס. מיר דאַרפן האָבן אַ מדינה, ווי אַלע פעלקער, אָבער זי קען ניט זיין גלייך מיט אַלע אַנדערע מדינות. נאָך אַ קליינע מדינה אין צוגאָב צו די מער פון הונדערט נייע מלוכות, וועלכע זיינען לעצטנס געשאַפן געוואָרן, וועט ניט פאַרזיכערן דעם המשך פון דעם קיום פון אונדזער פאָלק, ווייל זי וועט סוף־כל־סוף ניט פאָרשטעלן מיט זיך קיין גרויסע דערגרייכונג — און קיין גרויסן ציל, וואָס דאַרף געשטיצט ווערן — פאַר דער מערהייט יידן, וועלכע לעבן אין חוץ־לארץ און אַפילו ניט פאַר די בעסטע עלעמענטן אין מדינת ישראל גופא. דאָס וואָלט אויך זיכער ניט געווען די פאַרווירקלעכונג פון די עיקר־אידעען פון די נביאים, וואָס זיי אַליין באַרעכטיקן דאָס אויפהאַלטן אונדזער קיום און זיי דערקלערן די נסים פון אונדזער אויסדויער און בלייבן לעבן ווי אַ פאָלק. אויך וואָלט אַ יידישע מדינה פון אַזאַ כאַראַקטער ניט אַרויסגערופן די סימ־פּאַטיע פון דער וועלט, וואָס איז אַזוי שטאַרק בייטיק פאַר ישראל. די דאָזיקע מדינה אונדזערע, מיט אַלע נאָרמאַלע אינסטיטוציעס פון אַ שטאַט, דאַרף זיך ניט צופרידנשטעלן מיט אַ לאַנד, וואָס באַזיצט אַ באַשטימטע מאָס פון מאַכט, און מיט דער מעגלעכקייט צו קענען ווירקן מיט מאַכט, הגם אָן מאַכט קענען אידעען ניט פאַרווירקלעכט ווערן, און ווען מען וואָלט ניט געדאַרפט באַזיצן קיין מאַכט, וואָלט דער ציוניזם ניט געווען נייטיק. ישראל דאַרף שטרעבן צו זיין אַ יידישע מדינה, וואָס מיינט ניט צו זיין בעסער פון אַנדערע, אָבער זי דאַרף זיין אַנדערש און איינציקאַרטיק אין איר כאַראַקטער, ווי די אמתע פאַרווירקלעכונג פון די אידעאַלן און חלומות פון די גרעסטע דענקער אין דער יידישער געשיכטע. אַ סך יידישע דורות האָבן אויסגעהאַלטן און איבערגעלעבט יאַרהונדערטער פון רדיפות און ליידן, ווייל זיי האָבן געגלייבט אין דער מעגלעכקייט צו פאַרווירק־לעכן די דאָזיקע אידעאַלן. בלויז אַזאַ מדינה וועט באמת אַריינציִען און פאַראינטערעסירן די בעסטע עלעמענטן פון יידנטום, וועלכע לעבן מחוץ מדינת ישראל, און באַזונדערס פון דעם יונגן דור, וועלכער קען אַריינ־געצויגן ווערן אין די טויזנטער דורך אַ מדינה, וואָס וועט רעפּרעזענטירן עפּעס נייס, עפּעס גרויס און וויזיאָנערישס, און וועט ניט זיין אַ געוויינלעך לאַנד, מיט פּאַרלאַמענטאַרישע קריזיסן, מיט קליינלעכע קאַמפן צווישן

פּאַרטייען און אַפילו מיט אַ זיגרייכער אַרמיי. דאָס אַליין קען ניט אויס־פילן דעם מאַנגל אין די גרויסע וויזיאָנערישע אידעען.

די ציוניסטישע באַוועגונג — אויב זי וויל אָנהייבן אַ נייעם קאַפּיטל פון איר געשיכטע — מוז ווערן דער אינסטרומענט פאַר באַאיינפלוסן ישראל אין איר ווילן און אַנטשלאָסנקייט צו באַנוצן די מדינה פאַר ווערן דער גייסטיקער צענטער פון יידישן פאָלק. אין דעם דאָזיקן זין דאַרף ישראל ווערן ציוניזירט, ניט וויניקער פון די תפוצות. אויב די ציוניסטישע באַוועגונג וועט זיין גרייט אַנטשלאָסן און בכוח צו גיין אויף דעם דאָזיקן וועג, דאַרף זי ניט זיין באַאומרויקט וועגן איר עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג, וועט זי אַרויסקומען פון דעם קריזיס מיט אַ נייעם און שאַפערישן קאַפּיטל פון איר געשיכטע.

אויף דער דרום־אַפריקאַנער ציוניסטישער קאָנפערענץ, יאָהאַנעסבורג, 1967

# ציוניזם און דער מיטעלער מזרח

דער ציל פון דעם אַרטיקל איז ניט אַריינצוגיין אין קיין פּאָלעמיק מיט די, וועלכע באַשולדיקן דעם ציוניזם אין זיין אַ שאָוויניסטישע און אימפּעריאַליסטישע באַוועגונג. די דאָזיקע באַשולדיקונג איז אין גאַנצן אַ נייע און איז פאַרשפּרייט געוואָרן לעצטנס דורך דער אַראַבישער פּראָפּאַגאַנדע און דורך די, וועלכע שטיצן זי. זינט זיין אַנטשטייונג, מיט זיבעציק יאָר צוריק, איז דער ציוניזם, להיפך, באַטראַכט געוואָרן פאַר איינער פון די פּראָגרעסיווע און אידעאַליסטישע באַוועגונגען פון אונדזער צייט, און די שטיצע פאַרן ציוניזם איז במשך פון די אַלע יאָרן געקומען בעיקר פון די דעמאָקראַטישע און פּראָגרעסיווע כוחות.

די ציוניסטישע באַוועגונג איז תמיד געווען באַהערשט דורך סאָציאַליסטישע און לינק־אָריענטירטע גרופּעס, הגם עס זיינען נאַטירלעך אויך געווען אין איר עלעמענטן פון אַ מער נאַציאָנאַליסטישער טענדענץ, ווי דאָס איז ביי יעדן פאָלק. אין איר אויסלענדישער פּאָליטיק האָט די ציוניסטישע באַוועגונג תמיד זיך באַמיט צו האַלטן זיך מחוץ פון די גרויסמאַכט־פּאָליטישע כוחות און ניט נעמען קיין צד, רעפּרעזענטירנדיק דאָס יידישע פאָלק, וואָס מוז, איבער זיין צעשפּרייטקייט איבער דער גאָרער וועלט, זיין דאָס נייטראַלסטע פון אַלע פעלקער. די פירער פון דער ציוניסטישער באַוועגונג האָבן אין משך פון אַלע יאָרן זיך באַמיט צו געווינען די סימפּאַטיע סיי פון די מערב־מלוכות און סיי פון די סאָציאַליסטישע מדינות. איך אַליין האָב, רעפּרעזענטירנדיק די ציוניסטישע באַוועגונג ביי דער פעלקער־ליגע אין זשענעווע, געהאַט אומצייליקע געשפּרעכן מיט די סאָוועטישע דיפּלאָמאַטן, באַמיענדיק זיך צו געווינען זייער שטיצע. איך בין תמיד געווען גענייגט צו גלייבן, אַז מיר וועלן סוף־כל־סוף באַקומען זייער שטיצע, ווי עס האָט באַוויזן דער פאַקט פון דעם היסטאָרישן באַשלוס פון דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע פעלקער וועגן דער טיילונג פון ארץ־ישראל. בלויז נאָך דער אַנטוויקלונג

פון ישראל־אַראַבישן קאָנפליקט און נאָך דעם, ווי די מזרח־אייראָפּעיִשע מלוכות האָבן אָנגעהויבן שטיצן די אַראַבער, בעיקר מיט די ליפערונגען פון גרויסע טראַנספּאָרטן וואָפן, איז ישראל געווען געצוווּנגען אָנצונעמען אַ מערב־אָריענטירטע פּאָליטיק, ווייל די מערב־וועלט איז געוואָרן דער איינציקער קוואַל פאַר ישראל צו קריגן געווער. די דאָזיקע לאַגע וועט, לויט מיין מיינונג, סוף־כל־סוף זיך אָפּרופן ניט גינסטיק פאַר ישראל, וועלכע דאַרף שטרעבן צוריקצוגעווינען אַ פּאָזיציע פון ניט־אידענטיפי־קאַציע און פון בלייבן מחוץ פון מאַכט־פּאָליטישע קאָנפליקטן. אָבער דאָס איז נאַטירלעך אָפּהענגיק פון דער זיכערקייט־לאַגע פון ישראל און פון אירע באַציִונגען מיט דער אַראַבישער וועלט.

די דאָזיקע אַנטוויקלונג דערקלערט, פאַר וואָס ישראל און די ציוניס־טישע באַוועגונג קענען אין די אויגן פון געוויסע גרופּעס דערשיינען ווי אַ באַשטאַנדטייל פון דער אַזוי גערופענער אימפּעריאַליסטישער וועלט. אַנשטאָט אַריינצוגיין אין אַן אויספירלעכער פּאָלעמיק מיטן דאָזיקן פאַר־קריפּלטן און קרומען בליק אויפן כאַראַקטער פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, וועט זיין מער קאָנסטרוקטיוו און נוצלעך, אויב איך וועל זיך באַמיִען — אַזוי אָביעקטיוו, ווי איך קען נאָר דאָס טאָן — צו דערקלערן די אָפּשטאַמונג און די אידעאָלאָגישע באַזע פון דער ציוניסטישער באַ־וועגונג, וועלכע האָט דערפירט צום ווידערגעבורט פון מדינת ישראל.

*

אויב מען קוקט אויבערפלעכלעך, פון דרויסן, אויף דער ציוניסטישער באַוועגונג, קען זיך אויסווייזן, אַז זי איז איינע פון די פיל נאַציאָנאַלע באַפרייונג־באַוועגונגען, וועלכע כאַראַקטעריזירן דעם צווייטן טייל פון נייַנצנטן יאָרהונדערט און די ערשטע העלפט פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, און וועלכע האָבן געפירט צום שאַפן אַזוי פיל נייע מלוכות. אָבער מען קען בשום אופן ניט פאַרשטיין ריכטיק די ציוניסטישע באַ־וועגונג, אויב מען וועט זי מעסטן מיט דער נאָרמאַלער קריטעריע און כאַראַקטעריסטיק פון רעגולערע נאַציאָנאַלע באַוועגונגען. דעם ציוניזם דאַרף מען קודם־כל באַטראַכטן ווי אַ נאַציאָנאַלע באַוועגונג פון יידישן פאָלק, און מען קען אים פאַרשטיין נאָר אויפן יסוד פונעם כאַראַקטער און פון דער געשיכטע פון יידישן פאָלק, וואָס איז — ווי איך זע עס — כמעט איינציקאַרטיק אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט. און גלייך אין אָנהייב וויל איך מאַכן קלאָר, אַז די דאָזיקע אייגנאַרטיקייט מיינט

ניט צו זאָגן, אַז דאָס יידישע פאָלק איז בעסער אָדער העכער פון אַנדערע פעלקער. די קאָנצעפּציע פון "אתה בחרתנו"־פאָלק, וואָס איז אַן עיקר פון דער יידישער פילאָזאָפיע און רעליגיע, איז ניט קיין טייל פון דער ציוניסטישער אידעאָלאָגיע, הגם אַ סך יידן, בפרט די רעליגיעזע, נעמען אָן דעם דאָזיקן גלויבן, אָבער אויב אַפילו מען פּרעטענדירט ניט אויף דער מינדסטער מאָס פון סופּעריאָריטעט פאַרן יידישן פאָלק אין פאַר־גלייך מיט אַנדערע פעלקער, מוז יעדער איינער, וועלכער אַנאַליזירט די געשיכטע און דעם כאַראַקטער פון יידישן פאָלק אָנערקענען, אַז יידן זיינען אין פּרינציפּ אַנדערש פון די אַנדערע קאָלעקטיווע גרופּעס אין דער געשיכטע, וועלכע מען רופט פעלקער און נאַציעס. יידן זיינען אַ פאָלק, וועלכע זיינען גלייכצייטיק אויך אַ באַזונדערע רעליגיעזע גרופּע. די דאָזיקע אידענטיפיקאַציע מאַכט דאָס יידישע פאָלק אַנדערש פון אַנדערע פעלקער, וועלכע, ווען אַפילו זיי האָבן זייער אייגענע נאַציאָ־נאַלע רעליגיע, האָבן זיי קיין מאָל ניט גלייכגעשטעלט זייער רעליגיעזע באַזונדערקייט מיט זייער נאַציאָנאַלער אידענטיטעט. אויסער דעם איז די געשיכטע פון יידישן פאָלק כמעט איינציקאַרטיק מיטן אויסהאַלטן און איבערלעבן אַלע רדיפות און גלותן אין משך פון טויזנטער יאָרן. דאָס קען פאַרשטאַנען ווערן נאָר מיט דער ספּעציפישער אידעאָלאָגיע פון יידישן פאָלק, ביי וועלכער די אידענטיפיקאַציע פון רעליגיע און פאָלק איז איין יסודותדיקער אַספּעקט, און דער צווייטער איז די מיסטישע, סיי רעליגיעזע און סיי נאַציאָנאַלע צוגעבונדנקייט צו ארץ־ישראל.

איך קען ניט קיין שום אַנדערן ביישפּיל פון אַ פאָלק, וואָס זאָל זיין אַזוי אינטים צוגעבונדן אין זיינע חלומות און אין זיינע וויזיעס, אין זיינע האָפענונגען און אין זיינע תפילות, צו דעם לאַנד פון וואַנען עס איז פאַרטריבן געוואָרן מיט פיל יאָרהונדערטער צוריק, און וועגן וועלכן עס האָט אין אַ סך תקופות פון זיין גלות־געשיכטע פאַקטיש ניט געהאַט קיין רעאַלן באַגריף. דריי מאָל אַ טאָג פלעג אַ פרומער ייד מתפלל פאַר צוריק־קערן זיך קיין ציון, און אין די ערגסטע און פינצטערסטע צייטן פון זייער געשיכטע האָבן די גערודפטע יידן אויפגעהאַלטן זייער האָפענונג און זייער גלויבן אין דער צוקונפט, געחלומט וועגן צוריקקערן זיך אין דעם לאַנד, ווען משיח וועט קומען און ברענגען די ישועה פאַרן יידישן פאָלק און פאַר דער גאַנצער מענטשהייט.

אַ שטאַרקער אויסדרוק פון דער דאָזיקער צוגעבונדנקייט, איז געווען

דער פאַקט, וואָס אַ מערהייט פון דער ציוניסטישער באַוועגונג האָט אָפּ־געוואָרפן דעם אָנבאָט פון דער בריטישער רעגירונג אויפצובויען אַן אָרגאַניזירטן אויטאָנאָמען יידישן יישוב אין אוגאַנדע. דער דאָזיקער אָנבאָט איז אָפּגעוואָרפן געוואָרן, ניט געקוקט אויף דעם, וואָס דער גרינדער און פירער פון דער באַוועגונג, ד"ר טעאָדאָר הערצל, איז געווען שטאַרק דערפאַר, אַז מען זאָל אים אָננעמען, און עס האָט כמעט געהאַלטן דערביי, אַז די באַוועגונג זאָל צעשפּאַלטן ווערן.

די דאָזיקע איינציקאַרטיקע צוגעבונדנקייט פון יידישן פאָלק צום לאַנד, פון וואַנען יידן שטאַמען, איז געבליבן שטאַרק אין אַלע צייטן פון דער צעזייטקייט איבער דער וועלט, סיי אין גלות בבל און סיי נאָכן חורבן פון בית שני. אָט די כסדרדיקע צוגעבונדנקייט איז די היסטאָרישע, עמאָציאָנעלע, און אויב מען קען זיך אַזוי אויסדריקן — מיסטישע באַזע פון דער מאָדערנער ציוניסטישער באַוועגונג. קיין שום טייל פון דער ספּעציפישער רעליגיעזער און נאַציאָנאַלער אידעאָלאָגיע און אני־מאמין פון יידישן פאָלק קען ניט פאַרשטאַנען ווערן אָן דער צענטראַלער ראָלע פון ארץ־ישראל. די דאָזיקע צוגעבונדנקייט האָט געמאַכט די רעאַליזירונג פון דער ציוניסטישער אידעע צו שאַפן אַ טעריטאָריעלן צענטער פאַרן יידישן פאָלק אַ סך שווערער, ווי ווען די באַוועגונג וואָלט געווען גרייט אָנצונעמען וועלכע־עס־איז אַנדערע טעריטאָריע, ניט ארץ־ישראל.

דאָס שאַפן אַ יידישע מדינה אין ארץ־ישראל איז פון אָנהייב אָן געווען שווער צוליב דער וויכטיקער געאָפּאָליטישער פּאָזיציע פון דעם לאַנד, צוליב די אַראַבישע איינוווינער, צוליב די אינטערעסן, וואָס די קריסט־לעכע און מוסולמענישע רעליגיעס האָבן אין דעם לאַנד. אַ סך לייכטער וואָלט דאָס געווען, ווען די ציוניסטישע באַוועגונג וואָלט געפּרוווט באַ־קומען אַן אומבאַוווינט לאַנד אין דער וועלט פאַר אַ יידישן טעריטאָריעלן צענטער. פּראָמינענטע ציוניסטישע פירער, צווישן זיי דער דעמאָלט באַרימטער ענגליש־יידישער שריפטשטעלער ישראל זאַנגוויל, האָבן פאַקטיש אין אַ געוויסן מאָמענט געשאַפן די אַזוי גערופענע "טעריטאָריאַליסטישע באַוועגונג", וועלכע איז געווען גרייט אויפצוגעבן דעם אידעאַל פון שיבת ציון און אָננעמען אַן אַנדערע טעריטאָריע. די דאָזיקע באַוועגונג איז אונטערגעגאַנגען נאָך אַ קורצער צייט, צוליב דער טיפער צוגעבונדנקייט פון יידישן פאָלק צו ארץ־ישראל און צוליב זיין אָפּזאָג אָנצונעמען וועלכן־עס־איז "ערזאַץ".

אָבער די היסטאָרישע צוגעבונדנקייט אַליין דערקלערט נאָך ניט די ציוניסטישע באַוועגונג. דער ציוניזם שטעלט מיט זיך פאָר אַ סינטעזע פון דער היסטאָרישער בענקשאַפט נאָך שיבת־ציון — וואָס איז אַזוי אַלט ווי דער יידישער גלות — מיט אַנדערע מאָטיווירונגען, וואָס זיינען אַ רע־זולטאַט פון דער ספּעציפישער לאַגע פון יידישן פאָלק אין נײַנצנטן יאָר־הונדערט. די דאָזיקע צווייטע גרופּע מאָטיווירונגען איז רעפּרעזענטירט אין דעם, וואָס מען באַצייכנט געוויינלעך ווי די מאָדערנע יידן־פראַגע. די יידן־פראַגע איז אַרויסגערופן געוואָרן דורך דעם פאַקט, וואָס דאָס יידישע פאָלק איז געוואָרן צעשפּרייט איבער אַ סך לענדער פון דער וועלט, איז געוועזן, אין זיין גרויסער מערהייט, פאַרפאָלגט און באַרויבט פון גלייכע רעכט, באַזונדערס די גרויסע יידישע מאַסן אין מזרח־אייראָפּע, איז געווען עקאָנאָמיש דיסקרימינירט, און זייער אַ גרויסער טייל פונעם פאָלק האָט געלעבט אין שרעקלעכער נויט. די האָפענונג, אַז די מאָדערנע דעמאָקראַטיע און ליבעראַליזם וועלן מאַכן אַ סוף צום אַנטיסעמיטיזם און צו די אַנטי־יידישע דיסקרימינאַציעס — די פּאָליטישע, עקאָנאָמישע און סאָציאַלע — האָט זיך ניט באַרעכטיקט אין דער ווירקלעכקייט פון נײַנצנטן און צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. דער קלאַסישער ביישפּיל פאַר דער באַ־דייטונג פון די דאָזיקע פאַקטן איז דער וועג, אויף וועלכן טעאָדאָר הערצל, דער גרינדער פון דער מאָדערנער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע, איז געוואָרן אַ ציוניסט. ער איז געווען, ווי עס איז באַקאַנט, אַן אַסימי־לירטער ייד און ער האָט זיך ווייניק אינטערעסירט מיט יידישע פּראָב־לעמען. אָבער די גרויסע דערפאַרונג, וואָס ער האָט געהאַט בעת דער דרייפוס־אַפּערע אין פראַנקרייך, וועלכע ער האָט נאָכגעפאָלגט אַלס פּאַ־ריזער קאָרעספּאָנדענט פון דער גרויסער ווינער צייטונג "נויע פרייע פּרעסע", האָט אים געבראַכט צו דער איבערצייגונג, אַז אָן אַן אייגן לאַנד וועט ניט זיין קיין לייזונג פאַר דער יידן־פראַגע.

צו די דאָזיקע רעאַליסטישע טעמים — ראַטעווען די געדרודפּטע יידן און געבן זיי די מעגלעכקייט אָנצוהייבן אַ נײַ לעבן אין זייער אייגן לאַנד — איז צוגעקומען אַ צווייטער מער אידעאַליסטישער מאָטיוו, וועלכער האָט אינספּירירט די אַנדערע אידעאָלאָגישע גרינדער פון דער באַוועגונג, ווי דעם דייטש־יידישן סאָציאַליסט משה העס און דעם גרויסן העברעישן שריפטשטעלער און דענקער אחד העם, צו שטיצן די ציוניסטישע אידעע. זייער מאָטיוו איז געווען, אַז איבער דער צעזייטקייט פון יידישן פאָלק,

איבער דעם, וואָס יידן זיינען אומעטום אין דער לאַגע פון אַ מינדערהייט און איבער דער עמאַנציפּאַציע פון אַ טייל פון די יידישע ישובים — איז פאַראַן די געפאַר, אַז דער יידישער ביישטייער צו דער מענטשלעכער ציוויליזאַציע זאָל ווערן איבערגעריסן, און אַז די ספּעציפישע יידישע גאונות, וואָס האָט אַזוי שטאַרק באַרייכערט די מענטשהייט, וועט זיך ניט קענען מער אויסדריקן אין אָריגינעלע שאַפערישע דער־גרייכונגען.

אָט, די אַלע פאַרשיידענע מאָטיוון — די היסטאָרישע צוגעבונדנקייט צו ארץ־ישראל, די טראַגישע לאַגע פון מיליאָנען יידן, די נויטווענדיקייט פאַר אויפהאַלטן די יידישע שעפערישקייט — האָבן כאַראַקטעריזירט די ציוניסטישע באַוועגונג אין איר ספּעציפישער אידעאָלאָגיע, מיט וועלכער זי אונטערשיידט זיך פון די אַנדערע נאַציאָנאַלע באַוועגונגען. די דראַמאַטישסטע באַרעכטיקונג פון דער ציוניסטישער אידעע איז געקומען אין דער נאַצי־עפּאָכע, ווען די פאַרניכטונג פון זעקס מיליאָן יידן און דער דורכפאַל פון דער דעמאָקראַטישער וועלט זיי צו ראַטעווען — אַפילו צו מאַכן אַן ערנסטן פּרווו דאָס צו טאָן — האָט באַוויזן דער ניט־יידישער וועלט די אומנאָרמאַלקייט פון דער יידישער לאַגע און די נויטווענדיקייט, אַז דאָס יידישע פאָלק זאָל האָבן אַן אייגענעם טעריטאָריעלן צענטער, וווּהין אַלע יידן, וועלכע האָבן ניט די מעגלעכקייט צו פירן אַ לעבן אין ווערדע און אין גלייכבאַרעכטיקונג אין אַנדערע לענדער, זאָלן קענען עמיגרירן און ווערן די בעלי־בתים פון זייער אייגענעם גורל.

די דאָזיקע אַרגומענטן, וואָס באַרעכטיקן דאָס פּראָגראַם פון דער ציוניסטישער באַוועגונג און איר פאָדערונג צו געבן דעם יידישן פאָלק דאָס רעכט צו שאַפן אַ טעריטאָריעלן צענטער אין זיין אַלטן היימלאַנד, וואָלטן — ווי איך בין זיכער, געווען איבערצייגנדיק פאַר יעדן איינעם, ווען ניט דער איינער אַספּעקט, וואָס שטיצט זיך אויף דעם פאַקט, אַז במשך פון יאָרהונדערטער איז אַ גרויסע מערהייט פון די איינוווינער פון ארץ־ישראל באַשטאַנען פון אַראַבער. עס וואָלט געווען נאַיִוו און אומזיניק צו לייקענען די ערנסטקייט פון דעם דאָזיקן אַספּעקט. ס'איז אמת, אַז הערצל, וועלכער איז ניט געווען קיין עקספּערט אין יידישקייט און אויך ניט אין די ענינים פון מיטעלן מזרח, האָט ניט געשענקט קיין סך אויפ־מערקזאַמקייט דעם דאָזיקן אַספּעקט, ווייל אין יענער צייט איז די אַראַבישע נאַציאָנאַלע באַוועגונג ניט געווען קיין וויכטיקער פּאָליטישער

פאַקטאָר. אָבער די פירער פון דער באַוועגונג נאָך הערצלען האָבן זיך זייער גוט אָפּגעגעבן אַ רעכענונג וועגן דעם פּראָבלעם און האָבן זיך באַמיט צו געפינען פאַר אים אַ לייזונג. ס'איז קיין פראַגע ניט, אַז מיט די נאָרמאַלע קריטעריעס און פרינציפּן פון אינטערנאַציאָנאַלן געזעץ וואָלט די פאָדערונג פון יידישן פאָלק צו שאַפן זיין מדינה אין אַ לאַנד, ווו יידן זיינען געווען אַ קליינע מינדערהייט, ווען די ציוניסטישע באַוועגונג איז געשאַפן געוואָרן, אין יאָר 1897, — ניט באַטראַכט געוואָרן פאַר אַ גילטיקע. דעריבער האָב איך אויבן אונטערגעשטראָכן דעם איינציקאַרטיקן כאַראַקטער פון יידישן פאָלק און פון דער יידישער געשיכטע און זיין איינציקאַרטיקע צוגעבונדנקייט צום לאַנד פון זיינע אבות. דער טראַגישער גורל פון די מיליאָנען אומגעבראַכטע יידן אין דער נאַצי־עפּאָכע איז געווען גענוג צו באַווייזן, אַז די מענטשהייט איז שולדיק דעם יידישן פאָלק אַן אַנטשעדיקונג אים צו דערמעגלעכן צו שאַפן אַזעלכע באַדינגונגען פון לעבן, ביי וועלכע אַזאַ יידישע טראַגעדיע זאָל זיך ניט קענען איבערחזרן אין דער צוקונפט. ס'איז קיין שום פראַגע ניט אַז אויב אַ יידישע מדינה וואָלט עקזיסטירט אין דער צייט, ווען די נאַציס זיינען געקומען צו דער מאַכט, וואָלטן מיליאָנען יידן געקענט געראַטעוועט ווערן דורך אַריבערפירן זיי אין דער דאָזיקער מדינה, מעגלעך אויך מיט דער צושטימונג פון די נאַציס אַליין.

מיר האָבן פאַר זיך אַ רעאַלן היסטאָרישן קאָנפליקט צווישן צוויי רעכט — צווישן די רעכט פון די אינדיווידועלע אַראַבער, וועלכע האָבן געלעבט אין ארץ־ישראל, און די רעכט פון יידישן פאָלק, אַלס אַ גאַנצס, צו האָבן אַ טעריטאָריע, ווו יידן זאָלן קענען פירן אַ זיכער לעבן, אַנטוויקלען זייער אייגענעם כאַראַקטער און ממשיך זיין זייער ביישטייער צו דער מענטשלעכער ציוויליזאַציע. די געשיכטע אין דער פאַרגאַנגענהייט און דאָס לעבן אין אונדזער איצטיקער תקופה זיינען פול מיט ענלעכע קאָנפליקטן צווישן צוויי רעכט פון צוויי פעלקער. אין אַזאַ קאָנפליקט דאַרף אַנגעווענדט ווערן אַ געוויסע מאָס פון פּריאָריטעט. מען דאַרף זיך פרעגן, וועלכע פון די צוויי רעכט איז העכער און מאָראַליש מער באַרעכטיקט. מיר האָבן אַנטוויקלט אין דער מאָדערנער צייט דעם פרינציפּ פון סאָציאַלער גערעכטיקייט, ווען מלוכות נעמען אַוועק דורך שטייערן אָדער אַנדערע מיטלען פאַרמעגנס, וואָס רייכע מענטשן האָבן זיך דערוואָרבן מיט רעכט, און דאָס ווערט געטאָן, בכדי צו העלפן די אָרעמע מענטשן. אַלע

מלוכות, ניט בלויז די סאָציאַליסטישע, האָבן אָנגענומען דעם דאָזיקן פּרינציפּ און זיי אַנטוויקלען זיך אַלץ מער און מער אין מאָדערנע מלוכות פון אַלגעמיינעם ווילזיין. דער דאָזיקער פּרינציפּ פון סאָציאַלער גערעכ־טיקייט מוז ווערן אָנגעווענדט און וועט, ווי איך האָף, סוף־כל־סוף אָנגע־געווענדט ווערן אויך אין די באַציִונגען צווישן פעלקער. ס׳איז מאָראַליש אומגערעכט, און היסטאָריש וועט עס פירן צו אומרוען און קאָנפליקטן, אַז געוויסע פעלקער זאָלן האָבן ריזיקע טעריטאָריעס, וועלכע זיינען זייער שיטער באַפעלקערט, און אַנדערע פעלקער זאָלן זיין באַגרענעצט צו קליינע טעריטאָריעס, וואָס זיינען איבערפולט, און ווו עס איז כמעט ניט מעגלעך צו גאַראַנטירן אַן אָנשטענדיק לעבן פאַר די איינוווינער.

אַזאַ סיטואַציע הערשט בנוגע דעם אַראַביש־יידישן קאָנפליקט אין ארץ־ישראל. די אַראַבישע פעלקער באַזיצן אומגעהויערע טעריטאָריעס, פיל פון זיי ליידיקע, מיט מעגלעכקייטן אויפצונעמען און איינצואָרדענען מי־ליאָנען נייע איינוווינער, אויב די טעריטאָריעס וועלן ווערן ווי געהעריק אַנטוויקלט און אַדמיניסטרירט. דאָס יידישע פאָלק האָט אין משך פון פיל יאָרהונדערטער ניט געהאַט קיין שום אייגענע טעריטאָריע, מיט די טראַ־גישע קאָנסעקווענצן, וואָס זיינען אויבן שוין דערמאָנט געוואָרן. איז ניט פאַראַן די מאָראַלישע באַרעכטיקונג אָנצווענדן אָט דעם דאָזיקן פּרינציפּ פון סאָציאַלער גערעכטיקייט אין דעם דאָזיקן פאַל און געבן, ניט אפילו גאַנץ ארץ־ישראל, נאָר אַ טייל פון דעם לאַנד צום יידישן פאָלק, פאַר וועמען דאָס איז די איינציקע רעטונג און מעגלעכקייט צו גאַראַנטירן זיין קיום? דערביי איז קלאָר, אַז אויך אָן דער דאָזיקער קליינער טעריטאָריע ווערט אין דער מינדסטער מאָס ניט געשטעלט אין געפאַר די צוקונפט און דער גורל פון די אַראַבישע פעלקער.

די ציוניסטישע באַוועגונג האָט, אָפּגעבנדיק זיך אַ פולע רעכענונג וועגן דעם אַראַבישן אַספּעקט פון דער פראַגע, אַ סך מאָל זיך באַמיט צו קומען צו אַ הסכם מיט די אַראַבער פון ישראל און מיט דער אַראַבישער וועלט בכלל. ס׳איז קיין מאָל ניט געווען דער ווילן און ניט די אַמביציע פון דער ציוניסטישער באַוועגונג צו דעראָבערן ישראל, ניט רעדנדיק שוין וועגן דער פּאָקטישער אוממעגלעכקייט דאָס צו טאָן. דער ציוניזם, אין קעגנזאַץ צו אַלע קאָלאָניאַלע באַוועגונגען, מיט וועלכע ער ווערט צייטנווייז פאַרגליכן, האָט ניט געבראַכט יידן ווי דעראָבערער אין ארץ־ישראל, נאָר ווי פאַרמערס, ווי פּויערים, ווי אַרבעטער. איינער פון די הויפּט־אידעאַלן

פון דער ציוניסטישער באַוועגונג איז געווען צו ענדערן די סאָציאַלע און עקאָנאָמישע סטרוקטור פון יידישן פאָלק, וועלכע איז דורך די באַדינגונגען פון לעבן אין גלות געווען באַגרענעצט מערסטנס צו קאָמערציעלע און פינאַנציעלע פרנסות. דער אידעאַל פון ציוניזם איז געווען צו ברענגען די יידישע יוגנט קיין ארץ־ישראל כדי צו אַרבעטן ביי לאַנדווירטשאַפט און אויפשטעלן אינדוסטריעס ניט דורך אינוועסטירן קאַפּיטאַלן און באַנוצן די איינגעבוירענע אין לאַנד ווי אַרבעטער, נאָר אויפבויען אַ נייע יידישע עקאָנאָמיע אין ארץ־ישראל — פון דעם פונדאַמענט ביז צום דאַך. דאָס איז, אגב, די סיבה, פאַר וואָס די אַרבעטער־גרופּעס באַהערשן ביזן היינ־טיקן טאָג די פּאָליטישע אַרענע פון מדינת ישראל און וועלן דאָס נאָך טאָן אַ לאַנגע צייט.

נאָך דעם, ווי די באַלפור־דעקלאַראַציע איז באַשטעטיקט געוואָרן דורך די אַלייִרטע מלוכות נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען ארץ־ישראל איז אָפּגעטיילט געוואָרן פון דער אָטאָמאַנישער אימפּעריע, האָט ד״ר חיים ווייצמאַן זיך באַמיט צו קומען צו אַ פאַרשטענדיקונג מיטן פירנדיקן פאָר־שטייער פון דער אַראַבישער וועלט אין יענער צייט, עמיר פייסאַל. אַזאַ פאַרשטענדיקונג איז פאָרמולירט געוואָרן אין אַן אויסטויש פון בריוו, איז אָבער קיין מאָל ניט אויסגעפירט געוואָרן צוליב די אַנטוויקלונגען, וואָס האָבן געמאַכט אַ סוף צו פייסאַלס ראָלע אין סיריע. אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָבן דוד בן־גוריון, משה שרת און אַנדערע ציוניסטישע פירער מערערע מאָל געפּרוווט פאַרהאַנדלען מיט די אַראַבער און קומען צו אַ לייזונג פאַר ביידע צדדים. איך אַליין האָב אַלס פאָרשטייער פון דער יידישער אַגענץ פאַר ארץ־ישראל (וועלכע האָט אָנגעפירט די פּאָליטישע ענינים פון יידישן יישוב אין ארץ־ישראל, איידער די מדינה איז געשאַפן געוואָרן) ביי דער פעלקער־ליגע אין זשענעווע, געהאַט אַ סך אַזעלכע געשפּרעכן מיט די אַראַבישע פאָרטרעטער. אָבער אַלץ איז געווען אומזיסט, ווייל די אַראַבער זיינען ניט געווען גרייט אויף קיין שום קאָנצעפּציעס און זיי זיינען באַשטאַנען אויף דעם, אַז ארץ־ישראל מוז בלייבן אַ ריין־אַראַביש לאַנד.

ווען נאָך דער נאַצי־עפּאָכע איז געוואָרן אַלץ מער און מער דרינגענדיק צו שאַפן אַ יידישע מדינה, כדי אויפצונעמען און איינאָרדענען די הונ־דערטער טויזנטער יידן, קרבנות פונעם היטלעריזם, האָט די ציוניסטישע באַוועגונג, נעמענדיק אין באַטראַכט דעם פאַקט, אַז די מערהייט פון דער

באַפעלקערונג אין ארץ־ישראל איז אַן אַראַבישע, געמאַכט די העכסטע קאָנצעסיע מיטן פאָרשלאָג צו טיילן דאָס לאַנד. דער פאָרשלאָג איז געווען, אַז אין איין טייל פון לאַנד זאָל געשאַפן ווערן אַ יידישע מדינה מיט אַ יידישער מערהייט, און אַן אַראַבישע מדינה — אין אַן אַנדערן טייל. די דאָזיקע לייזונג איז אָנגענומען געוואָרן דורך דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע פעלקער סיי דורך די מערב־מלוכות און סיי דורך די מזרח־אייראָפּעישע מלוכות. סיי די פאַראייניקטע שטאַטן און סיי דער סאָוועטן־פאַרבאַנד האָבן געשטימט פאַר דעם פאָרשלאָג. אָן דעם וואָלט ניט געווען די נייטיקע מערהייט פון צוויי דריטל שטימען פאַר דעם באַשלוס. אָבער די אַראַבער האָבן זיך אָפּגעזאָגט מסכים צו זיין מיט דער דאָזיקער לייזונג און זיי האָבן אויפן באַשלוס פון דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע פעלקער און אויף דער פּראָקלאַמירונג פון דער יידישער מדינה רעאַגירט מיט דער אינוואַזיע אויף ארץ־ישראל. ווען ניט די דאָזיקע אינוואַזיע און די אַראַבער־ישראל־מלחמה, וואָס איז געקומען שפּעטער, וואָלטן די הונדערטער טויזנטער אַראַבישע פּליטים, וועלכע לעבן איצט אין לאַגערן און שטעלן מיט זיך פאָר אַן ערנסט פּראָבלעם — ניט פאַרלאָזן דאָס לאַנד און פאַרבליבן אויף זייערע ערטער. ס'איז אמת, אַז געוויסע יידישע טעראָריסטישע אַקטן האָבן אָפּגעשראָקן טיילן פון דער אַראַבישער באַפעלקערונג, אָבער אָן דעם רוף פון די אַראַבישע פירער צו די אַראַבישע איינוווינער, אַז זיי זאָלן פאַרלאָזן ארץ־ישראל, כדי באַלד צוריקצוקומען נאָך אַן אַראַבישן זיג אין אַן אַראַביש באַפרייט לאַנד, וואָלט ניט פאָר־געקומען דאָס דאָזיקע מאַסן־אַנטלויפן פון די אַראַבער.

די דאָזיקע געשיכטלעכע אויפקלערונג לייזט אָבער ניט דאָס פּראָבלעם. פאַר ישראל, ווי פאַר דער ציוניסטישער באַוועגונג און פאַרן יידישן פאָלק, וואָלט עס געווען קורצזיכטיק און מאָראַליש ניט־באַרעכטיקט זיך ניט אָפּצוגעבן אַ רעכענונג וועגן דעם, אַז דאָס פּראָבלעם אַראַבער — ישראל עקזיסטירט, און אַז די לייזונג פון דער פראַגע איז דער גרונט־באַדינג פאַר אַ פרידלעכער אַנטוויקלונג און פאַר דעם קיום פון מדינת ישראל. עס זיינען פאַראַן צוויי אַספּעקטן פון דעם פּראָבלעם: דער אינדיווידועלער אַספּעקט פון די אַראַבישע פּליטים, וועלכע לעבן אין די לאַגערן און ווערן געשטיצט דורכן הילפספאָנד פון דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע נאַציעס; און דער קאָלעקטיווער אַספּעקט פון דער פּאָזיציע פון דער יידישער מדינה צווישן די אַראַבישע מלוכות, וועלכע נעמען אַרום די

גרויסע מערהייט פון די פעלקער אין מיטעלן מזרח.ביידע אַספּעקטן פונעם פּראָבלעם זיינען פאַרבונדן צווישן זיך. ביידע פאָדערן דעם ווילן און די גרייטקייט פון די אַראַבישע פעלקער אָנצונעמען דעם פאַקט פון דער עקזיסטענץ פון מדינת ישראל און זיין גרייט צו אַן אמתער קאָעקזיסטענץ צווישן יידן און אַראַבער. אַן אַזאַ גרייטקייט קען ניט געמאַכט ווערן קיין שום דעצידירנדיקער שריט. ליידער געהערן די אַראַבער, אַזוי ווי די יידן, צו דער סעמיטישער ראַסע, וואָס איז אַ ראַסע פון אַן אומגעהויערן היסטאָרישן זכרון, וועלכער קען ניט פאַרגעסן און איז זעלטן מוחל. די ענלעכקייט אין דער היגזיכט צווישן יידישן פאָלק, וואָס ווערט אין אונדזער תורה אָנגערופן אַן "עם קשה עורף", און דעם אַראַבישן פאָלק, וואָס זאָגט זיך אָפּ צו אָנערקענען רעאַליטעטן, מאַכט די לייזונג נאָך אַ סך שווערער. די אַראַבער דאַרפן שלום מאַכן מיטן פאַקט, אַז עס עקזיסטירט אַ יידישע מדינה, און אַז נאָך דעם וואָס עס איז געשען דעם יידישן פאָלק אין דער נאַצי־עפּאָכע, קען ניט די גרויסע וועלט זיך צוקוקן גלייכגילטיק, ווי די יונגע יידישע מדינה, וועלכע האָט געראַטעוועט צוויי מיליאָן היימלאָזע און רויִנירטע יידן און הייבט אָן אַן אַנטוויקלונג פון גרויסער באַדייטונג, איז באַדראָט צו ווערן צעשטערט. אויב דאָס וועט געשען וועלן זיין לייזונגען פאַר ביידע אַספּעקטן פון אַראַביש־יידישן פּראָבלעם.

די הויפּטלייזונג, ווי איך זע זי, מוז זיך שטיצן אויף שאַפן אַ מין בלאָק אָדער קאָנפעדעראַציע פון די מלוכות פון נאָענטן מזרח און אויף דעם, אַז ישראל זאָל זיין אַ טייל פון אַזאַ קאָנפעדעראַציע. ישראל דאַרף באַגרייפן, אַז זי קען ניט לעבן אייביק ווי אַ פעסטונג אין מיטן פון אַן אָקעאַן פון מיליאָנען פיינטלעכע אַראַבער. אַפילו ווען ישראל וועט בלייבן געצוונגען שטאַרק אָפּצושטויסן די אַראַבישע אַטאַקעס, מוז די גאַנצע עוואָלוציע און דער כאַראַקטער פון דער מדינה סוף־כל־סוף פאַרקריפּלט ווערן דורך דעם, וואָס זי וועט דאַרפן קאָנצענטרירן דעם גרעסטן טייל פון אירע אָנשטרענגונגען אויף פאַרטיידיקונג, אויף וואָפן, אַנשטאָט צו שאַפן אַ נייע קולטור און דינען ווי אַ גייסטיקער צענטער פאַר די יידישע יישובים איבער דער גאָרער וועלט.

די אַראַבער, פון זייער זייט, וועלן זיך מוזן אָפּגעבן אַ רעכענונג דערפון, אַז זייערע פּרוּוון צו צעשטערן ישראל — אָפּגעזען דערפון, אַז דאָס וועט זיך זיי ניט איינגעבן נאָך די דערפאַרונגען, וואָס זיי האָבן געהאַט אין די צוויי מלחמות קעגן ישראל — מוז אַוועקנעמען ביי זיי אַלע אָנשטרענ־

גונגען און מיטלען אויף מיליטערישע צוועקן, אַנשטאָט צו קאָנצענטרירן זיך אויף ווידעראויפבויען דעם מיטעלן מזרח און שאַפן אַ נייע אַראַבישע ציוויליזאַציע. אַ קאָנפעדעראַציע פון די מלוכות אין מיטעלן מזרח, מיט די אַראַבער און ישראל, וועט מאַכן אַ סוף צו דער מורא פון די אַראַבישע פירער, אַז ישראל וועט בלייבן אָפּהענגיק אין איר קיום פון די גרויסע מלוכות און וועט זיין, לויט דעם באַגריף פון די אַראַבער, אַן אויסלענדישער עלעמענט אין דער פּאָליטישער אָריענטאַציע פון דער אַראַבישער וועלט. אויב די ציוניסטישע באַוועגונג האָט באַשלאָסן צוריקצוברענגען דאָס יידישע פאָלק קיין ארץ־ישראל, מיינט דאָס, אַז יידן דאַרפן זיך צופּאַסן צו דעם טייל פון דער וועלט, ווו די אַראַבער וועלן שטענדיק בלייבן אַ מערהייט. דעריבער דאַרף די לייזונג פון אַ קאָנפעדעראַציע — וועלכע איך פּערזענלעך האָב תמיד באַטראַכט פאַר דער בעסטער — דערמוטיקט ווערן דורך אַלע, וועלכע ווילן אַ גערעכטע לייזונג פאַר ביידע גרופּעס, און שלום און סטאַביליטעט אין דעם דאָזיקן וויכטיקן טייל פון דער וועלט, וואָס רופט זיך דער מיטעלער מזרח.

די ציוניסטישע באַוועגונג האָט תמיד אָנגענומען די דאָזיקע לייזונג. ווען איך האָב, אין נאָמען פון דער יידישער אַגענץ איבערגעגעבן אין יאָר 1946 אַ מעמאָראַנדום דער אַמעריקאַנער רעגירונג, פאָרשלאָגנדיק די טיילונג פון ארץ־ישראל און דאָס שאַפן אַ יידישע און אַן אַראַבישע מדינה, איז אַ טייל פון דעם פאָרשלאָג געווען, אַז ביידע מדינות, צוזאַמען מיט די אַנדערע מלוכות פון מיטעלן מזרח, זאָלן שאַפן אַזאַ קאָנפעדעראַציע. ווען דוד בן־גוריון, דאַן פאָרזיצער פון דער עקזעקוטיווע פון דער יידישער אַגענץ, איז אַרויסגעטראָטן פאַר דער קאָמיסיע פון דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע פעלקער, וועלכע האָט באַהאַנדלט דאָס ארץ־ישראל־פּראָבלעם, האָט ער איבערגעגעבן דעם זעלבן פאָרשלאָג, פאָרמולירנדיק אים ווי די טיילונג פון ארץ־ישראל אויף צוויי מלוכות, אַ יידישע און אַן אַראַבישע, און מיט אַ יידיש־אַראַבישע אַליאַנס. ווי נאָר די אַראַבער וועלן זיין גרייט צו באַטראַכטן אַזאַ לייזונג, וועלכע קען מיט זיך אויך ברענגען אַ גרעסערע מאָס אייניקייט צווישן די אַראַבישע לענדער גופא, וועט דאָס פּראָבלעם פון די אַראַבישע פּליטים אויך געפינען אַ לייזונג — סיי דורך דעם, וואָס ישראל קען דערצו ביישטייערן, און סיי דורך דעם, וואָס די אַראַבישע מלוכות קענען דערפאַר טאָן, ווי אויך מיט אינטער־נאַציאָנאַלער און אַנדערער הילף.

ביי דער איצטיקער סיטואַציע אין דער וועלט, איז די דאָזיקע לייזונג — ווי אַנדערע קאָנסטרוקטיווע לייזונגען — אָפּהענגיק, אין אַ גרויסער מאָס, פון דער שטעלונג פון די גרויסמאַכטן. אויב דאָס וועט איבערגעלאָזן ווערן בלויז פאַר ישראל און די אַראַבישע מלוכות, האָב איך מורא, אַז מיר וועלן דאַרפן וואַרטן אַ לאַנגע צייט, ביז עס וועט אַנטוויקלט ווערן אַ קאָנ־סטרוקטיווע לייזונג. דערווייל וועלן סיי ישראל און סיי די אַראַבישע מלוכות ווערן שטאַרקער אין זייער באַוואָפענונג און מיליטערישער קראַפט, און דער אויפרייס־כאַראַקטער פון דער לאַגע אין מיטעלן מזרח וועט וואַקסן פון טאָג צו טאָג. אויב עס וואָלט געווען מעגלעך צו דערפירן דערצו, אַז סיי די גרויסע מערב־מלוכות און סיי סאָוועט־רוסלאַנד זאָלן איבערנעמען די גאַראַנטיע פאַרן שלום און פאַר דער סטאַביליטעט אין מיטעלן מזרח, און אַז די אַראַבער זאָלן וויסן, אַז זיי קענען ניט האָפן אויף אַקטיווער רוסישער הילף אין זייער פּרוּוו צו צעשטערן ישראל (און איך בין טיף איבערצייגט, אַז סאָוועט־רוסלאַנד וויל ניט קיין מלחמה אָדער אַגרעסיע אין מיטעלן מזרח, געטריי איר אַלגעמיינער פּאָליטיק אויסצומיידן מיליטערישע קאָנפליקטן אין דער וועלט), דעמאָלט — גלייב איך — וועלן געשאַפן ווערן די אַטמאָספער און די באַדינגונגען פאַר ישראל־אַראַבישע פאַרהאַנדלונגען וועגן דער לייזונג פון די פאַרשיידענע אַספּעקטן פון דעם קאָנפליקט.

ווי איך זע די צוקונפט, וועלן סיי די יידן אין מדינת ישראל, מיט דער הילף פון יידישן פאָלק און אַלע פריינד פון שלום און פּראָגרעס אין דער וועלט, און סיי די אַראַבער, איינזען די נויטווענדיקייט פון קאָנסטרוק־טיווער קאָעקזיסטענץ און פריינדשאַפט און זיי וועלן דורך אַזאַ קאָאָפּע־ראַציע לייגן דעם יסוד פאַר אַ נייעם קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון מיטעלן מזרח, וואָס האָט געשפּילט אַזאַ גרויסע ראָלע אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט.

1966

# די מדינה און די צוקונפט פונעם ציוניזם

איך וועל זאָגן באַלד פון אָנהייב — און גלייבט מיר, אַז איך זאָג דאָס פונעם טיפסטן האַרצן — אַז איך פיל אַ גרויסע פרייד ווידער אַרויסצו־טרעטן און רעדן אין קאַסינאָ. אָט דער קאַסינאָ אין באַזעל רופט אַרויס, טראַץ די פאַרגאַנגענע זיבעציק יאָר, טיפע זכרונות און געפילן אין די הערצער פון יידן און ציוניסטן. איך בין דאָ געוועזן צום ערשטן מאָל, אויף אַ ציוניסטישן קאָנגרעס, מיט פיר און פופציק יאָר צוריק, ווי אַ זייער יונגער גימנאַזיע־שילער. מיין פאָטער איז געוועזן אַ דעלעגאַט צום קאָנגרעס, און איך בין געזעסן אין דער זשורנאַליסטן־אָפּטיילונג. דאָס איז געוועזן איינע פון די גרעסטע איבערלעבונגען אין מיין לעבן.

איך וויל אויך זאָגן, אַז עס איז פאַר מיר אַ גרויסע פרייד אַרויסצו־טרעטן אויף דער זעלבער טריבונע, אויף וועלכער עס טרעט אַרויס יצחק ראַבין. איך זע דערין אַ מין סימבאָלישן פאַקט — אַחוץ דער הויכער פּער־זענלעכער אַכטונג, וואָס איך פיל צו אים, און וועגן וועלכע איך וועל דאָ קיין סך ניט רעדן.

אַ גרויסע אידעאַליסטישע און געזעלשאַפטלעך־רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג ווערט געמשפט פון צוויי שטאַנדפונקטן: די מאָס פון איר איבערגע־געבנקייט צו די אידעאַלן אירע, און די מאָס פון דער פאַרווירקלעכונג פון די דאָזיקע אידעאַלן. בלויז איינע פון די דאָזיקע שטאַנדפונקטן איז ניט גענוגנדיק. אויב די באַוועגונג איז געבליבן טריי דעם אידעאַל, און ניט מער — דאַן איז דאָס אַ דאָן־קיכאָטישע באַוועגונג, וואָס האָט ניט קיין וואָגיקע עקזיסטענץ אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט. אויב זי שטרייכט אונטער בלויז די פאַרווירקלעכונג און זי פאַרלירט איר אידעאַל — דאַן — ווי זאָגט דער משל — גיסט זי אויס דאָס קינד צוזאַמען מיטן וואַסער, און זי זאָגט זיך אָפּ פון איר גרונט־אידעע. דערפאַר שטרייך איך אונטער, ווי צופרידן איך בין אַרויסצוטרעטן אין דער אָנוועזנדיקייט פון יצחק ראַבין. איך רעד איצט ניט וועגן אים, ווי וועגן אַ פּערזענ־

לעכקייט, און ניט ווי וועגן דעם רמטכ״ל *, נאָר ווי וועגן דעם פאַרשטייער פון דער גרעסטער זאַך, אפשר, וואָס איז געוואָרן געשאַפן אין ישראל. און איך זאָג דאָס ווי אַ מענטש, וואָס איז בטבע ווייט פון מיליטאַריזם — אַ פאַקט, וואָס יעדער, וועלכער קען מיך, וועט דאָס באַשטעטיקן. יצחק ראַבין רעפּרעזענטירט צבא הגנה לישראל, די אַרמיי פון מדינת ישראל.

כל זמן איך בין דער פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, איז מיין פליכט, קודם־כל, צו שטיין אויף דער וואַך פון דער ריינקייט פון דער אידעע. איך וועל עס פּרוּוון טאָן אויך איצטער.

די פאַרווירקלעכונג פון אונדזער אידעע, וואָס איז אין משך פון די לעצטע צוואַנציק יאָר געווען די צענטראַלע אויפגאַבע פון מדינת ישראל, האָט זוכה געווען צו דעם וואונדערלעכן אינסטרומענט — צה״ל. אָן די נצחונות פון צה״ל, וואָלט ישראל זיכער ניט עקזיסטירט און מיר וואָלטן ניט זוכה געווען צו דער פאַרווירקלעכונג פון דער אידעע. דערפאַר איז פאַראַן אַ סימבאָלישע באַדייטונג אין דעם דאָזיקן סימפּאָזיום — אויב עס וועט מיר דערלויבט זיין אַזוי אָנצורופן אונדזערע פאַרהאַנדלונגען — צווישן דעם, וואָס איז קודם־כל פאַראינטערעסירט אין דער אידעע, און זיין חוב איז צו זאָרגן דערפאַר, אַז זי זאָל ניט ווערן אויסגעוועפּט, און דעם הויפּט־קאָמענדאַנט פונעם דערהויבנסטן אינסטרומענט, וועלכן מיר האָבן געשאַפן, כדי צו פאַרווירקלעכן אונדזער אידעע.

איך וויל בלויז זאָגן עטלעכע ווערטער וועגן אונדזער מצב. פון אַלע יידישע מנהיגים, פון די נביאים ביז חיים וויצמאַן, האָב איך געלערנט, אַז עס איז זייער וויכטיק צו זאָגן מענטשן דעם אמת, צו קריטיקירן. דאָס, וואָס עס איז געשען אין ישראל אין חודש יוני, איז איינע פון די וויכ־טיקסטע געשעענישן ניט בלויז אין דער געשיכטע פון מדינת ישראל, נאָר אין משך פון די טויזנטער יאָרן זינט דאָס יידישע פאָלק עקזיסטירט. די גרויסע אויפטרייסלונג, וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט איבערגעלעבט אויף אַ געוויסן אומדערוואַרטן אופן, איז כמעט איינציקאַרטיק אין דער וועלט. איך אַליין האָב ניט דערוואַרט אַזאַ ריזיקע סאָלידאַריטעט און באַגייסטערונג. (איך נוץ אויס די געלעגנהייט צו זאָגן צו די שווייצאַרישע יידן, אַז מיט דער אויסנאַם־אַקציע זייערער זיינען זיי די ערשטע אין דער ריי פון די אַלע יידישע קיבוצים, וואָס האָבן אַרויסגעוויזן סאָלידאַריטעט

* שעף פון גענעראַל־שטאַב פון צה״ל.

מיט ישׂראל). פֿאַרשטייט זיך, אַז אין אַ צושטאַנד פֿון אַזאַ צופֿרידנקייט האָט מען געוויינלעך ניט ליב צו הערן נעגאַטיווע זאַכן און וואָרענונגען, האָט מען ניט גערן צו הערן, אַז געוויסע צילן זיינען נאָך ניט דערגרייכט געוואָרן. אָבער פֿון מיין באַרימטן פֿאָרגייער, פֿון חיים ווייצמאַן — וועמענס שילער איך בין — האָב איך געלערנט, אַז אַ מנהיג דאַרף פֿאַרמאָגן מוט צו שילדערן פֿאַר זיין פֿאָלק די פֿאַקטן, אַזוי ווי זיי זיינען און זאָגן דעם גאַנצן אמת.

דאָס, וואָס מדינת ישׂראל האָט באַוויזן צו פֿאַרווירקלעכן במשך די צוואַנציק יאָר פֿון איר עקזיסטענץ — און דאָס איז אַ בישטיק־קליינע תקופה אין לעבן פֿון אַ מדינה — און באַזונדערס אין צוואַנציקסטן יאָר־הונדערט, דעם ערגסטן, געפֿערלעכסטן, געשפּאַנסטן און גרויזאַמסטן פֿון אַלע יאָרהונדערטער אין דער מענטשלעכער געשיכטע — דאָס, וואָס ישׂראל האָט באַוויזן צו פֿאַרווירקלעכן, איז אַן ענין, וועגן וועלכן מען קען דאָ געענוי ניט רעדן. שטענדיק, ווען איך רעד וועגן דעם, דערמאָן איך זיך אין הערצלס אַ זאָג אין איינער פֿון זיינע קאָנגרעס־רעדעס: „דער ציוניזם איז אַזאַ דערהויבענע זאַך, אַז מען דאַרף וועגן אים רעדן נאָר מיט די פּשוטסטע ווערטער”. דאָס זעלבע איז שייך ישׂראל, און דאָס איז אַ גרויסער לויב פֿאַר ישׂראל.

איך וועל פּרווון מאַכן אַ בילאַנס (איך וויל אונטערשטרייכן, אַז איך רעד אַבסאָלוט אין מיין אייגענעם נאָמען). איך וועל פּרוּוון זאָגן, וואָס דער ציוניזם האָט געוואָלט זיין, צו וואָס ער איז דערגאַנגען, וואָס מיר האָבן דערגרייכט, און וואָס מיר האָבן ביז איצט ניט דערגרייכט. (אויב עס געפֿינען זיך דאָ פֿאַרשטייער פֿון דער ישׂראל־פּרעסע, וואָלט איך ביי זיי געבעטן בלויז איין זאַך: אַז זיי זאָלן פֿון מיין רעדע ניט אַרויסנעמען אַ פֿראַגמענט, וואָס זעט ביי זיי אויס באַזונדערס אינטערעסאַנט, כדי צו מאַכן פֿון דעם אַ סענסאַציע, נאָר זיי זאָלן פּרוּוון געבן אַ גלייכגעוויכטיקן באַריכט. איך האָף, אַז דאָס איז ניט מער, ווי אַ באַשיידענע ביטע).

מיר קומען זיך היינט צונויף אין דער סאַמע פּאַראַדאָקסאַלסטער צייט אין דער געשיכטע פֿונעם יידישן פֿאָלק — פֿונעם ציוניסטישן קוקווינקל. אין די לעצטע חדשים ניט ווי אין די פֿריערדיקע, האָט דער ציוניסטישער געדאַנק זוכה געווען צו אַ פּרעצעדענסלאָזן דערפֿאָלג. דאָס האָט באַקומען זיין אויסדרוק אין דער ברייטער סאָלידאַריטעט כמעט פֿונעם גאַנצן יידישן פֿאָלק, מיט גאַנץ ווייניקע אויסנאַמען, אָנהייבנדיק פֿונעם לובאַוויטשער

רבין און ענדיקנדיק מיט דער מערהייט פון די יידישע קאָמוניסטן, וואָס האָבן געשטיצט ישראל. אין אַנבליק פון אָט דער יידישער אידענטיפיקאַציע און סאָלידאַריטעט מיטן גורל פון ישראל אין די וואָכן פון אומרו, און אויך אין די וואָכן פון נאָך דעם נצחון, האָט די ציוניסטישע אידעע דער־גרייכט איר גרעסטן זיג ביים יידישן פאָלק, אין וועלכן זי איז בשעתו געבוירן געוואָרן, ווי אַ קליינע מינדערהייט. דער פּאַראַדאָקס פון אָט דעם מצב באַשטייט אין דעם פאַקט, וואָס ניט געקוקט אויף דעם דעצי־דירטן זיג פון דער ציוניסטישער אידעע, געפינט זיך די ציוניסטישע באַוועגונג אין אַ באַשטענדיקן און כסדר זיך פאַרשטאַרקנדיקן קריזיס. עס האָט ניט קיין שום זין צו מאַכן זיך אילוזיעס אויף דעם דאָזיקן געביט. דער קריזיס האָט זיך אָנגעהויבן צוזאַמען מיטן אַנטשטיין פון דער מדינה, און קיין איינע פון די דערגרייכונגען פון מדינת ישראל — מיליטערישע, פּאָליטישע, קולטורעלע אָדער געזעלשאַפטלעכע — און קיין שום זיג פון דער ציוניסטישער אידעע, ענדערט ניט דעם פאַקט, אַז די אָרגאַניזאַציע אַלס אַזעלכע, איז זינט אַ לאַנגער צייט, שוין ניט די, וואָס זי איז געווען דעמאָלט, ווען זי האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט נאָר אַ מינדערהייט. דערפאַר דאַרף זי אַוועקשטעלן פאַר זיך אַליין די פראַגע: וואָס איז איר אויפגאַבע אינעם איצטיקן מאָמענט?

און פאַר וואָס האָבן מיר אין משך פון צוואַנציק יאָר זיך געפונען אין אַ צושטאַנד פון קריזיס? דער דאָזיקער קריזיס איז ניט געווען קיין אומ־דערוואַרטער. דאָס איז ניט קיין פאַראייַנצלטע דערשיינונג. ווען מען פאָרשט די געשיכטע פון יעדער גרויסער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, ווייזט זיך אַרויס, אַז די גורלדיקע מינוט אין דער געשיכטע פון אַ גרויסער אידעאַליסטישער באַוועגונג, וואָס וויל ענדערן דעם אויסזען פון דער געשיכטע, קומט צוזאַמען מיט דער ערשטער טיילווייזער דערגרייכונג. דער ערשטער זיג אין דער אַנטוויקלונג פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג איז דער געפערלעכסטער, ווייל די מענטשן פון דער דאָזיקער באַוועגונג אָדער פון דעם דאָזיקן פאָלק ווערן באַרוישט פון דעם ערשטן נצחון, און זיי מיינען, אַז מיט דעם דאָזיקן ערשטן טיילווייזן נצחון האָבן זיי שוין געזיגט אין קאַמף; זיי מיינען, אַז די ערשטע אָדער די צווייטע שלאַכט איז שוין דער סוף פון דער מלחמה. זייער ענטוזיאַזם פאַלט, זייער גלויבן לעשט זיך, זייער גרייטקייט זיך מקריב צו זיין ווערט קלענער, זיי זענען שטאָלץ מיטן ערשטן טיילווייזן דערפאָלג, און דאַן פאַלט זיך מאָראַליש

פונאַנדער די באַוועגונג. דאָס איז געשען מיט דער פראַנצויזישער רעוואָ־לוציע, דאָס איז געשען מיט דער מערהייט קאָמוניסטישע רעוואָלוציעס אין אונדזער צייט, און דאָס איז עלול צו געשען אויך מיטן ציוניזם. אַט די געפאַר שוועבט אויך איבער אונדזערע קעפּ באַזונדערס דערפאַר, ווייל די ערשטע דערגרייכונג, די אַנטשטייונג פון דער מדינה, איז פאַר דער מערהייט יידן פאַרווירקלעכט געוואָרן — לאָמיר זיך מודה זיין — אויף אַזאַ אומדערוואַרטן אופן. וויפל יידן וואָלטן געגלייבט, ניט אין 1897, נאָר אין 1940, אַז אין אונדזער צייט וועלן מיר זוכה זיין צו אַ יידישער מדינה, שוין ניט רעדנדיק וועגן אַ יידישער אַרמיי און יידישע נצחונות. איך דערמאָן זיך מיין גרויסן פריינד סטיפען ווייז. אין יאָר 1942 האָב איך צו אים געזאָגט: „איך גלייב, אַז נאָך דער איצטיקער מלחמה וועלן מיר באַקומען אַ יידישע מדינה, און איך גלייב, אַז דער רוסישער בלאָק וועט שטימען פאַר איר". ווייז האָט מיר געענטפערט: "איר רעדט, ווי אַן אומפאַראַנטוואָרטלעכער אָפּטימיסט. איך, יעדנפאַלס, וועל דאָס ניט זוכה זיין צו דערלעבן, און איך האָב מורא, אַז אויך איר וועט דערצו ניט זוכה זיין. אפשר וועלן מיינע קינדער דערצו זוכה זיין". איך דערמאָן דאָס, ווי אַ ביישפּיל. סטיפען ווייז איז באמת געווען אַ ייד, וואָס האָט געגלייבט אין דער ציוניסטישער אידעע, אַ פּאָליטיקער מיט אַן אַלזייטיקן בליק אויף די וועלט־ענינים. עס איז זייער פאַרשטענדלעך, אַז פון פּסי־כאָלאָגישן שטאַנדפּונקט, זיינען די יידן געווען ענטוזיאַסטיש, און עס איז נאַטירלעך, אַז זיי זיינען געווען געבייגט אַריינצופאַלן אין אַ באַ־קוועמער שטימונג און צו גלייבן, אַז אין גרונט גענומען איז דער ציוניזם, מער אָדער ווייניקער, שוין פאַרווירקלעכט געוואָרן. דערפאַר זיינען פאַראַן מיליאָנען יידן, וועלכע זאָגן צו זיך: "צו וואָס זאָלן מיר זיין ציוניסטן? מיר זיינען דאָך סיי ווי פעסט פאַרבונדן און סאָלידאַריש מיט ישראל, פּונקט ווי יעדער ציוניסט. מיר באַשטייערן זיך פאַר ישראל ניט ווייניקער, אויב ניט מער פונעם ציוניסט. מיר טוען אויך ניט ווייניקער פאַר ישראל אויף אַנדערע געביטן. טאָ צו וואָס דאַרף מען אָט די באַוועגונג, מיט אירע פּאַרטייען, מיט איר פאַרצווייגטן אַפּאַראַט אאַז"וו, אאַז"וו"?

דערפון דאַרפן די ציוניסטן זיך אָפּגעבן אַ דין וחשבון.

דער ציוניזם האָט פאַרמאָגט דריי צילן. דער עיקרדיקער ציל איז געווען צו פאַרזיכערן דעם קיום פונעם יידישן פאָלק. לויט דעם, ווי דער מצב פונעם יידישן פאָלק האָט אויסגעזען מיט זיבעציק יאָר צוריק אין די

אויגן פון הערצל און אַנדערע, האָבן אויף אונדזער קיום געלויערט צוויי גרויסע, סתירותדיקע געפאַרן: פון איין זייט, האָבן מיליאָנען ייִדן אין מזרח־אייראָפּע זיך געפונען אונטער דער געפאַר פון פיזישער ליקווי־דאַציע, פון פּאָגראָמען, דיסקרימינאַציע, און פעסטע פּרנסה־קוואַלן. פון דער צווייטער זייט, איז פאַר די מיליאָנען עמאַנציפּירטע ייִדן פון מערבֿ־אייראָפּע, געשטאַנען די אינערלעכע, אפשר נאָך האַרבערע געפאַר, פון אַסימילאַציע, אויפלייזונג און גלייכגילטיקייט. פאַר אָט די צוויי געפאַרן האָט דער ציוניזם געזען איין ענטפער — און דאָס איז געווען זיין צווייטער ציל — צו באַקומען אַ לאַנד, וווּ ייִדן זאָלן קענען ווערן אַ מערהייט און זיי זאָלן דאָרט קענען ניט נאָר פּראָקלאַמירן זייערע אידעען פאַר ניט־ייִדן, אָדער פאַר אַנדערע ייִדן, ווי זיי האָבן געטאָן אין משך פון צוויי טויזנט יאָרן, נאָר אויך זיי צו פאַרווירקלעכן. כדי דאָס אויסצופירן אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, מוז מען האָבן אַ מדינה.

אין אונדזער יאָרהונדערט פאַרווירקלעכן די פעלקער זייערע אידעאַלן נאָר מיט דער הילף פון זייער מדינה. די מדינה איז קיין מאָל ניט געווען דער עיקר־ציל פונעם ציוניזם. זיין ציל איז געווען דאָס ייִדישע פאָלק. אין דער געשיכטע זיינען געווען הונדערטער יאָרן, ווען די פעלקער זיינען געקומען צו זייער אויסדרוק ניט דווקא דורך מלוכהשער אומ־אָפּהענגיקייט. די סוווערענע מדינה פונעם 19טן און 20סטן י״ה איז אַ מין מאָדערנע דערפינדונג — ניט דווקא קיין ייִדישע. דער וויכטיקסטער אָנהענגער אירער איז געווען דער פּרייסישער פילאָזאָף העגעל. ער האָט אַנטוויקלט דעם געדאַנק, אַז אַ סוווערענע מדינה, וואָס געוועלטיקט איבער אַלעם, וואָס קען זיך דערלויבן אַלץ צו טאָן, איז די העכסטע דערגרייכונג, די דערהויבנסטע פאָרעם פון דער מענטשלעכער ציוויליזאַציע. לויט מיין באַשיידענער מיינונג, איז דאָס אַ באַרבאַרישע אידעע. מען קען ציִען אַ גלייכע ליניע צווישן העגעל און היטלער. מיר לעבן אין אַ יאָרהונדערט, ווען די מדינות זענען דערגאַנגען צו דעם, אַז מען זאָל זיך בוקן פאַר זיי. ווי לאַנג די דאָזיקע דערשיינונג וועט דויערן — דאָס ווייס איך ניט. אָבער שוין איצט זיינען פאַראַן סימנים פון אַן ענדערונג: די מדינות פּרוּוון צו באַגרענעצן און מצמצם צו זיין זייער סוווערעניטעט און צו פאַראייניקן זיך אין ברייטערע פאַרבאַנדן (דער צפון־אַטלאַנטישער פּאַקט, דער פּאַקט פון דרום־מזרח־אַזיע, קאָנפעדעראַציעס). עס וועט אַדורך אַ געוויסע צייט (איך וועל דאָס שוין ניט דערוואַרטן זיך, אָבער

איך האָף, אַז מײַנע קינדער װעלן זוכה זײַן צו דעם), און קײן סוװערענע מדינה װעט װידער ניט עקזיסטירן. כּל־זמן יעדע מדינה קען טאָן אַלץ, װאָס איר גלוסט זיך אויף אַן אַבסאָלוטן אופן, איז ניטאָ קײן מעגלעכקײט צו שאַפן סטאַבילע פאַרהיטונג־מיטלען צו באַשיצן דעם װעלט־שלום. בלויז װען עס װעלן געשאַפן װערן העכערע אויטאָריטעטן, יורידישע אויטאָריטעטן, װעלכע װעלן פאַרװערן די מדינות צו טאָן געװיסע זאַכן, װעט מען קענען פאַרזיכערן אַ פעסטן װעלט־שלום. אָבער דאָס איז אַ װיזיע פאַר דער װײַטער צוקונפט.

כּל־זמן די פעלקער אין 20סטן י״ה געפינען זײער אויסדרוק אין דער געשטאַלט פון אַ מדינה, מוזן אויך מיר, יידן, האָבן אַ מדינה. אַלע מײַנע יאָרן, זינט איך בין אַ ציוניסט, בין איך שטענדיק געװען אַ פּאָליטישער ציוניסט. מען קען מיך, אַלזאָ, ניט באַשולדיקן דערין, אַז איך שאַץ ניט אָפּ װי געהעריק די מדינה. איך האָב געקעמפט פאַר דער צעטײלונג פון ארץ־ישראל, כּדי מיר זאָלן װאָס שנעלער האָבן אַן אײגענע מדינה. איך האָב דאָס אונטערגעשטיצט אין אַ צײַט, װען אַ סך פון די, װאָס קריטיקירן מיך הײַנט, האָבן ענערגיש זיך קעגנגעשטעלט, און זײ האָבן געהאַלטן, אַז מען דאַרף נאָך װאַרטן אַ געװיסע צײַט. װוּ װאָלטן מיר זיך איצט געפונען, װען מיר װאָלטן געהערט זײערע עצות? ובכן, די מדינה איז דער לעבנסװיכטיקער אינסטרומענט. און קײנער האַלט זי ניט פאַר מער װיכטיק, װי איך. אָבער מען דאַרף ניט קײן אינסטרומענט פאַרװאַנדלען אין אַ ציל. דער ציל פון דער מדינה איז צו פאַרזיכערן די עקזיסטענץ פונעם יידישן פאָלק, ניט בלויז די עקזיסטענץ פון די צװײ און אַ האַלבן מיליאָן יידן, װעלכע געפינען זיך הײַנט אין ישראל, אָדער פון די דרײַ צי פיר מיליאָן, װעלכע װעלן דאָרט זײַן מאָרגן. דער ציל פונעם ציוניזם איז צו זיכערן דעם קיום, די אײגנאַרטיקײט און די אידענטיטעט פון אַלע יידן אין דער װעלט, אויסער די, װעלכע זײַנען מסוגל צו פירן אַן אַלזײַטיק לעבן אין זײער מדינה — װאָס די יידן אין גלות זײַנען ניט אין שטאַנד אויסצופירן. דאָס איז דער עיקרדיקער מאָטיװ פאַר עליה, אויב איר װילט זיך באַטײליקן אינעם שאַפן אַ צוקונפט פאַרן יידישן פאָלק. אָבער דער ציל איז צו באַנוצן זיך מיטן אינסטרומענט פון דער מדינה, מיט אַ יידישער מערהײט אין אַן אײגענער מדינה, מיט אַן אײגענער שפּראַך, מיט אַן אײגענער קולטור, כּדי צו זיכערן דעם קיום פונעם פאָלק, אַ קיום, װאָס געפינט זיך אין געפאַר. דאָס שאַפן

די מדינה איז געווען דער צווייטער ציל פונעם ציוניזם, דער ציל, וואָס איז פולשטענדיק פאַרווירקלעכט געוואָרן.

דער דריטער ציל איז געווען דער ווילן, די שטרעבונג, אַז די דאָזיקע מדינה זאָל ווערן געשאַפן אין ארץ־ישראל. איר ווייסט, אַז עס איז פאָר־געקומען אַרום דעם אַ שאַרפע דיסקוסיע. ס׳איז געווען אַ טעריטאָריאַליס־טישע באַוועגונג מיט אַזעלכע פירער, ווי ישראל זאַנגוויל, וועלכע האָבן געטענהט: ״זיכער מוזן מיר האָבן אַ מדינה, אָבער פאַר וואָס דווקא ארץ־ישראל, וואָס מיר וועלן קיין מאָל ניט באַקומען, יעדנפאַלס — מיט גרויסע שוועריקייטן? בעסער שאַפן די מדינה אין אוגאַנדע אָדער אין אַן אַנדער אָרט״. מיר האָבן געענטפערט, אַז אונדזערע פאַרבינדונגען מיט ארץ־ישראל זיינען איינציקאַרטיקע, ווי איינציקאַרטיק עס איז דאָס יידישע פאָלק. ווו נאָך קענט איר געפינען אַ פאַראַלעלע דערשיינונג — אַ פאָלק, וואָס איז גלייכצייטיק פאָלק און רעליגיע, ראַסע און ציוויליזאַציע? איינע פון די וויכטיקסטע אייגנשאַפטן אין אונדזער געשיכטע איז די מיסטישע צוגעבונדנקייט צו דער ערד, פון וועלכער יידן זיינען געווען דערווייטערט אין משך פון הונדערטער יאָרן. זיי האָבן קוים געוווּסט, ווו ארץ־ישראל געפינט זיך, און דאָך פלעגן זיי דריי מאָל אין טאָג תפילה טאָן, אַז מען זאָל זיי אומקערן אין יענעם לאַנד. ווו נאָך קען מען געפינען אַזאַ ביישפיל אין דער געשיכטע? לינקע באַוועגונגען, קאָמו־ניסטישע און פּראָגרעסיווע גרופּעס קעמפן איצט קעגן אונדז, דערפאַר וויל מיר האָבן זיך געהאַלטן עקשנותדיק ביי אונדזערע פאָדערונגען אויף ארץ־ישראל. עס איז צו באַדויערן, וואָס זיי ווערן אַלץ ווייניקער פּראָ־ציוניסטיש — און מען דאַרף דאָס ניט גרינגשעצן.

ווען מיר האָבן זיך באַוויזן אויף דער היסטאָרישער אַרענע, האָט די מערהייט פון די פּראָגרעסיווע גרופּירונגען אין דער וועלט געהערט צו אונדזערע בעסטע פריינד. אַ סך פון זיי זיינען דאָס שוין ניט מער. אַט די קעגנער טענהן, אַז מיר האָבן געטאָן שלעכטס די אַראַבער, אַז מיר האָבן דערפירט צו דעם, אַז זיי זיינען מער ניט קיין בעלי־בתים איבער זייער לאַנד. עס האָט ניט קיין זין צו זאָגן, אַז דאָס איז ניט קיין פּראָבלעם. ווייצמאַן, וואָס האָט אין דער פראַגע, ווי אין פיל אַנדערע, אַרויסגעוויזן אַ סך מוט צו זען דאָס קומענדיקע, האָט אַ מאָל געזאָגט: ״דער סכסוך צווישן אונדז און צווישן די אַראַבער איז ניט קיין סכסוך צווישן גערעכטיקייט און אומגערעכטיקייט, נאָר צווישן רעכט און רעכט, אָבער

אונדזער רעכט איז אַ מער דערהויבענע". די מענטשלעכע געשיכטע איז פול מיט אַזעלכע ביישפילן: די סודעטן־דייטשן זיינען געוואָרן פאַר־טריבן פון טשעכאָסלאָוואַקיע, די דייטשן האָט מען אַרויסגעטריבן פון פוילן — די וועלט איז פול מיט אַזעלכע געשעענישן. מיר זיינען ניט די איינציקע. די פראַגע איז, ווּעמען עס געהער די העכערע רעכט. אונדזער רעכט איז פון אַ העכערן כאַראַקטער צוליב צוויי פשוטע סיבות: די ערשטע וואָלט איך אָנגערופן אַ מין מעטאַפיזישע, אַ רעליגיעז־מיסטישע: מען קען זיך ניט פאָרשטעלן די יידישע געשיכטע אָן דער צענטראַלער פּאָזיציע פון ארץ־ישראל. אין דער אַראַבישער קולטור פאַרנעמט ארץ־ישראל אַ מינימאַל אָרט; זיי האָבן אין ישראל מעטשעטן, און ווי איר ווייסט, ווערן זיי געשיצט פון ישראל און זיי האָבן אַבסאָלוטע רעכט אויסצופירן דעם רעליגיעזן קולט. אָבער אין אַלגעמיינעם פאַרנעם פון דער אַראַבישער געשיכטע, אין דער געשיכטע פון אָט דער גרויסער ציוויליזאַציע, זיינען די צענטערס: דמשק, באַגדאַד, גראַנאַדע, שפּאַניע. ארץ־ישראל האָט דאָרט אַ צווייטראַנגיקע באַדייטונג. אָבער מען קען ניט אָנהייבן אַפילו פאָרשטיין די יידישע געשיכטע, סיי ווען עס רעדט זיך וועגן רעליגיע, סיי ווען עס רעדט זיך וועגן העברעיִשער ליטעראַטור, אָדער פאָלקלאָר, אָדער זמירות, אָדער חלומות פונעם פאָלק — אָן ארץ־ישראל. דאָס איז די באַגרינדונג פון אונדזערע מער דערהויבענע רעכט.

די צווייטע סיבה איז דער פאַקט, אַז לגבי די אַראַבער, וואָס פאַרמאָגן ריזיקע באָדנס, וועלכע וועלן ניט ווערן באַזעצט אין משך פון נאָך הונדערטער יאָרן, איז ארץ־ישראל, וואָס פאַרנעמט בלויז אַ פּראָצענט — צוויי פון די דאָזיקע געביטן, ניט קיין דעצידירנדיקער פאַקטאָר. מען דאַרף טאָן עפּעס פאַר די אַראַבישע פליטים; און איך בין איבערצייגט, אַז ישראל וועט טאָן אַלץ, כדי בייצושטייערן צום לייזן דאָס פליטים־פּראָבלעם. אָבער אין דער אַראַבישער ציוויליזאַציע בכלל, וואָס ציט זיך — אויב איר ווילט וויסן — פון מאַראָקאָ ביז באַגדאַד, שפּילט ניט דער דאָזיקער ענין קיין וויכטיקע ראָלע. פאַר אונדז אָבער איז ארץ־ישראל דאָס איינציקע לאַנד, וואָס איז אונדז געבליבן. אָן ארץ־ישראל קען מען זיך ניט פאָר־שטעלן קיין יידישע מדינה. די יידן וואָלטן קיין מאָל ניט געוועזן אין שטאַנד צו שאַפן אַ מדינה אין אוגאַנדע, אָדער אין אל־עריש, אָדער אין מאַדאַגאַסקאַר — ווי געוויסע נאַציס האָבן דאָס פאָרגעשלאָגן פאַר דער מלחמה. איך האָב קיין מאָל ניט געגלייבט, אַז יידן וועלן אַוועק

קיין מאַדאַגאַסקאַר, כדי דאַרט צו שאַפן אַ מדינה, אַפילו ווען זיי וועלן זיך געפינען אונטער די נאַצישע דראָונגען.

דאָס איז דער דריטער ציל פונעם ציוניזם: צו שאַפן די מדינה ניט אויף וועלכן עס איז אָרט, נאָר אין ארץ־ישראל, באַזירט אויף דער מאָראַלישער און היסטאָרישער גערעכטיקייט. דאָס איז געוואָרן קלאָר פאַר דער וועלט, באַזונדערס נאָך דער נאַצישער תקופה. די זעקס מיליאָן יידן וואָלטן ניט אומגעקומען, ווען מיר וואָלטן דאַן געהאַט אַ מדינה. דער פּאָליטישער חטא פונעם ציוניזם איז דער, וואָס ער האָט ניט אָנגענומען דעם טיילונגס־פּלאַן פון ארץ־ישראל אין יאָר 1938, וועלכן די ענגלענדער זיינען, אין אַ געוויסן מאָמענט, געווען גרייט אונדז פאָרצולייגן. אָן דעם נאָרמאַליזירן אונדזער צוקונפט, אָן דעם איינזאַמלען כאָטש אַ טייל פונעם פאָלק, און דערנאָך, ווי מיר האָפן, די מערהייט פונעם פאָלק, אין אונדזער לאַנד, איז די צוקונפט פון אונדזער פאָלק ניט געזיכערט. דאָס האָבן מיר געלערנט נאָך דעם, ווי מיר זיינען געפּרוווט געוואָרן אין די נאַצי־יאָרן.

אָבער אין דער ציוניסטישער אידעאָלאָגיע האָבן מיר קיין מאָל ניט באַטראַכט די מעגלעכקייט, אַז מיר וועלן דאַרפן פאַרנעמען די מדינה אויף אַ מיליטערישן אופן. קיין שום ציוניסטישער אידעאָלאָג האָט וועגן דעם ניט געחלומט. מיר האָבן געהאָפט, אַז מיר וועלן ווייזן דער וועלט אַ ביישפּיל, ווי אַזוי מען שאַפט אַ מדינה מיט פרידלעכע וועגן. דערפאַר האָט ציוניזם אַנטהאַלטן אין זיך ניט בלויז דעם ווילן צו שאַפן אַ מדינה אין ארץ־ישראל, נאָר אויך חלוציזם, קיבוצים, דעם געדאַנק פון קרן־קימת. דער ציוניזם איז תמיד געווען פאַרבונדן מיט דערהויבענע הומאַניסטישע און מאָראַלישע אידעען, און דאָס איז די באַזונדערע מעלה פונעם ציוניזם. דאָס איז ניט סתם אַ נאַציאָנאַלע באַוועגונג, ווי די באַוועגונג פון אַ סך אַנדערע פעלקער אין משך פון די לעצטע יאָרן. פון דעם דאָזיקן שטאַנדפּונקט זיינען מיר געווען אַמביציעז אין פּאָזיטיוון זין פונעם וואָרט. מיר האָבן געוואָלט ווייזן אַ ביישפּיל ניט אויפן געביט פון דער קראַפט־פּאָליטיק, נאָר פונעם גייסטיקן און אידעאָלאָגישן שטאַנדפּונקט. ווייצמאַן האָט דאָס געפּרוווט טאָן מיט די אונטערהאַנדלונגען, וואָס ער האָט געפירט מיט פייסאַל; בן־גוריון — אין די יאָרן, ווען ער האָט געמאַכט פּרוּוון אונטערצוהאַנדלען מיט די אַראַבישע פירער; שרת, מיין נאָענטסטער ציוניסטישער פריינד, האָט געליטן דערפון, וואָס ער האָט ניט געקענט געפינען קיין וועג

פון פאַרשטענדעניש. ביי מיר אַליין (אויב איר וועט מיר דערלויבן צו רעדן אַ מינוט וועגן זיך), ווען איך האָב רעפּרעזענטירט די יידישע אַגענץ אין דער פעלקער־ליגע אין זשענעווע, מיט אַ סך יאָרן צוריק, איז איינער פון די וויכטיקסטע חלומות געווען צו דערגרייכן אַ פאַרשטענדיקונג מיט די אַראַבער — און דאָס איז געווען אין פולן הסכּם מיט די מיינונגען פון וויצמאַן, בן־גוריון, שרת און אַנדערע ציוניסטישע מנהיגים. דאָס איז אונדז ניט געלונגען, בעיקר איבער דעם אָפּזאָג פון די אַראַבער מוותר צו זיין אויף דער מינדסטער קלייניקייט. איך מיין, אַז אַ סך פון אונדז האָבן מינימיזירט ביים אָפּשאַצן די וויכטיקייט פון דער דאָזיקער פראַגע. הערצל איז געווען אַ זשעני, אָבער געניאַלע מענטשן מאַכן אויך פעלערן אין אַ געניאַלן פאַרנעם. דער מהות פון געניאַליטעט איז טייל מאָל די פעיִקייט צו באַגרענעצן קאָמפּליצירטע פּראָבלעמען צו אַ זייער פּשוטער, כמעט קינדישער פאָרעם. און ווען הערצל האָט געזאָגט: „די לייזונג פון יידישן פּראָבלעם איז אַן ענין פון טראַנספּאָרט: מען דאַרף ברענגען דאָס פאָלק אָן ערד צו דער ניט־באַזעצטער ערד אין ארץ־ישראל" — האָט ער, ליידער, פאַרזען דעם פאַקט אַז אויף דאָן זיינען געווען אַראַבער אין ארץ־ישראל, און די ערד איז ניט געווען אַזוי ניט־באַזעצט, ווי ער האָט זיך דאָס פאָרגעשטעלט.

מיר אַלע האָבן געטרוימט, אַז מיר וועלן קענען שאַפן אַ מדינה אָן די געוויינלעכע מעטאָדן פון קאָלאָניזירן און פאַרנעמען. דער אַראַבישער פאַנאַטיזם האָט דאָס ניט דערמעגלעכט — ביזן היינטיקן טאָג. און צום גרויסן באַדויערן איז ער גורם דערצו, אַז עס זאָל ביז גאָר שווער זיין צו געפינען אַ שנעלע און פרידלעכע לייזונג פון דעם דאָזיקן פּראָבלעם. איך האָף אָבער, אַז מיר וועלן ניט דערגיין צו נאָך אַ מלחמה־רונדע. אין דער פראַגע פון נאָרמאַליזירן אונדזערע באַציִונגען מיט די אַראַבער זיינען מיר נאָך זייער ווייט פונעם ציל.

אונדז איז געלונגען צו דערגרייכן דעם צווייטן ציל, דאָס שאַפן די מדינה — דער דאָזיקער פאַקט זעט אויס כמעט ווי אַ נס. ווען הערצל האָט בעתן קאָנגרעס אין באַזעל געשריבן אין זיין טאָגבוך, אַז אין פופציק יאָר אַרום וועט עקזיסטירן אַ יידישע מדינה, איז דאָס אַרויסגעדרונגען פון זיין געניאַליטעט. אָבער אָט די וויזיע האָט בשעתו אויסגעזען, ווי אַ לייכטזיניקע אילוזיע, באַזונדערס ווען מען דערמאָנט זיך, ווי אַזוי יידן און ניט־יידן האָבן דעמאָלט רעאַגירט דערויף. אַז אונדז איז גע־

לונגען אין משך פון פופציק יאָר צו פאַרווירקלעכן אַט דעם אוטאָפּישן אידעאַל, אומצוקערן זיך אין דעם לאַנד, פון וועלכן מיר זיינען געווען דערווייטערט אין משך פון הונדערטער יאָרן און מיר האָבן באַוויזן אין דער אויסערגעוויינלעך שווערער געאָפּאָליטישער פּאָזיציע פון ישראל, צווישן דריי קאָנטינענטן, צו שאַפן די מדינה — פאַרגרעסערן אַט די פאַקטן דעם פאַרנעם פונעם נס. ווען ישראל וואָלט געווען, ווי מאַדאַגאַס־קאַר, אויפן ראַנד פון דער וועלט־געשיכטע, אַזוי צו זאָגן, וואָלט איר גורל געווען אַ סך אַ פּשוטער, ווייל קיינער וואָלט זיך ניט אינטערעסירט, וואָס אין דער מדינה קומט פאָר. ישראל האָט געשפּילט אַן איינציקאַרטיקע ראָלע אין דער געשיכטע, און דער איינציקער פּאַראַלעל צו איר, וואָס איך קען געפינען, איז דאָס אַלטערטימלעכע גריכנלאַנד. וואָס פאַר אַן אַנדערע קליינע מדינה האָט אויסגעפּילט אַזאַ היסטאָרישע ראָלע, ווי ארץ־ישראל, דאָס פּאַטערלאַנד פון דריי רעליגיעס און דאָס טויער צו איינעם פון די וויכטיקסטע ראַיאָנען אין דער וועלט — דער נאָענטער מזרח? דאָס, וואָס מיר האָבן באַוויזן צו פאַרווירקלעכן אין משך פון צוואַנציק יאָר, איז אַ מעכטיקע דערגרייכונג, ניט בלויז פון מיליטערישן שטאַנדפּונקט, נאָר אויך פון קאָנסטרוקטיוון רעהאַביליטאַציע־שטאַנד־פּונקט. אַ מדינה פון זעקס הונדערט טויזנט מענטשן האָט אויפגענומען צוויי מיליאָן! שטעלט זיך פאָר, וואָס עס וואָלט געשען, ווען שווייצאַריע פאַרדרייפאַכט איר באַפעלקערונג אין משך פון צוואַנציק יאָר. אין סך־הכל האָבן מיר דערגרייכט גרויסע זאַכן.

איך וויל זאָגן עטלעכע ווערטער וועגן דעם, וואָס עס איז ניט דער־גרייכט געוואָרן. דאָס איז דאָס איינגלידערן זיך אין דער וועלט פונעם נאָענטן מזרח, וואָס דאַרף פאַרבלייבן — איצט, ווי אין דער פאַרגאַנגענהייט, טראָץ דעם אַראַבישן אימפּעריאַליזם און דער אַבסאָלוטער נעגאַציע זייערער צו אונדזער מדינה — דער עיקרדיקער ציל פון דער ציוניסטישער פּאָליטיק. איך רעד ניט איצט וועגן פּאָליטישע פּראָבלעמען. איך לאָז דאָס איבער פאַר יענע, וואָס קענען בעסער די טעמע און זיי טראָגן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר די ענינים. אויב איך קען געבן אַ שטיקל עצה פון דער טריבונע, וועל איך זאָגן, אַז די מענטשן, וואָס זיינען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די ענינים, דאַרפן ווייניקער רעדן וועגן קאָנ־קרעטע צילן. דער פאַקט, אַז די רעגירונג וואַרט אָפּ, אויף אַן אָפיציעלן אופן, איז איינס פון די מערקווערדיקסטע זאַכן, וואָס זי האָט געטאָן און

וואָס זי וועט נאָך, ווי איך האָף טאָן, אין משך פון אַ געוויסער צייט. באַוווסטזיניק רעד איך איצט ניט וועגן די קאָנקרעטע אויפגאַבעס פונעם הייגטיקן טאָג, אָבער אויף אַ לאַנגער מעטע דאַרף ישראל פּרוּוון זיך איינגלידערן אין דער וועלט פונעם נאָענטן מזרח און ווערן דורך איר אויפגענומען. דער פאַקט, אַז איצט זיינען מיר צוויי און אַ האַלבער מיליאָן יידן צווישן זעכציק מיליאָן אַראַבער, און אין אַ צייט אַרום וועלן מיר זיין פיר אָדער פינף מיליאָן יידן — אויב אַלץ וועט גיין נאָרמאַל — צווישן אַכציק מיליאָן אַראַבער, אָדער נאָך מער, דעם דאָזיקן פאַקט קען מען ניט באַהאַלטן ניט מיט קיין דעמאַגאָגיע, ניט מיט קיין פּאַטאָס און ניט מיט וועלכער עס איז פּאָליטישער פלינקייט. דאָס איז אַ וועזנטלעכער פאַקט. ווען מיר וואָלטן דאָס ניט געוואָלט, וואָלטן מיר ניט גענאַרפט אומקערן זיך קיין ארץ־ישראל. אָבער ווען מיר וואָלטן אַוועק קיין אוגאַנדע, וואָלטן אונדז אַרומגערינגלט די נעגער. איך ווייס ניט, וואָס עס איז בעסער.

יעדע מדינה האָט איצט עסקים מיט אירע שכנים און זי מוז אויף וואָסער איז אופן זיך איינגלידערן אין איר סביבה. שווייצאַריע האָט באַוויזן, ווי אַזוי מען קען דאָס טאָן, און ווייצמאַן האָט געחלומט, אַז ישראל וועט ווערן אַ מין צווייט שווייצאַריע, אַ לאַנד, וואָס האָט דערגרייכט אַ פולע האַרמאָניע צווישן דריי שפּראַכלעכע גרופּעס. אמת, שווייצאַריע האָט ניט געהאַט צו טאָן מיט סעמיטן, ווי מיר, מיט אַראַבער. סעמיטישע פעלקער האָבן אַ לענגערן זכרון. דאָס איז אַ ראַסע, וואָס פאַרגעסט ניט און איז אַזוי שנעל ניט מוחל. אין דעם זענען שותפים צו אונדז אין אַ געוויסער מאָס, די אַראַבער, און דאָס איז ניט גורם אַ גרינגער צוזאַמענלעבן. איך האָב אַ מאָל געזאָגט, אַז ווען די אַראַבער וואָלטן געווען ענגלענדער, וואָלטן מיר שוין לאַנג געקומען צו אַ שלום. די ענגלענדער פאַרלירן קעניגרייכן, און דאָך פילן זיי זיך גוט, און זיי שטראָמען, כדי צו הערן די ביטלס. די אַראַבער פאַרמאָגן אַנדערע אייגנשאַפטן: זיי זיינען זייער פילבאַר, זיי פאַרגעסן ניט אַזוי לייכט, און דערפאַר איז דער פּראָצעס אַ מער קאָמפּליצירטער פון פּסיכאָלאָגישן שטאַנדפּונקט. אָבער גאָט באַהיט, אַז מיר זאָלן פאַרגעסן: זאָל דאָס זיך ציִען ווי לאַנג, און זאָל עס זיין ווי שווער, דאַרפן מיר טאָן אַלץ, כדי אויף אַזאַ אָדער אַן אַנדערן אופן זיך איינגלידערן אין דער וועלט פון נאָענטן מזרח, פאַרשטייט זיך, ניט מוותר זייענדיק אויף קיין איינעם פון די דעצידירנדיקע צילן פון אַ פעס־טער מדינה, וואָס דאַרף ווערן אַ צענטער פון יידישן לעבן.

מיט צוויי און אַ האַלבן אָדער דריי מיליאָן יידן וועלן מיר ניט קענען פאַרפעסטיקן די מדינה אויף אַ לענגערער מעטע. איך האָב קיין מאָל ניט געהערט צו יענע, וואָס מיינען, אַז יעדער ייד מוז וווינען אין ישראל. די יידישע געשיכטע איז אַן אייגנציקאַרטיקע פונעם שטאַנדפונקט פון אַן איסטוויש צווישן צענטער און פעריפעריע. אונדזער געשיכטע האָט זיך אָנגעהויבן אין גלות מצרים. דאָן האָבן מיר באַקומען אַ מדינה, און נאָך אַ געוויסער תקופה איז זי געוואָרן אומגעבראַכט. אונדזער פאָלק איז געווען אין גלות־בבל, דערנאָך האָבן מיר זיך אומגעקערט, צוריק אויפגעשטעלט די מדינה ביז די רוימער האָבן זי אומגעבראַכט.

לגבי אַ פאָלק, וואָס האָט אַ העלפט פון זיין געשיכטע פאַרבראַכט אין גלות, קען מען ניט פשוט זאָגן, אַז זיינע תפוצות זיינען אַן אומנאַרמאַלע זאַך, עפּעס דערנידעריקנדיקס, עפּעס אַזוינס, וואָס מען דאַרף פאַרגעסן. וואָס פאַר אַ באַדייטונג און אייגן־ווערדע קען האָבן אַ פאָלק, וואָס האָט אַ העלפט פון זיין געשיכטע פאַרבראַכט אין אַ לעבן אָן שום זין? לויט מיין באַשיידענער מיינונג, ווערט די יידישע געשיכטע נאָרמאַליזירט, ווען עס איז פאַראַן אַ שטאַרקער שאַפערישער צענטער, מיט וועלכן די ברייטע פעריפעריע קען זיך אידענטיפיצירן, און מיט וועלכער זי קען זיך סאָלידאַריזירן — ווי מיר האָבן דאָס געזען אין די לעצטע וואָכן. אָבער דאָס הייסט ניט, אַז מיר מוזן שלום מאַכן מיטן איצטיקן מצב. צוויי און אַ האַלבער אָדער דריי מיליאָן יידן אין דער נאָענטער צוקונפט זיינען ניט מסוגל אויף אַ לענגערער מעטע — אין ליכט פון דער אַלץ שטאַרקער ווערנדיקער צאָלמעסיקער איבערגעוויכט פון די אַראַבער — צו דערפילן די דאָזיקע אויפגאַבע און פאַרזיכערן דעם קיום פונעם יידישן פאָלק אין דער גאַנצער וועלט. עליה איז איצט די וויכטיקסטע פראַגע פונעם ציוניזם.

און דאָ וויל איך זאָגן אַ פּאָר אָפענע און אויפריכטיקע ווערטער. נאָכן אַנטשטיין פון דער מדינה האָט נאָך פאַר זיך דער ציוניזם אַ ציל. איר ווייסט, אַז עס זיינען פאַראַן אַ סך, וואָס צווייפלען אין דעם, און בראש פון זיי אַלע שטייט מיין פריינד און קעגנער בן־גוריון. ער דערקלערט, אַז דער ציוניזם איז שוין ניט מער מסוגל צו דערפילן זיין אויפגאַבע, צו רעפּרעזענטירן דאָס פאָלק אין זיינע פאַרבינדונגען מיט ישראל. דאָס יידישע פאָלק האָט אַרויסגעוויזן אַזאַ גרויסע מאָס פון סאָלידאַרישקייט מיט ישראל אין משך פון די לעצטע וואָכן, אַז ווען פאַרן ציוניזם וואָלט

דער איינציקער ציל געווען די פאַרבינדונג פונעם פאָלק מיט ישראל, וואָלט איך געזאָגט, אַז דער דאָזיקער ציל איז געוואָרן דערגרייכט. אין אַזאַ מצב דאַרף מען שאַפן אַ ברייטערע ראַם, כדי צו פאַרזיכערן די פאַרבינדונג מיט ישראל אין דער קומענדיקער תקופה. מיר שטייען פאַר דער אויפגאַבע צו באַאיינפלוסן די יידן פון דער וועלט, אָדער אַ טייל פון זיי, באַזונדערס די יונגע, און זיי ווענדן צו עליה. אויב מען האַלט, אַז דאָס איז שוין פאַרשטענדלעך ביים רוב יידן, וועל איך ענטפערן אַז די זאַך איז ניט אַזוי. ישראל האָט וווּנדערלעכע פריינד, באַגייסטערטע פאַרערער, וועלכע זיינען גרייט צו דינען פרייוויליק, אין באַדינגונגען פון געפאַר, אין דער ישראל־אַרמיי, אָבער זיי זענען ניט גרייט צו באַזעצן זיך אין ישראל. דער מאָסשטאַב דערפאַר, צי די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע וועט ווייטער דערפילן אַ דעצידירנדיקע אויפגאַבע לטובת ישראל, באַשטייט אין דעם: צי וועט איר געלונגען אַריינצוזוברענגען אין לאַנד אַן אַנגעזעענע צאָל יידן פון די מערב־לענדער, וואָרעם דער רעזערוו פון די יידן, וועלכע זיינען געצוווּנגען עולה צו זיין קיין ישראל צוליב אָרטיקער נויטווענדיקייט, איז שוין, מער אָדער ווייניקער, אויסגעשעפּט ביזן סוף. וואָס אין רוסלאַנד וועט געשען — ווייס איך ניט. איך בין ניט קיין נביא. די עליה פון די איסלאַם־לענדער, ווו עס זיינען נאָך געבליבן קלענערע רעשטלעך — איז, מער אָדער ווייניקער, פאַרענדיקט. און דער צושטאַנד פון אַ זייער באַשרענקטער עליה, אַזאַ ווי אין די לעצטע חדשים, מוז דערפירן, אויף אַ לענגערער מעטע, ניט צו דער צעשטערונג פון דער מדינה, אָבער צו אַזאַ אָפּשוואַכונג לגבי דער אַראַבישער וועלט, לגבי דער יידישער וועלט און לגבי דער ניט־יידישער וועלט, אַז אַ סך פון די ווּנטלעכע צילן, וועלכע זיינען כאַראַקטעריסטיש פאַר אָט דער איינציקאַרטיקער מדינה, וועלן בלייבן ניט רעאַליזירט. אויב די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע וויל אויפהאַלטן איר עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג, דאַרף זי אָנהייבן זיך באַציִען צו דער דאָזיקער פראַגע, ווי צו איר צענטראַלער פראַגע. אַלע אַנדערע אויפגאַבעס, וועלכע זיינען געשטאַנען פאַר איר, האָבן ניט מער קיין פריאָריטעט אין די אַקטיוויטעטן פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע.

איצט פאַרנעמען מיר זיך מיט אַ נייעם מין עליה. צוויי מיליאָן יידן זיינען געקומען אין לאַנד אַריין, ווייל פאַקטיש האָבן זיי ניט געהאַט קיין אַנדערע ברירה. די עליה פון מאַראָקאָ, פון די לאַגערס אין דייטשלאַנד

און אין עסטרייך, פון רומעניע און פון אַנדערע לענדער אין מזרח־אייראָפּע, און אויך פון איראַק און פון תימן, איז ניט געקומען דווקא דערפאַר, ווייל די ציוניסטישע אידעאָלאָגיע איז געווען פאַרשפּרייט צווישן די יידן פון די דאָזיקע לענדער. דאָס זיינען געווען יידן, וואָס האָבן געליטן, וואָס האָבן ניט געקענט געפינען קיין פּרנסה־קוואַלן. אַחוץ דעם, זיינען זיי געווען יידן מיט אַ שטאַרקער רעליגיעזער טראַדיציע, לגבי וועמען ישראל איז געווען דאָס, וואָס זי איז תמיד געווען אין די אויגן פונעם רעליגיעזן ייד. די יידן, וואָס דאַרפן קומען איצט קיין ישראל, דאַרפן קומען פון זייער אייגענעם גוטן ווילן. קיינער צווינגט ניט דעם אַמעריקאַנער ייד צו עמיגרירן, און פונעם עגאָיסטישן שטאַנדפּונקט, ברענגט ער אָפּט דערמיט אַ קרבן. גלייכצייטיק זיינען אין דער ברייטער וועלט פאַראַן הונדערטער טויזנטער יונגע אידעאַליסטישע יידן. זיי זיינען ניט ווייניקער אידעאַליסטיש, ווי דער דור פון דער צווייטער עליה, פון דער דריטער און אַפילו פון דער ערשטער, אָבער זייער אידעאַליזם געפינט אַן אויסדרוק אין דער "שלום־אַרמיי", אינעם קאַמף פאַר די רעכט פון די נעגער, אינעם קאַמף פאַר מענטשן־רעכט, אָדער קעגן דער מלחמה אין וויעטנאַם און פאַר דער שלום־באַוועגונג. די מענטשן זיינען פּאָטענציעלע עולים. עס איז ניט אמת, אַז די יידישע יוגנט איז בעיקר אַ מאַטעריאַליסטישע און אַן עגאָיסטישע. די דאָזיקע יוגנט וועט עולה זיין אויב ישראל וועט איר קענען געבן אַ מער מאָראַלישע און אידעאָלאָגישע באַפרידיקונג, ווי די אַנדערע באַוועגונגען און אידעאַלן זיינען מסוגל איר פאַרצולייגן אין אַנדערע לענדער.

דערפאַר איז מיין לעצטע פראַגע — און דאָס איז די דעצידירנדיקע פראַגע, וואָס שטייט פאַרן ציוניזם — וואָס פאַר אַ מין ישראל האָבן מיר געוואָלט, אָדער מיר ווילן שאַפן? דער פאַקט, אַז ישראל עקזיסטירט, אַז זי האָט געפירט מלחמות און געזיגט אין זיי, אַז זי האָט געשאַפן אַן אייגענעווירטשאַפט, אַז צוויי מיליאָן יידן זיינען, מער אָדער ווייניקער, געוואָרן איינגעאָרדנט — דאָס אַלץ זיינען מעכטיקע דערגרייכונגען. אָבער די צענטראַלע פראַגע פון עליה פון מערב, אָדער עליה פון די פרייהייט־לענדער, איז די פראַגע: וועלכע איז די געשטאַלט פון דער מדינה און פון דער געזעלשאַפט, וואָס איז בכוח צוציִען אָט די יונגע יידן און אויך עלטערע פון זיי.

דער ציוניזם האָט קיין מאָל ניט אויסקריסטאַליזירט פאַר זיך קיין

אַבסאָלוט קלאָרע שטעלונג אין דער פראַגע פונעם כאַראַקטער פון דער מדינה. דער ציוניזם האָט זיך תמיד באַזירט אויף צוויי קעגנזעצלעכע אידעאַלן. איין אידעאַל איז געווען אַ נאָרמאַל יידיש לעבן, שאַפן אַ מדינה, ווי אַלע אַנדערע מדינות — מיט אַן אייגענער שפּראַך, מיט אַן אייגענערווירטשאַפט. דער בולטסטער פאַרשטייער פון דעם דאָזיקן אידעאַל איז געווען הערצל, אַן אַסימילירטער ייד, וואָס האָט רעכט ניט געוווּסט, וואָס יידישקייט איז. אים האָט באַוועגט בלויז די זאָרג פאַר יידן. ער האָט געזען די נויט, אין וועלכער די יידן לעבן און ער האָט דערקלערט, אַז די לייזונג איז אַן אייגן לאַנד, מיט אַ לעבן ווי ביי יעדן פאָלק. די צווייטע אידעאָלאָגיע, וועמענס קלאַסישער רעפּרעזענטאַנט עס איז געווען אחד־העם, האָט דערקלערט, אַז די מדינה איז בלויז אַ געהילפס־מיטל, און אַז דער עיקר־ציל איז צו שאַפן אַ גייסטיקן צענטער, וואָס וועט פאַרזיכערן דעם קיום און די אייגנאַרטיקייט פון די יידן אין דער גאַנצער וועלט. דאָס איז ניט דווקא געווען אַ ציוניסטישע דיכאָטאָמיע. אויך אין דער השׂכּלה־ליטעראַטור שטויסן מיר זיך אָן אויף דעם דאָזיקן קאָנפליקט. געווען אַ גרופּע, וואָס האָט געלערנט: „לא ככל הגויים בית ישראל" (ניט ווי אַנדערע פעלקער איז דאָס יידישע פאָלק), און אַן אַנדערע, וואָס האָט געענטפערט: „נהיה ככל הגויים" (לאָמיר זיין ווי אַלע אַנדערע פעלקער). אָט די צוויי סתירותדיקע טענדענצן האָבן תמיד עקזיסטירט אין ציוניזם. מיר ווילן זיין אַ נאָרמאַל פאָלק און אין דער זעלבער צייט איינצוהאַלטן דאָס ניט־נאָרמאַלע, דאָס באַזונדערע, דאָס אַנדערשדיקע. איך זאָג: „דאָס אַנדערשדיקע", ניט: „דאָס בעסערע". (איך קען ניט הערן די רייד וועגן אַן אויסדערוויילט פאָלק. זאָלן דאָס זאָגן די גויים, ניט מיר). מיר האָבן נאָר געוואָלט אויפהאַלטן אונדזער רעכט ווייטער צו בלייבן אַנדערע, אַנדערע לויט דער סטרוקטור, אַנדערע לויט אַ באַזונדערן צונויפפלעכט פון רעליגיע און פאָלק, מיט אָט דער אייגנאַרטיקער צוגעבונדנקייט צו ארץ־ישראל, וועגן וועלכער איך האָב שוין גערעדט.

מיר דאַרפן ווען עס איז דערגיין צו אַ באַשלוס אין דער דאָזיקער פראַגע. פון היסטאָרישן שטאַנדפּונקט זע איך אין דעם די צוקונפט פון ישראל און פון דער ציוניסטישער אידעע. איך גלייב, אַז דער באַשלוס דאַרף קומען אין דער פאָרעם פון אַ סינטעז: אַ מדינה ווי אַלע מדינות, אָבער דערביי אַ גייסטיקער צענטער פאַר דער יידישער וועלט. קיין אַנדערע מדינות האָבן ניט פאַר זיך אַזעלכע אויפגאַבעס. אויף אַ לענגערער

מעטע, זיינען די דייטשן אין גאַנצן גלייכגילטיק צו דער פראַגע, צי די דייטשע מינדערהייט אין אַמעריקע וועלן בלייבן דייטשן אָדער ניט. די גרויסע מערהייט לעבט אין דייטשלאַנד און זי איז אַ גאַראַנטיע פאַר דער עקזיסטענץ פון דייטשלאַנד. דאָס איז אויך שייך די אירלענדער, די גריכן אָדער די איטאַליענער אין זייערע דיאַספּאָרעס. זייער עקזיסטענץ איז ניט דעצידירנדיק לגבי דעם גורל פון דער מערהייט אין זייער מדינה. מיר זיינען אַ פאָלק, וואָס אַפילו אַ דריטל פון אים לעבט ניט אין זיין לאַנד, און דער דאָזיקער צושטאַנד וועט זיך ניט ענדערן זייער שנעל, ניט געקוקט אויף דער ענערגיע, וואָס מיר ווילן דערויף פאַרווענדן. מיר מוזן האָבן אַ מדינה מיט אַלע פּירונגען און אַקצעסאַריעס, אָבער אַ מדינה, וואָס איז אין דער זעלבער צייט אַ גייסטיקער צענטער פונעם יידישן פאָלק. דאָס זיינען אויפגאַבעס, זייער פאַרשיידענע איינע פון דער אַנדערער. דאָס באַדייט די אַנטוויקלונג פון אַ העברעיִשן גייסט אין גלות, דאָס באַדייט אַן אינערלעכע פאַרבינדונג מיט דער קולטור פון ישראל מצד די יונגע, אַפילו ווען זיי זיינען נאָך ניט גרייט עולה צו זיין. דאָס פאַר־לאַנגט אַ קולטור־אויסטויש צווישן די יידן אין גלות און די יידן פון ישראל. דאָס זיינען פּראָבלעמען, וואָס צום לייזן זיי איז נייטיק אַ סך צייט און גרויסע אָנשטרענגונגען. נאָר אַ ישראל, וואָס וועט שטרעבן צו דעם, וועט זיין בכוח צוציִען, פון היסטאָרישן שטאַנדפּונקט, מיליאָנען, און אפשר אויך די מערהייט יידן פון דער פרייער וועלט. די שטרעבונג צו אָט דעם ציל איז, לויט מיין מיינונג, די צענטראַלע אויפגאַבע, וואָס שטייט פאַר דער ציוניסטישער באַוועגונג.

ווען מיר וואָלטן געווען בלויז אַ באַוועגונג מיטן ציל אויפצושטעלן אַ מדינה, וואָלטן מיר דעם ציל דערגרייכט אויף אַ ווונדערלעכן אופן און מיר וואָלטן געווען בכוח אַראָפּצוגיין פון דער היסטאָרישער אַרענע מיט אַ דערהויבן נצחון־געפיל, מיט אַ געפיל פון אייגן־ווערדע. אָבער ווען מען ווייסט, אַז אויב די דאָזיקע מדינה וועט זיין אַזאַ מדינה, ווי אַלע אַנדערע, אַ מין צווייט לבנון אָדער סיריע, אָדער אַפילו אַ ביסל אַ בעסערע ווי יענע אין דער קוואַליטעט, וועט זי ניט זיין מסוגל אויס־צופירן איר היסטאָרישע אויפגאַבע — ווערט קלאָר פאַר אונדז, אַז מדינת ישראל און די ציוניסטישע באַוועגונג, שטייען נאָך פאַר אַ סך גאָר־גרויסע אויפגאַבעס. אָט די דאָזיקע אויפגאַבעס זיינען נאָך שווערער, ווי דאָס שאַפן די מדינה, און זייער פאַרווירקלעכונג פאַרלאַנגט זייער אַ סך

צייט. אָבער אויב מיר אָנערקענען די דאָזיקע אויפגאַבעס, און מיר באַוויזן, אַז מיר זיינען מסוגל, אַלע צוזאַמען — די יידן פון ישראל און די יידן פון גלות — צו רעאַליזירן זיי אויף דער באַזע פון דער סאָלידאַרישקייט, וואָס מיר האָבן געזען אין די לעצטע וואָכן — דאַן וועט די ציוניסטישע באַוועגונג דערזען, אַז ניט געקוקט אויפן קריזיס, אין וועלכן זי געפינט זיך, האָט זי נאָך פאַר זיך ריזיקע אויפגאַבעס.

אַקאַדעמיע צום זיבעציקסטן יאָרטאָג זינט דעם
שאַפן די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, באַזעל, 1967

[ה]

# דער קריזיס אין דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע

# די דייטשע רעטעניש

אַ מאָדנע פאָלק די דייטשן. כמעט דאָס עלטסטע פאָלק אין אייראָפּע, עלטער ווי די ענגלענדער, ווי די רוסן, אַ פאָלק מיט אַ פופצן־הונדערט־יאָריקער געשיכטע, מיט אַזוי פיל אויפטוען און געשעענישן — און עס האָט נאָך אַלץ ניט געפונען קיין קלאָר בילד פון זיך אַליין. באַטראַכט אַן ענג־לענדער, אַ פראַנצויז: ער ווייסט, וואָס ער איז. אַפילו ווען ער קען דאָס ניט זאָגן אין קלאָרע ווערטער, איז ער דאָך אין זיין געפיל זיכער און באַוווּסט. ער האָט אַן אינערלעך בילד פון זיין וועזן, ער איז זיך קלאָר. פרעגט אַ דייטש, וואָס ער איז, און ער וועט אייך ענטפערן מיט אַ גאַנצער פילאָזאָפיע, מיט גרויסע ברייטע טעאָריעס, מיט פראָבלעמען און פּאַראַ־דאָקסן. און צום סוף וועט ער ענדיקן מיט אַ גרויסן פראַגע־צייכן.

אַזוי איז דאָס אַפילו אין די רויִקע צייטן. קומט אָבער אַ קריזיס, אַן אומרויִקע, שווערע תקופה, דאַן פאַרלירט דער דייטש פּשוט דעם באָדן אונטער די פיס און ווערט ווי אַן אַנטוואָרצלטער, ווי אַ לופטמענטש. און דווקא ניט בלויז דער פּשוטער מענטש פון דער גאַס, נאָר מער נאָך דער אינטעלעקטועלער, דער געבילדעטער, יענער, וואָס לעבט דורך די פּראָבלעמען פון דער צייט שטאַרקער און טיפער, ווי דער מענטש פון דער מאַסע.

אַזאַ קריזיס לעבט איצט דייטשלאַנד דורך. דאָס אינטעלעקטועלע דייטש־לאַנד געפינט זיך טאַקע אין אַ שווערער אינערלעכער לאַגע. וועגן דעם אויסערלעכן עקאָנאָמישן און פּאָליטישן קריזיס, וואָס דייטשלאַנד לעבט דורך, ווייסט די גאַנצע וועלט. דער אינערלעכער קריזיס אָבער איז אַ פאַרבאָרגענער. ווי שטאַרק און טיף ער איז, ווייסט נאָר דער, ווער עס האָט די געלעגנהייט צוזאַמענצוקומען זיך מיט פאַרטרעטער פון גייסטיקן דייטשלאַנד, מיט דייטשע ליטעראַטן, קינסטלער און פילאָזאָפן. זיי זיינען אַלע פול מיט פראַגן, פּראָבלעמען, דאגות און ליידן. זייער אַלטע, שווערע און ביטערע פראַגע, וואָס אין רויִקערע צייטן ווערט זי

אַ ביסל פֿאַרגעסן, איז ווידער אויפֿגעוועקט געוואָרן, און קוועלט זיי און לאָזט זיי ניט רוען: די פֿראַגע וועגן דעם וועזן פֿון דייטשן פֿאָלק, פֿון דעם דייטשן מענטשן.

וואָס איז דער דייטש? די דאָזיקע פֿראַגע וועט איר הערן כמעט ביי יעדער דיסקוסיע מיט אינטעלעקטועלע דייטשן. דאָס דייטשע פֿאָלק איז פּאָליטיש צעריסן: אויף איין זייט שטייען די פֿאַרטרעטער פֿונעם אַלטן מאָנאַרכיסטישן, רעאַקציאָנערן דייטשלאַנד, אויף דער אַנדערער זייט — די פֿאַרקעמפֿער פֿונעם נייעם רעפּובליקאַנישן, דעמאָקראַטישן דייטשלאַנד. דאָס פֿאָלק איז אויך סאָציאַל געשפּאָלטן: בורזשואַזיע און פּראָלעטאַריאַט באַקעמפֿן זיך. וועלט־פּאָליטיש איז עס איזאָלירט און שוואַך. די קעגנוואַרט איז טרויעריק, און די צוקונפֿט איז טונקל, און די פֿאַרטרעטער פֿון גייסטיקן דייטשלאַנד פֿילן זיך פֿאַרפּליכטעט צו געפֿינען אַ וועג צו דער צוקונפֿט. אַנדערע פֿעלקער האָבן אינסטינקטן פֿאַר זייערע וועגן, די דייטשן האָבן ניט אַזעלכע אינסטינקטן. רופֿן זיי זייער גייסט צו הילף און זיי פּרוּוון געפֿינען דעם וועג טעאָרעטיש, דורך דענקען און ספּעקולאַציעס. און זיי הייבן אָן — ווי ס'הייבט זיך תּמיד אָן דאָס דענקען — מיט אָדם הראשון. וואָס זיינען מיר? — דאָס איז איצט פֿאַר זיי די צענטראַלע פֿראַגע.

איז דאָס ניט מאָדנע? איז דאָס ניט כמעט אומבאַגרייפֿלעך, אַז אַ פֿאָלק פֿון אַזאַ באַדייט, פֿון אַזאַ פֿאַרגאַנגענהייט, האָלט נאָך ביי דער דאָזיקער פֿראַגע? די גאַנצע נשמה־צעריסנקייט, די גאַנצע אינערלעכע דיסהאַרמאָניע פֿונעם דייטשן פֿאָלק, זיין גאַנצער טראַגישער גורל, קומט דאָ צום אויסדרוק.

וואָס איז דער ציל פֿון יעדן מענטשלעכן לעבן, וואָס איז דער זין פֿון יעדער קולטור? צו קומען צו אַ קלאָרקייט וועגן זיך אַליין, צו ברענגען דעם אייגענעם וועזן צו אַ קלאָרן, פּלאַסטיש־געפֿאָרעמטן אויסדרוק. כּל זמן אַ מענטש און אַ פֿאָלק האָט דאָס ניט דערגרייכט, געפֿינט ער זיך נאָך אין דער סטאַדיע פֿון כאַאָס, און דאָס הייסט — אין דער סטאַדיע פֿון ליידן און טראַגיק. גליק איז נאָר מעגלעך דורך פֿאָרעם, דורך קלאָרקייט, דורך האַרמאָניע. דער דייטש געפֿינט זיך נאָך אין דער סטאַדיע פֿון פּראָבלעמאַטיקייט. די דייטשע קולטור איז אין אירע האָריזאָנטן אפֿשר די רייכסטע, די ברייטסטע אין אייראָפּע, און דאָך פֿעלט איר יעדע פֿאָרעם. זאָל איינער פּרוּוון פֿאַרצייכענען אַ גרויס ווערק, אַ גרויסע דערגרייכונג

פון דער דייטשער קולטור, וואָס מען זאָל קענען וועגן דעם זאָגן: דאָס איז דייטש, דאָס איז אַ רעפּרעזענטאַטיווער אויסדרוק פון דייטשטום, פון דייטשער נשמה און דייטשן ווענן. עס וועט אים ניט געלינגען. דאָס דייטשע קולטור־לעבן איז, וואָס שייך דער דיפערענצירונג, דער פאַר־שיידנקייט — דאָס רייכסטע און באַוועגלעכסטע אין אייראָפּע. אָבער עס עקזיסטירט ניט קיין שום דייטשע לעבנס־פאָרעם, קיין דייטשער לעבנס־סטיל. דאָס געפינט איר ניט.

דער דייטש — האָט מיר אין אַ דיסקוסיע מיט אַ פאָר טעג צוריק געזאָגט איינער פון די באַדייטנדיקסטע דייטשע דיכטער — דער דייטש איז נאָך גאָר קיין רעאַליטעט ניט. ער איז בלויז אַן "אידעע". דאָס דריקט אויס קורץ און שאַרף דאָס גאַנצע פּראָבלעם. ווען מען וויל געפינען דעם דייטש, דאַרף מען הערן די מוזיק פון באַך און בעטהאָווען, דאַרף מען לייענען געטע און העלדערלין, דאַרף מען שטודירן קאַנט און העגעל, דאַרף מען באַטראַכטן דעם קעלנער דאָם און דיורערס בילדער. אין דערווירקלעכקייט פון דעם דייטשן לעבן וועט מען דעם דייטש קיין מאָל ניט געפינען. דאָרט זעט מען נאָר פראַגמענטן, פּרוון און מערסטנס קאַריקאַטורן. דערפאַר איז די דייטשע קולטור אַזוי גרויסאַרטיק. דערפאַר איז דאָס דייטשע לעבן אַזוי אומשיין. דערפאַר איז דער דייטש אַזוי אימפּאָזאַנט, ווען מען באַטראַכט אים פון דער ווייטנס, ווען מען מאַכט אַן איבערבליק איבער זיינע אויפטוען, איבער זיין געשיכטע, איבער זיין קולטור. און דערפאַר איז ער אַזוי שווער, אַזוי ווייניק סימפּאַטיש, אַזוי אומדערטרעגלעך פון דער נאָענט, ווען מען לעבט מיט אים צוזאַמען און מען האָט אים שטענדיק אַרום זיך. ער מאַכט שווער דאָס לעבן פאַר אַלע, וואָס האָבן צו טאָן מיט אים. זיין אייגענע אַנטשולדיקונג איז, וואָס זיך אַליין מאַכט ער דאָס לעבן נאָך שווערער, ווי אַנדערע. ווען מען באַשולדיקט, אַז זיי זיינען דער אומרויִקער עלעמענט אין אייראָפּע, איז דאָס גאַנץ ריכטיק. אָבער מען טאָר ניט פאַרגעסן, אַז זיך באַאומרויִקן זיי נאָך מער ווי אַנדערע.

וואָס בין איך? ווער בין איך? וואָסער איז מיין וועג? וועלכע איז מיין אויפגאַבע? — דאָס זיינען פראַגן, וואָס אַן ענגלענדער פאַרשטייט זיי גאָרניט, וואָס אַ פראַנצויז וועט לאַכן פון זיי, אָבער אַ דייטש הערט זיי ניט אויף צו פרעגן, און ער גריבלט זיך און קוועלט זיך צו געפינען אַ תשובה. און אָט אַזוי בלייבט אים זיין גאַנצע עקזיסטענץ פּראָבלעמאַטיש, ער

ווערט אומזיכער, ער האָט ניט קיין פעסטע, באַשטימטע האַלטונג און וואַרפט זיך שטענדיק צווישן עקסטרעמען. די דייטשע ברוטאַליטעט ווען וועלכער מען האָט אַזוי פיל געהערט אין קריג, איז דאָך באמת נאָר אַ פּראָדוקט פון זיין אומזיכערקייט, פון זיין שוואַכקייט. ווייל ער פילט זיך שוואַך, ווייל ער פילט, אַז ער האָט ניט די קראַפט צו באַהערשן אַנדערע פעלקער דורך זיין נאַטירלעכער העכערקייט, ווערט ער ברוטאַל און וויל דערגרייכן די הערשאַפט דורך געוואַלט. טרייטשקע און לודענדאָרף זיינען — טיפער געזען — נאָר רעפּרעזענטאַנטן פון דער דייטשער אינער־לעכער שוואַכקייט.

ווען מען פאָרשט נאָך די טיפערע סיבות פון אָט דער צעריסנקייט, פון דער דיסהאַרמאָניע, פון דער אומקלאָרקייט פון דער דייטשער נשמה, וועט מען געפינען, אַז די לעצטע סיבה ליגט אין דער אומזיכערקייט פון דעם לעבנס־געפיל, וואָס דער דייטש האָט, ריכטיקער געזאָגט — אין אַ באַ־שטימטער מורא פאַרן לעבן. דער דייטש איז ניט פעסט און שטאַרק פאַרוואָרצלט אין לעבן, אין דער רעאַליטעט. ער פילט זיך ניט זיכער לגבי דעם לעבן, ער האָט מורא פאַר אים. דערפאַר ברוטאַליזירט ער דיווירקלעכקייט, אָבער ער באַהערשט זי קיין מאָל ניט און עס געלינגט אים קיין מאָל ניט צו געבן איר אַ באַשטימטע, אייגנאַרטיקע פאָרעם. דעם אמתן סימן פון שטאַרקייט און סוווערעניטעט, די באַהערשונג פון דעם לעבן דורך דער פאָרעם — דערגרייכט דער דייטש קיין מאָל ניט. און דערפאַר אַנטלויפט ער אויך פון דעם לעבן צו דער אידעע. ער פילט זיך זיכער, געשיצט, דאָרט, ווו ער איז דער הערשער פון זיינע געדאַנקען, דערמיט דערקלערט זיך די טיפע שפּאַלטונג פונעם דייטשן פאָלק אין צוויי אינערלעך אַזוי פאַרשיידענע טיילן. פאַראַן צוויי מינים דייטשן אויף דער וועלט: דער ברוטאַלער און דער ראָמאַנטישער, דער מיליטאַריסטישער און דער פּאָעטישער; איינער וואָס האָט געשאַפן די בעסטע דיסציפּלין, די אָרגאַניזירטע אַרמיי, דעם מיליטאַריזם, די קאַזאַרמע, די מאַכט־טעאָריע, דעם יונקער, און דער אַנדערער, וואָס האָט געשאַפן די גרויסאַרטיקע פילאָזאָפיע, די וואונדערבאַרסטע מוזיק און די צאַרטסטע ליריק אין גאַנץ אייראָפּע.

ביידע טיפן האָבן זייער וואָרצל אין דער אומזיכערקייט פונעם לעבנס־געפיל, אין דער מורא פאַרן לעבן. דער פּרימיטיווער, דער פּשוטער טיפ זוכט צו באַזיגן די שרעק דורך ברוטאַלקייט, דורך דער פאַרגוואַלטיקונג

פון דערווירקלעכקייט. דער אַנדערער טיפּ, דער פֿיינער, גייסטיקער, דיפֿע־רענצירטער, וויל גובר זיין די מורא דורך דעם, וואָס ער שאַפֿט זיין אייגענע וועלט דורך ספּעקולאַציעס פֿון אידעען, טענער און געפֿילן. דער דייטשער מיליטאַריזם און די דייטשע ראָמאַנטיק זיינען בלויז צוויי פֿאַר־שיידענע מיטלען אויף צו אונטערדריקן די מורא פֿאַרן לעבן, צו שאַפֿן זיך זעליש אַ פֿעסטונג, אַ זיכערע באַזע פֿון עקזיסטענץ.

ווען מען ווייסט דאָס, פֿאַרשטייט מען ערשט די דייטשע קולטור מיט אירע דיסאַנאַנסן, מיט אירע סתירות, מיט אירע רעטענישן, און מען באַגרייפֿט די טיפֿע טראַגיק פֿון דער דייטשער קולטור און די טראַגיק פֿון דעם דייטשן פֿאָלק. באַטראַכט די גאַנצע דייטשע געשיכטע, און איר וועט ניט געפֿינען אַ לענגערע עפּאָכע, ווען דאָס דייטשע פֿאָלק האָט געלעבט רויִק, גליקלעך, האַרמאָניש. שטענדיק איז עס געווען אינערלעך צעריסן, שטענדיק אומרויִק, שטענדיק אין זוכעניש, אומצופֿרידן, ליידנדיק. דאָס דייטשע פֿאָלק האָט תמיד באַאומרויִקט די וועלט, תמיד געווען אַ דאגה פֿאַר אַנדערע און פֿאַר זיך. דאָס איז אַן אומגליקלעך פֿאָלק. נאָר איין גליק איז אים געגעבן געוואָרן: דאָס גליק פֿון ווירקן און שאַפֿן. דאָס דייטשע פֿאָלק האָט קיין מאָל ניט גוט געלעבט, אָבער עס האָט שטענדיק געהאַלטן אין איין אַרבעטן און שאַפֿן. ביי קיין שום פֿאָלק איז דאָס אייביק טראַגישע געזעץ פֿון דער מענטשהייט — אַז דאָס גליק פֿון שאַפֿן קען ווערן דער־גרייכט נאָר דורך אומגליק אין לעבן — ניט באַשטעטיקט געוואָרן אַזוי שאַרף און אַזוי שרעקלעך, ווי ביי די דייטשן. זיי האָבן אַ סך געשאַפֿן, זיי האָבן נאָך מער געליטן. עס איז זיי שווער ליב צו האָבן. זיי זיינען צו קאַנטיש, צו ביטער, צו דיסהאַרמאָניש, אָבער מען מוז זיי אַכטן און רעס־פּעקטירן, און קודם־כל מוז מען האָבן אַ טיפֿן מיטגעפֿיל מיט זיי.

1922.

# אָסוואַלד שפּענגלער —
# דער פילאָזאָף פון דײַטשן אימפּעריאַליזם

המשכּים זײַנען אַ געפּערלעכע זאַך. אַז אַ מענטש האָט אַ שטאַרקע איבער־לעבונג, אַ גוטן געדאַנק, אַ גײַסטרײַכן אײַנפאַל, אַ טיפן אײַנדרוק, זאָל ער זיך באַגנוגענען מיט דעם אײנעם מאָל, וואָס ער האָט דאָס געהאַט, און ניט פּרוּוון דאָס איבערצוחזרן. די איבערחזרונג וועט אוודאי אַרויס־קומען שלעכטס, און נאָך מער: זי וועט אָוועקהרגענען די איבערלעבונג פונעם ערשטן מאָל. איבערחזרונגען זײַנען שטענדיק אַ דורכפאַל.

אַ רעכט צו המשכּים האָט נאָר די וויסנשאַפט, האָט נאָר דער געלערנטער. די גאַנצע וויסנשאַפט שטיצט זיך אויף קאָנטינויִטעט, אויף לאַנגזאַמער ווײַטער־אַנטוויקלונג, אויף סיסטעמאַטישער המשכדיקייט. וויסנשאַפט איז מעטאָד. די גרעסטע אײנצלנע דערפינדונג אין דער וויסנשאַפט איז אַ נע־בנזאַך, אַ צופאַל, אַן עפּיזאָד. דער עיקר, דער פונדאַמענט איז דער מעטאָד, און דער מעטאָד שאַפט שטענדיק נײַע דערפינדונגען, ברענגט שטענדיק נײַע אַנטוויקלונגען. איר מהות איז טראַדיציע, דויער, המשך. פאַר אַלע אַנדערע ספערן פונעם גײַסטיקן שאַפן — פאַר דעם קינסטלער, פאַרן אמת־אָריגינעלן שאַפער פון אידעען און געדאַנקען — איז איבערחזרונג אַ געפאַר און אַ דורכפאַל.

אָבער גאָר ווייניק מענטשן ווייסן פון דעם סוד. און צום ווייניקסטן ווייסן דערפון לײדער די אויטאָרן אַלײן. ווען זײ שאַפן עפּעס וויכטיקס, האַלטן זײ זיך פאַר מחויב צו געבן אַ המשך, און כּמעט שטענדיק איז דער המשך אַ דורכפאַל.

אין די לעצטע וואָכן האָט דער דאָזיקער אמת באַקומען אַ נײַע גלענ־צנדיקע באַשטעטיקונג. אָסוואַלד שפּענגלער, דער אויטאָר פון דעם באַ־רימטן בוך "דער אונטערגאַנג פון דעם אַבענלאַנד", האָט פאַרעפנטלעכט דעם צווייטן טייל פון זײַן ווערק. עס איז באַקאַנט, וואָס פאַר אַן אומ־געהויערן אײַנדרוק עס האָט געמאַכט דער ערשטער באַנד. איך האָב

אויספירלעך געשריבן וועגן דעם בוך און האָב שוין דעמאָלט באַטאָנט, אַז עס איז גאָרניט פאַראַן אַזאַ פאַל, ווען אַ פילאָזאָפיש בוך זאָל האָבן געמאַכט אַזוי גיך, גלייך נאָך זיין דערשיינען, אַזאַ געוואַלדיקע ווירקונג, ווי דאָס ווערק פון שפּענגלערן. אין די דריי יאָר, זינט דאָס בוך איז דער־שינען, איז אַנטשטאַנען אַ גאַנץ גרויסע ליטעראַטור וועגן שפּענגלערן, און די פּאָלעמיק צווישן פילאָזאָפן און היסטאָריקער, צי איז שפּענגלער גערעכט מיט זיין באַהויפּטונג, אַז די קולטור פון די מערב־לענדער גייט אונטער, ווערט נאָך היינט געפירט מיט ליידנשאַפט. מען קען זיך פאָר־שטעלן, מיט וואָס פאַר אַן אינטערעס מען האָט געוואַרט אויפן צווייטן באַנד.

דאָס בוך האָט געדאַרפט דערשיינען מיט צוויי יאָר צוריק. צענדליקע מאָל איז שוין געווען אָנגעמאָלדן פון פאַרלאַג, אַז אָט־אָט וועט דאָס בוך דערשיינען. ביי די בוכהענדלער זיינען שוין געלעגן טויזנטער באַשטע־לונגען, און מענטשן האָבן זיך געבראָכן די קעפּ, פאַר וואָס דער צווייטער באַנד ווערט נאָך ניט פאַרעפנטלעכט.

ענדלעך איז דער צווייטער באַנד דערשינען, און מען קען שוין קאָנ־סטאַטירן, אַז ער איז אַ דורכפאַל. דער צווייטער טייל איז אין פאַרנעם אַזוי גרויס ווי דער ערשטער, און ער איז אויך רייך אין וויכטיקע גע־דאַנקען, אין גייסטרייכע באַמערקונגען. אָבער דער גאַנצער צווייטער באַנד, ווען מען פאַרגלייכט אים מיט דעם ערשטן, איז שוואַך, בלאַס, כמעט באַנאַל, עס איז אַן אָנגעוואַרעמטער בוליאָן, אַ שוואַכער המשך, אַ שוואַכע איבערחזרונג פונעם ערשטן באַנד.

אינעם ערשטן טייל האָט מען געפילט דעם אויסברוך פון אַן עלע־מענטאַרער קראַפט. עס האָט זיך געפילט, אַז אַ גייסט, וואָס האָט גע־טראַכט און געשפּאַרט און אויפגעזאַמלט אוצרות אין משך פון צענדליקער יאָרן, עפנט די טירן פון זיין שאַצקאַמער, און ער לאָזט אַרויספליסן דעם שטאַרקן שטראָם פון זיינע געדאַנקען. מען איז געוואָרן נתפּעל און דערשיטערט פונעם אָריגינעלן גייסט, פון דעם רייכטום אין אידעען, אין וויזיעס, אין איינפאַלן, אין קאָמבינאַציעס, פון דער אָריגינאַליטעט פון זיינע שטאַנדפּונקטן, פון דעם נייעם קוק אויף דער וועלט און אויף די מענטשן.

אינעם צווייטן באַנד איז דאָס אַלץ ניטאָ. אַנטקעגן דעם ערשטן ווירקט ער, ווי אַ קליין וואַסערל, וואָס טריפט אַרויס אין קליינע ווינציקע טראָ־

פנדלעך, ווי אַ מין אויספּאַרקויף פון איבערגעבליבענע און צוזאַמענ־געקליבענע שמאַטעס און ביליקע רעקלאַמע־אַרטיקלען. עס פילט זיך אומעטום דאָס געמאַכטע, דאָס געקוועטשטע, די אָנשטרענגונג, די כוונה, דער שווייס. עס פילט זיך די גיכקייט פון דער פּראָדוקציע, די אומרייפ־קייט, די ניט־פאַרענדיקטקייט, די אויבערפלעכלעכקייט, די בהלה. און אין גאַנצן ווירקט עס אומסימפּאַטיש און דעפּרימירנדיק.

ווי אַ גייסטיקע דערשיינונג איז דאָס בוך אומבאַדייטנדיק, און עס האָט אויך כמעט גאָר קיין איינדרוק ניט געמאַכט. אָבער דערפאַר האָט דאָס בוך אַ באַדייטונג, ווי אַ סימפּטאָם פון דער גייסטיקער סיטואַציע פון דער דייטשער אינטעליגענץ. דאָס בוך איז שטאַרק פּאָליטיש. דער גרעסטער טייל באַשעפטיקט זיך מיט אַקטועלע פראַגן פון דעם איצטיקן מאָמענט אין דער אייראָפּעיִשער געשיכטע, און ספּעציעל פון דער דייטשער. זיין פּאָליטישער שטאַנדפּונקט איז עקסטרעם רעאַקציאָנער און צייכנט זיך אויס מיט אַ נאַרישן, אַריסטאָקראַטישן און ווילדן שאָוויניזם. איך בין איבער־צייגט, אַז שפּענגלער וועט ווערן דער הויז־פילאָזאָף פון די דייטש־פעלקישע, פון דער עקסטרעמער נאַציאָנאַליסטישער רעאַקציע אין דייטש־לאַנד. איך שטעל זיך ניט פאָר, אַז זי זאָל קענען געפינען אַ בעסערן און עקסטרעמערן פאַרטרעטער פון איר וועלט־אָנשויונג, ווי שפּענגלערן.

דער העכסטער קלאַס אין אַ לאַנד — דערקלערט שפּענגלער — איז דער אַפּיצירן־קלאַס, און דער איידלסטער באַרוף איז דער מיליטערישער. רייכ־טום און גייסט זיינען ביידע פּלעבעיִשע פּרינציפּן. אַנגעזעען, איידל, אַריס־טאָקראַטיש איז נאָר דער אַדל און דאָס מיליטער. דער משוגענער בלוט־פאַנאַטיזם פון דער ראַסן־טעאָריע פון גאָבינאָ און טשעמבערליין, וואָס אַלע אמתע געלערנטע לאַכן פון איר, און וואָס מען האָט געגלייבט, אַז זי איז שוין אויף אייביק טויט — פייערט אַ נייע ווידעראויפלעבונג אין שפּענגלערס פילאָזאָפיע. נאַציאָנאַליזם פון פּרימיטיוווסטן סאָרט, וואָס שטיצט זיך נאָר אויף דעם בלוט — דעם דאָזיקן נאַרישסטן פון אַלע פּרינ־ציפּן, וואָס טיילן־אָפּ די מענטשן; דער עקסטרעמער, ברוטאַלסטער אימ־פּעריאַליזם, וואָס דערהייבט דעם מאַכט־פּרינציפּ צום העכסטן געזעץ; דער ווילדסטער ראַסן־פאַנאַטיזם, וואָס דעגראַדירט די מענטשן צו חיות, וואָס זייער ווערט שטיצט זיך נאָר אויף "ריינער" ראַסע און אויף "בלוט־עכטקייט" — דער דאָזיקער גאַנצער שווינדל, וועלכן מיר קענען אַזוי גוט פון טרייטשקע און אנארד, פון גאָבינאָ און טשעמבערליין, פון די

"אַלדייטשן" און פון די פּראָקלאַמירער פון דער "אַרישער" וועלט־אָנ־שויונג ווערט אויף ס'ניי אויסגעגראָבן און גלאָריפיצירט דורך שפּענגלערן, און אַפּילו די אַרגומענטן זיינען געבליבן די זעלבע אַלטע.

דאָס איז אַן אינטערעסאַנטער סימפּטאָם, ווייל שפּענגלער איז דער פאָרטרעטער פון אַ גרויסן טייל פון דער דייטשער אינטעליגענץ. דער גרעסטער טייל פון די פּראָפעסאָרן, פון די לערער, פון די סטודענטן, פון די שילער אין די שולן, איז רעאַקציאָנער, נאַציאָנאַליסטיש, אימפּער־יאַליסטיש און איז מסכים מיט די אָנשויונגען, וואָס שפּענגלער ברענגט אַרויס אין זיין נייעם בוך. און ניט בלויז אין דער פּראָקלאַמירונג פון דער דאָזיקער באַנאַלער און פאַרברעכערישער פילאָזאָפיע איז שפּענגלער טיפּיש פאַר אַ גרויסן טייל פון דער היינטיקער דייטשער אינטעליגענץ, נאָר אויך — און דאָס איז דער עיקר — אין דער אינערלעכער באַגרינדונג פון דער דאָזיקער וועלט־אָנשויונג, אין איר גייסטיקער און זעלישער מאָטיווירונג.

שפּענגלער איז אַ פּעסימיסט, איינער וואָס זעט אין דער געשיכטע די אייביקע איבערחזרונג פון די זעלבע געזעצן, דעם שטענדיקן אַפּלויף פון דעם זעלבן פּראָצעס פון וואַקסן, רייף ווערן און אונטערגאַנג, אַ שויי־שפּיל פון אייביקן ווידערקער — אָן שום נייס, אָן פאָרשריט, אָן אַ זין. דער דאָזיקער פּעסימיזם און פאַטאַליזם פירט אים צו זיין פאַרהערלעכונג פון דער ברוטאַלער מאַכט, צו זיין אימפּעריאַליזם און שאָוויניזם. דער אָפּטימיזם שטעלט דעם גייסט העכער פון דער מאַכט, ווייל גייסט באַדייט אייביק נייס, אייביקער פאָרשריט, אייביקע ניי־שאַפונג. און פאַרקערט, דער וואָס גלייבט אינעם גייסטיקן ווי' דעם שטאַרקסטן כוח פון דער געשיכטע, קען זיין אַן אָפּטימיסט. דערפאַר זיינען מיר יידן, די פאַנאַטישסטע פאַרערער פונעם גייסט, די ראַדיקאַלסטע אָפּטימיסטן אין דער געשיכטע. דער פּעסימיסט איז שטענדיק אַ פאַרערער פון געוואַלט, און פאַרקערט, דער, וואָס פאַרהערלעכט די ברוטאַלע מאַכט, ענדיקט שטענדיק מיט פּעסימיזם. די סיבה פון דער דאָזיקער דערשיינונג ליגט אין דעם, וואָסביידע טענדענצן האָבן איין געמיינזאַמען וואָרצל: דעם מאַנגל פון אַ גלויבן, די אומפעאיקייט צו גלייבן, און דאָס באַדייט — טיפער באַ־טראַכט — אַן אינערלעכע שוואַכקייט, אַ מאַנגל אין קראַפט. גלייבן איז אַן אויסדרוק פון קראַפט. אין דעם גלויבן שאַפט זיך דער מענטש אַ נייע וועלט, זיין וועלט, און ער שטעלט אַנטקעגן דער וועלט, ווי זי איז,

זיין אייגענע וועלט, ווי זי דאַרף זיין — די וועלט, אין וועלכער ער גלייבט. דער שוואַכער, וואָס קען ניט גלייבן, איז אַ פּעסימיסט; ער איז גלייכצייטיק אַ פּאַרטיידיקער פון דער מאַכט, ווייל ער קען ניט גלייבן אין דעם כוח און אין דער קראַפט פון דעם גייסט, און ווייל ער בייגט זיך, ווי אַלע שוואַכע, פאַר דער פיזישער איבערמאַכט.

דערפאַר איז דער פעסימיסט שפּענגלער אַן אימפּעריאַליסט, און ער דער־קלערט דעם אַפּיציר אַלס דעם העכסטן טיפּ מענטשן. און דערפאַר איז נאָך אַזאַ גרויסער טייל פון דער דייטשער אינטעליגענץ אימפּער־יאַליסטיש און פאַרערט די מאַכט, ווייל איר פעלט די קראַפט צו גלייבן. דער טיפּישער דייטש איז אַ מענטש, וואָס זיינע לעבנס־וואָרצלען זיינען זייער שוואַך, אַ מענטש מיט אַן אומזיכערן לעבנס־געפיל, אַן אומגליקלעכער און טראַגישער זוכער, אַ צווייפלער. אים פעלט די זיכערקייט פון די הער־שנדיקע פעלקער; ער קען אַלץ, נאָר ניט הערשן; ער איז אינערלעך דער אומזיכערסטער פון אַלע אייראָפּעער. דערפאַר איז ער גענייגט צו פעסימיזם און גריבלעריי, דערפאַר אָבער איז ער אויך גענייגט צו באַזיצן מאַכט און צו שאָוויניזם. זיין אימפּעריאַליזם איז אַן אויסדרוק פון שוואַכקייט; די ברוטאַליטעט פון זיינע זשעסטן איז אַ מיטל צו באַהאַלטן זיין שוואַכקייט, זיין אומזיכערקייט. ער גלייבט ניט אינעם זיג פון גייסט, ווייל אים פעלט דערצו דער כוח. צוליב זיין אומגלייביקייט, צוליב זיין פעסימיזם, בייגט ער זיך פאַר דער ברוטאַלער מאַכט. אַ שוואַכער בענקט ניט נאָך קיין שום זאַך אַזוי שטאַרק, ווי נאָך דעם, צו ווערן באַהערשט. דער באַפעל פון דעם הערשער גיט אים זיכערקייט און קלאָר־קייט, וואָס ער אַליין קען ניט געפינען. די קאָמאַנדירנדיקע פאָזע פונעם הערשער גיט אים דעם זעלישן אָנשפּאַר, וואָס אים פעלט אין זיין נאַטור.

ווען מען באַטראַכט דאָס פון אָט דעם שטאַנדפּונקט, פאַרשטייט מען, ווי סימפּטאָמאַטיש און טיפּיש שפּענגלערס מאַכט־פילאָזאָפיע איז פאַר דער דייטשער אינטעליגענץ. ביידע שטעלן די מאַכט העכער פונעם גייסט, ווייל עס פעלט זיי דער גלויבן אינעם זיג פונעם גייסט אין דער געשיכטע. ביידע זיינען פּעסימיסטיש. ביידע נעגירן דעם פּראָגרעס אין דער געשיכטע, ווייל עס פעלט זיי דער גלויבן אין פּראָגרעס.

שפּענגלערס שטאַנדפּונקט איז פאַלש, ער איז אומפּראָדוקטיוו. בלויז דער גלויבן אינעם נייעם, אינעם אָריגינעלן, אינעם פּראָגרעס, קען מאַכן גרויס, רייך, שאַפעריש. דאָס האַלטן זיך ביי דער איבערחזרונג, מאַכט

שוואַך און אומשאַפעריש. דאָס האָט ווידער אַ מאָל באַוויזן דער פאַל מיט שפּענגלערן. ער האָט אַזוי גלענצנדיק אָנגעהויבן און אַזוי מיאוס פאַר־ענדיקט.

דאָס, וואָס איך האָב געזאָגט אין אָנהייב פון דעם אַרטיקל, קען איך צום סוף נאָך אַ מאָל זאָגן, אָבער איצט האָט עס אַ נייעם, אַ טיפערן זין: די איבערחזרונג, ווי אַ קינסטלערישער פּרינציפּ, איז שטענדיק אַ דורכפאַל. דער גלויבן אין דער איבערחזרונג, ווי אַ היסטאָרישער פּרינ־ציפּ, איז אויך אַ דורכפאַל.

1922

# די יידן אין קאַמף קעגן היטלעריזם

מיט אַ טיפן געפיל פון צער און יראת־הכבוד נעם איך דאָס וואָרט ביי דער אויסשטעלונג וועגן יידישן ווידערשטאַנד אין דער נאַצי־עפּאָכע.

יצחק שניאורסאָן און זיינע מיטאַרבעטער אין יידישן דאָקומענטאַציע־צענטער אין פּאַריז האָבן נאָך אַ מאָל זיך שטאַרק פאַרדינט ביים יידישן פאָלק, אָרגאַניזירנדיק די דאָזיקע אויסשטעלונג, ניט געקוקט אויף אַלע שוועריקייטן. די דאָזיקע אויסשטעלונג קען האָבן אַ היסטאָרישע באַדייטונג, ווייל זי וועט אונדז העלפן באַקומען אַ ריכטיק און יושרדיק בילד פון דעם טראַגישן דור פון יידישן פאָלק אין היטלער־פּעריאָד און וועט העלפן מאַכן אַ סוף צו דער פאַרקריפּלונג, וואָס איז לעצטנס אַריינ־געבראַכט געוואָרן אין דעם בילד — צי דורך איגנאָראַנץ אָדער דורך בייזוויליקייט — דורך יידישע און ניט־יידישע היסטאָריקער.

אַ סך קוקן נאָך אויף דעם דאָזיקן אומגליקלעכן דור, ווי ער וואָלט געווען אין גאַנצן פּאַסיוו און זאָל זיך האָבן געלאָזן פירן צום טויט אָן שום ווידערשטאַנד. די גרויסע עוולה, וואָס מיר באַגייען קעגן דעם דאָזיקן דור מיט טראַכטן וועגן אים אויף אַזאַ אופן, איז פון היסטאָרישן שטאַנדפּונקט ניט ווייניקער שרעקלעך און אַכזריותדיק, ווי דער מוראדיקער גורל, וואָס איז אויסגעפאַלן אויף דער גענעראַציע. מען דאַרף פאַרמאָגן אַ גרויסע מאָס פון טיפן מיטגעפיל און פאַרשטענדעניש, און אַ ריזיקע פאָרשטעלונג־קראַפט, כדי צו פּרווון באַגרייפן די טראַגישע פּסיכאָלאָגישע לאַגע, אין וועלכער עס האָבן זיך געפונען די קרבנות פון נאַציזם.

זיי זיינען געווען די גרעסטע קרבנות פון דעם דאָזיקן שוידערלעכן און אין אַ געוויסן זין נייעם פענאָמען אין דער געשיכטע — פון דעם גרענעצ־לאָזן טעראָר, וועלכן דער דיקטאַטאָרישער נאַצי־רעזשים האָט פאַרשפּרייט אין די הערצער און אין די נשמות פון די יידן. די דאָזיקע אַקציע צו פּאַראַליזירן דעם ווילן צו ווידערשטאַנד און קאַמף איז זיכער דער שוידער־לעכסטער און גרויזאַמסטער אַספּעקט פון נאַצי־רעזשים.

פון דעם נאַצי־טעראָר האָבן געליטן אַלע פעלקער, וואָס זיינען דאָמינירט געוואָרן דורך היטלער־דייטשלאַנד. די צאָל פון די ווידערשטאַנד־קעמפער זיינען, אין פאַרגלייך מיט דער גרויס פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג, געווען אומעטום זייער קליין. און מען דאַרף ניט פאַרגעסן, אַז די יידן, וועלכע זיינען געווען אָפּגעזונדערט פון דער גאַנצער וועלט און יעדע איינע קהילה איז געווען אָפּגעריסן פון דער אַנדערער — האָבן זיך געפונען אין אַ פיל שרעקלעכער לאַגע, ווי די אַנדערע פעלקער, וועלכע האָבן געלעבט אויף זייערע ערטער אין איינעם, האָבן געקענט אָנהאַלטן אַ פאַרבינדונג צווישן זיך און האָבן אויך געהאַט אַ געוויסע פרייהייט פון באַוועגונג, פון אַרומפאָרן. די יידישע יישובים אין צענטראַל־ און אין מזרח־איירּאָפּע האָבן אָביעקטיוו און פסיכאָלאָגיש זיך געפונען אין אַ שווידערלעכער טורמע.

מען דאַרף דאָס אַלץ פאַרשטיין, כדי צו משפּטן וועגן דער האַלטונג פון די יידן. און אויב מען האָט די דאָזיקע פאַרשטענדניש, וועט מען אָנערקענען, אַז עס איז געווען אַ נס, וואָס ביי אַזעלכע באַדינגונגען האָבן אומעטום זיך אָרגאַניזירט גרופּעס פון ווידערשטאַנד־קעמפער און וואָס די העלדן פון די געטאָס אין וואַרשע, ביאַליסטאָק, ווילנע און אַנדערע ערטער האָבן באַוויזן צו קעמפן אַזוי העראָיִש, ווי זיי האָבן דאָס געטאָן.

אָבער פאַר דער גרויסער מערהייט יידן האָט ניט עקזיסטירט די מעג־לעכקייט פון פיזישן קאַמף. זייער איינציקער אופן פאַר אויסדריקן דעם ווידערשטאַנד איז געלעגן אין דער גרויסער אייגנשאַפט פון יידישן פאָלק אין גלות — אין פּאַסיוון ווידערשטאַנד. דאָס איז אַ ווידערשטאַנד, וואָס פאָדערט ניט ווייניקער מוט און ווילן, ווי אַקטיווער ווידערשטאַנד, און אפשר נאָך מער. אַ דאַנק דער דאָזיקער אייגנשאַפט האָט אונדזער פאָלק איבערגעלעבט יאָרהונדערטער פון רדיפות און פּאָגראָמען. מיט אָט דעם העכערן כוח האָט איין יידישער דור נאָכן אַנדערן, וואָס איז פאַרפאָלגט געוואָרן און אונטערדריקט געוואָרן דורך דער איבערוועלטיקנדיקער מערהייט, ניט האָבנדיק קיין שום אָביעקטיווע אויסזיכט פאַר ווידערשטאַנד און אויסהאַלטן — אָפּגעוואָרפן דאָס ברוטאַלע געזעץ פון דער מערהייט, האָט ניט פאַרלאָרן זיין בטחון און די אמונה אין זיין גאָט און אין זיין צוקונפט, און האָט ניט דערלאָזט, אַז דער שונא זאָל אים צעברעכן און פאַרניכטן. אָט דער זעלבער העכערער כוח פון העראָיִשן פּאַסיוון ווידער־שטאַנד האָט באַהערשט די מערהייט פון די זעקס מיליאָן יידן, וועלכע

זיינען אומגעבראַכט געוואָרן דורכן נאַציזם. זיי זיינען געגאַנגען צום טויט מיט דער זיכערקייט, אַז דער נאַצי־שונא וועט סוף־כל־סוף באַזיגט ווערן און אַז דאָס יידישע פאָלק וועט פון דעם גיהנום אַרויסקומען צו אַ ניי לעבן.

די איצטיקע אויסשטעלונג גיט אונדז די מעגלעכקייט צו שאַפן זיך אַ באַגריף וועגן דעם ווידערשטאַנד, באַזונדערס וועגן דעם אַקטיוון ווידער־שטאַנד פון די קעמפער אין די געטאָס און אין די וועלדער, אַליין אָדער צוזאַמען מיט אַנדערע יידישע און ניט־יידישע אונטערערדישע קאַמף־גרופּעס פון פאַרשיידענע אידעאָלאָגישע איבערצייגונגען, אָבער אַלע פאַר־אייניקט אינעם מעכטיקן ווילן ניט אונטערצוגעבן זיך דעם שונא.

דערלויבט מיר צו ציִען אייער אויפמערקזאַמקייט אויף עטלעכע עקס־פּאָנאַטן, וועלכע שטעלן ניט פאָר דירעקט דעם אַקטיוון ווידערשטאַנד, אָבער זיי אילוסטרירן דעם גרויסן חטא פון די פרייע פעלקער לגבי דעם טראַגישן דור פון די יידישע קרבנות פון נאַציזם. אין די אויסגעשטעלטע מאַטעריאַלן און דאָקומענטן פון יידישן וועלט־קאָנגרעס און אַנדערע אָרגאַניזאַציעס קען מען זען די באַווייזן פון די פיל פּרוּוון, וואָס זיינען כסדר געמאַכט געוואָרן, צו אַלאַרמירן די רעגירונגען פון די אַלייִרטע מלוכות אויף דער געפאַר פון אומברענגען די יידן און פון די פאָרשלאָגן און פאָדערונגען צו זיי, אַז זיי זאָלן עפּעס טאָן קעגן דער אויסראָטונג־פּאָ־ליטיק פון די נאַציס, ניט בלויז מיט פּראָטעסטן, נאָר מיט ממשותדיקע מעשׂים. די אַלע ביטעס האָבן ניט געבראַכט קיין רעזולטאַט, אפשר דערפאַר, ווייל די אַלייִרטע רעגירונגען האָבן זיך ניט געקענט פאָרשטעלן ווי שרעקלעך גרויס עס איז דער פאַרנעם פון דער נאַצישער פאַרניכטונג־טעטיקייט, אָדער דערפאַר, ווייל זיי האָבן געגעבן אַזאַ שטאַרקע פּריאָ־ריטעט דער קריגס־פירונג, אַז זיי האָבן ניט געוואָלט פאַרווענדן אַפילו אַ קליינעם טייל פון זייער אָנשטרענגונג אויף צו שטערן אָדער פאַרלאַנג־זאַמען דעם נאַצישן פּראָצעס פון פאַרניכטונג.

דער דאָזיקער טייל פון דער אויסשטעלונג איז ווי אַ באַשולדיקונג קעגן די דעמאָקראַטישע פעלקער, וועלכע האָבן ניט גענומען גענוג ערנסט דעם נאַציזם אין די יאָרן פאַר דער מלחמה — וואָס דאָס וואָלט געקענט פאַרהיטן פון דעם שרעקלעכן חורבן — און האָבן ניט געפּרוּווט טאָן עפּעס, כדי צו ראַטעווען כאָטש אַ קליינעם טייל פון די קרבנות. דער גאַנצער דור פון די, וועלכע זענען געבליבן לעבן, יידן און ניט־יידן,

וועט באַשולדיקט ווערן דורך דער געשיכטע, אַז ער האָט ניט געהאַט די געהעריקע פּאָליטישע וויזיע, די פּראָוויסזעונג־פעיִקייט און באַזונדערס דעם נייטיקן ווילן צו רעאַגירן אויף דער נאַצי־צרה אַזוי, ווי מען האָט געדאַרפט האַנדלען, באַזונדערס אין אָנהייב, ווען דורך אַן אַנטשלאָסענער אַקציע וואָלט מען נאָך געקענט מאַכן אַ סוף צום נאַציזם.

באַטראַכטנדיק די דאָזיקע רירנדיקע און דערשיטערנדיקע אויסשטעלונג, וועלן מיר אַלע — ווי איך בין זיכער — ווערן טיף דורכגעדרונגען מיט רעספּעקט און באַוווּנדערונג פאַר די העלדן פון דעם יידישן דור, מיט דעם שטאַרקסטן מיטגעפיל פון זייערע ליידן, און גאַר באַזונדערס — ווי איך האָף — מיט דער אַנטשלאָסנקייט צו לערנען דעם מוסר־השכל פונעם שוידערלעכן קאַפּיטל פון דער מענטשלעכער געשיכטע. מיר דאַרפן דורכגעדרונגען ווערן מיט דער אַנטשלאָסנקייט צו טאָן אַלץ, כדי ניט צו דערלאָזן, אַז אַזאַ קאַפּיטל זאָל זיך איבערחזרן, און מיר דאַרפן פאַרשטיין, אַז דער גורל פון אַלע פעלקער איז דער זעלבער, אַז די מענטשלעכע סאָלידאַריטעט פאַר אַלע גערודפטע און אונטערדריקטע איז פונקט אַזוי אַ מאָראַלישע נויטווענדיקייט, ווי די באַדינגונגען פאַר פאַר־טיידיקונג און אויפהאַלטן דעם קיום.

ביי דער דערעפענונג פון דער אויסשטעלונג "די יידן אין קאַמף קעגן היטלעריזם", פּאַריז, 1965

# דייטשן און יידן

דאָס פּראָבלעם וועגן די באַציִונגען צווישן דייטשן און יידן האָט אַ גרויסע באַדייטונג ניט בלויז אויפן געביט פון פּראַקטישע ענינים און רעאַל־פּאָליטיק. די צוויי פעלקער שפּילן אַ וויכטיקע ראָלע אין דער וועלט־פּאָליטיק און אין דער עפנטלעכער מיינונג. דאָס פּראָבלעם האָט אויך זיין באַזונדערע חשיבות ניט בלויז איבער דעם איינפלוס אויף די לעבנס־באַדינגונגען פון די הונדערטער טויזנטער נאַצי־קרבנות. עס איז אויך אַ פראַגע פון גרויסער מאָראַלישער באַדייטונג, און דעריבער איז די אינטערנאַציאָנאַלע וועלט אַזוי שטאַרק פאַראינטערעסירט אין דעם פּראָבלעם.

מעגלעך, אַז די שוידערלעכסטע ווירקונג פון דער נאַצי־עפּאָכע — נאָך ערגער, ווי דער אומקום פון מיליאָנען מענטשן און די טראַגישע קאָנסעקווענצן פון דער וועלט־מלחמה — איז געווען די מוראדיקע דעמאָראַליזאַציע, וואָס דער דאָזיקער רעזשים פון פאַרברעכער האָט אַרויסגערופן. בכדי צו פאַרריכטן, כאָטש אין וועלכער עס איז מאָס, די מאָראַלישע סטרוקטור פון אונדזער דור — איז קודם־כל נייטיק צו באַהאַנדלען דעם גרויזאַמסטן אויסדרוק אין קרימינעלן כאַראַקטער פונעם נאַצי־רעזשים — דאָס קאַלט־בלוטיקע אומברענגען מיליאָנען יידן. דאָס איז נייטיק צו טאָן, בכדי צוריק אויפצושטעלן איינעם פון די הויפּט־יסודות פאַר אַ מינימאַלער מאָראַלישער וועלט־אָרדענונג. דאָס פּראָבלעם וועגן די באַציִונגען צווישן דייטשן און יידן האָט אַן אַלוועלטלעכע באַדייטונג, און איז ניט בלויז איינע פון די שווערסטע, נאָר אויך איינע פון די פונדאַמענטאַלסטע מאָראַלישע פּראָבלעמען פון דער נאָך־היטלער עפּאָכע.

דאָס פּראָבלעם וועגן דייטשן און יידן האָט צוויי אַספּעקטן, אַ היסטאָרישן און אַ קעגנוואַרטיקן. פאַר דעם היסטאָרישן אַספּעקט פון די באַציִונגען צווישן דייטשן און יידן וואָלט געווען נייטיק אַ לענגערע באַטראַכטונג. ס'איז גענוג צו זאָגן, אַז צווישן די אומצייליקע קאָנטאַקטן צווישן יידישן

פֿאָלק און אַנדערע פֿעלקער, קולטורן און רעליגיעס אין משך פֿון די צוויי טויזנט יאָר פֿון יידישער וואַנדערונג, האָט די באַגעגעניש צווישן דייטשן און יידן געהאַט אַ באַזונדערן כאַראַקטער. קיין שום אַנדער פֿאָלק, לכל הפּחות אין דער מאָדערנער געשיכטע, האָט ניט געהאַט אַזאַ שטאַרקן איינפֿלוס אויף דער מאָדערנער יידישער קולטור, אויך אין העברעיִש און אין יידיש — ווי דאָס דייטשע פֿאָלק. טיילווייז קען עס דערקלערט ווערן דורך דער קרובהשאַפֿט צווישן יידיש און מיטל־האָך־דייטש. טיילווייז דאַרף מען אויך זוכן די דערקלערונג אין אַ געוויסער ענלעכקייט אין כאַראַקטער פֿון ביידע פֿעלקער, וואָס האָט אויך אַ סכיזאָפֿרעניִשע זייט, ווייל עס האָט געצויגן איינער צום אַנדערן, אָן דעם, אַז איינער זאָל באמת פֿאַרשטיין דעם אַנדערן.

די העברעיִש־ און יידיש־רעדנדיקע אינטעלעקטואַלן פֿון מזרח־אייראָ־פּעיִשן יידנטום האָבן זיך באַקענט מיט דער מערב־אייראָפּעיִשער ציוויליזאַציע דורך לעסינגן און שילערן. מזרח־אייראָפּעיִשע יידישע דענקער האָבן שטודירט די מאָדערנע פֿילאָזאָפֿיע אויפֿן יסוד פֿון קאַנטן און מענדעלסאָנען. עס איז קוים פֿאַראַן אַן אַנדער לאַנד אין אונדזער מאָדערנער צייט, וווּ יידן זאָלן האָבן געשפּילט אַזאַ פּראָמינענטע ראָלע אויפֿן עקאָנאָמישן געביט און אין קולטור־לעבן, ווי דאָס איז געווען אין דער ווײַמאַר־רעפּובליק. עס איז ניט געווען קיין שום אַנדער יידישער יישוב אין 19טן יאָרהונדערט, וואָס האָט זיך באַמיט אַזוי ליידנשאַפֿטלעך צו דערגרייכן די ליבע און סימפּאַטיע פֿון דעם פֿאָלק, צווישן וועלכן ער האָט געלעבט; קיין שום אַנדער יידישער קיבוץ האָט ניט געהאַט אַזאַ טיפֿע, און צייטנווייז אַפֿילו אַזאַ אומווערדיקע, שטרעבונג צו פֿולשטענדיקער אַסימילאַציע, ווי עס האָט געהאַט דאָס דייטשע יידנטום אין דער צווייטער העלפֿט פֿונעם 19טן יאָרהונדערט און אין אָנהייב פֿונעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. גלייכ־צייטיק איז קוים פֿאַראַן אַן אַנדער אייראָפּעיִש פֿאָלק, וואָס האָט אין די טיפֿעניש פֿון זיין נשמה אַזוי פֿולשטענדיק זיך אָפּגעטרייסלט פֿון דער יידישער געזעלשאַפֿט און האָט אַזוי ווייניק פֿאַרשטאַנען די יידן, ווי דאָס האָט געטאָן דאָס מאָדערנע דייטשלאַנד. אין קיין שום אַנדער לאַנד איז דער מאָדערנער אַנטיסעמיטיזם ניט אַנטוויקלט געוואָרן אַזוי וויסנשאַפֿטלעך און אַזוי "גרינטלעך" ווי אין דייטשלאַנד — אַפֿילו נאָך פֿריִער, פֿאַר דעם גרויזאַמען פֿאַרברעכן, וואָס דאָס דייטשע פֿאָלק איז באַגאַנגען קעגן יידישן פֿאָלק אין דער נאַצי־עפּאָכע.

דעם דאָזיקן היסטאָרישן הינטערגרונט, אויף וועלכן עס איז דאָ בלויז קורץ אָנגעוויזן געוואָרן, איז נייטיק צו קענען, בכדי צו פאַרשטיין דאָס פּראָבלעם פון די דייטש־יידישע באַציִונגען נאָך דער נאַצי־עפּאָכע. אין די דאָזיקע באַציִונגען שטייען זעלבסטפאַרשטענדלעך תמיד פאַר די אויגן די רציחות, וואָס די נאַציס זענען באַגאַנגען איבער מיליאָנען יידן און וואָס האָבן ניט זייער גלייכן אין דער געשיכטע. דאָס דאָזיקע מוראדיקע פאַרברעכן איז איין־און־איינציק אין דעם מין מיט דער קאַלטבלוטיקער דורכפירונג, מיטן סיסטעמאַטישן פּראָגראַם פון פאַרניכטונג, וואָס איז אויסגעאַרבעט געוואָרן ביז דער לעצטער איינצלהייט. עס זיינען געווען נאָך אַנדערע מאַסן־פאַרברעכנס אין דער געשיכטע; עס זיינען געווען אַ סך פאַלן, ווען גאַנצע פעלקער זיינען אומגעבראַכט געוואָרן, אָבער קיין מאָל פריִער איז דער פּלאַן צו פאַרניכטן אַ שוצלאָז פאָלק ניט דורכגעטראַכט און אויסגעפירט געוואָרן מיט אַזאַ קאַלטער "אָרדענונג", מיט אַזאַ אויסגערעכנטער אוממענטשלעכקייט, מיט אַזאַ פאַראַכטונג צו די עלעמענטאַרסטע מענטשלעכע געפילן, ווי דאָס האָבן געטאָן די נאַציס. דער פראַנצויזישער אויסערן־מיניסטער לואי באַרטו האָט מיר געזאָגט מיט יאָרן צוריק, אַז די דאָזיקע דערשיינונג איז געווען איין־און־איינציק אין איר כאַראַקטער, ווייל צום ערשטן מאָל האָבן מיר געהאַט פאַר זיך "באַרבאַרן מיט אַ סיסטעם פון פירן גאַנצע ביוראָס און אַרכיוון".

ס'איז נאַטירלעך און אומפאַרמיידלעך, אַז דאָס דאָזיקע איינציקאַרטיקע פאַרברעכן, וואָס איז כמעט ווי אומבאַגרייפלעך אין זיין אוממענטשלעכקייט, זאָל אַזוי שווערן אויף די דייטש־יידישע באַציִונגען איצט און אין אַלע קומענדיקע צייטן. אַז אַ דור, אין וועלכן עס לעבן הונדערטער טויזנטער געפייניקטע אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערס, קען ניט צוגיין צו דעם פּראָבלעם אָביעקטיוו און אָן ליידנשאַפט, איז אויך נאַטירלעך און אומפאַרמיידלעך. ווען איך האָב מיט 15 יאָר צוריק פאַרגעשלאָגן אָנצוהייבן פאַרהאַנדלונגען מיט דער דייטשער פעדעראַלער רעפּובליק וועגן אָנטשעדיקונג און וועגן צוריקגעבן די צוגערויבטע יידישע פאַרמעגנס, האָט די מערהייט פון יידן עמאָציאָנעל זיך אַנטקעגנגעשטעלט. איך האָב עס גוט פאַרשטאַנען. ס'איז געווען דער שווערער און כמעט טראַגישער גורל פון די, וועלכע האָבן זיך באַטראַכט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער פירונג פון די יידישע ענינים, צו געפינען אין משך פון די אַלע יאָרן אַ וועג פאַר אַ דיאַלאָג, פאַר וועלכער עס איז רעגולירונג פון די דייטש־יידישע

באַציִונגען. מען האָט געהאַט פאַר זיך די אַלע זייער פאַרשטענדלעכע און הייליקע עמאָציעס פון יידישן פאָלק; מען איז געשטאַנען פאַר דער קעגנערשאַפט, וואָס דאַרף דורך יעדן איינעם רעספּעקטירט ווערן, און דאָך האָט מען זיך געמוזט צווינגען, ווי מען מוז עס טאָן אָפט אין פּאָליטיק, ניט צו ווערן באַהערשט פון די דאָזיקע עמאָציעס ביים אָננעמען באַשלוסן לטובת דעם אינטערעס און דעם גורל פונעם אייגענעם פאָלק.

ווען איך האָב פאָרגעשלאָגן דעם יידישן וועלט־קאָנגרעס דורכצופירן אַן עפנטלעכן דיאַלאָג צווישן די אינטעלעקטועלע פאָרשטייער פון יידן און דייטשן בעת דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג, איז די קעגנערשאַפט פון די פיל גרופּעס פון קאָנגרעס געווען פאַרשטענדלעך און מאָראַליש נייטיק. פון דעסטוועגן האָב איך באַטראַכט אַזאַ דיאַלאָג פאַר געוואונטשן ווי אַ היסטאָרישן שריט אויפן וועג צו דער באַהאַנדלונג פונעם פּראָבלעם פון דייטשן און יידן. דאָס איז געווען בלויז אַ ווייטערדיקע קאָנסעקווענץ פון דער שטעלונג, וואָס האָט מיך באַוויגן אין 1951 און 1952 צו גרינדן די קאָנפערענץ פאַר די יידישע מאַטעריעלע תביעות פון דייטשן פאָלק.

ווען די יידן זיינען פאַרטריבן געוואָרן פון שפּאַניע אין 15טן יאָרהונדערט האָט דאָס יידישע פאָלק רעאַגירט מיט אַ רעליגיעזן חרם, און אין משך פון יאָרהונדערטער האָבן יידן אויסגעמיטן צו פאָרן קיין שפּאַניע. דאָס דאָזיקע איגנאָרירן דעם שונא דורך ניט מאַכן זיך וויסנדיק אַז ער עקזיסטירט, איז געווען אַ כאַראַקטעריסטישע און פאַרשטענדלעכע שטעלונג מצד די יידן אין משך פון די יאָרהונדערטער פון געטאָ־לעבן. אין די דאָזיקע יאָרהונדערטער פון צעזייטקייט און צעשפּרייטקייט איבער דער וועלט, ווען יידן אין יעדן לאַנד האָבן געלעבט ווי אַ קליינע, געררודפטע מינדערהייט, האָבן זיי אַנטוויקלט אַן אָריגינעלן מעכאַניזם פון המשך; זיי האָבן געשאַפן אויסערגעוויינלעכע מעטאָדן אויף קענען אַריבערטראָגן זייער גורל. איינע פון די קלאַסישע מעטאָדן איז באַשטאַנען אין איגנאָרירן פּאַקטיש, אָדער לכל הפחות פּסיכאָלאָגיש, די ניט־יידישע שונאים. בכדי צו שאַפן פאַר זיך די מעגלעכקייט אויסצוהאַלטן אין משך פון יאָרהונ־דערטער די דערנידערונגען און דעם בזיון, האָט דער ייד געזוכט שוץ אין זיין באַוווסטזיין, אַז יידן זיינען אַן "אתה בחרתנו"־פאָלק, וואָס שטייט מאָראַליש העכער פון זיינע מעכטיקע ניט־יידישע שונאים. שפּעטער האָבן זיי די זעלבע שטעלונג אָנגעווענדעט טייל מאָל אויך אין אינערלעכע יידישע באַציִונגען. דאָס איז דער זין פון „זיין ברוגז" — אַ באַגריף וואָס

לאָזט זיך ניט איבערזעצן אויף קיין שום שפּראַך. „זיין ברוגז“ איז מער ווי זיין צעקריגט אָדער בייז, ס׳איז אַ פּאָזיציע, אין וועלכער איר מאַכט זיך פּשוט ניט וויסנדיק אָדער איר אַנערקענט גאָרניט, אַז דער אַנדערער עקזיסטירט.

די דאָזיקע שטעלונג, וואָס איז געווען נייטיק, און אַפילו שאַפעריש פאַרן געטאָ־יידנטום, איז אוממעגלעך אַנצונעמען פאַרן מאָדערנעם יידישן פאָלק, וואָס האָט נאָך אַ לאַנגע צייט פריִער, פאַר דער באַנייונג פון דער יידישער מדינה, דאָקומענטירט מיט דער גרינדונג פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע און פון יידישן וועלט־קאָנגרעס, זיין אַנטשלאָסנקייט ניט צו בלייבן מער קיין אָביעקט פון דער געשיכטע, אָפּהענגיק פון דעם גוטן אָדער שלעכטן ווילן פון אַנדערע פעלקער, נאָר צו נעמען זיין גורל אין זיינע אייגענע הענט. אַ פאָלק וואָס וויל אויפטרעטן און זיין טעטיק אויף דער אַרענע פון דער וועלט־געשיכטע צוזאַמען מיט אַנדערע פעלקער, קען ניט אַנווענדן מער די מעטאָדן, וואָס עס האָט אַנטוויקלט אין משך פון די יאָרהונדערטער פון געטאָ־לעבן. פעלקער, וועלכע האָבן ניט קיין חשק צוריקצוציִען זיך פון דער וועלט־געשיכטע, אָדער וואָס ווילן ניט וועגעטירן אין אַ זייט פון דער וועלט־געשיכטע, קענען ניט איגנאָרירן איינער דעם אַנדערן. דאָס איז נאָך ווייניקער מעגלעך אין אונדזער צוואַנ־ציקסטן יאָרהונדערט, וואָס איז, ניט געקוקט אויף אַלע טיפע צעטיילונגען און אויף אַלע אירע אייזערנע און אַנדערע פאָרהאַנגען — דאָך איין וועלט. די דייטשן האָבן אומגעבראַכט צוואַנציק מיליאָן רוסן בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה. אָבער רוסלאַנד האָט זיך ניט געוואַקלט איינצושטעלן נאָר־מאַלע באַציִונגען מיט נייע דייטשע רעפּובליקן; פראַנקרייך האָט געליטן פון דריי דייטשע אינוואַזיעס אין משך פון די פאַרגאַנגענע ניינציק יאָר, מיט אַלע ברוטאַליטעטן פון דער ערשטער, און באַזונדערס פון דער צווייטער, וועלט־מלחמה — און פון דעסטוועגן איז דע־גאָל גרייט ניט בלויז אַנצוהאַלטן נאָרמאַלע באַציִונגען מיט דייטשלאַנד, נאָר אויך צו שטיצן די אייראָפּעיִשע פאַראייניקונג אויף אַ דייטש־פראַנצויזישן בונד.

דאָס יידישע פאָלק, וואָס וויל פירן אַ יידישע פּאָליטיק, קען זיך ניט דערלויבן מער דעם פּסיכאָלאָגישן לוקסוס צו „זיין ברוגז“ אויף דייטשלאַנד און צו איגנאָרירן די דייטשע מדינה. אַ יחיד קען דאָס טאָן. איך פאַרשטיי יעדן יידן וואָס זאָגט זיך אָפּ צו טרעטן אויף דער דייטשער ערד, אָדער צו האָבן וועלכע־עס־איז עקאָנאָמישע, קולטורעלע אָדער גייסטיקע באַציִונ־

גען מיט דייטשלאַנד. אָבער דאָס יידישע פאָלק, ווי אַ גאַנצקייט, ווי אַ קאָלעקטיוו, וואָס וויל באַשטימען זיין אייגענעם גורל, סיי אין דער סוווערענער פאָרעם פון זיין אייגענער מדינה, סיי אין אַ יידישער וועלט־אָרגאַניזאַציע, וואָס פאַראייניקט די תפוצות, קען זיך ניט דערלויבן אַנצו־נעמען אַזאַ שטעלונג, אַן דעם, אַז יידן זאָלן ליידן אומגעהויערע שאָדנס. דעריבער איז פאַרבליבן פאַר אונדז בלויז די דריטע מעגלעכקייט פון רעגולירן די דייטש־יידישע באַציִונגען, דהיינו — צו שאַפן אַ באַזע פאַר דער קאָעקזיסטענץ פון ביידע פעלקער און געפינען די פאָרמען, אין וועלכע די דאָזיקע קאָעקזיסטענץ זאָל זיך אויסדריקן. אַזאַ קאָעקזיסטענץ איז אַ גורלדיקע נויטווענדיקייט, אַזאַ קאָעקזיסטענץ איז אומפאַרמיידלעך, ניט געקוקט אויף אַלע נאַטירלעכע עמאָציעס, וואָס מאַכט אַזוי שווער אָנצונעמען דעם דאָזיקן פאַקט.

ווי איך האָב דערקלערט ביי דער קאָנפערענץ פון יידישן וועלט־קאָנגרעס אין בריסל, זיינען די מערסטע אַרגומענטן, וואָס עס האָבן באַנוצט אין דער דעבאַטע די יידן, וועלכע ווילן ניט אָננעמען די דאָזיקע קאָעקזיס־טענץ — ניט אויסגעהאַלטן. דאָ איז ניט קיין פראַגע וועגן פאַרגעסן אָדער פאַרגעבן. וואָס פאַר אַ פאָלק וואָלט געקענט פאַרגעסן אַזאַ פאַרברעכן ווי די קאָלטבלוטיקע רציחה פון זעקס מיליאָן פון זיינע זין און טעכטער? ניט בלויז דער ערשטער דור, וואָס האָט דאָס אַליין איבערגעלעבט, נאָר אויך אַלע קומענדיקע דורות פון אונדזער פאָלק וועלן דאָס קיין מאָל ניט פאַרגעסן.

און וועגן פאַרגעבן: מעגלעך, אַז די מחילה פאַר אַזאַ פאַרברעכן, ווי די אויסמאָרדונג פון זעקס מיליאָן יידן, קען געגעבן ווערן דורך עפּעס אַ גאָט מיט אַן אומבאַגרענעצטער מאָס פון ליבע, אָבער זיכער קענען דאָס ניט טאָן מענטשן אָדער פעלקער, וועלכע לעבן אויף דער ערד. די אַלע מאָטיוון האָבן זייער אַ קליינע שייכות צום ראַציאָנעלן פּראָבלעם פון די דייטש־יידישע באַציִונגען. וואָס די קעגנער אין דעם סימפּאָזיום אין בריסל האָבן שלעכט פאַרשטאַנען, איז — זיי האָבן געמיינט, אַז דער ציל פון דעם דיאַלאָג איז דורכצופירן אַ מין צערעמאָניע פון פאַרגעבן, פון קעגנזייטיקן פאַרגעסן די נאַצי־רציחות. פאַקטיש אָבער איז די אויפגאַבע פון דעם דיאַלאָג געווען צו זאָגן פאַר די אויגן און אויערן פון די פּראָמינענטע יידן און דייטשן, און באַזונדערס פאַר דער עפנטלע־כער מיינונג פון דער וועלט און פאַר דער דייטשער עפנטלעכער מיינונג,

אַז עס האַנדלט זיך ניט וועגן פאַרגעבן אָדער פאַרגעסן, נאָר אַז דאָס פּראָבלעם האָט אַ פּאָליטישן און בפרט אַ מאָראַלישן אַספּעקט, און אַז ביידע פעלקער דאַרפן פּרוּוון רעגולירן אויף וועלכן־עס־איז אופן זייערע באַציִונגען.

עס איז וויכטיק, אַז מיר זאָלן קודם־כל אַליין זיך מאַכן אַ קלאָרן באַגריף וועגן די פּראַקטישע באַציִונגען צווישן דייטשן און יידן. עס איז נאָך ניט פאַראַן קיין גענוגנדיקע אָפּשאַצונג, סיי אין ישראל און סיי אין די תפוצות, פון דעם, וואָס דער לוקסעמבורגער אָפּמאַך וועגן די שילומים־געלטער האָט באַדייט פאַר ישראל. ס׳איז קיין שום ספק ניט, אַז מדינת־ישראל וואָלט ניט געקענט גיין אַזוי ווייט אין איר ווונדערלעכער אַנטוויקלונג במשך פון די אַכצן יאָר פון איר קיום, אָן די מיליאַרדן פון דער דייטשער עקאָנאָמישער הילף דורך די סחורות, וואָס זיינען צוגעשטעלט געוואָרן דער יידישער מדינה, און די מיליאַרדן, וואָס זיינען אויסגעצאָלט געוואָרן ווי שילומים־געלטער פאַר אינדיווידועלע ישראל־בירגער. אַפילו איצט, ווען די ליפערונגען פון סחורות — וועגן וועלכע עס איז געשלאָסן געוואָרן די פאַרשטענדיקונג אין לוקסענבורג אויף דער סומע פון זעכציק מיליאָן דאָלאַר יערלעך — האָבן זיך פאַרענדיקט, איז דייטשלאַנד נאָך אַלץ דער גרעסטער קוואַל פון אויסלענדישער וואַלוטע פאַר ישראל — דורך די צאָלונגען פאַר די נאַצי־קרבנות. מ׳דאַרף געדענקען, אַז איינע פון די שווערסטע פּראָבלעמען פון מדינת ישראל איז דער אומגינסטיקער יער־לעכער צאָלונגס־באַלאַנס, וואָס באַטרעפט פינף הונדערט מיליאָן דאָלאַר. צו דעם דאַרף צוגעגעבן ווערן די גרויסע פּאָליטישע באַדייטונג, וואָס דייטשלאַנד האָט, אָדער קען האָבן, פאַר ישראל בנוגע אַ טייל פון אירע עיקר־פּראָבלעמען. ס׳איז גענוג אָנצורופן בלויז איינע פון די פּראָבלעמען: די פאַרבינדונג מיטן אייראָפּעיִשן עקאָנאָמישן מאַרק, וואָס האָט לויט דער מיינונג פון די ישראל־פירער, אַ לעבנסוויכטיקע באַדייטונג פאַר דער יידישער מדינה. די דאָזיקע פאַרבינדונג קען ניט געשאַפן ווערן אָן דער אַקטיווער הילף פון דייטשלאַנד ווי איינע פון די מדינות, וועלכע שטייען אין שפּיץ פון דעם אייראָפּעיִשן עקאָנאָמישן מאַרק.

דייטש־יידישע באַציִונגען זיינען פון אַ גאָר גרויסער וויכטיקייט אויך פאַרן וועלט־יידנטום מחוץ מדינת ישראל. ס׳איז געוועזן אַ טעאָריע, אַז ישראל ווי אַ מדינה האָט דאָס רעכט און די פליכט אָנצוהאַלטן נאָרמאַלע און קאָרעקטע באַציִונגען מיט דייטשלאַנד, דאַקעגן דאָס וועלט־יידנטום

מוז איגנאָרירן דייטשלאַנד, ווייל עס איז ניט פאַראַן קיין מלוכהשע סיבה פאַר אַזעלכע באַציִונגען. די דאָזיקע משונהדיקע טעאָריע ברענגט מיט זיך ניט בלויז די פאַרלייקענונג פון דער גאַנצקייט פון יידישן פאָלק, נאָר קען אויך ניט פאַרטיידיקט ווערן אין מאָראַלישן און אין רעאַל־פּאָליטישן זין. אין אַ פּראָבלעם וואָס איז אַזוי דעליקאַט און טראַגיש, ווי די פראַגע וועגן די דייטש־יידישע באַציִונגען איז אוממעגלעך אָנצונעמען אַז דער טייל פון יידישן פאָלק, וואָס לעבט אין מדינת ישראל זאָל האָבן איין שטעלונג, און דער אַנדערער, דער גרעסערער טייל, זאָל האָבן אַ פּונקט להיפּכדיקע באַציִונג. אָפּגעזען פון דעם אַלעם, וואָלט אַזאַ שטעלונג געבראַכט מיט זיך גרויסע שאָדנס פאַר הונדערטער טויזנטער יידישע מענער און פרויען. מען פאַרזעט אָפט, אָדער מען נעמט ניט אין באַטראַכט, אַז דאָס, וואָס דייטשלאַנד האָט געגעבן דער יידישער מדינה לויט דעם לוקסענ־בורגער אָפּמאַך, איז בלויז אַ טייל דערפון, וואָס מערב־דייטשלאַנד האָט געטאָן פאַר די אינדיווידועלע קרבנות פון נאַציזם. דער איבערוועגנדיקער גרויסער טייל, וואָס באַטרעפט (הגם דאָס איז נאָך ניט דערפירט געוואָרן ביז צום סוף) די סומע פון אַכט און דרייסיק — פערציק מיליאַרד מאַרק אין דייטשע שילומים־געלטער און אַנטשעדיקונגען, וועט גיין פאַר די הונדערטער טויזנטער נאַצי־קרבנות, פון וועלכע די מערהייט לעבט ניט אין מדינת ישראל. מען קען זיך גאָרניט פאָרשטעלן — און קיינער וואָלט עס ניט געקענט פאַרטיידיקן — אַז בלויז ישראל זאָל האָבן געשלאָסן אַן אָפּמאַך מיט דייטשלאַנד, לויט וועלכן נאָר די בירגער פון דער יידישער מדינה, וועלכע זיינען געווען נאַצי־קרבנות, זאָלן קריגן שילומים־געלטער, בעת די הונדערטער טויזנטער יידן, וועלכע וווינען ניט אין מדינת ישראל, זאָלן גאָרניט באַקומען. אויסער דעם וואָלט מערב־דייטשלאַנד קיין מאָל ניט פאַרהאַנדלט מיט ישראל וועגן אַנטשעדיקונגען פאַר ניט־בירגער פון דער יידישער מדינה.

אַחוץ די דאָזיקע ריין־פינאַנציעלע טעמים, וועלכע צוליב זייער פאַרנעם און וויכטיקייט פאַר הונדערטער טויזנטער יידן פון דער שארית־הפליטה האָבן אויך אַ טיף מאָראַלישע באַדייטונג, איז דאָס וועלט־יידנטום זייער פאַראינטערעסירט מחמת אַ סך סיבות אין באַציִונגען מיט די דייטשן. דאָס היינטיקע דייטשלאַנד האָט קוים אַן אייגענע יידן־פראַגע, ווייל די צאָל יידן, וועלכע וווינען איצט אין דייטשלאַנד, איז בלויז אַרום דרייסיק טויזנט, און לויט מיין מיינונג דאַרף מען ניט רעכענען, אַז דער דאָזיקער

קליינער יישוב זאָל זיך פאַרגרעסערן אין דער נאָענטער צוקונפט. פון דער אַנדערער זייט בלייבט דייטשלאַנד איינע פון די גרויסמאַכטן אין אייראָפּע צוליב איר צענטראַלער געאָפּאָליטישער פּאָזיציע. דייטשלאַנד בלייבט אויך איינע פון די געפערלעכסטע לענדער, ווו עס קען אויפשטיין אַ ניי־אויפגעוואַכטער אַנטיסעמיטיזם אָדער נעאָ־נאַציזם. די געשיכטע האָט אונדז געלערנט, אַז פעלקער קענען פיינט האָבן יידן, אַפילו ווען זיי האָבן קיין מאָל ניט אָנגעקוקט קיין יידן. אַנטיסעמיטיזם איז איינער פון די גרויסע פּסיכאָזן פון דער קריסטלעכער וועלט, און עס איז זייער מעגלעך, אַז טאַקע דערפאַר, וואָס אַ סך דייטשן טראָגן זיך אַרום מיט אַ שלעכט געוויסן, און זייער טענדענץ איז צו פאַרדעקן דאָס דאָזיקע שלעכטע געוויסן מיט אידעאָלאָגישע אַרגומענטן — זאָל דייטשלאַנד ווערן אַ נייער צענטער פאַר אַלוועלטלעכע אַנטיסעמיטישע באַוועגונגען. דאָס פּראָבלעם פון דייטשן אַנטיסעמיטיזם, ווי דאָס מאַניפעסטירט זיך איצט אין אַזעלכע צייטשריפטן ווי די ״דויטשע נאַציאָנאַל־צייטונג״ און ״סאָלדאַטן־צייטונג״ און אין דער ״נאַציאָנאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי״ באַשטייט ניט בלויז אין דער געפאַר פאַר די דרייסיק טויזנט דייטשע יידן, נאָר אין דער מעגלעכער קאָנצענטראַציע און אָרגאַניזאַציע פון אַ נייער אַלוועלט־לעכער אַנטיסעמיטישער באַוועגונג.

צוליב די אַלע טעמים איז נייטיק — ווי שווער דאָס זאָל ניט זיין — צו באַהאַנדלען דאָס דייטש־יידישע פּראָבלעם עפנטלעך, ווען אַפילו אַ סך יידן און מעגלעך אויך דייטשן וואָלטן זיך עס ניט געוווּנטשן. יידן זיינען קעגן די דאָזיקע דיסקוסיעס טיילווייז דערפאַר, ווייל זיי זיינען אויף אַ גערעכטן אופן אויפגעבראַכט קעגן די דייטשן איבער די דייטשע רציחות אויף יידן אין אונדזער דור. די דייטשן ווילן ניט האָבן אַזעלכע דיקוסיעס — איבער דעם שלעכטן געוויסן, מיט וועלכן זיי טראָגן זיך אַרום. זיי וואָלטן בעסער געוואָלט, אַז אַלץ זאָל פאַרגעסן ווערן און זיי זאָלן ניט דאַרפן האָבן מער צו טאָן מיט דער דאָזיקער שענדלעכער עפּאָכע אין זייער געשיכטע. די יידישע קעגנערשאַפט צו די דיסקוסיעס איז פאַרשטענדלעך פון מאָראַלישן שטאַנדפּונקט; די דייטשע קעגנערשאַפט לאָזט זיך בשום אופן ניט פאַרענטפערן.

עס איז מענטשלעך און פאַרשטענדלעך, ווען די דייטשן ווילן ניט הערן וועגן די נאַצישע רציחות, אָבער פּסיכאָלאָגיש און מאָראַליש איז אַזאַ האַלטונג אומדערלאָזבאַר. נאָר דעמאָלט ווען דייטשלאַנד וועט אָננעמען

דאָס פּולע באַוווסטזיין וועגן די באַגאַנגענע פאַרברעכנס; ווען זי וועט אָנערקענען די פאַקטן פון די מוראדיקע רציחות, וועט זי קענען דורכמאַכן דעם רייניקונגס־פּראָצעס, וועלכן זי דאַרף דורכגיין, בכדי פולשטענדיק איבערצורייסן מיט דער שענדלעכער עפּאָכע פונעם נאַצי־רעזשים און מאַכן דעם דאָזיקן איבערברוך ממשותדיק ניט נאָר אין איר איצטיקער קאָנסטיטוציע און אין איר איצטיקער דעמאָקראַטיע, נאָר אויך אין די געפילן פונעם פאָלק.

ס׳איז ניט פאַראַן קיין העכערע מאָראַלישע פליכט פאַר די איצטיקע פירער פון דייטשלאַנד, ווי די פליכט צו פאַרהיטן זייער פאָלק, אַפילו קעגן זייער ווילן, פון פאַרמאַכן די אויגן, פון צווינגען אים צו געדענקען די פאַרברעכנס, וואָס די דייטשן זיינען באַגאַנגען קעגן דער מענטשהייט, און באַזונדערס קעגן די יידן, אין דער נאַצי־עפּאָכע. אָן אַזאַ רעגעסאַנס וועט דער אומגעהויערער שאָדן וואָס דער נאַצי־רעזשים האָט געבראַכט דייטשלאַנדס היסטאָרישער פּאָזיציע אין דער וועלט, ניט קענען פאַרריכט ווערן. ווי אַ קאָנסעקווענץ דערפון דאַרפן געשטעלט ווערן צו דייטשלאַנד עטלעכע זייער קאָנקרעטע פאָדערונגען.

די פּראָצעסן קעגן די קריגס־פאַרברעכער דאַרפן אָנהאַלטן ביז צום ביטערן סוף. דאָס האָט גאָרניט צו טאָן מיט באַפרידיקן דאָס נקמה־געפיל, ווי שטאַרק באַרעכטיקט דאָס זאָל ניט זיין. דאָס האָט אויך ניט קיין שייכות מיטן אַבסטראַקטן פּרינציפּ, אַז קיין שום פאַרברעכן טאָר ניט בלייבן אומבאַשטראָפט. גיכער איז עס אַ פראַגע וועגן דעם רייניקונגס־פּראָצעס, וואָס דאָס נאָך־היטלער־דייטשלאַנד דאַרף דורכגיין. די נירענבערגער פּראָצעסן האָבן ניט געהאַט אַזאַ ווירקונג, ווייל זיי זיינען דורכגעפירט געוואָרן דורך די נעכטיקע שונאים און היינטיקע פריינד. דייטשע ריכטער און דייטשע געריכטן דאַרפן נאָך אַ מאָל און ווידער אַ מאָל אַרויסברענגען פאַרן דייטשן פאָלק די קאָנקרעטע פאַלן פון די רציחות, וואָס עס זיינען באַגאַנגען די בעסטיעס פון דער נאַצי־עפּאָכע. דייטשע ריכטער און דייטשע געריכטן דאַרפן אַרויסקומען מיט די דאָקומענטן פון דער דייטשער שולד. אויף דעם דאָזיקן געביט איז וויכטיק די אַרבעט, וואָס איז לעצטנס געטאָן געוואָרן מיט דער טיפישער דייטשער גרינטלעכקייט דורך דעם לודוויגס־בורגער אינסטיטוט אויף צוגרייטן די דאָקומענטירונג פאַר די פּראָצעסן קעגן די מלחמה־פאַרברעכער. עס קען זיין פאַרשטענדלעך, כאָטש בשום אופן ניט באַרעכטיקט, די טענדענץ אַ סוף צו מאַכן צו די דאָזיקע פּראָצעסן,

צו פאַרדעקן די פאַרברעכנס דורך אַ לימיטאַציע־סטאַטוס. דאָס דאַזיקע פּראָבלעם וועט ווידער ווערן אַקטועל אין עטלעכע יאָר אַרום. אָבער דאָס ווינציקסטע, וואָס דאָס נייע דייטשלאַנד קען טאָן, איז צו פירן די דאָזיקע פּראָצעסן ביז צום סוף, כאָטש דאָס וועט זיין זייער ניט אָנגענעם פאַר אַ סך פון דער עלטערער גענעראַציע.

נאָך אַ פאָדערונג צו דייטשלאַנד, אויך פון דער גרעסטער מאָראַ־לישער וויכטיקייט, איז — אַז די געזעצן וועגן דער אַנטשעדיקונג און די "שילומים"־געלטער זאָלן ווי געהעריק און כסדר דורכגעפירט ווערן. וואָס די דייטשע פעדעראַלע רעפּובליק האָט געטאָן אויף דעם געביט — להיפך צו מזרח־דייטשלאַנד, וואָס דאַרף פאַראורטיילט ווערן פאַר איר צינישער שטעלונג צו דער פראַגע — איז כמעט אַן איין־און־איינציקער פאַל אין דער געשיכטע און האָט אַן אומגעהויערע באַדייטונג ווי אַ פרע־צעדענס פאַר דער צוקונפט, ווי אויך אַ מאָראַלישע ווירקונג אויף דייטשלאַנדס ווידערגעבורט. אַ רעגירונג, וואָס איז געקומען נאָך אַ פאַר־ברעכערישן רעזשים, צאָלט אַנטשעדיקונגען ניט בלויז די זיגערישע פעלקער — וואָס דאָס איז אַן אַלטער מנהג — און ניט בלויז די בירגער, וואָס האָבן געליטן פונעם פריערדיקן רעזשים, נאָר אויך צו מיליאָנען ניט־בירגער און צו אַ מדינה, מדינת־ישראל, וואָס האָט אַפילו ניט עקזיסטירט אין דער צייט פון די נאַצישע פאַרברעכנס און קען ניט קומען מיט קיין לעגאַלע תביעות. דאָס איז אַן אַקט פון גערעכטיקייט פון דער גרעסטער וויכטיקייט פאַר דער וועלט, פאַר די נאַצי־קרבנות און גאָר באַזונדערס — פאַר דייטשלאַנד.

די הויפּט־פירער פון דייטשלאַנד האָבן דאָס פאַרשטאַנען, בפרט דער פריעריקער פעדעראַלער קאַנצלער, ד״ר קאָנראַד אַדענאַוער. אָן דער דאָזיקער פאַרשטענדעניש וואָלט דער לוקסענבורגער אָפּמאַך קיין מאָל ניט געקענט צושטאַנדקומען. בעת זיין ערשטן באַזוך אין די פאַראייניקטע שטאַטן האָט ד״ר אַדענאַוער געזאָגט אין זיין ערשטער רעדע ביי אַ באַנ־קעט אין ניו־יאָרק: "אַז איך, דער קאַנצלער פון דייטשלאַנד, האָב געוואָגט צו קומען אין דער דאָזיקער שטאָט, וואָס האָט די גרעסטע יידישע באַפעלקערונג אין דער וועלט, איז דאָס צו פאַרדאַנקען בלויז דעם פאַקט, וואָס מיר האָבן אונטערגעשריבן דעם לוקסענבורגער אָפּמאַך".

אין אַלגעמיין האָט די דייטשע פעדעראַלע רעפּובליק אויסגעפירט דעם אָפּמאַך און די "שילומים"־געזעצן מיט גוטן ווילן, הגם דער

פינאַנציעלער פאַרנעם פון די צאָלונגען האָט זייער אַ סך איבערגעשטיגן די אָריגינעלע אויסרעכענונגען סיי פון די דייטשן, סיי פון יידישן צד. געוויס איז געווען אַ צאָל אומיושרדיקע באַשלוסן, וואָס זיינען ניט קיין איבערראַשונג ווען עס האַנדלט זיך וועגן צוויי מיליאָן אינדיווידועלע פאַלן. דאָך וועט עס נאָך דויערן אַ סך יאָרן ביז די אַנטשעדיקונגס־געזעצן וועלן אין גאַנצן דורכגעפירט ווערן. אין דייטשלאַנד אַנטוויקלט זיך אַ געוויסע אומגינסטיקע שטימונג לגבי די יערלעכע סומעס, וואָס ווערן אַסיגנירט פאַר די אויסצאָלונגס־געלטער. די דאָזיקע אומגינסטיקע שטימונג פאַרשטאַרקט זיך איבער דער שווערער פינאַנציעלער לאַגע פון דער פעדעראַלער רעפובליק גופא. כ׳האָב כסדר געזאָגט צו די דייטשע פּאָליטישע פירער אין משך פון די פאַרגאַנגענע עטלעכע יאָר, אַז די אַנטשעדיקונגס־געזעצן זיינען ניט קיין געוויינלעכע התחייבות פון דייטשלאַנד. דאָס איז אַן ערן־חוב, ווי סיי ד״ר אַדענאַוער און סיי ד״ר ערהאַרד האָבן עס אָפט אָנערקענט עפנטלעך. דעריבער דאַרף דאָס אויסצאָלן דעם דאָזיקן ערן־חוב ניט אָנגערירט ווערן דורך די געוויינלעכע קירצונגען פון בודזשעט. די דורכפירונג פון די שילומים־געזעצן איז איינע פון די פּראָבעס פון דעם כאַראַקטער פון מערב־דייטשלאַנד און זי האָט אַ וויַטגייענדיקע מאָראַלישע באַדייטונג.

דייטשלאַנד קען זיך ניט דערלויבן צו זאָגן, אַז זי ווערט מיד פון די צאָלונגען אָדער פּרווון איינפירן דערביי קליינלעכע רעגולאַציעס, בכדי צו שפּאָרן אַ ביסל געלט דאָ און דאָרט. אַפילו פון דעם שטאַנדפּונקט פון פּשוטער רעאַל־פּאָליטיק דאַרף געזאָגט ווערן, אַז אַזאַ האַנדלונג אין דעם לעצטן קאַפּיטל פון דער דורכפירונג פון דעם דאָזיקן אייגנאַרטיקן אַקט פון גוטצגעבונג וועט צעשטערן דעם גרויסן עפעקט, וואָס עס האָט געהאַט דער גאַנצער ענין.

נאָך וויכטיקער פון די דאָזיקע צוויי קאָנקרעטע פאָדערונגען איז דייטשלאַנדס פליכט צו דערציִען די נייע גענעראַציע אין אַ גייסט, וואָס זאָל פאַרהיטן פון דער ווידעראויפלעבונג פון די אַלטע נאַציאָנאַליסטישע און אַנטיסעמיטישע שטרעמונגען. קיין זאַך קען ניט זיין מער אומגערעכט, ווי אָרויפלייגן אויף דער איצטיקער יוגנט אין דייטשלאַנד די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר די נאַצי־פאַרברעכנס. די יוגנט איז פאַראַנטוואָרטלעך נאָר אין דעם זין, אין וועלכן יעדע גענעראַציע איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער גאַנצקייט פון דער פאַרגאַנגענהייט פון איר פאָלק. צו

באַטראַכטן די דייטשע יוגנט, וואָס איז געבוירן געוואָרן נאָך היטלערן, שולדיק אין די פאַרברעכנס פון נאַציזם, אַנשטאָט צו דערמוטיקן זי אין איר אָפט מאַניפעסטירטן פאַרלאַנג אויפצובויען אַ נײַ דײַטשלאַנד, וואָלט געווען אַ טעות אין מאָראַלישן ווי אויך אין רעאַל־פּאָליטישן זין. פון דער אַנדערער זײַט איז עס אָפּהענגיק סײַ פון די פּאָליטישע, סײַ פון די גײַסטיקע פירער פון דייטשלאַנד צו איבערצייגן די וועלט, דורך דער דערציִונג פון דער יוגנט און דורך שאַפן אַ באמת נײַעם גײַסט, אַז עס שטייט טאַקע אויף אַ נײַ דייטשלאַנד, און אַז עס איז פאַראַן דער ווילן צו בויען דאָס נײַע דייטשלאַנד אויף אַ באַזע, וואָס וועט מאַכן אוממעג־לעך דאָס אַרײַנפאַלן צוריק אין דעם ווילדן שגעון, וועלכער האָט געפירט צו דער קאַטאַסטראָפע פון דער נאַצי־עפּאָכע און צום צווייטן וועלט־קריג.

וואָס שייך אונדז, יידן, דאַרפן מיר לגמרי ניט באַמיִען זיך צו אונטער־דריקן אונדזערע געפילן. דאָס וואָלט געווען פּסיכאָלאָגיש אוממעגלעך און מאָראַליש אומדערלאָזבאַר. מיר דאַרפן אָבער אויך ניט זײַן באַהערשט פון די דאָזיקע געפילן אין אונדזער אויפפירונג לגבי דעם דייטשן פאָלק. די טענדענץ צו זאָגן, אַז אַלע דייטשן זײַנען די זעלבע און אידענטי־פיצירן די יוגנט מיטן נאַציזם, מיינט פּאַקטיש צו פאַרקריפּלען די פּאַקטישע לאַגע און דאָס איז אויך מאָראַליש אומבאַרעכטיקט. עס זײַנען פאַראַן אויסדרוקן פון אַנטי־דייטשע געפילן, וועלכע האָבן, ווי איך וואָלט געזאָגט, אַ כמעט קאָמישן עפעקט און זײַנען ניט אין אײַנקלאַנג מיט דעם חשיבות פון דעם פּראָבלעם, אויב איך מעג באַנוצן אַזעלכע ווערטער. אויב מען זאָגט זיך אָפּ צו שפּילן וואַגנערס און שטראַוס׳ קאָמפּאָזיציעס אין ישראל; אויב דאָקטוירים אין ישראל זאָגן זיך אָפּ צו באַטייליקן זיך אין אַ קאָנפערענץ דערפאַר, ווײַל דייטש וועט דאָרט זײַן איינע פון די שפּראַכן פון די פאַרהאַנדלונגען (די זעלבע דייטשע שפּראַך, אין וועלכער עס איז געשריבן געוואָרן דער גרעסטער טייל פון די קלאַסישע פאָרמולירונגען פון דער ציוניסטישער אידעאָלאָגיע) — איז דער רעזול־טאַט אַזעלכער, אַז די דאָזיקע פּראָווינציעלע האַנדלונג פאַרדרייען און פאַרקריפּלען דאָס פּראָבלעם.

די שטעלונג, וואָס דאַרף אָנגענומען ווערן דורכן יידישן פאָלק, איך מיין דורך כלל ישראל, דאַרף זײַן: ניט פאַרגעסן קיין מאָל די נאַצי־עפּאָכע. דאָך, דער דאָזיקער אָפּזאָג צו פאַרגעסן דאַרף זיך אויסדריקן מער אין רעספּעקט און אין באַערן דעם אָנדענק פון די טראַגישע און

הערא‫ָ‬ישע קרבנות פון נאַציזם, ווי בלויז דורך עמאָציאָנעלע פּראָטעסטן קעגן אַלץ, וואָס איז דייטש. אין דער זעלבער צייט דאַרף דאָס יידישע פאָלק זיין צוגעגרייט צו דיסקוטירן געמיינזאַמע פּראָבלעמען מיט דייטשלאַנד און צו שטיצן די דייטשע כוחות, וועלכע באַקעמפן ערלעך און אויפריכטיק אַלע נעאָ־נאַצישע און אַנטיסעמיטישע טענדענצן. מען דאַרף ניט וועלן אויסמיידן די דיסקוסיע וועגן דעם דעליקאַטן און קאָמפּליצירטן פּראָבלעם פון די דייטש־יידישע באַציונגען.

פאַר דערגרייכן אַ לייזונג פון דעם פּראָבלעם פאָדערט זיך נאָך אַ לאַנגע צייט. די גרויסע שוועריקייטן ליגן אין דער פּסיכאָלאָגישער נאַטור פון דעם פּראָבלעם. אַזעלכע פראַגן ווערן ניט געלייזט דורך רעזאָלוציעס אָדער עפנטלעכע דערקלערונגען. עס זיינען נייטיק אַ סך צייט, געדולד און מוט. מען דאַרף האָבן דעם גוטן ווילן און די אַנטשלאָסנקייט צו דערגרייכן אַ בעסערע אַטמאָספער אין די באַציונגען און אויסצושמידן פון זיי אַן אינסטרומענט פאַר אַ פּאָזיטיווער לייזונג פון דעם געמיינזאַמען פּראָבלעם.

1966

[ו]

# פערזענלעכקייטן

# בן־אביגדור, דער פּראַקטישער אידעאַליסט

גרויסע מענטשן מיט אַ שטאַרקן כאַראַקטער קען מען דערקענען אין זייער טויט כמעט אַזוי גוט, ווי אין זייער לעבן. פון אַלע געשעענישן זעט דאָך אויס דער טויט צו זיין יענע, וואָס איז צום ווינציקסטן אונטער־געוואָרפן צו אונדזער הערשאַפט, וואָס איז צום מערסטן אומאָפּהענגיק פון אונדזער ווילן. און דאָך ווערט מען ביי מענטשן מיט אַ שטאַרקער אייגנאַר־טיקייט קענען קאָנסטאַטירן אַ געוויסן פּאַראַלעל צווישן זייער לעבן און זייער שטאַרבן, צווישן זייער כאַראַקטער און דעם אופן פון זייער טויט. עפּעס אַ געהיימנישפולע איינשטימיקייט פון גורל און כאַראַקטער, וואָס אין איר ליגט אפשר דער טיפסטער זין פון דער מענטשלעכער פּערזענ־לעכקייט, ווייזט זיך אַרויס אין דעם דאָזיקן פּאַראַלעל.

אויך דער טויט פון בן־אביגדור, כלומרשט אַזוי פּלוצלונג, אַזוי אומ־דערוואַרט, אַזוי ברוטאַל און זינלאָז, שטייט דאָך אין אַ געוויסן אינער־לעכן צוזאַמענהאַנג מיט זיין אופן פון לעבן, מיט זיין וועזן. שטיל, כמעט אומבאַמערקט איז ער געשטאָרבן — אַזוי שטיל, ווי ער האָט געלעבט. און איך האָב מורא, אַז אויך אין דער באַציִונג פון דעם יידישן פּאָלק צו זיין טויט ווערט זיך דאָקומענטירן דער זעלבער כאַראַקטער־שטריך. דאָס פּאָלק ווערט אין אַנהייב ווייניק פילן, וואָס עס האָט פאַרלאָרן אין בן־אביגדורן. פאַראַן טוער, שרייבער, פירער, וועמענס לעבן איז פול מיט גלאַנץ און וואָס באַשעפטיקן שטענדיק די עפנטלעכע אויפמערק־זאַמקייט. יעדער שריט, וועלכן זיי מאַכן, ווערט אַנגעמאָלדן בקולי קולות. און יעדער ווייסט דעם פּלאַץ, וועלכן זיי פאַרנעמען אין דעם נאַציאָנאַלן לעבן. ווען עס שטאַרבט אַזאַ מענטש, פילט תיכף דאָס פּאָלק, וואָס עס האָט פאַרלוירן. מען קען זיין פּלאַץ, און מען זעט גלייך, אַז ער איז פּלוצלונג ליידיק. פאַראַן אָבער טוער און פירער פון אַן אַנדערן טיפּ — שטילע, באַשיידענע, וואָס לאָזן ניט פון זיך הערן, קיינער ווייסט ניט זייער פּלאַץ. זיי אַרבעטן פאַרבאָרגן און באַהאַלטן. ווען איינער פון זיי

שטאַרבט, ווייסט ניט די גרויסע עפנטלעכקייט אין אָנהייב, וואָס מען האָט דאָ פאַרלאָרן. מען זעט ניט דעם ליידיקן פּלאַץ. און ערשט פּאַמעלעך, לאַנגזאַם, הייבט מען אָן פילן, אַז עפּעס פעלט. און וואָס לענגער, וואָס שפּעטער, פילט מען דאָס אַלץ מער און מער.

מיר דוכט זיך, אַז מיט דער אָפּשאַצונג מצד דעם יידישן פאָלק פון דער באַדייטונג פון בן־אביגדורן און מיט דער אמתער פאַרשטענדעניש פאַר זיין פערזענלעכקייט, וועט עס אויך אַזוי זיין. איצט, באַלד נאָך זיין טויט, וועלן אפשר זייער ווינציקע וויסן און באַגרייפן, וואָס מיר האָבן פאַרלאָרן אין אים. אָבער וואָס ווייטער, אַלץ מער וועט מען דערקענען, וואָס עס פעלט אונדז, זינט ער איז מער ניטאָ. און כמעט ביי יעדער ליטעראַרישער אונטערנעמונג, ביי יעדן בייעם שריט צו אָרגאַ־ניזירן און באַרייכערן די העברעישע און יידישע ליטעראַטור, וועט מען פילן מיט ווייטאָג און מיט טרויער, אַז ער פעלט, און אַז מיט זיין טויט האָבן מיר אָנגעווירן די מייסטערהאַנט פון דעם נאַציאָנאַלן ביכער־פאַרלאַג, דעם אָרגאַניזאַטאָר און אינספּיראַטאָר פון אונדזער נאַציאָנאַלער ליטעראַטור.

אָבער איך וויל וועגן דעם איצט ניט רעדן. איך וויל דאָ ניט געבן קיין בילד פון זיינע ליטעראַרישע און פאַרלעגערישע אויפטוען און פון זיין באַדייטונג פאַר אונדזער ליטעראַטור. אַ סך וויסן וועגן דעם, און די יידישע געשיכטע וועט דאָס שוין גאַנץ קלאָר אַרויסברענגען און באַלייכטן. איך וויל דאָ רעדן וועגן דעם מענטש בן־אביגדור, וועגן דער פערזענ־לעכקייט, וועגן זיין מהות און וועגן זיין נשמה. איך האַלט דאָס פאַר וויכטיקער, ווי די אָפּשאַצונג פון זיין ליטעראַרישער אַרבעט און באַדייטונג. ווייל דאָס, וואָס ער האָט געשאַפן, איז פאַראַן, בלייבט אויך נאָך זיין טויט און וועט שטענדיק זיין אַן עדות פאַר דער היסטאָרישער שאַפערישער באַדייטונג פון דעם, וואָס האָט גורם געווען זיינע גרויסע אויפטוען. אָבער דער תוך און דער כאַראַקטער פון בן־אביגדור, די אוצרות פון זיין נשמה, זיינען געווען טיף פאַרבאָרגן אין אים. דאָס האָט ער באַהאַלטן, דאָס האָבן געקענט דערקענען נאָר די, וואָס זיינען געווען נאָענט צו אים. די דאָזיקע אוצרות דאַרף מען אָבער איצט מגלה זיין. מען דאַרף זיי באַצייכענען און אָפּהיטן, ניט נאָר צוליב דער פערזענלעכער באַדייטונג פון בן־אביגדור, נאָר קודם־כל צוליב זייער אומגעהויערן ווערט, צוליב דעם זין פון ביישפּיל און פעדאַגאָגישער וויכטיקייט, וואָס ליגן אין זיי.

ווייל די מייגסטע פון די דאָזיקע אוצרות זיינען ניט געווען קיין גאַנץ פערזענלעכע, ספּעציפישע, אינדיווידועלע, אַזעלכע, וואָס זיינען מעגלעך נאָר אין דעם דאָזיקן באַשטימטן מענטשן און זיי האָבן ניט קיין באַדייטונג פאַר אַנדערע, נאָר זיי זיינען געווען טיפּישע. די גרעסטע מעלות און פעיִקייטן, וואָס בן־אביגדור האָט פאַרמאָגט, זיינען געווען טיפּיש־יידישע מעלות און פעיִקייטן, און פון די באַדייטנדיקע יידישע טוער און פירער, קען איך כמעט קיינעם ניט, וואָס זאָל זיין אַזוי טיפּיש־יידיש, וואָס אין אים זאָלן זיך האָבן קאָנצענטרירט און פערזאָניפיצירט אַזוי שטאַרק די טיפּישע קוואַליטעטן פון יידישן מענטשן, ווי ביי בן־אביגדורן.

ווען איך רוף־אָן בן־אביגדורן אַ ספּעציפיש־יידישן טיפּ, דאַרף דאָס ווערן דערקלערט. יעדעס פאָלק און יעדער מענטש האָט צוויי סאָרטן קוואַליטעטן און מעלות. איין מין נעמט אַרום די אייגנשאַפטן, וואָס ליגן אויבן, וואָס ווייזן זיך אַרויס גלייך, וואָס יעדער איינער דערקענט זיי תיכף. דאָס זיינען די אייגנשאַפטן, וואָס גילטן ווי טיפּיש און כאַראַקטעריס־טיש פאַר אַ פאָלק, אָדער פאַר אַ מענטשן. פאַראַן אָבער אַ צווייטער מין אייגנשאַפטן, פאַרבאָרגענע, טיפע, באַהאַלטענע, געהיימע, וועלכע ליגן אין תוך פון דער נשמה, וועלכע ווייזן זיך ניט אַרויס אויבן, און וואָס גאָר אַ טיפער בליק דערקענט זיי. זיי זיינען געוויינלעך אומבאַקאַנט, אָבער זיי זיינען די וויכטיקסטע, די צענטראַלע. זיי זיינען דער מקור פון דער נשמה. די אַנדערע זיינען נאָר אירע אויסווירקונגען.

אָט נעמט דאָס יידישע פאָלק. פאַראַן אַ גאַנצע צאָל טיפּיש־יידישע אייגנשאַפטן, וועגן וועלכע יידן און ניט־יידן זיינען מסכים, אַז זיי זיינען כאַראַקטעריסטיש פאַר אונדז. איך מיין די באַשטימטע אינטעלעקטועלע פעיִקייטן, די אייגנשאַפט גיך אויפצונעמען אַ נייע זאַך, זיך קענען שנעל צו איר צופּאַסן, אַ באַשטימטע גיכקייט, אַ באַשטימטע געשיקטקייט, לייכט־קייט, אַ פלינקן טעמפּעראַמענט, אַן אינערלעכער אומרו, און נאָך פאַרשיי־דענע אַנדערע. אויב מען זאָל אורטיילן לויט די דאָזיקע כאַראַקטער־שטריכן, איז בן־אביגדור ניט געווען קיין פערזאָניפיקאַציע פון ספּעציפיש־יידישע אייגנשאַפטן. איז אָבער פאַראַן אויסער דער דאָזיקער קאַטעגאָריע נאָך אַן אַנדערע — די קאַטעגאָריע פון די באַהאַלטענע, פון די אַנאָנימע יידישע אייגנשאַפטן, וואָס נאָר דער אמתער קענער איז זיי בכוח צו זען, און וואָס זיי זיינען טאַקע די אמת־ספּעציפישע און צענטראַלע יידישע קוואַליטעטן. אָט די דאָזיקע אייגנשאַפטן זיינען געווען פאַרקערפּערט אין בן־אביגדורן.

ער איז געווען אַ רעפּרעזענטאַנט ניט פון דעם יידישן טיפּ, וועלכן מיר זעען טאָג־טעגלעך אויף דער גאַס, אין די געשעפטן, ביי די פאַרזאַמלונגען — פון דעם ייד אין דער עפנטלעכקייט. ער איז געווען דער רעפּרעזענטאַנט פון דעם פאַרבאָרגענעם, פון דעם באַהאַלטענעם ייד, וואָס לעבט אין דעם תוך פון דעם שרייענדיקן, אומרויִקן ייד פון דער גאַס. ער איז געווען אַ רעפּרעזענטאַנט פון דער אינערלעכסטער נאַטור פון דעם יידישן מענטשן. אין דעם דאָזיקן זין באַצייכן איך אים ווי אַ ספּעציפיש־יידישן טיפּ.

זיין דייטלעכסטער כאַראַקטער־שטריך איז געווען דער פּראַקטישער אידעאַליזם. מיר, מאָדערנע מענטשן, דערצויגן אויף דער אייראָפּעיִשער קולטור, האָבן זיך צוגעוווינט צו רעדן וועגן אַ קעגנזאַץ צווישן פּראַקטישע מענטשן און אידעאַליסטן. און דאָס איז בדרך כלל ריכטיק, ווען עס האַנדלט זיך וועגן דעם אייראָפּעיִשן מענטשן, ווייל די אייראָפּעיִשע מאָראַל און רעליגיע שטיצן זיך אויף דעם דאָזיקן קעגנזאַץ. דער קריסטלעכער אידעאַליזם איז אַן אַבסאָלוטער. זיין פאַרווירקלעכונג איז קיין מאָל ניט מעגלעך אויף דער ערד. די דערלייזונג, די רעאַליזאַציע פון אַלע אידעאַלן איז אין קריסטנטום טראַנסצענדענט, ד״ה מעגלעך נאָר אויף יענער וועלט. אָט אַזוי איז אַנטשטאַנען דער קעגנזאַץ פון דער וועלט און יענער וועלט, פון פּראַקטיק און אידעאַל — אַ פּועל־יוצא פון אַן איבער־געטריבענעם אַבסאָלוטן אידעאַליזם.

דער יידישער אידעאַליזם איז פון אַ גאַנץ אַנדערער קאַטעגאָריע. ער איז אַן אידעאַליזם ניט פון מאַקסימום, נאָר פון מינימום. דער אידעאַל איז ניט עפּעס אַבסאָלוט, אומבאַדינגטס, נאָר דאָס, וואָס דאַרף ווערן געטאָן איצט און מאָרגן. דער אידעאַל פון הייַנט איז די אויפגאַבע פון מאָרגן. דאָס אַנטשפּרעכט דער יידישער וועלט־אַנשויונג, וואָס גלייבט, אַז אַלע פּאָסטולאַטן פון דער רעליגיע קען דער מענטש רעאַליזירן אויף דער ערד, אין זיין ערדישן לעבן, און אַז אַלע אידעאַלן פון דער אמונה קוקן אַרויס אויף זייער פאַרווירקלעכונג אין דער מענטשלעכער געשיכטע. און פון דעם קומט יענע פאַראייניקונג פון פּראַקטישן זין און פון אידעאַליסטישן שטרעבן — יענער פּראַקטישער אידעאַליזם, וואָס כאַראַקטעריזירט דאָס יידישע פאָלק און די יידישע קולטור, די בעסטע רעפּרעזענטאַנטן פון יידישן גייסט. ניט פּוסטע טרוימער, וועלכע קוקן פאַרנאַרט אויף דעם, וואָס קען קיין מאָל ניט ווערן רעאַליזירט, און ניט ברוטאַלע פּראַקטיקער, וועלכע לעבן נאָר פאַר זיך און פאַר זייערע אינטערעסן, נאָר קלוגע פּראַקטישע מענטשן,

וועלכע קוקן אויף דעם, וואָס וועט געשען מאָרגן, און וועלכע לעבן פאַר דער אויפגאַבע פון מאָרגן; וועמענס אידעאַל איז דאָס, וואָס דאַרף איצט געשען. אַזאַ איז דאָס בילד פון דעם רעפּרעזענטאַטיוון יידישן מענטשן אין דעם בעסטן זין פון דעם וואָרט.

און אַזעלכער איז געווען בן־אביגדור. ער איז שטענדיק אַרומגעגאַנגען מיט גרויסע פּלענער, וועגן וועלכע ער האָט געוווסט, אַז ס׳איז נאָך ניט געקומען די צייט זיי צו רעאַליזירן. האָט ער זיי באַהאַלטן, און ניט געקלאָגט, און ניט פאַרצווייפלט, נאָר געקוקט אויף דעם, וואָס מען קען היינט שוין יאָ פאַרווירקלעכן. ער האָט אָפט זיך באַגנוגנט מיט קליינע דערפאָלגן. אָבער קיין מאָל איז ער ניט געבליבן שטיין ביי אַ דערפאָלג. ער האָט געוווסט, אַז אידעאַלן זיינען ניט קיין פאַרטיקע זאַכן, וואָס מען רעאַליזירט זיי, אָדער ניט, ניט קיין וווּנדער־לעמפּלעך, וואָס הענגען אין הימל, און וואָס קיינער קען זיי ניט אַראָפּברענגען אויף דער ערד. אַן אידעאַל — איז געווען פאַר אים אַ פּראָצעס, אַ לאַנגזאַמער, זיך אַנטוויקלענדיקער פּראָצעס, פול מיט מי, שטערונגען און ווידערשטאַנדן, ווו יעדער שריט דאַרף ווערן אויסגעקעמפט. בלויז אַזוי קען מען שטענדיק לעבן אין אַן אידעאַל, און דאָך וויסן, אַז ער איז אייביק. ער איז תמיד פאַראַן און קיין מאָל איז ער ניט אין גאַנצן פאַרטיק. ווייל דאָס איז ניט קיין באַגריף, ניט קיין גרייטער רעזולטאַט, נאָר אַ פּראָצעס, אַן ענדלאָזער, אייביקער פּראָצעס.

ווען מען אַנאַליזירט די דאָזיקע יידישע כאַראַקטער־אייגנשאַפט, קומט מען צו אַן אַנדערן ספּעציפישן שטריך פון יידישן מענטשן, וואָס איז אויך געווען שטאַרק פּערזאָניפיצירט אין בן־אביגדורן. ווען מען פאַרגלייכט דעם טיפּ פון אַ מענטשן, וואָס שטענדיק ליגט אים אין זינען נאָר דער אַבסאָלוטער אידעאַל, און ער רעדט שטענדיק נאָר וועגן אים, מיט דעם אַנדערן טיפּ, ביי וועמען דער עיקר איז די רעאַליזאַציע פון דער מאָרגנדיקער אויפגאַבע, וועמענס טראַכטן און טאָן באַציט זיך בלויז צו די איינצלנע קליינע פאַרשריטן אינעם פּראָצעס פון רעאַליזאַציע — ווען מען פאַרגלייכט דיביידע טיפּן, וועט מען דערקענען, אַז דער צווייטער איז דער צניעותדיקער, דער, וועלכער האָט אַ שטאַרקן געפיל פון שעמען זיך. וואָרעם די אידעע פון דעם ג אַ נ צ ן אידעאַל, פון דעם לעצטן און אַבסאָלוטן, ליגט דאָך אויך נאַטירלעך אין אים, אָבער וועגן דעם רעדט ער ניט. די דאָזיקע אידעע איז פאַר אים דער זעלבסטפאַרשטענדלעכער

קוואַל, וואָס ליגט טיף באַהאַלטן אין זיין נשמה און וואָס דריקט זיך אויס אין די אויפגאַבן און אויפטועז פון דער טאָג־טעגלעכער אַרבעט. און באמת, ווען מען אַנאַליזירט די נאַטור פון ייד, וועט מען געפינען אין איר אַ גרויסע צניעות, אַן אינערלעכע באַשיידנקייט. אויסערלעך זעט מען ניט דעם דאָזיקן עלעמענט אין דער יידישער נשמה. להיפך, אָפט מאָל ווייזט אויס, אַז עס פעלט איר אַ ביסל צניעות. דער ייד שרייט, טומלט, ער איז אַ רעטאָריקער, אַ דיאַלעקטיקער. אַלץ, וואָס ער טראַכט, ברענגט ער אַרויס אין דער עפנטלעכקייט. פון אַלץ מאַכט ער אַ טעאָריע. דוכט זיך — אַ מענטש אָן באַהאַלטענע סודות, אָן געהיימענישן און פאַרבאָרגענע אוצרות. דאָס איז אָבער אַ טעות. דאָס שרייענדיקע, דאָס אומרויִקע, דאָס נערוועזע, דאָס פאַטעטישע — דאָס אַלץ איז נאָר דרויסנדיקס. אונטער דעם לעבט אַ גאַנץ אַנדערע נשמה, די נשמה פון אַ באַהאַלטענעם, פון אַ צניעותדיקן, וואָס פאַרדעקט זיין גייסטיקן תוך מיט ציטערדיקע הענט.

אַ פאַרטיקןביישפיל פאַר דער דאָזיקער אייגנשאַפט גיט די גמרא און די גאַנצע תלמוד־ליטעראַטור. ווי טרוקן, ווי ראַציאָנאַליסטיש, ווי אינטע־לעקטועל איז די גמרא; דאַכט זיך, אַז זי איז דער פראָדוקט פון קאַלטע, טרוקענע מוחות, אָן נשמה און וואַרעמקייט, פון מענטשן אָן געפיל און ליידנשאַפט. נעמט אָבער און לייענט די ביאָגראַפיעס פון אונדזערע תנאים און אמוראים — און עס באַווייזן זיך גאַנץ אַנדערע, נייע מענטשן: וואַרעמע, געפילפולע, אָפט מאָל ליידנשאַפטלעכע נאַטורן, אויפגערעגטע און פאַנאַ־טישע, וויציקע און הומאָרפולע, יונגע און טעמפעראַמענטפולע, אַלטע און פייערדיקע, בקיצור — מענטשן, וועמענס נשמות זיינען ניט געווען ווייניקער רייך, ווי זייערע מוחות, וועמענס געפיל איז ניט געווען שוואַכער פון זייער שכל. און ווער עס האָט אַ שאַרפן פסיכאָלאָגישן קוק, דאַרף גאָר ניט קענען די ביאָגראַפיעס: אין דער גמרא אַליין וועט ער פילן דאָס אומגעהויערע ברויזן פון געפיל, פון ליידנשאַפט און טעמפעראַמענט, וואָס איז דער קוואַל, פון וועלכן די גאַנצע וועלט פון תלמודיזם איז געבוירן געוואָרן. אָט דאָס איז דאָס כאַראַקטעריסטישע. די דאָזיקע ליידנשאַפט האָט זיך אויסגעדריקט אין געזעצן, אין פילפול און אין יוריסטישע באַגריפן. זי האָט זיך אויסגעדריקט אין אַ קאַלטער, דיסציפּלינירטער פאָרעם, אין אַ פאָרעם פון אינטעלעקט און אַבסטראַקציע. אָבער צווישן די שורות און אונטער זיי קאָכט און שוימט די ליידנשאַפט פון אַ פאָלק, וואָס לעבט נאָר פאַר זיין אידעע און איז גרייט זיך מקריב צו זיין פאַר איר.

איך האָב אַ ביסל מאריך געווען ביים אַנאַליז פון דער דאָזיקער אייגנ־שאַפט, ווייל פון אַלע מעלות אונדזערע ווייזט זי מיר זיך אויס צו זיין די אומבאַקאַנטסטע אין דער יידישער נשמה. און פון אַלע איז זי אויך געווען די אומבאַקאַנטסטע אין דער נשמה פון בן־אביגדור. די מערסטע, וואָס האָבן אים געקענט, האָבן אים געהאַלטן פאַר אַ רויקן, קילן, איבער־לייגטן מענטשן, וועלכער ווייסט ניט פון אויפרעגונג און ליידנשאַפט, פון פייער און גלוט. אָבער באמת האָט אין אים געלעבט אַ גרויס, שטאַרק פייער, וואָס האָט שטענדיק אין אים געקאָכט און געלויכטן, הגם דאָס פייער איז געווען פאַרדעקט, באַהערשט, אַריינגעצוווּנגען אין רויקע, אינטעלעק־טועלע פאָרמען און אויסדרוק־מיטלען. זיין אינערלעכקייט איז געווען פאַרבאָרגן, באַהאַלטן, אַ סוד פאַר דער וועלט, און בלויז מענטשן מיט אַ פיין אויג האָבן פאַרשטאַנען, אַז זיין אומגעוויינלעכע ענערגיע, זיין אויס־געהאַלטנקייט, זיין אייזערנע קאָנסעקווענץ קען ווערן דערקלערט נאָר מיט אַן אינערלעכן פייער, וואָס לעבט אין אים און גיט אים דעם כוח פאַר זיין זיכערקייט און קאָנסעקווענץ.

אייגנטלעך זיינען געווען צוויי בן־אביגדורס: איינער פאַר דער גרויסער, ברייטער עפנטלעכקייט, און אַן אַנדערער פאַר דעם קליינעם קרייז מענטשן, וועלכע זיינען געווען נאָענט צו אים און פאַרבונדן מיט אים. אין דעם זין איז זיין גורל געווען ענלעך צום גורל פון זיין פאָלק, וואָס לעבט אויך און דערשיינט אין צוויי בילדער: איין בילד פאַר דער גרויסער וועלט, און דאָס צווייטע — פאַר די ווייניקע, וועלכע האָבן ליב דאָס פאָלק און פאַרשטייען זיין נשמה.

זיין גורל אין לעבן איז געווען אַ טיפיש־יידישער, און זיין גורל אין שטאַרבן איז געווען נאָך מער טיפיש־יידיש. ווי די מערסטע גרויסע יידישע געשטאַלטן, איז בן־אביגדור געשטאָרבן אויף דער שוועל — ביי דעם אָנהייב פון דער פאַרווירקלעכונג פון זיינע גרעסטע פּלענער. דאָס טראַגישע אין זיין פּלוצלונגדיקן טויט איז דאָס, וואָס ער איז געשטאָרבן, ניט ווי אַזעלכער, וואָס האָט אָפּגעטאָן דעם גרעסטן טייל פון זיין ווערק, נאָר אין מיטן וועג, פול מיט מחשבות און פּלענער. זיין גאַנץ לעבן האָט ער געמוזט קעמפן מיט אויסערלעכע שטערונגען, מיט פינאַנציעלע שוועריקייטן. זיינע פּראָ־יעקטן האָט ער געקענט רעאַליזירן נאָר לאַנגזאַם, ביסלעכווייז, מיט קליינע מיטלען, מיט באַגרענעצטע כוחות. ערשט אין די לעצטע יאָרן האָט ער באַקומען די מעגלעכקייטן צו אַרבעטן מיט גרויסע מיטלען. זיין קאָפּ איז

געווען פול מיט גראַנדיעזע ליטעראַרישע פּלענער, און ס׳איז קיין ספק ניט, אַז אין נאָך פינף, צען יאָר, וואָלט ער פאַרווירקלעכט גרויסע פּראָיעקטן, וועלכע וואָלטן באַרייכערט די העברעיִשע ליטעראַטור מיט וויכטיקע שאַפונגען. און גראָד דאָ איז ער געשטאָרבן — אין מיטן פון דער צוגרייטונג צו זיינע באַדייטנדיקסטע אויפטוען. דאָס איז אַ טיפּיש יידישער גורל פון משה רבינוס טויט אָן: צו שטאַרבן אויף דער שוועל פון דעם לאַנד, וואָס מען חלומט פון אים דאָס גאַנצע לעבן. און אַזוי איז עס געשען, אַז אַלע גרויסע יידישע מענטשן האָבן זייער לעבן ניט אויסגעלעבט ביז צום סוף, און זיי זיינען אין זייערע כוחות און אין זייער באַדייטונג גרעסער, ווי זייערע ווערק, ווייל זיי האָבן זיך ניט אין גאַנצן אויסגעלעבט אין זייערע שאַפונגען.

אויך בן־אביגדור איז געווען גרעסער, רייכער, טיפער, ווי זיינע אויפטוען. ער האָט געשאַפן וויכטיקס. ער איז אָבער געווען נאָך גרעסער און באַדייטנדיקער. מיט זיין טויט האָט דאָס יידישע פאָלק פאַרלאָרן אַ גרויסן כוח, אַ גרויסן פירער, וואָס עס איז ניטאָ קיין ממלא־מקום פאַר אים. זיין טויט לאָזט איבער אַ ליידיקן פּלאַץ, וועלכן קיין אַנדערער קען ניט פאַר־נעמען. ער איז געווען כמעט איינציק אויף זיין געביט, ווי אַלע אונדזערע באַדייטנדיקע מענטשן זיינען איינציקע, ניט צום פאַרבייטן. אין דער איצטיקער שרעקלעכער צייט, ווען יעדער טאָג רויבט ביי אונדז אַוועק גרויסע כוחות — באַדייט בן־אביגדורס גרויזאַמער, פּלוצלונגדיקער טויט אַ פאַרלוסט פון אַ גרויסער גייסטיקער קראַפט, אַ נייע אָפּשוואַכונג פון אונדזער פאָלק, אַ נייע טיפע וווּנד אין אונדזער געפייניקטן נאַציאָנאַלן אָרגאַניזם.

1921

# דוד פרישמאַן

מיט צוויי וואָכן צוריק איז דאָס געווען.

אויף דער דורכרייזע דורך בערלין האָב איך געהערט, אַז דוד פרישמאַן איז קראַנק, און איך בין תיכף אַוועקגעפאָרן אין דער סאַנאַטאָריע, ווו ער איז געלעגן. איך האָב געמוזט וואַרטן אַ ביסל, ביז מען האָט מיך אַריינגעלאָזן צו דעם קראַנקן. ווען איך בין אַריין אין צימער, בין איך פאַרציטערט געוואָרן. פרישמאַן איז געלעגן אין בעט שוין אַ האַלב־טויטער. מאָגער און איינגעפאַלן האָט ער אַפילו שוין אויסגעזען אין די לעצטע פאָר חדשים, אָבער שטענדיק האָט ער געהאַט די שאַרפע אויגן, דעם פייערדיקן בליק. איצט איז ער געלעגן, און זיינע אויגן זיינען געווען מאַט, שטייף, כמעט פאַרלאָשן. איך האָב געפילט, אַז דאָ ליגט אַ טויט־קראַנקער.

— נו, וואָס זאָגט איר צו מיר? — האָט ער מיך באַגריסט — שלעכט. ווען פילאָזאָפן דערציילן אייך, אַז שטאַרבן איז אַ פּשוטע זאַך, אָדער גאָר אַן אָנגענעמער ענין, אַז דאָס לעבן איז גאָרניט ווערט און דער טויט איז אַ דערלייזונג — גלייבט ניט. ס'איז אַ ליגן. ס'איז ליטעראַטור. שטאַרבן איז ביטער. ס'איז אַ שווערע זאַך.

אַ פּאָר טעג שפּעטער בין איך ווידער געווען ביי אים. ער האָט שוין אַ ביסעלע בעסער אויסגעזען. ער האָט אויך געהאַט מער האָפענונג, מער מוט. פון דעסטוועגן, אַז איך בין אַוועק, און ער האָט מיר געגעבן די האַנט, האָט ער צו מיר געזאָגט מיט אַ שמייכל:

— זאָגט מיר גרינדלעך "אַדיע". אפשר איז עס דאָס לעצטע מאָל, וואָס איר געזעגנט זיך מיט מיר.

איך האָב ניט געגלייבט אין זיינע ווערטער. איך האָב געהאָפט, אַז ער וועט געזונט ווערן. און איצט לייען איך אין צייטונג, אַז ער איז טויט.

אַ טיפער, שטומער ווייטאָג פילט אויס מיין נשמה, אַ גרויס רחמנות צו דעם מענטש, וואָס איז געשטאָרבן אַ שווערן ביטערן טויט, און האָט

געלעבט אַ שווער ביטער לעבן. קיינער האָט ניט געוווּסט פון זיינע ליידן. להיפך, פאַרן גרויסן עולם איז ער געווען דער וויצלינג, דער איראָניקער, דער שמייכלער. און ער איז געווען צופרידן, וואָס אַלע האָבן אים געהאַלטן פאַר אַ צופרידענעם, וואָס שמייכלט שטענדיק; פאַר דעם גראַציעזן, לייכטן, איראָנישן פעליעטאָניסט. ער האָט געטראָגן די דאָזיקע מאַסקע מיט כוונה, מיט ווילן, און ער האָט פאַר קיין זאַך ניט מורא געהאַט מער, ווי פאַר דעם, אַז פרעמדע זאָלן אים דערקענען אונטער זיין מאַסקע. כל זמן ער האָט געלעבט, האָט מען געמוזט האָבן רעספּעקט פאַר זיין ווילן. איצט, ווען ער איז טויט, איז דאָס אַ חוב פאַר די, וועלכע האָבן אים פאַרשטאַנען, צו ווייזן ווער און וואָס ער איז באמת געווען.

פרישמאַן איז געווען אַן אויסערגעוויינלעכע פיגור אין דער העברעיִשער און אין דער יידישער ליטעראַטור, כמעט אַ פרעמדער. דאָס קלינגט מערק־ווערדיק און פּאַראַדאָקסאַל, אַז ער, וואָס האָט געשריבן אין העברעיִש און אין יידיש אין די לעצטע פערציק יאָר מער, ווי וועלכער עס איז אַנדערער שריפטשטעלער; ער, וואָס איז תמיד געשטאַנען אין דער מיט פונעם יידיש־ליטעראַרישן לעבן ווי רעדאַקטאָר, קריטיקער און פעל־יעטאָניסט — אַז ער זאָל האָבן געווען אַ פרעמדער אין דער העברעיִשער און יידישער ליטעראַטור. און דאָך איז דאָס אַזוי. און דווקא אין דעם ליגט דאָס אויסערגעוויינלעכע פון זיין וועזן און פון זיין דערשיינונג.

ס'איז ניט לייכט צו געפינען דעם שליסל צו דעם מהות פון דוד פרישמאַן. ווייל ער איז אַרומגעגאַנגען אַ מאַסקירטער, אַ קאָסטיומירטער, אַ באַהאַלטענער. ער האָט ליב געהאַט צו ווערן שלעכט פאַרשטאַנען. ער האָט ליב געהאַט אַרומצופירן דעם גרויסן עולם ביי דער נאָז. אין גרונט פון זיין נשמה איז ער געווען אַ טראַגישער מענטש, אַזעלכער, וואָס האָט ניט געהאַט קיין פעסטן באָדן אונטער די פיס, האָט געצווייפלט אין אַלצדינג — אַן אומגלייביקער אין גרויסן סטיל. ער איז אין דעם געווען כמעט ניט־יידיש. דער אמתער צווייפלער, דער גרויסער סקעפּטיקער איז ביי אונדז יידן אַ פרעמדע דערשיינונג. מיר זיינען גלייביקע, אַפילו ווען מיר זיינען אַפּיקורסים. אויך דער יידישער ניהיליסט איז אַ פאַנאַטיקער, אַ גלייביקער און איז פעיִק זיך מקריב צו זיין פאַר זיין ניהיל, פאַר זיין "ניכטס", אין וועלכן ער גלייבט. דער ראַדיקאַלער צווייפל, דער טראַ־גישער סקעפּטיציזם איז אונדז פרעמד.

פרישמאַן איז געווען איינער פון די ווינציקע ערנסטע, טראַגישע

צווייפלער צווישן אונדז, וועלכער האָט געליטן זיין גאַנץ לעבן — אַ מענטש מיט אַן אמת־טראַגישן לעבנסגעפיל, און די קונסט איז געווען פאַר אים דאָס מיטל צו פאַרטראַגן דאָס לעבן. ער איז געווען קינסטלער אין דעם טיפסטן יסוד פון זיין נשמה. איך קען כמעט קיינעם ניט אין אונדזער ליטעראַטור, ביי וועמען די קונסט האָט געשפּילט אַזאַ ראָלע, איז געווען פאַר אים אַן עלעמענטאַרער לעבנס־באַדינג, ווי זי איז געווען פאַר פרישמאַנען. כמעט אַלע אונדזערע דיכטער זיינען פּאָעטן און קינסטלער אַ דאַנק זייער טאַלאַנט. זייערע פעיִקייטן, אַן זיי וואָלטן זיי ניט געווען קיין קינסטלער. לויט זייער לעבנס־געפיל וואָלטן זיי געקענט זיין עפּעס גאַנץ אַנדערש. דוד פרישמאַן, וועמענס ריין־קינסטלערישע פעיִקייטן זיינען דווקא געווען ניט־אויסערגעוויינלעכע — לכל הפחות איז עס ניט געווען זיין שטאַרקסטער טאַלאַנט — איז לויט זיין נשמה געווען מער קינסטלער, ווי די מערסטע פּראָדוקטיווע קינסטלער אין אונדזער ליטעראַטור.

דאָס שיינע איז פאַר אים באמת געווען אַן עקזיסטענץ־תנאי, דאָס איינציקע, וואָס האָט דאָס לעבן געמאַכט פאַר אים לעבנסווערט. דערפאַר איז ער געווען דער אייראָפּעיִשסטער אין אונדזער ליטעראַטור. קיינער האָט ניט אַזוי געליטן פון דער ענגקייט, פון דער צעריסנקייט פון אונדזער וועלט, ווי ער. פון דעם אָנהייב פון זיין ליטעראַרישער אַרבעט איז ער געווען דער טויט־שונא פון אַלץ, וואָס איז בטלניש, אומקולטיווירט, העסלעך, געשמאַקלאָז ביי אונדז. דאָס אומעסטעטישע אין אונדזערע לעבנס־פאָרמען, אין אונדזערע קולטור־פאָרמען, דאָס בטלנישע, אומשיינע, אומ־קינסטלערישע, וואָס איז נאָך אַזוי שטאַרק אין אונדזער ליטעראַטור, האָט ער פיינט געהאַט ביז צו זיין לעצטן אויגנבליק, און דערפאַר איז ער געוואָרן דער באַדייטנדיקסטער קריטיקער אין אונדזער ליטעראַטור.

פערציק יאָר כמעט האָט ער געפירט זיין קאַמף אַקעגן דעם אָפּגע־שטאַנענעם, דעם אָפּגעלאָזטן, דעם קליינשטעטלדיקן, דעם ישיבה־בחורישן אין אונדזער ליטעראַטור. און ער איז געווען איינזאַם, איינער אַליין אין זיין קאַמף. די מערסטע האָבן אים ניט פאַרשטאַנען און ניט אָפּגעשאַצט, אַזוי ווי ער האָט דאָס פאַרדינט. דעם גרעסטן טייל פון די שרייבער האָט ער וויי־געטאָן דורך זיין קריטיק. און דער גרויסער עולם האָט דאָך בעצם ווייניק פאַרשטענדעניש פאַר אַזאַ דערשיינונג, ווי ער איז געווען. אונדזער עולם האָט ליב ליריקער, פּרעדיקער, פּאַטעטיקער; מענטשן, וועלכע באַגייסטערן אים; שעפער פון הויכע און שיינע פראַזן, אָדער

פון נייע שלאָגווערטער. דער עטיקער, אָדער דער דענקער — זיי זיינען ביז היינט די אידעאַלן פון דעם יידישן לייענער. דער עסטעטיקער, דער שיינקייט־זוכער, דער ריינער קינסטלער — איז שטענדיק געווען פרעמד פאַר אים, און איז עס נאָך היינט.

דערפאַר טאַקע האָט זיך פרישמאַן געפילט אַזוי איינזאַם אין אונדזער ליטעראַטור. ער האָט געהאַט גרויס דערפאָלג און אַ שטאַרקע השפעה. מען האָט מורא געהאַט פאַר אים, און מען האָט אים רעספעקטירט, אָבער די אמתע אָנערקענונג האָט ער קיין מאָל ניט געפונען. מיר, יידן, האָבן ליב דאָס מאָנומענטאַלע, דאָס שווערע, דאָס פּאַטעטישע, דאָס מעכטיקע. לייכטקייט, גראַציע אימפּאָנירט אונדז ניט. אונדזער עולם איז נאָך ניט אַזוי אַנטוויקלט צו פאַרשטיין, אַז אין אַ לייכטן פעליעטאָן ליגט אָפט מאָל מער קונסט, מער טיפקייט, מער ערנסט, ווי אין אַ באַגייסטערטן שיר, אָדער אין אַ דיקן בוך. און בכלל מאַכט אויף אונדז אַן איינדרוק נאָר דאָס, וואָס מען זאָגט הויך, שטאַרק, עמפּאַטיש. ניט אומזיסט האָבן די נביאים גערעדט צו אונדז בקולי קולות. ניט אומזיסט האָט מען אונדז געגעבן די תורה מיט דונערן און בליצן. מיר זיינען אַן עם קשה־עורף און נעמען נאָר אָן דאָס, וואָס מ׳לייגט אויף אונדז אַרויף מיט געוואַלט.

דערפאַר אויך זיינען מיר אַזוי אומקינסטלעריש. קונסט איז שטענדיק די איבערווענדונג פון דער שווערקייט פון דער מאַטעריע דורך דער לייכטקייט פון דער פאָרעם. דער מהות פון דער קונסט איז דער ווילן צו לייכטקייט; זי וויל שוועבן, פליען, טאַנצן.

דוד פרישמאַן, דער קינסטלערישסטער פון אונדזערע שרייבער, איז געווען דער לייכטסטער פון זיי. עס זיינען פאַראַן ווייניק שאַפונגען אין אונדזער ליטעראַטור, וועלכע זיינען אַזוי קינסטלעריש אויסגעפאַרעמט ביז צום סוף, ווי אַ ריי פון דוד פרישמאַנס פעליעטאָנען, וואָס לייענען זיך אַזוי לייכט און גלאַט. דער גרויסער עולם האָט דאָס אָבער ניט פאַר־שטאַנען און האָט געזען אין דוד פרישמאַנען אַ מין זשורנאַליסט, אַ לייכטן, וויציקן פלוידערער. און ער האָט געליטן דערפון, וואָס מען האָט אים ניט ריכטיק אָנערקענט. אַ קריטיקער פון זיין באַדייטונג, פון זיין פרוכט־באַרקייט, וואָלט ביי אַן אַנדער פאָלק פאַרנומען די פּאָזיציע פון אַ מין אויבער־ריכטער פון דער ליטעראַטור, פון אַן אויטאָריטעט. ביי אונדז איז פרישמאַן געבליבן איינזאַם, אַליין, בעצם אַ זייטיקער. איך וועל קיין מאָל ניט פאַרגעסן, ווי ער האָט אַ מאָל אין אַ זומערנאַכט, גייענדיק איבער

די גאַסן פון בערלין, אויסגעגאָסן פאַר מיר זיין האַרץ — ער, וואָס איז אַלע מאָל געווען אַזוי פאַרשלאָסן און באַהערשט.

פאַר וועמען שאַף איך, און צו־וואָס שאַף איך? — האָט ער אויסגערופן — ווער פאַרשטייט מיך, ווער דאַרף מיך? קוקט אָן מיינע ביכער, אַ גאַנץ צימער קענט איר אויסשטעלן מיט זיי. פערציק יאָר שרייב איך און שרייב, און וואָס האָב איך דערגרייכט? אויב איך שרייב ניט אָן מאָרגן אַ פעל־יעטאָן, האָב איך ניט איבערמאָרגן וואָס צו עסן. און אַז איך וויל זיך אָוועקזעצן אויף אַ פאַר יאָר, זיין פריי פון דער טעגלעכער שרייבעריי, זיך אויסרוען; קאָנצענטרירן זיך אויף גרויסע אַרבעטן, וואָס איך טראָג זיי אין זיך אַרום אַזוי לאַנג, קען איך דאָס ניט טאָן.

אַ פאַר שעה האָט ער אַזוי געקלאָגט — ער, דער וויצלינג, דער איראָ־ניקער, דער פלוידערער. און איך האָב געשוויגן. איך האָב ניט געהאַט, וואָס צו ענטפערן. איך האָב געשוויגן און זיך און האָב זיך געשעמט פאַר אונדזער פאָלק, וואָס באַציט זיך אַזוי צו זיינע טאַלאַנטן.

אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן האָט פרישמאַן געליטן אינערלעך מער ווי פריִער. וואָס עלטער ער איז געוואָרן, אַלץ מער האָט אים אויס־געפילט דאָס טיפּישע ליידן פון אַלע קריטיקער־געשטאַלטן. דער ווייטאָג איבער דער צעוואָרפנקייט און צעריסנקייט פון זייערע שאַפונגען: דאָ אַ קריטיק, דאָרט אַ קריטיק; דאָ אַ פעליעטאָן, דאָרט עפּעס אָן אַנדערע זאַך — און אַ צענטראַל, בלייבנדיק ווערק איז ניטאָ. די דאָזיקע טראַגיק, זאָג איך, איז טיפּיש פאַר אַלע גרויסע קריטיקער. זי איז באַזונדערס שאַרף ביי קריטיקער אין אונדזער ליטעראַטור. ווייל אין אַנדערע ליטעראַטורן האָבן די קריטיקער די טרייסט פון אַ ברייטערווירקונג, פון אַ שטאַרקן רעזאָנאַנס. ביי אונדז פעלט אויך דאָס. די ווירקונג איז אָן ענגע, אַ באַ־שרענקטע, ווי בכלל אונדזער ליטעראַרישע וועלט. און דאָס באַוווּסטזיין פון אַ בלייבנדיקן ווערט, פון דויער און אייביקייט, איז אויך ניטאָ. אַ דאָפּלטע טראַגיק און אַ דאָפּלטער ווייטאָג.

פאַרשטייט מען איצט די נשמה פון פרישמאַנען, זיין שווער, טראַגיש לעבן? אַ מענטש, וואָס איז איינגעשלאָסן אין אַ וועלט וואָס איז פאַר אים צו ענג און קליין; אין אַ וועלט, וואָס פאַרשטייט אים ניט און ווייסט ניט ווי אַזוי אים צו שאַצן; אַ מענטש, וואָס פילט זיך, ווי אויף אַ פאַר־לאָרענער פּאָזיציע; וואָס ווייס, אַז בעצם קעמפט ער אָן אומזיסטן קאַמף; אַ מענטש, וואָס לעבט אין אַ שטענדיקער אַנטיפּאַטיע קעגן זיין מיליע;

אַ מענטש, וואָס איז איינער אַליין, אָן אמתע פריינד; אַ מענטש, וואָס בענקט נאָך אָנערקענונג און ליבע און וואַרעמקייט, און געפינט עס ניט, און — דאָס איז דאָס גרויסע — ער בלייבט פון דעסטוועגן געטריי זיין אויפגאַבע, פאַרלאָזט ניט זיין פּאָסטן, נאָר קעמפט פערציק יאָר אומדער־מידלעך, אָן פויזע, און דערפילט זיין באַרוף מיט אַ זעלטענעם פאַר־אַנטוואָרטלעכקייט־געפיל, מיט אַ טיפן ערנסט, און קלאָגט קיין מאָל ניט, קלאָגט ניט אָן, מאַכט ניט קיין פאַרוואָרף, נאָר שמייכלט שטענדיק און לאַכט און דערשיינט צופרידן און פריילעך.

פאַרשטייט מען די דערהויבנקייט פון אַזאַ נשמה, איר איידלקייט, איר העלדישקייט, איר העראיזם?

ער איז געווען אַן אַריסטאָקראַט, דוד פרישמאַן, און אַ גיבור. מיט אַלע זיינע פעלערן, וואָס ער האָט ניט פאַרדעקט, איז ער געווען אַ גיבור. אַ מענטש, וואָס האָט ניט געמאַכט קיין קאָנצעסיעס, האָט געטאָן דאָס זייניקע, און האָט דאָך טיף אין זיין נשמה געצווייפלט אין אַלצדינג, האָט ניט געהאַט אין זיך קיין קוואַל פון קראַפט פאַר שטאַרקן גלויבן. ער איז געווען אַן אויסערגעוויינלעכע דערשיינונג ביי אונדז: אַ ניט־פאַרשטאַנענער, ווי קיין שום אַנדערער ניט; פול מיט דערנער און שטעכלקעס, ביטער, גאַליק — און פאַרט איז ער — פאַר דעם, וועלכער האָט אים פאַרשטאַנען — געווען איינע פון די נאָבלסטע, דערהויבנסטע, סימפּאַטישסטע דערשיינונגען אין אונדזער ליטעראַטור.

ער האָט שווער געלעבט. ער איז שווער געשטאָרבן, ווייל ער האָט ליב געהאַט דאָס לעבן אין זיין רייכקייט, אין זיין קאָלירפולקייט, אין זיין גלאַנץ. איך ווייס ניט, צי אונדזער פאָלק, וואָס האָט אַזוי ווייניק פאַרשטאַנען דוד פרישמאַנס ווערט, ווען ער האָט געלעבט, וועט פאַר־שטיין, וואָס מיר האָבן פאַרלוירן דורך זיין טויט. די אָבער, וועלכע האָבן אים פאַרשטאַנען, אים פאַרערט, און אים ליב געהאַט, בייגן זיך איצט פאַר אים ווי פאַר אַ גיבור, וואָס האָט געלעבט העראיש און איז געשטאָרבן העראיש, מיט אַ העלדישן שמייכל אויף די ליפּן.

1922

# הערמאַן כהן און זיינע "יידישע שריפטן"

ניטאָ היינט פאַר אַ יידישן שרייבער, פאַר אַ יידישן דענקער, אַ שווערערע טעמע, אַ געפערלעכערע טעמע, ווי וועגן יידנטום. די טעמע איז אַזוי אָפּגענוצט, אַזוי אויסגעשעפּט, אַזוי עקספּלואַטירט. טויזנטער יאָרן זיצן יידן און האַלטן אין איין טראַכטן און שרייבן וועגן יידנטום. טויזנטער יאָרן זיצן אַנדערע יידן און האַלטן אין איין הערן און לייענען וועגן יידנטום. וואָס קען מען אונדז זאָגן נייס? וואָס קען נאָך דערשיטערן, איבערראַשן? מען דאַרף האָבן אַ סך עם הארצות, אָדער אַ גרויסע זעלבסטזיכערקייט צו שרייבן נאָך היינט וועגן יידנטום.

מען דאַרף אויך פאַרמאָגן אַ גרויסע דאָזע אָפּטימיזם פון אַ לעזער, כדי צו נעמען אין דער האַנט אַריין איינס פון די פיל ביכער וועגן יידנטום, וואָס הערן ניט אויף צו דערשיינען, און צו לייענען. איך, צום ווייניקסטן, בין זייער סקעפּטיש אין מיין באַציִונג צו דער דאָזיקער גאַנצער ליטעראַטור. איך וואָלט שוין וועלן, אַז יידן זאָלן אויפהערן צו טראַכטן און צו שרייבן וועגן זייער יידנטום. זאָלן זיי אַלץ טאָן — בויען הייזער, פאַרדינען געלט, זיך פאַרליבן, זיך אַמוזירן, אָבער ניט מער טראַכטן כסדר וועגן זיך. גענוג מיט דעם זעלבסטאַנאַליז, גענוג מיט דעם היפּנאָטישן בליק אויף זיך אַליין. אַז איך זע אַ ניי בוך וועגן יידנטום, כאַפּט מיך אָן אַ כעס: נאָך אַ קלאָץ צו די טויזנטער קלעצער, וואָס מיר שלעפּן שוין אַרום מיט זיך ווי אַ ירושה פון די יאָרהונדערטער פון אונדזער גלות־געשיכטע. שוין צייט צו באַפרייען זיך דערפון און צו קענען אָטעמען לייכטער, פרייער.

דערפאַר בין איך מיט אַ גרויסן סקעפּטיציזם, און אפילו מיט אַ געפיל פון אומחשק, צוגעגאַנגען לייענען די דריי בענד געזאַמלטע שריפטן וועגן יידנטום פון הערמאַן כהן, וואָס די אַקאַדעמיע פאַר דער וויסנשאַפט פון יידנטום האָט אַרויסגעגעבן. ווען ניט דער נאָמען הערמאַן כהן אויף די ביכער, וואָלט איך זיי אוודאי אָוועקגעלייגט.

און עס איז געווען פאַר מיר אַ גרויסע איבערראַשונג. ס'איז געווען פאַר מיר איינע פון די שטאַרקסטע איבערלעבונגען, וואָס איך האָב געהאַט. איין אַרטיקל נאָכן אַנדערן האָב איך געלייענט, איין באַנד נאָכן צווייטן, און ווען איך האָב געענדיקט מיט דעם דריטן באַנד, בין איך געבליבן אונטער דער דערשיטערנדיקער ווירקונג פון אַ גרויסער גייסטי־קער איבערלעבונג.

שטענדיק פּאַסירט מיט מיר דאָס זעלבע ווען איך נעם לייענען די ביכער פון הערמאַן כהן. איך גיי צו מיט אינערלעכע שטערונגען, מיט ווידערשטאַנד, אָבער וואָס מער איך פאַרטיף זיך אין זיי, אַלץ מער פאַרכאַפּן זיי מיך. דערביי האַלט אין איין וואַקסן מיין אָפּאָזיציע קעגן זייער אינהאַלט, קעגן זייער געדאַנקענגאַנג. און ווען איך האַלט ביים פאַרענדיקן לייענען, ווייס איך, אַז איך קען ניט מסכים זיין מיט קיין איין איינציקן פון זייערע גרונט־געדאַנקען, אָבער דער אינערלעכער איינדרוק, די גייסטיק־זעלישע ווירקונג איז יעדעס מאָל אַן אומגעהויערע. איך זאָג "ניין" צו זייער אינהאַלט, און איך נעם אַראָפּ דעם הוט פאַר זייער שעפער. דאָס איז דער געוואַלדיקער כוח פון הערמאַן כהן.

ניטאָ, דאַכט זיך, נאָך אַ פילאָזאָף, וואָס האָט געשריבן אַזוי אַבסטראַקט, אַזוי ריין־געדאַנקלעך, ווי ער. ניטאָ נאָך איינער, אַזוי דאַכט זיך, וואָס זיינע ביכער זאָלן זיין אַזעלכע ריין־געדאַנקלעכע שאַפונגען, אַזוי באַפרייט פון געפילן, סענטימענטן, פערזענלעכע מאָמענטן, אַזוי פריי פון סוביעק־טיוויזם, ווי הערמאַן כהנס. און פון דעסטוועגן איז ניטאָ נאָך אַזאַ פילאָזאָף, וועמענס פערזענלעכקייט שטייט אַזוי קלאָר אין זיינע ביכער, אַזוי פּלאַסטיש הינטער די שורות און צווישן די שורות; וועמענס גאַנצע נשמה דריקט זיך אויס אַזוי קלאָר און שטאַרק אין יעדן פון זיינע געדאַנקען, ווי ס'איז דער פאַל ביי הערמאַן כהן. ווער עס האָט אַ בליק דערפאַר, זעט עס ביי יעדן וואָרט אין זיינע ביכער. און דאָס איז דער סוד פון דער אומגעהויערער ווירקונג, וואָס זיינע ווערק רופן אַרויס: שטענדיק שטייט זיין פיגור פאַר די אויגן. פאַראַן אַ סך, וואָס זעען אים ניט אין זיינע ביכער, וועלכע האָבן ניט קיין אויג דערפאַר, פאַרשטייען אים טאַקע ניט און קענען ניט מיט אים מיטגיין אויף פיל פון זיינע פאַרשלונגענע, קאָמפּליצירטע וועגן. בלייבט זיי דער סוד פון זיינע ביכער פאַרבאָרגן. אָבער ווער עס זעט אים, דער קען זיך ניט באַפרייען פון דער ווירקונג. מען קען צו אַלצדינג און צו איינצלנע אויספירן

זאָגן "ניין". מען קען זיך געפינען אין אַ פּרינציפּיעלער אָפּאָזיציע צו הערמאַן כהנס גאַנצן סיסטעם. מען קען אַלצדינג אָפּוועגדן. אָבער דער איינדרוק בלייבט ניט וויניקער שטאַרק, און אפשר נאָך שטאַרקער. אַ בוך פון הערמאַן כהן איז שטענדיק אַן איבערלעבונג.

אין וואָס ליגט דער סוד פון זיין ווירקונג? אין זיין ריינקייט, אין זיין קאָנסעקווענץ, אין זיין ריינער גייסטיקייט. אויב פילאָזאָפיע באַדייט דער פּרוּוו פון דער דערקלערונג און די באַהערשונג פון דעם לעבן דורך דעם גייסט, איז הערמאַן כהן דער ריינסטער רעפּרעזענטאַנט פון דער פילאָזאָפיע, וועלכער האָט ווען־עס־איז געלעבט. קיין מאָל האָט אַ מענטש ניט אַזוי שטאַרק, אַזוי פאַנאַטיש, אַזוי קאָנסעקווענט, אַזוי אָן איינ־זעעניש, פּראָקלאַמירט און פאַרטיידיקט די פּרעטענזיע פון גייסט אויף אַליינהערשאַפט אין דער וועלט, ווי ס'האָט דאָס געטאָן הערמאַן כהן. אַלע פילאָזאָפן פריִער פאַר אים האָבן איינגעזען אויך אַ ביסעלע ווירק־לעכקייט, אויסער דעם גייסט. זיי האָבן איבערגעלאָזן ערגעץ־ווו אַ ווינ־קעלע פאַר דעם אומבאַגרייפלעכן, איראַציאָנעלן, פאַר דער מאַטעריע, פאַר דעם כאַאָס; פאַר דעם, וואָס קען ניט ווערן פאַרשטאַנען, באַהערשט און אויפגעלייזט דורך דעם גייסט. פּלאַטאָ, שפּינאָזאַ, קאַנט, אפילו העגעל, דער ראַדיקאַלסטער פאַרטיידיקער פון גייסט אין דער געשיכטע — אַלע האָבן זיי אָנערקענט אַ גרענעץ פאַר דעם גייסט און האָבן איבערגעלאָזן אַ שטיק וועלט, וואָס שטייט ניט אונטער זיין הערשאַפט. הערמאַן כהן האָט קיין שום קאָנצעסיע ניט געמאַכט. ניטאָ פאַר אים קיין ווינקעלע, ווו דער גייסט זאָל ניט קענען רעגירן. ווירקלעכקייט, עמפּיריק, נאַטור־רעאַליטעט — פון איין זייט. איראַציאָנעלס, מיסטיק, אינטויִציע — פון דער אַנדערער זייט. ביידע האָט ער פּרובירט צו צעשטערן און אונטערצווואַרפן דער הערשאַפט פון דעם גייסט. ניטאָ קיין צוויי רשותן, קיין שום טיילונג, קיין דואַליזם, קיין פּלוראַליזם — איין פּרינציפּ רעגירט די וועלט, שאַפט די וועלט, האַלט די וועלט — דער גייסט. אַלץ איבעריקע איז פיקציע, איראַעל, אומוויכטיק.

די דאָזיקע ראַדיקאַלע גייסטיקייט, די דאָזיקע אומגעהויערע איינזייטי־קייט — איז דער סוד פון הערמאַן כהנס גרויסקייט און פון זיין געוואַלדיקער ווירקונג. ווארעם אַזאַ פּרינציפּ און אַזאַ ראַדיקאַליטעט איז שוין ניט מער עפּעס אַבסטראַקטס, אינטעלעקטועלס — דאָס איז נשמה און כאַראַקטער. הערמאַן כהן שטעלט פעסט אַפילו דעם קעגנטייל: פאַר

אים איז זיין פרינציפּ וויסנשאַפטלעכע דערקענטעניש, אָביעקטיווער אמת, עפּעס לאָגישעס, געדאַנקלעכס; עפּעס אַזעלכעס, וואָס לאָזט זיך באַווייזן. אין אמתן דריקט זיך דאָ אויס אַן אומגעהויערער סוביעקטיוויזם, דער פאַנאַטיזם פון אַ העראָישער נשמה, די אייגנקייט און ליידנשאַפט־לעכקייט פון אַ גרויסער פּערזענלעכקייט. און דאָס ווירקט. אָביעקטיווע אמתן ווירקן קיין מאָל ניט דערשיטערנדיק. דער אמת, אַז צוויי מאָל צוויי איז פיר, האָט נאָך קיינעם ניט דערשיטערט. ווירקן ווירקט נאָר אַ נשמה, אַ כאַראַקטער, אַ פּערזענלעכקייט, אַ העלד. דאָס העראָישע אין הערמאַן כהן איז דער סוד פון זיין גרויסקייט און פון זיין באַדייטונג. ער אַליין וואָלט אָפּגעווענדט אַזאַ באַהויפּטונג. ער וואָלט זי אַפילו ליידנ־שאַפטלעך באַקעמפט, ווייל אָביעקטיוו באַדייט זי די אַפּלייקענונג פון זיין גאַנצער פילאָזאָפיע, וואָס שטיצט זיך אויף דעם אָביעקטיוון אמת און אויף וויסנשאַפטלעכער ריכטיקייט. אָבער פון דעסטוועגן איז די באַהויפּטונג ריכטיק. ביי הערמאַן כהן חזרט זיך איבער אַן אַלטער פּאַראַדאָקס, וועלכן מען טרעפט ביי פיל גרויסע דענקער, די גרויסקייט פון זייער פּערזענלעכקייט לייקנט אָפּ זייער פילאָזאָפיע. זיי זיינען גרעסער, ווי זייערע געדאַנקען. הערמאַן כהנס אידעען זיינען אומנאַטירלעך, קינסט־לעך. זיי זיינען פּערזענלעך. אָבער זיין געשטאַלט, זיין פאַנאַטיזם, זיין קאַמף פאַר דעם גייסט, זיין העלדנטום אין דעם קאַמף, זיין סוביעקטיווע דערשיינונג — איז אומפאַרגעגנגלעך און אייביק.

זיין העלדנטום איז י י ד י ש : עס איז דאָס ריינסטע, גרעסטע יידנטום. אין הערמאַן כהן האָט דאָס יידנטום געפונען זיין ריינסטע פאַרקערפּערונג. איך באַטראַכט די גאַנצע יידישע גלות־געשיכטע, און איך געפין ניט קיין אַנדערע דערשיינונג, וואָס אין איר האָט דער גרונט־פּרינציפּ פון דעם יידנטום געפונען אַזאַ ריינע, קלאַסישע פאַרקערפּערונג, ווי אין הערמאַן כהן. אויב דער געניוס פון אַ פאָלק פאַרקערפּערט זיך אַ מאָל אין אַ שטערבלעכן מענטשן, איז דאָס פאַרגעקומען ביי הערמאַן כהן. די הערשאַפט פון דעם גייסט אין דער וועלט, די באַגרינדונג פון דער גאַנצער וועלט אויף דעם גייסטיקן פּרינציפּ, די בלינדקייט אַנטקעגן אַנדערע פּרינציפּן, די איינזייטיקייט פון דעם קולט פון דעם גייסטיקן. די רעליגיע פון דער אידעע — דאָס איז יידנטום. און דער פאַנאַטיזם אין דער רעליגיע, די ראַדיקאַליטעט, די איינזייטיקייט, דער קאַמף אַנטקעגן יעדן קאָמפּראָמיס — דאָס איז אויך יידנטום. מיר רופן דאָס: מאָנאָטעאיזם

איין גאָט האָט די וועלט באַשאַפן און רעגירט זי, און דער גאָט איז גייסטיק. "דו זאָלסט דיר ניט מאַכן קיין בילד פון אים" — אין דעם איינעם זאַץ האָט איר דאָס גאַנצע יידנטום. אין דעם איינעם זאַץ האָט איר די גאַנצע פילאָזאָפיע פון הערמאַן כהן. ער האָט דאָס יידנטום אַריינגעפירט אין דער וועלט־פילאָזאָפיע, וואָס ביז אים האָט עס נאָך ניט געהאַט אין איר אַזאַ ווערדיקן רעפּרעזענטאַנט. פילאָן איז געווען אַ געמיש פון יידנטום און גריכנטום. דער רמב״ם, יהודה הלוי, די אַנדערע מיטלעלטערלעכע פילאָזאָפן זיינען געווען נאַציאָנאַלע דענקער אָן וועלט־באַדייטונג. שפינאָזאַ, דער איינציקער יידישער וועלט־פילאָזאָף, איז געווען אַ קעגנער פון דעם יידישן פאָלק און פון דעם יידישן פּרינציפּ. אין כהנס פילאָזאָפיע האָט דאָס יידנטום געפונען זיין ערשטע גרויסע פילאָזאָפישע באַגרינדונג. ער האָט דעם מאָנאָטעיזם פּראָקלאַמירט אין דער פילאָזאָפיע. אַלע אַנדערע פילאָזאָפן זיינען פּלוראַליסטן, דואַליסטן אַנטקעגן אים. ער האָט געשאַפן די מאָנאָטעיִסטישע פילאָזאָפיע. איין פּרינציפּ: דער גייסט. און קיין שום אַנדערע זאַך אויסער אים. דער קלוגער קונא פישער האָט דאָס ריכטיק געפילט: "מער ראַסע, ווי פילאָזאָפיע", האָט ער געזאָגט וועגן הערמאַן כהן. דאָס צווייטע איז אַן אויסערלעכקייט, אָבער אין דעם ערשטן איז ער גערעכט. הערמאַן כהן איז דער פילאָזאָף פון דער יידישער ראַסע. פון משה רבינו, וואָס האָט פּראָקלאַמירט אין מדבר דעם איינציקן גאָט, ביז הערמאַן כהן, וואָס האָט פּראָקלאַמירט אין דער פילאָזאָפיע דעם איינציקן גייסטיקן גרונט־פּרינציפּ, פירט אַ גלייכע ליניע. ס'איז ראַדיקאַלער גייסטיקער מאָנאָטעיִזם.

דער מאָנאָטעיִזם ביי הערמאַן כהן איז דערשיטערנדיק אין זיינע ווערק, אַזוי ווי ער איז דערשיטערנדיק ביי אַלע זיינע פאָרגייער: ביי משה רבינו, ביי די נביאים, ביי די הרוגי ה׳, ביי אַלע פאַנאַטיקער, וואָס האָבן פריִער פאַר אים געקעמפט און געליטן. און דערפאַר איז קיין שום ווערק פון הערמאַן כהן ניט אַזוי דערשיטערנדיק, ווי זיינע "יידישע שריפטן". דאָ באַפרייט זיך זיין מאָנאָטעיִזם פון די פענטעס פון דער אַבסטראַקטער מעטאָדיק, פון דער מאַסקע פון דער וויסנשאַפטלעכער סיסטעמאַטיק, און ווייזט זיך אַרויס אָפן, קלאָר, פריי. דאָ דערלויבט זיך דער דענקער צו זיין געפילפול, ליידנשאַפטלעך, פאַלעמיש. און ווען מען לייענט דאָס ווערק, ווען מען לייענט, ווי הערמאַן כהן פירט דעם קאַמף פאַר זיין מאָנאָטעיִזם — האָט מען פאַר זיך אַ געוואַלדיק בילד. נאָך

געוואַלדיקער און אייַנדרוקספולער איז דער פּראָצעס פון זייַן אויפ־וואַכנדיקן און וואַקסנדיקן באַוווסטזייַן אין יידנטום. וואָרעם הערמאַן כהן האָט אָנגעהויבן צו ווירקן ווי אַן אומבאַוווסטזיניקער ייד, ווי אַ קינד פון דער אַסימילאַציע פון זייַן דור. לאַנגזאַם איז ער געוואָרן אַלץ מער באַוווסטזיניק, אַז אַלץ, וואָס ער שאַפט און פּראָקלאַמירט, איז יידנטום. פון דעם אומבאַוווסטזיניקן פאַרקעמפער פון יידישן גייסט איז ער געוואָרן דער באַוווסטזיניקער קעמפער און פאַרטיידיקער פון דעם יידנטום. און דער דאָזיקער פּראָצעס פון זייַן אַנטוויקלונג, וואָס האָט אים אויף דער עלטער געמאַכט פאַר דעם ליידנשאַפטלעכן, ראַדיקאַלסטן, טעמפּעראַמענטפולסטן פאַרטרעטער און אָנזאָגער פון יידישן גייסט אין אונדזער עפּאָכע — דער דאָזיקער פּראָצעס ווייזט זיך אַרויס אין זייַנע „יידישע שריפטן".

קורץ, דורך די „יידישע שריפטן" פאַרשטייט מען דאָס פילאָזאָפישע סיסטעם פון הערמאַן כהן. זייַן פילאָזאָפיע איז די געשיכטע פון זייַן גייסט. זייַנע „יידישע שריפטן" זייַנען די געשיכטע פון זייַן נשמה. דאָרט טרעט ער אַרויס געפּאַנצערט, באַוואָפנט מיט דער שטרענגער, סיסטעמאַטישער פילאָזאָפיע. דאָ ווייזט ער זיך נאַקעט, פרייַ, ניט פאַרהילט. דאָרט איז ער אפשר אימפּאָזאַנטער, דאָ איז ער ווירקזאַמער. דאָרט איז ער הערא:שער, דאָ איז ער דערשיטערנדיקער. מען פאַרשטייט אים, ווען מען נעמט בײדע צוזאַמען, דעם הערא:שן גייסט מיט דער רייַנער ליידנשאַפטלעכער נשמה. אין דעם צוזאַמען באַשטייט זייַן גרויסקייט. זייַן פילאָזאָפיע איז די פרוכט פון זייַן לעבן. אין זייַנע „יידישע שריפטן" האָט איר דעם וואָרצל פון זייַן עקזיסטענץ און פון זייַן קראַפט. אין דער דאָזיקער קאָנסטאַטירונג ליגט דער סוד פון זייַן וועזן און פון זייַן אייביקייט: אין זייַן יידנטום. ער טראָגט אין זיך די גרויסקייט פון אַ וועלט־פּרינציפּ, פון אַ וועלטפאָלק, און ער טראָגט אין זיך אויך די רייַנקייט און ליידנשאַפט פון אַ גרויסער אינדיווידועלער נשמה.

1928

# ד״ר סטיפען ווייז

געוויינלעך, ווען אַ רעדנער נעמט אָן אַן איינלאַדונג אַרויסצוטרעטן, טוט ער עס מיט אַ געפיל פון מקיים זיין אַ פליכט. ער פילט, אַז ער האָט עפּעס וואָס איבערצוגעבן זיין עולם, אַז ער האָט אַ באַשטימטן חוב לגבי זיינע צוהערער. ווען מאָריס מאַרגוליעס (ערן־סעקרעטאַר פון ״ברית ראשונים״ אין אַמעריקע), איז געקומען צו מיר און האָט מיך געבעטן צו רעדן וועגן סטיפען ווייזן, האָב איך גערן מסכים געווען, ניט אַזוי צוליב דער פליכט פאַר דעם עולם, ווי צוליב דער געלעגנהייט, וואָס איך אַליין וועל האָבן צו פאַרברענגען אַ שעה מיט טראַכטן וועגן אים. איך גלייב, אַז איך קאָן זאָגן אַז איך בין געווען זייער נאָענט מיט סטיפען ווייזן, באַזונדערס זינט איך בין געקומען קיין אַמעריקע, הגם איך האָב אים געקענט אויך פריִער. און עס איז פאַר מיר אַ גרויסער נחת זיך אָפּצוגעבן אַ שעה צייט מיט אים און מיט זיין פּערזענלעכקייט. עס איז איינע פון די כאַראַקטער־שטריכן פון גרויסע מענטשן, אַז זייער אָנדענק איז פאַר די, וואָס האָבן זיי גוט געקענט, פון אַ גרויסן ווערט, און זיי אַליין טראָגן דאָס מיט זיך זייער גאַנץ לעבן. זינט מיר האָבן פאַרלאָרן סטיפען ווייזן, טראַכט איך אָפט וועגן אים. איך פרעג זיך אַליין פון צייט צו צייט: ווי אַזוי וואָלט ער געהאַנדלט? וואָס פאַראַ ווירקונג וואָלט אויף אים געמאַכט די אָדער יענע ספּעציפישע לאַגע?

אין אַ לעבן, ווען מען איז שטענדיק פאַרנומען, ווען מען האָט כסדר אין אַרומפאָרן, איז ניט לייכט צו קאָנצענטרירן זיך און ווידמען אַ שעה צייט דעם אָנדענק פון סטיפען ווייזס פּערזענלעכקייט. און ווען איך דאַרף דאָס איצט טאָן, באַגריס איך גערן די דאָזיקע געלעגנהייט. אייער אָנוועזנהייט וועט מיר ניט שטערן, ווייל מיין רעדע וועט באמת זיין אַ מאָנאָלאָג מיט זיך אַליין וועגן סטיפען ווייזן.

איך וועל פּרווון באַהאַנדלען צוויי מינים מיט דער דאָזיקער מעטאָדע פון ״טראַכטן הויך״. איין ענין וועט זיין צו אַנאַליזירן ד״ר סטיפען

ווייזס פערזענלעכקייט. איך וועל פרעגן זיך אַליין, וואָס פאַר אַ מענטש איז ער געווען. ווען איך זאָג, אַז איך וויל אַנאַליזירן זיין פערזענלעכקייט, מיין איך צו דערגיין, וואָס אים האָט כאַראַקטעריזירט אַלס אַ גרויסן פירער פון יידן, פון ציוניסטן, פון מענטשלעכע ברואים. דאָס איז איין אַספּעקט פון אַ גרויסן מענטש. דאַן איז פאַראַן נאָך אַן אַספּעקט: יעדער מענטש, באַזונדערס אַ מענטש אין עפנטלעכן לעבן, טראָגט מיט זיך אַן אידעע, וועלכע ער וויל ברענגען צום אויסדרוק. ער רעפּרעזענטירט אַ באַשטימטע פילאָזאָפיע, געוויסע קאָנצעפּטן וועגן די פּראָבלעמען, וועלכע ער באַהאַנדלט. ווען מיר זאָגן: הערצל, איז עס ניט בלויז די פערזענלעכקייט פון הערצלען, עס איז הערצלס אויפפאַסונג פון יידישן פּראָבלעם. דאָס זעלבע באַציט זיך אויך צו אַ פערזענלעכקייט פון אַזאַ קאַליבער ווי ד״ר סטיפען ווייז. איך האַלט אַז זיין לעבנס־פילאָזאָפיע, זיין צוגאַנג צו יידישע פראַגן און צו ציוניסטישע פּראָבלעמען און זיין קאַריערע פון אַ גרויסן פירער, זיינען מער איינדרוקספול און אַנטפּלעקן אַ סך מער ווי ביכער, וואָס זיינען געשריבן געוואָרן וועגן אים. די פילאָזאָפיע פון סטיפען ווייז און זיין אויפפאַסונג פון יידישע און ציוניסטישע פּראָבלעמען זיינען פון גרויס וויכטיקייט פאַר דער ציוניסטישער באַוועגונג אין איצטיקן מאָמענט, באַזונדערס פאַר דעם אַמעריקאַנער ציוניזם. אויב עס איז פאַראַן אַ מעגלעכקייט פאַר אַ שטאַרקער ציוניסטישער באַוועגונג אין אַמעריקע, איז עס נאָר דאַן, אויב עס וועט זיך איר איינגעבן צו ווערן אַ סטיפען־ווייזישע ציוניסטישע באַוועגונג, וואָס וועט רעפּרעזענטירן אַזאַ צוגאַנג צו די אַמעריקאַנער יידישע פּראָבלעמען, ווו עס זאָל זיך ניט האַנדלען בלויז וועגן אַ טעאָרעטישער אידעע מיט אַ געוויסער אַבסטראַקטער אויפפאַסונג פון יידישן לעבן — וואָס האָט פאַר זיך אַליין אויך אַ גרויסן ווערט און איז זייער וויכטיק — נאָר זאָל אויך האָבן אַ שטאַרק אַקטועלע באַדייטונג. פּראַקטיש איז עס אַ פּראַגע פון לעבן און טויט פאַר דער ציוניסטישער באַוועגונג אין דעם דאָזיקן אַנטשיידנדיקן יידישן יישוב אין דער וועלט.

אָבער לאָמיר קודם־כל זאָגן אַ פּאָר ווערטער און אַנאַליזירן די פיגור פון סטיפען ווייז, ווי איך האָב אים געזען אין משך פון די פיל יאָרן, ווען איך האָב אים געקענט. איך מיין, אַז זיין פערזענלעכקייט אַלס אַ פירער, האָט אַרויסגעוויזן דריי כאַראַקטער־שטריכן, דריי מעלות. יעדע איינע פון זיי איז וויכטיק, אָבער די קאָמבינאַציע פון אַלע דריי צוזאַמען איז אַ זעל־

טענע דערשיינונג, כמעט איין־און־איינציק אין דעם זין. פון די דריי מעלות — וואָלט איך געזאָגט — איז די ערשטע געווען זיין שטאָלץ, די צווייטע — זיין מוט, און די דריטע — זיין פיינקייט. אָט די לעצטע מעלה מאַכט די דאָזיקע קאָמבינאַציע אַזוי זעלטן, ווייל די מערסטע שטאָלצע, מוטיקע און קעמפערישע פירער זיינען זייער ווייט פון זיין פיינע און אידעאַלע מענטשן. שטאַרקע געפילן פון ליבע מיט שטאַרקע געפילן פון שטאָלץ און מוט קאָמבינירן זיך ניט לייכט. איך וואָלט געקענט אילוסטרירן וואָס איך מיין, דורך ברענגען ביישפילן פון יידישע פירער פון מיין דור, אָבער צוליב פאַרשטענדלעכע טעמים וועל איך דאָס ניט טאָן. סטיפען ווייז איז געווען איינער פון די שטאָלצסטע מענטשן, וועלכע איך האָב געקענט, אָבער אין אַ גוטן זין. ער איז ניט געווען קיין מענטש מיט גאווה. ער האָט געהאַט אַ ביסל גאווה אין זיך, ווי יעדער איינער פון אונדז, אָבער ער האָט ניט גענדאַרפט זיין קיין בעל־גאווה — ניט אַזאַ פערזענלעכקייט פון זיין פאַרנעם און אַנזען. איר ווער זיך זיכער דערמאָנען, וואָס אוסישקין האָט אַ מאָל געזאָגט, ווען ער איז אַריינגעקומען אין אַ זאַל און עמעצער האָט אים פאַרגעשלאָגן אַן אָרט אויבן אָן ביים טיש. ״ניין, ניין״ — האָט ער געזאָגט — ״דאָרט, ווו איך זיץ, איז דער אויבנאָן״. סטיפען ווייז האָט געהערט צום דאָזיקן קאַליבער פון מענטשן. ער האָט זיך ניט גענייטיקט אין קליינע קאָמפלי־מענטן אָדער אין כבוד, ווייל אומעטום ווו ער האָט זיך באַוויזן, איז ער געווען די צענטראַלע פיגור.

מיר אַלע ווייסן, אַז ער איז געווען אַ זייער מוטיקער מענטש. דאָס איז געווען איינע פון זיינע הויפטשטריכן ווי אַ פירער. ער האָט ליב געהאַט צו דעמאָנסטרירן און אַרויסווייזן קוראַזש צו גיין ביז צום סוף אין אַ סיטואַציע, וואָס האָט אויסגעזען צו זיין שווער און האָפענונגסלאָז. ער האָט דאָס געטאָן ווי אַן אַמעריקאַנער און ווי אַ ייד. דאָס געהערן צו אַ מינדערהייט איז געווען מער צוציִענדיק פאַר אים ווי זיין אַ טייל פון דער מערהייט. ער האָט געהאַט אַ גרויסע הנאה ווען ער האָט געקענט זיך אַנטקעגנשטעלן אַ דאָמינירנדיקער שטרעמונג און דעמאָנסטרירן זיין מוט.

פון אַלע מענטשן, וועלכע איך האָב געקענט, איז ער געווען דער, וואָס האָט צום ווינציקסטן מורא געהאַט. איך בין געווען מיט אים צוזאַמען ביי געשפרעכן מיט גרויסע שטאַטסלייט, מעכטיקע פיגורן. ביי אַזעלכע געלעגנהייטן איז ער געווען ענלעך צו טעאָדאָר הערצל. דער איינדרוק,

וואָס ער האָט געמאַכט, איז ניט געווען אַזוי פיל צוליב די אַרגומענטן, וועלכע ער האָט אַרויסגעבראַכט, אָדער צוליב דער קראַפט פון זיין לאָגישער איבערצייגונגס־קראַפט, נאָר צוליב זיין פערזענלעכקייט. זיין דערשיינען איז געווען דער שטאַרקסטער אַרגומענט. עס האָט זיך באַוויזן אַ שטאָלצער ייד, וואָס רעפּרעזענטירט זיין פאָלק אויף אַ זייער ווערדיקן אופן, און דאָס האָט געהאַט אין זיך מער וואָג און האָט געווירקט שטאַרקער ווי אַ לאָגישער אַרגומענט, אָדער אַ וויסנשאַפטלעכע טעזע, וואָס איז אַרויסגעבראַכט געוואָרן דורך אַן אַנדערן.

זייענדיק — ווי איך האָב שוין געזאָגט — אַ שטאָלצער און זייער מוטיקער קעמפער, איז ער גלייכצייטיק אויך געווען איינער פון די פיינסטע מענטשן, וואָס איך האָב געקענט, און דאָס איז געווען, וואָס איך האָב אים צום מייניסטן ליב געהאַט. די, וואָס האָבן אים געקענט, ווייסן, אַז ער איז געווען לייכט צו ווערן בייז. עס זיינען געווען פאַלן, ווען איך האָב פּרעזידירט פאַרזאַמלונגען און איך וואָלט אים געדאַרפט רופן צו אָרדענונג. איך האָב דאָס אָבער קיין מאָל ניט געטאָן, ווייל אַפילו די, וועלכע ער האָט אַטאַקירט, זיינען קיין מאָל ניט געווען ברוגז אויף אים. מען איז געווען זיכער, אַז אין עטלעכע מינוט אַרום וועט ער בעטן ביי זיי אַנטשולדיקונג. זיי האָבן געפילט, אַז ער איז געבליבן דער פיינער מענטש אויך ווען ער איז געוואָרן אין כעס. ער איז געווען אַ מענטש פול מיט ליבע צו יענעמען.

אויף אַ טרויער־פאַרזאַמלונג פון יידישן וועלט־קאָנגרעס נאָך זיין טויט, האָב איך געזאָגט, אַז בכדי צו פאַרשטיין אַ פירער, דאַרף מען אויסגעפינען, וואָס האָט אים געבראַכט דערצו. מען ווערט אַ פירער צוליב פאַרשיידענע מאָטיוון. איינער קומט צו פירערשאַפט צוליב אידעאַליזם, צוליב דעם גלויבן אין אַן אידעאַל, וואָס מען וויל פאַרווירקלעכן; אַן אַנדערן טרייבט צו דער פירער־ראָלע זיין אַמביציע; מען ווערט אויך אַ פירער, ווייל מען איז דורשטיק נאָך מאַכט. און פאַראַן אַזעלכע, וואָס יאָגן זיך נאָך פירערשאַפט צוליב גאווה, צוליב דעם חשק צו ווערן באַקאַנט, באַרימט, כדי מען זאָל רעדן און שרייבן וועגן זיי. סטיפען ווייז האָט געהערט צו דער זעלטענער קאַטעגאָריע פון פירער, וועמענס דאָמינירנדיקע מאָטיוון זיינען געווען ליבע און פיינקייט. עס זיינען געווען נאָך אַנדערע מאָטיוון. ער האָט געהאַט זיין נאַטירלעכע אַמביציע, ווי יעדער פּאָליטישער פירער. איר קענט ניט זיין קיין פּאָליטישער פירער, ניט באַזיצנדיק אַ געוויסע

מאָס פון אַמביציע, אַ געוויסן פאַרלאַנג נאָך מאַכט — איר קענט דאָס אָנרופן איינפלוס ביים דורכפירן דאָס, וואָס מען וויל דורכפירן. אָבער סטיפען ווייזס הויפּט־מאָטיוון זיינען געווען ליבע און פיינקייט.

איך האָב קיין מאָל ניט געזען אַזאַ ייִד, ווי סטיפען ווייז — מיטן אויסנאַם פון יוסף שפּרינצאַק — וואָס האָט אַזוי ליב געהאַט ייִדן. איך פלעג איינ־טענהן מיט אים אַז ער זאָל ניט אָוועקגעבן זיין צייט אויף אַרומגיין און בעטן געלט פאַר אַן אָרעמאַן אָדער פאַר אַ יתום. ״איר מוזט זיך קאָנצענ־טרירן — האָב איך זיך געבעטן ביי אים — אויף גרויסע פּראָבלעמען. סוף־כל־סוף האָט איר בלויז פיר און צוואַנציק שעה אין טאָג״. אָבער פאַר אים איז ניט געווען קיין אונטערשייד צי ער קעמפט פאַר אַ ייִדישער מדינה, אָדער פאַר ראַטעווען אַ ייִדיש קינד. איך טרייב אפשר אַ ביסל איבער, אָבער איך ווייס ניט אין וואָס ער האָט אינוועסטירט מער עמאָציע, אפשר — די זעלבע אין דיביידע אָנשטרענגונגען. יעדעס מענטשלעכע וועזן איז אים געווען זייער נאָענט. אָט אָ די פיינקייט האָט געגעבן סטיפען ווייזן אַ באַזונדערע מעלה, וואָס עס באַזיצן זייער ווייניק אַנדערע ייִדישע פירער פון מיין דור — און איך קען זיי אַלע, געוויס ניט אין דער זעלבער מאָס.

איך וויל זאָגן עטלעכע ווערטער וועגן זיין דערשיינען אַלס אַ פירער. ער איז געווען אַ לעגענדאַרע פּערזענלעכקייט, אויך ביי זיין לעבן. פאַראַן זייער ווייניק ייִדן, וואָס האָבן דערגרייכט צו אַזאַ פּאָזיציע. ער איז געווען אַ לעגענדע צווישן אַ סך ייִדן שוין אין די יאָרן פון דער מלחמה, ווי הערצל איז דאָס געווען פריִער, פאַר אים. עס זיינען געווען ייִדישע שטעטלעך אין פּוילן, ווו מען האָט זייער ווייניק געוווּסט וועגן אַמעריקע, אָבער סטיפען ווייז איז געווען פאַר זיי אַ לעגענדאַרע פיגור. די דאָזיקע פּאָפּולאַריטעט זיינע — פּאָפּולאַריטעט איז ניט דאָס געהעריקע וואָרט, ווייל עס איז אַ שטאַרקע אונטערשאַצונג — איז געווען באַזירט אויף עטלעכע שטריכן פון זיין פּירערשאַפט. קודם־כל אויף זיין אויסערלעכער דערשיינונג. ייִדן שאַצן ניט גענוג אָפּ דעם גוטן אויסזען פון אַ פירער. די חכמי התלמוד האָבן אָפּגעשאַצט דעם שיינעם אויסזען פון אַ מנהיג און האָבן דאָס געהאַלטן פאַר אַ גרויסע מעלה. איינער פון די וויכטיקסטע סיבות פון הערצלס ווירקן איז געווען זיין אויסזען. ער האָט געהאַט אַ קע־ניגלעכע פיגור. איר קענט אַ סך לייענען וועגן דעם, וואָס פאַראַ שטאַרקן איינדרוק ער האָט געמאַכט אויף קייזער ווילהעלם און אויף אַנדערע, נאָך

איידער זיי האָבן געהערט פון אים אַ וואָרט. פאַר זיי איז דערשינען אַ קעניגלעכער ייד, אַ ייד, וואָס האָט געקענט ווערן דער קעניג פון זיין פאָלק. סטיפען וויז האָט געהערט צו דער דאָזיקער גאָט־געבענטשטער גרופּע. מיר האָבן ניט אַ סך אַזעלכע, ווי סטיפען וויז איז געווען, ווייל אין רעזולטאַט פון די יאָרהונדערטער געטאָ־לעבן קען מען ניט זאָגן, אַז די גאַלעריע פון יידישע פירער זאָל, פון פיזישן שטאַנדפּונקט, זיין די שענסטע אין דער וועלט. סטיפען וויז איז באמת געווען אַ קעניגלעכע פיגור. ווען ער איז אַריינגעקומען אין אויסערן־מיניסטעריום אין וואַשינג־טאָן, אין ווייסן הויז, אין אויסערן־מיניסטעריום פון אַן אַנדער לאַנד, האָט מען געפילט די אָנוועזנדיקייט פון אַ גרויסן ייד.

איך האָב אָפט געפּרוווט צו דערקלערן פאַר זיך אַליין זיין גרויסקייט אַלס רעדנער. ער איז געווען איינער פון די גרעסטע רעדנערס פון אונדזער דור, סיי אין יידישן און סיי אין ניט־יידישן לעבן. אָפט, ווען איך בין געזעסן און האָב געהערט זיינע רעדעס, האָב איך געפּרוווט אַנאַליזירן דעם אופן, די מעטאָדן, דעם כאַראַקטער, דעם תמצית פון זיינע אָראַטאָ־רישע אַרויסטריטן. דערלויבט מיר אָוועקצוגיין אַ ביסל אָן אַ זייט און זיך אויסדריקן מער פערזענלעך. איך בין אַ מאָל אין שיקאַגאָ, צוריק־געקומען אין מיין האָטעל פון אַ רעדע, וואָס איך האָב געהאַלטן און געטראָפן אונטן, אין זאַל זשאַבאָטינסקין. איך בין דעמאָלט געווען נאָענט פאַרבונדן מיט אים: מיר האָבן דאָןביידע באַקעמפט דעם פּלאַן וועגן שאַפן אַן אויסגעברייטערטע יידישע אַגענץ. „איך האָב גאַרנישט געוווּסט, אַז איר זענט אין שיקאַגאָ" — האָב איך זיך אָנגערופן צו אים — „וואָס טוט איר דאָ?" — „איך קום נאָר וואָס צוריק פון אַ רעדע אויף אַ סטו־דענטן־פאַרזאַמלונג" — האָט ער געזאָגט. „אַ סטודענטן־פאַרזאַמלונג? איך האָב ניט געהערט וועגן דעם. און וויפל זיינען געווען סטודענטן?" — האָב איך אים געפרעגט. „אַרום צוואַנציק אָדער פינף און צוואַנציק" — האָט ער געענטפערט. „און ווי לאַנג האָט איר גערעדט?" — האָב איך אים ווייטער געפרעגט. „בערך צוויי און אַ האַלבע שעה" — איז געווען זיין ענטפער. „צו פינף און צוואַנציק סטודענטן רעדט איר צוויי און אַ האַלבע שעה?" האָב איך זיך געוווּנדערט.

צוליב דער דאָזיקער באַמערקונג מיינער האָט זיך אַנטוויקלט צווישן אונדז אַ דיסקוסיע, וואָס האָט זיך פאַרצויגן ביז צוויי אָדער דריי אַ זייגערביי נאַכט. וועגן דעם עצם פון דער אָראַטאָרישער קונסט. זשאַבאָטינסקי

האָט אַנטוויקלט אַ טעאָריע, וועלכע אַ סך רעדנער פּראַקטיצירן אפשר, אָבער קיינער פאַרשטייט זי ניט אַזוי קלאָר, ווי ער האָט זי פאָרמולירט. "מיינע אַ רעדע" — האָט ער געזאָגט — "איז אַ קונסטווערק. גייט עס אַן דער דשיאָקאָנדאַ, צי עס קוקט אויף איר איין מענטש אָדער פופציק, אָדער הונדערט מענטשן? רירט עס אַן אַ סקולפּטור פון מיקל אַנדזשעלאָ צי עס קוקט עמעצער אויף איר, אָדער זי ווערט באַטראַכט פון טויזנטער און מיליאָנען מענטשן? אַז איך האַלט אַ רעדע, איז בעסער פאַר דער אידעע ווען עס זיינען פאַראַן צוויי טויזנט צוהערער, אָבער אויב עס זיינען פאַראַן בלויז פינף מענטשן, איז עס די זעלבע רעדע. עס איז אַן אָביעקטיוו קונסטווערק, וואָס האָט זיין אייגענע פאָרעם". איך האָב געענטפערט זשאַבאָטינסקין, אַז דאָס איז אַ שלעכטער אופן פון האַלטן רעדעס. אַן אמתע רעדע איז לויט מיין מיינונג, אַ דיאַלאָג. איר רעדט צו אייער עולם, זיי רעאַגירן ניט אַלע מאָל גינסטיק. אַ מאָל ענטפערן זיי דורך פּראָטעס־טירן און מאַכן צווישנרופן.

איך זאָג ניט, אַז דער דאָזיקער אופן פון האַלטן אַ רעדע איז אַ העכערער פון זשאַבאָטינסקיס. זאב זשאַבאָטינסקי איז געווען איינער פון די גרעסטע רעדנערס פון אונדזער דור. איך האַלט, אַז מער עפעקטיוו איז אַ רעדע, אין וועלכער איר לאָזט זיך אַריין אין אַ דיאַלאָג. אַ רעדע איז ניט עפּעס אַזעלכעס, וואָס באַזירט זיך אויף זיך אַליין, נאָר וואָס אַנטוויקלט זיך פון אייער קאָנטאַקט מיט דעם עולם, מיט דעם פאָלק, מיט דעם קאָנגרעס, מיט דער קאָנפערענץ, פאַר וועלכער איר טרעט אַרויס. מיר ענדערן אַ רעדע, לויט דער שטימונג, לויט דער אַטמאָספער, וואָס שאַפט זיך. אַ מאָל פאַרקירצן מיר אַ רעדע, און אַ מאָל פאַרלענגערן מיר זי, וואַרפן אַריין אַן אַנעקדאָט, אַ פערזענלעכע באַמערקונג. עס איז אַ דיאַלאָג, ווו איין צד שווייגט און דער אַנדערער רעדט, און דאָך איז עס אַ דיאַלאָג.

סטיפען ווייז האָט געהערט צו דער דאָזיקער קאַטעגאָריע רעדנערס. עס איז פאַראַן איין וועג פאַר אויספּרווון דעם ווערט פון די צוויי מינים רעדעס. די רעדעס פון זשאַבאָטינסקיס קאַטעגאָריע, בעת איר לייענט זיי, קענען זיי האָבן זייער באַדייטונג, הגם זיי פאַרלירן 50% אָדער 60% פון זייער ווירקונג. ווען איר לייענט אַ רעדע פון סטיפען ווייז וועט איר קיין מאָל ניט באַגרייפן דעם איינדרוק, וואָס זי האָט געמאַכט. איר דאַרפט זי הערן, איר דאַרפט זען דעם רעדנער, ווייל דאָס איז עפּעס אַזוינס, וואָס פליסט אַרויס פון זיין פערזענלעכקייט, פון אַ פירער, וואָס רעדט צום

פּאָלק. אין דעם דאָזיקן דיאַלאָג, אין דעם אויסטויש פון עמאָציעס צווישן אים און זיין עולם צוהערער, ליגט דער ספּעציפישער כאַראַקטער פון דעם מין רעדן.

איך וויל מאַכן נאָך אַ באַמערקונג וועגן סטיפען ווייזס פּערזענלעכקייט, ווי איך האָב אים אָבסערווירט אין עפנטלעכן לעבן. איך האָב געפילט, אַז אומעטום ווערן מענטשן שטאַרק באַאיינפלוסט פון זיין אויפריכטיקייט. אַפילו, ווען איר האָט ניט איינגעשטימט מיט אים, האָט ער אויף אייך געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק. איר האָט געפילט, אַז ווען אַפילו ער מאַכט אַ טעות אין זיין פּאָליטישער איינשטעלונג, אָדער אין זיינעם אַן אַנאַליז פון דער לאַגע און פון די פאַקטן — מיינט ער עס אויפריכטיק. ער קעמפט פאַר דער אידעע און ניט פאַר זיין אייגענער פּאָזיציע. פון צייט צו צייט האָט מען געצווייפלט אין דער ריכטיקייט פון זיינע מיינונגען און אויפפאַסונגען, אָבער קיין מאָל האָט קיינער ניט געשטעלט אין ספק די אַבסאָלוטע אויפריכטיקייט פון זיינע מאָטיווירונגען. דאָס דערקלערט דעם גרויסן צוטרוי, וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט געהאַט צו אים. אַ פירער באַקומט זיין מאָראַלישן אויטאָריטעט ווען דאָס פאָלק פילט, אַז אַלץ וואָס ער זאָגט זיי, דרינגט אַרויס פון זיין באַטראַכטן און פאַרשטיין די לאַגע, דאָס פּראָבלעם. ער קען, אָביעקטיוו גענומען, מאַכן אַ טעות, אָבער ער טוט דאָס ניט כדי צו פאַרגרעסערן זיין קאַריערע אָדער שטאַרקן זיין פּאָזיציע. סטיפען ווייז איז געווען דער היפוך פון אַ טאַקטיקער און איך האָב דאָס אים אָפט געזאָגט. "ווען עס קומט צו פירן אַ געוויסן קאַמף אין קאָנגרעס — לאָזט איבער די טאַקטיק פאַר מיר" — פלעג איך אים זאָגן. אָבער אַפילו זיינע קעגנער האָבן געהאַט אַן אומגעהויערן רעספּעקט פאַר זיין אויפריכטיקייט, פאַר דער ערלעכקייט פון זיינע מאָטיוון. זיי האָבן געוווסט, אַז ער קעמפט פאַר אַן אידעע, פאַר אַ פּרינציפּ.

לאָמיר איצט אַריבערגיין צו אַן אַנדערן אַספּעקט, וואָס קען זיין מער וויכטיק פאַר זיין אויפפאַסונג פון ציוניזם און פון יידישן לעבן. איך וועל ניט מאַכן קיין אונטערשייד צווישן סטיפען ווייזן דעם ציוניסט און דעם ייד, ווייל פאַר אים זיינען ביידע געווען פולשטענדיק אידענטיש. ציוניזם איז ניט געווען קיין באַזונדערער טייל פון זיין לעבן אָדער פון זיין אויפפאַסונג פון יידישן לעבן. ער האָט פאַרשטאַנען דעם ציוניזם ווי אַן אינטעגראַלן טייל פון זיין לעבן. ביי יעדן מענטש באַזירט זיך זיין כאַראַקטער אין דעם עצם פון זיין פערזענלעכן יש אויף זיין לעבנס-

פילאָזאָפיע. נאָר נאַיווע סטודענטן אין דייטשע אוניווערסיטעטן גלייבן, אַז עס איז פאַראַן אַן אָביעקטיווע פילאָזאָפיע וואָס איז אומאָפּהענגיק פון דעם פילאָזאָף. פילאָזאָפיע איז דער אויסדרוק פון אַ מענטשלעכן וועזן מיט אַלע זיינע אייגנשאַפטן און מיט זיין צוגאַנג צום לעבן אין אַן אַלגעמיינער אויפפאַסונג. יעדע פילאָזאָפיע האָט אין זיך דעם סטיל פון דעם פילאָזאָף, וואָס שטייט הינטער איר. סטיפען וויזס שטאַלץ אַלס אַ ייד האָט אין אַ זייער גרויסער מאָס מאָטיווירט זיין ציוניזם. ער איז געקומען צום ציוניזם צוליב ענלעכע מאָטיוון ווי הערצל.

עס זיינען פאַראַן זייער אַ סך טעמים פאַר דער אידעע פון ציוניזם, פון אַ היסטאָרישן שטאַנדפּונקט. אין יענע אַלטע צייטן האָט מען געקענט ווערן אַ ציוניסט פון רחמנות אויף די אָרעמע יידן — צוליב זייערע ליידן, צוליב די שווידערלעכע לעבנס־באַדינגונגען אין צאַרישן רוסלאַנד, צוליב די אַנטיסעמיטישע רדיפות אין רומעניע. מען האָט געקענט איינזען אין ציוניזם אַ לייזונג, אַ דאַנק וועלכער די ליידנדיקע יידן וועלן האָבן אַן אַנשטענדיק עקאָנאָמיש לעבן. איר האָט געקענט ווערן אַ ציוניסט איבער דער געפאַר פון פאַגראָמען און אַנטיסעמיטיזם. די מערסטע פון די מזרח־אייראָפּעאישע דענקער פון ציוניזם זיינען באַוועגט געוואָרן דורך אַזעלכע מאָטיוון. הערצל, אַן אַסימילירטער ייד, האָט ניט געוווּסט גאָרניט, אָדער זייער ווייניק, וועגן דער לאַגע פון יידן אין מזרח־אייראָפּע. ער איז געקומען צו ציוניזם איבער דעם געפיל, אַז ער איז באַליידיקט געוואָרן אין זיין שטאָלץ אַלס אַ ייד.

עפּעס ענלעכס איז געשען מיט סטיפען וויזן. ער איז אויסגעוואַקסן אין אַמעריקע. אין יענער צייט איז ער ניט געווען באַקאַנט מיט דער נויט פון די מזרח־אייראָפּעאישע יידן, הגם ער האָט זייער גיך זיך דערוווּסט וועגן דעם. עס איז אויך געווען אַ יידישע נויט אין אַמעריקע, אָבער אַן אַ שום פאַרגלייך מיט דער פון די יידן אין צאַרישן רוסלאַנד אָדער אין די פּוילישע געטאָס. אויך סטיפען וויז האָט געשטאַמט פון אַן אַסימי־לירטער סביבה. ער איז ניט געקומען צום ציוניזם און צו יידישער פּיעטעט־שאַפט פון חדר, אָדער פון דער ישיבה און פון יידישן שטעטל. זייענדיק אַ שטאָלצער מענטש איז איינע פון זיינע הויפּט־מאָטיוון צו ווערן אַ ציוניסט געווען: מיר מוזן ווערן די בעלי־בתים פון אונדזער אייגענעם גורל, מיר קענען מער ניט צולאָזן, אַז ניט־יידן זאָלן באַשטימען אונדזער גורל. עס איז ניט קיין חילוק צי מיר האָבן גוטע גוים אַלס פריינד און

שלעכטע גויִים אַלס שונאים; אין אַ געוויסער מאָס איז עס די זעלבע אומווערדיקייט. מיר קענען זיך ניט דערלויבן מער צו ווערן געהאָלפן דורך פריינד און צו פאַרלאָזן זיך אויף זיי, אָדער צו ווערן גערודפט דורך שונאים. מיר מוזן זיין אין דער לאַגע צו קענען אַליין באַשטימען אונדזער גורל. דעריבער מוזן מיר האָבן אַ יידיש היימלאַנד אָדער אַ מדינה — די פאָרמולירונג איז איצט ניט דער עיקר. אין דעם זין איז ער געווען אַ הערצלשער ציוניסט. איך רעד איצט ניט וועגן הערצלס מעטאָדן. אין דער פסיכאָלאָגישער מאָטיווירונג פון זיין ציוניזם איז סטיפען ווייז געווען אַ הערצלשער ציוניסט. זייענדיק אַ שטאָלצער מענטש און שטאָלצער ייד, האָט ער ניט געקענט אָקצעפּטירן די דערנידערנדיקע פּאָזיציע פון יידישן פאָלק צו זיין דער אָביעקט פון אַנדערע פעלקער פאַר זייערע צילן.

ער איז געווען אַ גרויסער מאַמין אין דעם פּרינציפּ, אַז עס איז פאַראַן איין יידיש פאָלק אין דער גאַנצער וועלט. איך גלייב, אַז אין דער היינטיקער דאַרף ער זיין איינער פון די גרעסטע לערעס פון אונדזער יונגן דור. זיין גלויבן אין דעם דאָזיקן פּרינציפּ און דער אייניקייט פון יידישן פאָלק האָט אים געפירט צו דער באַוועגונג פאַרן יידישן וועלט־קאָנגרעס און אָט דער גלויבן איז געווען די פונדאַמענטאַלע אידעע פון זיין אויפפאַסונג פון יידישן לעבן. די אייניקייט פון יידישן פאָלק איז לויט מיין מיינונג היינט־צו־טאָג אין אַ געוויסער סכנה. ס'איז פאַראַן אַ גרויסע טענדענץ ביי אַ סך יידישע קהילות צו האַנדלען סעפּאַראַט, אויף אייגענער האַנט. זיי פאַרגעסן, אַז יעדער מין פון איזאָלאַציאָניזם אין יידישן לעבן מיינט דעם סוף פון דעם באַטרעפנדיקן יידישן יישוב — אַפילו פון אַזאַ מעכטיקן יידישן קיבוץ ווי דאָס אַמעריקאַנער יידנטום. וואָס האַלט אונדז צוזאַמען אין די תפוצות, איז די אַבסאָלוטע איבערצייגונג און דער פולער באַוווסטזיין וועגן דער אייניקייט פון אונדזער פאָלק, ניט געקוקט אויף זיין צעזייטקייט און צעשפּרייטקייט. עס איז דער גרויסער נס פון גלות, וואָס מיר האָבן אויפגעהאַלטן דאָס דאָזיקע באַוווסטזיין. יענע טיילן פונעם יידישן פאָלק, וועלכע האָבן עס פאַרלאָרן, זיינען פאַרשוווּנדן. גרויסע היסטאָריקער זאָגן, אַז אויב אַלע יידן וואָלטן פאַרבליבן יידן, וואָלטן מיר היינט געווען אַ פאָלק פון לכל־הפחות הונדערטס צוואַנציק ביז הונדערט פופציק מיליאָן נפשות. וואָס עס איז פאַרבליבן פון אונדז, איז אַ קליינע מינדערהייט, וואָס האָט אָנגעהאַלטן דעם המשך פון דער יידישער געשיכטע און די אייניקייט פונעם יידישן פאָלק.

סטיפען ווייז האָט געשאַפן די אידעע פון יידישן וועלט־קאָנגרעס. מיר ביידע זיינען די גרינדער פון יידישן וועלט־קאָנגרעס, אָבער ער האָט מיך אַריינגעפירט אין דער קאָנגרעס־באַוועגונג. מעגלעך, אַז איך וואָלט שפּעטער צוגעשטאַנען צום קאָנגרעס אונטער אַן אַנדערן איינפלוס, אָבער עס איז געשען אַזוי, אַז ער האָט געדאַרפט איינטענהן מיט מיר חדשים לאַנג ביז ער האָט מיך איבערצייגט, אַז איך דאַרף אָנהייבן ווידמען אַ טייל פון מיין טעטיקייט, וואָס איז דאַן געווען אַן אויסשליסלעך־ציוניסטישע און העלפן אים שאַפן דעם יידישן וועלט־קאָנגרעס, ווי אַן אויסדרוק פונעם פּרינציפּ, אַז עס איז פאַראַן איין יידיש פאָלק אין דער וועלט. ער איז געווען דער גרעסטער פאַרשטייער פון דער דאָזיקער אידעע און זיין לערע בלייבט גילטיק פאַר אונדזער דור, באַזונדערס פאַרן אַמע־ריקאַנער יידנטום, וואָס האָט ווייניקער ווי יעדער אַנדערער יידישער יישוב געלערנט די לעקציע וועגן איין יידיש פאָלק און גלייבט, אַז דערפאַר ווייל אַמעריקאַנער יידן זיינען אַזוי רייך, אַזוי פאַרמעגלעך און אַזוי מעכטיק (לכל הפחות מיינען זיי אַז זיי זיינען מעכטיק), קענען זיי באַשיצן יידן פון אַנדערע לענדער, ניט זייענדיק אַליין קיין טייל פון דעם איינהייטלעכן יידישן פאָלק אין דער וועלט.

וואָס עס האָט כאַראַקטעריזירט סטיפען ווייזס אויפפאַסונג וועגן דער איינהייטלעכקייט פון יידישן פאָלק, איז געווען זיין טיפע איבערצייגונג און הייסער גלויבן אין יידישער דעמאָקראַטיע. ער איז אַריינגעקומען אין יידישן לעבן פריִער פון מיר, זייענדיק עלטער פון מיר. אָבער אויך ווען איך בין אַריינגעטראָטן אין יידישן לעבן, איז געווען כמעט די זעלבע לאַגע: מיר האָבן געהאַט די פאַרמעגלעכע און איינפלוסרייכע יידישע יישובים פון דער מערב־וועלט, די עמאַנציפּירטע יידן, מיט זייער צוטריט צו רעגירונגען און צו פּראָמינענטע ניט־יידישע פירער, און עס זיינען געווען די ניט־עמאַנציפּירטע גערודפטע יידן אין מזרח־אייראָפּע. ווען סטיפען ווייז איז אַריינגעקומען אין יידישן לעבן, איז עס געווען אַ גע־וואַגטקייט צו טראַכטן, אַז אַ פּוילישער ייד האָט די זעלבע רעכט צו זאָגן אַ דעה אין באַראַטונגען וועגן ענינים פון יידישן לעבן, ווי אַ רייכער אַמעריקאַנער ייד. היינט איז עס געוואָרן כמעט זעלבספאַרשטענדלעך, אָבער אין יענער צייט איז עס אַזוי ניט געווען. סטיפען ווייז האָט געקעמפט פאַר דעם פּרינציפּ מיט זיין אומגעהויערן טעמפּעראַמענט און ליידנשאַפט. דאָס האָט אים ניט געמאַכט זייער פּאָפּולער ביי די אַזוי גערופענע יידישע

פּאַטענטאַטן. און דאָ דערלויבט מיר צו דערציילן אַ פּערזענלעכע דער־רינערונג.

אַ מאָל בין איך געקומען צו סטיפען ווייזן נאָך דעם ווי איך האָב זיך געהאַט באַמיט צו געווינען די אַנגלאָ־דזשויש אַסאָסיאיישן, אַז זי זאָל צושטיין צום יידישן וועלט־קאָנגרעס. אין יענער צייט איז די דאָזיקע קערפּערשאַפט געווען אַ סך מער איינפלוסרייך ווי זי איז היינט. עטלעכע פון די רייכסטע און מעכטיקסטע ענגלישע יידן האָבן דאַן געהערט צו דער גרופּע. דער פּרעזידענט פון דער אַסאָסיאיישן איז דעמאָלט געווען לעאָנאַרד מאָנטעפיאָרע, אַן אייניקל פון סער מאָזעס מאָנטעפיאָרע. איך האָב געהאַט מיט אים אַ לאַנגן געשפּרעך. ער איז געווען זייער אַ פיינער מענטש, אַן ענגלישער אַדלמאַן. איך האָב גאָרניט קעגן אים. איך געדענק, ווי ער איז דערשראָקן געוואָרן ווען איך האָב אים געזאָגט, אַז מיר ווילן שאַפן אַ יידישן וועלט־קאָנגרעס. "און די פּוילישע יידן וועלן האָבן דעם זעלבן סטאַטוס ווי מיר?" — האָט ער מיך געפרעגט. "זיי זיינען דריי מיליאָן, און מיר זיינען בלויז פיר הונדערט טויזנט". "מיינט דאָס, אַז זיי וועלן האָבן די מערהייט" — האָט ער ווייטער געזאָגט. "יאָ" — האָב איך ווידער אַ מאָל דערקלערט. "אַ ניין" — האָט ער געענטפערט — "דאָס איז ניט קיין ענין פאַר מיר. איר קענט זאָגן אייערע פּויליש־יידישע פריינד, אַז ווען זיי וועלן זיך נייטיקן אין מיין הילף אָדער אין מיין שוץ וועלן זיי דאָס קריגן, אָבער איך וועל ניט זיצן מיט זיי ביי איין טיש אויף אַ גלייכער באַזיס".

איר ווייסט, אַז איך בין אַ געלאַסענער מענטש; איך ווער ניט אַזוי לייכט אויפגערעגט. האָב איך אַ שמייכל געטאָן און געזאָגט: "גוט, מיסטער מאָנטעפיאָרע, מיר וועלן שוין דאַרפן שאַפן דעם יידישן וועלט־קאָנגרעס אָן אייך". אָבער, ווען איך האָב עס דערציילט סטיפען ווייזן, איז ער געוואָרן אין גאַנצן אָנגעצונדן. "איך וועל אים דערהרגענען, דעם דאָזיקן מענטש" — האָט ער גענומען שרייען — "איך וועל פליען קיין לאָנדאָן. אַ חוצפה פון אים צו זאָגן אַזאַ זאַך. ער וויל באַשיצן די פּוילישע יידן און וויל ניט זיצן צוזאַמען מיט זיי ווי מיט גלייכע". איך האָב אין דעם מאָמענט געפילט ווי טיף און ווי שטאַרק איז זיין געטריישאַפט צום פּרינציפּ פון יידישער דעמאָקראַטיע. פאַר אים איז עס ניט געווען בלויז אַן אויפפאַסונג, אַ באַגריף, נאָר דער מאָטיוו פון זיין לעבן. ער האָט רעספּעקטירט יעדן ייד פון יעדן יידישן יישוב. די רייכע יידן און די אָרעמע יידן, די פּראָ־

טעקסטאָרס און די פּראָטעזשירטע זיינען פּאַר אים געווען גלייך. דעם דאָזיקן עלעמענט פון זיין פּערזענלעכקייט איז כדאי באַזונדערס צו אונ־טערשטרייכן.

ער האָט ניט געהאַט קיין צו שטאַרקן דרך־ארץ פאַר די רייכע יידן, און ער איז געווען גערעכט. דאָס מיינט ניט צו זאָגן, אַז עס זיינען ניט פאַראַן אַ סך וואונדערלעכע רייכע יידן. ער האָט פאַרויסגעזען, אַז די עשירות פון די אַמעריקאַנער יידן איז פּונקט אַזאַ ברכה, ווי זי קען ווערן אַ קללה, און איך האָב מסכים געווען מיט אים. איך רעד ניט פון אַ ריין־רעאַליסטישן שטאַנדפּונקט. איך בין איבערצייגט, אַז פון אַ וויטן בליק קען די דאָזיקע גרויסע עשירות פון אַמעריקאַנער יידנטום פירן צו דעם חורבן פון גאַנצן יידישן קהילה־לעבן. אַמעריקאַנער יידן האָבן אַזעלכע וואונדערלעכע אינסטיטוציעס, ווי סינאַגאָגעס, שפּיטאָלן און אַנדערע. איך ווייס אויך וועגן דעם, וואָס אַמעריקאַנער יידן האָבן געטאָן פאַר אַנדערע יידישע קיבוצים אין דער וועלט. אָבער דאָס האָט פאַרטריבן די אינטע־לעקטועלע פון אַמעריקאַנער יידישן לעבן. כדי צו ווערן אַ פירער איז דעצידירנדיק אייער עשירות און וויפל געלט איר גיט. נאַטירלעך טרייב איך איבער אַ ביסל. עס זיינען פאַראַן גרויסע ראַביים, וועלכע האָבן אַן איינפלוס. ד״ר מרדכי קאַפּלאַן, צום ביישפּיל. זיי זיינען אָבער אַן אויסנאַם. איך רעד וועגן כלל, און ניט וועגן אויסנאַמען. איר האָט אין דעם לאַנד אַ זייער גרויסע צאָל אינטעלעקטועלע, וועלכע וועלן ניט וואָגן צוצושטיין צום יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן, ווייל אַלץ וואָס זיי קענען געבן איז טויזנט דאָלאַר פאַרן פאַראייניקטן יידישן אַפּיל — טאָ וואָס פאַראַ ראָלע קענען זיי שפּילן אין די קהילהשע אָרגאַניזאַציעס? די דאָזיקע גרויסע מאַכט פון עשירות באַציט זיך ניט בלויז צו יידישע געמיינדעס. ״אַזוי ווי עס קריסטלט זיך, אַזוי יידלט זיך״. ס׳איז קיין שום צווייפל ניט, אַז די דאָזיקע עשירות איז אַ גרויסע ברכה: זי גיט די מעגלעכקייט דעם אַמע־ריקאַנער יידנטום אָנצופירן מיט די פאַרשיידענע געזעלשאַפטלעכע טע־טיקייטן. אָבער מיך וואָלט וויניק אָנגעגאַנגען אויב אַ טייל פון די אינסטיטוציעס וואָלטן געווען אַ ביסל קלענער, ווען עס וואָלטן געווען וויניקער עקזעקוטיוו־דירעקטאָרן און בכלל וויניקער אָפיציעלע באַאַמטע אין אַמעריקאַנער יידישן לעבן און מיט קלענערע שכירות. ווייל סוף כל סוף זיינען די דאָזיקע איבערטרייבונגען עלול צו רו׳ניר׳ן דעם כאַראַקטער פון יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן.

וועלכע זיינען די פּראָבלעמען אַרום וועלכע עס וועלן געפירט קאַמפן אין אַמעריקאַנער יידישן לעבן? צי מען זאָל געבן מער געלט פאַר די ישראל־באָנדס אָדער פאַרן פּאַראייניקטן יידישן אַפּיל; צי די אָדער אַנ־דערע אינסטיטוציע זאָל ביישטייערן מער פאַר דער אַנטי־דיפאַרמיישן ליגע אָדער פאַרן אַמעריקאַנער יידישן קאָנגרעס. איך וואָלט גאָרניט געהאַט קעגן אַזעלכע דיסקוסיעס, ווען זיי וואָלטן אַרויסגעדרונגען פון אידעאָלאָגישע מאָטיוון. הינטער די דיסקוסיעס זיינען פאַראַן איינפלוסן פון דעם אָדער אַנדערן רייכן קלוב, פון די אָדער אַנדערע ביישטייערער. איר קומט אין אַן אַמעריקאַנער אינסטיטוציע, צום ביישפּיל אויף דער קאָנפערענץ פון די פּרעזידענטן פון די גרויסע יידישע אָרגאַניזאַציעס, וואָס איך האָב געשאַפן און בין געווען דער פאָרזיצער במשך פון אַ ריי יאָרן. וועגן וואָס ווערט דאָרט דיסקוטירט? — וועגן פּאָזיציעס. האָט איר אַן אמתן אידעאָלאָגישן קאַמף אין אַמעריקאַנער יידנטום? איך ווייס ניט וועגן אַזעלכע קאַמפן.

איך זאָג ניט, אַז סטיפען ווייז האָט דאָס פאַרויסגעזען אין אַלע פּרטים. אָבער זיין שאַרפער אינסטינקט, זיין שרעק, אַז די רייכע יידן וועלן איבערנעמען די פירערשאַפט אין אַמעריקאַנער יידישן לעבן, איז געווען אַ דאָמינירנדיקער פאַקטאָר אין זיין אַרבעט. איר ווייסט, אַז ער האָט אָנגעהויבן זיין קאַריערע מיט דער באַרימטער מחלוקת, וואָס ער האָט געפירט מיט דעם פּרעזידענט פון טעמפּל עמנואל אין ניו־יאָרק אַנט־קעגנשטעלנדיק זיך דעם פּרווו פון די רייכע באַלעבאַטים צו באַאייב־פלוסן אים, אָדער גאָר אָנצופירן מיט אים. זיין ערשטער גרויסער שריט אין זיין קאַריערע איז געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר זיין גאַנצן לעבן. ער האָט געהאַט אין דער הינזיכט אַ וווּנדערלעכן אינסטינקט. ער האָט געפילט די געפאַר, הגם זי איז נאָך ניט געווען אַזוי אַנטוויקלט און אַזוי שטאַרק ווי היינט. ווען איך אָבסערוויר דעם גאַנג פון אַמעריקאַנער יידישן לעבן אין די פופצן יאָר זינט סטיפן ווייז איז אַרויסגעריסן געוואָרן פון אונדז, פיל איך נאָך אַ מאָל און איבער אַ מאָל ווי גערעכט ער איז געווען אין זיין גרויסן פחד און חשד פאַר דעם איבערוועגנדיקן איינפלוס פון דעם געלט־אַספּעקט אין אַמעריקאַנער יידישן לעבן.

נאָך איין באַמערקונג וועגן זיין אויפפאַסונג פון יידישן לעבן, וואָס ברענגט מיך צום אויספיר, אַז ער וואָלט באמת געדאַרפט זיין דער לערער פון דער איצטיקער ציוניסטישער באַוועגונג, באַזונדערס אין אַמעריקע.

זיין ציוניזם איז ניט געווען באַגרענעצט צו ישראל, אָדער צו פּאַלעסטינע אין יענער צייט. איך האָב אַ מאָל געזאָגט, אַז ער איז געווען דער צום מיינסטן קאַטוילישער פירער אין יידישן לעבן. קאַטויליש — ניט אין זין פון דער קירך, נאָר אין זין פון אָריגינעלן גריכישן באַגריף פון זיין אַ פירער, וואָס נעמט אַרום אַלץ. עס איז ניט געווען קיין איין אַספּעקט פון יידישן לעבן, אין וועלכן ער זאָל ניט האָבן געווען פאַראינטערעסירט: ציוניזם, קאָנגרעס־באַוועגונג, קאַמף פאַר יידישע רעכט, קאַמף קעגן היטלערן. ער האָט געהאַט אַ טיפן אינטערעס אין אַלץ, וואָס איז יידיש: סיי יידישע קולטור, יידישע דערציִונג, יידישע רעליגיע. ער האָט אַפילו געפּרוּווט צו זיין טעטיק אויפן געביט פון פשוט העלפן יידן. עס איז ניט געווען קיין איין ספערע פון יידישן לעבן, צו וועלכן ער זאָל ניט האָבן געגעבן זיין גרויסן ביישטייער, ווייל אַלץ, צו וואָס ער האָט זיך צוגע־רירט, האָט ער באַאיינפלוסט אין אַ זייער גרויסער מאָס.

אָבער כאַראַקטעריסטיש פאַר זיין גאַנצער קאָנצעפּציע פון יידישער פּאָליטיק, ווי פון יידישן לעבן אין אַלגעמיין, איז געווען זיין אַבסאָלוטע קעגנערישע באַציִונג צו ספּעציאַליזאַציע. און אָט די ספּעציאַליזאַציע איז איינע פון די גרויסע געפאַרן אין אַמעריקאַנער יידישן לעבן. מ י י ן סיטואַציע, מ י י ן סינאַגאָגע, מ י י ן מושב־זקנים, מ י י ן שפּיטאָל. איך פיל דאָס יעדן טאָג, ווען איך רעד מיט אַמעריקאַנער יידישע פירער. איך זאָג צו זיי: ״אָבער דאָס איז שלעכט פון אַן אַלגעמיינעם שטאַנד־פּונקט״. זייער ענטפער איז: ״דער אַלגעמיינער שטאַנדפּונקט גייט מיך ניט אָן. איך דאַרף זאָרגן וועגן מיין אינסטיטוציע, וועגן מיין געמיינדע. איך בין זייער ראַביי. דאָס איז מיין דזשאָב״. קיינער האָט ניט אַזוי פיינט געהאַט די דאָזיקע ספּעציאַליזאַציע, דעם דאָזיקן אינסטיטוציאָנאַליזם אין אַמעריקאַנער יידישן לעבן, ווי סטיפען ווייז, ווייל ער האָט געזען דאָס גאַנצע בילד פאַר זיינע אויגן. ער וואָלט קיין מאָל ניט מסכים געווען צו אַרבעטן בלויז פאַר ארץ־ישראל, ווי דאָס האָבן געטאָן גרויסע ציוניסטישע פירער. איך געדענק די שאַרפע וויכוחים צווישן אים און ווייצמאַנען, וואָס איז געווען אַ גרויסער מנהיג, אָבער ער האָט אָפּגעוואָרפן יעדן אַנדערן אינטערעס אַחוץ צו ארץ־ישראל און צום ציוניזם. ווייצמאַן האָט אַרויס־געוויזן אַ שטאַרקן אינטערעס אין דער אַקציע צו ראַטעווען דייטשע יידן אין די ערשטע יאָרן פון נאַציזם, אָבער ער האָט זיך ניט אָפּגעגעבן מיט דער באַוועגונג פאַרן יידישן וועלט־קאָנגרעס, מיט דעם קאַמף פאַר יידישע

רעכט — ניט דערפֿאַר, ווייל ער זאָל האָבן געהאַלטן, אַז דאָס איז ניט נייטיק, נאָר ווייל ער האָט ניט געקענט אָפּשפּאָרן קיין צייט פֿון זיין ציוניסטישער אַרבעט. סטיפֿען ווייז האָט געטענהט צו ווייצמאַנען: "אָבער דאָס איז דאָך אַ באַשטאַנדטייל פֿון דעם זעלבן פּראָבלעם. אויב איר וועט פֿאַרלירן דעם גלות, וועט איר ניט האָבן קיין ארץ־ישראל. איר קענט אויפֿטאָן בלויז ביי דער גאַנצקייט פֿון יידישן לעבן". סטיפֿען ווייז איז געווען דער קלאַסישער פֿאַרשטייער פֿון דער דאָזיקער אויפֿפֿאַסונג פֿון יידישן לעבן.

די ציוניסטישע באַוועגונג הייבט אָן אָנצונעמען וואָס אַ מאָל מער סטיפֿען ווייזס קאָנצעפּציע פֿון ציוניזם. פֿריִער, פֿאַר דער מלחמה, האָבן אַ סך ציוניסטישע פֿירער אין מזרח־אייראָפּע געהאָט די דאָזיקע אַלגעמיינע אידעע פֿון ציוניזם און האָבן געווידמעט אַ טייל פֿון זייער אַרבעט פֿאַר יידישער דערציִונג און פֿאַר דעם קאַמף פֿאַר יידישע רעכט. אָבער אין דער מערב־וועלט, באַזונדערס אין אַמעריקאַנער ציוניזם, איז סטיפֿען ווייז פּאַקטיש געווען דער איינציקער אין דעם זין. לואי ליפּסקי האָט אין די שפּעטערדיקע יאָרן זיך אָפּגעגעבן מיט אַלגעמיינע יידישע אינטערעסן, ווי מיט זיין גרויסן אָנטייל אין דער גרינדונג פֿון דער אַמעריקאַנער־יידישער קאָנפֿערענץ און אין דער באַוועגונג פֿאַרן אַמעריקאַנער יידישן וועלט־קאָנגרעס.

דער אַמעריקאַנער ציוניזם האָט ניט נאָכגעטאָן דעם ביישפּיל פֿון סטיפֿען ווייזן. אויב די אַמעריקאַנער ציוניסטישע באַוועגונג איז געוואָרן דאָס, וואָס זי איז געוואָרן — און איך וויל ניט זיין צר־שאָרף אין מיינע באַמערקונגען — איז עס געשען דערפֿאַר, ווייל זי האָט אין משך פֿון צענדליקער יאָרן זיך איינגעשלאָסן אין אַ ווינקל מיט דער באַצייכענונג: "מיר אַרבעטן פֿאַר ארץ־ישראל". און וואָס איז וועגן דער הילפֿס־אַרבעט, וועגן אַמעריקאַנער דזשוינט, וועגן די געמיינדע־ראַטן? — ווען גייען אָן די אַלע פֿילאַנטראָפּישע טעטיקייטן? "מיר אַרבעטן פֿאַר ארץ־ישראל". און דער רעזולטאַט איז, אַז די אַמעריקאַנער ציוניסטן געפֿינען זיך ווייטער אין זייער ווינקל, און דאָס רייכע יידישע לעבן אין אַמעריקע גייט זיי פֿאַרביי. דאָס גרויסע אַמעריקאַנער יידיש געזעלשאַפֿטלעך לעבן גייט־אָן, און וויכטיקע אינסטיטוציעס זיינען געשאַפֿן געוואָרן אָן דעם אָנטייל פֿון די ציוניסטן. עס קען זיין, אַז דאָ און דאָרט ווערט אַ יחיד אַ ציוניסט — ניט געקוקט אויף דעם וואָס ער איז אַ ציוניסט — אַ לאָקאַלער פֿירער און

האָט אַן איינפלוס. אָבער איך רעד וועגן דער אָרגאַניזירטער ציוניסטישער באַוועגונג. וואָלטן די אַמעריקאַנער ציוניסטן נאָכגעטאָן דעם ביישפּיל פון סטיפען ווייזן, וואָלט איצט די ציוניסטישע באַוועגונג געווען דער צענ־טראַלער, אויב ניט דער דאָמינירנדיקער כוח אין אַמעריקאַנער יידישן לעבן. אויב עס איז בכלל דאָ אַן אויסזיכט פאַר דער ציוניסטישער באַ־וועגונג אין אַמעריקע צו קומען צוריק צו זיך און צוריקגעווינען אַ טייל פון די פּאָזיציעס, וואָס זי האָט פאַרנומען אין די צייטן פון סטיפען ווייז און לואי ליפּסקי, קען דאָס געשען נאָר דורך אַרויפגיין צוריק אויף דעם וועג, אויף וועלכן יענע זיינען געגאַנגען. די ציוניסטישע באַוועגונג דאַרף פילן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט, וואָס זי טראָגט איצט אויף זיך און דאַרף צוריקקריגן איר אָרט אין אַמעריקאַנער יידישן לעבן.

איך קער זיך אום צו דער אָפּשאַצונג פון סטיפען ווייזן אַלס אַ פירער פון אונדזער פאָלק. אין די איבער פערציק יאָר פון מיין טעטיקייט — און איך געהער צו די, וועלכע זיינען אַריינגעטראָטן אין אַ סך ספערן פון יידישן לעבן — האָב איך באַגעגנט פּאַקטיש אַלע יידישע פירער פון מיין דור: ציוניסטן, אַנטי־ציוניסטן, קעמפער פאַר יידישע רעכט, קאָנגרעס־טוער, פירער פון דער הילפס־אַרבעט און אַלע אַנדערע. אין דער גאַנצער גאַלעריע פון יידישע פירער פאַר די לעצטע דרייסיק־פערציק־פופציק יאָר, פאַרנעמט סטיפען ווייז אַן איינציקאַרטיקע פּאָזיציע, און איך זאָג דאָס אָן שום איבערטרייבן. איך ציטיר אָפּט הערצלען, וואָס האָט געזאָגט: ״דער ציוניזם איז אַזאַ גרויסע אידעע, אַז איר קענט רעדן וועגן אים אין זייער פּשוטע טערמינען״. סטיפען ווייז איז געווען אַזאַ גרויסע פּער־זענלעכקייט, אַז איר קענט רעדן וועגן אים אין זייער פּשוטע ווערטער. איר דאַרפט ניט מגזם זיין. זאָגט פּשוט, ווי אַזוי איר האָט אים געזען, און דאָס וועט זיין גענוג. ער האָט פאַרנומען אַ באַזונדערע פּאָזיציע דערפאַר, ווייל איך קען זייער ווייניק יידישע פירער, וועלכע האָבן זיך אַזוי פולשטענדיק אידענטיפיצירט מיט זייער פאָלק, אַזוי ווי ער האָט דאָס געטאָן.

די פראַגע פון פירערשאַפט ביי אַ פאָלק איז זייער אַ וויכטיקע, באַ־זונדערס אין אַ דעמאָקראַטישער געזעלשאַפט. די מערסטע פירער האַלטן אַן אַ געוויסע דיסטאַנץ צווישן זיך און דעם פאָלק. אין אַ געוויסער מאָס שטעלן זיי זיך העכער, איבערן פאָלק. זיי מאַרשירן אין שפּיץ, און הינטער זיי גייט דאָס פאָלק; אָדער זיי קוקן פון אויבן אַראָפּ אויפן פאָלק,

ווייל זיי שטייען אינטעלעקטועל אַ סך העכער. זיי זיינען אין אַ פּער־מאַנענטן קאָנפליקט מיט זייער פאָלק. חיים ווייצמאַן איז אַ קלאַסישער ביישפּיל. ווייצמאַנס גאַנצע קאַריערע איז געווען אַ קאָנפליקט מיטן יידישן פאָלק. די מערסטע פון אונדז געדענקען זיין באַרימטע רעדע: ״יידיש פאָלק, ווו ביסטו?״ עס איז געווען אַ קאַמף צווישן אים און דעם פאָלק. דאָס איז אַ גרויסע פּאָרעם פון פירערשאַפט. אָבער עס זיינען פאַראַן אַנדערע פירער, אַזעלכע פירער, וועלכע זיינען זייער באַליבט ביים פאָלק, וועלכע אידענטיפיצירן זיך פולשטענדיק מיט זייער פאָלק. זיי באַטראַכטן זיך ניט פאַר בעסער פון זייער פאָלק. דאָס האָט צו טאָן מיט דער סיבה, וועגן וועלכער איך האָב פריִער גערעדט: זיי קומען צו זייער פירער־שאַפט דורכן געפיל פון ליבע צו זייער פאָלק.

סטיפען וויז האָט זיך אידענטיפיצירט מיט יעדן ייד, מיט יעדן יידישן פּראָבלעם. ער איז באמת געווען דאָס פאָלק אַליין. ער האָט געליטן צוזאַמען מיטן יידישן פאָלק און ער איז געווען שטאָלץ מיט די יידישע דערגרייכונגען. ער האָט געטיילט די טיפע עמאָציעס פונעם פאָלק. זייענדיק אַ גייסטיקער פירער און אַ גרויסער רעדנער, איז ער געווען בכוח אויס־צודריקן די דאָזיקע עמאָציעס. ער האָט געגעבן אַן אויסדרוק פאַר די געפילן פונעם פאָלק, און דאָס פאָלק האָט אים פאַרהערלעכט. דאָס פאָלק האָט זייער אַ שאַרפן אינסטינקט, דאָס פאָלק ווייס, ווער עס זיינען די מנהיגים זיינע, וועלכע פאַרדינען צו ווערן באַוווּנדערט. עס זיינען פאַראַן פירער, וועמען דאָס פאָלק רעספּעקטירט און האָט צו זיי צוטרוי, און עס זיינען פאַראַן מנהיגים, וועמען דאָס פאָלק האָט ליב. די לעצטע קאַטעגאָריע איז די זעלטנסטע צווישן פירער. סטיפען וויז האָט געהערט צו דעם דאָזיקן טיפּ פירער. איך האָב דאָס געזען ווען איך בין געווען אין פּוילן און אין אַנדערע מזרח־אייראָפּעיִשע לענדער און האָב באַמערקט די באַציִונג פון די פּשוטע יידן צו סטיפען וויז. בעת דער מלחמה האָבן זיי גערופן אַ דאָלאַר — ״אַ סטעפאַן״ אַמעריקאַנער הילף — האָט זיך אידענטיפיצירט מיט אים. פאַראַן פירער, וועלכע ווערן לעגענדעס על פּי רוב נאָך זייער טויט. סטיפען וויז איז פאַר אַ סך יידן געוואָרן אַ לע־גענדע נאָך בעת זיין לעבן. איך קען בלויז נאָר דעם ביישפּיל פון הערצלען, מיט וועמען דאָס איז געשען.

אַזוי האָב איך, שילדערנדיק די פערזענלעכקייט פון סטיפען וויזן, ניט גערעדט וועגן אים, ווי וועגן אַ פריינד. איך האָב ניט געוואָלט זיין צו

פער׳זענלעך. עס איז פאַר מיר אַ סאַטיספאַקציע צוצוטיילן כבוד מיַין פאַרשטאָרבענעם טיַיערן פריַינד, אָבער נאָך וויכטיקער פון דער פער־זענלעכער סאַטיספאַקציע צו קענען ווידמען אַ שעה צייט פאַר דערמאָנען די געשטאַלט פון סטיפען וויַיז, איז ווידער אויפצולעבן די אידעען, מיט וועלכע זיַין לעבן איז געווען פאַרבונדן. איך וויל פאַרענדיקן מיט דעם, מיט וואָס איך האָב אָנגעהויבן: די ציוניסטישע באַוועגונג דאַרף צוריקגיין צו סטיפען וויַיזס קאָנצעפּציע און ווערן די באַוועגונג, וואָס זאָל פאַרנעמען דעם אויבנאָן אין יידישן לעבן. איך ווייס ניט צי די ציוניסטן קענען באַוויַיזן דאָס צו טאָן. איך רעד וועגן דעם, וואָס זיי דאַרפן טאָן, כדי אַריַינצוקומען צוריק אין אַלע ספערן פון יידישן לעבן, נאַטירלעך מיט דער ציוניסטישער קאָנצעפּציע פון יידישן לעבן. אויך דאָס איז געווען סטיפען וויַיזס דרך, דאָס איז געווען זיַין צענטראַלע פּאָזיציע אין יידישן לעבן, ווי מיר זעען די אַנטוויקלונג נאָך דער באַניַיונג פון דער יידישער מדינה. אויב עס איז פאַראַן אַ האָפענונג פאַר דער ציוניסטישער באַ־וועגונג, אויב עס איז דאָ אַ צוקונפט פאַרן ציוניזם, איז זי אינטים פאַרבונדן און אָפּהענגיק פון דער מאַס, אין וועלכער מיר וועלן קענען אָננעמען סטיפען וויַיזס קאָנצעפּציע פון ציוניזם און פון יידישן לעבן אין דער איצטיקער ציוניסטישער באַוועגונג.

ביי ברית ראשונים, ניו־יאָרק, 1964

# חיים גרינבערג

אַ באַרימטער גריכישער היסטאָריקער האָט אַ מאָל געזאָגט, אַז בלויז אַן אַנדערער סאָקראַטעס וואָלט געקענט געהעריק מספּיד זיין סאָקראַטעסן. דער איינציקער מענטש, וועלכער וואָלט געקענט ריכטיק אָפּשאַצן חיים גרינבערגן וואָלט געדאַרפט זיין אַן אַנדערער חיים גרינבערג.

זיינע דערגרייכונגען זענען געווען צאָלרייכע און גרויסע, אָבער ניט דעמאָנסטראַטיוו. דאָס איז ניט געווען זיין דרך. זיין השפּעה איז געווען פון אַ גייסטיקן כאַראַקטער, וואָס מען פילט זי אַ צייט שפּעטער, לאַנגזאַם, אָבער טיף. לאָמיר היינט דערמאָנען דעם מענטשן, וועמען מיר וועלן קיין מאָל מער ניט זען. לאָמיר היינט אַנאַליזירן זיין פּערזענלעכקייט און פּרווון אים פאַרשטיין, לאָמיר זיך געזעגענען מיט דער אויסערגע־וויינלעכער און שיינער פיגור אין יידישן לעבן, וועמען מיר האָבן געקענט ווי חיים גרינבערג.

ער איז געווען איינער פון די אָנגעזעענסטע און כאַראַקטעריסטישע פאַרשטייער פון אַ דור אין מאָדערנעם יידישן לעבן, אַ דור, וואָס גייט איצט אַריין אין דער געשיכטע. עס זיינען ניט פאַראַן קיין יורשים פון דעם דור, פון וועלכן חיים וויצמאַן איז וואַרשיינלעך געווען דער צום מיינסטן בולטער מוסטער, און וואָס האָט אַרויסגעגעבן אַזוי פיל אַנדערע ציוניסטישער פירער. דאָס איז געווען אַ דור, וואָס האָט פאַראייניקט אין זיך די גרויסע ירושה פון דער יידישער קולטור און די ציוויליזאַציע פון דער מאָדערנער אייראָפּע. דער דאָזיקער דור איז געווען אַ סינטעז פון מזרח און מערב. זיין גרויסע שאַפונג איז געווען דער מאָדערנער ציוניזם, וואָס איז געווען אַ כאַראַקטעריסטישער פּראָדוקט פון דעם דאָ־זיקן סינטעז — מאָדערן אין זיין פּאָליטישער פאָרעם און טראַדיציאָ־נעל־יידיש אין זיין אינהאַלט. אַ דור, וואָס וואָלט ניט אָנגענומען די מאָדערנע אייראָפּעיִשע ציוויליזאַציע, וואָלט ניט געקענט שאַפן דעם מאָדערנעם ציוניזם. אַזוי אויך וואָלט קיין שום אַסימילירטער דור,

וואָס וואָלט ניט געהאַט קיין טיפֿע יידישע וואָרצלען, ניט געקענט שאַפֿן דעם ציוניזם.

חיים גרינבערג איז געווען אַ גלענצנדיקער פֿאָרשטייער פֿון אָט דעם דור. ער האָט פֿאַראייניקט אין זיך די גאַנצקייט פֿון דער יידישער קולטור — רעליגיעזע און וועלטלעכע, חסידיזם און מתנגדיזם, דעם תּל־מודיסטישן גייסט, די פּאָעזיע און אַגדה. ער איז געווען אַ וווּנדערלעכער שרייבער אין העברעיִש, און זיינע שריפֿטן אין יידיש זיינען געווען פֿענאָמענאַל. ער האָט אַנטוויקלט די יידישע שפּראַך צו אַן אויסערגעוויינ־לעכער קינסטלערישער פֿיינקייט, און איך קען ניט קיין גלייכן צו זיין סטיל. די יידישע קולטור, וואָס איז אויסגעוואַקסן און האָט זיך אַנטוויקלט אין משך פֿון טויזנטער יאָרן, האָט געלעבט אין אים, און אין דער זעלבער צייט האָט ער איינגעזאַפּט אין זיך לכל הפּחות דריי גרויסע אייראָפּעיִשע קולטורן: די רוסישע, די דייטשע און ענגליש־זאַקסישע. יעדע פֿון זיי וואָלט געווען גענוג צו פֿאָרמירן אַ גרויסע פּערזענלעכקייט. ער האָט זיי אַלע אַסימילירט אין זיך, און אין צוגאָב צו דעם איז ער אויך געווען אינטים באַקאַנט מיט אַנדערע קולטורן, וועלכע זיינען אַזוי ווייט פֿון אונדז, ווי די קולטורן פֿון אינדיע און כינע. אין אַ געשפּרעך מיט אים האָט מען געמוזט ווערן דערשטוינט פֿון דעם אומגעהויערן פֿאַר־נעם פֿון זיין וויסן. די נעבן־וועגן פֿון היסטאָרישער אַנטוויקלונג, די זייטיקע אָפּווענדונגען פֿון עקזאָטישע ציוויליזאַציעס, געשעענישן און אונדזערע היסטאָרישע דערפֿאַרונגען, זיינען ניט געווען פֿרעמד חיים גרינבערגן. אָבער ער האָט זיך אויסגעצייכנט, מער ווי מיטן פֿאַרנעם פֿון זיין וויסן, מיט דער טיפֿקייט. ער איז ניט געווען קיין געלערנטער אין דעם אָנגענומענעם זין. אַ געלערנטער איז זייער אָפֿט אַ מענטש, וועמענס זכּרון באַשטייט פֿון אַ באַשטימטער צאָל אַרכיוו־קעמערלעך, אָבער וואָס לעבט אין אַ געוויסער מאָס מחוץ פֿון זיין וויסן. אינדז אַלעמען איז באַקאַנט דער דאָזיקער טיפּ פֿון מאָדערנעם געלערנטן, וואָס דאָמינירט אַלץ מער אין אונדזער צייט פֿון ספּעציאַליזאַציע, און אויב ער פֿאַרלירט די אַרכיוו־קעמערלעך פֿון זיין זכּרון, ווערט ער אָרעם און קליין.

ביי חיים גרינבערגן איז וויסן געוואָרן אַ טייל פֿון זיין פּערזענלעכקייט. ער איז געווען דער בעל־הבית פֿון דעם, וואָס ער האָט געוווּסט, דאָס דערקלערט די לייכטקייט, מיט וועלכער ער האָט איבערגעגעבן פֿאַר אַנ־דערע זיין וויסן. זיינע עסייען לייענען זיך לייכט, אָבער הינטער זיי איז

פאַראַן אַ קאָלאָסאַלער סכום ענערגיע פון שטודירן און פון באַהערשן דאָס שטודירטע.

פון אַלע ציוניסטישע פירער פון דעם לעצטן דור, וועלכע איך האָב געקענט — האָט חיים גרינבערג רעפּרעזענטירט דעם גרויסן סינטעז צווישן מזרח און מערב. זיין ציוניזם האָט אַנטהאַלטן די טעאָריעס און אידעען פון העסן און פּינסקער, פון הערצל און אחד־העם, פון באָראָכאָוו און בערל קאַצענעלסאָן. אין אַ געוויסן זין איז ער געווען דער אַמביציעזסטער ציוניסט, וועלכן איך האָב אַ מאָל געקענט. ער וואָלט קיין מאָל ניט רע־דוצירט זיין ציוניזם בלויז צו אַ פּאָליטישער אָדער נאַציאָנאַלער באַ־וועגונג. ער האָט געפילט, אַז אַזאַ באַגרענעצטע דעפיניציע וואָלט דע־גראַדירט די באַוועגונג. פאַר אים איז דער ציוניזם געווען מער ווי אַ סאָציאַלער אידעאַל; פאַר אים איז ציוניזם געווען נאַציאָנאַליזם און אינטערנאַציאָנאַליזם אין איינעם, סאָציאַליזם און ליבעראַליזם, און טאָ־לעראַנץ פון אַ העכער מדרגה. פאַר אים האָט ציוניזם באַדייט צו בויען אין ישראל עפּעס אַזעלכעס, וואָס זאָל קענען דינען אַלס אַ מוסטער פאַר דער גאַנצער וועלט, און ניט בלויז אַ באַפרייונגס־באַוועגונג פון יידישן פאָלק.

ער איז געווען אַ מענטש פון טאָלעראַנץ. איינע פון זיינע גרויסע מעלות איז געווען זיין פעיקייט צו פאַרשטיין די מאָטיוון פון אַנדערע, ווען אַפילו ער האָט זיי ניט געקענט באַרעכטיקן. אָבער ווען עס איז געקומען צו זיין קאָנצעפּציע פון ציוניזם, איז ער געווען זייער אומטאָלעראַנט. מיט פּאָ־ליטישע נויטווענדיקייטן, מיט פאָדערונגען פון סיטואַציעס האָט ער ניט געוואָלט מאַכן קיין קאָמפּראָמיסן. און דערפאַר, ווייל ער האָט ניט געמאַכט קיין קאָמפּראָמיסן, האָט ער אַ סך געליטן. מוז דאָך יעדער אידעאַל, ווען ער דערגרייכט צו אַ סטאַדיע פון פאַרווירקלעכונג, איינגיין אויף קאָנצעסיעס. מיר אַלע, וועלכע זיינען געווען אַקטיוו אין דער פאַרווירקלעכונג פון ציוניסטישן אידעאַל במשך פון די פאַרגאַנגענע צענדליקער יאָרן, האָבן געמוזט מאַכן אַזעלכע קאָמפּראָמיסן. אַ טייל פון אונדז האָבן פון דעם שטאַרק געליטן, אַנדערע האָבן עס אויפגע־נומען לייכטער. חיים גרינבערג האָט געוווּסט וועגן די אַלע קאָמפּראָמיסן, וואָס דאַרפן געמאַכט ווערן מיט אָדער אָן זיין צושטימונג, און ער האָט דערפון טיף געליטן.

ער איז געווען זייער גליקלעך מיט מדינת־ישראל, און אין דער זעלבער

צייט אויך אומגליקלעך מיט איר. ער האָט געהאַט אַ גרויס פּראָבלעם אין די לעצטע יאָרן — אַריבערצוקלייבן זיך קיין ישראל אָדער ניט. פריינד, פירער פון ישראל, זיין אייגענע פּאַרטיי, — האָבן פאַרלאַנגט פון אים, אַז ער זאָל מאַכן דעם דאָזיקן שריט. ס'איז ניט נייטיק פאַר מיר צו דערקלערן, וואָס זיין אַנוועזנהייט אין ישראל וואָלט באַדייט אין דער איצטיקער צייט, ווען די מדינה איז ניט צו־רייך אין גרויסע מאָראַלישע און גייסטיקע פירער. צוליב אַ סך טעמים האָט ער זיך געוואַקלט צו באַזעצן זיך אין ישראל און אידענטיפיצירן זיך מיט אַ רעאַליטעט, וועלכע איז נאָך אַלץ אַזוי ניט ענלעך צו דעם אידעאַל, אין וועלכן ער האָט געגלייבט. עס האָט אים געשוידערט פון דער מעגלעכקייט, אַז ער זאָל ווערן אַריינגעמישט אין די פּאַרטיי־קאַמפן, אין דער פּראָזאַישער רוטין און אין די טריוויאַלע קאָנפליקטן, וואָס זיינען די אַספּעקטן פון ישראלדיקן לעבן ביים היינטיקן טאָג. איך האָב דאָס געפיל, אַז ער איז ניט געווען אומצופרידן פון די פיל גוטע סיבות, וואָס ער האָט געהאַט פאַר אָפּלייגן דעם באַשלוס. ביז צו זיין לעצטן טאָג האָט ער געהאַט אַ ביטער געפיל — אין דער מאָס, אין וועלכער ער האָט געקענט האָבן אַזאַ געפיל, און זי איז געווען אַ זייער קליינע — וועגן געוויסע דערשיינונגען אין ציוניסטישן און אין יידישן לעבן, באַזונדערס אין ישראל, וואָס זיינען ניט געווען אין הסכם מיט זיין קאָנצעפּציע פון אַ גרויסער הומאַניטאַרער, סאָציאַלער און גייסטיקער באַוועגונג.

איך וויל אויך זאָגן אַ פּאָר ווערטער וועגן זיין פּערזענלעכקייט — אָפּ־געזונדערט פון דער צייט, אין וועלכער ער האָט געלעבט, פון דעם דור, וועלכן ער האָט רעפּרעזענטירט און פון דער אַרבעט, אין וועלכער ער איז געווען אַריינגעטאָן. ער איז געווען איינער פון די געציילטע מענטשן, וועלכע איך האָב געקענט אין מיין לעבן, צו וועלכע מען האָט געקענט האָבן אַן עסטעטישן צוגאַנג. אַזעלכע מענטשן קענען באַטראַכט ווערן ווי קונסטשאַפונגען, ווי זיי וואָלטן געשטאַנען אויף אַ פּיעדעסטאַל. עס איז ניט פאַראַן קיין גרעסערע קונסט אין דער וועלט, ווי אַ מענטשלעך באַשעפעניש, וואָס דערגרייכט צו אַ געוויסער הויכער מדרגה. פאַר מיר האָט חיים גרינבערג רעפּרעזענטירט אַן אומגעוויינלעכע קאָמבינאַציע — פון אַ גרויסן קינסטלער און אַ גרויסן מאָראַליסט. ער איז זיכער געווען אַ גרויסער קינסטלער. ווען אַפילו ער וואָלט ניט אָנגעשריבן קיין איין שורה, וואָלט ער אַלץ געווען אַ גרויסער קינסטלער. פאַרעם איז געווען

אַן עיקר אין זיין לעבן. קיין זאַך האָט ער אַזוי ניט פיינט געהאַט, ווי אַ שלעכטע פאָרעם, כאַאָס און טאַקטלאָזיקייט. ער האָט געהאַט די הנאה פון אַ קינסטלער ביים געפינען אַ פּאַסיקע פאָרמולע פאַר אויסדריקן אַן אידעע. אויסער דעם האָט ער געאַרבעט מיטן דרך פון אינספּיראַציע און ניט אויפן רוטינע־אופן. זיין קינסטלערישקייט איז געקומען צום אויסדרוק אין דעם געדרעכטן וואָרט, אַזוי ווי אין דעם געשריבענעם. ער איז געווען דער מייסטער פון אַ קונסט, וואָס איז ניט גענוג אָפּגעשאַצט געוואָרן אין אַמעריקע — די קונסט פון פּעליעטאָן, וואָס גיט איבער שווערע און קאָמ־פּליצירטע געדאַנקען און מיינונגען אין אַ לייכטן טאָן. חיים גרינבערג איז אפשר געווען דער גרעסטער פּעליעטאָניסט, וואָס מיר האָבן געהאַט אין דער יידישער ליטעראַטור.

זיין צוגאַנג צו ענינים איז געווען אַ קינסטלעריש־ראַפינירטער. ער האָט פיינט געהאַט דעמאַגאָגיע, געוואַלט, גראָבקייט. ער האָט פיינט געהאַט שלעכטע מאַניערן. ער האָט געהאַסט דעם ביליקן דערפאָלג. ער איז געווען דער צום ווייניקסטער אַמביציעזער מענטש, וועלכן איך האָב געקענט. ער איז געווען צו שטאָלץ צו זיין אַמביציעז. ווי אַלע גרויסע קינסטלער איז ער געווען אַ נאַטירלעכער אַריסטאָקראַט. אידעאָלאָגיש איז ער געווען אַ סאָציאַליסט און אַ דעמאָקראַט. מען וואָלט געקענט דערוואַרטן, אַז אַזאַ מענטש זאָל ווערן אָפּגעשאַצט בלויז דורך ווייניקע, אָבער דווקא ער האָט זיך אַזוי אומגעוויינלעך שטאַרק אויסגעצייכנט מיט זיין איינפלוס אויף די מאַסן. איז עס געווען צוליב דעם, ווייל אין דער זעלבער צייט איז ער געווען אַ גרויסע מאָראַלישע פיגור? איך ווייס, אַז ער וואָלט פיינט געהאַט צו ווערן אָנגערופן אַ מאָראַליסט. ער האָט פיינט געהאַט צו רעדן וועגן מאָראַל, ווי יעדער מאָראַליסט האָט עס פיינט, אָבער ער האָט פאַרמאָגט אין זיך גרויסע מאָראַלישע אייגנשאַפטן. דאָס האָט צייטנווייז געמאַכט שווער צו אַרבעטן מיט אים. אין פּאָליטישן לעבן מוז מען אַ מאָל מאַכן קאָמפּראָמיסן מיט פּרינציפּן. אויב מען וויל זיין אַבסאָלוט גערעכט, ווערט מען אומפעיִק צו קענען זען אויך די אַנדערע זייט פונעם פּראָבלעם. חיים גרינבערג האָט זיך שטאַרק געוואָקלט אַנצונעמען אַזעלכע באַשלוסן. ער האָט פון צייט צו צייט געקענט דערפירן זיינע חברים צו פאַרצווייפלונג צוליב דער דאָזיקער עקשנות זיינער, אָבער עס איז געווען כדאי צו קעמפן, כדי צו באַקומען זיין הסכמה. איך — און איך גלייב, אַז אויך אַלע מיינע קאָלעגן, וועלכע האָבן געאַרבעט מיט אים — האָבן זיך געפילט

אַ סך זיכערער, ווען איך האָב געוווּסט, אַז חיים גרינבערג איז געווען אויף מיין זייט. איך וואָלט געטאָן אַ סך זאַכן, וואָס איך האָב דורכגעפירט אין מיין פּאָליטישן לעבן, אַפילו ווען חיים גרינבערג וואָלט געווען אויף דער קעגנערישער זייט, אָבער איך וואָלט דערביי זיך געפילט ווייניקער זיכער.

זיין גרעסטע מעלה איז זיכער געווען זיין מאָראַלישע אומאָפּהענגיקייט. ער איז געווען אַ מיטגליד פון אַ פּאַרטיי — פּועלי־ציון — אָבער ער איז ניט געווען קיין פּאַרטיי־מענטש. מען האָט אים ניט געקענט באַוועגן אַריינצופּאַסן זיך אין אַ וועלכער עס איז ראַם. ער האָט וואָרשיינלעך זיך באַצויגן מער קריטיש צו זיין אייגענער פּאַרטיי, ווי צו אַנדערע, ווייל ער האָט פאַר איר געפילט אַ גרעסערע פאַראַנטוואָרטלעכקייט, פּונקט אַזוי ווי ער האָט זיך באַצויגן מער קריטיש צו יידן ווי צו ניט־יידן, צו ציוניסטן ווי צו ניט־ציוניסטן, צו ישראל מער ווי צו דעם גלות.

מיט זיין טויט האָבן מיר געליטן אַן אבידה שאינה חוזרת. קיין שום גרויסן מענטשן קען מען ניט פאַרטרעטן. עס וועט ניט זיין קיין יורש נאָך חיים גרינבערגן. עס איז געווען אַ טראַגישע פיגור אין יידישן און אין ציוניסטישן לעבן. ער האָט געהאַט אַ סך אינערלעכע קאָנפליקטן, וועלכע ער האָט קיין מאָל ניט געלייזט. דאָס איז קודם געווען דער קאָנ־פליקט אין אַ מענטשן, וואָס האָט מער פון אַלץ און פון אַלעם געוואָלט האָבן די באַקוועמלעכקייט צו קענען שטודירן און טראַכטן, און דאָך האָט ער, צוליב דעם געפיל פון זיין מאָראַלישער פליכט, געדאַרפט זיצן אין פינאַנץ־קאָמיסיעס, רעדאַגירן צייטונגען, לייענען מאַנוסקריפּטן, פאַר אים איז פון דער השגחה געווען אָנגעצייכנט אַ וועג צו זיין איינער פון דער אויסדערוויילטער כת פון פרייע גייסטער, וועלכע האָבן פאַר דעם קיום פון יידישן פאָלק אויפגעטאָן אַ סך מער, ווי אַלע פּאָליטישע פירער צוזאַמען — יענע יידן וועלכע האָבן פאַרבראַכט זייערע לעבנס אין מחשבות און עיונים און פאַר וועלכע עס זיינען געווען פרעמד די גשמיותדיקע ענינים פון לעבן. אַזעלכע מענטשן האָבן געהאַט אַ השפעה ניט מיט דעם, וואָס זיי האָבן געטאָן, נאָר מיט דעם, וואָס זיי זיינען געווען. שוין זייער אָנוועזנהייט אַליין איז געווען גענוג. אָבער חיים גרינבערג האָט זיך ניט געקענט דערלויבן דעם דאָזיקן לוקסוס. זיין מאָראַליש פליכט־געפיל האָט אים געצוווּנגען צו ענטפערן אויף רופן און פאָדערונגען צו טאָן מער גשמיותדיקע זאַכן.

און אין אים איז געווען נאָך אַ קאָנפליקט, וואָס האָט — ווי איך האָב געפילט — זיך פאַרשאַרפט כסדר אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן. עס קען זיין, אַז זיין עלטער האָט געהאַט אַ געוויסע שייכות צו דעם. ער האָט געטראָגן אין זיך דעם סקעפּטיציזם פון אַ חכם, וואָס איז דורכגע־גאַנגען די דערפאַרונגען פון אַ ציוויליזאַציע פון יאָרהונדערטער און וועמען עס האָבן ניט געקענט איבערציַיגן די פּסעוודאָ־אינטעלעקטועלע אָדער פּסעוודאָ־מאָראַלישע דערגרייכונגען. פון דער אַנדערער זייט האָט ער געהאַט טיפע רעליגיעזע נייגונגען. איך ווייס ניט, וועלכע עס זיינען געווען זיינע איבערציַיגונגען אין דער פראַגע פון רעליגיע, אָבער ער האָט געהאַט אַ גרויסע נייגונג צו מיסטיציזם. איך האָב אָפט דיסקוטירט מיט אים וועגן דעם און איך האָב תמיד געפילט, אַז ער מאַכט דורך אַ קאָנ־פליקט צווישן דעם סקעפּטיציזם פון אַ קולטורעלן מענטשן פון אונדזער דור און זיינע רעליגיעזע מיסטישע נייגונגען.

דער גרעסטער מאָנומענט, וואָס אַ מענטש קען האָבן, איז ניט אַ סטאַ־טוע — וואָס מיר ליידן שטעלן צום גליק ניט אויף — און ניט די פאַר־עפנטלעכונג פון זיינע שריפטן, און אַפילו אויך ניט אַ פּלאַץ אין די געשיכטע־ביכער. דער גרעסטער מאָנומענט בלייבט אין די הערצער פון די, וועלכע האָבן אים געקענט. די פון אונדז, וועלכע האָבן געקענט חיים גרינבערגן, וועלן האַלטן טייער זיין אָנדענק, ווי איינעם פון די גרעסטע ווערטן אין אונדזער לעבן. וואָס עלטער מיר ווערן, הייבן מיר אָן צו ציילן די אוצרות, וואָס מיר האָבן צענויפגעזאַמלט און מיר וואַרפן אַרויס די אומוויכטיקע זאַכן, אויפהאַלטנדיק די, וואָס האָבן אַ דויערנדיקן ווערט — די באַקאַנטשאַפט מיט געוויסע מענטשן, די באַגעגעניש מיט געוויסע אידעען, באַשטימטע אומפאַרגעסלעכע מאָמענטן, געוויסע ביכער. מיר אַלע, וועלכע האָבן געקענט חיים גרינבערגן און האָבן געהאַט די זכיה צו אַרבעטן מיט אים צוזאַמען און צו באַטראַכטן זיך פאַר זיינע פריינד, וועלן זיין איינשטימיק, אַז בלויז דאָס קענען אים איז שוין געווען אַ דערפאַרונג, וואָס וועט בלייבן איינער פון די גרעסטע אוצרות אין אונדזער לעבן.

1953

# משה שרת

מיין אויפגאַבע איצט איז ניט אָפּצושאַצן די דערגרייכונגען פון משה שרת, נאָר אויפצולעבן זיין געשטאַלט. איך וויל שילדערן אין ראשי־פרקים דעם אייגנאַרטיקן כאַראַקטער זיינעם — ווי אַ ציוניסט, מנהיג און מענטש.

די גרויסקייט פון אַ פּערזענלעכקייט — און משה שרת איז אָן ספק געווען אַ גרויסע פּערזענלעכקייט — איז ניט אָפּהענגיק פון דערגרייכונגען און דערפאָלגן. דערפאָלג אָדער דורכפאַל, נצחון אָדער מפלה זיינען אָפּ־הענגיק פון אַזוי פיל פאַקטאָרן, פון מזל און גורל, פון אומשטענדן אין צייט און אָרט, אין וועלכע דער מענטש ווירקט, — אַז דאָס אַלץ קען ניט זיין קיין מאָס צו מעסטן גרויסקייט. די אמתע מאָס פאַר דער חשיבות פון אַ פּערזענלעכקייט, איר פּאָזיציע און וואָג, איז ניט דערמיט, וואָס זי דערגרייכט, נאָר וואָס זי האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט.

פון דעם אַלעם, וואָס משה שרת האָט געטאָן און דערגרייכט, וויל איך זיך בקיצור אָפּשטעלן אויף דעם, וואָס איז לויט מיין מיינונג, געווען זיין עיקרדיקער אויפטו און וואָס האָט אין דער זעלבער צייט אויך געגעבן אַ מעגלעכקייט צו פאַרשטיין זיין פּערזענלעכקייט. ער איז געווען דער ממשותדיקער שאַפער פון דעם אַלעם, וואָס מיר רופן אָן יידישע, און דערנאָך ישראלדיקע, פּאָליטיק און דיפּלאָמאַטיע. ער האָט טאַקע געהאַט אַזעלכע פאָרגייער ווי הערצל, וויצמאַן, סאָקאָלאָוו און אַנדערע. זיין דערגרייכונג איז אָבער געווען אייגנאַרטיק, ווייל זי שפּיגלט אָפּ דעם רעוואָלוציאָנערן שינוי, וועלכער איז פאָרגעקומען אין דער יידישער פירער־שאַפט. דאָס איז געווען אַ מין פאַרלאָזן אַ טראַדיציע, וואָס האָט געהערשט הונדערטער יאָרן אין דעם יידישן לעבן.

אין משך פון הונדערטער יאָרן לעבן אין גלות, בעת מיר זיינען ניט געווען קיין הערשער איבערן אייגענעם גורל — איז נאַטירלעך ניט געווען קיין פּלאַץ און מעגלעכקייט פאַרן קיום פון אַ יידישער דיפּלאָ־

מאַטיע. איינער פון די ספּעציפישע פאַקטאָרן, וואָס האָבן כאַראַקטעריזירט די יידישע פּסיכאָלאָגיע אין משך פון הונדערטער יאָרן גלות, איז געווען די גרויסע דיספּראָפּאָרץ צווישן וויזיע און רעאַליטעט, צווישן האָפענונגען אויף מאָרגן און לעבנס־באַדינגונגען פון היינט. וואָס מער מיר האָבן געליטן אין דערווירקלעכקייט, וואָס מער מען האָט אונדז גערודפט, אַלץ מער זיינען מיר אַנטלאָפן אין דער וועלט פון אידעאַלן, תפילות, האָפענונגען און חלומות. דאָרט האָבן מיר געהאַט אונדזער וועלט, אין וועלכער מיר האָבן אַנטוויקלט געזעצן און תקנות, וואָס האָבן ניט געהאַט קיין שום געמיינזאַמס מיט דער רעאַלער וועלט, אין וועלכער מיר האָבן געלעבט.

פון אָט דער פּסיכאָלאָגיע האָט זיך אַנטוויקלט די יידישע פּאַסיוויטעט, וועלכע איז געווען אַ רעזולטאַט פון רדיפות פון דרויסן. פון איין זייט האָט דאָס גורם געווען צו דער שוואַכקייט פון אונדזער רעאַגירן, און פון דער צווייטער זייט — צו עקסטרעמיזם לגבי די אידעאַלן, אין וועלכע מיר האָבן געזוכט אונדזער צוקונפט. די יידישע פּאָליטיק האָט דעריבער אין משך פון הונדערטער יאָרן באַקומען איר אויסדרוק אין פּראָטעסטן, באַקלאָגן זיך און אין עקסטרעמע האָפענונגען. מיר זיינען דערפאַר געוואָרן אַ פאָלק פון עקסטרעמיסטן, וואָס האָבן גוט געוווּסט, אַז דאָס האָט ניט קיין שום קשר מיטן טאָג־טעגלעכן לעבן.

ערשט ווען עס איז געקומען דער ציוניזם און אַרויסגערוקט די פאָדערונג לגבי דעם יידישן פאָלק צו ווערן דער הערשער איבערן אייגענעם גורל און אויפהערן שטיצן זיך אויף פריינד אָדער פיינד אַלס אַנטשיידנדיקע פאַקטאָרן ביים באַשטימען זיין גורל — זיינען געלייגט געוואָרן די יסודות פאַר דעם, וואָס מיר מעגן אָנרופן יידישע פּאָליטיק און דיפּלאָמאַטיע. פריִער איז אַזאַ זאַך ניט געווען, און דעריבער האָבן ניט געקענט זיין קיין יידישע פּאָליטיקער. מיר האָבן געהאַט שתדלנים, יחידים מיט גרויסן איינפלוס, וואָס האָבן זיך באַנוצט מיט זייערע פּערזענלעכע פאַרבינדונגען, כדי צו העלפן זייערע ברידער יידן. ערשט ווען הערצל האָט פּראָקלאַמירט, ניט אין טעאָריע נאָר אין פּאָליטישע טערמינען, אַז „מיר זיינען איין פאָלק, וואָס דאַרף נעמען אין זיינע הענט דעם אייגענעם גורל" — איז יידישע פּאָליטיק געוואָרן רעאַליטעט.

מיר זיינען דעריבער מער ניט אינספּירירט געוואָרן דורך אונדזער ווילן און האָפענונגען, נאָר דורך די מעגלעכקייטן פון אונדזער רעאַליטעט.

מיר האָבן אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, אַז מיר דאַרפן זיך רעכענען ניט בלויז מיט דעם געוווּנטשענעם, נאָר אויך מיט דעם פאַראַנענעם, און באַשטימען אונדזערע פאָדערונגען לויט די אמתע באַדינגונגען פון אונדזער לעבן. דאָס איז געווען די גרויסקייט פון חיים ווייצמאַן, וואָס האָט געפרוווט פירן דאָס פאָלק אויף אָט דעם נייעם וועג. קיינער איז ניט געווען אַזוי נאָענט צו חיים ווייצמאַנען און קיינער האָט ניט געפרוווט איבערזעצן די דאָזיקע נייע דרכים אויף דיפּלאָמאַטישע וועגן אין טאָג־טעגלעכן לעבן, ווי משה שרת, דער ערשטער אויסערן־מיניסטער פון ישראל, דער גרינ־דער און פורעמער פון דער דיפּלאָמאַטיע אין דער נייער מדינה.

ס'איז ניט קיין וווּנדער, וואָס די דאָזיקע עקסטרעמע ענדערונג האָט אַרויסגערופן קעגנערשאַפט מצד אַ סך טיילן פון פאָלק — באַזונדערס מצד די, וואָס זיינען געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער פּאָליטישער אָנפירערשאַפט פון פאָלק. גרויסע טיילן פון אונדזער פאָלק מיינען נאָך, אַז שרייענדיקע פּראָטעסטן איז דאָס איינציקע ריכטיקע סיסטעם צו דערגרייכן זאַכן. זיי מיינען, אַז אומגרייטקייט צו וויתורים איז אַ סימן פון גבורה, אַז אומווילן צו פשרות איז מאַניפעסטאַציע פון כוח און מוט. זיי פאַרשטייען ניט, אַז עס איז אַ סך לייכטער צו פּראָטעסטירן, ווי קומען צו אַן אויסגלייך; אַז עס איז נייטיק מער כוח און כאַראַקטער צו קאָנ־פּיטולירן — באין ברירה, פאַרשטייט זיך, ניט פאַרלאָזנדיק דערביי די עיקרדיקע צילן, פאַר וועלכע מען קעמפט — ווי צו בלייבן פאַרעקשנט און פשרהלאָז. ווייצמאַן האָט אַלע יאָרן געליטן פון דער שטעלונג פון יענע, וואָס האָבן געמיינט, אַז זיי קענען ממשיך זיין די שיטות פון גלות־לעבן אויך אין דער נייער תקופה פון דער יידישער געשיכטע. צייטנווייז האָט מען זיך באַצויגן צו אים ווי צו אַ שוואַכלינג און אַפילו פאַררעטער.

אַן ענלעכן גורל האָט אויך געהאַט משה שרת. ער האָט טייל מאָל באַצאָלט אַ צו־טייערן פּרייז פאַר זיין האַלטן זיך ביי די נייע פּרינציפּן, וואָס האָבן אונדז געבראַכט די יידישע מדינה און דערמעגלעכט צו פירן איר דיפּלאָמאַטיע. ער האָט באַוויזן אין אַ קענטיקער מאָס משפיע צו זיין אויף דער ישראלדיקער פּאָליטיק. הלוואי וואָלט ער מצליח געווען מער, קודם כל פאַרן נוצן פון ישראל. און דאָס ברענגט מיך צום צווייטן טייל פון מיינע באַמערקונגען וועגן זיין פּערזענלעכקייט.

ער איז בייגעשטאַנען יעדן פון די יידישע פירער, וועלכן איך האָב באַגעגנט אין מיין לעבן — און פאַקטיש איז ניטאָ קיין וויכטיקער מנהיג,

מיט ווענען איך זאָל זיך ניט האָבן באַגעגנט אָדער געאַרבעט מיט אים — די גרעסטע עטישע געשטאַלט פון זיי אַלע האָט זיך ניט געקענט פאַרגלייכן מיט זיין געוויסן, מיט זיין אחריות־געפיל, טריישאַפט צו חברים און פריינד און צו דער אידעע, פאַר וועלכער ער האָט זיך געמיט. אויב עס איז פאַראַן אַזאַ זאַך ווי איבערטרייבונג ביים אָפּהיטן ווערטן, איז ער שולדיק אין אַזאַ חטא. איך האָב אים ניט איין מאָל געזאָגט: "עס איז ניט אַנשטענדיק צו זיין אַזוי אַנשטענדיק, ווי דו ביסט".

ווער עס האָט אים געזען, ווי ער זאָרגט פאַר פרטים, וואָס איז לויט דער מיינונג פון זיינע חברים געווען אַ פאַרשווענדונג פון זיין טייערער צייט אויף קליינע זאַכן, האָט זיך איבערצייגט אין דעם אומבאַגרענעצטן געפיל פון אחריות, וואָס האָט געהערשט אין אַלע זיינע מעשים. נאָך מער — ער איז געווען אַ מענטש מיט אויסערגעוויינלעכע מאַניערן און העפלעכקייט, אַ מידה, וואָס איז ניט אַזוי אָנגענומען אין היינטיקן ישראל, ווו מען דאַרף שטאַרקע עלנבויגנס און אַן אייזערנעם ווילן כדי מצליח צו זיין. ער האָט קיין מאָל ניט געקעמפט פאַר פּאָזיציעס און האָט באַצאָלט דערפאַר. מען האָט קיין מאָל צו אים זיך ניט באַצויגן, ווי מען האָט זיך געדאַרפט באַציִען. ווי יעדן מענטש מיט אַ הויכן מאָראַלישן ניוואָ, האָט מען אויך אים געקענט ריכטיק אָפּשאַצן בעת אַ מפּלה. לאַנגע יאָרן האָט ער געליטן פון דעם אופן, ווי מען האָט אים באַהאַנדלט. ער האָט אָבער קיין מאָל ניט געזאָגט קיין וואָרט וועגן דעם. ער האָט באַוויזן, אַז ער איז אַ דזשענטלמען און אַן אַדלמאַן. איז קיין ווונדער ניט דעריבער וואָס אין דער לעצטער פּאַזע פון זיין לעבן איז ער געוואָרן אַ מין מאָראַליש געוויסן אין מדינת ישראל.

און ווייל ער איז געווען דער, וואָס ער איז געווען, איז עס געווען אַזוי וויכטיק, וואָס ער האָט אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן איבערגענומען די אָנפירערשאַפט פון דער אַלוועלטלעכער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציִע. דער פאַקט, וואָס ער האָט דאָס געטאָן און האָט זיך אָנגעשלאָסן אין דער באַוועגונג, וואָס איז אַזוי פיל קריטיקירט און אַפילו באַשמוצט געוואָרן דורך פירער אין ישראל, אָדער זיי האָבן זיך באַצויגן צו איר מיט זלזול און גלייכגילטיקייט — דאָס אַליין איז ניט בלויז געווען אַן אויסדרוק פאַרן טיפן געפיל פון מאָראַלישער אחריות, נאָר האָט אויך באַלד צוגעגעבן גלאַנץ דער ציוניסטישער אָנפירערשאַפט און האָט איר פאַרשאַפט אַ נייע דימענסיע פון מאָראַלישער קאָמפּעטענץ. וואָלט משה שרת אַפילו ניט

געטאָן קיין סך, נאָר בלויז גענומען אויף זיך דעם אַמט פון פאָרזיצער פון דער עקזעקוטיווע, וואָלט דאָס אַליין שוין געהאָלפן ענדערן די געשטאַלט פון דער באַוועגונג, באַזונדערס אין ישראל. מיר אַלע ווייסן אָבער, וויפל מי ער האָט אַוועקגעגעבן פון דעם מאָמענט אָן, ווען ער האָט גענומען אויף זיך דעם אַמט, און וויפל דערגרייכונגען ער האָט געהאַט לטובת דער באַוועגונג אין די ווייניקע יאָרן, ווען ער האָט פאַרנומען דעם אַמט פון פאָרזיצער.

ער איז געווען אַ פריינד פון יעדן איינעם, וואָס האָט געאַרבעט אין זיין מחיצה. מען האָט געקענט מיט אים מסכים זיין, אָדער האָבן אַן אַנדערע מיינונג — מען האָט אָבער ניט געקענט אויף אים זיין אין כעס אָדער אַנטקעגנשטעלן זיך דאָס, וואָס ער האָט געטאָן, ווייל קיינער האָט ניט געקענט שטעלן אין ספק די ריינקייט פון זיינע כוונות, די אויפריכטיקייט פון זיינע מאָטיוון און די וואַרעמקייט פון זיין חברשאַפט.

דאָס עצם וויסן, אַז ער איז איינער פון אונדז, אַז ער האָט אָנגעהויבן זיין קאַריערע אין דער ציוניסטישער באַוועגונג, און נאָך דעם, ווי ער איז געווען אין משך פון יאָרן פרעמיער און אויסערן־מיניסטער פון מדינת ישראל, האָט ער פאַרענדיקט זיין לעבן און זיין קאַריערע אַלס מנהיג פון דער באַוועגונג — איז פאַר אונדז אַלע ניט בלויז אַ קוואַל פון שטאָלץ, נאָר אויך אַ באַווייז און באַשטעטיקונג פאַר דער גרויסקייט פון דער באַוועגונג.

יעדע באַוועגונג ווערט געמאָסטן לויטן ניווא פון אירע פירער. דער פאַקט, וואָס משה שרת איז אַוועק אַלס פירער פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, און אַז נאָך יאָרן פון מדינה־פירערשאַפט, האָט ער אָנערקענט די היסטאָרישע חשיבות און די גרויסע אויפגאַבן פון דער באַוועגונג און איר געווידמעט זיינע לעצטע יאָרן — איז אַ גרויסער קוואַל פון דערמו־טיקונג פאַר אונדז אַלע. זיין געשטאַלט איז אַ קוואַל פון אינספּיראַציע פאַר דער ציוניסטישער באַוועגונג און פאַרן דור, וואָס האָט אין אים פאַרלוירן איינעם פון זיינע פעיִקסטע, געבענטשטע און פרוכטבאַרסטע פירער.

ציוניסטישער אַקציאָנס־קאָמיטעט, ירושלים, 1966